This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

11

1971

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש־קינסטלערישער
כוידעש־זשורנאַל

ארגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקווע

11

נאָיאַבער

БИБЛИОТЕКА
Дома еврейской книги
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

1971

אינהאַלט

זײַט

יעכיעל פאַליקמאַן. דער אורטייל איז אויסגעפילט (ראָמאַן. פאָרזעצונג) 3

אווראָם גאָנטאר. פונעם בוך „זאנגען אף א שטײן" (לידער) 60

אלעקסאנדער ליזען. נויקע, מײַן דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער (דערציילונג). צייכענונגען פון ה. אינגער 63

כאָנע ווײַנערמאַן. דרײַ לירישע מאָטיוון (לידער) . 89

כאַים מעלאמוד. איקער שאָכאכטי (דערציילונג). צייכענונגען פון ג. קראַווצאָוו 90

מאָטל טאלאלאיעווסקי. אף א קאָל. — דאָס מיינט מען מיך און אנד. לידער 123

אלעקסאנדער גובניצקי. די באָבע נעסיע (דערציילונג). צייכענונגען פון ב. וואליט 126

איטשע באָרוכאָוויטש. צארטקײַט (לידער) . . 137

דאָס וואָרט פון אויסלענדישע פובליציסטן. קעגן דער אנטיסאָוועטישער וואקכאנאליע. ס. ד. לעווין (ניו־יאָרק). איך בין פעסט אין מײַן גלויבן אין סאָציאַליזם; אלפרעד גראנט (פאריזש). דער אָרקעסטער און זײַנע אינסטרומענטן 141

זיי אליין זאָגן עס... טרויעריקער מאטעריעלער מאצעוו פון פיל ייִדן אין אמעריקע 143

מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונדזערע לייענער. ו. שפיטאלניק. זיי פארסאמען די צווישנפעלקערלעכע אטמאָספער 144

זיי אליין זאָגן עס... צוויי מאָל צוויי איז אלעמאָל פיר . . 146

זיכרוינעס. מ. שאך־אנין. אף מײַן לעבנס־וועג . . . 147

ליטעראטור־קריטיק. ביבליִאָגראפיע. פראגן פון קונסט

צו דעם 150־טן געבורטסטאָג פון פ. מ. דאָסטאָיעווסקי. הערש רעמעניק. דאָסטאָיעווסקי און דער גיסטער . 151

מיר דערמאָנען זייערע נעמען. ז. קאהאן. צאַדעק דאָלגאָפאָלסקי; ש. ווייצנפעלד. מיכל לעוויטאן . . . 158

ארן ווערגעליס. נאָטיצן אָן א סיידער 162

אונדזערע מיטיילונגען. יִסראָעל קאָוועלמאן. א העברעיִשע גראמאטיק אין לאָמאָנאָסאָווס ביבליִאָטעק . 171

קאָמענטארן פון רעדאקציע 173

פארשיידנס 176

כראָניק 175, 178, 189

ביבליִאָגראפיע. א. פינקעלשטיין. ווערק אין „סאָוועטיש היימלאנד" פארן פעריִאָד יול־אווגוסט 1961 — יול 1971 179

נאָטיצן אפן קאלענדאר 190

מוישע שאפיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפראך . 191

הויפט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פאראנטוו. סעקרעטאר),

ב. מילער, י. פאליקמאן,

ס. פריַ, י. ראבין, ר. רובין.

יעכיעל פאַליקמאַן

דער אורטייל איז אויסגעפּילט

ראָמאַן

4 ווען ס׳האָבן גענומען ארויסשווימען פון הינטערן האָריזאָנט די דײַטשישע אעראָפּלאַנען און דאַניעל האָט אופגעהערט ציילן די דרײַלינגס, די נײַנטלעך, פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייען עסקאַדריליעס נאָך עסקאַדריליעס, אַז ער האָט נאָך אַזאַ אַרמאַדע אינדערלופטן קיינמאָל ניט געזען, — אפן סטעפּ, ווי ברייט ער איז, אף די בערגלעך און טאָלן, אפן טרוקענעם ווילדגראָז, אף די גרויע פליכעס זאַלץ־באָדן איז אַלץ נעענטער און נעענטער געפאַלן אַ שאָטן, ווי די נאַכט זאָל זיך אָנרוקן, און אַ הודען האָט דורכגענומען די ערד, זי האָט אָנגעהויבן און שוין ניט אופגעהערט ציטערן, — אין אָט אָ־יענע רעגעס צי מינוטן, מיסטאמע רעגעס, — דער מויעך איז ניט אימשטאַנד געווען פיקסירן די צײַט, עס האָט זי פיקסירט סײַדן דאָס האַרץ אַליין מיט די טויבע קלעפּ זײַנע, — האָט דאַניעל, אַ פאַרגליווערטער, אַ דערדריקטער, דאָס ערשטע אַ טראַכט געטאָן וועגן די דרײַ לאַסטמאַשינעס, וואָס שטייען ניט פאַרמאַסקירט: איינע, מיט דער ראַציע — לעבן אים, די צוויי אַנדערע, אויסגעלאָדענע אף האַלב צי אף אַ דריטל — אַ ביסל ווײַטער, און ווײַסע זעק זײַנען אַרום זיי פאַנאַנדערגעוואָרפן. „אויס, באַלד וועט דאָס אַלץ צעשמעטערט ווערן, נעמען ברענען...״ ער האָט אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן טשאַרנען, וואָס האָט אף האַלב אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ אהין, פונוואַנען די אעראָפּלאַנען זײַנען געפלויגן, אַזוי אַז ער האָט געזען איר פּראָפיל, אַ דינעם, אָן אָנגעשטרענגטן, באַמערקט די בלאַסקײַט פון איר פּאָנעם, דעם פאַרגליווערטן גלאַנץ פון די אויגן, און באַנומען, ווי נאַריש ס׳איז איר קומען אַהער, צו אים, קעדיי זאָגן די צעלאָכעסדיקע, אַרויסרופעריש־פאַרדריסלעכע ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט. נאָר איינצײַטיק — אַזוינס האָט ער אויך דערשפּירט ערגעץ טיף — איז אים טײַער געוואָרן דאָס, וואָס זי איז געקומען, און אַ שאָד געווען, אַ גרויסער שאָד, וואָס אָט באַלד וועט ער זי אויך פאַרלירן, עפּשער גאָר אָן אומפאַרשטענדלעכע, דאָס גאַנצע לעבן אָן אומפאַרשטענדלעכע...

מיטאַמאָל האָט דאָרט, וווּ סטאַלינגראַד איז, אויסגעפלעקט זיך מיט ווײַסע און שוואַרצע רויכלעך דער הימל, — דאָס האָבן געעפנט אַ פײַער די זעניט־באַטאַרייעס. נאָך און נאָך קופּקעלעך רויך זײַנען אופגעקומען אַלץ אין ווײַטערע עקן, ווי אויך אף יענער זײַט וואָלגע, און צו דאַניעלן איז ערשט דאָ דערגאַנגען, אַז דאָס מיינט מען ניט אים, ניט די, וואָס געפינען זיך מיט אים אין סטעפּ, ניט די בערגלעך, איבער וועלכע ס׳האָבן מיט אַ פּאָר מינוט צוריק אופגעלויכטן צוויי רויטע ראַקעטעס, — דער סיגנאַל, אַז טאַנקען גייען אף קונגוראָווס באַטאַליאָן, וואָס איז אַהין צוגעקומען, — מע מיינט די שטאָט, די גאַנצע ראַכוועס, אף וועלכער זי האָט זיך אויסגעשפּרייט, אַלץ, וואָס עס אָטעמט דאָרט; מע מיינט די וואָלגע, אַלץ, וואָס עס באַוועגט זיך אף איר ברייטער פלאַך. און ווי ער האָט דאָס אַ קלער געטאָן, איז ווידער אַנטשטאַנען פאַר אים און האָט באַקומען נאָך אַ גרעסערן באַטײַט דאָס, וואָס ער האָט זיך געקליבן טאָן ביז די

פאַרזעצונג. אָנהייב — „סאָוועטיש היימלאַנד״ נום. 10 ד. י.

אעראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן, — מע האָט דאָס געדאַרפט אויספּילן אַמשנעלסטן, אָן דער מינדסטער וואַקלעניש.

וואָס האָט ער זיך געקליבן טאָן? אַריבערוואַרפן אַ ראַטע קיין רינאַק, צום פּאַראַם. צוליב דעם געהייסן אויסלאָדן די מעל. מע מעג זי ניט אויסלאָדן. די מאַשינעס דאַרפן גלײַך פֿאָרן צום דובאָווקער וועג נאָך רויטאַרמייער, און פֿון די זעק קאָן מען זיך באַפֿרײַען אויך אין וועג. וואָס נאָך? אָפּשיקן טשאַרנען. זי האָט שוין געהערט, אַז זי דאַרף אַוועקגיין קיין רינאַק. אָבער — אַליין? צי איז עס רעכט — אַליין? און וואָס דאַרפן די פיר אויספּשפּירער פֿאָרן צום דובאָווקער וועג, דערנאָך צוריק? זאָלן זיי שוין אַוועק קיין רינאַק, מיט טשאַרנען. וואָס נאָך? אַרויסרופן דורך ראַדיאָ קונגוראָוון... ניין, ניטאָ וואָס צו רופן מער, מע דאַרף פֿאָרן צו אים!

בייסן שמועס דורך ראַדיאָ מיטן קאָמדיוו, מיט לעמעכאָוון, עטלעכע מינוט פֿאַר דעם, ווי ס'איז געקומען דער סיגנאַל, אַז דײַטשישע טאַנקען גייען צו די אָרלאָווקער בערגלעך, און די שוואַרצע אַרמאַדע האָט פֿאַרדעקט דעם הימל, האָט דאַניעל זיך דערוווּסט שלעכטע נײַס: די דיוויזיע איז צעהאַקט, די צווײ פּאָלקן, וואָס האָבן געצײַלט אַהער, בלײַבן אָף יענער זײַט פֿונעם דײַטשישן דורכרײַס צו דער וואָלגע, קעדיי פֿאַרצוימען דעם וועג אָף צאָפֿן און קאָנטער־אַטאַקירן דעם סוינע. ווישעסלאַווסקי און די, וואָס זײַנען מיט אים געפֿאָרן אין שטאַב פֿון פֿראָנט, האָבן אַ באַפֿעל — אומקערן זיך אין דער דיוויזיע, מע וועט פּרוּוון דורכשפּרינגען באַם סאַמע ברעג פֿון טײַך, ווו אייניקע אונדזערע טיילן האַלטן זיך נאָך, און ער, דאַניעל, שאַפֿט אָף דער צווייטער זײַט פֿונעם דײַטשישן קלין אַ באַזונדערע גרופּע, וווּהין עס ווערן אײַנגעשלאָסן קונגוראָווס פּאָלק, דער אַרטילערישער דיוויזיאָן, מיט וועלכן דער פּאָלק איז צוגאָבלעך קאָמפּלעקטירט געוואָרן (ווייניקער פֿון אַ דיוויזיאָן, ווײַל איין באַטאַריי איז אַוועק אונטערהאַלטן אָסיפּאַנען), און די רעשטן פֿון צעשפּליטערטע טיילן, וואָס וועלן אַהער צוריקטרעטן. נאָך וועגן איינס האָט געוואָרנט לעמעכאָוו: קונגוראָוו, מיט וועמען ער האָט געשמועסט דורך ראַדיאָ מיט אַ פּאָר מינוט פֿריִער, איידער מיט דאַניִעלן, און געמאָלדן אים וועגן דער געשאַפֿענער גרופּע, האָט פֿאַרגעלייגט און באַקומען דעם קאָמדיווס האַסקאָמע — ניט שטעלן דעם גאַנצן פּאָלק באַ די אָרלאָווקער בערגלעך, ווי ער, דאַניִעל, האָט באַפֿוילן, ניט וויסנדיק נאָך וועגן דעם דורכרײַס צו אַקאַטאָווקע, נאָר איבערלאָזן דאָרט בלויז איין באַטאַליאָן, דעם, וואָס וועט צוקומען אַהין דער ערשטער, און די איבעריקע צווײ פֿאַרקערעווען אין דער ריכטונג פֿון אָרלאָווקע — רינאַק, קעדיי פֿונדאַנען, פֿון דער זײַט, ווו די שטאָט איז, בלאָקירן דעם דײַטשישן קלין. איצט אָבער האָט דער דאָזיקער פֿאַרטראַכט, כאָטש ער איז טיילווײַז צונויפֿגעפֿאַלן מיט דעם, וואָס אויך ער, דאַניִעל, האָט ערשט ניט לאַנג זיך געקליבן טאָן, געמוזט געענדערט ווערן, און דעריקער מאַכמעס דעם טאַקע האָט מען געדאַרפֿט אײַלן צום אָרלאָווקער קרייצוועג. דעם באַטאַליאָן, וואָס טרעט גלײַך פֿון מאַרש אַרײַן אין שלאַכט קעגן די טאַנקען, מוז אונטערשטיצן אַ צווייטער עשעלאָן, און זײַן דאַרף דאָס איינער פֿון די באַטאַליאָנען, וואָס קונגוראָוו האָט פֿאַרקערעוועט צו דער וואָלגע. קונגוראָוו קאָן נעמען קווענקלען — ענדערן דאָס, וואָס ער האָט אַליין פֿאַרגעלייגט, אָדער ניט. און אויב ער האָט זיך שוין אַפֿילע געכאַפּט און געגעבן די נייטיקע קאָמאַנדע, דאַרף מען אַלצייַנס זײַן דאָרט, באַ אָרלאָווקע...

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן, ווי אַ וויכער, זיך דורכגעטראָגן באַ דאַניִעלן אין קאָפּ באַנאַנד מיט נאָך איינעם, גאָר אַ באַזונדערן, אָף וועלכן ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן פֿיל ווייניקער, איידער אָף אַלע אַנדערע: מע דאַרף זיך ניט שפּילן מיט דער סאַקאָנע, מע דאַרף זיך אויסציִען אָף דער ערד אָדער כאָטש צובייגן זיך. נאָר אויב ער האָט איינעם ערשטן מאָמענט, ווי נאָר די אעראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן, דאָס ניט געטאָן, — גיכער פֿון אַלץ איבער דעם, וואָס טשאַרנע איז געשטאַנען באַנאַנד, און ווײַל עס האָט זיך העפֿקערדיק אַ קלער געטאָן, אַז די דײַטשן וועלן דורכפֿליִען אין אַ זײַט, — איז אין אַ ווײַלע־צווײ אַרום, ווען די אעראָפּלאַנען האָבן פֿאַרפֿולט דעם גאַנצן הימל־ראַנד, האָט ער שוין ניט געקאָנט טראַכטן וועגן זיך, ניט ווײַל באַ אים האָט קיין וואָרט ניט געהאַט דאָס וועלן ראַטעווען זיך — ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט פֿאַר דעם, ניט געקאָנט, ניט געטאָרט בלײַבן ליגן, ווען עס האָט זיך פֿון אים געפֿאָדערט טאַט. געווען איז דאָס דאָזיקע געפֿיל עפּשער אַן אונטערבאַוווּסטזיניקער, נאָר עס האָט געלעבט אין אים אַלעמאָל בייס אַ געפֿאַר, און אַפֿילע פֿאַרשטאַרקט זיך פֿון שלאַכט צו שלאַכט. מיט אַ מאָדנער קאַלטבלוטיקײַט, אַ מאָדנעם גלײַכגילט האָט דאַניִעל אָפּגעמערקט, אַז פֿון ביידע מאַשינעס, געלאָדענע מיט מעל, איז מען זיך פֿאַנאַנדערגעלאָפֿן, מע ליגט צעפּלאַסטערטע איינעם געלן, שיטערן גראָז, אייניקע האָבן באַוויזן אַרײַנשפּרינגען אין די גרייטע שוטצגריבער, נאָר אָף זײַן „זיס" זײַנען די ראַדיסטן, צונויפֿגעקאָרטשעטע, געבליבן אין קוזאָוו, און דער שאָפֿער איז ניט אַרויס פֿון דער קאַבינע — בלויז אופֿגעפּראַלט דאָס טירל אין דער זײַט, פֿונוואַנען די אעראָפּלאַנען פֿליִען, אַרויסגעשטעלט איין פֿוס אָפֿן טרעפּל, גרייט אַראָפּשפּרינגען, און שפּרינגט ניט — אַלץ דער־

פאַר, ווײַל ער, דער קאָמאַנדיר, האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, ער און טשאַרנע — זי האָט אויך ווי ניט אופגענומען די געפאַר, קיין אכט אף איר ניט געלייגט.

די ערראָפּלאַנען האָבן געהאַלטן אין איין פליִען און פליִען, העכער, נידעריקער, מיט א קלינגעוודיקן הילך, מיט א פאַרצויגענעם פײַף, מיט א טויבן זשום — שטורמאָוויקעס, פאַרניכטלער, באָמבאַרדירער, פון נײַע און פאַרעלטערטע קאָנסטרוקציעס. ער האָט זיי דערקענט, דאַניִעל, לויט די פּראָפּילן, וועלכע ער האָט געזען אי פריִער אפן פראָנט, אי נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק אף די קורסן אין סווערדלאָווסק. די סאַמע פאָדערשטע עסקאַדריליעס האָבן שוין געבראָכן דעם סטרוי זייערן — צי ווײַל מע איז געווען באַם ציל, צי ווײַל אונדזערע האָבן זיי באַגעגנט אינדערלופטן, צי ווײַל די שיסערײַ פונונטן האָט זיך פאַרשטאַרקט, — מיסטאָמע אַלץ צוזאַמען, נאָר באַם נאָענטן האָריזאָנט — א נאָענטן, ווײַל דער בּרעג איז א הויכער, אָן אָנגעשפיגעוועטער מיט געבײַען, — האָבן דאָ און דאָרט אָן אופהער פּיקירט צו צוויי־דרײַ און טשאַטעסווײַז עראָפּלאַנען, בליצן זײַנען געפאַלן פון הימל אף דער ערד, געריסן זיך פון דער ערד צום הימל, און רויכן, אַלץ מער קנויליקע, אַלץ העכערע און גרעסערע, האָבן די בליצן פאַרשלונגען...

דאַניִעל האָט א ווײַז געטאָן טשאַרנען מיט דער האַנט, זי זאָל זיך זעצן אפן טרעפּל לעבן שאָפער, — פאָרט א ביסל זיכערער, — און איז, ניט גאָר פאַרשנעלערנדיק די טריט, עטוואָס אײַנגעהאָרבעט די פּלייצע, אוועק צו די צוויי לאַסטמאַשינעס, וואָס זײַנען געשטאַנען נעענטער צום וועג. איבערן קאָפּ האָט פונקט אָנגעהויבן זיך א לופט־שלאַכט — א פינפטל אונדזערע „טשײַקעס" האָט, גלאַנצנדיק מיט די זילבערדיקע זײַטן און מיט די פײַן־אויסגעשניצטע פליגלען קעגן דער זון, וואָס האָט, א פאַרויכערטע, געטוקט זיך שוין ניט גאָר הויך אין הימל, גענומען דרייען זיך אָפּ און אוף אַרום עטלעכע „מעסערשמידטן", וועלכע וואָלטן קאָנען מאַכן פּלייטע — זייער שנעלקײַט איז א גרעסערע, נאָר, ערשטנס, זײַנען די „טשײַקעס" מער באַוועגלעך, מע קאָן זיך פון זיי אזוי פּראָסט ניט אויסדרייען, און, צווייטנס, האָבן די דײַטשישע פאַרניכטלער געמוזט שיצן אָן אָנדערהאַלבן צענדליק באָמבאַרדירער, וואָס זײַנען, האַלטנדיק זיך נידעריק באַ דער ערד, נאָרוואָס ארויס פון פּיקע — באַפרײַט זיך פון די באָמבעס, אָבער קיין גאָר גרויסע שנעלקײַט אַנטוויקלען ניט געקאָנט. קוילן זײַנען געפאַלן אף דער ערד, צוזאַמען מיטן פאַרהילכנדיקן, אָנגעשטרענגטן זשום פון מאָטאָרן, נאָר דאַניִעל האָט עפּעס באַשלאָסן, אז דאָס פאַלן אונדזערע קוילן, — אונדזערע האָבן אים ווי ניט געאַרט, — און ער איז געגאַנגען ווײַטער מיט א פאַרלײַכטערונג אין האַרצן, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיך, ווען איינער פון די „מעסערשמידטן" האָט, שלעפּנדיק נאָך זיך א רויך, גענומען פאַלן אין סטעפּ.

דערזען, אז דאַניִעל קומט צו מיט ענערגישע טריט, האָט איינער פון די אויסשפּירער, א יינגערער סערזשאַנט, זיך אונטערגעהויבן פון הינטער א קוסט. אף זײַן יינגלש־קײַלעכיקן פּאָנעם, מיט גאָר א קורנאָסער נאָז און פולע ליפּן, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט ניט אזוי שרעק, ווי פאַרלוירנקײַט, בושע. פינטלענדיק מיט די ליכטיקע, עטוואָס פאַרזשמורעטע אויגן, פולע מיט גרייטקײַט צו פאָלגן, וואָס מע וועט באַפוילן טאָן, האָט ער געוואַרט אָן אויסגעצויגענער, באַמיִענדיק זיך בלויז מיט דער לינקער האַנט אומבאַמערקט אָפּטרייסלען דאָס טרוקענע גראָז און די הרודקעלעך ליים, וואָס זײַנען צוגעשטאַנען צו דער שמאָלער גאַליפּע. דאַניִעל האָט געפרעגט, ווי זײַן פאַמיליע איז. — סקאָריוקין? — האָט ער אים באַפוילן, דעם דאָזיקן סקאָריוקינען, שוין אַלס אָן עלטסטן, ווען ער מערקט אָן, ניט פאַרלירנדיק קיין איבעריקע רעגע, אופהייבן די אַנדערע דרײַ אויסשפּירער, מיטנעמען די פּרוי אין מיליטערישן, וואָס זיצט אָן־אָ אפן טרעפּל פון דער מאַשין, און אוועקלאָזן זיך קיין רינאָק, דאָרט באַקוקן אַלץ, אינעם יישעוו און אַרום אים. דער פּרוי, געווײנלעך, העלפן זעצן זיך אפן אײַזנבאַן־פּאַראָם, זי דאַרף אַריבער אף יענער זײַט וואָלגע, און אַליין מיט די כאַוויירים — וואַרטן. — ווו? — דאַניִעל האָט א טראַכט געטאָן. — אין שול. אויב עס זײַנען דאָ צוויי שולן, איז אין דער, וואָס געפינט זיך נעענטער צום פּאַראָם. וואַרטן דאַרף מען — קלאָר אף ווען — אף דער פּעכאָטע. מער האָט ער גאָרנישט ניט דערקלערט, מיט א שאָקל פון קאָפּ געהייסן סקאָריוקינען אויספּילן, וואָס עס איז פאַראָרדנט, און איז אוועק ווײַטער, ניט אומקוקנדיק זיך ניט אף דעם יינגערן סערזשאַנט, ניט אף די, ווען יענער האָט שנעל צונויפגערופן, ניט אף טשאַרנען, צו וועלכער די פיר אויסשפּירער האָבן זיך געלאָזט גיין.

ווידער דערמאָנט זיך אין טשאַרנען האָט דאַניעל בלויז נאָך דעם, ווי ער האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער מיט פּאַטיוטשענקאָ און זעמליאַניצינען, וואָס זײַנען א ביסל פאַרלוירענע אים ארויס אַנטקעגן פון ניט קיין טיפער טראַנשיי. ער האָט געהייסן ניט אויסלאָדן מער די מעל און פאָרן נאָך דער פּעכאָטע — טאָן דאָס, וואָס עס איז פריִער באַפוילן געוואָרן צו טאָן. אָט דעמלט, ווי נאָר פּאַטיוטשענקאָ האָט זיך געזעצט אין קאַבינע פון דער

נעענטערער מאַשין, און זעמליאַניצין האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער ווײַטערער, האָט זעליק שאָולער זיך א דריי געטאָן לעבן דאַניִעלן, ארויסגעגליטשט זיך, ווי א שלײַען, פון הינטער זײַן פלייצע, און ניט געזאָגט — ארויסגעאָטעמט:

— ס׳איז פאַר איר זיכערער, האַ? זיכערער?

דאַניִעל האָט ניט באַוויזן און ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, בלויז א פּיר געטאָן מיט די אַקסל, נאָר שאָולער האָט שוין עפּשער אויך דאָס ניט באַמערקט, ער האָט געמוזט אײַלן צו זעמליאַניצינען און, אַוועקלויפנדיק, אויסגעשריִען:

— א דאַנק, כ׳האָב געוווּסט, אַז איר וועט דאָס טאָן!

אָט דעמלט האָט דאַניִעל זיך אומגעקוקט אָף טשאַרנען, דערזען, אַז זי גייט אַוועק אין סטעפּ, צו דער וואָלגע, די צווייטע אינעם צוואָרפּענעם קייטעלע, וואָס די אויסשפּירער האָבן געשאַפן, נאָר אומגעקוקט האָט ער זיך, אייגנטלעך, קעדיי מיט א מאַך פון דער האַנט באַווײַזן דעם שאָפער פון זײַן „זיס״, ער זאָל צוקויקלען אַהער די מאַשין.

5

די לאַסטמאַשינעס זײַנען געפאָרן שנעל, אײַנהיטנדיק א היפּשן אינטערוואַל צווישן זיך. דורכן געלן שטויב, וואָס די פאָדערשטע צוויי „זיסן״ מיט די צוגעטשעפּעטע קאַ־זאַוווּס האָבן געהויבן אָפן וועג, האָט דאַניִעל געזען, אַז אין הימל ווערט ניט ווייניקער אַעראָפּ־לאַנען, און א בייזער געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן: דעם סוינעס פּילאָטן טשעפּען ניט די דרײַ מאַשינעס, ווײַל זיי ווייסן ניט, וועמעס טראַנספּאָרט דאָס איז, — פאַרכאַפּטע „זיסן״ האָבן די דײַטשן אויך געלאָזט אין גאַנג. און די דאָזיקע טראָגן זיך נאָך דערצו אָף מײַרעוו. געווען איז אין דעם דאָזיקן געדאַנק אויך א טראַפּעלע ביטערע איראָניע, און כאָטש דאַניִעל האָט קלאָר ניט באַנומען, צו וואָס זי האָט א שײַכעס, האָט ער דערפילט איינס — מער זיכערקײַט.

דורכן רויש פונעם מאָטאָר און דעם אומופהערלעכן הילך פון אַעראָפּלאַנען האָט ער ניט געקאָנט אויפכאַפּן, צי עס דערטראָגט זיך א שיסערײַ פון דאָרטן, פונוואַנען דער באַטאַליאָן, וואָס איז דער ערשטער פון קונגוראַוווס פּאָלק אָקאָרשט געקומען, האָט סיגנאַליזירט, אַז עס גייען אָף אים טאַנקען. דאַניִעל האָט זיך אײַנגעקוקט אינעם ברייטן גלאָז פון דער קאַבינע, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן — רויכן האָבן אַזוי ווי געהויבן זיך איבער די בערגלעך, נאָר ווער ווייסט — פון וואָס?

קוקן האָט מען געמוזט אויך אין די זײַטן: ערטערווײַז — באַם סאַמע וועג, און ערטער־ווײַז — א ביסל ווײַטער האָבן זיך געשלענגלט באַלקעס, טיפערע, פּליטקערע, און אין זיי האָט, לויט ווי דער סייכל איז מיסכײַעוו געווען, געדאַרפט באַווײַזן זיך דאָס מיליטער, וואָס איז פאַרקערעוועט געוואָרן אין דער דאָזיקער ריכטונג, — איבערן וועג וועט מען ניט גיין.

מיטאַמאָל האָט פאַר דאַניִעלן זיך אויסגעמאָלט אין געדאַנק נאָך איין זאַך — ער האָט שוין עטלעכע מאָל פאַרטראַכט זיך וועגן דעם, און איצט דורכגעטראַכט עס ביזן סאָף. קונגוראַוווס פּאָלק האָט געמיטן די דײַטשישע קאָלאָנע, וואָס האָט זיך דורכגעריסן צו אַקאַטאָווקע, ווי א שפּול מײַדט די פּעדעם, וואָס ציִען זיך קווער איר גאַנג, און אָף אָסיפּיאַנס מינענוואַרפלער און אָף די זעניטלער, וואָס זײַנען אויסגעקומען אַנטקעגן פאַראָם און א ביסל אויך אַנטקעגן טראַק־טאָר־זאַוואָד, האָט זיך אָנגעשטויסן דעם סוינעס א מעכאַניזירטע קאָלאָנע. גייען, הייסט עס, די פאַשיסטן מיט צוויי קאָלאָנעס. עפּשער זײַנען דאָרעם־צו פאַראַן נאָך קאָלאָנעס, נאָר דאָ, אָף צאָפן, האָבן זיך אָנגעמערקט צוויי: איינע שטרעבט ארויסגיין צו דער וואָלגע אין א פאַרוואָרפן דאָרפיש אָרט, ווײַל ווי נאָר עס וועט פאַרכאַפּט ווערן כאָטשבי א שטיקל ברעג, וועלן דער טײַך און די שטאָט אַלציינס שוין זײַן אָפגעשניטענע פון די גרעסטע צענטערס פון לאַנד; און די צווייטע קאָלאָנע, אָט די, וואָס אָסיפּיאַנס באַטאַליאָן און די זעניטלער האָבן איר פאַרצוימט דעם וועג און איצט האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן איר קונגוראַוווס א באַטאַליאָן, האָט דעם ציל אַרײַנרײַסן זיך אין דער שטאָט גופע. צי עס ווײַזט נאָך עמעצער ארויס א ווידערשטאַנד אין סטעפּ, פאַרן פראָנט פון קונגוראַוווס צוגעקומענעם באַטאַליאָן, צי ניט, איז שוין ניט אַזוי וויכ־טיק, — אויב עס האָבן דאָרט אַפילע דורכגעריסן זיך ניט קיין סאַך דײַטשישע טאַנקען, וועלן אַהער געוואָרפן ווערן נאָך און נאָך, אַלץ, וואָס דער סוינע וועט קאָנען וואַרפן, ווײַל ס׳איז אָן סאָפעק זײַן הויפּט־ריכטונג. דאָ איז דער שפּיץ פון יענער פײַל, וואָס צילט אין האַרצן.

דער געדאַנק איז א לאָף געטאָן אויך ווײַטער: צי קאָנען די דײַטשן ניט פאַרקערעווען צו דער שטאָט פון אַרום אַקאַטאָווקע, לענגויס דעם ברעג, אויב עס זאָל זיי דאָרט געלינגען גיך אָפּפאַרטיקן זיך מיט די זעניטלער? זיי קאָנען דאָס טאָן, און דאָך איז עס ווייניק וואַרשײַנ־לעך, — באַם פאַראָם, און ביכלאַל אין די גרענעצן פון דער שטאָט, מוזן דאָך זיך געפינען

וועלכע־ניט־איז אונדזערע טיילן, און די וואָלגער פלאָטיליע איז שוין אוודע אויך גרייט ארײַנטרעטן אין שלאכט.

„וואָס זשע גייט עס מיר אזוי אין לעבן — אריבערוואַרפן די צוויי־דרײַ מאשינעס מיט סאָלדאטן קיין רינאָק?" — האָט דאניִעל זיך אליין געפרעגט, און אליין געענטפערט זיך: „מע דארף. יעדערער דארף טאָן אלץ, וואָס ער קאָן".

די פּאָדערשטע מאשין — זעמליאניצינס — האָט פארקערעוועט אין סטעפּ ארײַן און שטיין געבליבן. דאניִעל האָט אפילע ניט באמערקט, ווען זי האָט פארקערעוועט, דערזען בלויז, אז דער שטויב, וועלכן זי האָט די גאנצע צײַט איבערגעלאָזט הינטער זיך, איז אוועקגעשווומען אין איין זײַט פון וועג, און די מאשין האָט, אפן געלבלעכן פּאָן פון סטעפּ, ארויסגעטויכט אין א צווייטער זײַט. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויך פּאטיוטשענקאָס מאשין — עטוואָס לינקער פון זעמליאניצינס, האָט דאניִעל געהייסן זײַן שאָפער פארקערעווען אף רעכטס.

דער מאָטאָר איז נאָך ניט אויסגעשלאָסן געווען, און דאניִעל האָט זיך שוין א שטעל געטאָן אפן טרעפּל פון דער קאבינע. ער האָט דערזען, אז זעמליאניצין לויפט צו א נאָענטן שמאָלן טאָל, א באוואקסענעם מיט קאמיש, אויסגעברענטן פון דער זון. אינעם קאמיש איז געשטאנען א גרופּע שלאכטלײַט, א מענטשן צען, און נאָך איין גרופּע האָט ארויסגעקליבן זיך פון דער באלקע, איבער וועלכער ס'איז פּאָרויס אפן וועג איבערגעוואָרפן געווען א בריקל. מע גייט צו דער וואָלגע, דורכן קאמיש וויל מען זיך דערקלײַבן צו א ווײַטערער באלקע, מיט שטיילע ליימיקע שיפּועים, וואָס די מאשינעס זײַנען זי ערשט־אָ פארבײַגעפאָרן.

דאניִעל איז זיכער געוואָרן, אז ס'איז א פּאָדערשטע אָדער א זײַטיקע זאסטאווע פון די טיילן, אף וועלכע ער האָט ארויסגעקוקט, און בלויז זײַן שטענדיקע געצוימטקייט האָט אים אָפּגעהאלטן פון אויסרופן צום שאָפער: „אָן עק, אונדזערע!" ער האָט געהייסן צופאָרן נעענטער צום קאמיש, און טאקע באלד, אין א ווײַלע ארום, גענומען סאָפּען: די, אין טאָל, זײַנען ניט ענלעך געווען אף סאָלדאטן, וואָס געפינען זיך אין א שלאכט־מארש. עפּעס האָט זיי געפעלט, און דאָס גענויטע אויג דאניִעלס האָט שוין אופגעכאפּט — וואָס: רוקזעק, סקאטקעס. זאָל זײַן, מע האָט דאָס אלץ איבערגעלאָזט אף א פורל, וואָס פאָרט פון הינטן? ווען דאניִעל איז אראָפּ אף דער ערד און געהייסן אוועקשטעלן די מאשין אונטער א קרומען יאסען, ניט ווײַט פונעם קאמיש, האָט ער שוין גוט געזען: אויסגעמוטשעטע פּענעמער, באדעקטע מיט שטויב, מיט ריטשקעלעך שוויס. צעכראסטעטע, צעריסענע גימנאסטיאָרקעס. בא אייניקע פון די סאָלדאטן זײַנען די רימענס, פרײַ צונויפגעשפּיליעטע, אָנגעטאָן איבער די אקסל — עס זאָל לײַכטער זײַן צו אָטעמען. נאָר אלע האָבן געווער — ביקסן, אויטאָמאטן.

מע האָט עפּעס אופגערעגט גערעדט צו זעמליאניצינען, וועלכער איז צוגעקומען אהער מיט א מינוט פריער. דערזען א פּאָדפּאָלקאָווניק, איז מען אנשוויגן געוואָרן — געקוקט כמורנע, ווארטנדיק. זעמליאניצין האָט זיך אויסגעקערעוועט צו דאניִעלן א רויטער, א צעערגערטער:

— אָט, מע לויפט...

— מע לויפט?! — איינער פון די רויטארמייער, א ביינערדיקער, א צאפּלענדיקער אינ־גאנצן, ווי אָן אָנגעגאָסענער מיט ווייטעק, האָט בייז א בלישטשע געטאָן מיט די שווארצע, א ביסל קאסאָקע אויגן פון אונטער דער קאסקע, וואָס ער האָט דער איינציקער געטראָגן אפן קאָפּ, העכער א הייב געגעבן די ביקס, אזוי אז די רער זאָל קוקן אין הימל, און אָנגעקוועטשט אפן צינגל — עס האָט זיך דערהערט א שטילער קליאמצע, נאָר קיין שאָס איז ניט געקומען. — מיר לויפן?! — האָט דער רויטארמייער צאָרנדיק־שטיל איבערגעפרעגט, — אזא־אָ זאלפּ קאָנען מיר איצט אלע געבן: פינף קוילן אף זיבעצן מענטשן!

— נו, שווײַג שוין, סומוזוויטער, שווײַג! — האָט זיך אָפּגערופן א באיאָרטער סטארשינא צי א געהילף פון פּאָליטרוק. אף די פּעטליצעס זײַנען אָנגענייט געווען צו פיר רויטע קאָרטענע דרײַעקעלעך, ניט געקראָגן אף דער פּאָדערשטער ליניע קיין מעטאלענע. א ברייטער אויסשיט פון קורצע שווארצע האָר אף דער אייבערשטער ליפּ האָט אָנגעוויזן דערויף, אז ער פארלאָזט זיך וואָנצעס. גיכער פון אלץ איז אזאמינער ניט לאנג אפן פראָנט. עפּעס האָט זיך אין זײַן ניט הויכער, געזעצטער פיגור פארהיט פון ציווילער ניט זשוואָוועדיקײַט, און פון די אויגן האָט ארויסגעקוקט יענער טרויער, וואָס פארשווינדט בלויז, ווען מע ווערט געפּרווט אין א סאך שלאכטן. דאָס פּאָנעם, אף וועלכן די הויט איז אָפּגעצויגן געווען (מיסטאמע נאָך גאָר ניט לאנג — א פּולס), האָט אויסגעדריקט שטרענגע, נאָר באזיניקטע גרייטקײַט, ווי ער זאָל זאָגן: „איך ווייס ניט, אין וואָס די שולד באשטייט, נאָר אויב מע דארף א שולדיקן — איז זאָל דאָס זײַן איך". ער האָט געמאכט א טראָט און געשטעלט זיך פאר סומוזוויטערן, דעם קאסאָקן, דער־בײַ באמיט זיך פארבאהאלטן הינטערן רוקן די לינקע האנט, אף וועלכער דער ארבל איז צע־ריסן געווען און א קויטיקער באנדאזש האָט זיך ארויסגעזען אפן עלנבויגן.

— מינענוואָרפלער? — האָט געפרעגט דאַניעל.

— פעכאַטינער, די פינפטע ראָטע פון... — דער, מיט די דרײַעקעלעך, האָט אָנגערופן די נומערן פון א פרעמדן פאָלק און א פרעמדער דיוויזיע. און שטילער, מיט א טויבן ציטער אין קאָל, האָט ער צוגעגעבן: — אַלץ, וואָס ס'איז געבליבן... — און בלויז איצט א הייב געטאָן די רעכטע האַנט צום שלייף: — עס טיילט מיט דער געהילף פון פאָליטרוק סוראָוועצוו!

— און ווי קומט צו אײַך אָט־אָ יענער לייטענאַנט? — דאַניעל האָט א טײַט געטאָן מיטן פינגער אינעם אויסגעטאָפּטשעטן קאַמיש, ווו עס זײַנען אף פלאַשטש־פּאַלאַטקעס געלעגן צוויי פאַרוווּנדעטע. איינער, מיט באַנדאַזשירטע פיס, אין א צעשפּיליעטן קאַמבינעזאָן מיט א פוּר־טערנעם קאָלנער — א פּליער — האָט זיך אונטערגעהויבן אף אַן עלנבויגן און געקוקט אהער. באַם צווייטן זײַנען אַרומגעוויקלט געווען מיט מאַרליע די ברוסט ביזן האַלדז און א האַנט. ער איז געלעגן אף דער פּלייצע, דאָס בלאַסע פּאָנעם געווענדט צום הימל. א יוגנטלעך־דאַרער, א לאַנגער — פאַר די פיס אין קירזאָווע שטיוול האָט ניט קיין אָרט געקלעקט אף דער פלאַשטש־פּאַלאַטקע... דאַניעל האָט דערקענט באַלאַטאָוון — אָסיפּיאַנס נאָטשטשטאַב.

— ביידע זײַנען דאָרט לייטענאַנטן, — האָט מידלעך דערקלערט סוראָוועצוו, — דעם פּילאָט טראָגן מיר שוין א קילאָמעטער צוואַנציק, פון הינטער קוזמיטשי. באַלד נאָך דעם, ווי מיר האָבן עטלעכע אונדזערע אײַנגעאָרדנט אף א ציווילער מאַשין, האָט מען אים אַראָפּגע־קלאַפּט. ווו וועסטו אים אהינטאָן? און דעם צווייטן האָבן מיר געגומען אָט דאָ ניט ווײַט. א באָמבע האָט איבערגעקערט א סאַניטאַר־מאַשין, אים איינעם האָבן מיר אַרויסגעשלעפּט אַן אָטעמענדיקן.

— ער האָט עפּעס דערציילט?

— דערציילט. דער קאָמבאַט איז דערהאַרגעט, און אים — אָט אַזוי... טאַנקען — מע האָט אַנגעוואַלגערט זיך אף זײַן באַטאַליאָן, ווי אף אונדזער פאָלק. — סוראָוועצוו האָט קוים־קוים א פיר געטאָן די אויגן אַרוף — טריבע, אָנגעשפּיצטע — עס זײַנען ווידער געפלויגן אַראָפּ־לאָנען.

דאַניעל האָט אויך געהערט דעם אָנוואַקסנדיקן זשום — מע איז אַלץ געפלויגן אף סטאַלינ־גראַד, און ער האָט אין דער טיף געהאַפּט, געוואַלט, געמוזט האָפן, אַז באַלד וועט מען דורכ־פליען, מע וועט נישט טשעפּען ביט אים, ניט די מענטשן, וואָס געפינען זיך דאָ, ניט די מאַשי־נעס. ער האָט פיבערדיק געטראַכט — געוואָלט זיך אָפּוווענדן מיט דעם דאָזיקן געדאַנק פונעם הילך, פונעם פײַף, פונעם שטאָלענעם געקלאַנג, וואָס האָט ווי א מוירעדיקע שווערקײַט גע־דריקט אף אים פון אויבן, צוגעשמידט די פיס צו דער ערד — צי דאַרף ער פאַנאַנדערפרעגן באַלאַטאָוון, אויב דער לייטענאַנט איז באַם באַוווסטזײַן, ווי האָט עס געהאַלטן מיטן באַטאַליאָן, בייס ס'האָט אים פאַרוווּנדעט. נאָר וואָס האָט דאָס איצט געקאָנט האָבן פאַר א באַדײַטונג, און ווען איז דאָס געווען? ער האָט שוין, אייגנטלעך, געוווּסט, דאַניעל, וואָס ער וועט באַלד זאָגן, באַפוילן, ווי נאָר דער רויש וועט עטוואָס שטילער ווערן, און פלוצעם האָט זעמליאַניצין, — יאָ, דאָס איז געווען זעמליאַניצין, — אָנגעוואַלגערט זיך אף אים מיט זײַן פעסטן גוף (א פעסטן, ווי דעמב, — אַזאַ געפיל איז געבליבן), און צי סטאַם מיט עפּעס א זינלאָזן אויסגעשריי, צי מיט א זידלערײַ א שלעפּ געטאָן אים צו דער ערד. איבערן קאָפּ האָט זיך דורכגעטראָגן א שאָטן, נאָך איינער, און באַלד האָט זיך דערהערט א דריבנע טאַראַכקען און א טראַסק, ווי גלאָז זאָל פּלאַצן.

עמעצער האָט אויסגעשריגן, און עפּשער פאַרקערט — געזאָגט זייער שטיל לעבן דאַניעלן:

— אונטערגעצונדן!

דאַניעל האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, דערזען ליגן א שפּאַן פון זיך, גלײַך אַנטקעגן, סומוי־וויטערן. די קאַסאַקע אויגן, צוגעזשמורעטע, האָבן ווי אָפּגעשפּיגלט א פלאַם, דאָס לענגלעכע פּאָנעם מיט דער שפּיציקער נאָז האָט זיך געצוקט. בוילעט, מיט ווייטעק, מיט א קלאָגעדיקער אינטאָנאַציע אַרויסברעכנגענדיק יעדעס וואָרט, האָט דער סאָלדאַט גערעדט צו זיך אַליין:

— כאָטש שטיינער וואַרף אין זיי, שטיינער! וואָס נאָך קאָן מען טאָן? אוי, פּאַסקודעס! אונ־טערגעצונדן!

דאַניעל האָט זיך געכאַפּט, אַז סומוויטער קוקט אַפּן וועג, און האַסטיק אויסגעקערעוועט אהין דעם קאָפּ: זעמליאַניצינס מאַשין האָט געברענט — צונגען פײַער האָבן אַרומגעפלאַכטן ביידע קוזאָווס, א רויך האָט געזעצט פונעם מאָטאָר.

אופגעשפּרונגען פון דער ערד, האָט דאַניעל דערזען, אַז זעליק שאָולער האָט זיך אָנגעג־בויגן צו עמעצן, וואָס ליגט אין גראָז, און פלײַסט זיך אָפּשלעפּן אים ווײַטער פון דער ברענענ־

דיקער מאשין. זעמליאניצין, וועלכער איז אויך אופגעשפרונגען, האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן אהין, א זאָג געטאָן: „באלד“, נאָר דאניִעל האָט אים אָפּגעשטעלט:

— וואַרט צו!

סומויִוויטער איז אוועקגעלאָפן צו שאוולערן — בלויז מיט א הייסן, קאָסן בליק געבעטן א דערלויבעניש בא דאניִעלן.

פון פעלד, אף יענער זײַט וועג, ווו ס'איז, קענטיק, א גאנצע געשטאנען פאטיוטשענקאָס מאשין, האָבן צו דער, וואָס האָט געברענט, געײַלט דרײַען. פאַרויס האָט ארויסגעריסן זיך דער שוערלעכער פאטיוטשענקאָ מיטן היטל אין האנט. זעענדיק דאָס, האָט דאניִעל אין דער זעלבער צײַט ניט פארלוירן פון אויג אויך שאוולערן: אָט איז סומויִוויטער שוין לעבן אים, אָט האָבן זיי אינצווייען אופגעהויבן — וועמען? דעם שאָפער פון זעמליאניצינס מאשין? ניין. וועמען זשע? אופגעהויבן און מע טראָגט אים אהער. און טראכטנדיק אָנגעשטרענגט וועגן דעם, וואָס ער האָט שוין געהאט באשטימט ביזן אָנפאל, און איצט עס געדארפט ענדערן, ווײַל די אומשטענדן האָבן זיך געענדערט, האָט דאניִעל ערגעץ אין א ווינקעלע פונעם מויעך געטראכט אויך וועגן שאוולערן: „אָט — א סאָלדאט, ווי אלעו!“ דערבײַ האָט ער פארשטאנען: בייס דער נעכטיקער באגעגעניש אין סאראטאָוו איז שאוולער טאקע געווען אזא, וועלכן ער האָט זיך אים פאָרגעשטעלט לויט טשארנעס רייד. איצט אָבער האָט דאניִעל פאָרגעוואָרפן טשארנען: זי האָט אים געקענט, דעם מאן, נאָר ניט אינגאנצן. דער געדאנק איז א לאָף געטאָן אויך ווײַטער: און צי האָט זי אים, דאניִעלן, ווען־עס־איז געקענט אפּאנעמעסן? און באלד — שוין מיט א נאָג אין הארצן: „און וועלכער איז יאסענעוו — מיט איר, מיט טשארנען, און וועלכע איז זי — מיט אים?“ — איין רעגע האָט געדויערט דאָס נאָגן, און כאָטש דאניִעל האָט עס באלד פארטויבט: „וואָס פאר א ווערט האָט דאָס אלץ איצט, דאָ?“ — איז אים דאָך קלאָר געוואָרן: גרינג פארגעסן וועט ער ניט...

דער באפעל, וועלכן דאניִעל האָט אָפּגעגעבן זעמליאניצינען און סוראָווצעוון, איז געווען אזא: זיי פארנעמען אף זײַן „זיס“ אלעמען, וואָס געפינען זיך דאָ, די פארוווּנדעטע אויך (די ראַדיסטן בלײַבן מיט אים), און מע פאָרט קיין רינאָק. ווו מע דארף זוכן די אויסשפּירער, האָט ער אויך געזאָגט. נאָך א ווזוואָד, אמוניציקסטן א ווזוואָד, און קריגס־מאטעריאלן, אלץ, וואָס מע דארף, וועט צוגעשטעלט ווערן, ווי שנעל עס וועט נאָר געלינגען, אף פאטיוטשענקאָס מאַשין. אויב עס איז שוין עפּעס דאָ א שוץ ארום דעם פאראָם, דארף מען אָנשליסן זיך אין איר, אויב ניט — שאפן זי, און שטיין, אָן א באפעל נישט אָפּטרעטן ניט אף יענער זײַט וואָלגע, ניט צו דער שטאָט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום וועג, לײַכט אָנשפארנדיק זיך אין א דינעם בייגעוודיקן טשערעט — א ביסל האָט דאָס פאָרט געהאָלפן פרײַער שטעלן דעם פוס, וואָס האָט גענאָיעט אין די קנעכלעך. דערזען עטלעכע שפאן פאר זיך שאוולערן און סומויִוויטערן, וועלכע האָבן, א פארכאלעשטן, געטראָגן דעם קאפיטאן פון ארטילעריע־שטאב (שאוולער — פאר די פיס, סומויִוויטער — אונטער די פאכוועס), האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און, קעדיי ניט פארהאלטן זיי, קורץ געפרעגט:

— שטארק?

— אין דיך! — האָבן געענטפערט ביידע סאָלדאטן מיטאמאָל.

— מער קיין געליטענע זײַנען ניטאָ?

איצט, ווען מע האָט זיך אויסגעגלײַכט, האָט דאניִעל געמאכט א טראָט אין א זײַט, א קוק געטאָן דעם ארטילעריסט אין פּאָנעם, וואָס איז געווען שווארץ און איבערגעקרימט פון ווייטעק, און באוויזן אויך פונדערנאָענט באגעגענען זיך מיט זעליק שאוולערס אויגן — גרויע, דערשראָקענע, און דאָך האָט אין זיי טיפער זיך אָפּגעשפיגלט צאר און מיטלײַד, איידער שרעק.

— ניטאָ, ניטאָ מער קיין געליטענע! — האָט שאוולער געענטפערט א פארסאָפּעטער, שפּאָנענדיק שווער און אָנגעשטרענגט.

6 סאכאקל זיבן־אכט הונדערט מעטער איז אָפּגעפאָרן פאטיוטשענקאָס מאשין איבערן וועג, לענגויס דער באלקע, דורך וועלכער ס'איז געקומען סוראָווצעווס גרופּע, און א רויטארמייער, וואָס איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן, — ער איז ארויסגעשפּרונגען פון א צילינדערישן אָקאָפּ, אָן אויסגעגראָבענעם אונטער א קוסט באם סאמע וועג, — האָט באפוילן אָפּשטעלן זיך. צום סאָלדאטס ביקס איז צוגעשרויפט געווען א שפּיז, א שווערער פאטראָנטאש האָט אָפּגעצויגן זײַן רימען. לעבן אָקאָפּ זײַנען געבליבן ליגן א סקאטקע, א קער־

סעלע, אַ לאַפּעטקע... ווי כּווישעכדיק און שווער ס׳איז ניט געווען בײַ דאַניִעלן אויפֿן האַרצן, האָט עס דאָך דערפֿרייט אַ צאַפּל געטאָן: עמעצער האָט דאָ שוין אַרויסגעשטעלט אַ „מאַיאַק״.

די מאַשין האָט פֿאַרקערעוועט צו ניט קיין הויכע ביימער, דעריקערשט אַקאַציע און בורזינע, וואָס האָבן, איבערגעפֿלאָכטענע, שאַפֿנדיק אַ פּיצינק וועלדל, אַוועקגעצויגן זיך פֿון וועג צום נאָענטן ראַנד פֿון דער באַלקע.

— וועמעס? — האָט דאַניעל, אַרויסקלײַבנדיק זיך פֿון דער קאַבינע, געפֿרעגט דעם סאָלדאַט, וואָס איז צוגעלאָפֿן צו דער מאַשין.

דאַניִעל האָט דערוואַרט אַן ענטפֿער: „קונגוראַווס״, אָבער ער האָט אויך דערלאָזט אַ מעגלעכקייט, אַז דער פּאָסטן איז פֿון אַן אַנדער טייל.

דער סאָלדאַט, שוין ניט קיין יונגער, מיט אַ שטרענג און פֿאַרדײַגעט־באַזינט פּנים, האָט געענטפֿערט:

— דעם קאַפּיטאַן סאַקאַליִעצס!

און ווידער האָט וואַרעם אַ צאַפּל געטאָן דאַניִעלס האַרץ — סאַקאַליִעץ איז איינער נאָך פֿון זײַנע קאָמבאַטן. אַ פּאָר שאָ נאָך דעם, ווי ס׳האָט אים, דאַניִעלן, פֿאַרוווּנדעט, דאָרט, בײַם מיִוס, האָבן עטלעכע קוילן פֿון אַן אַווטאָמאַט דורכגעהאַקט סאַקאַליִעצן די ברוסט און ער האָט מיט ניסים אויסגעדרייט זיך פֿונעם טויט. און נאָך אַ שטיקל נעס, — וועגן דעם האָט מען דאַניִעלן אָנגעשריבן שוין גאָר ניט לאַנג, — איז געווען דאָס, וואָס געהיילט האָט זיך דער קאָמבאַט אין סאַראַטאָוו. אויסגעהיילט זיך, באַקומען אַ פֿאַראָרדענונג זיך מעלדן אין דער נײַער אַרמיי, וואָס האָט זיך דאָ אָקאָרשט געגנומען פֿאָרמירן, האָט סאַקאַליִעץ שוין אָן איבעריקער מי זיך דערשלאָגן, מע זאָל אים שיקן אין זײַן פּאָלק, אין זײַן באַטאַליאָן — אויף אַ פֿרישער וואַקאַנסיע...

— און ווו איז דער קאַפּיטאַן, זײַן שטאַב? דער באַטאַליאָן ווו איז?

— דער באַטאַליאָן? דאָ איז ער שוין קימאַט אינגאַנצן... — דער רויטאַרמייער האָט בלויז אַ פֿיר געטאָן מיט די אויגן לינקס פֿון וועג, צו די טראַנשייען, וואָס האָבן מיט ליימיקע אָנשיטן זיך אַוועקגעשלענגלט אין סטעפּ. — די קוילנוואַרפֿלער זײַנען אַוועק פֿאַרנעמען אַ שוץ, די ראָטע קעגנטאַנקען־ביקסן האָט זיך אויך אַרויסגערוקט אַהין, און דער קאַפּיטאַן, — אַ קערעווע די אויגן רעכטס, צו דער באַלקע, — ער איז אָן־אָ, אונטן...

האָט קונגוראָוו, הייסט עס, געכאַפּט זיך — פֿאַרקערעוועט טאַקע דעם באַטאַליאָן, קעדײַ שאַפֿן אַ צווייטע ליניע.

— און דאָרט ווי איז? — האָט דאַניִעל געפֿרעגט, אָנווײַזנדיק פּונקט אַזוי, ווי דער סאָלדאַט, בלויז מיט די אויגן, אויף די אָרלאָווקער בערגלעך, ווו ס׳האָבן אויפֿן פֿאָן פֿונעם שטויביק־רויטן הימל געקנוילט זיך אין דער קרים עטלעכע געדיכטע רויכן.

— פֿריִער אַ ביסל האָט דאָרט שטאַרק געהוכקעט, איצט איז אַפּאָנעם שטיל... — דער סאָלדאַט האָט דאָס געזאָגט, ווי פֿרעגנדיק — ס׳איז בעסער, צי ערגער, וואָס ס׳איז „אַפּאָנעם שטיל״? נאָר די קנייטשן, וואָס האָבן זיך טיפֿער אײַנגעקאַרבט אויף זײַן פֿאַרברוינטן פּנים, די דײַגע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע אויגן, רויטע פֿון ווינט, — אַלץ האָט באַוויזן, אַז אויף קיין בעסערס האָפֿט ער ניט דערווײַל.

פּאַטיוטשענקאָ איז געבליבן לעבן דער מאַשין אַראָפּגרוזיען מיט דער הילף פֿון די שאָפֿערן (זעמליאַניציִנס שאָפֿער איז דאָ אויך געווען) די עטלעכע זעקלעך מעל, וואָס זײַנען נאָך געבליבן אין קוזאָוו. דאַניִעל מיט די ראַדיסטן, וואָס האָבן אָנגעלאָדן די ראַציע אויף זיך, און מיט די צוויי אָפֿיצערן, וואָס זײַנען געבליבן פֿון דער גרופּע, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער רעקאָגנאָסצירואָווקע — דעם פֿאַרבינדלער און דעם טאָפּאָגראַף, — האָבן גלײַך דורכן געדראַנג פֿון ביימלעך אַוועקגעלאָזט זיך צו דער באַלקע.

אַנטקעגן זײַנען אָנגעקומען גרופּקעס סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָדער צעשאָטן זיך אין ניט קיין גלײַכער שערענגע, אָדער געהאַלטן זיך איינער הינטערן אַנדערן; פֿיל האָבן געטראָגן אויף די אַקסל קעסטלעך מיט צינד־פֿלעשער, צינקעווע פּושקעס מיט קוילן — אַלע האָבן געאײַלט. נאָר גאָר קאָכיק איז געווען אין דער באַלקע גופֿא. די אַרטילעריסטן האָבן געקײַקלט האַרמאַטן אויף אַ שטאַרק שטיילן שיפּוע, וואָס פֿירט צום וועג, — קיין פֿערד האָבן דאָ ניט געקאָנט טרעטן. אויפֿן קעגנאיבערדיקן שיפּוע, עפּשער נאָך אַ מער שטיילן, האָבן זיך געהויבן סאָלדאַטן, יעדערער מיט צוויי קעגנטאַנקען־מינעס אונטער די אָרעמס, — מע וועט פֿאַרמינירן די צוטריטן צו דער באַלקע פֿון צאָפֿן. נידעריקער אַ ביסל, צווישן ביימער, האָבן סאַניטאַרן אָנגעצויגן אַ בײַדל מיט אַ רויטן קרייץ, פֿאַרבינדלער האָבן אָנגעטשעפּעט טעלעפֿאָן־דראָט אויף די צווײַגן. און אויפֿן סאַמע דעק פֿון דער באַלקע, אַ זאַמדיקן און גאַנץ אַ ברייטן, האָט געצויגן זיך אַ קאָלאָנע פֿעכאָטע, ניט

ווייניקער, ווי צוויי ווזוואָדן. די סאַמע עקסטע סאָלדאַטן זײַנען אונטערגעלאָפן, קלינגענדיק מיט די קעסלעך, צונויפּשטויסנדיק זיך מיט די ביקסן.

סאָקאָליעץ האָט דאַני׳עלן איבערראַשט: זײַן בלאַס, נערוועז־אויסגעיידלט פּאָנעם — קיין זון און קיין ווינט נעמט עס קיינמאָל ניט, און איצט, קאָנטיק, נאָך מער אַן אויסגעבלייכטס, — האָבן שטאַרק געענדערט די וואָנצעלעך און אַ קליין רוסיאַווע בערדל, וואָס איז עטוואָס פּאַנאַנדער־געטיילט געוואָרן אויף צווייען. די ערשטע רעגע האָט דאַני׳על אַפילו ניט געקאָנט כאַפּן, וואָס זעט אים אויס אַנדערשדיק, מאָדנע אינעם קאָמבאַט. נאָר באַלד האָט ער געפֿויעלט בא זיך: „מיילע, אָפּגעשפּאָרט אוואַדע אין שפּיטאָל".

דעם ראַפּאָרט סאָקאָליעצס, וואָס פֿאַר אַן אויפגאַבע דער באַטאַליאָן האָט באַקומען און וויאַזוי ער פֿילט זי אויס, האָט דאַני׳על איבערגעריסן מיט אַ פֿראַגע:

— מיט וועמען האָט איר אַ פֿאַרבינדונג?

— קיין טעלעפֿאָנישע — מיט קיינעם ניט, מיר האָבן נאַרוואָס געשטעלט זיך דאָ, — סאָקאָ־ליעץ האָט אָנגעוויזן אויף צוויי טעלעפֿאָניסטן, וואָס האָבן אונטער אַ בוים, לעבן אַ פֿליטקע גריבל, געפּאָרעט זיך מיט אַ קאָמוטאַטאָר, דאַן ווען אַ דריטער האָט מיט אַ סאָלדאַטיש לאָפּעטקעלע טיפֿער געמאַכט דאָס גריבל, געוואָרפֿן פֿון דאָרט פֿײַכטע, רויטלעכע ליים, איבערגעמישט מיט פֿוילע בלעטער.

נאָך עטלעכע פֿראַגעס, און דאַני׳על האָט אויסגעקלאָרט: דער באַטאַליאָן, וואָס פֿאַרנעמט פּאָזיציעס אויף די אָרלאָוועקער בערגלעך, — עס קאָמאַנדעוועט מיט אים דער עלטערער לייטע־נאַנט אַבדולין, — האָט אָפּגעשלאָגן אַן אַטאַקע פֿון זעכצן טאַנקען און מאַטאָפּעכאָטע. אַבדו־לינס באַטאַליאָן איז אויך אַטאַקירט געוואָרן פֿון דער לופֿט, נאָר ער האַלט זיך פֿעסט. עטלעכע טאַנקען און אַן אַראָפּגעקלאַפּטער עראָפּלאַן ברענען בא אים קעגן פֿראָנט. איצט שטייט אוואַדע פֿאַר אַ נײַע אַטאַקע — עס מערקן זיך פֿונדערווײַטנס, אין סטעפּ, הויכע זײַלן שטויב — דער דײַטש ציט אונטער רעזערוון. דעם קאַפּיטאַן אָסטריקאָווס באַטאַליאָן גייט אָט־אָ דורך דער באַלקע, קעדיי איבערשנײַדן די וועגן פֿון אַקאַטאָווקע. אָסטריקאָוו איז אין שפּיץ פֿון דער קאָלאָנע, אוועק איז מען ניט ווײַט. דער שטאַב פֿונעם פּאָלק שטייט אין אָן אָפּווײַכונג פֿון דער באַלקע, וואָס שנײַדט זיך אײַן צווישן ביידע עשעלאָנען — דעם ערשטן און אָט דעם, וואָס ער, סאָקאָליעץ, שאַפֿט. דאָרט קען מען טרעפֿן בלויז דעם נאַטששטאַב — בוזולוקן. וויכאַרעוו איז אוועק צו אַבדולינען אָפּן קאָמאַנדע־פּונקט. קונגוראָוו איז קאָנטוזיעט...

— וווּ?

— בא אַבדולינען. קוים וואָס ער זיצט צוגעשפּאַרט צום וועגטל פֿון דער טראַנשיי, נאָר לייגן זיך אָדער דערלויבן, מע זאָל אים עוואַקויִרן — וויל ער ניט. דאָס האָט איוואַלגין דער־ציילט.

— ער איז דאָ, איוואַלגין?

— אוועק מיט אַן אָפּטיילונג אין אויסשפּיר אויף צאָפֿן — אָנטאָפּן, ווו די דײַטשישע טאַנ־קען זײַנען דאָרט.

דאַני׳על האָט אַ פֿיר געטאָן מיט די אויגן נאָך סאָקאָליעצס אומגעצוווּנגענעם בליק — אינעם צעטאָפּטשעטן זאַמד זײַנען געבליבן פֿרישע אָפּדרוקן פֿון פֿערדישע טלאָען.

— רײַטנדיק?

— וויפֿל די באַלקעס וועלן דערלויבן...

סאָקאָליעץ האָט צוגעוואַרט אַ ווײַלע — צי וועלן אים ניט פֿאַרגעבן ווערן נאָך פֿראַגעס, און באַמערקט רויק, נאָר אַזוי, אַז ס׳איז קלאָר געוואָרן — ער האָט געזוכט די מעגלעכקײַט אָנצו־זאָגן די דאָזיקע נײַס:

— איוואַלגין, ווען ער האָט מיט די כעוורע דורכגעקליבן זיך אַהער דורכן סטעפּ, האָט באַגעגנט דרײַ וועלאָסיפּעדיסטן. אויסשפּירער. צוויי מיליטערישע, און איינער — אַ ציווילער. פֿון סטאַלינגראַד. פֿון די טיילן, וואָס קומען צו אַהער. די מיליטערישע זײַנען פֿון אַ פּאָלק ענקאַ־ווּעדע, דער ציווילער — פֿון אַ פֿאַרניכטונגס־באַטאַליאָן. צוויי פֿון זײַנע שלאַכטלײַט האָט סער־גיי אָפּגעשיקט צוריק, מיט יענע, פֿון סטאַלינגראַד — צו אַבדולינען.

נאָך גייענדיק אַהער פֿונעם בריקל, האָט דאַני׳על געהייסן די ראַדיסטן און דעם קאַפּיטאַן דעם פֿאַרבינדלער, וואָס איז, אייגנטלעך, אויך געוווען אַ ראַדיסט, טייקעף, ווי מע וועט קומען אין דער באַלקע, אײַנשטעלן די ראַציע און רופֿן ניט די דיוויזיע, ניט קונגוראָווס שטאַב, — איצט איז דאָס שוין געוווען ווייניקער וויכטיק, — זײַן גרייט אויפֿנעמען דעם רוף פֿונעם סטאַלינ־גראַדער טראַקטאָר־זאַוואָד. לויטן כעזשבן נאָך, האָט דער מאַיאָר גאָסטיעוו געדאַרפֿט זײַן דאָרט, באַם גענעראַל דעם טאַנקיסט אין שטאַב, עטוואָס פֿאַר דעם, ווי דער דײַטשישער לופֿט־

אַנפֿאַל האָט זיך אָנגעהויבן. אויב אַלץ איז דורך בעשאָלעם, אויב ער האָט גיך אָפּגעזוכט יענעמס שטאַב, האָט שוין געקאָנט קומען פֿון דאָרט דורך ראַדיאָ עפּעס אַ באַפֿעל, אַ ידיעה. גאָסטיעוו האָט מיטגענומען אַ קאַדירטע מאַפּע, אַזאַ ווי בײַ אים, בײַ דאַניעלן, אין פּלאַנשעט, מיט די זעלבע באַדינגלעכע נעמען, וואָס באַצייכענען די אַרומיקע יישובֿים, די בערגלעך און באַלקעס. אויסגעהערט סאַקאַליעצן, האָט דאַניעל אַ קער געטאָן דאָס פּאָנעם צום קאַפּיטאַן דעם פֿאַרבינדער, וועלכער איז אַף די שפּיץ פֿינגער געזעסן לעבן די באַשעפֿטיקטע ראַדיסטן און אַרומגע־פּאַכעט זיך מיט דער פּילאָטקע. „נו, גאָרנישט?" — האָט דאַניעל אומגעדולדיק געפֿרעגט מיט די אויגן, און אין דער זעלבער צײַט איז בײַ אים אין קאָפּ ווידער דורכגעגאַנגען דער געדאַנק, וועלכער איז נאָך אופֿגעקומען, ווען ער האָט געשמועסט מיט סאַקאַליעצן, נאָר איצט האָט זיך שוין טאַקע געפֿאָדערט אַ ליזונג: בײַ וועמען צונעמען דעם ווזוואָד פֿאַר זעמליאַניצינען, אפֿילע אַ פֿאַרשטאַרקטן ווזוואָד — מיט קעגנטאַנקען־ביקסן, אַמווייניקסטן דרײַ, און אַ מינענוואַרפֿער, כאָטשבי איינעם, און קוילנוואַרפֿער, און אַלדאָס איבעריקע, — בײַ וועמען: בײַ סאַקאַליעצן צי בײַ אָסטריקאָוון? ס'וואָלט מיסטאָמע רעכט זײַן נעמען דעם ווזוואָד בײַ אָסטריקאָוון, פּאַשעט פֿאַרקערעווען די סאָלדאַטן אַרויף, צו דער מאַשין, ווײַל אַלצייַנס איז רינאַק — דער עקסטער פּונקט פֿונעם באַצירק, וואָס דער דאַזיקער באַטאַליאָן דאַרף באַשיצן. און דאָך האָט זיך ניט געוואָלט טאָן דאָס אָן אָסטריקאָוון. כוץ דעם, — ווער האָט געקאָנט וויסן, וואָס עס שטייט נאָך פֿאַר אים, אָסטריקאָוון?

דאַניעל האָט שווײַגנדיק ווידער אַ קוק געטאָן אַף סאַקאַליעצן — געוואָלט אויסגעווינען נאָך עטלעכע ווײַלעס אַף צו באַקלערן זיך, און אויך דערפֿאַר, ווײַל ס'האָט אים אַ קלעם געטאָן אונטערן האַרצן און עטוואָס זיך פֿאַרדרייט דער קאָפּ פֿונעם דעמפּיקן געשמאַקן רייעך, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַ בלויען רויכל דערטראָגן זיך פֿון צווישן גראָבע שטאַמען, נאָך וועלכע ס'האָט זיך געזען אַ פּיצינקע לאַנקע.

— די קיכן הייצן זיך? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַן איבערגעטריקנטער שטים.

— די קיכן הייצן זיך. קאָן זײַן, די ראָטעס זאָלן ביז וואָס־ווען באַקומען וואַרמעס... — סאַקאַליעץ האָט אופֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף דאַניעלן און ניט גאָר זיכער פֿאַרגעלייגט: — עפּשער וועט איר אויך עפּעס איבערכאַפּן, כאָטשער פֿאַדפֿאַלקאָווניק? איר און אײַערע מענטשן?

— אַ דאַנק, קיין צײַט ניטאָ, — האָט דאַניעל געענטפֿערט, — מיר גייען אַוועק צו אַבדור־לינען.

און דאָ האָט ער שוין געזאָגט סאַקאַליעצן, ער זאָל אויסטיילן דעם ווזוואָד פֿאַר זעמליאַני־צינען.

7

גיין האָט מען געדאַרפֿט אַ קילאָמעטער דריטהאַלבן, עפּשער אַפֿילע דרײַ, און גיין ווי מעגלעך גיכער, דערפֿאַר האָט דאַניעל לאַנג ניט געטראַכט און אויסגעשניטן זיך אַ שטעקל. דער גרעסטער שטיק וועג האָט געפֿירט דורך דער באַלקע, לענגויס די טעלעפֿאָן־דראָטן, און ווײַטער, אין סטעפּ, וועלן אויך די דראָטן אָנווײַזן, ווו אַבדולינס קאָמאַנדע־פּונקט איז. געוועזן איז נאָך איין אַריענטיר, וואָס געזען האָט מען אים פֿונווײַטן — אַ ווײַסער פֿלעק אַפֿן פֿלאַכן שיפּוע פֿון איינעם פֿון די בערגלעך, — מיסטאָמע האָט עמעצער אַרויסגעפֿירט אַהין עטלעכע מאַשינעס ציגלברוך און אַפּגעקלאַפּטע שטוקאַטורקע נאָך אַ רעמאָנט. דער ווײַסער פֿלעק האָט געמוזט אויסקומען רעכטס.

מע איז געגאַנגען אײַנפּירען: די ראַדיסטן, דער קאַפּיטאַן דער פֿאַרבינדלער און דאַניעל. דעם טאָפּאָגראַף האָט ער אָפּגעשיקט צו אָסטריקאָוון.

פֿון מאָל צו מאָל האָבן זיך געטראָפֿן אַנטקעגן פֿאַרוווּנדעטע, וואָס האָבן אַליין געקאָנט גיין. אייניקע — פֿון אַבדולינס באַטאַליאָן, אַנדערע — אָסיפּיאַנס מינענוואַרפֿלער, די זעניטלער, — האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ היפּשן וועג. מע האָט באַגעגנט אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגערופֿן דעם נומער פֿון דער דיוויזיע, צו וועלכער סוראָווצעוו און דער רעשט פֿון זײַן ראָטע האָבן געהערט, דערבײַ זײַנען ניט אַלע געווען פֿאַרוווּנדעט. גענוי פֿאַנאַנדערפֿרעגן איז קיין צײַט ניט געווען — אָפּטער האָט מיט זיי זיך אָפּגעשטעלט דער קאַפּיטאַן, און טייקעף דעריאַגט דאַניעלן, דערציילט אים, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט. איינס איז קלאָר געווען: פֿאַרויס, פֿאַר אַבדולינס באַטאַליאָן, האָט אָן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד די דײַטשן קיינער מער ניט אַרויסגעוויזן.

קימאַט דאָרטן, ווו מע האָט זיך שוין געדאַרפֿט אופֿהייבן אין סטעפּ, זײַנען אָנגעקומען אַנטקעגן דעניס קאַראַטײַ מיט עטלעכע שלאַכטלײַט. דאָס האָט מען, ווי קאַראַטײַ האָט זיך אויס־געדריקט, צעטעכערט זײַנע סנײַפּערס איבער די באַטאַליאָנען, און דאָס האָט ער די דאָזיקע גרופּע — בײַ יעדן, דערונטער אויך בײַ קאַראַטײַען, איז צו דער ביקס צוגעפֿעסטיקט געווען אַן

אָפּטישער מאכשיר — געפירט צו אבדולינען. קאראטײַ, — פונדערנאָענט איז גראָד צו זען געווען, אז ניט געקוקט אָף די בראוו פארדרייטע שיטערע וואָנצעס אָף ארוף, איז ער דאָך געעלטערט, כאָטש רירעוודיקײַט און סאָלדאטישע שטאלטנעקײַט איז אים ניט אָפּגעקומען, גיכער — צוגעקומען, — קאראטײַ האָט זיך שטארק דערפרייט מיט דאניעלן און איז, געוויינלעך, גרייט געווען ניט אָפּשטיין פון אים, ניט שיידן זיך, ביז מע וועט קומען אין באטאליאָן. נאָר שיידן זיך האָט מען געמוזט — דאניעל, וועלכער האָט זיך ניט ווייניקער דערפרייט מיט קאראטײַען, האָט אים געהייסן אָפּשטיין א ביסל מיט די סנײַפּערס. אזא גרויסע גרופּע האָט ניט געטאָרט גיין אין אָפענעם סטעפּ, דערצו נאָך האָט אין הימל פּונקט באוויזן זיך די „ראמע", ווי מע האָט אָפּן פראָנט גערופן דעם דײַטשישן אויסשפּירער און קאָרעגירער, וואָס האָט געהאט צווײ פּיוזעליאזשן. מע האָט אפילע געזאָגט: „די נימעסע ראמע", ווײַל אלעמאָל, ווי נאָר דער דאָזיקער ערראָפּלאן האָט זיך באוויזן, פלעגט אָנהייבן זיך, באלד צי שפּעטער א ביסל, אָדער אן אטאקע פון דער לופט, אָדער אן ארטילערישע שיסערײַ, אָדער אי דאָס אי יענץ איינצײַטיק.

דאניעל און זײַנע דרײַ באגלייטער זײַנען נאָר ארויס אין סטעפּ און, מאסקירנדיק זיך מיט וואָס עס האָט זיך געמאכט, — הויכע בודזיקעס, קליינע אינדזעלעך פּאָלין, — איבערלויפנדיק איינציקווײַז די לאכלוטן הוילע ערטער, צוגעקומען צו עטלעכע יונגע סעדלעך, גאנץ שיטערע, ווי עס זײַנען ווידער פון מײַרעוו אָנגעפלויגן דײַטשישע ערראָפּלאנען. שיסנדיק פון קוילנווארפערס, פון הארמאטן, האָבן זיי גענומען דרייען זיך איבער די בערגלעך, אָף איינעם פון וועלכע עס האָט זיך שוין גאָר נאָענט אָנגעזען דער ווײַסער פּלעק, — הייסט עס, איבער די טראנשייען פון אבדולינס באטאליאָן, און אויך איבער די סעדלעך און איבערן סטעפּ, פארכאפנדיק אין זייערע ברייטע קרײַזן די באלקע. באלד האָבן זיך גענומען רײַסן באָמבעס סײַ נאָענט, סײַ ווײַט.

פאלנדיק אין גראָז, לעבן א פלויטל, א צונויפגעקלאפּטן פון שטיקער פארזשאווערטן בלעך, האָט דאניעל באמערקט, אז דער קאפּיטאן, וועלכער איז געגאנגען דער ערשטער, און נאָך איםביידע ראדיסטן מיט זייערע גרינע קעסטעלעך, זײַנען ארײַן אין סעדל און פארשוואונדן אין א טראנשיי. דעם געלבלעך־ברוינעם אָנשיט — דעם ברוסטווער — פון דער דאָזיקער טראנשיי האָט דאניעל נאָך באמערקט אינעם צוגעוועלקטן גרינס פון א באשטאָן און צווישן די יונגע ביימלעך, בייס מע איז צוגעקומען אהער, ער האָט באמערקט אויך אין א זײַט, רעכטס פון זיך, א קעגנטאנקען־הארמאט, ווי־עס־איז א צוגעדעקטן מיט בלעך, אראָפּגעריסענעם פונעם פלויטל. ליגנדיק אין גראָז, האָט דאניעל אָפּגעזוכט מיט די אויגן נאָך איין הארמאט — לינקס, אין עק פונעם סעדל, צווישן קוסטעס, מיסטאמע ווײַמפּערלעך. געכאפּט א מאָמענט, ווען דירעקט אנטקעגן זײַנען קיין ערראָפּלאנען ניט געווען, האָט דאניעל אריבערגעשפּאנט דאָס פלויטל, א שלײַך זיך געטאָן צו דער טראנשיי און אראָפּגעגליטשט זיך אין איר. דער קאפּיטאן האָט געווארט דאָ אָף אים און אָנגעוויזן אָף אן ערדשטיבל, וווהין די טראנשיי האָט געפירט.

דאניעל האָט זיך ניט געקליבן אוועק אין ערדשטיבל — די טראנשיי אליין איז אויך גענוג געווען פאר א באהעלטעניש. שטייענדיק דאָ, האָט ער געקאָנט זען, וואָס עס קומט פאָר אויבן און ארום, זען כאָטש ווי־ניט־איז די בערגלעך. נאָר פלוצעם האָט ער באמערקט, אז א טעלעפאָן־דראָט פירט אין ערדשטיבל, און פארשטאנען — אָט דאָס מיינט דער קאפּיטאן.

די טראנשיי איז פּאָשעט ברייטער געמאכט געוואָרן דאָרט, ווו ענג־צונויפגערוקטע דרענגלעך, אײַנגעטרעמבעוועטע פון אויבן מיט ליימיקער ערד, האָבן זי איבערגעדעקט. ס'האָט זיך באקומען אן ערדשטיבל מיט צווײ ארויסגאנגען. דורכן צווייטן ארויסגאנג, עטלעכע שפּאן פונעם צודעק, האָט דאניעל באמערקט עמעצן שטיין אין א קאסקע, אָבער בלויז נעפּלדיק אָפּגעמערקט דאָס, א קלער געטאָן: „מיסטאמע א באָאבאכטער און א פארבינדלער צווישן ביידע הארמאטן, צווישן דעם קאָמאנדיר פונעם ארטילערישן ווזוואָד מיטן טעלעפאָניסט".

טאקע דער טעלעפאָניסט האָט אינטערעסירט דאניעלן, און אים דעם ערשטן האָט ער אָפּגעזוכט מיט די אויגן אין דער האלבטונקלקײַט, וואָס האָט געהערשט אין דער פּארטיפערונג אונטערן אָפּדעכל: ער האָט אויך באמערקט, אז די ראדיסטן האָבן אוועקגעשטעלט די ראציע אָף דער ערד, באם ווענטל לעבן צווייטן ארײַנגאנג, אײַנגעשלאָסן זי, און איינער פון זיי, דער קלייניקער, דער שווארצינקער, וועגן וועמען ער האָט שוין עטלעכע מאָל געטראכט הײַנט: „א מין ספּריטנער און א מין געדולדיקער ער איז", — דער אנדערער, א פולבאקיקער, א לײַביקער, האָט גראָד געמאכט דעם אײַנדרוק פון א פלעגמאטיק, — דער שווארצינקער האָט ניט הויך און אײַנגעשפּארט גערופן: „מוראַם, איך בין ליובאטש! איך שליס איבער צום אופנעמען!" („מור־ראָם" — דאָס האָט ער, דאניעל, אָפּשיקנדיק גאָסטיעוון אָפּן טראקטאָר־זאוואָד, געפרעגט אים, ווי זײַן געבורטס־שטאָט הייסט, און ס'איז געוואָרן דער אָפּרוף־פּאראָל). דאניעל האָט באמערקט,

אז די ראַדיסטן טוען זייערס, נאָר א קלער געטאָן: „אַלץ איז ווי פריִער!" און געפרעגט דעם טעלעפאָניסט, וואָס איז געזעסן אין ווינקל:

— ס'איז דאָ א פאַרבינדונג מיטן באַטאַליאָן?

— דערווײַל איז דאָ.

— רופט, ווער ס'איז נעענטער — אַבדולינען, דעם קאָמיסאַר וויכאַרעוון!

דאַניִעל האָט שוין דערהערט אין טרײַבל וויכאַרעווס אַנגעשטרענגטע, פאַרהאַוועטע שטים: „נו, ווער איז דאָרט — שנעלער!", און געזאָגט:

— איליאַ, ס'איז איך, קרעמעז, איך בין באַ אײַערע פאַרניכטלער! ווי האַלט עס באַ איַיך?..

נאָר דאָ האָט דער שווארצינקער, אַן איבעראַשטער, א גליקלעכער, אויסגערופן:

— „מוראַם", כּאָווער פאַדפּאַלקאָווניק! „מוראַם"!

— „מוראַם"? — האָט מען געמוזט א טיצע טאָן דאָס טרײַבל דעם טעלעפאָניסט אין האַנט און אויסקערעווען זיך צו דער ראַציע — נעמען דאָס אַנדערע טרײַבל.

דער גענעראַל דער טאַנקיסט איז געווען באַם אַפּאַראַט — געמאָלדן וועגן זיך מיט א מידלעכער, נאָר א בוילעטער און באַהערשטער שטים.

דאַניִעל האָט מיטגעטיילט לויט דער קאַדירטער מאַפּע, וואָס די ראַדיסטן האָבן געהאַלטן פאַר אים אַזוי, אַז פון דער טראַנשיי זאָל בעסער פאַלן אף איר די שײַן. פון אויבן האָט געהילכט און געדונערט, אַלץ נעענטער, אַלץ שטאַרקער, די ערד האָט זיך געוויגט, צומאָל גאָר אימפּע־טיק, פון ערגעץ איז אַנגעשווומען א געלבלעכער רויך, דערנאָך א בלויער, — דאַניִעל האָט דאָס אַלץ געהערט, געזען, געפילט, ער האָט בליציק באַקלערט און, ווי מעגלעך, געפּרעסט אַרויסגעבראַכט יעדע פראַזע — ווו די באַטאַליאָנען שטייען, ווו זיי שטעלן זיך, אָנגערופן בלויז די פאַמיליעס פון די קאָמבאַטן — גאַסטיעוו וועט זאָגן, וואָס יעדער פאַמיליע באַטײַט, דער־מאָנט אויך וועגן זעמליאַניצינען, אַז ער איז אוועק צו דער „קלאַדקע", — אַזוי זײַנען באַצייכנט געווען ריגאַק און דער פאַראָם. וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך איצט דאָ — געזאָגט בלויז, אַז דעם סוינעס עראָפּלאַנען הענגען איבערן קאָפּ. ער האָט איבערגעשלאָסן דאָס טרײַבל — צום הערן, און דאָ האָט דער טעלעפאָניסט א געשריי געטאָן:

— כּאָווער פאַדפּאַלקאָווניק — טאַנקען!

דאַניִעל האָט האַסטיק אויסגעקערעוועט דאָס פאַנעם, א שמערצלעך־פאַרקרימטס, אַן אָנ־געשטרענגטס, — ניט פאַרשטאַנען: „וואָס מיינט ער, דער טעלעפאָניסט, ווו אַטאַקירן די טאַנ־קען? וועמען — אַבדולינען? איז זאָגט מען גלײַך!" ער האָט אפילו אומגעצוווּנגען געמאַכט א זשעסט מיט דער האַנט, ווי ער זאָל בעטן: „וואַרט א ווײַלע!" דער גענעראַל האָט ווידער גע־רעדט אין טרײַבל, און דאַניִעל האָט געוואָלט, געמוזט וויסן — וואָס זאָגט ער, וואָס פאָדערט ער, אף וועלכער הילף קאָן מען דאָ אויסרעכענען?

רויִק באַקלערנדיק די ווערטער, צעצײַענדיק זיי עטוואָס, האָט דער גענעראַל געזאָגט:

— גוט, קרעמעז... עס גייען צו אײַך...

און פּלוצעם — עפּעס האָט ווי א גראָבער שטעקן א זעץ געטאָן איבער דער ראַציע און הרודעס ערד האָבן זיך גענומען וואַלגערן פון אויבן, איינע האָט צעריסן די מאַפּע באַ די ראַ־דיסטן אין די הענט — א דרענגל איז אָפּגעשפּרונגען פונעם דעכל, און דורך דעם רויטלעכן שטויב, וואָס האָט זיך נאָך געשאָטן, האָט דאָרט פײַערדיק א בלישטשע געטאָן א פּאַסיקל הימל.

באַמיִענדיק זיך אַרויסשאַרן די ערד, וואָס האָט זיך אָנגעשאָטן אין קאָלנער, האָט דער שוואַרצינקער זיך אַראָפּגעלאָזט אף די קני לעבן דער ראַציע און אין עטלעכע רעגעס אַרום אופגעהויבן צו דאַניִעלן די אויגן, פולע מיט פאַרדראָס און שרעק:

— עפּעס איז צעפּאַטערט, מע מוז זיך א פּאָרע טאָן...

באַם אַרײַנגאַנג אין ערדשטיבל איז געשטאַנען דער קאַפּיטאַן דער ראַדיסט, הינטער אים — נאָך עמעצער, אין א קאַסקע, אָט יענער, וועמען דאַניִעל האָט, אַרײַנקומענדיק אַהער, דערזען דעם ערשטן. דער קאַפּיטאַן האָט זיך ניט אָנגעבויגן צו דער ראַציע, כאָטש דאָס איז גיכער פון אַלץ זײַן איניען אויסקלאָרן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר. ער האָט געזאָגט שטיל, עס זאָל אויסקומען, אַז ער איז רויִק:

— טאַנקען, כּאָווער פאַדפּאַלקאָווניק!

— זיי גייען אַהער?

— אַהער.

— און אַבדולין?

— דאָרט ברענט אַלץ...

דאניעל האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן אין דער טראַנשיי, אויפגעהויבן זיך אַף אַ טרעפּל, וואָס איז דאָרט אויסגעגראָבן געווען, נאָר באַלד אַראָפּגעלאָזט זיך צוריק: איינס נאָך איינס האָבן שפּליטערס זיך דורכגעטראָגן פאַרבײַ זײַן אויער, ווי בײַטשן זאָלן פאָכען מיט אַ פּײַף און מיט אַ קנאַק. דאָך האָט ער באַוויזן זען: טאַנקען, אַכט אָדער צען, צוגעפּלעטשטע, ברייטע, צעוואָרפענע דאָ און דאָרט, ווו מע איז דורכגעשפּרונגען די פאָדערשטע ליניע, רוקן זיך דורכן סטעפּ צו די סעדלעך, וויגנדיק אַרויף און אַראָפּ די אָנגעשטעלטע רערן. נאָך האָט ער באַמערקט: צוויי אַרטילעריסטן פון יענעם האַרמאַט, וואָס אין די ווײַמפּערלעך, וואַרטן פאַרגליווערטע אַף איין קני מיט סנאַריאַדן אין די הענט, און דער דריטער, דער אָנצילער, האָט זיך צוגעבויגן צו דער שמאָלער עפענונג אין דער שוץ־ברעט, גרייט אויסשיסן. דעם צווייטן האַרמאַט האָט דאַניעל שוין ניט ריזיקירט אַ זוך טאָן. טייקעף ווי ער האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ הינטערן ברוסטווער, האָט ער דערהערט צוויי קימאַט איינצײַטיקע, נאָענטע, שטאַרקע הילכן, אויפגענומען זיי אינעם דורכויסיקן דונערן עפּעס ווי אַ ווידערקאָל מיט אַ צעצויגענעם נאָכפּײַף — די האַרמאַטן האָבן אויסגעשאָסן.

עס האָט זיך זייער געוואָלט ווידער אַ בליק טאָן אַרויף, נאָר ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם טרעפּל און געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו אַלעמען, וואָס זײַנען דאָ געשטאַנען, און דעריקער צו יענעם, אין דער קאַסקע, אַ קרעפּטיקן, מיט אַ ברייטן, פּראָסטלעכן פּאָנעם, — באַמערקט בײַ אים אַ קעגנטאַנקען־גראַנאַטע אַפן רימען:

— ווער עס האָט גראַנאַטעס — גרייט זיי צו!

— איך האָב צוויי! — האָט זיך אָפּגערופן דער לײַביקער ראַדיסט און אַ לעבעדיק פּײַערל האָט אומדערוואַרט אַ בלישטשע געטאָן אין זײַנע שטענדיק האַלב־צוגעמאַכטע אויגן; ער האָט מיט אַ פלינקער באַוועגונג פון די רונדע אַקסל אַראָפּגעוואָרפן דעם רוקזאַק פון דער פּלייצע, צוגעזעצט זיך אַף די שפּיץ פינגער און אײַליק אים פאַנאַנדערגעבונדן. די ערשטע גראַנאַטע, אַ שווערע, מיט אַ הענטל, האָט ער אויסגעשטרעקט דאַניעלן, די צווייטע — געלאָזט פאַר זיך, פאַרצויגן דאָס שנירל פונעם רוקזאַק און אויפגעשטאַנען.

דערווײַל איז אַוועקגעלאָפן אין ערדשטיבל און גלײַך אומגעקערט זיך דער טעלעפאָניסט. ער האָט געבראַכט אַ הילצערן קעסטל מיט אַן אויפגעבראָכן דעקל, — צינדפלעשער, שוואַרצע, אַרומגעלייגטע מיט דינער מעטאַלענער סטרוזשקע, האָבן דאָרט אַ בליאַסקע געטאָן. מע האָט אין מעשעך פון געציילטע ווײַלעס פאַנאַנדערגענומען די פלעשער — צו צוויי, צו דרײַ, און אַליין פון זיך, — כאָטש דאַניעל האָט מיטן בליק, מיט קורצע זשעסטן אָנגעפירט מיט דעם, — זיך צעטיילט: דאַניעל, יענער אין דער קאַסקע און דער שוואַרצינקער זײַנען אַוועק אין איין זײַט פונעם ערדשטיבל, דער קאַפּיטאַן און די איבעריקע צוויי — אין דער אַנדערער זײַט. דאַניעל האָט נאָך באַוויזן וואָרענען:

— שטיין — צען־פופצן שפּאַן איינער פונעם אַנדערן, וואַרפן — ווען די קוילן ריקאָשעטירן שוין הינטער אײַך!

ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיטן געזונטן פוס אַף אַ ווינקל פונעם ליידיקן קעסטל, ווידער אַ בליק געגעבן איבער דער טראַנשיי. צו די ערשטע צוויי טאַנקען איז נאָך געווען אַ מעטער הונדערט פּופּציק, זיי האָבן שוין אַרײַנגעצויגן זיך אין די סעדלעך. אויך גאָר נאָענט, אָבער נאָך אין סטעפּ, האָט ער באַמערקט צוויי־דרײַ שטאַרקע, קנויליקע זײַלן רויך, און ניט נאָר דעם רויך — אַ קרום־אַראָפּגעבויגענעם טורעם פון אַ טאַנק, וואָס שפּאַרט זיך אָן מיט דער רער אין דער ערד, פּלעמלעך, וואָס שפּרינגען איבערן קאָרפּוס פון אַ צווייטן טאַנק, — דער האָט שוין גאָר קיין טורעם ניט. און נאָך האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג — אַן איבערגעקערטן האַרמאַט, יענעם, וואָס אין די ווײַמפּערלעך...

דער ערשטער פאַרלאַנג, אַ ווילדער, אַ שטורמישער, אַזאַ, וואָס לאָזט זיך קוים צוימען, איז, ווען דאַניעל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם קעסטל, געווען: צונויפבייגן זיך, וויפל מע קאָן נאָר, אַוועקלויפן אין אַ זײַט, ערגעץ ווײַטער. די צוויי טאַנקען, איינער לעבן אַנדערן, זײַנען געגאַנגען גלײַך אַהער. און אַ געפיל — אויך אַ ווילדער, אָבער עס שוידערט די רעאַלקײַט, וואָס רופט אים אַרויס: אַ גרוב, די זעלבע טיף, וואָס איז גענוג פאַר אַ קייווער, סטאַרטשענדיקע, איבערגעהאַקטע וואָרצלען פון ביימלעך, וואָס וואַקסן ערגעץ נאָענט, נאָר מע זעט זיי ניט, ווי מע זעט ניט די גאַנצע וועלט אַרום, — אַ געפיל, אַז אַלגע, נאַטאַשע, ליאָניע — זיי זײַנען שוין פאַרלוירענע, ווײַל ער, דאַניעל, איז פאַר זיי אַ פאַרלוירענער... איין רעגע, קורץ, ווי אַ בליץ, ווי די פאַרבלענדעניש פון אַ בליץ, האָט דאָס אַלץ געדויערט, און דאַניעל האָט זיך באַהערשט, געוואָרן רויִק, פעסט. שטייענדיק עטוואָס אײַנגעבויגן, מיט דער גראַנאַטע אין האַנט, איז ער מיטן לינקן אַקסל צוגעפאַלן צו דעם פאָדערשטן ווענטל פון דער טראַנשיי, דערפילט מיטן אַקסל, מיטן גאַנצן גוף, ווי די ערד ציטערט, געהערט דאָס שווערע, רעגלמעסיקע גרילצן

פון רויפן, דאָס פּיקקען פון מאָטאָרן, — אַלץ נעענטער, נעענטער, באַמערקט, אַז הרודקעלעך ערד שיטן זיך פונעם ברוסטוואַר, קלייניקע, אַ שטרעמעלע, דערנאָך גרעסערע, און פאַרשטאַנען: ס׳איז אי ווײַל די ערד ציטערט, אי ווײַל קוילן פאַלן, — די טאַנקען שיסן. עטלעכע שטאַרקע הרודעס זײַנען אַריבערגעפלויגן די טראַנשיי — אַהאַ, סנאַריאַדן פאַלן! און דאָך האָט ער אין דער דאָזיקער הייסער ווײַלע אַ בליק געטאָן לענגויס דער טראַנשיי, אַף יענער זײַט פונעם אַף האַלב אײַנגעוואַלגערטן דעכל פון ערדשטיבל, — וואָס טוען זיי דאָרט, דער קאַפּיטאַן, דער טעלעפאָניסט, דער לײַביקער, וואָס איז, דאַכט זיך, געשלאָפן גייענדיק, נאָר ער האָט פאַרהיט די צוויי גראַנאַטעס? — ער האָט דערזען בלויז דעם לײַביקן, זײַן רונדע, אָנגעשטרענגט־געבויגענע פּלייצע, זײַן פעסט אָוועקגעשטעלטן פוס... אומקוקן זיך אַף דעם, וואָס אין דער קאַסקע, און אַפן שוואַרצינקן, האָט דאַניעל שוין ניט געקאָנט, — ער האָט עטוואָס אַ הייב געטאָן די אויגן העכער, צום ברוסטוואַר, און דערזען דאָרט, ווײַטער, די זיך וויגנדיקע רער פון אַ טאַנק, פּריִער — דעם סאַמע דינעם טייל פון דער רער, דערנאָך דעם ברייטערן, דעם אָנהייב פונעם טורעם, און אַ שטאַרקן, בלענדיקן בליץ — אַן אופרײַס! דערזען דאָס, קעדיי באַלד פאַרגעסן אַלץ, דערפילן בלויז ערגעץ טיף, ערגעץ ווײַט דעם ברי פון קינע: אָט, דאָרט איז עס שוין געשען! — און הערן: עס ציטערט די ערד אַלץ שטאַרקער, אַלץ נעענטער, עפּעס רוקט זיך אָן שווערס, אומפאַרמײַדלעכס... אַ שאָטן איז געפאַלן רעכטס, אַפן ווענטל פון טראַנשיי — דער שאָטן פון אַ טאַנק, די זון איז דאָך שוין נידעריק. קוילן האָבן אָן עגבער געטאָן דאָס הינטערשטע ווענטל, דעם ראַנד זײַנעם, דערנאָך אַ פײַף געטאָן שוין ווײַטער, — ס׳איז דאָך דאָס, וואָס ער אַליין האָט אָנגעזאָגט אַנדערע: די ווײַלע, ווען מע איז אין טויטן רוים, — צײַט! דאַניעל האָט זיך אויסגעגלײַכט, די רעכטע האַנט מיט דער גראַנאַטע האָט ער שוין געהאַלטן אָפּגעצויגן, די פינגער צונויפגעפרעסט ביז ווייטעק, ביז טערפּעניש, ווײַל דעם רינג, וואָס האַלט אײַן די מוירעדיקע קראַפט פון דער גראַנאַטע, האָט ער נאָך פּריִער אַרויסגעשלעפט, — איצט האָט ער, דאַניעל, — זײַן האַנט, זײַן האַרץ, זײַן מויעך געהאַלטן האָט די קראַפט, — אַ הייב זיך געגעבן אַפן קעסטל, ווי אַ וואַקס געטאָן מיטאַמאָל, דערזען, ווי איבער די ציינדל־רעדער, באַקלעפּטע מיט ערד, לויפן די גלאַנציקע רויפן, אין וועלכע גראָז און צווײַגלעך זײַנען אײַנגעפלאָכטן, — אָט דאָס האָט ער טאַקע געדאַרפט דערזען, און...

ווען ס׳האָט אַ דונער געטאָן, איז דאַניעל שוין געלעגן אַפן דנאָ פון דער טראַנשיי, אָוועקגעטראָגן אַהין בלויז די זעונג פון אַ בליץ, און שוואַרצע פונקען, וואָס צעוואַקסן זיך אין שוואַרצע און רויטע קרײַזן. ער האָט געדענקט, אַז באַנאַנד איז געווען נאָך איין טאַנק, עפּשער איז טאַקע יענער געגאַנגען איצט גלײַך אַף אים. מע האָט געדאַרפט נעמען דאָס פלעשל ציינדשטאָף, אופשפּרינגען און וואַרפן עס אינעם טאַנק, וואָס וועט זיך באַלד אָנרוקן, אָדער נאָכוואַרפן עס, אויב ער וועט אַריבער די טראַנשיי. דאַניעל האָט געזוכט דאָס פלעשל, אַזוי ווי בלינדערהייט, — די שוואַרצע און רויטע רייפן זײַנען אַלץ נאָך ניט פאַרשוווּנדן, — ער האָט געזוכט, געטאַפּט די ערד, און געוווּסט — ער פאַרלירט די רעגע, דאָס צענטל פון אַ רעגע, ווען אַלץ דאַרף אָפּגעטאָן ווערן. און פּלוצעם — אַ פלאַם פון העלישן פײַער און אַ הילך סאַמע איבערן קאָפּ, ערד וואַלגערט זיך פון אויבן, דאָס ווענטל פון דער טראַנשיי זעצט זיך אַראָפּ. וואָס איז עס? — אַ טאַנק קריכט אַראָפּ, דער פאָדערשטער טייל זײַנער, און — גאָר אַזוי! — ער בלײַבט שטיין... יענער, אין דער קאַסקע, וואָס איז געשטאַנען הינטן, — ס׳איז זײַן אַרבעט!

דאַניעל האָט שטאַרק געוואָלט טרינקען — אַ פול מויל מיט זאַמד, געברענטע ערד. און, ווי ער האָט געוואָלט טרינקען, און כאַפּן די לופט — ריינע לופט, ווײַל עפּעס האָט מוירעדיק געשטיקט — דער רייעך פון טראָטיל, פון בענזין, פון ברענענדיקער רעזינע, ברענענדיקער ערד. ס׳איז צום כאַלעשן! עפּעס האָט געדריקט, געבראָכן די פּלייצע — ערד ליגט אַף איר, אַ מאַסע ערד. ערשט, ס׳האָט אים גאָר אומגעוואַלגערט, פאַרשאָטן ביז האַלב — די פיס, דעם רוקן. ער האָט געזוען דעם טאַנק, געזען. אַז דאָס פאָדערשטע טירל עפנט זיך פּאַמעלעכן, באַלד וועט פון דאָרט אַרויס אַ דײַטש. נו, יאָ, ער וועט אַף געוויס אַרויס, און דורכן אייבערשטן טורעם וועט מען אויך אַרויס. מע האָט געמוזט דערלאַנגען דעם פּיסטאָלעט, ער איז אָבער געווען דאָרט, ווו די ערד האָט געדריקט. און דער דײַטש — אָט איז ער שוין, זײַן רויט, פאַרשוויצט, צעקרימט פּאָנעם, זײַן פאַרנאַפּטיקטע האַנט, וואָס האַלט אונטער דאָס שווערע טירל איבערן קאָפּ. עמעצער טוט אַ שפּרונג אַראָפּ אַפן פאַנצער פונעם טאַנק — פון אויבן, פונעם טורעם, — אויך אַ דײַטש, און ער פאַלט אַף יענער זײַט פון דער טראַנשיי. נאָך איין ווײַלע, צי נאָך אַ מינוט, — דאַניעל וויל פאַרט דערלאַנגען דעם פּיסטאָלעט, ער רוקט אַלץ טיפער די האַנט צווישן די הייסע הרודעס, און פּלוצעם — ניט קיין הויכער, בייזלעך־צופרידענער אויסגעשריי אויבן, באַם ראַנד פון דער טראַנשיי, און דאָס קאָן זײַן בלויז דאָס קאָל פון איין מענטשן — קאַראַטײַס:

— אַ ניכפּע אַף זיי! ווער איז דאָ אַ לעבעדיקער, האַ?

17. ניט סאָף וועלט, ניט אָנהייב וועלט...
ביטערע מילך

1 ווען ליובע איז געבליבן באַם צעפּראַלטן זאַוואָד־טויער און סאַיִדאָוו איז אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט גאָסטיעוון, וואָס זי איז אַליין דערויף באַשטאַנען, האָט זי אַ שרעק אַרומגעכאַפּט. דער מאָטאָציקל איז באַלד פאַרשוווּנדן אין רויך און פײַער, וואָס האָט פאַרצויגן דעם וועג, און זי האָט געדאַרפט גיין אַהין — אין רויך און פײַער. יאָ, זי האָט דאָס געזאָגט: „איך וועל זיך אַ שלײַך טאָן איבער דער באַלקע, דורך די גערטנער, ווי אַ סוסליק". און ס'איז איצט בכלל בעסער געווען גיין ניט דורכן וועג. דערווײַל אָבער האָט זי געמוזט אַוועקלאָזן זיך מיטן טראַקט, לענגויס דעם בעטאָנירטן פּלויט פון טראַקטאָר־זאַוואָד, פאַרקערעווען איז ניט געווען ווּהין. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין געגאַנגען, פילנדיק, ווי די ערד וויגט זיך אָן אופהער אונטער די פיס, ווי די אויבערדעק פון אַ שיף. דאָס פײַער האָט געבושעוועט באַם סאַמע וועג, אַ פײַערדיקער יאַם, און וועלכן עס זײַנען קראַכנדיק געפאַלן הײַזער,ביימער. פון ערגעץ האָט אַ שטאַרקער ווינט זיך אַרויסגעריסן — עפּשער האָט די סרייפע אים אַרויסגערופן, האָט דאָס פײַער נאָך שטאַרקער געהודעט, געפּײַפט, געוויכערט זיך אַלץ העכער, און דאָרט, אין דער הייך, האָבן ניט קיין ראָבן זיך אומגעטראָגן, ווי געווײַנלעך איבער אַ סרייפע, — עראָפּלאַנען...

פון מאָל צו מאָל האָט ליובע געמוזט צופאַלן צו דער ערד אָדער צודריקן זיך צום שאָרסטקן בעטאָנירטן פּלויט, צווישן בודזיקעס — ראַטעווען זיך פון קוילן און באָמבעס. ווער ווייסט, וויאַזוי זי האָט דערשפּירט די רעגע, דאָס צענטל רעגע, ווען אומפאַלן, אַ וואָרף טאָן זיך אין אַ זײַט.

מענטשן זײַנען איר אָנגעקומען אַנטקעגן. אייניקע האָבן, פאַרהאַוועטע, אָפּשטעלנדיק זיך בלויז אויף אַ ווײַלע, געפרעגט, צי לויפט זי פון דער שטאָט, אָנגערופן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע גאַסן — צי ווייסט זי ניט, זיי זײַנען גאַנץ? ליובע איז צומיינסטן אָפּגעקומען מיט אַ מאַך פון דער האַנט, אָנגעוויזן אויפן טראַקטאָר־זאַוואָד — אָט פון דאָרטן גייט זי — און געטראָגן זיך ווײַטער. אַנדערע האָבן, צוקומענדיק נאָענט, געוואָרנט: „דײַטשן, טאַנקען!" — און געמאַכט צייכנס, זי זאָל זיך אומקערן. די דאָזיקע איז זי נאָכגעגאַנגען אָדער נאָכגעלאָפן עטלעכע טריט.

— ווו? — האָט זי געפרעגט. — ווו זײַנען די דײַטשן?

די ענטפערס זײַנען געווען ניט קיין קלאָרע, בעהאָלעדיקע — ווער ס'האָט געזען מאַשינעס מיט דײַטשן פונוויַיטנס, אין סטעפּ, ווער ס'האָט געהערט פון אַנדערע, אַז דײַטשישע טאַנקען זײַנען נאָענט.

ליובע האָט זיך פאַראַקשנט געהאַלטן באַ איינס: אין ספּאַרטאַנאָווקע זײַנען די דײַטשן ניטאָ, זיי קאָנען דאָרט ניט זײַן. יאָ, טאַנקען האָבן זיך געהאַט דורכגעריסן ניט ווײַט, האָט מען אייניקע פאַרניכטעט, אייניקע דורכגעטריבן — יענער טאַנקיסט מיטן פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ האָט דערציילט. נאָר דאָס איז געווען אַ פּלוצעמדיקער דורכרײַס, צי אַן אויסשפּירונג — מע ווייסט שוין וועגן דעם, און אויב אַזוי — טוט מען, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן. ספּאַרטאַנאָווקע — ס'איז דאָך שוין די וואָלגע, און ס'איז די שטאָט — אָט אַזוי וועט מען עס די דײַטשן צולאָזן אַהין?..

ס'האָט זיך געענדיקט דער בעטאָנירטער פּלויט. ליובע האָט געמיטן ניט קיין גרויסע פּוסטקע און איז אַרײַן אין אַ יונגן פּאַרק. אויף אָט דעם פּאַרק, וואָס ציט זיך לענגויס דער מאָקראַיאַ מעטשעטקאַ, האָט זי געוואָלט אָנווײַזן און ניט אָנגעוויזן סאַיִדאָוון, ווען מע איז געהאַט צוגעקומען צו ספּאַרטאַנאָווקע, געוואָלט דערציילן אים און ניט דערציילט, אַז עס שטייט דאָ די סקולפּטור, וואָס טאַיִסיאַ אַפּאַנאַסעווונאַ האָט פון איר אויסגעקלעפּט: „דאָס מיידל מיט דער צעווייעטער קאָסינקע אין האַנט". אַלעמאָל איז באַ ליובען אויסגעקומען, אַז דאָס שטייט דאָ זי אַליין, אַ ווײַסע, אַ פלאַטערנדיקע, אַן אַרומגעווייעטע פון ווינטן, אויפן הויכן ברעג פון דער באַלקע און פון דער וואָלגע, וואָס איז שוין אויך נאָענט, סאַכאַקל עטלעכע הונדערט מעטער, זי שטייט און וואַרט אויף איגאָרן, זי רופט אים מיטן פאָכען פון דער קאָסינקע — פון פינלאַנד, שפּעטער, — פון אַרום אָדעס... איצט האָבן צווישן די בערעזקעס און די דעמבלעך געשלענגלט זיך טראַנשייען, איינע — אין סאַמע אָנהייב פונעם פּאַרק, די צווייטע — טיפער, אין מיטן פּאַרק, און שמאָלע אָקאָפּעס האָבן געשוואַרצט אויף יענער זײַט פון ביידע טראַנשייען. צעפליקטע פאַסן רויך זײַנען אומגעשוועמען צווישן די ביימלעך. דאָך האָט ליובע באַמערקט אין

די אָקאָפּעס, וואָס נאָך דער צווייטער טראַנשיי, קאַסקעס און קעפּקעס, באַמערקט אויך, אַז ביקסן ליגן אויף די ליימיקע ברוסטווערס, אַז עטלעכע האַנט־קוילנוואַרפּערס מיט אַרײַנגע־שטעלטע דיסקן שטייען אויף דינע פּיסלעך, אין איין אָרט האָט צווישן די אָקאָפּעס געברענט ניט קיין גרויסער שײַטער, אַ קעסעלע איז געהאַנגען איבערן פֿײַער.

ליובען איז שווער געווען אַריבערשפּרינגען די טראַנשייען, ניט ווייניקער שווער איז איר געווען — אויב ניט שפּרינגען — אַראָפּגליטשן זיך אין די טראַנשייען און אַרויסדראַפּען זיך אויפֿן קעגנײַבערדיקן ווענטל. אָט בײַ דער דאָזיקער אַרבעט — ווען זי האָט אַראָפּגעשאַרט פֿונעם ברוסטווער אַ ביסל ערד אויפֿן דנאָ, קעדיי אויסקומען העכער, און געפּרוּווט אַרויסקלײַבן זיך שוין פֿון דער צווייטער טראַנשיי, האָט זי געטראָפֿן אַ טאַנקיסט, מיט אַ פּלאַנשעטקע און אַ בינאָקל אויף רימענדלעך. ער האָט איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט, געהאָלפֿן אַרויסקריכן, אויפֿגעהויבן איר שינעל און דעם רוקזאַק, וועלכע זי האָט פֿריִער אַריבערגעוואָרפֿן איבער דער טראַנשיי, און ערשט דעמלט שטרענג געפֿרעגט:

— וווּהין?

— קיין ספּאַרטאַנאָווקע, — האָט ליובע דערקלערט, און באַלד צוגעגעבן, געזאָגט אַ ליגן (דאָס, וואָס דער טאַנקיסט האָט פֿאַרשעריש געקוקט אויף איר, האָט זי געצווּנגען טאָן אַזוי — זי האָט געמיינט, ער וועט זי ווײַטער ניט דורכלאָזן), — אַ ברודערל איז בײַ מיר געבליבן איינער אַליין, אָן־אָ, אויף יענער גאַס...

איצט האָט זי שוין גוט געזען: ספּאַרטאַנאָווקע ברענט. ווײַטער ברענט ריגאַק, נאָר ספּאַר־טאַנאָווקע ברענט גאָר שטאַרק — עטלעכע שלייפֿן רויך פֿלעכטן זיך צונויף אין איין גרויסן שלייף, ער ציט זיך אַוועק צו דער וואָלגע. זי האָט דאָס אויך פֿריִער געזען, ווי נאָר זי איז אַרויס אויף דער פּוסטקע, נאָר פֿונדאַנען איז דער ייִשעוו געווען נעענטער, ער איז געלעגן עט־וואָס נידעריקער און מע האָט אַפֿילע גוט געזען די שפּרינגענדיקע פֿײַערן, בײַ וועלכע די רויכן הייבן זיך אָן. מיטאַמאָל האָט ליובע זיך געכאַפּט, וואָס דער טאַנקיסט טוט דאָ. גאָר נאָענט פֿון די טראַנשייען, הינטער אַ ברייטן קוסט, איז געשטאַנען אײַנגעגראָבן ביז איבער די רויפֿן אַ טאַנק, ווײַטער, פֿון ביידע זײַטן, לענגאויס דער באַלקע, זײַנען, אויך פֿאַרגראָבענע, אויך נידעריק אויסגעצויגן די רערן איבערן צעטאָפּטשעטן ווילדגראָז, געשטאַנען אַנדערע טאַנקען, פֿאַרמאַס־קירטע פֿון אויבן מיט אָנגעהאַקטע צווײַגן.

„ס'איז די פֿאָדערשטע ליניע? ווײַטער איז שוין קיינער ניטאָ?" — האָט ליובע פֿיבערדיק אַ טראַכט געטאָן. זי האָט ניט געוואַגט אַרויסברענגען קיין וואָרט — געפֿרעגט, מאַמעש אויס־געשריִען דאָס מיט די אויגן, מיטן צאַפּל, וואָס האָט דורכגענומען איר גוף, און דער טאַנקיסט (ער האָט אַלץ געקוקט שטרענג צי אויף דער אייבערשטער קעשענע פֿון איר גימנאַסטיאָרקע, וווּ די דאָקומענטן זײַנען געלעגן, צי אויף איר אַרויסשפּאַרנדיקן בויך) האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי טראַכט. אומצופֿרידן, באַדויערנדיק צי פֿאַרורטיילנדיק, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט ער געזאָגט:

— נו, מיילע, אײַלט, סערזשאַנט. און זײַט פֿאָרזיכטיק — דאָ איז אַ שטיילער אַראָפּגאַנג.

אַז גלײַך אַנטקעגן איז דער אַראָפּגאַנג אַ שטײַלער, האָט זי געוווּסט, ליובע, און וווּ ער איז ווייניקער שטייל, וווּ עס איז צווישן די קוסטעס און די הליבעס ליים דורכגעטראָטן אַ שטע־געלע, האָט זי אויך געוווּסט. דאָס שטעגעלע הייבט זיך אָן בײַ דער צענטראַלער אַליי פֿון פּאַרק, וווּ עס שטייט די סקולפּטור, — וווּ זי אַליין, ליובע, שטייט אַ ייִנגערע אויף אַ גאַנצן לעבן, אַ גליקלעכע, אַ וואַרטנדיקע, און בלויז איצט טאַקע אַ פֿאַרגליווערטע: ווײַל ווען מען רופֿט זי, ווע־מען האָט זי שוין צו רופֿן, וווּ איז איגאָרס געבליִן?..

צוגעקומען צום באַקאַנטן שטעגעלע, האָט זי, פֿאַר דעם, ווי נעמען אַראָפּלאָזן זיך אין דער באַלקע, אַ קוק געטאָן צווישן די ביימלעך, לענגאויס דער ברייטער אַליי, און מיטאַמאָל דערפֿילט, אַז עפּעס האָט זיך בײַ איר אַ ריס געטאָן אינווייניק. באַם ראַנד פֿון אַ גרויסער, קײַלעכדיקער גרוב פֿון אַ באָמבע, וואָס איז דאָ געפֿאַלן, האָבן זיך געוואַלגערט ווײַסע שטיקער ברוכוואַרג — די צעקלאַפּטע סקולפּטור, בלויז דער צאָקאָל האָט געסטאַרטשעט אויפֿן פֿריִערדיקן אָרט. צעפּאָ־לאָכעט און ווייטעקדיק האָט געוואָרפֿן זיך אין איר, ווי אויסגעקערעוועט זיך, ווי אַראָפּגעלאָזט זיך נידעריקער דאָס קינד. זי האָט שוין פֿאַר די לעצטע שאָען עטלעכע מאָל געפֿילט אַזוינס, נאָר איצט איז דער ווייטעק געווען שטאַרקער, קלעמענדיקער, אָפּגערופֿן זיך אין רוקן, און זי האָט שיִר ניט אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד — די פֿיס האָבן געציטערט. אָבער מע האָט גע־דאַרפֿט גיין. מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן האָט זי אַ זוך געטאָן דאָס שטעגעלע, וואָס שלענגלט זיך אַוועק צו דער שמאָלער ריטשקע ווײַט אונטן, אַ זוך געטאָן דעם אַנטקעגנדיקן שיפּוע און, האַלטנדיק זיך פֿאַר אַ קוסט, געמאַכט דעם ערשטן געהיטן טראָט אַראָפּ...

זי האָט נאָר אויפֿגעהויבן זיך פֿון דער באַלקע און איז מיט דעם שטעגעלע, וואָס האָט

געפירט פאַרביַי אַ סאַד און אַ הויף, אַרויס צו דער גאַס, אַף וועלכער די לוניאַווס שטוב איז געשטאַנען, ווי פּלוצעם האָט אַ ייִנגעלע פאַרצווייפלט געגומען רופן פון צווישן די צווייַגן פון אַן אומגעפאַלענעם בוים:

— טיאַטיע, טיאַטיע, העלפט! קומט אַהער!

ליובע האָט איבערגעשפּאַנט דאָס צעבראָכענע פּלויטל און דערזען: אַ סנאַריאַד צי אַ מינע האָט הויך פון דער ערד איבערגעהאַקט דעם שטאַם פון אַן אַלטן קליאַן, די שווערע צווייַגן האָבן צוגעדעקט אַן ערדשטיבל, עפּשער איינגעוואַלגערט עס, נאָר עמעצער איז דאָרט געווען אַ לעבעדיקער — אַ געוויין האָט זיך דערטראָגן פון אונטער דער ערד. דאָס יאַטל, וואָס האָט צוגע־רופן ליובען, קלענער פון וואַוועז, אַ יאָר צען, האָט מיט אַ קאַלון פאַרקליבן זיך צווישן די צווייַגן, געפּרוווט זיי אַרומהאַקן, קעדיי דערקלייַבן זיך צום טירל.

— דער באַבען איז ניט גוט געוואָרן, ווען ס'האָט אַרום און אַרום געגומען טאַראַכקען און פּאַלן, — האָט ער דערקלערט און, ווישנדיק מיטן אַרבל פונעם סאַמעטענעם פּידזשאַקעלע דעם שווייס פון פּאָנעם, צוגעדעקט אַ ביסל דאָס מויל, קעדיי שטילן דאָס קלאַפּן פון די ציין, — טאַראַכקען און פּאַלן... איך בין אַוועק אין שטוב נאָך דער באַבעס טראָפּנס, און דעמלט איז אַלץ געשען... מאַרינקע, דאָס שוועסטערל, איז אויך דאָרט, מאַרינקען הער איך, און די באַבע — ניט...

ליובע האָט שיר ניט געזאָגט: „אוי, איך מוז איילן, איך וועל דיר שיקן עמעצן פון גאַס", נאָר ניט געזאָגט דאָס, געוווּסט, אַז, מעגלעך, זי וועט קיינעם ניט געפינען, און אויב זי וועט אָנטרעפן אַף עמעצן, איז ווער ווייסט, צי ער וועט האָבן צייַט, צי ער וועט וועלן גיין אַהער, — ניין, זי האָט געדאַרפט בלייַבן. באַם יאַטל האָט קוים געקלעקט קויעך אופצוהייבן דעם שווערן קאַלון, און די קלעפּ, וואָס ער האָט דערלאַנגט מיט דער שאַרף, זייַנען געווען שוואַכע. כאָטש צווייַ, די סאַמע גראָבע צווייַגן, האָט מען געדאַרפט איבערהאַקן, — האָט זי געגומען האַקן. דער קאַלון האָט אויך זי ניט גאָר געפאָלגט, נאָר פונדעסטוועגן אייַנגעביסן זיך אין דעם זאַפטיק־פּיַיכטן האָלץ. אָבער אינעווייניק אין ליובען האָט נאָך יעדן קלאַפּ אַלץ מער און מער זיך אָפּגע־רופן דער ווייטעק, יענער, וואָס זי האָט אים שוין אַזויפיל מאָל געפילט, לויפנדיק און אומפאַלנ־דיק, און גאָר שטאַרק דערפילט אים פאַר דעם, ווי זי האָט זיך געגומען אַראָפּלאָזן אין דער באַלקע. איצט האָט דער רוקן געברענט, און אָט דאָס ברענען האָט אַפילע פאַרטויבט דעם נאָגנ־דיקן ווייטעק אין בויך, נאָר אויב דאָס נאָיען איז געווען קימאַט אַן אומפּהערלעכס, האָט דאָס ברענען אין רוקן סייַ פּלוצעם אָנגעהויבן זיך, סייַ פּלוצעם געשטילט זיך, און דאָס האָט גע־שראָקן ליובען, — אַ שווייס האָט זי באַשלאָגן ניט פון אופהייבן און אַראָפּלאָזן דעם קאַלון, נאָר פון אָט דער שרעק.

ענדלעך — און עפּשער האָט דאָס אַפילע געדויערט ניט גאָר לאַנג — איז ליובען געלונ־גען איבערהאַקן די צווייַגן. דאָס יאַטל האָט דורכגעשטופּט זיך אין ערדשטיבל און אַרויסגע־שריִען פון דאָרט, אַז די באַבע איז אויך לעבעדיק, נאָר זי איז אָפּגעשוואַכט — ער גיט איר אייַן די טראָפּנס. ליובע וואָלט דאַרפן, נאָר זי האָט ניט געטאָרט, אויך אַריין אין ערדשטיבל, — זי האָט אירס אָפּגעטאָן, — האָט זי בלויז הויך איבערגעכאַזערט דאָס, וואָס זי האָט שוין דאָ, בייסן האַקן די צווייַגן, ניט איין מאָל אָנגעזאָגט דעם יאַטל, — ער זאָל באַלד אַוועק מיט די זייַניקע, ווי זיי זאָלן זיך ניט פּילן, אין באַלקע, און פּרווון אויך אופהייבן זיך אַרויף, צום זאַוואָד. איבערגעכאַזערט עס, קעדיי די אַלטע זאָל הערן, און איז אַוועק, קוים שטעלנדיק די טריט, ווייַל ווידער האָט אַ קראַמפּיקער ווייטעק געבראָכן איר דעם רוקן.

2

אַ פּאַרטויבטע פון אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום, — די דייַטשן האָבן באַשאָסן און באָמבירט דעם יִישעוו פון דער לופט, מינעס און סנאַריאַדן זייַנען געפאַלן פון סטעפּ, גאָר אַ געדיכט פּייַער, דאָס דייַטשישע און אונדזערס, האָט מיט אַ פּייַפן, אַ ניאַווקען, אַ ברומען דורכגעטראָגן זיך איבערן יִישעוו, — אין אָט דעם געהענעם, מיט ביז בלוט צעביסענע ליפּן, מאַמעש צעריסן ווערנדיק פון ווייטעק, האָט ליובע ווי־ניט־איז דערקליבן זיך צום הויף פון די לוניאַווס און איז שוין נישט אימשטאַנד געווען ניט פאַרצייטערט ווערן, ניט דערצאָרנט ווערן, ווען זי האָט דערזען, אַז די שטוב ברענט, ווי פּיל אַנדערע, דער דאַך איז אייַנגעוואַלגערט, די הילצערנע ווערענדע איז פאַרשוווּנדן...

דער געדאַנק: „ווו איז וואַוקע, וואָס איז מיט אים, וואָס טאָן?" — איז צו ליובען דערגאַנגען ניט מיטאַמאָל. ס'איז שרעקלעך, נאָר דער ערשטער געדאַנק אירער איז געווען, אַז — אויס, איצט קאָן זי טראַכטן וועגן איר ווייטעק, וועגן דעם אומפאַרמייַדלעכן, וואָס דערוואַרט זי, און עפּעס

טאָן פאר זיך גופא: ערגעץ לויפן, מיסטאמע צו דער וואָלגע, ערגעץ זיך אהינטאָן. נאָר ניין, דאָס האָט זי פאָרט געקלערט וועגן וואָוקען — ווו האָט ער זיך געקאָנט אהינטאָן, אנטלויפן, וווּ נעמען אים זוכן? צוליב דעם האָט זי געמוזט דורכקלערן אלץ לויט א סיידער. א באָמבע, צי א סנאריאד האָט געטראָפן אינעם הויז. וואָוקע האָט אָבער דאָרט ניט געקאָנט זײַן בייס מע האָט באָמבירט, גיכער פון אלץ האָט ער זיך באהאלטן אין בלינדאזש. דער בלינדאזש אין די קוסטעס טשעריאָמוכע איז אזוי ווי גאנץ געווען. נאָר אויב ער איז דאָרט אויך ניטאָ? וואָווע — א יאטל, צי דען וועט ער איינער אליין אײַנזיצן אין א בלינדאזש? דורכקלײַבנדיק זיך אהער, האָט זי ניט איין מאָל געטראכט, אז וואָווע האָט געקאָנט ערגעץ אוועק — אפן טראקטאָר־זאוואָד, אָדער צום פאראָם, אָדער פראָסט צו שכיינים, וואָס וועלן אים שוין ניט לאָזן אף העפקער. נאָר זי האָט געטריבן פון זיך דעם דאָזיקן געדאנק, ווײַל דאָס האָט זי געקאָנט צעדרייען, ס'האָט געקאָנט זײַן בלויז אן אײַנרײדעניש. זי האָט געמוזט קומען אהער, אליין זען, אז וואָוקע איז דאָ ניטאָ, גערארפט אפילע עמעצער זאָל עס איר זאָגן, אז ער איז אוועק, אנדערש ניט...

זי איז ארײַן אין הויף און דורכן האלב־צעוואלגערטן גראָבן אראָפגעלאָזט זיך אין בלינדאזש. דאָרטן איז טונקל געווען, האָט זי צוערשט א רוף געטאָן וואָווען, דערנאָך — ניט גלייבנדיק די אויגן, אלץ באטאפּט דאָרט — די ווינקלען, די נארע, א צוגעדעקטע מיט אן אלטער קאָלדרע, געזוכט אויך אונטער דער נארע. ניטאָ. ערשט דעמלט האָט זי זיך צוגעזעצט אף דער נארע און אן אָפגעטעמפטע, א מידע, א פארלוירענע, אן אָפּהענטיקע געלאָזט סטאם אזוי פליסן אירע געדאנקען. אָט דאָ איז זי, כאָטש אין א נאָרע, אָבער דאָך — אין א באהעלטעניש, אונטער א גאנץ זיכערן דאָך. עפשער בלײַבן דאָ דערווײַל? ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די ווייען, נאָר איצט אזוי ווי שטילער — ווײַל זי זיצט, ווײַל זי באוועגט זיך ניט. און ווען זי זאָל זיך גאָר אויסצי:ען אף דער קאָלדרע און אײַנדעקן זיך מיטן שינעל — וואָלט אוואדע גוט זײַן. זי האָט געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר מיט איר, און אין איר, אין די דאָזיקע שאָען, מינוטן, אין די צײַט־אָפשניטן צווישן די ווייען, די צײַט־אָפשניטן, וואָס ווערן אלץ קירצערע, — געוווּסט, — זי האָט דאָך געלערנט- כאָטש ניט קיין סאך, נאָר געלערנט דאָס אין דער מעדשול, — אי ווי:אזוי דאָס קינד ליגט פארן האָבן, אפילע אויב א זיבעלע (גראָד נאָך א האלבע צאָרע — דאָס זיבעלע), אי וואָס עס קומט פאָר מיט איר, מיט דער מאמען, דער געווינערן... א מאמע, א געווינערן!.. זי האָט ווינטער, אפן דאָן, אין א כוטאָר, געהאָלפן נעמען דאָס קינד בא א געווינערן, א פויערטע, בא וועלכער זי איז אײַנגעשטאנען. געשען איז עס טיף אין דער נאכט, א שרעקלעכע זאווײ־נאכט, מע האָט אראָפגעבראכט עפּעס א באבקע, א באהאוונטע אין די דאָזיקע זאכן. זי, ליובע, האָט נאָר מיטגעהאָלפן, דעריקער אכטונג געגעבן, אז אלץ זאָל זײַן ריין, אפילע די באבקע אויסגעקלײדט אין איר ווײַסן כאלאט און אליין ארומגעוואשן איר די הענט מיט ספירט... עס האָט זיך אויך דערמאָנט אזוינס — אן אויסגעלייענטס פון א זשורנאל: אין אפריקע, דאכט זיך, בא די בושמענער, ווען א פרוי דאַרף געבוירן, גייט זי איינע אליין אוועק אין וואלד, אין דזשונגל, ערגעץ אין א פארבאָרגן אָרט און ברענגט דאָס קינד אף דער וועלט... איינע אליין — ווער לערנט זי אויס? און זי, ליובע, ווייסט כאָטש עפּעס־וואָס, און דאָ איז פאָרט ניט קיין דזשונגל — ערגער, ווי דער דזשונגל, אָבער ניט קיין דזשונגל...

זי האָט זיך א הייב געטאָן פון אָרט. וואָס הייסט, זי וועט דאָ בלײַבן? בא וועמען? מע דאַרף לויפן! און דאָ האָט זי געוואָרפן א בליק אפן האלב־צעעפנטן טירל און א ציטער געטאָן: דער שפּיץ פון א צעטעלע האָט קוים געשטעקט צווישן די ברעטער, פון דרויסן זעט זיך עס אוואדע בעסער — ווי האָט זי ניט באמערקט? וואָווע האָט געשריבן אײַליק, מיט א בלײַער: „מאמינקע, איך בין בא די הײַדאמאקינס אין גאָרטן, בא זיי אין בלינדאזש געפינען זיך פארבינדלער — דאָרט בין איך". געשריבן האָט ער, מיסטאמע, נאָך ביז דעם, ווי די שטוב איז צעקלאפּט געוואָרן, ווען ניט אזוי, וואָלט ער עפּעס געזאָגט וועגן דעם. ליובע האָט געוווּסט, וווּ יענער הויף און יענער גאָרטן זײַנען. א כאפּ געטאָן דעם רוקזאק, האָט זי איינס־און־צוויי ארויסגעוואָרפן פון דאָרט עטלעכע פושקעס קאָנסערוון, אייניקע אנדערע זאכן — נייטיקע, נאָר אלע צוזאמען וועגן זיי ניט ווייניק, איבערגעלאָזט בלויז א האלב לעבל ברויט, די ווינדעלעך און העמדעלעך, וואָס זי און די כאווערטעס האָבן אופגענייט, א פאָר פאקעטן מארליע — ווי ווארפט מען ארויס אזוינס? — און איז אוועק.

צו די הײַדאמאקינס איז איצט געווען ניט אזוי גרינג דערקלײַבן זיך, נאָר זי האָט זיך דערקליבן. זי האָט, ווײַזט אויס, אָנגעטראָפן דאָ אף סאָלדאטן, וואָס זײַנען ערשט געקומען אהער. מידע, פארשוויצטע, און אפילע ניט אזוי קיין פארשטויבטע, ווי אויסגעשמירטע אין קויל, אין סאַזשע, האָבן זיי, צוגעבויגענע אָדער שטייענדיק אף די קני, אײַליק געגראָבן שוצגראָבנס אין גאָרטן, אייניקע האָבן זיך געפּאָרעט בא קוילנווארפערס, קעגנטאנקען־ביקסן — ארומגעלייגט זיי מיט שטיינער. ליובע האָט פונדעסטוועגן געפרווּוט פרעגן בא איינעם, בא א צווייטן, צי האָט מען

דאָ ניט באַמערקט קיין יאטל, נאָר די סאָלדאטן האָבן געקנייטשט מיט די אַקסל — האָט זי גע־נומען זוכן דעם בלינדאַזש.

זי האָט זיך קוים געהאַלטן אױף די פיס, קוים געשטיקט אין זיך דאָס געוויין, און בלויז וועז זי האָט דערזען א פאַרבינדלער, וועלכער האָט אין גאַנג אַנגעוויקלט טעלעפאָן־דראָט אױף א בלעכן קלעצל, וואָס איז בא אים געהאַנגען אױף דער ברוסט, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דער בלינדאַזש מוז זײַן דאָרט, וווּהין עס ציט זיך דער דראָט. געצויגן האָט ער זיך צו א טויבנשלאַק אױף הויכע סלו־פּעס. סאַמע אונטערן טויבנשלאַק, צווישן אַלטע ציגל, צונויפגעלייגטע אין ניט קיין גרויסע סטאָסלעך, האָט ליובע באַמערקט וואָװעס הויל, שוואַרץ קעפּל און זײַנע שאַרפע אַקסלען — ער האָט, שטייענדיק אינעם גראָבן, וואָס האָט מיסטאָמע טאַקע געפירט אין בלינדאַזש, אַרויס־געלייגט אױף די ציגל עמעצנס שינעלן, רוקזעק, עטלעכע רייפלעך דראָט.

דערזען ליובען, איז דאָס יאטל איר אַרויס אַנטקעגן מיט א געמישטן אויסדרוק אױפן פאַר־שמאַכט געוואָרענעם פּענעמל — אַן אויסדרוק פון שרעק און פרייד — ניט קיין זיכערע, אַנגע־שפּיצטע.

— די מאַמע האָט אײַך געשיקט אַהער? ווו איז זי? — האָט ער געפרעגט.

— קום! — ליובע איז געווען בייז; זי האָט ניט געגרייט זיך זײַן אַזאַ, און עפּשער ניט גאָר זיך אָפּגעגעבן קיין כעזשבן, פאַרוואָס זי ענטפערט אַזוי האַרב, נאָר דאָך געטאָן דאָס מיט א מיין — וואָװע זאָל מער גאָרנישט ניט פרעגן, כאָטשבי איצט, באַלד — זי האָט אים ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, און קיין קויעך ניט געהאַט צו ענטפערן.

וואָװע האָט א קוק געטאָן אױף איר א צוגעשטילטער, א פאַרדײַגעטער, עפּעס האָט ער דער־פילט און שוין אליין אויך מוירע געהאַט פאַר דער פראַגע, וואָס איז בלויז פאַרגליווערט געוואָרן אין זײַנע שוואַרצע אייגלעך. טאַקע עפּשער דערפאַר, ווײַל ער האָט געוואָלט פאַרטרײַבן די דאָ־זיקע פראַגע, צעוויגען די ספּייקעס זײַנע, האָט ער מיטאַמאָל, אונטערטאַנצנדיק מאַמעש פונעם גערדאַנק, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ, און פון אומגעדולד, אויסגערופן:

— אוי, דאָרט איז א טעלעפאָניסט פאַרוווּנדעט, אין בלינדאַזש — פּאַווליק! בינדט אים איבער — איר קענט דאָך!

ליובע האָט געמוזט אַראָפּלאָזן זיך אין בלינדאַזש. יענער פּאַווליק, א יונגער סאָלדאַט, האָט דאַפּקע געזאָגט, אַז ס'איז בא אים בלויז א דראַפּ, און ס'האָטווירקלעך געקאָנט הייסן — א דראַפּ, די קויל איז ווי מיט א בײַטש זיך דורכגעגאַנגען איבער דער פּלייצע, צעהאַקט אין עטלעכע ער־טער דאָס לײַב אױףביידע לאַפּעטקעס, נאָר א באַנדאַזש איז נייטיק געווען, און טאַקע א היפּשער. די טעלעפאָניסטן האָבן דרינגענדיק געדאַרפט ערגעץ אַריבערגיין, דער, וואָס האָט צונויפגע־וויקלט דעם דראָט, איז שוין אויך אַרײַן אין בלינדאַזש און פּאַשעט אונטערגעיאָגט — ניט ליי־בען, נאָר דעם, וועמען זי האָט איבערגעבונדן. און ליובע — זי האָט, אַנוויקלענדיק אױפן סאָל־דאַטס ברייטער פּלייצע און אױף דער ברוסט דעם לאַנגן בינט, ניט וואָס געצײַלט, — פונקען זײַ־נען בא איר געשפּרונגען פון די אויגן, א קאַלטער שווייס האָט זי באַשלאָגן. אַלע אירע קויר־כעס האָט זי אַנגעווענדט ניט צו קרעכצן, און געוואָלט האָט זי שרײַען, ווײַל דעם ווייטעק, וואָס האָט זי ווידער געבראָכן אױף צוויי, וועלכן זי האָט געשטיקט אין זיך, האָט מען ניט גע־קאָנט פאַרגלײַכן מיט די ווייטעקן ביז איצט, עס האָט זיך איר שוין ביכלאַל ניט געגלייבט, אַז זי וועט קאָנען אוועקגיין פונדאַנען.

נאָר אָט האָט ליובע מיט ציטערנדיקע פינגער פאַרקניפּט די עקן פונעם בינט, די טעלע־פאָניסטן זײַנען אוועק, און די ווייען האָבן א ביסעלע אָפּגעלאָזט — איז זי אַרויס מיט וואָװען אין גאָרטן און געלאָזט זיך גיין... וווּהין? אָט דאָס איז דאָך עס, וואָס זי האָט ערשט געדאַרפט באַשטימען, — וווּהין. צום טראַקטאָר־זאַוואָד איז פונדאַנען ווײַט, און עס וועט ווידער אויסקו־מען אַריבערקלײַבן זיך איבער דער באַלקע. זי איז דאָס ניט בעקויעך געווען צו טאָן. כוץ דעם, האָט מען אין יענער זײַט שטאַרק געשאָסן. ס'האָט שוין גענומען צופאַלן די נאַכט, און דער אָפּשײַן פונעם האַרמאַטן־פײַער, ניט געקוקט אױפן רויך, איז געוואָרן העלער און, ווי ס'האָט זיך געדוכט, נעענטער. בא דער וואָלגע האָט מען אַזוי ווי געשאָסן ווייניקער, און ביכלאַל האָט זיך געדאַכט, אַז בא דער וואָלגע, הינטער די הויכע אָפּהאַנגען פונעם ברעג, וועט זײַן זיכע־רער, דערפאַר האָט ליובע, ניט אָפּקערעווענדיק ווײַט פון וועג, אוועקגעלאָזט זיך מיט וואָװען דורך די הינטערהויפן צום טײַך. מע איז אָבער אָפּגעגאַנגען ניט ווײַט — וואָװע האָט נאָר דורכ־געקוקט זיך אין דער שמאָלער עפענונג פון א פּלויט, ווו איין ברעט איז אָפּגעריסן געווען, ליובע האָט אויך געפּרוווט דורכקריכן, נאָר ניט געקאָנט, די פיס האָבן זיך איר גענומען אונ־טערהאַקן, און זי האָט מיט א קרעכץ אַראָפּגעלאָזט זיך אױף דער ערד.

פּלינק אומגעקערט זיך, האָט דאָס יאטל געפרעגט:

— וואָס איז מיט אײַך? איר זײַט פאַרוווּנדעט?

זי האָט א טראַכט געטאָן, ווי, אגעוו, אַלע געווינערנס טראַכטן, אַז זי קאָן אומקומען און מע זאָל גאָרנישט ניט וויסן, האָט זי, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, שטיל, נאָר ווי מעגלעך בוילעט, געזאָגט:

— איך בין ניט פאַרוואונדעט, וואַווינקע, איך דאַרף געבוירן א קינד, איגאָרס קינד, ער איז געווען מײַן מאַן.

— איגאָרס קינד? — האָט וואָווע איבערגעפרעגט.

זי האָט געזען, אַז ער פאַרשטייט ניט, און עפּעס פאַרשטייט ער שוין יאָ, ער איז פאַרלוירן, האָט זי געזאָגט, באַמיִענדיק זיך זײַן לאַכלוטן רויִק:

— רוף מענטשן, רוף עמעצן, טײַערער, לויף צום וועג...

וואָווע האָט אין עטלעכע מינוט אַרום זיך אומגעקערט מיט צוויי אַלטע לײַט. איינעם, זייער א הויכן, א גלײַכן, אין א צעריסענער ברעזענטענער קורטקע און אין א מאַטראָסיש היטל, א בעסקאָזירקע, האָט ליובע געקענט. דאָס איז געווען א היגער, א ספּאַרטאַנאָווקער פישער, ניקאַנדער, וועמען יונגוואַרג האָט הינטער די אויגן, און אַמאָל אויך אין די אויגן, און זי, ליובע, אויך, גערופן פּאָלונדרע, ווײַל עפּעס האָט עס געקלונגען קימאַט ווי זײַן ניט געווײַנלעכער נאָמען, און ווײַל ער, דער אַלטער פישער, האָט, נעמענדיק אָפּט א ביסל בראַנפן, אַזוי טאַקע זיך אַליין גערופן און געקלאַפּט זיך אין דער דאַרער ברוסט, א צוגעדעקטער מיט דער שטענדיק קויטיקער טעלניאַשקע. דער צווייטער איז געווען אַן אומבאַקאַנטער, א געפּאַקטער, כאָטש, צו זען, א רירעוודיקער, מיט ווי־ניט־איז אַן אַרומגעשוירענער שוואַרץ־גרײַזער באָרד און א קליין קעפּקעלע, א פּאַרוקטס ווײַט אפן פליכעוואַטן קאָפּ.

צוגעקומען נאָענט צו ליובען, וועלכע איז האַלב געלעגן, אָנגעשפּאַרט מיט דער פלייצע אינעם פלויט, צוגעדעקט די פיס מיטן שינעל, האָבן ביידע מאַנצבלען שווײַגנדיק באַטראַכט זי עטלעכע ווײַלעס, דערנאָך איז מען אָפּגעגאַנגען אין א זײַט און ניקאַנדער האָט מיט זײַן באַקאַנטן הייזעריקלעכן באַס געזאָגט:

— נו, קלאָר, פּיניע, א קלאָרע זאַך... איך וועל דאָ בלײַבן, פּיניע, און דו פאַרנעם דאָס יאַטל — לויף, רוף דײַן אַלטע. ניורקע, די שנור מײַנע, און אַלע, האָבן ניט וואָס צו וואַרטן, — זאָל מען זיך אַראָפּלאָזן צום טײַך, און הײַדא צום פּאַראָם. מיר וועלן זיי אָניאָגן, אויב אויף יענער זײַט — איז נאָך בעסער!

— און די זאַכן אונדזערע — מײַנע פּעקלעך און אײַער זאַק — די שנור איז דאָך מיטן ברעקל אויף די הענט? — האָט דער צווייטער געפרעגט, א פאַרלוירענער.

— די זאַכן? זאָלן זיי בלײַבן אין דער קאַנאַווע. קיינער וועט זיי איצט ניט נעמען, זאָלסט אפילע צוצאָלן. מיר וועלן זיי אַוועקטראָגן, אויב מיר וועלן ביכלאַל אַוועקטראָגן די קעפּ אויף די פלייצעס! ווען דו ברענגסט מיר בעסער דאָס פלעשל, וואָס ליגט א פאַרקאָרקעוועטס אויבן אין זאַק...

טרערן האָבן פאַרגאָסן ליובען דאָס פּאָנעם, און זי האָט ניט געוווּסט — ס'איז פון פאַרצווייפלונג, פון שרעק, פון ווייטעק, פון אומבאַהאָלפנקײַט, צי גאָר — פון עפּעס גוטן, זייער טײַערן, וואָס האָט ציטעריק אָנגעפילט איר האַרץ. מע לאָזט זי ניט אַליין. פרעמדע, סאַמע צופעליקע מענטשן — אָבער מענטשן. ס'איז נאָך ניט די רעטונג, עפּשער אינגאַנצן קיין רעטונג ניט, און דאָך איז עס א שטיצע און א טרייסט, און ס'איז גוט צו וויסן עס אפילע פאַרן טויט.

פּיניע האָט זיך אומגעקערט מיט אַן אַלטיטשקער, גאָר א קלייניקער, און אויך, ווי ער, א געפּאַקטער, צי דאָס האָט די גרויסע געקעסטלטע שאַל, וואָס האָט, אַן אָנגעוואָרפענע אפן קאָפּ, דערגרייכט איר ביז די קני, זי געמאַכט אַזוי ברייט.

— טו א קוק, דאָבציע...

„דאָבציע", — באַ ליובען האָט דאָס אָפּגעקלונגען אין די אויערן, ווי „דאָבראַיאַ" — גוטע. און אַזאַ איז טאַקע געווען דאָס פּאָנעם, וואָס האָט זיך צוגעבויגן צו איר, א פאַרטונקלטס פון דער שאַל — א געקנייטשטס, אַן אופמערקזאַם־צאַרטס, אַן ערנסטס, מיט טיפע, גרויסע, מיסטאָמע שוואַרצע אויגן.

געפּאָלגט דער אַלטיטשקערס א מאַך מיט דער האַנט, זײַנען פּיניע און ניקאַנדער אָפּגעגאַנגען א ביסל ווײַטער לענגויס דעם פלויט. בלויז דעמלט האָט די אַלטיטשקע שטיל א שעפּטשע זיך געטאָן מיט ליובען, דערנאָך אויסגעגלײַכט זיך און געזאָגט הויך, געבנדיק אַזויאַרום צו וויסן, ווי עס האַלט דאָ:

— מע וועט דיך טראָגן, נישקאָשע... ביז מע קאָן נאָך — וועט מען דיך טראָגן!

טשאַרנע איז געגאַנגען מיט די פיר אויסשפּירער, וואָס האָבן זיך צעצויגן אין א געבראָכן קייטעלע, און אלעמאָל, נאָך דעם, ווי מע האָט זיך געמוזט פאנאנדערלויפן אין די זײַטן און פאלן, ווײַל פּײַנטלעכע אעראָפּלאנען זײַנען דורכגעפלויגן נידעריק, האָט זי מעכאניש פארנומען איינס און דאָס זעלבע אָרט אינעם קייטעלע — הינטערן קאָמאנדיר, דעם שטארק קורנאָסן ייִנגערן סערזשאנט סקאָריוקינען, וועלכער האָט געשפּאנט דער ערשטער. די איבעריקע אויסשפּירער האָבן זיך אזוי אָדער אנדערש געביטן מיט די ערטער, נאָר זי האָט ווי באדארפט זען פאר זיך סקאָריוקינס דארלעכן, פארברוינטן נאקן, מיטן ווײַסן פאסיקל דאָרט, וווּ די טונקעלע האָר זײַנען גלײַך אונטערגעגאָלט, דעם אָפּגעריבענעם רימען פון זײַן אויטאָמאט, וואָס האָט אָפּגעצויגן און צונויפגעקנייטשט דעם פאנאנדערגעשפּיליעטן קאָלנער פון דער גימנאסטיאָרקע, זען ווי דאָס דורכגעשוויסיקטע, הארטע כאקי־שטאָף קנייטשט זיך אָן אופהער אף זײַן פּלייצע... זי האָט דאָס אלץ מאמעש רעפלעקסיוו פיקסירט מיט די אויגן, נאָר געוווּסט אזויארום, אז זי גייט. זי טוט דאָס, וואָס מע דארף טאָן.

זי האָט אפילע ניט באנומען, צי זי טראכט עפּעס. אָן אָפּגעטעמפּטע, אָן אויסגעהוילטע, אָן איבערגעבערענטע אינערלעך, האָט זי געטראכט, דאכט זיך, איינס: „דער פאראָם, מע אײַלט צום פאראָם. צי איז ער גאנץ?״ נאָך א געדאנק איז עטלעכע מאָל אופגעקומען און האָט זי געקימערט, דאָך האָט זי זיך געקלאמערט אין אים: „מע גייט קיין רינאָק ניט צוליב מיר, כאָטש צוליב מיר אויך. גוט, וואָס כ׳גיי ניט אליין״. דאָס איז געווען פאכעד, זי האָט געוווּסט — ס׳איז פאכעד, און פאָרגעוואָרפן זיך דעם פאכעד. איינצײַטיק האָט זי גראָד אין דעם, וואָס זי האָט זיך געהאלטן הינטער סקאָריוקינען און איז פּינקטלעך ארײַנגעפאלן אים אין די טריט, געזען עפּעס א בארעכטיקונג פאר זיך. עפּשער האָבן אלע פיר מוירע פונקט אזוי, ווי זי? מע האָט מוירע, און מע גייט. און זי גייט אויך.

אָט אזוי האָבן די געדאנקען אירע געדרייט זיך, ווי איר האָט געדאכט, ארום איינעם און דעם זעלבן, און זי האָט געוואָלט, זיי זאָלן זיך דרייען בלויז ארום דעם. נו, נאָך וועגן עפּעס האָט זי ניט אופגעהערט טראכטן: אז מע שיסט און באָמבעס פאלן ארום און ארום. זי האָט געפילט — די ערד ציטערט... נאָר דאָ האָבן די געדאנקען זיך ארויסגעריסן פונעם קרײַז, אין וועלכן טשארנע האָט זיי, באוווּסטזיניק צי אומבאוווּסטזיניק, גיכער אומבאוווּסטזיניק, געוואָלט אײַנשליסן און ס׳האָט ווי אָן אָפּגרונט זיך אנטבלויזט פאר איר. דאָרט, הינטן, אין פּײַער, זײַנען געבליבן דאניִעל און זעליק. און יאסענעוו איז ערגעץ פון יענער זײַט פּײַער, נאָר ער אײַלט שוין מיסטאם אויך אהער. און פון יענער זײַט פּײַער, נאָר גאָר־גאָר ווײַט, — די דאָזיקע ווײַט איז ווי מיט אש פארשאָטן, א שווינדלדיקע, א וויסטע, — דאָרט זײַנען שוניע און די מאמע... שוניע — א ייִנגל, וואָס האָט ערשט ווי א זאנגעלע זיך ארויסגעצויגן, און די מאמע — אָן אלטע, א קראנקע, אָן אומבאהאָלפענע. אין א שטילער צײַט, אין א רויִקער היים, וואָלט דאָס נאָך געווען א מאמע, וואָס פירט די שטוב אין ריינקײַט, קאָכט און באקט געשמאק, און יעדער בליק און יעדער צוריר פון אירע הענט איז ווי א ניט ארויסגעבראכטע בראָכע. נאָר איצט, אז זי דארף עס זײַן דער גוואר, דער שירעם און דער אייצעגעבער? איצט! — וווּ — איצט? שוין פערצן כאָדאָשים! — ווער קאָן וויסן, וואָס עס איז מיט איר און מיט שוניען...

אָט, ניט געוואָלט טראכטן, ניט געטאָרט טראכטן — און עס טראכט זיך! ניט געוואָלט טראכטן... און זי פארגעסט זיי דען ווען־ניט־איז? אויך הײַנט, וועקלאָזנדיק זיך אהער אף פאטיטשענקאָס מאשין, קעדיי דעריאָגן דאניִעלן — ווער האָט געקאָנט וויסן, וווּ און אין וועלכע אומשטענדן זי וועט זען זיך מיט אים, — האָט זי דען ניט געדענקט וועגן שוניען און דער מאמען? און ניט דערפאר, געוויינלעך, לאכלוטן ניט דערפאר, ווײַל זי האָט אף דער מאשין דערזען זעליקן. ניט דערפאר, ווײַל זי האָט דאָך פאָרט דערזען אים און זעמליאניצינען שוין נאָך דעם, ווי זי האָט באקומען טימאָפיי מיכײַלאָוויטשעס האסקאָמע מיטצונעמען זי. פון ערגעץ זײַנען זיי אָנגעקומען, ארויס פון עפּעס א הויף, דאָרט, אין דובאָוווקע, זעמליאניצין און זעליק, און זי האָט זיי ערשט דעמלט דערזען, נאָר שוין גאָרנישט ניט געענדערט. אפּצעלאָכעס זיך, צי אפּצעלאָכעס — וועמען? זעליקן, דאניִעלן? און נעכטן אָפּדערנאכט, ווען זי האָט אים דערזען, דאניִעלן, בא פּאוועל אלעקסייעוויטשן אין ערדשטיבל, אף פּאוועל אלעקסייעוויטשעס געלעגער, — אין דעם מאָמענט, אוואדע — ניט, נאָר שפּעטער מיט א מינוט, ווען זי איז שוין ארויס, מאמעש אנטלאָפן פונעם ערדשטיבל, און די גאנצע נאכט, וואָס זי האָט קיין אויג ניט צוגעמאכט אפן שמאָלן כאלאָים־בעטל, וואָס מע האָט פאר איר אוועקגעשטעלט אינעם בײַדל פון מעדסאנבאט, וווּ די דאָקטוירים וווינען, אלע לאנגע באנאכטיקע שאָען האָט זי דען ניט געטראכט וועגן דער מאמען און דעם זון, אז — וואָס טוט זי, וואָס גייט איר אָן, בייס אזא גרויסער אומגליק האָט זי געטראָפן! זי טרייסט זיך: עפּשער לעבן זיי פאָרט ערגעץ, עפּשער זײַנען זיי אפילע ארויסגעפאָרן און זי ווייסט ניט, וווּ מע איז? און אָפּט טראכט זי גאָר אזוינס: אז גראָד זי קאָן ניט

דערלעבן צו דער באגעגעניש מיט זיי, מיט די פארלוירנגעגאנגענע, ווײַל גאָר ניט זיי, נאָר זי וועט בלײַבן ליגן ערגעץ א טויטע אַף דער ערד. דאָס קאָן געשען אויך אָט־אָ באלד, און א ביסל שפעטער, און גאָר שפעטער, ווער ווייסט — ווו, ווער ווייסט — ווען? און אויב אזוי, טוט זי דאָך, ווי די מאמע פלעגט זאָגן: „א לעבעדיקער מענטש דארף זײַן א לעבעדיקער...״

טשארנע איז געגאנגען און געמיינט, אז זי טראכט שוין בלויז אָט דאָס, — פארנומען אי דעם פאָרווורף, אי די בארעכטיקונג, ביידע ניט קיין קאטעגאָרישע. ערשט, זי האָט געטראכט נאָך און נאָך. אָן קיין שום סיידער זײַנען געקומען די געדאנקען, און דאָך איז א באשטימטער סיידער פאָרט געווען, און אויב זי האָט עפּעס ארומגעטראכט אזוינס, וואָס וואָלט דארפן אופשווימען א ביסעלע פריִער, ציִ עטוואָס שפעטער, האָט זי שוין דערנאָך עס אוועקגעשטעלט אַף אן אָרט, ווו עס וואָלט דארפן זײַן לויטן סיידער נאָך. און אלץ דערפאר, ווײַל אלע איקערדיקע פעדעם פון איר לעבן זײַנען זיך צונויפגעקומען דאָ, אַף דער אופגעטרייסלטער ערד פון אָט דעם צעפראלטן סטעפּ, אין אָט דעם צעסארפעטן טאָג, וואָס ווערט אלץ מער און מער אָנגעלאָדן מיט פײַער און דורכגעזאפּט מיט רויך.

ווען וועט פּאַוועל (גראָד אין געדאנק איז איר שווערער אָנצורופן אים אזוי — פּאַוועל. בייס מע זעט זיך, איז גרינגער. אין געדאנק איז ער פאר איר, ווי פריער — „פּאַוועל אלעקסייעוויטש״, און אפילע — „יאסענעוו״. „דער גענעראל״ — דאפקע ניט. פארוואָס? ווער ווייסט, פארוואָס? עפשער, ווײַל ווען זי האָט אים גערופן „גענעראל״, איז ער פאר איר געווען גאָר א ווײַטער, ניט קיין דערגרייכבארער — הוילע אכטונג, אנציקונג?), ווען וועט פּאַוועל זיך דערוויסן, אז זי איז אוועק אין לעמעכאָווס דיוויזיע, און אז ס'האָט זי פארטראָגן אינעם אָפּגעשניטענעם — נו, יאָ, אינעם אָפּגעשניטענעם — קונגוראָווס פאָלק? קוקארינען איז געפעלן געוואָרן איר אידיי אָנצושרײַבן און אָפּשיקן דורך ראדיאָ אָדער מיטן פארבינדונג־אעראָפּלאָן א קאָרעספּאָנדענץ פארן אָרדנטלעכן נומער וועגן א דיוויזיע, — אין צײַטונג הייסט אלץ, אָנהייבנדיק פון א ראָטע — „סובאָפּטיילונג״, — וואָס האָט אופגעהויבן זיך לויט אן אליארעם אין א שלאכט־מארש, און אליין דער מארש זאָל אויך באשריבן ווערן. ס'איז שוין קלאָר געווען הײַנט אינדערפרי, — דער רעדאקטאָר האָט דערווײַל וועגן דעם געקאָנט ריידן אפילע מיט אן אייגענעם מיטארבעטער דורך אָנצוהערענישן, נאָר ס'איז קלאָר געווען, אז די גאנצע ארמיי האלט בא אָפּגעשיקט ווערן אפן פראָנט, און אז נאָך איין דיוויזיע — יאסענעוו איז אהין דרינגענדיק ארויסגעפאָרן, — הייבט זיך אוף, קעדיי אוועק לויט לעמעכאָווס מארשרוט. און טאקע דעמלט, בייס אָט דעם שמועס, ס'הייסט, מיט א פאָר מינוט פריִער, איידער דער פאָרשלאָג אָנצושרײַבן די קאָרעספּאָנדענץ איז ארויסגעזאָגט געוואָרן, האָט ער איר דערציילט, קוקארין, אי וווהין יאסענעוו איז אוועקגעפאָרן, אי וווהין פּאַוועל אלעקס־ייעוויטש האָט אָפּגעשיקט קרעמעזן, אי אז דער לאנדסמאן אירער איז נעכטן געווען אין רעדאקציע, געוואָלט זען זי, טשארנען, און אים, געוויינלעך, אויך — דער סעקרעטאר האָט אין א שמועס דורכן טעלעפאָן דערמאָנט וועגן דעם פּאָדפּאָלקאָווניק קרעמעזעס א צעטעלע. קוקארין האָט כיטרע — קוים־קוים צו מערקן, נאָר כיטרע צוגעשמייכלט, און זי האָט ווי פון אונטער דער הויט אַף זײַן פּאָנעם, פון צווישן די קנייטשעלעך בא די אויגן און באם מויל ארויסגעלייענט, וואָס ער טראכט, און דאָך האָט זי ארויסגעזאָגט איר פאָרשלאָג, און ער איז גערן, זייער גערן, זייער היציק, ווי קוקארין קאָן דאָס, אָנגענומען געוואָרן, און אלדאָס איבעריקע איז שוין אוועק אָט אזוי, ווי ס'איז אוועק — אַף א צופעליקער מאשין האָט זי גאנץ שנעל דערקליבן זיך קיין דובאָווקע, דאָ לײַכט דערוווסט זיך, וווהין דאניִעל איז אוועקגעפאָרן. — אַף א רעקאָגנאָסציראָווקע? דאָס איז גאָר אינטערעסאנט! און פאטיוטשענקאָן מיט זײַן מאשין מיטן צוטשעפּ האָט אליין דער צופאל איר צוגעשיקט... קוקארין האָט זיך אוועקגעטראָגן אַף זײַן אלטינקן „גאזיק״ אין יענער דיוויזיע, וווהין פּאַוועל אלעקסייעוויטש איז אוועקגעפאָרן, איז ווער ווייסט, ווי לאנג ער וועט אויסהאלטן, קוקארין, די צונג זאָל בײַסן — עפשער האָט ער שוין אפילע געזאָגט פּאַוועלן, וווהין ער האָט אָפּגעשיקט — אָפּגעשיקט! — זײַנעם א קאָרעספּאָנדענט?..

פּאַוועל וועט האָבן גרויס אגמעסנעפעש: ניט ווײַל — דאניִעל, און ער קאָן עפּעס מיינען, פּאַוועל. ער שטייט העכער פון אזעלכע זאכן, פון קליינלעכן אייפער. כוץ דעם, ווייסט ער, ווי עס האָט געהאלטן בא זיי, בא איר און דאניִעלן, סײַ מיט יאָרן צוריק, אין דער יוגנט, סײַ פאראיאָרן, בייס מע האָט זיך ווידער געטראָפן. ניט אלץ ווייסט ער — דאניִעל איז פּאָשעט געבליבן אירער א באקאנטער, א קאלטער מאלעך — און גאָר. און אזוי איז גוט. דאָס ווייסט פּאַוועל, און דאָס האָט ער מיסטאמע געוואָלט וויסן. פון דעם, ווי זי האָט זיך געצויגן צו דאניִעלן פאראיאָרן, פון איר פּרווו עפּעס וועקן, אָנהייבן פונדאָסנײַ, אָנהייבן אנדערש, און פון די אנטוישונגען אירע — ווייסט ער ניט. און זי וואָלט דאָך טאקע דארפן לאכלוטן ניט שוויגן זיך, פארלירן יעטווידן שטאָלץ, אַף צו דערציילן אזוינס. ווײַל ווי וואָלט ער געקוקט אַף איר, פּא־

וועל? כאָטש — גאָרניט, אבסאָליוט גאָרניט, נאָר פונדעסטוועגן... דאָס דאַרף פאַרטראָגן ווערן, ווי אַפּן וואַסער, דאָס דאַרף ליגן טיף אין הארצן. ס׳איז באַגראָבן. און עפשער — ניט, האַ?..

טאַקע ווײַל אַזוי, ווײַל דער „ניט” האָט נאָך ערגעץ אָפּגערופן זיך, האָט זי באַשטימט אַלץ אָפּהאַקן, — הײַנט, שוין דערווײַזן זיך, אַז זי קאָן דאָס טאָן, — פאָרן און זאָגן אים, דאַניִעלן, אַז דאָס איז זי געווען באַנאַכט אין יאַסענעווס ערדשטיבל. זי איז, פאָרנדיק, נאָך קימאַט ווי זיכער געווען, אַז ער האָט זי ניט דערקענט. ער האָט זי אָבער יאָ דערקענט. נו, איז אוואַדע גוט. געיאָגט האָט זי נאָך אַ זאַך צו דאַניִעלן: זי האָט אים געוואָלט אַ קוק טאָן אין די אויגן. און טאַקע אויסשרײַען פון טיפן הארצן: „האָסט פאַרלוירן, דאַניִעל, אַף שטענדיק!” און עפשער גאָר אַזוי: וואָס ער זאָל ניט קלערן וועגן איר, איז עס בעסער פון דעם, וואָס עס איז אינדערעמעסן? וואָס זשע האָט זי דאָ געקאָנט פאַרלאַנגען מיט איר קומען צו אים, מיט איר זאָגן אַליין וועגן זיך אַלץ? ער וואָלט איר מיסטאמע מויכל געווען עמעצן אַנדערש, אָבער ניט יאַסענעוון. עפשער האָט ער דאָס אַפילע אַ קלער געטאָן. „און גאָר?” — האָט ער געפרעגט. און כאָטש זי האָט געוווּסט, פון וואָס אָט דער „און גאָר” איז געקומען, — ווײַל דאַניִעל האָט זיך געהאַט זײַנע, אינגאַנצן אַנדערע זאָרגן, פריִער, ווען זי איז צוגעגאַנגען צו אים, געוואָרט, ער זאָל קענען רעדן מיט איר, און נאָך מער — ווען זי האָט שוין גערעדט מיט אים, און כאָטש זי האָט אויך געוווּסט, אַז זי שטראָפט זיך ביכלאַל צו האַרב און טוט דאָס בעקיוון, האָט זי ניט געוווּסט: עס שטעקט דערין אַ שטיקל עמעס אָדער ניט, אַז דאַניִעל האָט די רעכט צו טראַכטן וועגן איר ניט גוט?

עס האָבן געמאַכט פּרוּוון, — ווי פלעגט דאָס זאָגן איינער אַ פּראָפעסאָר, אַ לינגוויסט, אינעם פּעדינסטיטוט, ווו זי האָט געלערנט, און די סטודענטן פלעגן פון אים לאַכן, — געמאַכט פּרוּוון אינטימיזירן זיך מיט איר עטלעכע אָפיצערן פון דער דיוויזיע, און ס׳איז ניט גרינג געווען יעדן אַף אַן אַנדער אויפן געבן צו פאַרשטיין, אַז מע גייט איר ניט אָן. דער קאַפּיטאַן ראַטושני פון פּאָליטאָפּטייל האָט טאַקע ערנסט געפילט עפעס צו איר, נאָר מיט אים איז צו קיין דערקלערונג ניט געקומען — ער איז אָנגעטראָטן אַף אַ מינע סאָף ווינטער, באַם מיוס. גאָר שטאַרק, גאָר אַנטשלאָסן האָט זיך גענומען דערשלאָגן באַ איר סימפּאַטיע אַ זעצער פון דער דיוויזיאָנקע, אַ ווערגעלעץ, מיט קליינע, שטאַרע אייגעלעך, טיף פאַרוקטע אונטער די ברעמען, און מיט שטענדיק פאַרסלינעטע ציין, אָפּגעדעקטע אין אַ סוידעסדיק־צוזאָגנדיקן שמייכל, — דעם דאָזיקן איז נאָכגעגאַנגען אַ שעם, אַז ער דעראָבערט לײַכטע זיגן, — דאָ איז שוין אויסגעקומען באַגיין זיך האַרב... פאַראַן אַזעלכע, — דעריקער, פּרויען, זי זעט, זי פילט דאָס, — וואָס האַלטן, אַז פּאַוועלס הויכער ראַנג האָט פאַר איר אַ ווערט. עפשער איז אויך באַ דאַניעלן דורכגעלאָפן אַזאַ געדאַנק. אָבער זי איינע ווייסט, און קיינער דאַרף דאָס און וועט דאָס קיינמאָל ניט וויסן, אַז עפעס האָט זיך אַ ריר געטאָן באַ איר אין הארצן, אַ צי געטאָן זי צו יאַסענעוון, גלײַך ווי זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען — דעם קאָמאַנדיר פון אַ דיוויזיע, אַ פאַרווונדעטן, וואָס האַלט זיך מיט גרויס אָנשטרענגונג אַף די פיס און פירט אַלעמען פון אַרומרינגלונג. זי האָט לאַנג מיט אים קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, און ווי אַ מיידעלע, גאָר ווי אַ מיידל, אָן שום זין, אָן שום האָפענונג, ניט באַנעמענדיק אַפילע, אַז זי האָפט אַף עפעס, אַז זי טראַכט עפעס, געקוקט אַף אים אַלעמאָל, אַ קרעפּטיקן, אַ זיכערן, אַ פּאָשעטן, אַ צוגעלאָזטן צו מענטשן, און — אַזאַ, וואָס טיילט זיך אויס מיט יעדן קער זײַנעם צווישן טויזנטער. מאָדנע, זי האָט אַפילע אַף זײַן מאַשין, זײַן „עמקע”, בעקיוון אַן אַרומגעשמירטע מיט ליים, זי זאָל זיך ניט אויסטיילן אין הוילן סטעפּ, ליב געהאַט קוקן, נאָכקוקן איר, ביז זי ווערט פאַרלוירן אינעם שטויב, וואָס זי הייבט אויף, אין דער ווײַט. אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגן לאַנג, זייער לאַנג, און באַזונדערס לאַנג — אויב אין זינען האָבן, אַז ס׳איז מילכאָמע. נו, און דאַניעל, דאָס, וואָס זי האָט געזוכט, — צוליב וואָס זיך אויסדרייען פונעם עמעס? — געזוכט די נאָענטקײַט מיט אים, אויב זי האָט אַפילע אַף מער ניט געקאָנט אויסרעכענען, — דאַניִעל? יאָ, דאַניִעל... דאָס איז געווען, ערשטנס, אַ שטיצע אין איר שרעקלעכער עלנטקײַט: אַ לאַנדסמאַן, — און דען נאָר אַ לאַנדסמאַן? — און געטראָפן האָט אים דער זעלבער אומגליק, וואָס זי, אין טאָך — דער זעלבער, איז וואָס קאָן בעסער לינדערןביידנס פּײַן, איידער די נאַטירלעכע נאָענטקײַט? אַזוי האָט זיך ניט געטראַכט, ניין, — אַזאַ געפיל איז אויפגעקומען אַליין פון זיך. געקומען, און דאָס איז שוין — צווייטנס, און דאָס איז שוין אַלץ צוזאַמען: אַ גאָב דער געוווינהײַט, דער יונגער ליבע, ניט קיין אויסגעבראַכטער, ניט קיין פאַרווירקלעכטער, און דאַנקבאַרקײַט, ווײַל פונדעסטוועגן האָט ער, דאַניִעל, זי געראַטעוועט, און אַפילע אַ נײַע איבעראַשונג — זי האָט אים דערזען אַפּן פראָנט, אין שווערע פּרוּוון, אַן ענערגישן, אַ מוטיקן, און עפשער אויך, זאָל עס הייסן — דריטנס, אַ פאַרלאַנג אָפּצווווענדן זיך פון יאַסענעוון, וואָס האָט אַלץ מער באַהערשט אַלע אירע געדאַנקען... אָט האָט זי דאָס אַלץ באַנומען, אַנאַליזירט, עפשער צופיל אַנאַליזירט, ווײַל אַלץ איז מיסטאמע פּאָשעטער — אַ פרוי איז זי, ווי אַלע, און פּאַוועל איז דער, וועמען זי

האָט דאָס גאַנצע לעבן געזוכט, און פולשטענדיק באַנומען האָט זי דאָס ערשט דאָ, אין סטעפּ, ווו יעדער טראָט אירער קאָן זײַן דער לעצטער, און ווו יעדער טראָט, ווען א שפּליטער צי א קויל טרעפט אין איר ניט, איז עפּשער מער ווערט פון אַלץ, וואָס זי טראַכט, וואָס זי אַנאַליזירט, וואָס זי וואַרפט אָפּ און וואָס זי האַלט פאַר עמעסדיק טײַער?..

און אָט דאָ קומט זי צו צום איקער — צו זעליקן. פאַרוואָס — דער איקער? ווײַל ווײַל יאָ, וויל ניט — ס'איז איר פאַרגאַנגענהײַט, און ס'איז איצט אויך א טייל פון איר לעבן. אין איר גרעסטן אומגליק איז גראַד ער, דער ווײַטסטער, — אויך דער, צו וועמען דער אומגליק האָט פונקט אזא נאָענטע שײַכעס, ווי צו איר. און אויב ניט פונקט אזא? ניין, ניטאָ זיך וואָס אָפּצונאַרן, און איצט, יעדנפאַלס, דאַרף זי זײַן פולשטענדיק אָפריכטיק, — פונקט אזא, אָף וויפל מע קאָן דאָס ביכלאַל זאָגן וועגן א טאַטן. שוניע איז זײַן פײַן, זײַן טיפער אומגליק. יאָ, זי האַלט אים, זעליק שאַוולערן, פאַרן הויפּט־שולדיקן אין דעם, וואָס ס'איז אזוי געשען, וואָס שוניע איז אוועקגעפאָרן צו דער מאַמען קיין ליובאַטש און געבליבן דאָרט, אויב דאָס ייִנגל איז ניטאָ ערגעץ דאָ, אָף מיזרעך. ס'איז א רעזולטאַט פונעם אײַנרײַס, וואָס איז צווישן איר און זעליקן פאַרגעקומען מער ווי א יאָר פאַר דער מילכאָמע. נאָר אינעם אײַנרײַס איז זי דאָך אויך שולדיק. פאַרוואָס? זי ווייסט — פאַרוואָס, כאָטש זי האָט דאָס אפילע זיך אליין נאָך עפּשער קיינמאָל ניט געזאָגט.

די אומיטלבאַרע סיבע איז געווען — און די לעצטע — זעליקס פרײַנטשאַפט מיט דער קאַסירשע פונעם טעקסטיל־קאָמבינאַט, ווו ער, אַלס שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר, האָט געהאַט צו טאָן מיט באַזאָרגונג און אָפּזאַץ. די קאַסירשע האָט צעטרענצלט א היפּשע סומע, איז נעלעם געוואָרן און מע האָט זי געפאַקט, און א שאָטן איז געפאַלן אויך אָף אים, אָף זעליקן. אָפן געריכט איז ער, עמעס, געווען בלויז אַן איידעס, נאָר די סקאַנדאַליעזע געשיכטע האָט אים קאָמפּראָמעטירט סײַ אָף דער אַרבעט, סײַ אין דער היים. איז ער נאָכן געריכט, עפּשער טאָקע מער איבער די פאַמיליע־אָנגעלעגנהײַטן, אוועקגעפאָרן פון דער אוקראַיִנישער געגנט־שטאָט, ווו מע האָט ביז דעם געוווינט, קיין טשעליאַבינסק, צו עפּעס א פרײַנט, וואָס האָט אים גערופן אָף אַרבעט. און זי, טשאַרנע מיטן זון, איז אויך אוועק פון יענער שטאָט, — פאַר בושע, פאַר ווייטעק, — אריבערגעפאָרן קיין קעשענעוו און געוואָרן זאַוווטש אין א שול. א נײַ לעבן האָט זיך דאָרט אײַנגעשטעלט, אין קעשענעוו, אין בעסאַראַביע, און אין אזא אָרט, אין אזעלכע אומשטענדן, האָט זיך געדאַכט, איז גוט אָנהייבן א נײַ לעבן, אָדער קומען כאָטש צו זיך פון דעם, וואָס איז אין אייגענעם לעבן ניט געלונגען. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אז פאַרקליבן האָט זי זיך אהין, וווהין דער שטורעם האָט דערלאַנגט די ערשטע קלעפּ. שוניען האָט זי אָפּגעשיקט קיין ליובאַטש, צו דער מאַמען, נאָך פאַר אַלעמען, ס'הייסט, ווען ס'איז שוין גוט אומרויִק געווען, נאָר עס האָט זיך לאַכלוטן ניט געגלייבט, אז די קאַטאַסטראָפע וועט אויסברעכן אזוי שנעל און אז זי וועט אַרומכאַפּן אַזעלכע ברייטן. די מאַמע און שוניע האָבן געוואַרט אָף איר, און זי האָט אליין אין דער ערשטער טעלעגראַמע, וועלכע איז די איינציקע מיסטאָמע אָנגעקומען, געהייסן טאָן אזוי — וואַרטן. אָבער אין צוויי טעג אַרום, ווען זי האָט זיך אָפּגעפאַרטיקט אין שול מיט אַלץ, מיט וואָס מע האָט זיך געמוזט אָפּפאַרטיקן, איז זי שוין ניט אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט, נאָר אוועק צופוס, און אָנגעטראָפן ניט אהין, וווהין זי האָט געצילט, וווהין זי האָט מיט אַלע געפילן זיך געצויגן, — אָנגעטראָפן צו דאַנײַעלן אין פאָלק, צו יאַסענעוון אין דער דיוויזיע, וואָס האָט לאַנג און אײַנגעשפאַרט זיך דורכגעשלאָגן צום פראָנט. געקומען צו־זיך איז מען ערשט פון יענער זײַט דניעפּער, באַ קאַכאָווקע, און ליובאַטש איז הונדערט קילאָמעטער מײַרעוודיקער פון קיִעוו, דאָרט, ווו די דײַטשן האָבן, טאַפּטשענדיק זיך הינטער קיִעוו, שוין צוויי כאָדאָשים געווילדעוועט.

יאָ, ס'איז זעליקס שולד, וואָס די מישפּאָכע איז צעריסן, צעשלײַדערט געוואָרן איבער פאַרשיידענע עקן אין אזא ביטערער צײַט. ער האָט דאַפקע, ווי נאָר די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, גערופן שוניען צו זיך, דאָס קאָן מען אים גלייבן, נאָר אָט־אָ באַלד וועט דאָס ייִנגל פאָרן, און די שוויגער וועט פאָרן צו אים — געוואָרט האָט מען אָף איר, אָף טשאַרנען.

און אין וואָס באַשטייט איר שולד, וואָס די מישפּאָכע איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן? זי ווייסט... „סטיערפּיטסיאַ — סליוביטסיאַ" — אזוי זאָגן מענטשן, אזוי האָט די מאַמע געזאָגט וועגן זעליקן, נו, און זי, טשאַרנע, אליין — זי האָט עפּעס דעמלט דעם מוט פאַרלוירן... ניט זי — זעליקן, ער האָט זי אויסגעקליבן. ער האָט אפילע ליב געהאַט זאָגן, אָפן גרויסנדיק זיך מיט דעם, וואָס ער האָט זי אויסגעקליבן, — ניין, ניט בייז, פּראָסט אזוי: „האָסט אַמאָל געזען, ווי דער באַלעבאָס פון א קעלער אויבס עסט אַן עפּל — דעם בעסטן, ער ווייסט וועלכן..."

נאָך איר ליבע מיט דאַניִעלן — פריִער גאָר א יונגע, וואָס האָט צו גאַרנישט ניט געבראַכט, טאַקע ווײַל זי, טשאַרנע, האָט געהאַלטן (די מאַמע ווילט זיך ניט דערמאָנען — וואָס זי האָט געטײַנעט, האָט זי געטײַנעט, מע האָט זי געקאָנט ניט פאָלגן אויך), אַז דאַניִעל איז צו פּראָסט פאַר איר, ער איז נאָך ניט דער, צו וועלכן זי דאַרף שטרעבן, און ער, א שטשאַרסאָוועץ, וויסנדיק וועגן אירע אייניקע אַנדערע אויסזיכטן, האָט צוגעשיקט אַהיים א שוואַנגערע כאַנקען, די טעלעפאָניסטקע פונעם עסקאַדראָן, וווּ ער האָט געדינט, און שפּעטער, נאָך דער אָפּסנײַ דערוועקטער ליבע צווישן איר, טשאַרנען, און דאַניִעלן, אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען כאַנקע, זייער א ווילדע, איז אומגעקומען פון א באַנדיטישן מעסער בייס א פּאָגראָם, און געבליבן איז דאַניִעלן דאָס ייִנגעלע, ליאָניע, אַט דעמלט, ווען די ליבע האָט ווידער זיך דערוועקט, שוין א רײַפע, א דערוואַקסענע, און ווידער אויסגעלאָזט זיך מיט גאַרנישט, אײַגנטלעך, איבער דעם זעלבן, ווײַל זי, טשאַרנע, האָט ניט געוואָלט אים נאָכפאָרן אין דער פרעמד, אַפן ווײַטן מיזרעך, וווהין מע האָט אים געשיקט אַלס א נאָרוואָס געענדיקטן בוי־אינזשעניער, און אין טאָך האָט זי אַלץ ניט געגלייבט, אַז ער איז דער, וועמען זי זוכט, — נאָך אַט דעם אַלעמען, און נאָך דעם, ווי אייניקע אַנדערע אויסזיכטן אירע האָבן זיך ניט באַרעכטיקט, איז זי בא זיך א ביסל געפאַלן. דאָס וואָרט „פאַרזעסן" קלינגט אין שטעטל ניט אַף אַזויפיל מיטפילנדיק, וואָס דאָס איז אויך א פײַן, ווי עס פאַרמאָגט אין זיך פאַרטײַעטן ביטל. דערצו נאָך, אַז בענעגייע איר האָט מען מיט שאַדנפרייד אַלץ מער אָפן געקענט זאָגן: „לאַנג קלײַבט זי, און בא גאַרנישט בלײַבט זי". אַט דעמלט איז אונטערגעשפּרונגען שאָוולער...

און וואָס זשע באַשטייט זי, איר שולד, וואָס די מישפּאָכע איז זיך צעפאַלן? עס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער ערשטער באַגעגעניש, ווען זי, טשאַרנע, האָט דערשטיקט אין זיך דאָס געפיל, אַז עפּעס איז איר דערווידער, ניט צום האַרצן אין זעליקן. זי וואָלט אַפילע ניט געקאָנט זאָגן — וואָס, ווײַל אויב ער איז געווען ניט גאָר קיין שיינער, איז ער אָבער געווען אויך ווײַט פון א מיִעסן. א העלער, און די האָר זײַנען קוטשעראַוו־לופּטיקע — דאָס האָט אויסגעזען אָריגינעל. און אומרויִק־באַוועגלעך פּאָנעם מיט ליכטיקע, קלוגע, אַזוי ווי פרעגעוודיק־אָנגעשטרענגטע אויגן. אַט, דאַכט זיך, טאַקע דאָס, ווי אין די אויגן האָט שנעל געמינעט זיך טרויער, לוסט, ערנסט, העפקער, און דער שמייכל, וואָס האָט געשוועבט אין די ווינקלען פונעם עטוואָס צעצויגענעם מויל — א ביטערער און א פאַרטײַעט־זיכערער... זי האָט געטריבן פון זיך דעם דאָזיקן אײַנדרוק פון עפּעס א מין אינערלעכער ניט גאַנצקײַט, ניט אויסגעקלאָרטקײַט זײַנער, ביכלאַל אָבער איז ער געווען א טעטיקער, א פריילעכער, ער האָט געקענט ווענדן די אופמערקזאַמקײַט אַף זיך, אויסנעמען בא מענטשן, יעדנפאַלס — זײַנס אין לעבן וועט ער ניט פאַרשלאָפן. וועגן אַזא זאָגט מען: ער קאָן געבן א ווײַב ברויט און צום ברויט. זי האָט ניט דאָס דעריקער דערוואָרט פון אים — נאָר ווען האָט זי עס פאַרשטאַנען? און אין טאָך האָט זי אַפילע איצט, נאָך דעם, ווי מע האָט אַזויפיל יאָרן געלעבט צוזאַמען, אַלציינס ניט געקאָנט זאָגן מיט דער פולער זיכערהײַט — ער איז א גוטער צי א שלעכטער מענטש, זעליק. זי האָט בלויז געקאָנט זאָגן איינס: ער איז א מענטש פאַר זיך, און זי — פאַר זיך.

פון אָנהייב איז אָבער צווישן זיי געווען מער אַלגעמיינס, אַזוי האָט, יעדנפאַלס, זיך געדאַכט. ס'איז אָקאָרשט אַריבער א שטורמישע צײַט — דער בירגערקריג און די שווערע יאָרן נאָכן בירגערקריג. עס האָט זיך געוואָלט א שטיל, באַזאָרגט, געמיטלעך לעבן, וואָס איז שייך ניט מיט דער נעגידיש־פאַראַרעמטער ייִכעסדיקײַט און מעסיקער וועלטלעכקײַט, אין וועלכער זי, טשאַרנע, איז דערצויגן געוואָרן, — דאָס אַלץ איז אָפּגעגאַנגען, — נאָר מיט דעם נײַעם, וואָס האָט זיך דורכגעשניטן. דאַניִעל איז געווען אַזא, וואָס האָט אומעטום געפונען שטורעמס פאַר זיך, און זעליק — אים האָט ניט געאַרט צו קוקן אַף שטורעמס פון זײַן אייגענעם פענצטער... ער האָט געזאָגט: „כ'האָב גענוג באַצאָלט סײַ פאַר דעם, וואָס כ'לעב, סײַ פאַר דעם, אַז איך זאָל לעבן אַזוי, ווי עס ווילט זיך מיר". ער איז געבליבן איינער פון א גרויסער מישפּאָכע, ער און א ברודער, וואָס האָט זיך העט שפּעטער אָפּגעזוכט, אין סיביר — א געוועזענער פּאָליטקאַטאָרזשאַן, האָט ער דאָרט געשלאָגן זיך אין א פאַרטיזאַנישן אָטריאַד. א צווייטער ברודער, גאָר דער עלטסטער, א צאַרישער סאָלדאַט, איז געהאַרגעט געוואָרן בייס ברוסילאָווס דורכרײַס. דער טאַטע, א קאַזיאָנער ראַבינער אין א פּאָדאָליער אויעזד־שטאָט, האָט בייס א פּאָגראָם אין יענער שטאָט אוועקגעלאָזט זיך אַף א בריטשקע אין א נאָענטן כוטאָר, קעדיי געפינען דאָרט דעם באַטקע, וועמעס באַנדיטן עס האָבן זיך צעווילדעוועט, און בעטן אים אײַנעמען זיי, נאָר מע האָט אים איבערגעבראָכן דעם רוקן טאַקע אַף יענער בריטשקע. בייס דעם דאָזיקן צי אַן אַנדער פּאָגראָם איז אומגעקומען זעליקס מאַמע. נאָר דאַניִעל האָט דאָך אויך טײַער באַצאָלט פאַר אַלץ — אײַזיק, דער ברודער זײַנער, א טשאָנאָוועץ, און כאַנקע, און דער טאַטע, זכאַריע קרעמעז, וואָס האָט געפּרוווט פאַרטיידיקן די שנור און באַקומען א קויל, — אַלע דרײַ האָט די

ערד צוגעדעקט. דאניִעלס בלוט איז אויך געגוס אָפּגערונען דעמלט, און געווען איז ער קעסיידער גרייט צו איינס — זײַן דאָרט, ווו מע דאַרף אים. אָבער דאָס האָט זי, טשאַרנע, ווידער טאַקע פאַרשטאַנען א סאך שפּעטער.

נאָך איין זאך האָט זי געוווּסט וועגן זעליקן, און דאָס האָט זי שטענדיק געבראָטן: א מענטש איז אומגעקומען איבער אים. דערוווּסט האָט זי זיך דאָס אין א צײַט ארום, ווען שוניע איז שוין געבוירן געוואָרן. און כאָטש זי האָט זיך אָפּגעגעבן א כעזשבן, אז געגאַנגען איז דאָ ניט אין פּאכדאָנעס, ניט אין הוילער פּאכדאָנעס — ס'איז געווען א שאָק, די סיבע האָט געשטעקט עפּשער אין דעם, וואָס זעליק האָט אין מעשעך פון א קורצער צײַט איבערגעלעבט עטלעכע טויטן, האָט זי אָבער געוווּסט אויך, אז מיט דאניִעלן, צי מיט אַן אנדערן, אזא ווי דאניִעל, איצט טראַכט זי — מיט פּאוועלן, — וואָלט אזוינס קיינמאָל ניט פּאסירט. צוויי באַנדיטן — אַן עלטערער און א יִינגל, פון וועלכע בלויז איינער, דער עלטערער, איז באַוואָפנט געווען מיט אַן אָברעז, האָבן אָפּגעשטעלט אין וואַלד זעליקן און א געזונטן מוליער־יונג — מע איז פון דער סטאַנציע געגאַנגען אהיים, געקומען פון ערגעץ, וווּהין מע איז געפאָרן אף פּאַרדינסט. דער עלטערער האָט באַזוכט זעליקן, דערנאָך גענומען זיך צום מוליער, און דער יִינגערער האָט זיך געפּאָרעט צווישן זייערע פּעקלעך, וואָס זײַנען געלעגן אף דער ערד. מיטאַמאָל האָט דער מוליער פּעסט ארומגעכאַפּט דעם באַוואָפנטן באַנדיט, אזוי אז בײדע הענט זײַנען בײַ יענעם פאַרקוועטשט געוואָרן, ווי אין קלעמען, און דער אָברעז איז אראָפּגעפאַלן אין גראָז. דער יִינגערער איז פאַרציטערט געוואָרן, ניט געוואַגט זיך א באַוועג טאָן: „זעליק, נעם דאָס געווער!" האָט אויסגעשריִען דער מוליער, נאָר זעליק האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, ניט געקאָנט זיך רירן — א רעגע, צוויי, ביז דער יִינגערער האָט געכאַפּט דעם אָברעז און אויסגעשאָסן אינעם מוליער. זעליק האָט זיך א וואָרף געטאָן אין די קוסטעס, מע האָט אים נאָכגעשאָסן, נאָר ניט געטראָפן. זי האָט אים אפילע קיינמאָל ניט געזאָגט, אז זי ווייסט פון דער דאָזיקער געשיכטע. ווייטעקדיק איז איר געווען, וואָס ער אליין האָט איר גאָרנישט ניט דערציילט, און וואָס ער האָט א לאַנגע צײַט זיך באַמיט, אז עמעצער פון זײַנע לאַנדסלײַט זאָל זיך וועגן דעם פּאר איר מיט קיין וואָרט ניט ארויסכאַפּן. זי האָט ניט געוווּסט, צי מאַטערט אים דער צופאַל אין וואַלד, — מיסטאָמע יאָ, אנדערש קאָן ניט זײַן, — נאָר יעדעס מאָל, ווען ער איז שטאַרק פאַרנומען געווען מיט זיך, ווען ער האָט ארויסגעוויזן זאָרג וועגן איר, וועגן זון, וועגן דער שטוב, האָט זי געדענקט וועגן יענעם מוליער.

יאָסענעוו האָט זי ארופגענומען אף זײַן „עמקע", ווען זי האָט אָקאָרשט געזעגנט זיך מיט דאניִעלן, א שלאָפנדיקן, אַן אָפּגעשוואַכטן נאָך די צוויי איבערגעטראָגענע אָפּעראַציעס, — מע האָט ארויסגענומען די שפּליטערס פון דעם פוס און פון דער האַנט און געדאַרפט אים עוואַקויִרן. געזעגנט האָט זי זיך מיט אים, ווי זי האָט געקלערט, אף שטענדיק, — אויס ליבע, א סאָף. און אָט, ווען זי האָט געוואַרט באַם פאַרשנייטן קרייצוועג אף א צופעליקער מאַשין, קעדיי פונעם אַרמייִשן שפּיטאָל דערקלײַבן זיך אין דער דיוויזיאָנקע, ווו זי האָט דעמלט געאַרבעט, האָט יאָסענעוו זי א רוף געטאָן. געווען איז עס דרײַ כאדאָשים נאָך דעם, ווי זי האָט דאָס לעצטע מאָל אויסגערעדט צו אים עטלעכע ווערטער — בײַס ער איז געזעסן הינטער א קאָפּנע שטרוי, א דערדריקטער. זי האָט, א צופעליק אָנגעקומענע, דערשראָקן געפרעגט: „וואָס איז מיט אײַך?", און ער האָט מיט אַן אײַנגעבראָכן קאָל געענטפערט: „גאָרנישט, גייט, ביטע". שפּעטער האָט זי זיך דערוווּסט: זײַן ווײַב איז אומגעקומען אף א דערטרונקענער שיף, וואָס האָט זיך עוואַקויִרט פון אָדעס. איז אָט האָט ער ערשט אין דרײַ כאדאָשים ארום זי ווידער באַמערקט. א פאַרפרוירענע פון וועג, האָט ער זי דעמלט אײַנגעלאדן צו זיך אף דער קוואַרטיר — אויסטרינקען א קווערטל טיי. ווידער האָט מען זיך געזען ווען־ניט־ווען, און אלץ פרײַנטלעך אזוי זיך פאַרהאַלטן פונוויַטן. דערנאָך זײַנען אוועק שלאַכטן, שווערע, שרעקלעכע, און ווען זי האָט אים אפילע באַגעגנט ערגעץ־ווו, האָט ער, א באַלעסטיקטער פון איניאָנים, א פאַרביטערטער, א פאַרזאָרגטער, אָפּטער פון אלץ זיך בלויז באַגריסט מיט איר, און אויב אויסגערעדט עטלעכע ווערטער — איז דערעכאַגעוו, אין אײַלעניש. ערשט ווען מע איז שוין ארויס פון שלאַכט און געפאָרן אף איבערפאָרמירונג, האָט זיך באַקומען אזוי, אז זי האָט אין אָוונט א פּאָר שאָ פאַרבראַכט אין יאָסענעווס קופּע. זי איז געקומען לויט אַן איניען פון רעדאַקציע אין וואַגאָן, ווו ס'האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער דיוויזיע, פאַרבײַגעגאַנגען דעם קאָמדיווס אָפענע טיר, ער האָט שטיל געשפּילט אף א קאָנצערטינע — זי האָט געוווּסט וועגן דעם דאָזיקן גוסט זײַנעם, — האָט ער זי ארײַנגערופן. מע האָט נאָך א פּאָר מאָל באַגעגנט זיך אין וועג און געשמועסט, ער האָט פראָסט און אויספירלעך דערציילט וועגן זיך, זי — אויך, און אָט די שמועסן, — צי דען האָט זי דאָס ניט פאַרשטאַנען! — זײַנען נייטיק געווען סײַ אים, סײַ איר, זיי האָבן ווי באַפרײַט פון א לאַסט, פון א

פרעס, זײַן הארץ און איר הארץ. נאָר ווידער — ווען ער איז שוין אוועקגעפאָרן קיין סאראַטאָוו, געוואָרן געהילף פון קאָמאנדארם, און קוקארין און זי זײַנען אריבער אין דער ארמייִשער צײַטונג, — זי האָט פארשטאנען, וועמעס ווונטש, וועמעס אופטו דאָס איז, — אייך דעמלט איז מען פאַשעט געבליבן פרײַנט. און אוועק איז זי צו אים אליין ערשט יענעם אָפּדערנאכט, ווען זעליק האָט זי אָפּגעזוכט. זעליק האָט אָפן, מיט אומשולדיקער ציניִשקײַט (אין באצוג צו אים איז אזא אויסדרוק דערלאָזבאר), געזאָגט איר:

— האָסט דאָך דאָ מיסטאמע עמעצן צווישן די קאָמאנדירן — זאָל ער מיך ערגעץ גוט באשטאטן, וועל איך מער צו אים קיין טײַנעס ניט האָבן. לעמײַ זאָל מיר זײַן ערגער, אויב עס קאָן מיר זײַן בעסער?

אָט דעמלט איז זי אוועק צו יאסענעוון — אוועק, קעדיי מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנען שאוולערן, און — קעדיי בלײַבן...

דאַניִעל האָט ערשט־אָ געזאָגט וועגן זעליקן: „ער איז א בעסערער מענטש, איידער איך האָב געמיינט, שטעל זיך פאָר". פארוואָס האָט ער דאָס געזאָגט, — ס'איז דאָך ניט, קעדיי דערצאָרענען זי, — עפּעס ווייסט ער וועגן אים. נאָר — פונוואַנען? און וואָס האָט אים זעליק געזאָגט — פאַשעט אזוי צוגעלאָפן צו אים, ניט אנדערש, ווי צו א באקאנטן, א מינוט פאר דעם, איידער זי איז צוגעקומען, און עפּעס היציק געזאָגט, אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט זײַן האנט. ווו האָבן זיי זיך געקאָנט זען?..

מע איז ווידער א פאל געטאָן אָף דער ערד, לעבן א קליינעם בעסוילעם — צלאָמים פון צונויפגעשמאָלצענע אײַזערנע רערן, און רויטע בלעכענע פּיראמידקעס מיט שטערנדלעך פון אויבן. פון יענער זײַט בעסוילעם און דעם וועג, וואָס איז דאָרט אוועקגעלאָפן בארג־אראָפּ, און דער פוסטקע, אָף וועלכער עס האָבן געמערקט זיך קרומע שפּיצן פון „יאָזשן", זײַנען געווען די ערשטע הײַזער פון רינאָק. ווײַסע, ניט קיין הויכע — אײַנגעטונקענע אין פײַער און אין צעפּליעסקעטע אופרײַס־פאָנטאנען. מע איז געלעגן צווישן לאָפּורכעס און איבערגעטריקנטער קראָפּעווע, די פיר אויסשפּירער און טשארנע, און געזען: סנאריאדן רײַסן זיך אפן וועג און אָף דער פוסטקע — ארום די „יאָזשן". א פײַף, צוזאמע מיט א מין צוגלופּט, האָט געצויגן אין סטעפּ ארײַן און פון סטעפּ, נאָר דער פײַף, וואָס איז געקומען פון סטעפּ, איז געווען קירצער, מע האָט אלעמאָל געהערט דעם קראך, אין וועלכן ער ווערט דערטרונקען. סקאָריוקין האָט געזאָגט: „טאנקען!" — און טשארנע האָט ניט פארשטאנען — ער מיינט יענע עטלעכע, וואָס האָבן צעוויגטע זיך געררוקט בא די סאמע הײַזער, און דאָס האָבן געמוזט זײַן אונדזערע טאנקען, צי ער מיינט אנדערע, דײַטשישע, ווײַל עפּעס האָט דער ייִנגערער סערזשאנט, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, א קערעווע געטאָן אים לינקס — אהין, פונוואַנען עס האָט זיך דורכגעשלאָגן א מעטאלן געקלאנג און דאָס קלאַפּן פון מאָטאָרן.

איינער פון די אויסשפּירער האָט האסטיק אונטערגעהויבן זיך אָף די הענט, באלד ווידער צוגעדריקט זיך מיט דער ברוסט צו דער ערד, און געזאָגט הויך — די, וואָס ליגן ווײַטער, זאָלן הערן:

— זעניטקעס שיסן פון א בערגל בא דער וואָלגע — אין הימל און... גלײַך אין סטעפּ!

און קימאַט אָן אן איבעררײַס — דער זעלבער, נאָר העכער, איבעראשט:

— זעמליאניצין! מיט א צעקלאַפּטן ראדיאטאָר!

טשארנע האָט א קוק געטאָן לינקס, וווהין דער אויסשפּירער האָט אָנגעוויזן: א לאסטמאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָרט, ווו צעטריפּעטע קאָסמעס רויך און שטויב זײַנען פון וועג געשווומען צו דער פוסטקע. א דאמף האָט געזעצט פונעם מאָטאָר. סאָלדאטן זײַנען געשפּרונגען פון קוזאָוו, און עטלעכע, וואָס זײַנען דאָרט געבליבן, האָבן אופגעהויבן פארוווּנדעטע, קעדיי איבערגעבן זיי אָף דער ערד. צווישן די עטלעכע אין קוזאָוו האָט טשארנע דערקענט זעליקן.

4

דער קאָמענדאנט פון פאראָם, צו וועמען זעמליאניצין האָט זיך דורכגעריסן, ארבעטנדיק מיט די עלנבויגנס, ווי מיט דעמבענע קלינעס, — אָף די טרעפּ פונעם קעלער, וואָס האָט זיך געפונען אונטער א צעוואלגערטן הויז, האָבן צונויפגעדריקט זיך, געשאַפּן א דורכויסיקע וואנט, ציווילע און מיליטערישע, און אלע האָבן געדארפט איינס: א דערלויבעניש אוועקפאָרן, צי ארופזעצן עמעצן, צי אָנלאָדן עפּעס אפן פאראָם, — דער קאָמענדאנט, א מאיאָר, זעט אויס א פארמאטערטער אינגאנצן, האָט א ווײַלע געקוקט אָף זעמליאניצינען

מיט אָפענעם כידעש: וויאַזוי האָט ער געקאָנט ארײַן אהער. ביז זעמליאַניצין האָט אויסגעגלײַכט די גימנאַסטיאָרקע, וואָס איז ערטערווײַז ארויסגעקראָכן פון אונטערן רימען, אָנגעטאָן די פילאָטקע, וועלכע ער האָט געהאַלטן פארדריקט אין פויסט, א וויש געטאָן דעם שווייס פון פּאָנעם און טיף איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט דער קאָמענדאַנט (ער האָט, ווארטנדיק, אַף א ווײַלע איבערגעריסן א שמועס דורכן טעלעפאָן) ווידער געזאָגט עפּעס אין טרײַבל און שוין דערמיט אליין באַוויזן, אי אַז ער איז מעשוגענערווײַז פארנומען, אי אַז וואָס דער דאָזיקער קרעפּטיקער און מיסטאַמע בײַזער לייטענאַנט זאָל באַלד ניט זאָגן, וועט עס אים ניט אָנהייבן רירן, ווײַל ער האָט שוין דאָ זיך אָנגעהערט מיט אַלץ. הינטער זעמליאַניצינען איז געשטאַנען טשאַרנע — נאָך אים זיך דורכשטופּן איז שוין ניט שווער געווען,— אַף טשאַרנען האָט דער קאָמענדאַנט געקוקט א ביסל צוגעלאָזטער, מיט קוים־קוים דערוועקטן אינטערעס, און אײנצײַטיק אָנגעשפּיצט, מיט פארדאַכט.

— א ווײַב? — האָט ער געפרעגט, און ניט אוועקגעלייגט, קימאַט א שמייך געטאָן דאָס טרײַבל אַפן טישל, בא וועלכן ער איז געזעסן. ער האָט באַשטימט ניט לאָזן קומען צו־זיך דעם לייטענאַנט, גלײַך אָפּהאַקן אים.

— ניין, — האָט טרוקן געזאָגט זעמליאַניצין, שוין פולקום באַהערשט, — א קאָרעספּאָנדענט, א מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט, נאָר דאָס איז א צווייטע זאַך, — ער האָט דערלאַנגט זײַן קאָמאַנדירן־ביכל, און ביז דער מאַיאָר האָט ארײַנגעקוקט אין דעם, פאָרגעזעצט, — איך האָב געבראַכט מענטשן, מיר דאַרפן דאָ פארנעמען שוץ־פּאָזיציעס. ווער איז דער שעף פון גאַרניזאָן?

— מענטשן? א סאַך? פעכאָטע? — דער מאַיאָר האָט ערשט איצט, פארגלײַכנדיק די פאָטאָגראַפיע, אויפמערקזאַם אײַנגעקוקט זיך אין זעמליאַניצינען בא דער רויטלעכער שײַן פונעם גאַז־לעמפּל, מיט א צעבראָכן, פארוויכערט גלעזל.— דער שעף פון גאַרניזאָן, לאָמיר זאָגן, בין איך...

זעמליאַניצינען האָט, צו זען, געקימערט דער דאָזיקער „לאָמיר זאָגן” — ער האָט א פיר געטאָן מיט די ברייט צעשטעלטע אויגן אין די זײַטן, נאָר ווײַל קיין עלטערס לויטן ראַנג איז אין קעלער ניט געווען, האָט ער טויבלעך, מע זאָל פונדעסטוועגן ניט הערן אַף די טרעפּ, מיטגעטיילט, אַז האָבן וועט ער א ראָטע, נאָר איצט האָט ער געבראַכט א וואַזוואָד, א מאַשין מיט סאָלדאַטן, מע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שול — דאָ ניט ווײַט.

— המ, — דער מאַיאָר האָט דאָס ארויסגעבראַכט ניט וואָס אַנטוישט, פּאָשעט ביטער, און אפילע ווי זוכנדיק מיטלײַד, כאָטש געקאָנט האָט עס הייסן, אַז דאָס דריקט ער אויס אַזוי זײַן מיטלײַד זעמליאַניצינען, — א ווײַבל האָט דאָ ניט לאַנג, בײַס דער פּאַראָם איז צוגעקומען, געטומלט: „לאָזט מיך אַרויף מיט די קינדער!” איך פרעג: — וויפל האָסטו? — זי: „איין קינד!”

— נו, קינדער וועט זי נאָך האָבן, זאָל נאָר די מילכאָמע זיך ענדיקן!— האָט עמעצער, א ביסל כניפּעדיק, און א ביסל סטאַם אָפּלעצנדיק, געזאָגט בא דער טיר.

דער קאָמענדאַנט האָט אהין א קוק געטאָן שטרענג — ער האָט ניט געמיינט ארויסרופן אַזא כאָכמע, און עפּשער שוין ביכלאַל כאַראָטע געהאַט אַף דעם פארגלײַך. ער האָט זאַכלעך געפרעגט:

— און וואָס האָט איר עפּעס, כוץ די ביקסן, לייטענאַנט?

— דעם עמעס געזאָגט, — זעמליאַניצין האָט גענומען ריידן נאָך שטילער און גראָד דערפאַר האָט אין זײַן שטים בוילעט אָפּגעקלונגען פעסטקײַט, ווירדע, — דעם עמעס געזאָגט, אפילע ביקסן האָבן מיר קנאַפּ... דער וואַזוואָד איז א געזאַמלטער, און מײַנע, מיט איין וואָרט, פון אונדזער פּאָלק, וואָס שטייט בא אָרלאָווקע, דאַרפן באַלד צוקומען, און, געוויינלעך, מיט אַלעם בײַטיקן...

— אַזוי, אַזוי, — דער מאַיאָר האָט זיך פארקלערט, אַף זײַן אויסגעצערט־מידן פּאָנעם, גראָד א גוט ארומגעראַזירטן, האָט אין מעשעך פון עטלעכע ווײַלעס זיך אָפּגעשפּיגלט אי דאָס, אַז עפּשער פארלירט ער פּאָשעט צײַט, אויסהערנדיק דעם דאָזיקן לייטענאַנט, אי א פארלאַנג ארויסצוהעלפן אים אין זײַן לאַגע, וואָס איז עפּשער ניט לײַכטער, געוויס ניט לײַכטער, ווי זײַנע — אַלס קאָמענדאַנט.

זעמליאַניצין האָט, קענטיק, אויפגעכאַפּט די דאָזיקע ביידע שאַטירונגען אינעם מאַיאָרס שטימונג און באַשטימט — ס'הייסט, ער וואָלט, מיסטאַמע, אַלציינס דאָס געטאָן — גיין ווײַטער:

— דאָ האָט א באָמבע פארטשעפּעט אַף דער סטאַנציע א וואַגאָן מיט אויטאָמאַטן, מע פארקלאַפּט מיט ברעטער דאָס צעבראָכענע ווענטל, האָב איך געפּרוווט בעטן באַם עלטערן

לייטענאַנט, וואָס גיט דערויף אַכטונג, כאַטש צוויי קעסטלעך, און ער — איינמאָל ניין... ער דאַרף האָבן אַ דערלויבעניש — אײַערע.

— מע גיט ניט, המ! — איצט האָט דער מאַיאָר שוין טאַקע ביטער אַ לאַך געטאָן. — ווען די באָמבע, הייסט עס, לעקט אַראָפּ דעם גאַנצן וואַגאָן, וואָלט זי דאָס געטאָן אָן אַ דערלויבעניש... און דיר... — ער האָט גענומען אַ בלײַער אין האַנט. — רעכט... קוילן און גראַנאַטעס קערסטו אויך דאַרפֿן... דאָ וועל איך אָנשרײַבן, און דו באַקום אַלץ, לייטענאַנט, איינס־און־צוויי, ווײַל קיין צײַט איז ניטאָ, נו, לאַכלוטן... — שרײַבנדיק שוין דאָס צעטעלע, האָט ער זיך דערמאָנט, — אין שול, זאָגסטו, שטייט איר, באַם יאַר?

— אַ יאַר, און אַ סאַד, און די אײַזנבאַן גייט דאָרט דורך, — האָט זעמליאַניצין געענטפֿערט.

— אַט, אַט! — דער מאַיאָר האָט עטלעכע ווײַלעס זיך צוגעהערט צו אַ שטאַרקערן אויפֿרײַס פֿון אויבן, וואָס האָט זיך ווי צעדרויבלט אויף עטלעכע אויפֿרײַסן; ביכלאַל האָט דאָ די גאַנצע צײַט געהילכט, ווי מע זאָל פֿון אַלע זײַטן אַרומקלאַפּן פֿעסער. — יאַרן האָסטו דאָרט אַפֿילע צוויי, פֿון ביידע זײַטן, — האָט ער פֿאַרגעזעצט, — דאָס איז אַ גוט אָרט! טאַקע דאָרטן שטיי! אַ ראַטע וועט זײַן צופֿיל, וועסט מיטיילן, ווען זי וועט קומען, נאָר אַ ווזוואָד — זאָל שטיין! אַוטאָמאַטלער קאָנען פּרווון זיך דורכזיפּן דורך יענע יאַרן אַהער, צום פּעראָם, אַזוי, אַז קוק... יאָ, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, דערלאַנגענדיק דאָס צעטעלע זעמליאַניצינען, — דאָרט אין שול זײַנען געלעגן פּאַרווונדעטע — מע האָט זיי געדאַרפֿט אַרויספֿירן אַהער. מע פֿירט אַרויס? עפּשער ווייסטו העלפֿן, לייטענאַנט?

— מע פֿירט אַרויס, און מײַנע העלפֿן... — זעמליאַניצין האָט מיט איין אויג געפּרוווט זען, וואָס עס שרײַבט זיך אינעם צעטעלע, נאָר דעריקער האָט אויף זײַן ברייטן, עטוואָס פּלאַטשיקן פּאָנעם מיט דער קורצער נאָז זיך אָפּגעשטעמפּלט אומגעדולד, ער האָט זיך אַ טאָפּטשע געטאָן אויף איין אָרט, — איז דערלויבט, כאַוואָר מאַיאָר, וועגן צווייטן...

— נו?

— וועגן קאָרעספּאָנדענט.

טשאַרנע האָט געמאַכט צוויי טריט און שווײַגנדיק אוועקגעלייגט אויפֿן טישל איר צעפּענטע צײַגעניש. דער מאַיאָר האָט אַ בליק געטאָן אינעם ביכעלע און פֿאַרשטאַנען:

— אָן אָרט אויפֿן פּעראָם?

— יאָ, — האָט טשאַרנע געענטפֿערט.

דער קאָמענדאַנט האָט, צו זען, געוווסט, ווו די אַרמיי, וועמעס נומער ס'איז אָנגעוויזן געווען אינעם ביכעלע, געפֿינט זיך. ער האָט צונויפֿגעצויגן די ליפּן, ווי קעדיי אַ פֿײַף צו טאָן, נאָר ניט געטאָן דאָס, בלויז געזאָגט:

— איר וועט שוין מוזן מאַכן אַ פּײַנעם קרײַז... מיילע. זעצן וועט איר זיך אַליין — דאָס איז ניט גרינג. איך אייצע אײַך — העלפֿט אַרופֿטראָגן די פּאַרווונדעטע, האַלט זיך לעבן די מעדיקער. און עפּשער... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַ ברייטן, ווייכן שטול אין ווינקל פֿון קעלער, ווו ס'איז, זיצנדיק, געשלאָפֿן אַ קינד, אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר דרײַ, אַרומגענומען מיט די הענטלעך און מיט די באָרוועסע פֿיסלעך אַ סאָלדאַטיש קעסעלע, פֿון וועלכן ס'האָט געשטעקט אַ לעפֿל, ביז אַרויף פֿאַרשמירט מיט קאַשע. — עפּשער מיטגעבן אײַך יורקען, איר זאָלט אים פֿאַרנעמען קיין סאַראַטאָוו? ער איז שוין דאָ בײַ מיר אַ שאָ פֿינף, — סאָלדאַטן האָבן אים געפֿונען לעבן קעלער, — אַ שאָ פֿינף, און די מאַמע זײַנע זעט מען ניט, און מע זעט ניט, עמעצער זאָל אים זוכן... דאָ קאָן אַלץ פּאַסירן...

יורקע האָט ווי דערפֿילט, אַז מע רעדט וועגן אים, צי דאָס וואָרט „מאַמע" האָט אים אויפֿגעטאָרעט, — ער האָט זיך גענומען דרייען אויפֿן שטול, אָנגעהויבן רײַבן מיט די פֿויסטלעך, אויך פֿאַרשמירטע אין קאַשע, די אויגן, דעם אַרויסשפּאַרנדיקן שטערן, און אַ כליפּע געטאָן:

— מאַ...

— ע, זאָל ער נאָך דאָ זײַן אַ ביסל, — דער מאַיאָר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — מירן צוואַרטן!

5

ווו זי קאָן בלײַבן וואַרטן אויפֿן פּעראָם, לעבן וועמען האַלטן זיך, האָט טשאַרנע דערזען, ווי נאָר זי און זעמליאַניצין זײַנען אַרויס פֿונעם קעלער.

עטלעכע מעטער פֿון דאָרט, ווו דער פּעראָם שטייט צו, האָט אַ גרויסע גרופּע פּאַרווונדעטע באַקלעפּט די שיפּוים פֿון אַ ברייטער באָמבע־גרוב און דאָס אײַזערנע געפּלעכט פֿון אַ פֿאַרברענטן וואַגאָן, וואָס איז מיט די רעדער אַרויף געלעגן באַם ראַנד פֿון דער גרוב. דער־

זען אָט די גרופע, — זי האָט מיט איר אומבאַוועגלעכקייַט זיך אויסגעטיילט אינעם געווירבל פון מענטשן, דעריקער פּלייטים, וואָס האָבן פאַרפולט די סטאַנציע, — א שמאָלן, זאַמדיקן פלאַך, א פאַרפראָפטן מיט וואַגאָנעס, פּלאַטפאָרמעס, לאָקאָמאָטיוון, א צונויפגעפרעסטן צווישן די הויכע אָפּהאַנגען פון ברעג און דעם וואַסער, — איז טשאַרנע א ווײַלע געבליבן שטיין, שטשיפּענדיק מיט די פינגער די פאָרטופּייע, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון אונטער איר צעשפּיליעטן שינעל, געוואָלט זיך שיידן מיט זעמליאַניצינען, נאָר דאָ האָט דער לייטענאַנט, וועלכער האָט באַמערקט, וווהין זי קוקט, און פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט בעדייע צו טאָן, געזאָגט:

— געזעגענען וועט איר זיך שוין ניט, ציִ איר האָט זיך געזעגנט?

די פראַגע האָט געצווונגען א ציטער טאָן טשאַרנען,—די פראַגע און דער בליק פון זעמליאַניצינס גרינלעכע, ברייט צעשטעלטע אויגן, א בליק, וואָס כאָטש געווען איז ער א קורצער, א פאַרהאַוועטער, האָט ער דאָך אויסגעדריקט פאָרוווּרף און פאַרביטערטקייַט, דערבייַ אזא, וואָס איז ווי ארויסגערופן פון אן אייגענער פאַרבאָרגענער לייד.

— ניין, איך גיי מיט אײַך!—האָט טשאַרנע געענטפערט, ניט באַנעמענדיק נאָך רעכט, וואָס דער „ניין” באַטייַט, און פאַרוואָס ער האָט זיך בא איר ארויסגעכאַפּט. זי האָט צוגעגעבן, ווי קעדיי דערקלערן עס זיך אליין: — דער פראָם וועט מיסטאָמע זײַן ניט גיך, — און איז אוועק נאָך זעמליאַניצינען א פאַרלוירענע, א געדריקטע, וויסנדיק, אז זי גיט נאָך דעם געפיל פון פאַרדראָס, כאַראָטע, ציִ ווער ווייסט, וואָס דאָס איז, נאָר וואָס האָט זי געהריזעט, בייס זי האָט געײַלט אהער, צום פראָם, און זי האָט שוין געהאַט געפּויעלט ניט צוהערן זיך צו אים. איצט איז זי אויך ניט זיכער געווען: ציִ דאַרף זי זיך אומקערן, ציִ וועט עס האָבן א ווערט בא יענעם, צוליב וועמען זי טוט עס? איינס עפּשער: זי האָט עס געטאָן צוליב זעמליאַניצינען. אויב ער ווייסט שוין יאָ, ווער זי און זעליק זײַנען, ריכטיקער—זײַנען געווען אמאָל איינס פאַר דאָס אנדערע,—זי האָט געמיינט, אז ער ווייסט ניט,—איז זאָל ער טראַכטן, אז אלץ איז בא זיי קעשורע, אפן פראָנט האָט דאָס עפּעס גאָר אן אנדער ווערט. און דאַניִעלס ווערטער זײַנען דאָ אויך צוגעמישט געווען. כאָטש זי האָט, ווי איר האָט געדאַכט, געהאַט די פולע רעכט צו קלערן, אז אויב דאַניִעל קען אים אפילע, זעליקן, קען ער אים זייער ווייניק. דאָך האָט זײַן אָפּשאַצונג זי אָנגעשפּיצט, שמערצלעך אָפּגערופן זיך ערגעץ אין הארצן.

זעליק איז געבליבן מיט נאָך צוויי סאָלדאַטן אין יענעם העק פון דער סטאַנציע, וואָס איז נעענטער צום טראַקטאָר־זאַוואָד. מע האָט דורך א באַלקע, וואָס שלענגלט זיך פאַרבײַ דער שול און קומט ארויס צו דער אײַזנבאַן אפן פלאַכן ברעג, געבראַכט צו פירן אַף א טאַטשקע די דרײַ שווערפאַרווונדעטע, וואָס זײַנען אראָפּגענומען געוואָרן פון דער צעשעדיקטער לאַסטמאַשין. געבליבן זײַנען דאָרט, בא די רעלסן, זעליק און די צוויי סאָלדאַטן, קעדיי העלפן, ווו עס לאָזט זיך נאָר, אײַנאָרדענען אַף פּלאַטפאָרמעס, פאַרוואַלגערטע מיט מאַשין־איסשטאַטונג, די קנאַפּע צוויי הונדערט פאַרווונדעטע, וואָס מע האָט עוואַקויִרט פון דער שול.

אוועקלאָזנדיק זיך מיט זעמליאַניצינען צום פראָם, האָט טשאַרנע, קאָן מען זאָגן, ניט געזעגנט זיך מיט זעליקן. זי האָט ניט אויסגערעדט מיט אים קיין וואָרט סײַ בייס מע האָט פונעם וועג ארום בעסוילעם, אונטער פאַלנדיקע סנאַריאַדן, דורכגעקליבן זיך צו דער שול, סײַ אויך ווען מע איז געגאַנגען דורך דער באַלקע. ער האָט זיך די גאַנצע צײַט געטאָן זײַנס, וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן,—געהאָלפן טראָגן א פאַרווונדעטן ביז דער שול, אויסגעפילט וואָס דער לייטענאַנט האָט אים געהייסן טאָן אין שול, אונטערגעשטופּט, בייס מע איז געגאַנגען צו דער אײַזנבאַן, די טאַטשקע מיט פאַרווונדעטע, און ווען טשאַרנע האָט געדאַרפט אוועק צום פראָם,—זעמליאַניצין האָט זי א רוף געטאָן,—האָט זי בלויז פונדערווײַטנס זיך אומגעקוקט אַף זעליקן, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אַף א פּלאַטפאָרמע און מע האָט אים פונקט דערלאַנגט פון אונטן עמעצן מיט קוליעס אין די הענט. זי האָט לענגער א קוק געטאָן אהין, און זעליק—דאָס איז אקוראַט—האָט אַף איר א קוק געטאָן. איז קאָן עס הייסן, אז זיי האָבן זיך געזעגנט. זעליק האָט אפילע א שאָקל געגעבן צו איר מיטן קאָפּ, און דאָך...

אָט דאָס האָט זי געוואָלט פאַריכטן, טשאַרנע,—געזעגענען זיך מיט זעליקן. פּאָשעט, א געמענטשלעך, מיט א האַנט־דרוק, זאָגן אים עטלעכע ווערטער, ציִ באַנוגענען זיך מיט א געווייִנלעכן „זײַ־געזונט”. נאָר ווידער האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. בייס מע איז שוין געווען, זי און זעמליאַניצין, נאָענט לעבן די פּלאַטפאָרמעס, אַף וועלכע עס זײַנען באַשטאַט געוואָרן די פאַרווונדעטע, האָבן ערגעץ פון דער זײַט, ווו די ליימיקע אָפּהאַנגען זײַנען, גענומען פאַלן מינעס. זעמליאַניצין האָט זי א שטויס געטאָן, געצווונגען צובייגן זיך הינטער

א סטאָס נײַע שפּאַלעס, און אַליין איז ער אַוועקגעלאָפן צו די פּלאַטפאָרמעס. באַלד האָט ער זיך אומגעקערט מיט זײַנע דרײַ סאָלדאַטן — מע איז געלאָפן צוגעבויגענע האַרט לעבן די וואַגאָנעס, גרייט, טאָמער וואָס, א וואָרף טאָן זיך צווישן די רעדער. אָנגעשפּאַרט זיך מיט די הענט אין די דורכגעסמאָליעטע שפּאַלעס, האָט טשאַרנע אַף האַלב זיך אויסגעגלײַכט, וויסנדיק, אַז זי וועט אַלצייַנס גאָרנישט ניט באַווײַזן טאָן, זאָגן, אַפילו אויסשרײַען, — אויסגעגלײַכט זיך בלויז, קעדיי זעליק זאָל זי דערזען, נאָר דאָ האָבן איינס נאָך איינס זיך אָפּגעריסן נאָך עטלעכע מינעס, א רויך האָט פאַרהילט דאָס אָרט, ווו די פיר זײַנען געלאָפן, און באַלד, ווען דער רויך האָט גענומען צעגיין, האָט טשאַרנע, א פאַרציטערטע, דערזען: זעמליאַניצין האָט זיך אָנגעבויגן צו עמעצן, א צונויפגעקאָרטשעטן צווישן די בופערס, ער נעמט אַראָפּ בא יענעם, איבערן ניט נאַטירלעך אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַן אויטאָמאַט, און עמעצן א צווייטן שטרעקט ער אים אויס, — זעליקן, וואָס איז נאָך פון אונטן ביז האַלב, ביזן רימען, פאַרהילט אין רויך...

טשאַרנע האָט באַשלאָסן ניט אַוועק פונדאַנען, פון די פּלאַטפאָרמעס, ווו עס זײַנען אַף קאַסטנס און ניט פאַרפּאַקעוועטע דעטאַלן פון מאַשינעס געלעגן און געזעסן די פאַרווונדעטע, — לעס־בריירע, וועט זי זיך אַרופכאַפּן אַף איינער פון די דאָזיקע פּלאַטפאָרמעס און אַריבער אַפן צווייטן ברעג. זי האָט געהאָפט, אַז מיט דעם זעלבן וועג וועלן אינגיכן זיך אומקערן אין דער באַלקע, צו דער שול, זעמליאַניצין און די, וואָס זײַנען אַוועק מיט אים. זי האָט ניט געוווּסט, פאַרוואָס זי וואַרט דאָ, און פאַרט אַוועקגיין ניט געקאָנט, און געקאָסט האָט איר געזונט, וואָס די, אַף וועמען זי וואַרט, גייען ניט, און וואָס עס טונקלט...

דער פאַראָם איז געקומען, ווען ס'איז געוואָרן שטאַק פינצטער, און האָט אַרויסגערופן גאָר אַן אַנדער האַוועניש, גאָר אַן אַנדער געלויף אַף דער סטאַנציע. ביז אַהער האָבן אַלע געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן אַף דער מוירעדיק גרויסער, נידעריקער באַרזשע מיט זעניט־טורעמס און הייב־מעכאַניזמען (אַזוי האָט מען באַמאָלט דעם פאַראָם), וואָס האָט זיך געדאַרפט באַווײַזן פונעם ווײַטן, קעגניבערדיקן פּלאַטשיקן ברעג, ווו דאָס ברוינס פון די טיף־זומערדיק אויסגעברענטע קוסטעס האָט זיך געמישט מיט די העלע אויסשיטן פון זאַמדן. מע האָט געהאַלטן אין איין טרעפן, צי וועט ער נאָך קלאָל קומען, צי איז ער גאַנץ, דער פאַראָם, און וועמען וועט ער פאַרנעמען, וויפל וואַגאָנעס און וויפל מענטשן קאָן ער פאַראַמאָל אַריבערשיפן. איז אָט איז ער, ענדלעך, צוגעשטאַנען צום ברעג, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס אַזוינס, וואָס דערמאָנט אַן ערדציטערניש, א פאַרפּלייצונג, — ווען מע באַנעמט גאָרנישט און מע פאָלגט בלויז דעם אינסטינקט — ראַטעווען זיך, וואַרפן זיך אַהין, ווו אַלע. דער פאַראָם האָט געבראַכט מיט זיך א גאַנצן ראַי דײַטשישע אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן אים באַגלייט נאָך פון לינקן ברעג, ער איז געקומען צו שווימען א באַגאָסענער מיט דער בלענדיק־טויטער שײַן פון אַן א שיר פאַראַשוט־ראַקעטעס, „ליוסטרעס", וואָס האָבן זיך געוויגט אין דער הייך, עס האָבן זיך געקרייצט איבער אים און געפאַלן גלײַך אַף אים א סאַך בלויע, ציטעריקע פּראָזשעקטאָרפאַסן; טראַסירנדיקע סנאַריאַדן האָבן אָן אופהער אויסגעקריצט אין דער נאַכט קרומע ליניעס, וואָס געצאַנקט האָבן זיי ערגעץ דאָרט, ווו דער פאַראָם האָט א שוואַרצער זיך צעפּלאַסטערט; עס האָבן אויך געשאָטן סנאָפּעס פײַער די זעניטקעס פונעם פאַראָם גופע, און אונדזערע אַעראָפּלאַנען — מע האָט זיי דערקענט לויטן רויש, לויט די סילועטן — האָבן אומגעשמײַעט אַרום די דײַטשישע, געוואָרפן זיך אינעם סאַמע געקנויל זייערן. און אָט אַהין, ווו דאָס פײַער האָט געווימלט, ווו דער טײַך האָט געזאָטן, האָבן אַלע געשטרעבט, געריסן זיך, ווײַל ס'איז פאָרט געווען א שוועל אַף יענער זײַט, אַף מיזרעך.

ווו די דײַטשן זײַנען, האָט קיינער רעכט ניט געוווּסט, אָבער ערגער אַוודע פון אַלע קלאַנגען איז געווען דער עמעס אַליין: דער סוינע האָט זיך שוין אַרײַנגעריסן סײַ אין ספּאַרטאַנאָווקע, סײַ אין רינאָק, ער האָט פאַרנומען די לאַטאָשינקער סעדער — צוויי הונדערט מעטער פונעם פאַראָם, אַזוי אַז די, וואָס האָבן אונטער די הויכע ליימיקע אָפּהאַנגען, לענגאויס דעם אײַזנבאַן־וועג, געוואַרט אַפן פאַראָם, און דערנאָך געוואָרפן זיך צו אים, זײַנען ערטערווײַז געווען ווײַטער פון די דײַטשן, פון זייערע אויטאָמאַטלער אַף טאַנקען, פון זייערע וואַנדערנדיקע מינענוואַרפער און האַרמאַטן, איידער דער פאַראָם גופע. אונדזערע טאַנקען, ניט קיין סאַך, האָבן קורסירט אויבן, קימאַט באַם סאַמע ברעג. דאָרט, אין סעדלעך, אין באַזונדערע גרעסערע הײַזער, בא די וועגן האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם סוינע אונטערגעקומענע פעכאָטינער, קליינע גרופּעס, ווי זעמליאַניצינס, דרוזשינעס פון אײַזנבאַנער. זעניטלער, צומייניסטנס שוין בא צעקלאַפּטע האַרמאַטן, אין האַלב צעוואָלגערטע טראַנשייען, האָבן באַגעגנט די דײַטשן מיטן לעצטן, וואָס עס איז זיי געבליבן, — מיט גראַנאַטעס, מיט קוילן, מיט שפּיזן, מיט דער שוועראָטעמענדיקער, צעכראַסטעטער ברוסט... און אונטן האָט

געוויגט זיך דער פּאַראָם — ער האָט געדאַרפט אוועקגיין און קומען ווידער, עפּשער נאָך ניט איין מאָל.

בײַ די פּלאַטפאָרמעס, ווו טשאַרנע איז געבליבן, איז זי זיך גאַנץ שנעל צונויפגעגאַנגען מיט די עטלעכע מעדיקער, וואָס זײַנען דאָרט געווען, אַפילו אַרײַנגעקוועטשט זיך מיט אַ דאָקטערן פון אירע יאָרן, אַ גרינינקער מעדשוועסטער און אַ ציווילער פרוי מיט אַ יִינגעלע אין אַן אויסגעקרימטן טאַמבור. מע האָט געכעזשבענט, צי וועט דערגיין די ריי צו די פּלאַטפאָרמעס אַרוף מיט דער ערשטער פּאַרטיע אויפן פּאַראָם. פאָרויס זײַנען טאַקע געווען ניט ווייניקער, ווי זעכציק וואַגאָנעס, און מער פון דרײַסיק נעמט מען אויף דער באַרזשע ניט אַרויף, נאָר עמעצער האָט געזאָגט, און ס'האָט זיך זייער געוואָלט גלייבן דערין, אַז באַם פּאַראָם קומט פאַר אַ שטרענגער אָפּקלײַב — אַזוי איז געווען סײַ אַלע פריִקע טעג, סײַ נאָך הײַנט באַטאָג, — דעם טראַנספּאָרט, אויף וועלכן עס געפינען זיך פאַרווונדעטע, דערבײַ נאָך אַזעלכע אומבאַהאָלפענע, ווי דאָ, אויף די פּלאַטפאָרמעס, לאָזט מען דורך אין דער ערשטער ריי. אַזוי האָט מען גערעדט, איבערצײַגט איינס דאָס אַנדערע, ביז דער פּאַראָם איז געקומען.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ בעהאָלע. ס'הייסט, אויף די פּלאַטפאָרמעס האָט גאָרנישט זיך ניט אָנגעהויבן — די בעהאָלע איז געווען אַרום זיי, די לויפעניש, דאָס געפילדער. אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט די גאַנצע צײַט גערויכערט ערגעץ פונפאָרנט, האָט אַפילו איין מאָל און נאָכאַמאָל אונטערגעצויגן אַ ביסעלע, עטלעכע צענדליק מעטער, דעם עשעלאָן, וואָס אין זײַן באַשטאַנד זײַנען געווען די פּלאַטפאָרמעס. פּלוצעם האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קוילן, ניט פון אַעראָפּלאַנען — פון די ליים־בערג, עס זײַנען אויך געפאַלן עטלעכע סנאַריאַדן. עמעצער האָט אויסגעשריִען: „גראַנאַטעס! מע פאַרוואַרפט מיט גראַנאַטעס!" נאָך עמעצער, צי עטלעכע מיטאַמאָל האָבן אָנגעהויבן ליאַרעמען: „מיר זײַנען פאַרפאַלן! מע וועט ניט באַווײַזן אַרויספירן!" — און די פאַרווונדעטע, אין איינע וועש, האָבן זיך גענומען וואַרפן איבער די נידעריקע ווענטלעך פון די פּלאַטפאָרמעס, אַראָפּקײַקלען זיך פון די קאַסטנס, פון די דעטאַלן, אויף וועלכע מע האָט זיך צוגעמאָסטעט.

די דאָקטערן, די מעדשוועסטער, און אַלע, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף די פאַרווונדעטע, און טשאַרנע אויך, זײַנען אַראָפּ אויף דער ערד. מע האָט גענומען אויפהייבן יענע, וואָס האָבן זיך צעקלאַפּט, אַנדערע, וואָס האָבן זיך געלאָזט פויזען, — אומגעקערט, באַרויִקט. מע וועט אַלעמען אַרויספירן, מע דאַרף זיך באַהערשן. אויב פויזען — איז ווי ווײַט וועט מען אוועקפויזען? בעסער וואַרטן. אָבער איינער, גאָר אַ יונגינקער, אין אַ צעשניטענער גימנאַסטיאָרקע, מיט אַ באַנדאַזש אויפן קאָפּ, אויף אַ העלפט פונעם פּאָנעם און אויף דער ברוסט, און כּוץ דעם — מיט אַ פאַרקרעמפּעוועטן פוס צווישן צוויי שינעס, אָט דער, אַזאַ געליטענער, און אַ צוגעטשמעליעטער פונעם פאַלן, האָט בייס טשאַרנע האָט זיך צו אים אָנגעבויגן, קראַמפּיק־פעסט אַרומגעכאַפּט זי מיט איין האַנט פאַרן האַלדז. זי האָט זיך געפּרוווט אויסגלײַכן, געוואָלט באַפרײַען דעם האַלדז, נאָר דער פאַרווונדעטער האָט ניט אָפּגעלאָזט, נאָכגעצויגן זיך איר אַנטקעגן, זײַנע אויגן האָבן פיבערדיק געבלישטשעט, און קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, מיט אַ צעקרימטן מויל האָט ער געכריפּעט:

— נעמט מיך צו פונדאַנען, נעמט מיך צו!

טשאַרנע האָט פאַרשטאַנען: ער וועט זי ניט אָפּלאָזן, און אויסרײַסן זיך מיט קויעך האָט קיין האַרץ ניט געקלעקט. מיטאַמאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן: „טאַקע, עפּשער פּרווון טראָגן אים, עפּשער אוועקלייגן אים אויף מײַן שינעל און שלעפּן, און עפּשער וועט ער זיך בלויז אָנשפּאַרן אין מיר — שפּרינגען אויף איין פוס?" דערבײַ האָט זי באַנומען נאָך עפּעס: כאָטש קיינער קאָן זי דאָ ניט פאַרהאַלטן, האָט זי איצט, באַלד פּאַשעט אַזוי אוועקגיין ניט געקאָנט, העלפן אַ פאַרווונדעטן דערקלײַבן זיך צום פּאַראָם — יאָ, און אַליין אוועקגיין — ניט. אָט דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זי דורכגעקלערט פאַר די עטלעכע רגעס, וואָס דער יונגינקער, אַן אָנגעשטרענגטער און עפּעס גאָר אַ לײַכטער, איז געהאָנגען אויף איר האַלדז, און זי האָט אים געהאָלפן אופשטיין אויפן געזונטן פוס.

ער איז אָפּגעשפּרונגען אַ דרײַ צענדליק שפּאַן, קלאַמערנדיק זיך אין איר אַקסל. זי האָט אים אונטערגעהאַלטן, ער זאָל ניט פאַלן. אָבער מער, ווי דאָס דאָזיקע שטיקל וועג, האָט ער ניט געקאָנט מאַכן. דער פוס איז געזונקען אינעם זאַמד, און דעם צווייטן, דעם פאַרקרעמפּעוועטן, איז שווער געווען צו האַלטן אויסגעצויגן פאָרויס. דער פאַרווונדעטער האָט מיט אַ קלאָלע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. טשאַרנע האָט צוגעוואַרט עטלעכע רגעס, ביז ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, געהאָלפן אים אַריבערוקן זיך אויף איר אויסגעשפּרייטן שינעל און גענומען שלעפּן. דערנאָך, ווען זי האָט זיך אויך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס, ס'איז מוירעדיק שווער געווען, האָט זי איבערגעלאָזט דעם שינעל און געשלעפּט דעם יונג, אַ

ליגנדיקן, שוין בלויז פאר דער גימנאַסטיאָרקע. סנאַריאַדן זײַנען געפאַלן דאָ, דאָרט, שפּליטערס האָבן געקלאַפּט אין דער ערד, אין די וואַגאָנעס. א פּאָר מאָל האָבן די וואַגאָנעס, קלינגענדיק מיט די בופערס, זיך א רוק געטאָן, נאָר טשאַרנע האָט פּאָרט שנעלער פון זיי דערגעענטערט זיך צום פּאַראָם. מענטשן זײַנען געלאָפן פאַרבײַ איר — מיט פּעק, אָן פּעק, מע האָט זיך ניט אומגעקוקט. אייניקע האָבן, פּונקט ווי זי, געטראָגן אָדער געשלעפּט פאַרוואונדעטע, געטראָגן אָדער געפירט פאַר די הענט קליינוואַרג. שוין ניט ווײַט פונעם פּאַראָם האָט עפּעס א מיידל אין ציווילן, מיט שוואַרצע, לאַנגע, צעלאָזטע האָר, וואָס האָבן איר פאַרשטעלט אַמאָל פון איין זײַט, אַמאָל פון דער צווייטער זײַט א שטיק פּאָנעם, אָפּגעשטעלט זיך און גענומען העלפן טשאַרנען טראָגן דעם פאַרוואונדעטן. איצט איז מען גיך צוגעקומען אַהין, ווּ א וואַגאָן, א פאַרטשעפּעטער מיט א טראָס, האָט פּאַמעלעכן זיך גערוקט צו א ברייט בריקל, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן געווען אױף דער באַרזשע. פון ביידע זײַטן, אַפן ברעג און אַפן בריקל, זײַנען געשטאַנען אײַזנבאַנער און מאַטראָסן אין קאַסקעס, און נאָך מער אײַזנבאַנער און מאַטראָסן און באַוואָפנטע שלאַכטלײַט האָבן פון ביידע זײַטן, ווײַטער א ביסל אַפן ברעג, געשאַפן א צוים, קעדיי, ביז עס קויקלט זיך דער וואַגאָן, אײַנהאַלטן דעם אוילעם, וואָס האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט. טשאַרנע האָט דערזען, אַז א סך מענטשן האַלטן אונטער, אָדער מע טראָגט אױף די הענט פאַרוואונדעטע — מע וואַרט מיסטאָמע, דער וואַגאָן זאָל אַריבער דאָס בריקל, וועט מען, ביז עס וועט פאַרטשעפּעט ווערן א צווייטער, אַוועק אָדער איבערגעבן די פאַרוואונדעטע אױף דער באַרזשע. האָט זי מיטן בליק געגעבן דאָס צו פאַרשטיין דעם מיידל, און זיי האָבן אויך, אױף צונויפגעפּלאָנטערטע הענט, אַוועקגעזעצט און אונטערגעהויבן דעם פאַרוואונדעטן. גאָר אינגיכן האָבן אים איבערגענומען בא זיי צוויי סאָלדאַטן פון דער פאַרצוימונג, דערבײַ האָט איינער געזאָגט:

— שנעלער, שנעלער, אָן־אָ ליגן נאָך!..

ער האָט אָנגעוויזן אױף דער באָמבע־גרוב מיטן איבערגעקערטן וואַגאָן, ווּ טשאַרנע האָט געמיינט בלײַבן, בייס זי איז אַרויס מיט זעמליאַניצינען פונעם קאָמענדאַנטס קעלער. איצט, לויפנדיק צו דער גרוב, האָט טשאַרנע געוואָרפן א בליק אין דער זײַט, ווּ יענער קעלער איז געווען אונטער א באַרג ציגל און הילצערנעם ברוכוואַרג. זי האָט אָבער ניט געפונען דעם באַרג — אין דער בלענדיקער ראַקעטן־שײַן האָט דאָרט געלויערט א שוואַרצע גרוב, אַזאַ ווי מע מאָלט זיך א לעוואָנע־קראַטער...

טשאַרנע און דאָס מיידל האָבן געטראָגן א באַיאָרטן, שטאַרק באַוואַקסענעם סאָלדאַט, א פאַרוואונדעטן אין בויך. דער סאָלדאַט האָט געקאָרטשעט זיך בא זיי אין די הענט, אָנגעכאַפּט זיך אַלעמאָל פאַר עפּעס אַנדערש, וואָס האָט זיך געמאַכט אױף זייער וועג, — אָן אײַנגעבראָכענעם סלופּ, א הרודע ערד, א רעלס, ער האָט געקרעכצט, געזידלט זיך, געבעטן, מע זאָל אים ניט טשעפּען — אין ווילדן ווייטעק האָט ער אופגעהערט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר אַרום. מע האָט געמוזט אײַלן, קעדיי פאַרקירצן זײַנע ליידן. פּלוצעם האָט דעם וועג פאַרצוימט א מיידעלע פון א יאָר זיבן, און מיט א געוויין, ברעכנדיק די הענט, גענומען בעטן:

— טיאָטינקעס, טיאָטיעס, פאַרנעמט מײַן מאַמע, זי קאָן ניט גיין!

צוויי שפּאַן אין א זײַט — ערשט איצט האָבן טשאַרנע און דאָס מיידל דערזען — איז געלעגן א יונגע פרוי מיט פאַרבלוטיקטע פיס, נידעריקער פון די קני.

— מירן באַלד קומען נאָך דײַן מאַמען, — האָט טשאַרנע געזאָגט, — וויין ניט!

נאָר דאָס מיידעלע איז ניט אָפּגעטראָטן:

— מײַן מאַמע, עס טוט איר שטאַרק וויי!

און דאָ האָט זיך אָפּגערופן די פרוי:

— לויף, וואַרינקע, לויף מיט זיי אַפן פּאַראָם! וועסט זיי שיקן נאָך מיר!

טשאַרנע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם:

— קום גיכער, זעסט, מיר קאָנען ניט שטיין!

— נעם דאָס פּעקעלע דײַנס, — האָט די פרוי געזאָגט, — פּאָלגסט דאָך מיך שטענדיק, וואַרינקע, גיי!

דאָס קינד איז אַוועק, לויפנדיק פאָרויס, קעדיי אַזויאַרום אונטעריאָגן טשאַרנען מיטן מיידל. מע האָט זיי דורכגעלאָזט אַפן פּאַראָם, א פאַרשטעלטן מיט צוויי רייען וואַגאָנעס. אַוועקגעלייגט דעם פאַרוואונדעטן אױף עמעצנס פּעק, ניט ווענדנדיק קיין אַכט אױף די אופגעבראַכטע קוילעס, וואָס האָבן זיך גלײַך דערהערט, געהייסן וואַרינקען בלײַבן דאָ, האָט טשאַרנע א רוף געטאָן דאָס מיידל מיט די צעלאָזטע האָר און איז אַוועק צום בריקל. זי האָט געזען, אַז מאַטראָסן אין קאַסקעס פּאָרען זיך באַם בריקל, דאָרט, ווּ עס שפּאַרט זיך אָן אין דער באַרזשע, מע קלאַפּט אַזוי ווי אַרויס אײַזערנע פלעקלעך פון גרויסע סקאָבעס, דערהערט

אַפֿילע, אַז עמעצער פֿון די מאַטראָסן האָט געזאָגט: „וווּהין טראָגט עס אײַך?" — פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט, נאָר באַשטימט, אַז זי טאָר ניט פֿאַרלירן קיין רעגע אויף צו פֿרעגן, וויפֿל צײַט זי האָט נאָך. זי איז אַראָפּ אויפֿן ברעג, זײַענדיק זיכער, אַז די דרײַ־פֿיר מינוט, וואָס זי דאַרף, וועט מען זיך דאָ נאָך פֿאַרען. דאָס מיידל האָט זיך דאַפֿקע פֿאַרהאַלטן אַ ווײַלע אויפֿן בריקל, נאָר באַלד איז זי אויך אַראָפּ אויף דער ערד, און טשאַרנע האָט אַ באַרוּקטע אַ קלער געטאָן: „זי האָט מיסטאָם געפֿרעגט, צי מע וועט באַווײַזן אומקערן זיך".

זיי זײַנען שוין געווען לעבן דער פּרוי, ווען באַמבעס האָבן גענומען רײַסן זיך אויפֿן ברעג, און אין וואַסער, אַרום דעם פּאַראָם. מע האָט געמוזט צודריקן זיך צו דער ערד, איבערוואַרטן. ווען טשאַרנע און דאָס מיידל זײַנען אויפֿגעשטאַנען, האָבן זיי דורכן רויך און שטויב דערזען: דער פּאַראָם גייט אָפּ, אַ שוואַרצער ריזיקער עליפּס, מיט אָנגעהויפֿטע טשערעמס, קערעוועט שווער און לאַנגזאַם זיך פֿאַנאַנדער אין רויט־באַשײַנטע כוואַליעס. דאָס מיידל האָט עפּעס אויסגעשריִען, אַוועקגעלאָפֿן צום ברעג, אַ וואָרף זיך געטאָן אין וואַסער, און טשאַרנע האָט קוים באַמערקט נאָך אײַנדערלופֿטן דעם פֿלאַטער פֿון אירע צעוויִעטע האָר, ווי דעם פֿאָך פֿון אַ פֿליגל.

6

ליובע איז שווער געגאַנגען צו קינד, ניט אַזוי, ווי עס געשעט געוויינלעך בײַ אַ זיבעלע. עטלעכע מאָל האָבן די מאַנצבלען, ניקאַנדער און פּיניע, וואָס האָבן זי געטראָגן, פֿריִער אויף איר שינעל, דערנאָך, ווײַל ער איז פֿאַרט געווען קורץ און די צעשניטענע פּאָלעס זײַנען זיך צעגאַנגען, האָט דאָבציע געגעבן די פֿרענדזלדיקע שאַל, — עטלעכע מאָל האָבן די צוויי אַלטע לײַט, ווען ליובע האָט גענומען וואַרפֿן זיך, צאַפּלען, פֿאַרסאַפּעטע געמוזט אַראָפּלאָזן זי אויף דער ערד, דערבײַ ניט שטענדיק אַפֿילע הינטער עפּעס אַ שוץ — אַ וואַנט, אַ קוסט, נאָר גלײַך אויפֿן וועג, אויפֿן גראָז, אָפּגיין אין אַ זײַט און וואַרטן. דאָס קינד, וואָס האָט זיך פֿון איר געריסן, איז אַלץ אויף דער וועלט ניט געקומען. דאָבציעס פּאָרען זיך לעבן דער געווינערן, אייגנטלעך, פּאַשעט דאָס אײַנשטילן און דאָס טרייסטן זי, ווען שעפּטשענדיק און ווען הויך, עס זאָל מער ווירקן, האָט געדויערט אַלץ לענגער, כאָטש מע האָט, וואָס ווײַטער, אַלץ שטאַרקער געמוזט אײַלן. האָבן ניקאַנדער און פּיניע, ווי נאָר מע פֿלעגט זיך אָפּשטעלן, גענומען אַריבערטראָגן די פּעקלעך זייערע פֿאָרויס, אַהין, ווו מע וועט באַלד דורכגיין, און אומגעקערט זיך יעדעס מאָל מיט דער זעלבער פֿראַגע:

— נו?

מענטשן זײַנען געלאָפֿן פֿאַרבײַ — פּליטים מיט פּעק, מיט קינדער, עס האָבן זיך געטראָפֿן אויך באַוואָפֿנטע לײַט — מיליטערישע, ציווילע. האָט מען אַלעמען נאָכגעשריִען:

— אַ דאָקטער, עפּשער איז דאָ עמעצער אַ דאָקטער, אַ פֿעלדשער?

די, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן אײן אײַלעניש געענטפֿערט:

— ניין, ניטאָ.

דאָבציע האָט, עמעס, נאָכגעפֿרעגט זיך נאָך אויף עפּעס:

— איר זײַט ניט פֿונעם טראַקטאָר־זאַוואָד? עפּשער קענט איר, עפּשער האָט איר באַגעגנט אַזאַ — סלאַוווטען, סיאָמע סלאַוווטע, אַ ייִנגל, מײַן זון, פֿון אינסטרומענטאַלן צעך?

און צו ליובען האָט זי געזאָגט, איבערגעכאַזערט עס אַלעמאָל אויף פֿאַרשיידענע אופֿאַנים, נאָר דער מיין איז געווען דער זעלבער:

— קינדער, האַ? מע האָט זיי שווער, זעסט שוין, און דערנאָך — וואָס? דאָס שווערע איז ערשט גאָר דערנאָך...

זי האָט שוין, די אַלטיטשקע, מיט די טיף־אײַנגעגראָבענע, שוואַרצע אויגן, און מיט די קנייטשיקע, אַראָפּהענגענדיקע באַקן (סײַ די אויגן, סײַ די באַקן האָט זי מעיושעוודיק און מיט געדולד, ווי אַלטע טוען דאָס, ניט איין מאָל געווישט פֿון טרערן), — זי האָט שוין דערציילט, פֿאַרעדנדיק ליובען און שטילנדיק מיט די רייד דעם אייגענעם קוים־פֿאַרבאָרגענעם אומרו, אַז מע איז דאָ, זי און פּיניע, און דער זון, אָנגעפּאָרענע, עוואַקויִרטע, אַזש פֿון איזיאַסלאַוו, אויף אוקראַיִנע, אַרום סלאַוווטע, — פֿונדאַנען נעמט זיך די פֿאַמיליע זייערע, — נאָענטע שטעטלעך, און ווער עס ווייסט ניט, ווו איינס געפֿינט זיך, ווייסט ער עפּשער וועגן צווייטן, — אַ פֿישער איז ער, דער מאַן אירער, אַלע יאָרן אויפֿן טײַך גאָרין, און איצט דאָ, אויף דער וואָלגע, דאָס האָט אים צונויפֿגעפּירט מיט ניקאַנדערן. און סיאָמע — יענער איז אַ שטיק גאָלד, ס'הייסט די עלטערע צוויי זין — ווער ווייסט, ווו זיי זײַנען איצט, זיי זײַנען אַוועק אויפֿן פֿראָנט, און מע הערט פֿון זיי ניט, זינט מע האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער היים, — די עלטערע צוויי זין זײַנען אויך ניט אַבי־ווער: איינער איז געווען אַ מעכאַניקער אין מיל, דער

צווייטער א טראַקטאָריסט, נאָר סיאָמע, ער האָט גאָר געזאָלט לערנען זיך שפּילן פּיאַנע, ס׳הייסט געלערנט זיך טאַקע אַלע יאָרן, פון סאַמע־סאַמע, און איז גלײַך נאָך דער שול אָנגעקומען קיין קיִעוו, נאָר ווו — מע האָט אים, ווען די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, געשיקט גראָבן אָקאָפּעס הינטער דער שטאָט, דערנאָך האָט אים רעכט פּאַרטשעפּעט, די זײַט האָט עס אים פּאַרטשעפּעט. זי האָט אים געפונען, זי און פּיניע, אין א מיליטערישן שפּיטאָל אין קיִעוו. מע איז מיטגעפאָרן מיט אים אין עשעלאָן, גוטע נאַטשאַלניקעס האָבן דערלויבט, וואָדען, און געקומען איז מען אַהער. סיאָמע איז געוואָרן א שלאָסער, און ווײַטער — וואָס, ווו איז ער?.. אז ער האָט גאָר געטאָגט און געגעכטיקט אפן זאַוואָד, אפילע דאָס ביסל געקעכץ, וואָס מע פלעגט אים ברענגען, זי אָדער פּיניע, האָט ער ניט שטענדיק געקאָנט ארויסגיין צום טויער באַקומען — אָפּטער פלעגן אַנדערע עס צונעמען פאַר אים... און הײַנט, ווען אָט די מעשוגאַס האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער צוגעשיקט א צעטעלע מיט איינעם, וואָס איז געקומען צונויפרופן די דרוזשיניקעס: לויפט צום פּאַראָם... לויפט, און ער ווו איז? אָט האָט דאָך, ניט אויסגערעדט זאָל דאָס זײַן, די לוניאָווע אַזוי שלעכט געטראָפן...

ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז גאָר טאָיִסיא אפאַנאַסיעוונעס א שכיינע.

— וואָס זשע, איך קען די סקולפּטאָרשע ניט? און וואָווע האָט גאָר ניט געוווּסט, צו װעמען ער וואַרפט זיך, וועמען ער שטעלט אָפּ, מע זאָל העלפן?..

פּיניע — דער האָט געשוויגן, ער איז מיסטאָמע בעטעווע ביכלאַל געווען א שווײַגער. ס׳האָט זיך באַ אים בלויז ארויסגעריסן עטלעכע מאָל, ווען ס׳זײַנען ווײַט, צי ניט גאָר ווײַט, געפאַלן באָמבעס, וואָס האָבן צעוויגט די ערד און פאַרפּולט די נאַכט מיט פלאַם:

— עק וועלט! אז מע זאָגט — סאָף וועלט!..

און ניקאַנדער, וועלכער האָט, זעט אויס, ערגעץ טאַקע שוין באַוויזן אויפבינדן זײַן זאַק און א כליעפּטשע טאָן פונעם פּלעשל, האָט לעבהאַפטיק, און אפילע מונטער אים אַלעמאָל געענטפערט:

— ניין, פּיניע, שטענדיק מיינט מען אַזוי. איך האָב אַזוי געמיינט דאָ, באַ דער צאַריצע, — די צאַריצינער שלאַכטן — ס׳ט געהערט? און ווען מיר זײַנען דערנאָך דעם סיוואַש אריבערגעגאַנגען — די בלאָטע איז מיר, דעם לאַנגן, געווען ביזן האַלדז... נישקאָשע, מע לעבט!

„מע לעבט”, — האָט ליובע געטראַכט, און געקלונגען האָט דאָס פאַר איר אי טרייסטנדיק, אי ביטער, ווײַל ווי נישטיק איז זי, די מעכיצע, ווי קליין איז דער מעהאַלעך צווישן זײַן און ניט זײַן, און דאָך — ווי גרויס, און וויפל באַטײַט ער, אָט דער כילעק? עק וועלט האָט זי געזען אָף א בילד: „דער אומקום פון פּאָמפּיי”. דאָ איז אויך אַזוי. אפן בילד זײַנען אין פײַער, אָף די קעפּ פון לויפנדיקע מענטשן, געפאַלן ערגעץ פון דער הייך צוויי סקולפּטורן, ווי אראָפּגעשלײַדערטע געטער, און זי האָט ערשט ניט לאַנג געזען דעם סטאַרטשענדיקן צאָקאָל און א ווײַסע צעקלאַפּטע סקולפּטור — די סקולפּטור, וואָס איז פון איר געקלעפּט געוואָרן... די מענטשן, וואָס זײַנען פאַרשוווּנדן אין דער פײַערדיקער לאַווע צוזאַמען מיט פּאָמפּיי, האָבן געמיינט: סאָף וועלט. און זי איז דאָ, די וועלט. גערעכט איז ניקאַנדער. זי איז דאָ פאַר אַזויפיל גליק און פאַר אַזויפיל לייד... וואָס האָט זי, ליובע, געזען אין לעבן מער — גליק צי ניט קיין גליק? ווי אַלע... און צוליב דעם קומט דאָס קינד — צוליב גליק און... עס ווילט זיך גאָר ניט טראַכטן!

עס האָט זי געפיבערט. זי האָט שוין קיין ווייטעק ניט געפילט, ווײַל זי איז דורכויס געווען ווייטעק. מינוטנווײַז האָט זיך אַלץ ארום אויסגעלאָשן — עס איז פאַרשוווּנדן די נאַכט, דער סאַרפּענדיקער הימל, עס האָט זיך ניט געהערט דאָס הודען, דאָס דונערן, דאָס פײַפן. פון ערגעץ — פון נאָענט אָדער ווײַט — האָט זיך דערטראָגן בלויז דער אַלטער דאָבציעס קאָל, איר צאַרט, דערשראָקן, נאָר איינצײַטיק אויך דערמונטערנדיק געבעט: „נו, טאָכטערקע, נאָך א ביסעלע, נאָך איין ווײַלעטשקע!” ניין, ניט דאָס — איצט האָט זי שוין געשעפּטשעט עפּעס אַנדערס, דאָבציע: „שלאָף ניט, טאָכטערקע, הערסט, מע טאָר ניט...” נאָר ס׳האָט זיך געוואָלט שלאָפן, זען כאַלוימעס, ניט פילן דאָס איבלען, וואָס טרעט צו צום האַרצן, מאַמעש אָף אויסצוגיין. און אין מויעך האָט געפּיקט: „פּיניע, ווו האָב איך געהערט אַזא נאָמען? אַהאַ, אין א פילם. א מענטש, א נאַווענאַדניק, א שלימאַזלדיקער גליקזוכער, האָט געפרעגט: „וויפל קאָן קאָסטן אָט די שיף?” דערנאָך האָט פּיאָטער אָסיפּאָוויטש, אין שול, ווען מע האָט גערעדט וועגן יענעם פילם, דער לערער פון נאַטורקענטעניש, דער גוטער, דער קלוגער פּיאָטער אָסיפּאָוויטש, געזאָגט: „איך ווייס ניט, צי אַזא, ווי יענער פּיניע, טרעפט זיך אין לעבן, נאָר אָט בין איך אָף אן עמעס — פּיניע...” און דאָ איז פּיניע — דער פישער, א געזעצטער, אן אומרויִק־רירעוודיקער, מיט א פאַרקײַלעכיקטער באָרד און מיט א קעפּקעלע, א פּאַרוקטן ווײַט אפן פליכעוואַטן קאָפּ. אָט דער פרעגט:

— הא, דאַבציע, ווי מײַנסטו, ער זאָל זיך כאַטש אומקערן...

— וואָס הייסט, קענסט ניקאַנדערן ניט? אַבי נאָר גאַנץ — וועט ער קומען.

— יאָ, טאַקע, ער האָט געמוזט גיין אַ קוק טאָן, ווו ניורע מיטן פּיצל זײַנען, און ווי עס האַלט באַם פּאַראָם... אָבער... מיר זײַנען אויסגעשטעלט...

און ווידער פּיניעס קאָל (נאָך דעם, ווי דאַבציע האָט עפּעס געענטפערט ניט הויך און ניט קלאָר, ווי דורך אַ וואַנט):

— אויסגעשטעלט! וואָס זשע, וואָווע, דאָס יאַטל, וועט העלפן טראָגן?

„וואָווע, — האָט ליובע געטראַכט, — ער איז דאָך אַוועק מיט יענער ניורען און מיט אַלעמען, אַהין, ווו ניקאַנדער איז געגאַנגען אַ קוק טאָן. איז ער גאָר דאָ, וואָווע! און טאַיסיאַ אַפּאַנאַסיעוונאַ האָט מיך ערשט־אָ געפֿרעגט:

— ווו איז וואָווע? — און האָט געשריגן: — ווהין, מיט וועמען האָסטו אים אָפּגעלאָזט?"

זי האָט ניט געקאָנט באַנעמען, ליובע, ווו איז כאַלעם, הײַנט־געפֿלאָנטער, און ווו איז — וואָר? נאָר אויב טאַיסיאַ אַפּאַנאַסיעוונאַ איז דאָ נאַרוואָס געוועזן און פֿאַרשוווּנדן, ווי אַין כאַלעם, איז אָבער דאָס, וואָס פּיניע זיצט אַן־אָ אַ שוואַרצער אויף זײַן אַרומגעבונדענעם זאַק, און וואָווע, וואָס מערקט זיך בווילעט לעבן אַלטן, אויפֿן פֿאַן פֿונעם רויטן הימל, — וואָווע שטייט, האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פֿאַר דער ליאַמקע פֿון אַ רוקזאַק, איר, ליובעס, רוקזאַק, און איבערגעוואָרפֿענעם איבערן אַקסל — דאָס איז וואָר, דאָס פֿאַרשווינדט ניט... אַ שטאַרק פֿײַער באַלײַכט די שטיילע, ליימיקע אָפּהאַנגען, וועלכע זי זעט פֿון אונטן־אַרויף, זי זעט אויך אַ קרום ביימל, וואָס וואַקסט אין מיט פֿונעם אָפּהאַנג, אײַנגעוואָרצלט זיך אין אַ הליבע, — דאָס אַלץ איז אַף אַן עמעס.

— איבערגעקומען, — האָט זיך דערטראָגן דאַבציעס קאָל, — כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: איבערגעקומען. נאָר ליג, ליג, וואָס זעצסטו זיך אויף, גאָט איז מיט דיר! דאַרפֿסט נאָך ליגן, ביסט דאָך ניט קיין קליינע, ווייסט דאָך... אַ יינגל, מיט מאַזל זאָל עס דיר זײַן, אַ קרעפּטיקס, מע דאַרף דעם אַפּילע קיין פֿלעצל ניט געבן... אָט וועל איך גיין אַרומשווענקען דעם דאָס קעפֿל אין טײַך, כאָטשבי דאָס קעפֿל — נישקאָשע, מיר זײַנען פֿישער, מיר האָבן פֿאַר אַ טײַך קיין מוירע ניט!

ליובע האָט פֿאַרשטאַנען: דאַבציע איז צופֿרידן, זי פֿרייט זיך פֿאַר איר, און ביכלאַל פֿאַר אַלעמען איז איצט בעסער, באַ אַלעמען זײַנען מער אַ ביסל פֿאַנאַנדערגעבונדן די הענט. זי האָט געוואָלט זען דאָס קינד, און ניט געוואָגט, געשעמט זיך בעטן, דאַבציע זאָל עס איר ווײַזן. און עפּעס האָט גאָר אויך ווי אַ גלײַכגילט זי אַרומגעכאַפּט. נאָר דורך דעם גלײַכגילט, וואָס געקומען איז ער פֿון פֿולער אויסגעשעפּטקײַט, האָט אין איר דערוועקט זיך אַ צאַרטקײַט, ניט קיין באַגרײַפֿטע, אַזאַ, וואָס גייט אַריבער אין אומרו, שרעק — דאָס איז געווען דער שטענדיקער אומרו און די שטענדיקע שרעק פֿון אַ מאַמע.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ טופּ און אַ שורשען, ווי בײַס מע גייט אין זאַמד, און ניקאַנדערס שטים, ווידער קימאַט אַן אָפּגעלייגטע:

— זעסט! און דו זאָגסט, פּיניע, סאָף וועלט! מענטשן ווערן דאָך ערשט געבוירן! מע פֿליושקעט עס, דאָס שנעקל! ניט סאָף וועלט, און ניט אָנהייב וועלט, ווי מע פֿלעגט זינגען אין לידער. איך זאָג מײַנס: די וועלט איז אַוועק אַ ביסל ווײַטער... באַלד, איך וועל זיך אַרומוואַשן דעם שטערן...

פּיניעס דערשראָקן קאָל:

— פֿאַרוווּנדעט?

— אַ דראַפּ! ס'הייסט, טאַקע נישקאָשע פֿון אַ דראַפּ, שיר אַן אויג ניט געפּאַטערט, נאָר איך האָב אים אויך געגעבן...

— וועמען?

— וועמען! אַן אויסוווּרף! אַן־אָ, אָט די מיליטערישע בירגערן ווײַסט...

ליובע האָט עטוואָס אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און דערפֿילט דערבײַ, אַז די צונויפֿגע־דרייטע צעפּלעך האָבן איר אָנגעקוועטשט דעם נאַקן. זי האָט אַ זוך געטאָן מיט די אויגן ניקאַנדערן, דערזען אים גיין אין זײַן צעכראַסטעטער ברעזענטענער קורטקע צום וואַסער. אַ ביסל אין אַ זײַט פֿון פּיניען און פֿון וואָווען האָט זי באַמערקט דעם סילועט פֿון אַ פּול־בלעכער שטאַלטנער פֿרוי אין מיליטערישע קליידער, מיט געדיכטע האָר, קאָס אונטערגע־האַקטע נידעריקער פֿון די אויערן. עפּעס איז געווען קענטלעכס אין דער פֿרויס פֿיגור, אינעם שטעל פֿון איר גוף, אין דעם, ווי זי איז אונטערגעשווירן, און ליובע האָט אַ טראַכט געטאָן: „איך האָב זי געזען אין אונדזער דיוויזיאָנקע, אין רעדאַקציע, און איינמאָל האָט זי געשמועסט מיט איגאָרן, ווען ער איז געקומען פֿון אויסשפּיר".

7

טשאַרנע האָט גאַנץ שוואַך געקענט שווימען, פּונדעסטוועגן, אויף וואַסער וואָלט זי זיך אַ ביסל געהאַלטן, ווען זי וואַרפֿט זיך אין טײַך, בײַס דער פּראָם איז אָפּגעגאַנגען. און מיסטאָמע האָט דאָס מיידל מיט די לאַנגע האָר געקענט שווימען, — עפּשער וואָלט דאָס מיידל זי אַפֿילו אונטערגעהאַלטן, ביז מע וואָלט זיי באַמערקט פֿונעם פּראָם. דעם מיידל האָט מען געוואָרפֿן אַ שטריק... דאָס אַלץ האָט טשאַרנע געטראַכט דערנאָך, ווען זי איז געבליבן אויפֿן ברעג, לעבן דער פֿאַרווונדעטער. אָבער געוווּסט האָט זי, אַז זי האָט אין וואַסער זיך ניט געקאָנט וואַרפֿן, ווײַל זי שווימט טאַקע גאָר שוואַך, — אַלץ באַקלערן, ווי אין אַ מינוט, אין עטלעכע מינוט אַרום, האָט זי דערמאָנט ניט באַוויזן, און צווייטנס, און עפּשער איז עס דער עיקר, אויב יענץ, דאָס ערשטע, איז ניט דער עיקר, — די פֿאַרווונדעטע פֿרוי, וואָרינקעס מאַמע...

ווען דער פּראָם איז אַוועק, איז אויף דער סטאַנציע צוערשט געוואָרן קימאַט ווי שטיל. דעם סוינעס אַעראָפּלאַנען זײַנען אַלע פֿאַרנומען געווען אַרום דער שוואַרצער באַרזשע, וואָס איז פֿלאַמעלעכן געשווומען, ווי איבער אַ לויכטנדיקן טײַך, און די שיסערײַ פֿונעם ברעג איז אויך געריכטעט געוואָרן אויף דער באַרזשע. אוילעם איז געוואָרן ווייניקלעך אויף דער סטאַנציע, נאָר באַלד האָט מען ווידער געגנומען צוקומען — פּליטים, פֿאַרווונדעטע שלאַכטלײַט. די פֿאַרווונדעטע האָבן זיך ווי־ניט־איז אַראָפּגעלאָזט פֿונעם שטיילן ברעג און דערציילט, אַז די דײַטשן זײַנען אָט־אָ, צוויי הונדערט מעטער פֿון דער סטאַנציע... און אויף דער סטאַנציע האָבן געהאַוועט אײַזנבאַנער, געפּײַפֿט, געפֿאָכעט מיט זייערע פֿענדלעך — איבערגעשטעלט די וואַגאָנעס, איינע — נענטער צום פּראָם, איינע — ווײַטער. פֿײַערלעשער מיט בראַנדספּויטן האָבן געלאָשן עטלעכע ברענענדיקע וואַגאָנעס. צי עס וועט נאָך קומען ווידער דער פּראָם, האָט קיינער, סײַ די אײַזנבאַנער, סײַ די וואַך, סײַ די פֿײַערלעשער, ניט געוואָלט זאָגן, און עפּשער — ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן. אָבער וועגן איינס האָבן אַלע געוואָרנט — מע זאָל זיך האַלטן, ווי מעגלעך, ווײַטער פֿון די וואַגאָנעס, אייניקע זײַנען געלאָדן מיט אַזוינס, וואָס האָט מוירע פֿאַר יעדער באָמבע, פֿאַר יעדער סנאַריאַד. און גאָר אײַנגיכן, אין אַ פֿערטל שאָ אַרום, האָט זיך עס ווידער אָנגעהויבן — די סטאַנציע איז שטאַרק באַשאָסן געוואָרן סײַ פֿון דער לופֿט, סײַ פֿון דער ערד.

וואָרינקעס מאַמע האָט געהאַלטן אין איין דאַנקען טשאַרנען דערפֿאַר, וואָס זי האָט איר געראַטעוועט דאָס קינד. נאָר דאַנקען האָט זי גענומען שפּעטער, ווען דער פּראָם איז לאַכלוטן פֿאַרשווונדן אין דער נאַכט, — ביז דעם האָט זי מיט דולע אויגן געקוקט אויפֿן טײַך און ניט געלאָזט, טשאַרנע זאָל זי רירן פֿון אָרט. ס׳איז נאָך אַ פֿראַגע געווען, וויאַזוי זי רירן, און ווו אַהינטאָן זיך מיט איר. שלעפּן זי, ווי יענעם יונגינקן, איבער דער ערד, האָט מען ניט געטאָרט — די דורכגעשאָסענע פֿיס וועלן זיך נאָכשלעפּן, ס׳וועט פֿאַרשאַפֿן אַ ווילדן ווייטעק. טשאַרנע האָט דאַפֿקע דערלאַנגט פֿון דער פּרויס פּאַק אַ לײַלעך, צעריסן אויף פּאַסן און איבערגעבונדן איר די ווונדן, פֿאַרהאַמעוועט דאָס בלוט. נאָר קעדיי צונעמען די פֿאַרווונדעטע פֿונעם הוילן פּלאַץ, וואָלט בעסער פֿון אַלץ געווען טראָגן זי, — דאָס האָט טשאַרנע ניט געקענט. די פֿרוי איז געווען ניט וואָס אַ גרויסע — זייער אַ לײַביקע.

— דאָס בין איך אַזאַ געוואָרן, ווען כ׳האָב געאַרבעט אין גאָרקיך צוויי יאָר, — האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט מיט דער אומיטלבאַרקײַט פֿון אַ פּראָסטן מענטשן, — די מילכאָמע, די ברויט־קאַרטלען, און דאָס, וואָס איך בין שוין וויפֿל כאָדאָשים אַ שלײַפֿערן אויפֿן זאַוואָד — עס העלפֿט ניט. און דאָס אויך — וואָס פֿונעם מאַן זײַנען פֿון סאַמע האַרבסט, זינט ער האָט גענומען ראָסטאָוו, קיין יעדיִעס ניטאָ. אויפֿגעגאַנגען, ווי אויף הייוון, און גאָר. און איר האָט איצט דעם כלאָפּאָט מיט מיר!

זי האָט אויפֿריכטיק געבעטן זיך באַ טשאַרנען:

— גייט, לאָזט מיך דאָ ליגן. מע וועט מיך צונעמען פֿונדאַנען, אויב דער פּראָם וועט קומען. און אויב ער וועט מער ניט קומען — איז דאָך שוין אַלצייַנס, אײַער מי איז איבעריק... „גייט!” וווהין זשע האָט זי געהאַט צו גיין, טשאַרנע, אויב דער פּראָם וועט ניט קומען? און עפּעס אַזוי־אָ טוט זיך עס, — מע גייט אַוועק?..

מיט דער הילף פֿון אַן אײַזנבאַנער האָט זי אַוועקגעזעצט די פֿאַרווונדעטע אויף אַ שטיק בלעך, וואָס האָט זיך איר געמאַכט, און אָפּגעשלעפּט זי ניט ווײַט — צו די ליימיקע הרודעס, ווו אַ סאַך מענטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין גריבער, אין נאָרעס סאַכאַקל אַ צען — פּופֿצן שפּאַן פֿון די וואַגאָנעס. זי האָט געדענקט די וואָרענונג, אַז דאָ איז געפֿערלעך צו זײַן, ס׳איז איר געקומען אויפֿן זינען, אַז עס וואָלט גוט זײַן אָפּזוכן די פּלאַטפֿאָרמעס מיט די פֿאַרווונדעטע, אײַנאָרדענען דאָרט וואָרינקעס מאַמע, נאָר מע האָט געדאַרפֿט האָבן קויעך צו שלעפּן זי אַזוי ווײַט, און ס׳האָט זיך אויך ניט געוואָלט אומקערן — מע איז פֿאָרט שוין באַם פּראָם. קאַטיע —

אזוי האָט די פרוי געזאָגט, רופט מען זי — האָט שוין גערעדט פון היץ. אזוי איז מען דאָ געזעסן הינטער דער הרודע ליים, לאַנג צי ניט זייער לאַנג, — יעדע מינוט האָט זיך אויסגעצויגן, ווי א שאָ, — ביז... וויאַזוי דאָס איז געשען האָט טשארנע ניט באַוויזן באַמערקן, אין באַוווּסטזײַן איז געבליבן בלויז דער בלענד פון א שטארקן פלאַם, א ווינט־שטראָם האָט זי אונטערגעכאַפּט, אזוי ווי זי איז געזעסן אַף דער ערד, לעבן דער פאַרוווּנדעטער, און אָפּגעטראָגן עטלעכע שפּאַן. געקומען צו־זיך איז זי אין א גרוב, צווישן פרעמדע מענטשן, צוגעשאָטענע מיט ליים און מיט זאַמד.

קיינער, כוץ עטלעכע, וואָס האָבן געהאַט א שײַכעס צום אופרײַס, האָט ניט געוווּסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען. אינעם לאַטאָשינקער טופּיק, א ביסל ווײַטער פון דאָרט, וווּהין דער פּאַראָם איז צוגעשטאַנען, זײַנען, בײַס די דײַטשן האָבן פאַרנומען די לאַטאָשינקער סעדער, אוועקגע־שטעלט געוואָרן א צוויי צענדליק וואַגאָנעס, ליידיקע אָדער מיט ניט גאָר קיין וויכטיקן פּראַכט. איינער פון די פאָדערשטע וואַגאָנעס איז ווייניקער ווי אַף האַלב פאַרפולט געווען מיט טאָל. דעם גרעסטן טייל פונעם אופרײַס־שטאָף האָט מען באַוויזן ארויספירן אהין, ווּ ער איז נייטיק געווען, און פונעם רעשט האָט מען אלציינס געמוזט פּאָטער ווערן, ווײַל אָנלאָדן דעם געפער־לעכן פּראַכט אַפן פּאַראָם האָט מען ניט געטאָרט. די דײַטשישע טאַנקען האָבן פון די לאַטאָשינקער סעדער געפּרוּווט דורכן נידעריקן ברעג ארויס צום פּאַראָם. אין דעם מאָמענט האָט א קנאַל געטאָן דער אופרײַס, ער האָט צעשלײַדערט די וואַגאָנעס און פאַרוואַלגערט מיט זיי דעם גאַנץ שמאָלן דורכגאַנג. דער סטאַנציע האָט עס קימאַט קיין שאָדן ניט פאַרשאַפט.

ווען טשארנע איז אופגעשטאַנען און גענומען ארומטרייסלען זיך, האָט זי פון אלע זײַטן דערהערט: „סנאַריאַדן רײַסן זיך, א וואַגאָן מיט סנאַריאַדן!" די מענטשן האָבן אין פּאַכעד גע־לאָזט זיך לויפן. טשארנע האָט א זוך געטאָן מיט די אויגן די פאַרוווּנדעטע פרוי. די שווער־לײַביקע קאַטיע, א פאַרטראָגענע אין היץ, איז ניט געלעגן, נאָר געזעסן אַפן בלעך, קימאַט דאָרט, ווּ ביזן אופרײַס.

איצט האָבן בא טשארנען שוין געפונען זיך קויכעס צו שלעפן דאָס בלעך. די פאַרוווּנדעטע האָט זיך אלעמאָל אראָפּגעגליטשט אַף דער ערד, האָט מען זיך געמוזט אָפּשטעלן און אוועק־לייגן זי ווידער און ווידער אַפן בלעך. טשארנע האָט זיך שוין צעבלוטיקט די פינגער, נאָר שוואַך באַנומען עס, ניט צוגעהערט זיך צום נאָגנדיקן ווייטעק, זי האָט זיך, ווײַזט אויס, צע־ביסן די ליפּן אויך, ווײַל עפּעס איז ביטער געווען אין מויל, און שווייס האָט פאַרגאָסן דעם שטערן, די אויגן, דאָס פּאָנעם, דאָס גאַנצע לײַב. זי האָט געזוכט די פּלאַטפאָרמעס און ניט גע־פונען. צי מע האָט זיי ערגעץ אריבערגעפירט, צי זי איז נאָך אלץ ניט דערגאַנגען צו זיי? מיט־אמאָל האָט זי דערזען: איינער, אן אײַנגעבויגענער, נאָר אזוי, אז ס'איז קענטיק געווען, אז ער איז א סוטולעוואַטער, עפּשער, ווײַל די הענט האָבן צו נידעריק געבאָמבלט זיך בא די קני, — איז דורכגעלאָפן פאַרבײַ איר און געפאַלן. ער איז טייקעף אופגעשפּרונגען, אָבער טשארנע האָט שטאַרקער א שלעפּ געטאָן דאָס בלעך און איז אויסגעקומען לעבן דעם דאָזיקן מענטשן. טאַקע א סוטולעוואַטער, און מיט א פויגל־נאָז. אין מיליטערישע קליידער. א פּיסטאָלעט הענגט אַפן אָפּגעצויגענעם רימען.

— העלפט! — האָט זי קימאַט וויינענדיק א בעט געטאָן.

— מעשוגע! — דער סוטולעוואַטער האָט, דרייענדיק זיך האַסטיק אַף איין אָרט, געזוכט עפּעס אַף דער ערד, באַלד האָט ער זיך אָנגעבויגן, אופגעהויבן א קאַסקע, אָנגערוקט זי אַפן קאָפּ, א פּלאַטשיקן, מיט שיטערע שוויסיקע האָר, און איבערגעכאַזערט מיט א קוויטשיקל: — מעשוגע!.. מע שיסט פון אויבן... וואַרפט אלץ!

ער איז אוועק, ברייט שטעלנדיק די דאַרע, קרומע פיס.

טשארנע האָט דערהערט: יאָ, מע שיסט, הינטן, דאָרט, ווּ זי איז נאָרוואָס פאַרבײַגעגאַנגען. מע שיסט פון די אָפּהאַנגען, אזוי ווי דעמלט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די בעהאָלע אַף די פּלאַטפאָרמעס. איז זי עפּשער שוין טאַקע לעבן יענעם אָרט, ווּ די פּלאַטפאָרמעס שטייען? נאָר געזען האָט זי בלויז א טונקעלע שורע וואַגאָנעס, וואָס זײַנען אין איין אָרט, עטוואָס ווײַטער, פאַנאַנדערגערוקט. אין יענעם אָרט איז דער סוטולעוואַטער פאַרשוווּנדן — אריבער אַף דער אַנדערער זײַט פונעם אײַזנבאַן־וועג, און טשארנע האָט זיך געכאַפּט: „אָט אהין! מע דאַרף אויך אריבער, די וואַגאָנעס זאָלן באַשיצן פון די קוילן!"

זי האָט קוים דערקליבן זיך מיט דער פאַרוווּנדעטער צום דורכגאַנג און שטיין געבליבן א פאַרלוירענע, מיט א שטאַרק פאַרקלעמט האַרץ: די עטלעכע וואַגאָנעס, וואָס האָבן דאָ געפעלט, זײַנען געלעגן איבערגעקערטע, אָפּגעשלײַדערטע צום סאַמע וואַסער, און אייניקע — אין וואַ־סער. צוויי באָמבע־גריבער האָבן געשוואַרצט לעבן צעבויגענע רעלסן מיט סטאַרטשענדיקע, צעבראָכענע שפּאַלעס. פון ביידע זײַטן וועג האָבן זיך געוואַלגערט געהאַרגעטע בעהיימעס,

כאזיירים. א שווערער רייעך פון פריש בלוט און געברענט פלייש האָט זיך געמישט מיט א טערפּקע־איבלדיקן — פון טראַטיל. דאָך האָט מען בלויז דאָ געמוזט אריבער אף יענער זײַט, און וואָס שנעלער.

טשארנע האָט נאָר אריבערגעשלעפּט דאָס בלעך מיט דער פאַרווונדעטער בא א זײַט פון די באַמבע־גריבער, און דערזען עטוואָס ווײַטער, אפן זאמדיקן ברעג, באַם וואסער, דעם סוטו־לעוואַטן. ער איז געשטאַנען אף די קני און אָנגעבלאָזן מיטן מויל א גרויסע קאַמערע פון א לאַסטמאַשין, פיבערדיק געפּרוווט מיט די הענט, צי זי ווערט שטײַף.

„עפּשער זײַנען דאָ פאַראַן נאָך קאַמערעס?״ — האָט טשארנע א טראַכט געטאָן. און באַלד, קימאַט מיט פּײַנטלעכער קינע, באַנומען: „אים קאָן טויגן א קאַמערע, און מיר און קאַטיען — ווו?..״

איבער דער סטאַנציע און איבערן טײַך האָבן ווידער געפּליעסקעט אָן א שיר פײַערן. מי־סטאַמע האָט זיך אומגעקערט די באַרזשע. טשארנע האָט פאַרשטאַנען, אז ווען עס זאָל איר אפילע קלעקן קויעך, וועט זי אלציינס ניט באַווײַזן צום פּאַראָם. „ער איז איינער און פּרווּט אויך ניט אײַלן אהין״, — האָט זי געטראַכט וועגן דעם סוטולעוואַטן. דערבײַ האָט זי געוווסט, אז דעם דאָזיקן קאָן אָפּשטעלן גראָד דאָס, וואָס האָט שוין פאַר איר קיין שום ווערט ניט גע־האַט — די שיסערײַ. אָבער עפּעס האָט זי געמוזט טאָן, ערגעץ וואַרפן זיך.

זי האָט געלאָזט ליגן די פאַרווונדעטע פרוי, וואָס האָט בלויז קוים־קוים געקרעכצט פון פאַרטראַגנקײַט, און איז אוועקגעלאָפן לענגויס דעם ברעג, מײַדנדיק בא א זײַט יענעם, מיט דער קאַמערע. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אין דער סרייפעדיק־רויכיקער פינצטערניש, אז נאָך עמעצער פּאַרעט זיך לעבן וואסער, אזוי ווי צווייען. און טאַקע: א פרוי, צו זען, א יונגע, א קרעפּטיקע, און א דראַבנינקער באַיאַרטער מאַנצבל אין א גרויס קאַזאַקיש היטל מיט א רויטן דענעק און אין א פּאַנאַנדערגעשפּיליעטן אלטן פּרענטש, האָבן מיט דראָט צוגעפּעסטיקט אף דער ערד צו אן אויסגעבראָכענער טיר פון א פּראַכטוואַגאָן עטלעכע לאַנגע ברעטער — מע האָט געבויט א פּליט. דער מאַנצבל, מיט אן אײַנגעשרומפּן, פאַרוואַקסן פּאָנעם, אף וועלכן ס׳האָבן זיך אויסגעטיילט גרויע וואָנצעס, אָפּגעצויגענע קימאַט ביז די אויערן, האָט זיך אופּגע־הויבן אף די פיס, ווי נאָר טשארנע איז צוגעקומען, שווײַגנדיק גענומען קוקן אף איר, און גע־קאָנט האָט מען גלײַך פאַרשטיין, אז ניט ער איז דאָ, בא דער ארבעט, דער וויכטיקסטער קויעך. די פרוי האָט ניט טייקעף אויסגעגלײַכט דעם געבויגענעם רוקן, נאָר אָט האָט זי אויך א קוק געטאָן אף טשארנען, שטייענדיק אף די קני, באַשעפּטיקט אריבערגעוואָרפן איבערן רונדן אקסל א שווארצן צאָפּ פון דער ברוסט אף דער פּלייצע. זי האָט געטראָגן א ליכטיק־געקווייטל־טע קאָסינקע, נידעריק אָנגערוקט קימאַט ביז די ברעמען, און נאָך איין קאָסינקע, א ווײַסע, איז ניט שטײַף פאַרבונדן געווען אף איר האלדז, דערבײַ איז דער שפּיץ, וואָס וואָלט דאַרפן אויסקומען אפן נאַקן, צונויפגעקנייטשט געווען אונטער דער קין: אזוי טראָגן קאַזאַטשקעס, ווען קיין נויט איז ניטאָ, די צווייטע קאָסינקע, מיט וועלכער זיי פאַרשטעלן זיך געווײַנלעך דאָס פּאָנעם.

— עפּשער וועט איר ארופנעמען א פאַרווונדעטע? — האָט טשארנע געפרעגט, ווענדנדיק זיך דעריקערשט צו דער קאַזאַטשקע.

יענע האָט ווידער — דאָס מאָל הארב, מיט כשאד — א קוק געטאָן אף איר פון אונטער די צונויפגעדריקטע דיקע ברעמען איבער דער גלײַכער, קורצלעכער נאָז:

— דאָס ביסטו די פאַרווונדעטע?

— ניין, דאָ ליגט זי, ניט ווײַט.

— מיינסט — צוליב זיך קרעמפּעווען מיר דאָס דעם פּליט? — דער קאַזאַטשקעס קלינגעוו־דיק־ברוסטיקע שטים, כאָטש עס האָבן אלץ נאָך געהערט זיך אין איר הארבע, שטראָפנדיקע נאָטקעס, איז דאָך געוואָרן עטוואָס מילדער, פאַרטרוילעכער, — צוויי צעקאַליעטשעטע האָבן מיר... מיסטאָמע וועט פראַל זיך זעצן אפן פּליט — אף צו ריכטן אים... און איך... מאַקסים גע־נאַדיעוויטש איז טויט — מע קאָן אים דען איבערלאָזן ניט קיין באַגראָבענעם? און ווער וועט אָפּזוכן נאָך דרײַ קאַזאַקן צווישן פאַרברענטן פּי? מע וועט דאָך דאַרפן ברענגען א יעדנ׳ס די מישפּאָכעס זיירע, דערציילן, ווו דאָס געביין זייערס איז אהינגעקומען?..

זי האָט דאָס אלץ גערעדט, ניט ווי זי זאָל זיך קלאָגן פאַר טשארנען, א צופעליקן איידעס, זוכן מיטלײַד צי פאַרענטפערן זיך פאַר איר, — זי האָט פּאַשעט געטראַכט אף א קאָל, און עפּ־שער פאַרגעזעצט א שמועס מיטן באַיאַרטן, דעם אײַנגעשרומפּענעם, וואָס האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, צוגעבאָמקעט:

— עהע, עהע!

די קאַזאַטשקע איז אופגעשטאַנען — לײַכט, האַסטיק.

— קום, — האָט זי געזאָגט צו טשאַרנען, — באַווײַז דײַן פּאַראָווונדעטע!

מע איז שוין געגאַנגען צוריק צום פּליט, טשאַרנע און די קאַזאַטשקע, געשלעפּט דאָס בלעך, אָף וועלכן קאַטיע האָט געכריפּעט, ווען פּלוצעם האָט זיך דערהערט:

— דער פּליט, דער פּליט! גיכער!

אין דער צעבויטעטער כאַשכעס, ווו ס'האָבן זיך געמינעט פּײַערן און שאָטנס, איז אומגע־לאָפן און געמאַכט מיט די הענט דער קליינינקער פּראַל. עפּעס שוואַרצס, פּירעקעדיקס — דער פּליט — האָט אַלץ מער זיך דערווײַטערט פונעם ווײַסלעכן ברעג, און אפן פּליט האָט גע־וויגט זיך, פיבערדיק געוועסלעט מיט אַ דראָנג, עמעצער אַ געבויגענער — טשאַרנע האָט אים גלײַך דערקענט, — דער, וואָס האָט זיך גערייסעקט מיט דער קאַמערע...

— אונטערגעגאַנוועט זיך שטיל, ווי אַ קאַץ, אַ שטורך געטאָן אין פּלייצע אַזוי, אַז איך האָב דעם אָטעם ניט געקאָנט כאַפּן, און... עדן! — פּראַל האָט אַ שמיץ געגעבן דאָס היטל אין זאַמד, ביטער, מיט טרערן אין קאָל, זיך אויסגעזידלט.

טשאַרנע און די קאַזאַטשקע האָבן ניט געקוקט אָף פּראַלן, מע האָט פּאַרגליווערטע נאָכגע־קוקט דעם פּליט, וואָס איז געשוווּמען לענגויס דעם ברעג, גאָר ניט ווײַט, אָבער — אַלץ ווײַטער.

און דאָ איז געשען אָט וואָס: עפּעס אַ לאַנגער, אַן אַלטער, מיט אַ שמאָל, געגאָלט פּאָנעם, איז אָנגעקומען פון יענער זײַט, ווו די סטאַנציע איז. ניט פּרעגנדיק גאָרנישט, האָט ער אין מעשעך פון איין ווײַלע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די ברעזענטענע קורטקע, די פּאַרוסינענע טופ־ליעס, איז געבליבן בלויז אין אַ טעלניאַשקע, אין אונטערגעקאַטשעטע הויזן און מיט ברייטע טריט אוועקגעלאָפן ווײַטער איבערן ברעג. איבערגעיאָגט דעם פּליט, איז ער אַרײַן אין וואַסער און פאַרשוווּנדן. טשאַרנע, די קאַזאַטשקע און פּראַל, — די ערשטע, פּראַל — דער לעצטער, — זײַנען דערלאָפן אַהין, ווו דער לאַנגער, אין דער טעלניאַשקע, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין שוואַרצן וואַסער, און דערזען: באַם סאַמע פּליט כליופּעט דאָס וואַסער מיט שוואַך באַלויכטענע שפּריצן, עס צעגייען זיך פון דאָרט טונקעלע כוואַליעס. דער, וואָס געפינט זיך אין וואַסער, שלעפּט מיטביידע הענט דעם דראָנג, וועלכן דער סטולעוואַטער האַלט, שטייענדיק מיט ברייט־צעשטעלטע פיס אָפן פּליט. נאָך איין רעגע, און דאָס וואַסער האָט גאָר אַ שטאַרקן פּליעסקע געטאָן, און נאָך עפּשער אין אַ רעגע־צוויי אַרום איז שוין אָפן פּליט, וואָס האָט זיך גענומען דערנעענטערן צום ברעג, געזעסן דער לאַנגער אין דער טעלניאַשקע, און דער סטולעוואַטער האָט ערגעץ ווײַטער, אין טײַך, געבאָבּרעט זיך און געשריִען:

— ראַטעוועט!

...אָט וואָס, אייגנטלעך, טשאַרנע האָט געזאָלט דערציילן פּיניען און די אַנדערע טעלעכע מענטשן אָפן ברעג, צו וועמען ניקאַנדער האָט זי געבראַכט צו פּירן. נאָר זי האָט זיך געפּילט שטאַרק מיד, צעבראָכן, קיין וואָרט ניט געוואָלט און מיסטאַמע ניט געקאָנט אַרויסברענגען. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָפן זאַמד, אָנגעצויגן דאָס קליידל איבער די קני, שטײַף אַרומגעכאַפּט זיי מיט ביידע הענט און שווײַגנדיק גענומען קוקן אין דער נאַכט — אָף דער ברענענדיקער שטאָט, וואָס איז ברייט צעוואָרפן געווען איבער די שוואַרצע, געבראָכענע הויכקייטן פון ברעג, און אָפן טײַך, אויך אַ שוואַרצן, אַן אומענדלעכן, ווו דער אָפּשײַן פון פײַער האָט זיך געמישט מיט עמעסער, קוים־צוגעלאָשענער שטערן־שײַן...

8 וואָוע, ווי נאָר ער האָט פּאַרשטאַנען, אַז מע מעג שוין צוגיין צו ליובען, — די אַלטע דאָבציע האָט פונעם רוקזאַק, וואָס טאַקע ער האָט אים געבראַכט, אַרויסגענומען (ליובע האָט געהייסן) עטלעכע ווינדעלעך, פּאַרוויקלט אין זיי און אין דער פּרענדזלדיקער שאַל דאָס ברעקל, באַוויזן עס וואָוען אָף אַ ווײַלע: „נאַ, זע דעם פּלימעניק דײַנעם!“ — עס האָט אַ בלענד געטאָן עפּעס בלאַס, פּאַרקנייטשטס דאָרט, ווו אויבן אין דער צונויפגעדרייטער שאַל איז איבערגעלאָזט געוואָרן אַ שפּעלטיקל, — נאָך אָט דעם אַלעמען, און נאָך דעם, ווי פּיניע און ניקאַנדער, און די מיליטערישע, וואָס איז געקומען מיט ניקאַנדערן, האָבן אויך אַ בליק געטאָן אָף דעם שלעפּערדיקן נפעשל און יעדערער האָט דערביי אָף זײַן אופן אַרויסגעבראַכט עט־לעכע צאַרטע ווערטער, — אָט דעמלט איז וואָוע צוגעגאַנגען צו ליובען, אָפּגעשטעלט זיך צוויי שפּאַן פון איר קאָפּ, וואָס איז מאַכטלאָז, אַ ביסל אין אַ זײַט, געלעגן אָף אַ קלומעקל, און גע־פּרעגט זי, ניט קאָנענדיק אויסבאַהאַלטן דעם באַרויִקטערן־אָנגעשטרענגטן ציטער אין קאָל:

— די מאַמע איז פּאַראָווונדעט? אין גוסצעך? דער טאַטע איז אַוועק קעגן די דײַטשן מיט אַ ראַטע טאַנקען?

— ווייסטו שוין? — ליובע האָט זיך ניט אַזוי געכידעשט, ווי געשראָקן, וואָס ער ווייסט דאָס, זי האָט אופגעכאַפּט די אַנטשלאָסנקייַט אינעם יינגלס שטים.

— א פאַרוואונדעטער — ער איז געווען מיטן טאַטן אין סטעפּ — האָט דערציילט. באַם פּראָם. נאַט... — וואָווע האָט אַף די אָפּגעצויגענע ליאַמקעס צעוויגט עטוואָס דעם לייַכטן רוקזאַק און אַראָפּגעלאָזט אים קימאַט באַ ליובעס קאָפּ. גאָרנישט מער ניט געזאָגט, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו סטאַלינגראַד.

— וואָווע! — האָט ליובע שוואַך א רוף געטאָן אים און געפּרוּווט זיך אופהייבן.

— ליג, — דאָס האָט באַ א זייַט זיך אָפּגערופן ניקאַנדער, — וועסט אים ניט נאָכלויפן. זאָל ער גיין. — און מיט א מאָדנער פאַרקלערטקייַט, און מיט א פאַרבאָרגענעם אומרו אינעם קאָל צוגעגעבן: — ס'איז עפּשער בעסער...

וואָווע האָט זיך אומגעקערט אין א פערטל שאָ ארום. ניקאַנדער און פיניע האָבן צו צוויי ליידיקע בלעכענע פּעסלעך, וואָס זייַנען אוועקגעלייגט געוואָרן אַף א קליינעם אָפּשטאַנד איינס פון דאָס אַנדערע, צוגעפּעסטיקט מיט דראָט א לאַנגע גאָרבוליע. די פּרוּוי אין מיליטערישן, און דאַבציע, און עפּעס א הינקעדיקער מאַנצבל, א ציווילער, וואָס איז דאָ פריִער ניט געווען, האָבן ווער געטראָגן אַף אַן אַקסל, און ווער ס'האָט געשלעפּט איבער דער ערד נאָך צו איינע־צוויי גאָרבוליעס. וואָווע איז שווייַגנדיק נאָכגעגאַנגען יענער, דער מיליטערישער, עטלעכע שפּאַן, ביז זי איז צוגעקומען צו די פּעסלעך, און ערשט דאָ געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו איר, אָבער מיט א מיין, אַז אויך ניקאַנדער און פיניע זאָלן הערן:

— דייַטשן זייַנען דאָרט, אַפן בערג, באַם וואַסער. איך האָב געזען. מע קאָן ניט דורכגיין. און אויבן זייַנען זיי אויך דאָ, מיט א טאַנק... די, באַם בערג, זייַנען גאָר ווי מעשוגע געוואָרענע: מע טאַנצט, מע לאַכט, איינער איז אין די שטיוואַלעס אַרייַן אין טייַך און באַשפּריצט די אַנדערע.

דאָס שווערע שווייַגן, דעם גליוווער, וואָס האָט אַלעמען באַהערשט, האָט צעשטערט ניקאַנדער:

— מיילע, מע קאָן ניט דורכגיין, איז ניט. מיר קלייַבן זיך ניט גיין אין יענער זייַט. הייַדאַ, וואָווע, צו די וואַגאָנעס — זעעסט? מע דאַרף אָפּדרייען שטיקלעך דראָט, ווו עס וועט זיך מאַכן, וואָס מער דראָט, און — ווי א ראַקעטע — אַהין און אַהער! שוואַליאָם!

ס'האָט זיך דערהערט א שטאַרקער גרילץ אַף די טונקעלע אָפּהאַנגען — איין מאָל, צוויי מאָל, נאָך איין מאָל. דער לעצטער גרילץ איז דערטרונקען געוואָרן אינעם דונער פון עטלעכע אופּרייַסן אַפן בערג. מע האָט שוין די אופּרייַסן אַפילע ניט געהערט — דערזען בלויז א שטאַרקן פלאַם און געהוידעט זיך צוזאַמען מיט דער ערד, וואָס האָט געצאַפּלט צי געשפּאָלטן זיך. דערנאָך האָט געשטיקט א רויך צום כאַלעשן, און אַלץ, וואָס מע האָט געזען ארום, איז פאַמעלעכן אַרויסגעשווומען פון אָט דעם רויך, ווי פון אומזיִין... אַז דאָס איז דער זאַלפּ פון א זעקסרעריקן מינענוואַרפער, האָט מיסטאָמע געוווּסט בלויז טשאַרנע, און עפּשער ליובע אויך. טשאַרנע איז שוין אַמאָל געלעגן אין פעלד, אַף א מעזשע, א גליטשיקער פון רעגן, אונטער עטלעכע אַזעלכע זאַלפּן — געהערט דאָס אויקענדיקע גרילצן און דאָס דונערן, וואָס קומט פון אַלע זייַטן און פאַנגט, ווי א קאַפּקאַן.

ווי נאָר ס'האָבן אָפּגעהילכט די עטלעכע אופּרייַסן און דער רויך איז אוועקגעשווומען צום טייַך, צונויפגיסנדיק זיך מיטן לייַכטן נעפּל, וואָס האָט זינט א קורצער צייַט (ס'האָט קוים גע־גרויט אַף טאָג) פּאַסנווייַז זיך געגומען מערקן אַפן וואַסער, — ווי נאָר מע האָט געקאָנט ארומ־קוקן זיך און פאַרשטיין, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט דאַבציע מיט א צוגעשטיקט געשריי א וואָרף זיך געטאָן צום מאַן, וואָס איז אומגעפאַלן לעבן פּליט, — פיניע האָט ניט אופגעהויבן זיך פון דער ערד. אָבער אַף פיניעס פיס איז בלויז אָנגעוואַלגערט געווען א גאָרבוליע — כאָטש ער האָט געכאַפּט א שטאַרקן קלאַפּ, איז ער אופגעשטאַנען מיט דער אַלטערס הילף. און די גאָר־בוליע, וואָס האָט אים דערלאַנגט, איז געווען איינע פון די צוויי ברעטער, וואָס דער הינקעדי־קער ציווילער מאַנצבל האָט א פינף שפּאַן פאַר טשאַרנען געטראָגן אַף די אַקסל אין מאָמענט, ווען די מינעס זייַנען געפאַלן. דער הינקעדיקער איז געלעגן א דערהאַרגעטער — טשאַרנע האָט דאָס גוט געזען, פאַרשפּאַרט אַפילע זיך אָנבייגן צו אים. נאָך האָט זי געזען: ליובע דור־באָק, — טשאַרנע האָט נאָך פריִער א ביסל באַמערקט, אַז די געווינערן אין מיליטעריש גע־קליידט, צוגעזעצט זיך צו איר, אויסגערעדט עטלעכע ווערטער, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מע קען זיך פונווייַטן, זי האָט אַפילע געוווּסט, טשאַרנע, וועגן ליובעס און איגאָר ראַזשעפּ־קינס געשיכטע, און פאַרשטאַנען שוין, אַז דאָס קינד איז זייַנס, — ליובע דובאָק האָט זיך אופ־געריסן פון איר אָרט און מיטן קינד אַף די הענט, איבערשטעלנדיק, עפּעס אַזוי ווי הילצערנע,

די פיס, געלאָזט זיך צו די ליימיקע אָפּהאַנגען, וווהין וואָווע איז שוין דערלאָפן און צונויפגעקאָרטשעט זיך דאָרט, ווי א שרעטעלע...

ניקאַנדער, מיט אן אופגעלאָפענעם ביַיל אפן שטערן, האָט דער ערשטער ווידער זיך גענומען צום פּליט, ארומגעגאנגען אים פון אלע זיַיטן און צעשריִען זיך אף פּיניען און אף דער אלטער, וועלכע האָט, זיצנדיק אף די שפּיץ פינגער, געטאַפּט דעם מאַנס קני:

— אן עק, אן עק! אבי זיי זיַינען דאָ, די פיס, און ער שטייט אף זיי! פאַרשטעקט די לעכער אין די פּעסלעך — מיטן היטל, מיט דער קאָפּטע, מיט די פאָלעס פון פּידזשאַק — ניטאָ ווען צו קלערן!

טשארנען, ווען זי איז צוגעקומען, האָט ער שוויַיגנדיק באַוויזן, זי זאָל צוהאַלטן די ברעט, וואָס ער האָט צוגעדרייט מיט דראָט צום פּליט, א פּאָר מאָל א קערעווע געטאָן דעם קאָפּ אהין, ווו דער דערהאַרגעטער איז געלעגן, און אָנגערופן זיך צו איר:

— טאָמער איז ווייניק געווען — די פּעסלעך צעלעכערט! נאָך רעכט, וואָס די פּעסלעך. דעם שאָכן מיַינעם, אָן־אָ, איז מיסטאָמע איין לעכעלע גענוג געווען... און איך, דער נאַר, האָב געמיינט — מיר שווימען שוין!..

באַ טשארנען האָט געמליִעט דאָס האַרץ. יעדע רעגע האָט געקאָנט פאַלן א ניַי פּעקל מינעס, און פון ערגעץ האָבן קוילן געשאָטן זיך, אופגעשלאָגן וויַיסע בלעזעלעך אפן וואַסער באַם סאַמע ברעג. ס'איז אלץ גרויער געוואָרן די וויַיט און ס'האָט זיך קוים געזען דאָס אינדזל גליַיך אנטקעגן, סאַכאַקל א פיר הונדערט מעטער פונדאַנען, — ניקאַנדער האָט פּריִער א ביסל, ביז דעם, ווי די מינעס האָבן זיך צעריסן, געזאָגט, אז ס'א זאַמדיקס, אפילו ניט אומעטום באַדעקט מיט לאָזע, אז ס'הייסט זאַיאַטשע, יענץ אינדזל, — כאָטשבי אהין דאַרף מען זיך דערקליַיבן ביז ס'וועט ליכטיק ווערן...

— מיילע, לויפט, ברענגט זיי אהער! — האָט ענדלעך, מיט קווענקלעניש, ארויסגעבראַכט ניקאַנדער, כאַפּנדיק א בליק אף פּיניען און דאָבציען, וואָס האָבן האַלב ליגנדיק געפּאָרעט זיך באַ די פּעסלעך, און גליַיך איבערגעפירט דעם בליק צופוסנס פונעם אָפּהאַנג, ווו ליובע מיטן קינד אין שויס און וואָווע האָבן זיך געטוליעט. דער „מיילע" האָט באַטיַיט, אז דער פּליט איז נאָך ניט פאַרטיק, נאָר ס'איז קיין בריירע ניטאָ, מע מוז אים אראָפּלאָזן אפן וואַסער.

לויפנדיק, האָט טשארנע מיט די הענט גערופן ליובען און וואָווען, זיי זאָלן איַילן צום טיַיך, און פּלוצעם באַמערקט, דערפילט מיט עפּעס אן אומבאַגריַיפטן כוש, וויַיל ס'איז נאָך פּאָרט היפּש פינצטער געווען, אז זיי קוקן ניט אף איר, זיי קוקן אין דער זיַיט, ווו די שטאָט איז. זי האָט אויך א בליק געטאָן אהין, און דערפילט, אז די פיס האַקן זיך איר אונטער, זי קאָן קיין שפּאַן ניט מאַכן, — איבערן ברעג, באַם וואַסער, האָבן זיך באַוועגט צוויי טונקעלע, געבויגענע פיגורן. אף די קעפּ זיַינען באַ זיי ברייטע, ווינקלדיקע קאַסקעס, ניט ווי אונדזערע, די פלאשטפאַלאַטקעס זיַינען קירצערע און הענגען שפּיציקע אראָפּ פון ביידע זיַיטן באַ די קני...

געשטאַנען א רעגע א פאַרגליווערטע, האָט טשארנע, אליין ניט באַנעמענדיק פאַרוואָס, געלאָזט זיך לויפן ניט צוריק צום פּליט, נאָר צום אָפּהאַנג. געהאַט האָט זי אַזוי ווי דעם מיין צוציִען דערמיט ליובעס און וואָוועס אופמערקזאַמקיַיט צו זיך, קעדיי ווי נאָר זיי וועלן זי באַמערקן, מיט זיי צוזאַמען אוועק צום פּליט, נאָר געווען איז אין דעם, וואָס זי האָט געטאָן, פאַרבאָרגן עפּעס אנדערס, אינסטינקטיווס — זי האָט שוין אליין אויך ניט געקאָנט זיך אומקערן צום טיַיך. זוכן א רעטונג האָט מען איצט געדאַרפט ערגעץ אף דער ערד.

זי איז א פאַל געטאָן הינטער ניט קיין גרויסער הרודע ליים, א ביסעלע אין א זיַיט פון וואָווען און ליובען, און געזען: צוויי דיַיטשן זיַינען צוגעגאַנגען צום פּליט, ארויסגעלאָזט צוויי געלע ראַקעטעס און, פאָכענדיק מיט די הויך אופגעהויבענע אווטאָמאַטן, גענומען טריַיבן נייקאַנדערן און פּיניען מיט זיַין וויַיב פונעם טיַיך. די זאַכן האָט מען דערלויבט מיטנעמען, נאָר איַיליק ארומגעטאַפּט יעדן פּאַק. די אלטע ליַיט זיַינען נאָך ניט אָפּגעגאַנגען אפילו קיין פּאָר צענדליק שפּאַן, ווי איינער פון די דיַיטשן האָט געשליַידערט א גראַנאַטע אינעם פּליט, און ביידע זיַינען זיי צוגעפאַלן צו דער ערד. באַלד זיַינען די דיַיטשן אוועק וויַיטער, צו דער סטאַנציע, און דאָרט, ווו דער פּליט איז געווען, איז געבליבן א טונקעלער פלעק, אין וועלכן ס'האָט זיך געמערקט אן אָנהויבונג פון ברוכוואַרג.

— נו, מענטשן, וואָס טוט מען איצט? — האָט געפרעגט ניקאַנדער נאָך דעם, ווי ער האָט זיך א ביסל אָפּגעסאָפּעט, זיצנדיק אף זיַין זאַק, — ביז נאַכט קאָן מען שוין אפילו ניט טראַכטן וועגן אריבער אף יענער זיַיט.

אלע האָבן ארומגערינגלט ניקאַנדערן, טאַקע פון אים האָט מען געוואַרט די אייצע — וואָס טאָן.

— אוי, אזוי ווײַט פאַרלאָפן און פונעם גאַזלען ניט אַנטלאָפן! — האָט א קרעכץ געטאָן דאַבציע.

קיינער האָט מער קיין וואָרט ניט ארויסגעבראַכט, האָט די אַלטע איבערגעכאַזערט:

— אזוי ווײַט פאַרלאָפן... און סיאַמע וווּ איז, סיאַמע?

— לאָז א טראַכט טאָן, דאַבציאַ, — האָט ניט הויך, נאָר וואָגיק געזאָגט ניקאַנדער, — זײַן ווי א פיש אין דער נעץ, איז שלעכט, נאָר ווען א פיש זאָל האָבן מענטשלעכן סייכל, וואָלט ער זיך אַפילע פון דער נעץ ארויסגעכאַפּט.

— אַלע וועגן אָפּגעהאַקט! — האָט, צופּנדיק נערוועז די ארומגעשוירע'נע באָרד, שטיל זיך אָנגערופן פּיניע.

— העט! — אַף אים האָט שוין ניקאַנדער א קוק געטאָן בייז, — קיין פּאַניכידע, פּיניע, דאַרף איך ניט, אַפילע ווען כ'וועל שטאַרבן, און ווער רעדט — אז כ'לעב נאָך!

טשאַרנע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין — ער ווייסט, וואָס פאָרלייגן, דער אַלטער אין דער טעלניאַשקע, צי דאָס לאָזט ער בלויז ניט ארײַנפאַלן אין יִיִעש אַלעמען און זיך אויך? דערפאַר האָט זי געזאָגט:

— מע שיסט פון אַלע זײַטן, אונדזערע זײַנען דאָ נאָך אויך פאַראַן.

— אָט, אָט! — ניקאַנדער האָט זיך אײַנגעהערט, קערנדיק דעם קאָפּ אין איין זײַט, אין א צווייטער, — מע שיסט שטאַרק... דאָס וויל איך טאַקע זאָגן!

קעדיי קאָנען ארומקוקן זיך און עפּעס באַשטימען, איז מען אוועק אין א באַלקע, וואָס האָט זיך דורכגעשניטן אינעם הויכן ליימיקן ברעג. דאָס איז געווען ניט יענע באַלקע, דורך וועלכער טשאַרנע האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט פון דער שול צום טײַך, — די דאָזיקע איז אויסגעקורמען א ביסל נעענטער צו ספּאַרטאַנאָווקע. בא טשאַרנען איז דורכגעלאָפן א געדאַנק, אז די באַלקע קאָן זײַן א פאָרזעצונג פון יענער, וואָס בא דער שול, נאָר ארויסזאָגן אַזאַ האַשאָרע האָט זי ניט געאײַלט, און ביכלאַל נאָך געדאַרפט באַקלערן, צי האָט דאָס א באַדײַטונג.

מע האָט נאָר פאַרקערעוועט אין דער באַלקע, וואָס האָט, א באַדעקטע מיט שיטערע קורסטעס, זיך געהויבן א ביסל באַרג־אַרוף, ווי מע האָט דערזען, אז א פּרוי — די קאַזאַטשקע, וואָס טשאַרנע און ניקאַנדער האָבן זי שוין געקענט, — מעלקט א גרויסע, בורע קו. איינע פון די פאָדערשטע פיס האָט די קו געהאַלטן אונטערגעהויבן, אזוי אז די שפּיצן פון דער קאָפּיטע האָבן קוים זיך צוגעריִרט צו דער ערד. זי האָט מיט ניט קיין דערכראָמטשעטן צווײַגל אין מויל געקוקט צעפּאַלאָכעט אַף דער, וואָס מעלקט זי, און אַף די, וואָס קומען צו. די שטײַפע שטרעמעלעך מילעך האָבן פון צווישן דער פרויס פלינקע פינגער געגאָסן זיך גלײַך אין גראָז.

— א שאָד, מאַלאָדקאַ, — האָט געזאָגט ניקאַנדער, אַראָפּלאָזנדיק דעם זאַק פונעם אַקסל לעבן דער קאַזאַטשקע, — וואָלסט אָט־אָ אָנגעפּויעט א קימפּעטאָרן, די קויכעס איר דערהאַלטן!

די קאַזאַטשקע האָט בייז א קוק געטאָן אַף ניקאַנדערן, — ער כויזעקט? נאָר דערזען לירבען, וועלכע האָט ווירקלעך געהאַלטן עפּעס פאַרוויקלט אין א שאַל, און געענטפערט מיט גרייטקײַט:

— שטעלט אונטער, אויב איר האָט וואָס. כאָטש, די מילך קאָן זײַן ביטער, איבערגעברענט. איך האָב באַנאַכט ניט געמאָלקן, און די נאַכט איז אַזאַ...

זי האָט ניט גענומען וואַרטן, מע זאָל איר געבן עפּעס א קיילע, פאָרגעזעצט מעלקן, און ווידער אָנגערופן זיך אין עטלעכע ווײַלעס ארום — אַדרעסירט דאָס מיט א צערודערטן בליק יענע, וועמען זי האָט געקענט, — ניקאַנדערן און טשאַרנען:

— דאָס לעצטע מאָל מעלק איך זי, מײַן ביסטרע. באַלד וועל איך אוועק צום טײַך, און אָדער דערשווימען צום אינדזל — דעם דאָן שווים איך אַריבער, — אָדער...

דאַבציע האָט פונעם אָנגעפּאַקטן קאָשיק, וואָס זי האָט געטראָגן, דערלאַנגט א טיף, עמאַלירט קענדל, א פאַרויכערטס בא די זײַטן, און אונטערגעשטעלט עס אונטער די שטרעמעלעך מילך, איז די קאַזאַטשקע אַנשוויגן געוואָרן און גענומען ריכטן אַהין די דיקעס.

ניקאַנדער און פּיניע זײַנען אָפּגעגאַנגען אין א זײַט — מיסטאַמע באַראַטן זיך, וואָס נעמען טאָן. טשאַרנע האָט געוואָלט צוגיין צו זיי, נאָר באַשטימט, אז זי דאַרף זיך בעסער ניט מישן. וואָוועס האָט זיך א דריי געטאָן לעבן די מאַנצבלען, באַלד האָט ער זיך אומגעקערט, געבראַכט עטלעכע זשמעניקעס גראָז דער קו, און געזאָגט, אַלע זאָלן הערן, נאָר דעריקער געווענדעט זיך — ווי ער האָט דאָס שוין געהאַט געטאָן אָפן ברעג — צו טשאַרנען:

— מע רעדט, ווו באַהאַלטן זיך ביז נאַכט.

„ביז נאַכט...“ — טשאַרנע האָט פאַרשטאַנען, אז אייגנטלעך איז עס דאָס איינציקע, וועגן וואָס די דאָזיקע מענטשן קאָנען טראַכטן, און דאָך האָט זי דערפילט, אז א קעלט באַשלאָגט זי, און דאָס האַרץ קלאַפּט הילכיק, אזוי אז דער הילך דערלאַנגט אַזש אין די אויערן. זי האָט נאָך

ניט געוווּסט, ווּ אַהינטאָן זיך, נעפּלדיק געהאַפּט, אַז ניט זי איינע וועט דאָס דאַרפֿן צוטראַכטן, אַז זי וועט ניט בלײַבן אַליין, און איינציײַטיק האָט זי שוין געוווּסט, וואָס זי וועט טאָן, געוווּסט און געשראָקן זיך פֿאַר דעם, געוווּסט דאָס פֿון יענער מינוט, ווען זי האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט ניקאַנדערן, אַז די שיסערײַ הערט ניט אויף פֿון אַלע זײַטן, — אונדזערע מוזן דאָ נאָך זײַן. פֿאַר די אַלטע לײַט, פֿאַר ליובען מיטן פּיצל און מיט וואָווען, וואָס איז אויך אָף איר באַראָט, — פֿאַר זיי איז דאָס, וואָס זי, טשאַרנע, האָט פֿאַרטראַכט, — הוילע סאַקאָנע, עפּשער אַפֿילע — טויט. און פֿאַר איר איז טויט — בלײַבן דאָ, אין אַ באַהעלטעניש, אָן פּאַוועלן, אָן קיינעם און אָן אַלץ, וואָס איז געוואָרן איר לעבן. זי האָט בלויז סטאַם אַזוי ניט געקאָנט אַוועקגיין פֿון אָט די מענטשן, מיט וועלכע דער צופֿאַל האָט זי צונויפֿגעפּירט, — עס וועט אויסקומען, אַז זי לויפֿט פֿון זיי. באַנאַנד מיט דעם האָט זי אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז מיט איר איז זיי ניט גרינגער, נאָר שווערער. איז עפּשער אויסנוצן אָט די צופּעליקײַט — וואַרפֿן זיך צוזאַמען מיט דער קאַזאַטשקע, מיט אוליען (פֿראָל האָט זי אַזוי אַ פּאָר מאָל אָנגערופֿן) אין טײַך? אוליע איז אַזאַ, וואָס וועט העלפֿן ביז דער לעצטער מעגלעכקײַט. און מע קאָן אויך פֿאַרכאַפּן אַ ברעט, אַ סטויפּטשיקל פֿון ברעג, אָבער דאָס האָט ווידער געשראָקן — זינט זי האָט זיך אַמאָל געטרונקען, טשאַרנע, אין דניעפּער, און עפּעס אַ באָכער האָט זי פֿאַר די האָר אויפֿגעהויבן שוין פֿונעם זאַמדיקן דנאָ, אָף וועלכן זי איז געפֿאַלן, האָט זי מוירע פֿאַר אַזאַ טויט, — דערטרונקען ווערן. בלײַבט — אַוועקגיין...

ענדגילטיק געפּויעלט דאָס בײַ זיך, האָט טשאַרנע, אַ פֿאַרביטערטע, אַ פֿאַרצווייפֿלטע עטלעכע ווײַלעס געלאָזט סטאַם אַזוי פֿליסן די געדאַנקען, טאַקע קעדיי פֿעסטער נעמען זיך אין די הענט. „אַזוי ווײַט פֿאַרלאָפֿן"... — דאָבציע האָט דאָס געזאָגט. צו זען, אַ גוטע און אַ טערטיקע אַלטיטשקע. און די מאַמע — גיכער פֿון אַלץ איז זי געבליבן אין ליובאַטש — וואָס זאָגט זי צו שוניען אַלעמאָל, ווען ס'איז זייער שלעכט? און עפּשער שווײַגט זי שוין — באַוויזן בלויז צודריקן שוניען מיטן פּאָנעם צו זיך, צו דער ברוסט, ער זאָל ניט זען דאָס שרעקלעכסטע?.. אַזוי ווײַט פֿאַרלאָפֿן, אָף אַזעלכע שטרעקעס האָט דער אומגליק זיך אויסגעשפּרייט — און דורכויס זײַנען מענטשן, מענטשן... זי האָט געוווּסט, פֿאַרוואָס זי טראַכט איצט גראָד וועגן דאָבציען און וועגן פֿיניען, און פֿאַרוואָס זי דאַרף איצט זיך האַלטן ווײַטער פֿון ליובען, פֿון ניקאַנדערן, און ווי גרויס ס'איז דער מענטשישער טאַט פֿון אָט דעם ניקאַנדערן, וואָס האַלט זיך לעבן פֿיניען און דאָבציען, זוכט אַ געמיינזאַמע באַהעלטעניש — פֿאַר זיי, און פֿאַר זיך, און פֿאַר ליובען מיטן קליינוואַרג.

זי האָט קיין געווער ניט געהאַט בײַ זיך, טשאַרנע. אָפּגעטאָן אַזאַ נאַרישקײַט — איבערגעלאָזט דעם פּיסטאָלעט אין רעדאַקציע. ביכלאַל האָט זי זיך נאָך ניט גאָר אויסגעלערנט שיסן פֿונעם פּיסטאָלעט, און זינט מע איז אין סאַראַטאָוו, אין הינטערלאַנד, האָט זי אים אָפּגעהערט מיטנעמען אין די רײַזעס, און ניט נאָר זי איינע האָט אָפּטלעך אַזוי געטאָן. איצט איז עס געווען דאָס איינציקע, וועגן וואָס זי האָט באַדויערט. מיט אַלעם איבעריקן, וועגן וואָס זי האָט געקאָנט און געדאַרפֿט באַדויערן און וואָס האָט געלעבט אין האַרצן עפּשער שטאַרקער, ווי שטענדיק, האָט זי זיך אָפּגעזעגנט. זי האָט זשעדנע, — ביז קיינער יאָגט זיך נאָך איר ניט, קיינער שיסט איר ניט נאָך, — אײַנגעקוקט זיך אין דעם, וואָס זי האָט געזען אַרום זיך. אַלץ איז געווען פּאָשעט און עכט: דער גרויער, קאַיאָריקער הימל, די פֿאַרשאָטנטע באַלקע, די קו, וואָס האָט, טרײַבנדיק די פֿליגן, געפּאָכעט מיטן עק, מיטן הערנערדיקן קאָפּ, די מענטשן, יעדערער מיט זײַן אויסדרוק אָפֿן פּאָנעם, מיט זײַן נעשאָמע־פֿלעמעלע אין די אויגן...

9

דאָס קענדל, אין וועלכן די שטרעמעלעך מילך האָבן, ווי גלעזערנע, זיך איבערגעקלונגען, איז גיך פֿול געוואָרן. בײַ ליובען זײַנען די הענט געווען פֿאַרנומען, האָט דאָבציע צוגעטראָגן איר די קיילע צום מויל. געמאַכט עטלעכע קליינע שלינג, האָט ליובע פֿאַרקרימט זיך: „ביטער". אָבער נאָך אַ רעגע קלערן, ווי זי זאָל ערשט דערפֿילן דעם דאָרשט, האָט זי אָף לאַנג זיך צוגעכאַפּט צו דער מילך.

ניקאַנדער און פֿיניע זײַנען צוגעקומען און שווײַגנדיק געוואַרט, ביז ליובע האָט געטרונקען. מיטאַמאָל האָט אוליע (זי האָט ווידער געמאָלקן פֿראָסט אָף דער ערד), מיט אַ געווויינטער באַוועגונג אַ וואָרף געטאָן דעם צאָפּ פֿונעם אַקסל אָף דער פּלייצע, אײַנגעקוקט זיך אין ליובען, וואָס האָט טיף איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און געזאָגט — און געמיינט, אַ קלאָרע זאַך, טשאַרנען אויך:

— אַזוי־אָ וועסטו דאָ אומגיין בײַ די דײַטשן, ווי אַ לייטענאַנט?

דאָבציע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— טאַקע, גאָט מײַנער! אין וואָס טוט מען זי איבער! פֿיניע, בינד אויף דעם זאַק!

דאָס קענדל, אַף האַלב אָן אויסגעלייזדיקטס, האָט די אַלטע אַ שטעל געטאָן אַף דער ערד, אונטער די ווײַסע שטרעמעלעך, און גענומען העלפן פאַנאַנדערקניפּן דאָס שטריקל. שטערנ־דיק מיט די פינגער פּיניען, האָט זי פאַרזאָרגט און צעטומלט געמאָסטן מיט די אויגן טשאַרנען:

— און אײַך ווייס איך גאָר ביכלאַל ניט, וואָס צו געבן, וואָס מײַנס וועט ארוף אַף אײַך?

— איך דאַרף ניט, — האָט טשאַרנע געזאָגט, — איך וועל...

— וואָס... — נאָר די אַלטע האָט ניט באַוויזן פאַרענדיקן איר פּראָטעסטירנדיק־פאַרכי־דעשטן „וואָס הייסט?!"

וואָווע, וועלכער האָט ווידער אַנגעסמיקעט גראָז פאַר דער קו און געבראַכט עס איר, האָט אויסגעשריִען:

— זעט!

אַלע האָבן אַ קוק געטאָן, ווּהין דאָס יאַטל האָט אָנגעוויזן, — אַפן זאַמדיקן ברעג, וואָס האָט זיך גוט אָנגעזען פון דער באַלקע. אַ צווייַ צענדליק שלאַכטלײַט, דערין אויך עטלעכע מיידלעך, האָבן דאָרט, מיט דער לאַנגער רער פאָרויס, געשטויסן צו סטאַלינגראַד אַ שווערן זעניט־האַרמאַט. צומיינסטנס זײַנען דאָס געווען פאַרוווּנדעטע — מאַרליע־באַנדאַזשן האָבן געבלאַנקט אַף די קעפּ, אַף די הענט, אַף די הוילע אַקסל. צוויי שווערפאַרווּנדעטע האָט מען אוועקגעלייגט אַף דער פּלאַטפאָרמע צווישן די רעדער, וואָס פאַרבײַט באַ אַזאַ האַרמאַט דעם לאַפעט. נאָכגעגאַנגען זײַנען אונדזערער אַ קאָמאַנדיר, אַ פּולבלעכער, ניט קיין הויכער, מיט אַן אַנטבלויזטן, קורץ־געשוירענעם קאָפּ, און — אַ דײַטשישער אָפיצער.

— אוי, טײַערינקע, אוי, פאַרמוטשעטע! — האָט אויסגערופן די קאַזאַטשקע. זי האָט גע־כאַפּט דאָס קימאַט פולע קענדל, און טראַגנדיק עס איןביידע אויסגעשטרעקטע הענט, קעדיי וויניקער צעפּליושקען, געלאָזט זיך, ווי מעגלעך שנעל, גיין צום האַרמאַט.

ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין פולן כעזשבן, וואָס זי טוט, האָט טשאַרנע אויך צוערשט אַ צי זיך געטאָן נאָך אוליען, נאָר באַם ארויסגאַנג פון דער באַלקע איז זי שטיין געבליבן הינטער אַ קוסט און בלויז געזען, אַז די שלאַכטלײַט האָבן אַרומגערינגלט די קאַזאַטשקע און יעדערער טוט עטלעכע שלינג פונעם קענדל. דער לעצטער האָט געטרונקען דער קאָמאַנדיר.

טשאַרנע האָט ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס קומט עס פאָר. אין צעברענטן מויעך האָט בלויז פײַנלעך־קלאָר זיך דורכגעטראָגן איינס: „שטשוסיעוו, יענער קאָמאַנדיר מיטן העלן „יאַזשיק", איז דער פּאָדפּאָלקאָווניק שטשוסיעוו — לעמעכאָווס אַרטילעריסט! ווי קומט ער אַהער, וואָס איז מיט לעמעכאָווס גאַנצער דיוויזיע?" און נאָך איין רעטעניש — אוליע האָט זיך ניט אומגעקערט, זי איז אוועק מיט די, וואָס האָבן געקײַקלט דעם האַרמאַט, אונטערגע־שטעלט דאָרטן אַן אַקסל...

ניקאַנדער, וועלכער איז אויך צוגעקומען צום קוסט, נאָר ניט באַהאַלטן זיך, האָט געזאָגט, געהיט אַרומטאַפּנדיק מיט די פינגער דעם בײַל אַפן שטערן:

— מיסטאָמע אָנגעטראָפן אַפּן מאַן, צי אַף אַ ברודער, צי וואָר ווייסט — אַף וועמען. מאַלע, ווי עס פּאַסירט.

און כאָטש באַ טשאַרנען האָט דורכגעבליצט אַן אַנדער געדאַנק וועגן דעם, וואָס דאָס קאָן באַטײַטן, אַזוי אַז זי האָט אַפילע דערפילט אומקלאָרע כאַראַטע־קלעמען, האָט זי דאָך באַשלאָסן, אַז בעסער איז אײַנשטימען מיט ניקאַנדערן — בעסער זאָל זײַן וויניקער מיט איין רעטעניש, ווען אַרום זײַנען אַזויפיל רעטענישן.

ביז מע האָט געקוקט אַף די, וואָס האָבן געשלעפּט דעם האַרמאַט, האָט ליובע זיך איבערגעטאָן, ריכטיקער, ניט איבערגעטאָן — אַרופגעצויגן, אָנגעפּרענדעט אַף דער גימנאַ־סטיאָרקע אַ געלע, זײַדענע, אַלטפּרענקישע קאָפטע מיט העקעלעך ביזן האַלדז און מיט אַ „טאַליע". פון אונטערן לאַנגן, געפּאַלדעוועטן קליידל פון טונקעלער סאַרזשע האָבן זיך ארויסגעזען די נעז פון אירע שטיוול. דעם קאָפּ האָט ליובע אַרומגעבונדן מיט אַ ווײַסער פאַטשיילע, און פון אָט דעם גאַנצן הוילעך, שטאַרק אָן אויסגעצערטע, מיט טונקעלע רייפן אַרום די אויגן, האָט זי אויסגעזען געעלטערט. בלויז די אַשיק־בלאָנדע פּאַסמעלעך אַפן שטערן, און די צעטריפּעטע שפּיצן פון די צעפּלעך, וואָס האָבן פון אונטער דער פאַטשיילע געסטאַרטשעט אַף דער דאַרער פּלייצקע, האָבן אָנגעוויזן, ווי יונג זי איז.

דאָבציע האָט געהאַלטן גרייט נאָך עפּעס אַ ברוין קליידל און אַ בלאָוון טיולענעם שאַרף. טשאַרנע האָט, אומקערנדיק זיך, געמאַכט אַ צייכן מיט די הענט און מיטן קאָפּ, אַז זי דאַרף דאָס ניט. זי איז ניט צוגעגאַנגען צו דער אַלטער, אָפּגעשטעלט זיך אין אַ זײַט פון איר, און ניקאַנדער, וועלכער האָט צי פאַרגעדענקט די פריִערדיקע ווערטער טשאַרנעס, צי ער האָט

איצט באנומען, וואָס דאָס קאָן באַטײַטן און ניט געוואָלט פאַרשטאַרקן די אקשאָנעס אירע, האָט אויסגערופן:

— מיילע, מיילע, מירן שוין ווי־עס־איז דורכשפּרינגען, פאַרבאַהאַלט די טראַנטעס, דאַבציע, מע טאָר זיך דאָ מער ניט פאַרהאַלטן!

מע האָט זיך פאַרנומען באַרג־אַרויף מיט דער באַלקע, דורך א שטעגעלע צווישן די קוסטעס. טשאַרנע איז געגאַנגען הינטער ניקאַנדערן, וואָס האָט אָנגעוויזן דעם וועג, און זי האָט אַלץ געשלאָגן זיך מיט דער דייע, וויאַזוי פרעגן אים, צי גיסט זיך ערגעץ דאָ ניט צונויף די דאָזיקע באַלקע מיט יענער, ווו די שול געפינט זיך (דער קאָמענדאַנט פונעם פאַראָם האָט אויך באַטאָנט, אַז די שול שטייט צווישן צוויי באַלקעס), און צי איז זי ניט דאָרט, די שול, ווו ס'האָט שוין עטלעכע מאָל זיך אָנגעהויבן א העפּטיקע שיסערײַ און ראַקעטעס זײַנען אופגעפלויגן אין הימל. זי האָט געדאַרפט אוועק, נעמען גאַנוועגען זיך, פויזען, טאָן, וואָס עס וועט אויסקומען, אוועק וואָס שנעלער, ביז די פאַרבאָרגענע זון, וואָס האָט שוין ראָז געמאַכט עטלעכע רויכלעך פון זעניט־סנאַריאַדן הויך אין הימל, האָט ניט צעבלישטשעט זיך. אָבער פאַר דעם, ווי אוועקגיין, האָט זיך געוואָלט וויסן, וווהין ניקאַנדער פירט, ווו מע וועט זיך אויסבאַהאַלטן.

— ווײַט צו גיין? — האָט זי שטיל געפרעגט ניקאַנדערן אין פלייצע — אין פלייצע, קעדיי ער זאָל ניט באַמערקן, ווי זי ערגערט זיך.

— ניין, ניט זייער.

דאַבציע, אף וועמען טשאַרנע האָט צוגעוואַרט, — די אַלטע איז מיטן שווערן קאָשיק געגאַנגען די לעצטע, אָפּגעשטאַנען א ביסעלע פון ליובען, אכטונג געגעבן אף איר ניט זיכערן טראָט, — האָט אף דער פראַגע, ווו מע וועט זיך באַהאַלטן, געענטפערט:

— ס'איז דאָ עפּעס א גרוב, א באַגרעבעניש...

וואָווע האָט געשפּאַנט באַנאַנד מיט ליובען, צוגעהאַלטן די צווײַגלעך פון די קוסטעס, זיי זאָלן ניט דערלאַנגען אינעם קינד. ס'האָבן אים, קענטיק, א קאַלופּע געטאָן דער אַלטערס ווערטער, איז ער געבליבן שטיין, קעדיי זיך אויסגלײַכן מיט טשאַרנען, און דערקלערט:

— באַ די זשיגוליאָווס אין סאָד, אין עק פון דער באַלקע, איז דאָ א הייל. מע נעמט דאָרט ווײַסע ליים. וועט מען די הייל פאַרוואַרפן מיט עפּעס פון דרויסן.

— און די באַלקע אַליין איז א לאַנגע?

— באַלד וועט זײַן א פלויט — גראָבע פּאַסן בלעך מיט א סאַך לעכעלעך, פון שטאַמ־פּאָוקע. דאָרט איז עס...

— און א שול, וואָווע, איז דאָ ערגעץ נאָענט פאַראַן? — טשאַרנע האָט זיך אָנגעטאָן א קויעך, אף צו פרעגן דאָס, — פון דער דאָזיקער מינוט הייבט זי אָן אוועקגיין.

קעדיי גויוער זײַן אין זיך דעם לעצטן ווידערשטאַנד, האָט זי צוגעגעבן:

— א פּירשטאָקיקע, מיט א בעטאָנירטן פלויט...

— איז עס דאָך מײַן שול! — האָט וואָווע געזאָגט אָן איבעראַשטער. — אויב אופהייבן זיך פון דער באַלקע, זעט מען דעם דאַך און די פענצטער!

דאָס יאָטל האָט, עטוואָס פאַרשנעלערנדיק די טריט, פון א זײַט זיך אײַנגעקוקט אין טשאַרנען. אין זײַנע פעך־שוואַרצע אייגלעך מיט שטעכיקע ווי־עס איז פאַרבאַהאַלטן געווען א פראַגע. נאָר געפרעגט האָט ער, אָן סאָפעק, ניט דאָס, וואָס האָט אים אָנגעשפּיצט:

— איך זײַט, ווי ליובע, אויך א מעדשוועסטער, צי עפּעס מער?

— פּאָשעט עפּעס אַנדערס.

— איך פרעג סטאַם... און צו דער שול... — ער האָט ווידער קינדעריש־אויספרווועריש, מיט פאַרשטאַנד זיך אײַנגעקוקט אין טשאַרנען, אף זײַן גרינלעך־ברוינעם פענעמל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַנטשלאָסנקײַט, אומגעדולד, שטאָלץ, א סאַך געפילן האָבן געבושעוועט אין זײַן הערצל. — דאָרט זײַנען אונדזערע, יאָ? — האָט ער שטילער געפרעגט.

— עס קאָן זײַן, אַז יאָ. איך וויל זיי זוכן, וואָווע, — איז זי זיך מוידע געווען, און בעקיוון געזאָגט דאָס העכער — עס זאָלן הערן דאַבציע, ליובע.

— וועל איך אײַך דורכפירן! איך ווייס דאָ אַזעלכע שטעגעלעך!..

און גאָר. קיינער האָט זי ניט פאַרהאַלטן, ניט אָפּגערעדט. און וואָווען האָט מען אָפּגע־לאָזט דורכפירן זי, בלויז אָנגעזאָגט אים: „טאָמער וואָס — ווייסטו, ווו מיר זײַנען... אַהין און צוריק!" — ניקאַנדער האָט דאָס אָנגעזאָגט. און ליובע, מיט קינע און אומרו אין די אויגן, אָנגעשטרענגטע פון נאָך ניט דורכגעגאַנגענע ווייטעקן, האָט עטלעכע מאָל שנעל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: צו טשאַרנען, געזעגענענדיק זיך, און ווי זאָגנדיק: „אָט זעט איר, וואָס עס טוט זיך מיט מיר!"; צו וואָווען: געבנדיק די האַסקאָמע, ער זאָל גיין, און דאָך, ווי זי זאָל

זיך פילן שולדיק פאר דער דאַזיקער האסקאָמע. און דאַבציע האָט אזוי א מאך געטאָן מיט דער האנט, וואָס געקאָנט האָט דאָס באטײַטן: „איך האָב קיין שליטע ניט איבער דיר, און ווער ווייסט, ווו בעסער איז, ווו ערגער. גיי בעשאָלעם!“

אָט דאָס, און פּיניעס צוריקגעהאלטן־טרויעריקן שאָקל מיטן קאָפּ, — ניט ווי ליובעס, וואָס האָט באטײַט: „יאָ, יאָ“, נאָר „ניין, ניין“, — האָט טשארנע מיטגענומען מיט זיך, געדענקט דאָס, ביז זי האָט, צוויי טריט הינטער וואָוועז, א קעציש־אײַנגעבויגענעם, אופגעהויבן זיך דורך די קוסטעס צום ראנד פון דער באלקע. אויבן האָט זי אלץ פארגעסן. אויבן האָט זי דערזען די וואָלגע, א פארגאָסענע מיט ערשטער זונען־שײַן, דעם גאָר פלאכן ווײַטן ברעג, און דעם, וואָס האָט דאָ, אַף דער זײַט, געפאלדעוועט זיך מיט ליימיקע אָפּהאנגען. איבער דעם דאַזיקן, דעם נאָענטן ברעג, איז די שײַן געווען א רויכיק־רויטע. פון דעם נאָענטן ברעג איז אָפּגעגאנגען דער פאראָם. יאָ, דער פאראָם, א געלאָדענער מיט צוויי רייען וואגאָנעס. איז ער, הייסט עס, ווידער געקומען און שווימט איצט אָפּ. דײַטשישע עראָפּלאנען האָבן זיך געדרייט ארום אים, זייער א סאך עראָפּלאנען, דאָס אויג האָט גלײַך ניט געכאפּט זיי אלע, צעבלישטשעטע אינעם אָראנזש־בלויען הימל. טשארנע האָט געפּרווט א זוך טאָן די שול אין עק פונעם יִשעוו — אן אויסשיט פון צומיינסטנס אײַנגעוואלגערטע דעכער און סטארטשענדיקע שווארצע ווענט, נאָר איר בליק איז ווידער געפאלן אַף דער סטאנציע, אַפן שמאָלן פּאסיקל זאמד באם סאמע וואסער, פונוואנען דער פאראָם איז נאָרוואָס אָפּגעגאנגען. עטלעכע טאנקען האָבן איינער הינטערן אנדערן זיך אראָפּגעלאָזט אהין. דײַטשישע באָמבארדירער זײַנען נידעריק אָנגעפלויגן פון סטעפּ — צוויי דרײַלינגס. א שטראָם באָמבעס איז פון זיי געפאלן, און די טאנקען זײַנען פארשוווּנדן אין געדיכטן רויך. אויב טשארנע האָט קיין טאָעס ניט געהאט, זײַנען די טאנקען אויך געווען דײַטשישע, — זי האָט, בייס די ערשטע אופרײַסן האָבן א בלענד געטאָן, באמערקט אזוי ווי א ווײַסן קרייץ אַף איינעם פון די טורעמס...

V. פון פײַער אין פײַער. דער גוירל פאלט אַף וואָוועזן. ליובאטשער פאָטאָגראָפיעס

1 יאָ, טשארנע האָט קיין טאָעס ניט געהאט, די באָאבאכטער, וועלכע זעמליאניצין האָט אוועקגעשטעלט בא די אייבערשטע פענצטער פון דער שול, — און פונדאנען איז נעענטער געווען צו דער סטאנציע, — האָבן אויך געזען, ווי די דײַטשישע פּילאָטן האָבן באָמבירט די אייגענע טאנקען. דאָס האָט פארשאפן א ביסעלע שאָדנפרייד די סאָלדאטן פארן גרויסן פּרווו און די גרויסעליידן, וואָס זײַנען זיי דאָ, אין דער שול, פאָרגעשטאנען.

דער עפּיזאָד באם פאראָם, אליין פאר זיך א פּאָשעטע מיספארשטייעניש, האָט דאָך אַף עפּעס־וואָס געצײַגט. עס האָט אָקאָרשט געענדיקט זיך די ערשטע נאכט, זינט דער סוינע איז ארויס צו דער וואָלגע, — א נאכט, דורכויס א בלינדע פאר די דײַטשן. זיי האָבן זיך פארדרייט אַפן סטעפּישן פלאטאָ, א דורכגעשניטענעם מיט געוויינלעכע באלקעס, א צעכוואליעטן פון קליינע בערגלעך, ניט געוווּסט, וווהין שיסן, פון וועלכער זײַט באשיצן זיך, און ניט געגאנגען ווײַטער, אהין, וווהין זיי האָבן געצילט, צו דער שטאָט, וואָס איז אן ארומגעכאפּטע מיט פלאמען געלעגן פאר זיי, ווי עס האָט געקאָנט דאכטן, א צעפּראלטע. עס האָט געקאָנט דאכטן, נאָר אומעטום האָבן קעגן די דײַטשישע טאנקען, — דעריקער טאנקען, די פּעכאָטע און די שווערע ארטילעריע האָט נאָך געדארפט אונטערגעצויגן ווערן ערגעץ פון די סטעפּישע ווײַטן, — אומעטום האָבן פון דער נאכט ארויסגעטויכט קלענערע און גרעסערע גרופּעס מיליטער, ארבעטער־דרוזשינעס, באטארייעס, באזונדערע הארמאטן, טאנקען. דאָס אלץ איז קלוימערשט כאאָטיש צעזייט געווען, ס'האָט אָבער אלץ מער זיך אויסגעמאָלט א בילד, אז אינעם לאבירינט פון די גרייטע און אפגיך אויסגעפורעמטע שוץ־פּאָזיציעס וואקסט אָן דער ווידערשטאנד לויט א פּלאן. און געכידעשט האָט די דײַטשן, געכידעשט און געשווידערט, וואָס קיינער, אפילע קליינע הײַפלעך פארטיידיקער פון דער שטאָט, טרעטן ניט אָפּ, מע קומט אום דאָרט, ווו די שלאכט טרעפט זיי, מע איז ווי שווארצע געשפּענסטער, וואָס פארגייען בלויז אין דער אופגעריסענער ערד, אין פײַער און אין רויך.

דאניִעל האָט מיט קאראטײַס הילף ארויסגעקליבן זיך פון אונטער די הרודעס ערד און ניט געקאָנט באנעמען: עס טוט ווײ בלויז דער קראנקער פוס, צי ביידע? פונעם קלעם איז אין די פיס קיין מאכט ניט געווען, א ווייטעקדיקער ציטער איז דורכגעלאָפן איבער זיי און דערלאנגט אזש אין פלייצע, בייס ער האָט געפּרווט שטעלן עטלעכע טריט, אָנהאלטנדיק

זיך אין די ווענטלעך פון דער טראנשיי. גאנץ מעגלעך, אז עס האָט אים קאָנטוזיעט — אָן איבל איז צוגעטראָטן צום גאָרגל, דער קאָפּ האָט זיך א ביסל געדרייט. נאָר עפשער האָט אזוי דערמאָנט אין זיך דער הונגער? אָפּגעטרונקען פון קאראַטײַס באקלאגע א ביסל לעבלעך וואסער, האָט דאניעל ניט וואָס דערפילט זיך בעסער, — ער האָט באשטימט ניט צוהערן זיך צו גאָרנישט. די דײַטשן האָבן גענומען באשיסן פון ארטילעריע די סעדלעך, ווו ס׳האָבן געטשאדיעט זייערע פארניכטעטע טאנקען, האָט מען געמוזט שנעל ארומקוקן זיך אין דער האלב־צעוואלגערטער טראנשיי און באשטימען, וואָס טאָן ווײַטער.

עס זײַנען דערהארגעט געווען יענער, אין דער קאסקע, און דער לײַביקער סאָלדאט — דער ראדיסט, וואָס האָט פארהיט די צוויי קעגנטאנקען־גראנאטעס, און דער טעלעפאָניסט. גאנץ איז געווען דער שווארצינקער, דער רירעוודיקער. ער האָט, שטייענדיק אף די קני, ארומגעווישט מיט דער פילאָטקע די ליים פון זײַן אווטאָמאט. ווײַטער א ביסל האָט דער קאפיטאן דער פארבינדלער אליין באנדאזשירט זיך דעם קאָפּ. די ווונד, לויט ווי ער האָט געזאָגט, איז געווען ניט קיין שווערע, דעם שארבן האָט עס אים ניט פארטשעפּעט. קאראַטײַ האָט א רוף געטאָן פון יענער זײַט פּלויטל, פון סטעפּ, זײַנע דרײַ סנײַפּערס, און פון די סעדלעך, פון די צעקלאפּטע הארמאטן האָבן פויזענדיק זיך דערקליבן צוויי ארטילעריסטן — פארוואונדעטע, נאָר אזוי, אז זיי האָבן געקאָנט זיך שלאָגן ווײַטער. און דאָס איז געווען דער גאנצער גארניזאָן פון דער טראנשיי.

מע האָט אפגיך זיך צוגעגרייט באגעגענען דעם סוינעס טאנקען, אויב זיי וועלן ווידער א שפּאר טאָן אהער. אפן דעק פון דער טראנשיי זײַנען געבליבן עטלעכע ניט קיין אויסגענוצטע צינד־פלעשער, האָט מען זיי צונויפגענומען, און יעדערער פון די סנײַפּערס האָט פארמאָגט א שווערע גראנאטע. נאָך א זאך איז אונטערגעפאלן: דער טאנק, וואָס האָט פארוואלגערט דאניעלן מיט ערד. ביכלאל האָט מען לעבן דער טראנשיי און אין די סעדלעך אָנגעציילט זעקס פארניכטעטע טאנקען, די פארוואונדעטע ארטילעריסטן האָבן אפילע פארזיכערט, אז געזען האָבן זיי אכט, נאָר אָט דער איינציקער, מיט א צעקלאפּטער רויפּע, וועלכער האָט מיט איין זײַט זיך אראָפּגערוקט אין דער טראנשיי, האָט ניט געברענט; זײַן טורעם מיטן הארמאט האָט מען געקענט קערעווען, וווהין מע האָט געדארפט, און סנאריאדן האָט אינוויייניק געקלעקט. אינעם טאנק זײַנען אוועקגעזעצט געוואָרן ביידע ארטילעריסטן.

אָנגענומען די דאָזיקע סאמע עקסטרע מיטלען, האָט דאניעל, ווי ווייניק מענטשן ער האָט ניט געהאט, אָפּגעשיקט דעם שווארצינקן און איינעם פון די סנײַפּערס צו אבדולינען אין באטאליאָן — צו די בערגלעך, וואָס האָבן קוים געזען זיך פאָרויס, פארזונקענע אין שטויב און רויך, און דעם קאפיטאן געהייסן מיטן קירצסטן וועג דערקלײַבן זיך צום קעגנטאנקען־ריוו, הינטער וועלכן סאָקאָליעצס באטאליאָן האָט זיך געשטעלט, און ווו ס׳האָט שוין אויך געבליצט פײַער, און רויכן האָבן בא דער ערד אלץ מער צונויפגעגאָסן זיך אין א לאנגן וואל. דאניעל האָט געזען — די טראנשיי אין די סעדלעך איז א וויכטיקע פּאָזיציע, מע מוז זי אײַנהאלטן, און אליין אוועק פונדאנען, פאָרויס צי צוריק, האָט ער ניט נאָר ניט געקאָנט, ווײַל די פיס האָבן אים דערווײַל נאָך שוואך געפאָלגט, — ער האָט ניט געטאָרט. דער שווארצינקער, דער ראדיסט, האָט געדארפט אין וועג צונויפקניפּן דעם טעלעפאָן־דראָט, ווײַל דער אפּאראט אונטערן צעוואלגערטן אָפּדעכל איז געבליבן גאנץ, און דעם קאפיטאן איז אָנגעזאָגט געוואָרן, ער זאָל הייסן ציִען אהער א דראָט פון סאָקאָליעצן, וועט זײַן א קאָמאנדע־פּונקט. דער קאפיטאן האָט אויך געהאט אן אופגאבע — אריבערוואַרפן אהער כאָטשבי א האלבן ווזוואָד פּעכאָטינער און אָפּשמועסן מיט סאָקאָליעצס ארטילעריסטן, זיי זאָלן, בייס א נויט, פארצוימען מיט פײַער די טראנשיי און די סעדלעך.

אזוי איז אָבער אָפּט אף דער מילכאָמע, און אזוי איז אינעם לעבן ביכלאל, דער כילעק איז נאָר, וואָס אף דער מילכאָמע גייט אלץ צו אָן אן ערעך האסטיקער, שטורמישער, — אינעם פארטראכטן מישט זיך ארײַן עפּעס אנדערס, אזוינס, וואָס לאָזט זיך פריִער ניט דיסקאָנטירן, וואָס איז צוגעגרייט פון אנדערע פאסירונגען, אנדערע, עמעצנס פארווירקלעכטע אָדער צעשטערטע פארטראכטן, און מע דארף זיך קאָנען טייקעף פאנאנדערקלײַבן, ניט זײַן, ווי א שפּענדל אפן שטראָם...

מע האָט קוים באוויזן צונויפטראָגן די הארוגים אינעם צעוואלגערטן ערד־שטיבל, צוגעדעקט זיי מיט עטלעכע בערווענעס און גענומען פארשיטן, ווי ס׳האָט איבערן ברוסטווער זיך אופגעהויבן א פארשוויצטער, צעפּאטלטער קאָפּ — דאָס האָט זיך אומגעקערט דער סנײַפּער, וואָס איז אוועק מיטן שווארצינקן.

— היי, העלפט נאָר! — האָט ער א רוף געטאָן.

אף די עטלעכע הענט, וואָס האָבן פון דער טראַנשיי זיך אויסגעשטרעקט, האָט דער סנײַפּער אַראָפּגעלאָזט אַ פאַרכאַלעשט מיידל, אַ מעדשוועסטער. ער האָט געזאָגט, אַז נאָך עמעצער זאָל זיך אופהייבן אַרויף, באַלד איז ער מיטן סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אַרופגעקליבן אַפן ברוסטווער, פאַרשווונדן אינעם געדיכטן ווילדגראָז, און אומגעקערט האָבן זיי זיך גאָר אינגיכן מיט נאָך איין פאַרווונדעטן, מע האָט אין דער טראַנשיי שוין געוווּסט מיט וועמען, — מיט קונגוראַוון.

— אָט דאָ ניט ווײַט האָבן מיר אים געפונען, איך און דער ראַדיסט, אין עק פון די סעדלעך, — האָט דער סנײַפּער, אַ פאַרסאָפּעטער, דערציילט, פאַרצי̇ענדיק זיך קורץ מיטן שטיקל ציגאַר, וואָס ער האָט צוגענומען בא אַ צווייטן סאָלדאַט פונעם מויל. — אַ גריבל פון אַ סנאַריאַד האָט זיך דאָרט נאָך געררויכערט עטלעכע שפּאַן אין אַ זײַט — דאָס איז שוין דער צולאַג. ס׳האָט פריהלושעט די מעדשוועסטער, דעם לייטענאַנט — אַ לייטענאַנט איז אויך געווען — געטראָפן גלײַך אין שלייף, און באַם פּאָדפּאָלקאָווניק זײַנען אַזוי ווי קיין פרישע ווונדן ניטאָ, ס׳האָט אים, אַפּאַנעם, פרי̇ער שטאַרק געטראָפן. דער ראַדיסט איז אוועק ווײַטער, און איך האָב זיי שוין איינציקווײַז געשלעפּט אַהער, אָפּגעשלעפּט איינעם אַ צען שפּאַן — קער איך זיך אום נאָכן צווייטן און רו אָפּ דערווײַל מיטן וועג...

קונגוראַוו איז אַ מעגושעמדיק־לאַנגער געלעגן אַפן דנאָ פון דער טראַנשיי, זײַן פּאָנעם, אַ פּירעקיק־לענגלעכס, אַ פאַרשטויבטס, האָט זיך געצוקט, און מע האָט ניט געקאָנט פאַר־שטיין — ער הערט זיך אײַן אינעם סנײַפּערס רייד, צי ער איז פאַרטראַכט. נאָר אָט האָט ער קוים־קוים צעעפנט די אויגן און כאָרכלענדיק אַ רוף געטאָן:

— קרעמעז! איר זײַט גאַנץ?

— גאַנץ.

— דאָס איז גוט... — ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער די ליפּן, שוואַרצע פון אָנגעפּאַפּטער שטויב, האָבן בלויז געציטערט.

קאַראַטײַ האָט צוגעבויגן זיך צו קונגוראַוון מיט דער באַקלאַגע אין האַנט. אָפּגעשטויסן מיט אַ שוואַכער באַוועגונג פונעם קאָפּ דאָס גלעזערנע פּיסקל, ווי נאָר דאָס וואַסער האָט באַנעצט די ליפּן, און בולקענדיק מיט דעם ביסעלע, וואָס איז אַרײַן אין מויל, האָט דער קאָ־מאַנדיר פון פּאָלק אויסגעכריפּעט:

— ניטאָ קיין באַטאַליאָן, קרעמעז, אַבדולינס באַטאַליאָן איז ניטאָ... פיר הונדערט נײַן און דרײַסיק מענטשן זײַנען אינדערפרי אַראָפּ פון דער באַרזשע... — טרערן, ווי קליינע קרעלעכלעך, האָבן אַ בלישטשע געטאָן אין די ווינקלען פון קונגוראַווס האַלב־צוגעמאַכטע אויגנלעפּלעך; די טרערן זײַנען געוואָרן אַלץ גרעסער און דורך קויטיקע קנייטשעלעך אַראָפּגערונען צו די שלייפן. — ניטאָ... און אַבדולין איז ניטאָ. וויכאָרעוו איז דאָרט געבליבן איינער — עפּשער מיט אַ וווזוואָד.

דאַני̇על האָט שווײַגנדיק אָנגעוויזן קאַראַטײַען אַף דער מעדשוועסטער: „פאַרנעמט זיך מיט איר”, די סנײַפּערס, אויך אַזוי שווײַגנדיק, אָנגעוויזן אַפן ברוסטווער: „גיט אַכטונג”, און בוילעט אַרויסברענגענדיק די ווערטער, אַ ביסעלע האַרב, געפרעגט קונגוראַוון:

— עס זײַנען צו אײַך דערגאַנגען די אויסשפּירער פון אַ פּאָלק ענקאַוועדע און פון אַ סטאַלינגראַדער פאַרניכטונג־אָטריאַד?

— געווען און אוועק צוריק.

— וואָס האָבן זיי דערציילט?

— מע גייט אַהער.

ס׳איז קלאָר געווען: קונגוראַוו האָט אליין ניט גערעדט מיט די אויסשפּירער. דער גענע־ראַל דער טאַנקיסט האָט דורך ראַדיאָ אויך באַוויזן זאָגן ניט מער: „מע גייט צו אײַך”... נאָר ווו איז מען, ווען קאָן מען זײַן דאָ?

דאַני̇על איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט, קעדיי ניט ענטפערן אַף קונגוראַווס שטומע פראַגן — ער האָט זיי איבערגעלייענט אין יענעמס אָנגעשטרענגטן בליק, און דאַנקבאַר געווען, וואָס זיי זײַנען ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. אין דער הייך: ווו זײַנען אָסטריקאָוו, סאָקאָליעץ, ווו איז די דיוויזיע, וואָס וועט זײַן?..

די נאַכט האָט זיך אָנגעוואָלגערט אַ שוואַרצע, אַ צעריסענע פון פײַער. און ווי אופבליצן זײַנען פאַרבליבן בא דאַני̇עלן אין מויעד אייניקע פּאַסירונגען פון יענער נאַכט.

עס האָט זיך אומגעקערט דער שוואַרצינקער — דערפּויזעט צום ברוסטווער און גענומען רופן, מע זאָל אים אַראָפּנעמען אין דער טראַנשיי. ער איז פאַרווונדעט געווען אין בויך. גאָר ניט גוט פאַרווונדעט. ער האָט געבעטן וואַסער, געפּאָדערט, געזידלט זיך, און קיין וואַסער האָט מען אים ניט געטאָרט געבן — בלויז באַנעצט אים פון מאָל צו מאָל מיט אַ נאַס טיכעלע

דאָס מויל. דער טעלעפאָן האָט געשוויגן, ווי פריִער, און פּאַנאַנדערפרעגן דעם פּאַרוווּנדעטן, וואָס ליידט אַזוי שטאַרק און שרייַט פון היץ, איז אוממעגלעך געווען. אָבער אין עפּעס אַ מינוט איז ער געקומען צום זינען, און אַ ליליק, פיבערדיק, מורע האָבנדיק, אַז מע וועט אים ניט פאַרשטיין, דערציילט:

— וויכאַרעוו, דער קאָמיסאַר... מע איז דאָרט געבליבן זאַלבעפינף... מיט מיר — זעקס. אויטאָמאַטלער פון צוויי פאַנצער־טראַנספּאָרטירער האָבן זיך אָף זיי אַרופגעוואָרפן פונקט, ווען איך בין געקומען, איז מען דערנאָך געבליבן פינף... מיט מיר — זעקס... מיך האָט ער אָפּגעשיקט אַהער, דער באַטאַליאָנע קאָמיסאַר, און אַלע זייַנען אוועק הינטער אַרלאָוועק — פון דאָרטן, פון אַ באַלקע, איז געקומען צו לויפן אַ סאַנינסטרוקטאָר — די דייַטשן צעשיסן די פאַרוווּנ־דעטע...

אַ ביסעלע שפּעטער האָט צו דער טראַנשיי זיך דערקליבן סאָקאָליעצס אַ הייפל סאָל־דאַטן מיט אַ מינענוואַרפער. געבראַכט האָט זיי דער עלטערער פאָליטרוק סאַידאַוו. ווו ס'איז דער נאַטששטאַדיוו ווישעסלאַווסקי מיט אַלע, וואָס זייַנען געפאָרן קיין סטאַלינגראַד, האָט סאַידאַוו ניט געוווּסט. ער האָט אָפּן טראַקטאָר־זאַוואָד זיך באַגעגנט מיטן מאַיאָר גאָסטיעוו. שוין ניטאָ גאָסטיעוו... אָף דער זעלבער קאָדירטער מאַפּע, וואָס גאָסטיעוו האָט געהאַט מיטגענומען, האָט סאַידאַוו, באַ דער שייַן פון אַ קעשענע־לאַמטערנדל, אונטער דער פלאַשטש־פאַלאַטקע, וואָס קאַראַטייַ האָט אָף אים און אָף דאַניִעלן אָנגעוואָרפן, באַוויזן די געבראָכענע ברעגן פון דער באַלקע מאָקראַיאַ מעטשעטקאַ, מיט אַ בלויען פונקטיר צווישן זיי — די ריטשקע. דער גענעראַל דער טאַנקיסט האָט באַפוילן איין באַטאַליאָן פון קונגוראָווס פּאָלק אוועקשטעלן אָפן צאַפּנדיקן, אין ערגסטן פּאַל — אָפן דאָרעמדיקן ברעג פון דער מאָקראַיאַ מעטשעטקאַ, איינהאַלטן די בריק איבער דער דאַזיקער באַלקע און באַשיצן דעם טראַקטאָר־זאַוואָד פון דער זייַט, ווו ספּאַרטאַנאָווקע איז, ווייַל פאַר די אַרבעטער־אַטריאַדן און פאַר די קורסאַנטן, וואָס זייַנען אַוועק אַהין, קאָן דאָס אויסקומען צו שווער.

נאָר ווי זשע, אויב אונטער דער האַנט איז דאָ בלויז איין באַטאַליאָן — סאָקאָליעצס? אָסטריקאָווס איז ווייַט, און די איינע ידיִעה, וואָס סאָקאָליעץ האָט באַקומען פון יענעם באַטאַליאָן און איבערגעגעבן זי מיט סאַידאַוון, איז: מע האָט זיך אַרייַנגעצויגן אין אַ שווערער באַנאַכטיקער שלאַכט קעגן טאַנקען.

דורכן קאַבעל, וואָס טעלעפאָניסטן האָבן טייקעף נאָך סאַידאָווס קומען דערפירט ביז צו דער טראַנשיי, האָט דאַניִעל איבערגעפרעגט סאָקאָליעצן, עפשער ווייסט ער עפּעס נייַס וועגן אָסטריקאָוון. נייַס זייַנען געווען, נאָר שלעכטע. איוואַלגין האָט זיך אומגעקערט פון אויסשפּיר און ער דערציילט: אָסטריקאָווס באַטאַליאָן, שטאַרק אַ שיטער געוואָרענער, מיט אַ סאַך פאַרוווּנדעטע, שלאָגט זיך דורך קיין רינאָק.

קעדיי עפּעס באַשטימען, האָט דאַניִעל געדאַרפט צונויפּאָרן אין קאָפּ צוויי זאַכן: דעם גענעראַלס באַפעל, וואָס סאַידאַוו האָט געבראַכט, און דאָס, וואָס דער גענעראַל האָט באַוויזן זאָגן דורך ראַדיאָ: „עס גייען צו אייַך”. דאָס לעצטע, וואָס איז נאָך דערצו געזאָגט געוואָרן שפּעטער, האָט וואַרשייַנלעכער פון אַלץ געקאָנט באַטייַטן, אַז מע דאַרף זיך דערוואַרטן אָף די, וואָס גייען אַהער. און דערווייַל האָט מען אין דער האַלב־צעוואַלגערטער טראַנשיי געמוזט באַגעגענען דרייַ פייַנטלעכע טאַנקען, וואָס זייַנען, ווי העלפאַנדן, אַרויסגעשוווּמען אין דער נאַכט...

עס זייַנען געקומען אָף רעקאָגנאָסצירונג דער קאָמאַנדיר פון אַ פּאָלק ענקאַוועדע, עמעצער פון זייַן שטאַב און אַ טאַנקיסט. געקומען אָף דרייַ מאָטאָציקלען מיט וויגלעך. ווידער איז מען געזעסן אונטער קאַראַטייַס פלאַשטש־פאַלאַטקע — דאַניִעל און דער, וועמעס פּאָלק עס האַלט באַ צוקומען. דאָס לאַמטערנדל האָט באַלויכטן אַ בלאַס, ענערגיש פּאָנעם, מיט אַ גאַנץ פרישן שניט פון אַ בריטווע דאָרט, ווו איינס פון די קורצע קוואַדראַטע וואָנצעלעך האַקט זיך אָפּ. מיסטאָמע נאָך באַטאָג געגאָלט זיך. אַלע געקומענע, כוץ די שאָפערן, זייַנען געבליבן דאָ, און אין די וויגלעך האָט מען פאַרנומען די פאַרוווּנדעטע — קונגוראָוון, די מעדשוועסטער, איינעם פון די אַרטילעריסטן, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרקליבן איינעם דייַטשישן טאַנק, איצט שוין לאַכלוטן אַ צעקלאַפּטן. דער שוואַרצינקער, מאַכמעס די שרעק־לעכע ווייטעקן, האָט אין אַ וויגל ניט געקענט פאָרן, מע האָט אים געמוזט אוועקטראָגן צו סאָקאָליעצן אָף די הענט — דאַניִעל האָט שוין געהאַט אַ מעגלעכקייַט אויסטיילן צוויי סאָל־דאַטן, וואָס זאָלן דאָס טאָן.

ערגעץ האָט קאַראַטייַ דערביוועט צוויי קאַווענעס — אַרויסגעשפּרונגען צוליב דעם פון דער טראַנשיי. יעדן, ווער עס איז דאָ געווען, איז אָנגעקומען אַ ריפּטל.

דאַניעל האָט געפּרעגט:

— און אַ סוכערל וועט זיך באַ אײַך ניט אָפּזוכן, דעניס?

קאַראַטײַ האָט געפונען אַ סוכערל אינעם קירזאַוון טאַש, נאָר פון דער באַקלאָגע האָט דאַניעל זיך אָפּגעזאָגט. גענוג אויך דאָס שטיקל קאַוון.

שטאַק-פינצטער... די סאַמע טיפע שאָ פון נאַכט, וואָס איז שוין אַן איבערבראָך אָף טאָג. שורשענדיק שטיל מיט די שטיוול אין טרוקענעם גראָז, אין קאָוויל, זײַנען דאַניעל און סאַידאַוו און אַלע פון קונגוראַוווס פּאָלק, וואָס זײַנען געווען אין דער טראַנשיי, געבויגענע געגאַנגען צו סאָקאָליעצן אָפּן קאָמאַנדע-פּונקט — ניט אין דער באַלקע, ווו דאַניעל האָט אים געהאַט באַגעגנט, — גלײַך אָף מיזרעך פון די סעדלעך, אין סטעפּ. ס'איז אַפילע שווער געווען צו זאָגן, וואָס עס איז דאָרט, אינעם „דזאָט", וועלכן מע האָט געדאַרפט אָפּזוכן אָף יענער זײַט פון קעגנטאַנקען-ריוו, — דעם קאָמבאַטס קאָמאַנדע-פּונקט, צי דער שטאַב פון פּאָלק, — דער מאַיאָר בוזולוק האָט ניט לאַנג צוריק דערקליבן זיך אַהין מיט די עטלעכע, וואָס זײַנען לעבעדיק געבליבן פון זײַן שטאַב. אין דער האַלב־צעוואָלגערטער טראַנשיי האָט דאַניעל איבערגעלאָזט דעם טעלעפאָן — דאָרט האָט שוין אײַנגעאָרדנט זיך אַ צווייטער שטאַב — פונעם פּאָלק ענקאָוועדע.

די דײַטשן האָבן געשאָסן ווייניקער, עס האָבן זעלטענער אופגעלויכטן זייערע ראַקעטעס, נאָר געווען איז דער סוינע קימאַט אַרום און אַרום. בלויז באַם טראַקטאָר־זאַוואָד, ווו דעם הימל האָט פאַרגאָסן אַ דורכויסיקע סרייפע, זײַנען די דײַטשן אָף זיכער ניט געווען.

מיטאַמאָל האָט לינקס, גאַנץ נאָענט אין סטעפּ, באַלויכטן פון דער סרייפע, עפּעס זיך אָנגעמערקט — אַזוי ווי דרײַ קליינע בערגלעך. די בערגלעך האָבן זיך אָבער באַוועגט, און באַלד האָט אין יענער זײַט זיך אופגעהויבן אַ שיסערײַ. דאַניעל און אַלע, וואָס זײַנען גע־גאַנגען מיט אים, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אָף דער ערד. מע האָט געדאַרפט באַגרײַפן, וואָס קומט עס פאָר, און דאַניעל האָט באַפוילן — ניט אָפּרופן זיך מיט קיין פײַער. דאָרט, אין דער פינצטער, האָט מען געשאָסן ניט לאַנג, עס האָבן זיך צעריסן עטלעכע גראַנאַטעס און ס'איז שטיל געוואָרן.

דאָס, וואָס איז פריער קוים באַלויכטן געווען, האָט זיך דערנעענטערט: ניט קיין בערגלעך — דרײַ קופּקעלעך מענטשן. עס האָבן זיך דערהערט קוילעס:

— בראַטצי! בראַטצי!

דאָס האָבן געקאָנט שרײַען דײַטשן אויך, פאַרשטעלנדיק זיך פאַר אונדזערע, דערפאַר האָט דאַניעל בלויז עטוואָס אונטערגעהויבן זיך אָף די הענט און געזען: טונקעלע פיגורן האָבן אַרומגעקלעפּט אַ וואָגן, וועלכן עס שלעפּט אַ פערדל; הינטן קײַקלען זיך נאָך צוויי וועגע־נער — אָן פערד. דאַניעל איז אופגעשטאַנען און געמאַכט עטלעכע שפּאַן אַנטקעגן, ווען ער האָט אינעם גרויען געווימל פון די צוקומענדיקע מענטשן באַמערקט ווײַסע פלעקן פון באַנ־דאַזשן.

דרײַען זײַנען געגאַנגען פאַר דער ערשטער פור. דער מיטלסטער — מע האָט אים אונ־טערגעהאַלטן פון בײדע זײַטן — האָט מיט אַן אַוטאָמאַט אין דער האַנט, מיט ניט זיכערע טריט אַ ריס זיך געטאָן פאָרויס, — דאַניעל האָט דערקענט די באַוועגונגען, די קאָנטורן — וויכאַרעוו!

געשטאַנען אַ ווײַלע אַנטקעגן דאַניעלן מיט אָנגעשטרענגט־צעעפנטע אויגן — זיי האָבן געלויכטן קעגן ווײַטן פײַער — האָט וויכאַרעוו, שווער אָטעמענדיק, אויסגעהויכט:

— אַלץ...

ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, נאָר אײַנגעשטאַנען אָף די פיס.

קאַיאָר. סאָקאָליעצס באַטאַליאָן האָט אין די זעלבע טראַנשייען און שוצגריבער, וועלכע ער האָט פאַרנומען פון פאַרנאַכט אָן, אויסגעקערעוועט זיך אָף מיזרעך, שוין ניט, קעדײַ באַשיצן די ראַנדן פון רינאָק און ספּאַרטאַנאָווקע, — בלאָקירן זיי. גרופּקעס סאָלדאַטן זײַנען, איבערופנדיק זיך שטיל, קלינגענדיק מיטן געווער, מיט די קעסעלעך, אײַנגעבויגענע גע־גאַנגען און דורכגעלאָפן ניט ווײַט, אין סטעפּ, הינטער סאָקאָליעצס פּאָזיציעס, פון יענער זײַט קעגנטאַנקען-ריוו, — דאָס זײַנען אונטערגעקומען די ווזוואָדן און אָפּטיילונגען פונעם פּאָלק ענקאָוועדע. מע איז פאַר דער נאַכט דורכגעגאַנגען די ברענענדיקע שטאָט און ענדלעך אַרויס אין פעלד, קעדײַ שאַפן דאָ, פון דער מאָקראַיאַ מעטשעטקאַ ביז די סעדלעך, אַ צווייטע שוץ־ליניע, מיטן פראָנט אָף מײַרעוו.

גרופּקעס סאָלדאַטן פונעם זעלבן פּאָלק האָט דאַניעל באַגעגנט אויך באַ דער בריק איבער דער מעטשעטקאַ, צו וועלכער ער האָט, באַם זון־אופגאַנג, דערקליבן זיך דורכן טאַנקען־ריוו, —

דער גענעראַל־מאַיאָר דער טאַנקיסט האָט אים געהייסן קומען אַפן טראַקטאָר־זאַוואָד. ווי נאָר דאַנ׳על איז אַריבער די בריק, זײַנען פונעם ריוו אַרויסגעשפּרונגען אויך סאַ׳דאָוו און קאַראַ־טײַ — זײַנע באַגלייטער.

2

טשאַרנע און וואָווע, — וואָווע — פּאָרויס, טשאַרנע — אַ פּאָר טריט נאָך אים, — האָבן, לויפנדיק געבויגענע, שוין קימאַט דערקליבן זיך מיט אַ שוואַך אָנגעמערקט שטעגעלע צום בעטאָנירטן פּלויט פון דער שול, אַהין, ווו ס׳האָט בײַ איין בלאָק געפעלט די אַזשור־געפלאָכטענע אייבערשטע העלפט. מע איז שוין געווען גאָר נאָענט פון אָט דעם אַריבערגאַנג, ווי ס׳האָט פון די שיטערע קוסטעס, וואָס האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן, דערהערט זיך ניט קיין הויכער אויסגעשריי:

— היי, שטייט נאָר! וווּהין?..

טשאַרנע האָט געהאַט אָפּגעריסן עטלעכע יאַגעדעס אָבליעפּיכע, וואָס האָבן זיך איר געטראָפן נאָך אַפן שיפּוי פון דער באַלקע, מעכאַניש אָפּגעריסן זיי, און מעכאַניש, פאַרהאַ־וועט געקײַט איין יאַגעדע, אַ האַרטע און אַ ביטערע, אַזוי אַז ס׳האָט אַזש טערפּענדיק צו־נויפגעצויגן די באַקן פון אינווייניק און די צונג איז געוואָרן ווי אַ הילצערנע, דערפאַר עפּשער האָט זי גלײַך ניט געקאָנט ענטפערן, וווּהין מע לויפט. נאָר די סיבע איז געווען אַן אַנדערע — די פרייד און דער פּאַכעד, וואָס האָבן איינצײַטיק זי באַהערשט, צעמישט אַף אַ רעגע איר די געדאַנקען. פרייד: „אונדזערע, מע איז ניט אַוועק!" פּאַכעד: „דאָ וועט עס זײַן — אַלץ"...

צווייען זײַנען געשטאַנען אַף די קני, מיט קורצע לאָפּעטקעלעך אין די הענט, בײַ ניט קיין טיפן אָקאָפּ. אַ לײַכטער קוילנוואַרפער איז אײַנגעשטעלט געווען לעבן דער אָנגעשאָטע־נער ערד און זײַן רער האָט געקוקט אין יענער זײַט, פונוואַנען טשאַרנע און וואָווע זײַנען אָנגעקומען. איינער פון די צוויי, אַן עלטערער, אין אַ קאַסקע, — דאָס האָט ער טאַקע באַ־פוילן אָפּשטעלן זיך און איז אופגעשטאַנען מיט אַ ביקס אין האַנט, — איז געווען דער קאַסאַקער, וואָס טשאַרנע האָט אים באַמערקט נאָך בייס מע האָט פון זעמליאַניצינס מאַשין מיטן צעקלאַפּטן ראַדיאַטאָר אַרויסגעכאַפּט די פאַרווונדעטע. האָט ער זי, הייסט עס, אויך געזען, טשאַרנען, אי דאָרט, אַפן וועג, לעבן בעסוילעם, אי אין שול. דער צווייטער איז ביכלאַל געווען אַ באַקאַנטער — איינער פון סקאָריוקינס אויסשפּירער, מיט וועלכע זי איז געגאַנגען קיין רינאָק.

פונוואַנען עס נעמט זיך דער שטרענגער: „שטייט נאָר!" און דער „וווּהין?" האָט טשאַרנע זיך אָנגעשטויסן לויטן האַרבן און קרומען בליק, וואָס דער קאַסאַקער האָט, צוקומענדיק נעענטער, געוואָרפן אַף וואָוען. זי האָט שוין אַליין אויך געטראַכט — וואָס טאָן מיטן יאַט, ווי שיקט מען אים אָפּ צוריק, געטראַכט וועגן דעם, פון זינט זי האָט דערזען דעם פּלויט, נאָר דערבײַ האָט זי געוווּסט, געפילט, אַז וואָווע וועט ניט פאָלגן, ער וועט ניט אַוועק, און דאָס איז געווען אירע אַ נײַע זאָרג, און אַ נײַע הריזעניש — לעמײַ האָט זי אים ביכלאַל מיטגענומען.

— זײַט איר אויך דאָ? — האָט דער קאַסאַקער געפרעגט פּראָסט, ווי טשאַרנע וואָלט האָבן ווען גערעדט מיט אים וועגן דעם, אַז זי דאַרף אַוועק, — און דאָס יאַטל איז וואָס — אײַערס?

— ניין, — האָט זי געענטפערט, — דאָס האָט ער מיך דורכגעפירט אַהער...

— אַהאַ, — דער קאַסאַקער האָט אַ נעם געטאָן אין ביידע הענט די ביקס אַזוי, אַז זי איז אויסגעקומען קווער זײַן ביינערדיקן גוף, נעענטער אַ שפּאַן געגעבן צום דורכגאַנג אין פּלויט, — צוריק, שנעקל, — האָט ער באַפוילן, — צוריק, דאָ איז פאַר דיר קיין אָרט ניט!..

— דיאַ־דיע! — האָט וואָווע אַ בעט געטאָן און אויך מיט אַ זײַט זיך גענומען רוקן נעענ־טער צום פּלויט, — לאָזט, דיאַדיע! כ׳האָב קיינעם ניט!

— אַלציינס! — האָט דער קאַסאַקער אָפּגעהאַקט, — אַנו!..

דער סאָלדאַט האָט ניט באַוויזן ענדיקן. איינס נאָך איינס האָבן עטלעכע סנאַריאַדן גע־טראָפן אינעם גרינעם דאַך פון דער שול, שוין פון פריִער אויך אַ צעלעכערטן, מיט אופגע־טרענטע בויגנס בלעך. פײַער און רויך האָט אַ שפּאַר געטאָן פון די נײַע לעכער אינעם דאַך און פון די אייבערשטע פענצטער, — נאָר דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, ווען טשאַרנע און וואָווע און די צוויי סאָלדאַטן זײַנען שוין געלעגן פּאַנאַנדערגעפּלאַסטערטע, ווײַל אויך איבער זיי האָבן דורכגעפײַפּט סנאַריאַדן, אויך דאָ, אַרום פּלויט, צווישן די קוסטעס, האָט גענומען האָגלען מיט הרודעס ערד...

— אַנטלויף, אַנטלויף! — האָט דער קאָסאַקער צעשריִען זיך אַף וואָוועץ, ווי נאָר די סנאַ־ריאַדן האָבן אָנגעהויבן פאַלן זעלטענער און מע האָט געקאָנט א ביסל אופהייבן דעם קאָפּ, — אַנטלויף פונדאַנען, ביז דו ביסט גאַנץ!..

וואָוועץ האָט א קערעווע געטאָן צו טשאַרנען דאָס בלאַסע, דערשראָקענע פּנעמל, שטוּ־מערהייט אַזוי אויסגעדריקט סײַ פאַרצווייפלונג, וואָס זי שטעלט זיך ניט אײַן פאַר אים, און סײַ ביטערן פאַרשטאַנד, אַז זי קאָן דאָס ניט טאָן. ער האָט א ריס זיך געגעבן פון אָרט און איז, שיר ניט קײַקלענדיק זיך, שווינדלענדיק מיט די געלע סאַנדאַלן, אַוועקגעלאָפן באַרג־אַראָפּ, צו דער באַלקע.

אופגעהויבן זיך פון דער ערד, האָט דער קאָסאַקער אַראָפּגענומען די קאַסקע, אַרומגע־ווישט מיט דער דלאָניע דאָס אינוויינסטע פּאַרשוויצטע רייפל אירס, א באַדעקטס מיט צע־ראַטע, און געזאָגט צו טשאַרנען, וועלכע איז אויך אופגעשטאַנען:

— איר וועט אַוועק אַף יענער זײַט פלויט, איז גיט איבער זעמליאַניצינען, דעם לייטע־נאַנט: סאָמויִוויטער און דער נאַפּאַרניק גראָבן זיך אַרום דאָרט, ווו ער האָט באַפוילן.

דער אָקאָפּ, וואָס סאָמויִוויטער און זײַן כאַווער האָבן געגראָבן, איז שוין היפּשלעך טיפער געוואָרן, פאַרשטעלט די סאָלדאַטן קימאַט ביז האַלבּ, ווען וואָוועץ האָט ווידער באַוויזן זיך פון דער באַלקע און האָט נאָך פונווײַטן, רופנדיק מיט ביידע הענט, אויסגעשריִען:

— דיאַדיע, גיכער, מע פירט צום שיסן!

— וועמען? — סאָמויִוויטער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אָקאָפּ, געכאַפּט פונעם נידעריקן ברוסטווער ניט זײַן ביקס, נאָר דעם אויטשפּירערס אוטאָמאַט, געמאַכט עטלעכע טריט אַנט־קעגן וואָוועצן, — וועמען פירט מען, ווו?..

— דאָרט, אין באַלקע! מײַנע!

— האָסט דאָך קיינעם ניט? — דער סאָלדאַט האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— מײַנע! — האָט איבערגעכאַזערט וואָוועץ א פאַרסאָפּעטער, שיר ניט וואַרגנדיק זיך מיט דער לופט, און א סמיקע געטאָן סאָמויִוויטערן פאַרן אַרבל פון דער גימנאַסטיאָרקע, — באַקאַנ־טע... גיכער, דיאַדיע!

— לאָז מיך באַנעמען! — סאָמויִוויטער האָט לײַכט אָפּגעשטויסן וואָוועס צאַפּלענדיקע האַנט. — דײַטשן, יאָ? וויפל?

— צוויי, און א דריטער איז... אוי, גיכער, דיאַדיע!

סאָמויִוויטער האָט זיך אויסגעקערעוועט און א געשריי געטאָן צו דעם, וואָס איז געבליבן אין אָקאָפּ:

— דו אַרבעט, פּאַשוקאָוו, און קוק אַף אַלע זײַטן! מע דאַרף צוליפן...

וואָוועץ האָט שוין ניט געוואַרט, ניט געוואַרט מער — ער האָט זיך געטראָגן צוריק צו דער באַלקע, איז סאָמויִוויטער אַוועק נאָך אים.

אָנגעיאָגט דאָס יאָטל שוין באַם שטיילן שיפּוי, צווישן קרומע ביימלעך מיט שיטערע צווײַגן און גרויסע בלעטער, ווי געווינלעך אין שאָטנדיקע, פײַכטע ערטער, האָט סאָמויִוויטער זיך געפּרוווט, ניט פאַרלאַנגזאַמענדיק די טריט, כאָטש עפּעס־וואָס אויסקלאָרן. וויפל מענטשן די דײַטשן האָבן פאַרנומען, וועמען — דאָס האָט וואָוועץ אים געגעבן צו פאַרשטיין, נאָר וואָס ס'איז געשען, האָט דער יאָט אין טאָך אַליין ניט געוווּסט. ער האָט נאָר געהאַט אומ־געקערט זיך צו די עטלעכע באַקאַנטע זײַנע, אַהין, ווו מע האָט געקלערט זיך אויסבאַהאַלטן, — א ליים־גרוב אין א סאָד, מע האָט נאָר גענומען פאַרוואַרפן מיט צווײַגן, מיט מיסט דעם אַרײַנ־גאַנג אין יענער נאָרע, האָט עפּעס איינער אין א פּידזשאַק אַף דער הוילער מײַקע און אין מיליטערישע הויזן, מיסטאַמע אַזאַ, וואָס האָט ניט באַוויזן זיך איבערטאָן, געבראַכט צו פירן די דײַטשן און אָנגעוויזן זיי, אַז ניקאַנדער, דער אַלטער פישער, איז א קאָמוניסט, דער צווייִ־טער אַלטער און זײַן ווײַב — זײַנען יידן, און ליובע, וואָס האָט באַנאַכט געבוירן א קינד, איז א מיליטערישע. מע האָט זיי אַלעמען אַוועקגעטריבן צום ברעג. בלויז ער, וואָוועץ, האָט זיך א דריי געטאָן און ניט געסטײַעט — מע האָט אים ניט נאָכגעשאָסן, נאָר ער איז אַוועק, און וואָס ס'איז מיט יענע אַלע, ווייסט ער ניט.

די באַלקע איז געווען א לאַנגע, א געדרייטע. אַראָפּלאָזן זיך סאַמע אונטן, ווו מע וואָלט גרינגער און שנעלער קאָנען דורכגיין, האָט סאָמויִוויטער ניט ריזיקירט. און ביכלאַל וואָלט ער אַזוי ווײַט ניט דאַרפן אַוועק. ער האָט שוין געמומען קווענקלען — עפּשער אומקערן זיך, כאָטש אומקערן זיך איז אויך זייער ניט גוט געווען. מע איז אַרויסגעקומען קימאַט צום סאָף פון דער באַלקע, — צווישן אירע טונקעלע שיפּוים האָט אָנגעמערקט זיך דער פלאַכער זאַמ־דיקער ברעג, א באַשײַנטער פון דער זון, דאָס בלישטשענדיקע וואַסער. פּלוצעם האָט וואָוועצ

צוגעדריקט זיך צו א שטאם, שוויַיגנדיק באוויזן מיט דער האַנט אַראָפּ, און סומוזוויטער האָט אליין שוין אויך געזען אלץ...

ניט וויַיט פון דאָרט, ווו די באלקע לאָזט זיך אויס, האָט א דייטשישער סאָלדאט געשלאָגן, געטאָפּטשעט מיט די שטיוול אן אלטן, וואָס איז געלעגן אף דער פּלייצע און האָט זיך גע־פּרוווט באשיצן מיט די הענט, מיט די פּאָלעס פון דער צעשפּליטערטער ברעזענטענער קורטקע, וועלכע ער האָט פון מאָל צו מאָל אופגעהויבן, מיט די איַינגעבויגענע פיס. א צווייטער דיַיטש האָט, מיט אן אָנגעשטעלטן אווטאָמאט, אָפּגעטריבן צו א גרויסער הרודע ליים, עטלעכע שפּאַן אין א זיַיט, נאָך איין אלטן, אן אלטיטשקע און גאָר א יונגינקע פרוי מיט א פּיצל אין שויס. פון ברעג איז אָנגעקומען איינער אין א גרויען פידזשאק. מאלפּיש אָפּגעבויגן דעם קערפּער אף צוריק, מיסטאמע א סוטולעוואטער, ברייט צעשטעלנדיק די קרומע, דינע פיס, האָט דער דאָזיקער, אינעם פידזשאק, געטראָגן פאר זיך א שווערן שטיין...

סומוזוויטער האָט ניט ארויסגעבראכט קיין וואָרט. אופגעהויבן דעם אווטאָמאט, האָט ער פליַיסיק געצילט עטלעכע רעגעס. וואָווע האָט דערזען, אז גליַיך ווי ס'האָבן אזוי ווי אין א זיַיט אָפּגעהילכט צוויי־דריַי קורצע טראסק, איז אומגעפאלן יענער דיַיטש, וועלכער איז גע־שטאנען מיט אן אָנגעשטעלטן אווטאָמאט לעבן דער הרודע ליים. דער דיַיטש, וואָס האָט גע־שלאָגן ניקאנדערן, איז אָפּגעשפּרונגען אין א זיַיט, דערשראָקן א דריי זיך געטאָן אף איין אָרט, און איז אזוי טאקע, אינמיטן דריי, אומגעפאלן. דאָס דריטע מאָל האָט סומוזוויטער געשיקט עטלעכע קוילן ניט געלונגען: יענער, אינעם פידזשאק, האָט אראָפּגעלאָזט דעם שטיין און באוויזן צו פארשווינדן הינטער איינעם פון די ליימיקע אָפּהאנגען, אפן ברעג.

אוועקגעפירט די געראטעוועטע, פארנומען טאקע מיט זייער הילף די טראָפּייען — דעם גרויסקאליבערדיקן קוילנוואָרפער, וואָס די דיַיטשן האָבן זיך דאָ געקליבן איַינשטעלן, די קעסטלעך מיט קוילן, די אווטאָמאטן, די ראנצעס, ארומגענייטע הינטן מיט קעלבן־פעל, — דאָס אלץ האָט אָפּגעטאָן וואָווע. סומוזוויטער האָט, א לאָקערנדיקער צווישן די שטאמען, ווי ער האָט אפן פראָנט־לאָשן זיך אויסגעדריקט, סטראכירט אים, וואָווען, — אכטונג געגעבן, אז קיינע שיידים זאָלן פלוצעם ניט אָנקומען. ער האָט אויך וויַיטער, בייס מע איז געגאנגען דורך דער געדיכטעניש, לענגויס דעם שיפּוי, געהאלטן זיך הינטן — גרייט צו באשיצן די קליינע גרופּע. בלויז ווען עס איז געבליבן דורכגיין דאָס הוילע שטיקל פעלד, האָט ער אלעמען אָנגעיאָגט און געהייסן דורכקליַיבן זיך צום אָקאָפּ איינציקוויַיז. דערביַי האָט ער, ניט פרעגנדיק, נאָר קאָנסטאטירנדיק געזאָגט:

— מע קאָן איַיך נעמען זוכן, — די הנידע איז דאָך אוועק, — מיין איך, אז וואָס ס'וועט שוין זיַין מיט אלעמען דאָ, אין שול, וועט זיַין מיט איַיך אויך.

ער איז געבליבן וואַרטן באם ראנד פון דער באלקע מיטן לעצטן, מיט ניקאנדערן, וועל־כער האָט א צעשלאָגענער, שווער אָטעמענדיק, צוגעזעצט זיך אף א פוילן פּניאָק, ווי נאָר מע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— ער האָט איַיך כאָטש גאָרנישט ניט אָפּגעשלאָגן — דער פריץ? — האָט סומוזוויטער געפרעגט, ווען מע איז געבליבן אינצווייען.

דער פישער האָט געענטפערט אפּאטיש:

— דאכט זיך, גאָרנישט. שטארק אָנגעבראָכן די ביינער...

— און יאצקאָ — וואָס, ער קען עמעצן פון איַיך?

— וועלכער יאצקאָ? — איז ניקאנדער אופגעלעבט געוואָרן.

— די הנידע, וואָס האָט געבראכט די דיַיטשן.

— איז זיַין פאמיליע יאצקאָ? איר קענט אים? — דער פישער האָט זיך נאָך מער פאר־כידעשט און אפילע אָנגעשפּיצט זיך, אין זיַינע אויגן — צוגעזשמורעטע, טרערנדיקע — האָבן זיך אָנגעצונדן שטארע פיַיערלעך.

— דער סטארשינא יאצקאָ. פון אונדזער טייל, דער דעזינפעקטאָר...

— כ'האָב אים באנאכט אויסגעבאָדן אין דער וואָלגע. ס'איז געווען פאר וואָס. נאָר אז מיר קומען אָן — איך, און די, וואָס זיַינען געגאנגען מיט מיר, — וואָווע און יענע פרוי, וועלכע ער האָט דורכגעפירט צו איַיך, זיַינען אָקאָרשט אוועק, — מיר קומען אָן אין סאָד, ווו מיר האָבן געמיינט איבערזיַין ביז פינצטער, און איך זע, אז דער דאָזיקער, א קאָמאנדיר פונדעסטוועגן, און דערקענט האָב איך אים גוט, די קרומע פיס זיַינע, די סוטו־לעוואטע פלייצע, — זע איך, אז ער ציט אראָפּ דעם פידזשאק פון א געהארגעטן, אָבער די הויזן יענעמס טויגן אים ניט, זיי זיַינען פארבלוטיקטע, — ער האלט שוין דעם פּיד־זשאק, די גימנאסטיאָרקע האָט ער נאָך פריִער אראָפּגעוואָרפן פון זיך, און ער שריַיט צו מיר און צו פּיניען, דעם צווייטן אלטן: „גיט מיר א פּאָר הויזן, גיכער, ראטעוועט!" — האָב איך

אים, פאַרצײַ מיר, געוויזן אַט די פינף פינגער... פאַר א לײַטישן מענטשן וואָלט עפּשער קיין שאָד ניט געווען — פאָרט אזא לאגע, נאָר דעם דאָזיקן... גיי, זאָג איך, וואַיאַקע, אָן־אָ, אונדזערע שלאָגן זיך נאָך! איז ער אוועק און געקומען באלד צוריק — ניט אליין...

די לעצטע ווערטער האָט דער אלטער שוין ארויסגעבראכט שטייענדיק — סומוזווויטער האָט באוויזן מיטן קאָפּ, אז מע דאַרף גיין. געשפּאַנט דורך דער הוילער לאַנקע האָט דער סאָלדאַט א פאַרביטערט־שווײַגנדיקער, ער האָט געהאַט נאָך וועגן וואָס צו פרעגן ניקאַנדערן, נאָר ווען מע איז צוגעקומען צום אָקאָפּ, האָט דאָרט געוואַרט דער צווייטער אלטער, פיניע, — אלע אנדערע זײַנען שוין געווען פון יענער זײַט פלויט, — געוואַרט און דערציילט, זיצנדיק אַף די שפּיץ פינגער, דעם אויסשפּירער, וואָס איז, אָנגעשפּאַרט מיט אן עלנבויגן אין ברוסטווער, געשטאַנען אין גרוב, דערציילט דאָס, וועגן וואָס סומוזווויטער האָט זיך געקליבן פרעגן, — איז געבליבן בלויז ניט איבערשלאָגן און הערן.

— אז זיי הייסן, די דײַטשן, מיר זאָלן אָנטראָגן שטיינער און געהילץ פון ברעג, וועלכן אונדזערע באַשיסן פון יענער זײַט, איז עס א קלאָרע זאַך — מיר העלפן דעם סוינע. די דײַטשן באַהאַלטן זיך הינטער אונדז, דערנאָך וועלן זיי זיך באַהאַלטן מיטן פּולעמיאָט הינטער דעם, וואָס זיי וועלן צונויפלייגן פון די שטיינער און פון דעם געהילץ. און מיר זײַנען דאָך שוין אלציינס געקאַנטשעטע אלע, אויב יענער, דער פאַרעטער, האָט אָנגעוויזן אַף אונדז, ווער מיר זײַנען, — עמעס, ניט עמעס, וועגן ניקאַנדער יוריעוויטשן איז גראָד ניט עמעס, אז ער איז א פאַרטייישער, נאָר גיי דערווײַז אזוינס די פּאַשיסטן, — זײַנען מיר שוין אלע געקאַנטשעטע, און מעגן, הייסט עס, ניט טאָן דאָס, וואָס די סאָנים ווילן, מיר זאָלן דערווײַל אָפּטאָן.

נאָר ס'האָט זיך געקלערט: עפּשער וועט מען זי מיטן פיצל ניט טשעפּען, עפּשער וועט מען זיי לאָזן לעבן... אָבער, אז מע נעמט זי אויך שטופּן צום ברעג, זי זאָל אויך שלעפּן שטיינער, — דאָס בלוט האָט זיך נאָך בא איר ניט פאַרהאַמעוועט, און ער רײַסט דאָס קינד פון אירע הענט, דער דײַטש, כאַפּט ניקאַנדער יוריעוויטש, — כ'האָב גאָר די ערשטע רעגע ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן, ס'איז מיר פּאַשעט פינצטער געוואָרן אין די אויגן, — כאַפּט ער, ניקאַנדער יוריעוויטש, א פלאָקן, א שטיקל וואָרצל, און איך טו א הייב אוף אַט דאָס שטיינדל — ס'איז צום וויינען און צום לאַכן, א קליין שטיינדל, קיין אנדערס האָט זיך, ווי אפּצעלאַכעס, ניט געמאַכט, און דער אווטאָמאַט קוקט שוין אַף מיר — האָב איך עס פאַרבאַהאַלטן אין קולעק...

— יאָ, וויינִיקלעך קעגן צוויי באַוואָפנטע — א פלאָקן מיט אַט דעם שטיינדל... — דער אויסשפּירער האָט גענומען פון פיניעס האַנט דאָס שפּיציקע שטיקל קרעמען, לײַכט אָפּגעוויגן עס אַף דער דלאָניע, אופגעהויבן דעם קאָפּ צו סומוזווויטערן און ניקאַנדערן, א ווונק געטאָן צו זיי — ניט צו פאַרשטיין, אופגעלייגט צי טרויעריק.

פיניע אָבער האָט ניט נאָכגעשפּירט דעם יונגן סאָלדאַטס בליק. ער האָט א פאַרזאָרגטער געקוקט פאַרבײַ דער גרוב, אין וועלכער יענער איז געשטאַנען, און שטיל געזאָגט:

— אוואָדע איז גוט, ווען מע קומט צו הילף, אוואָדע איז גוט, נאָר אויב ניט, איז דאָס שטיינדל, ווי דאָס שטיינדל, נאָר א פלאָקן איז אויך עפּעס ווערט.

קיינער האָט דעמלט, באַם אָקאָפּ, קיין טראַכט ניט געטאָן, פיניע אויך ניט, וועגן דעם טיפן זין פון אַט די געוויינלעכע ווערטער, און קיינער האָט דעמלט, באַם אָקאָפּ, ניט געוווּסט אויך, אז אַט דאָס פּאַסיקל ערד בא דער וואָלגע, וווּ די נעוואָלע איז, צום גליק, ניט געשען, וועט זײַן דער לעצטער טראָט אַף מיזרעך, ווּהין דאָס שוואַרצע כאַיל האָט דערפירט זײַן בלוטיקן שפּור...

3 טשאַרנע האָט פאַרשטאַנען: דאָרט, ווו זי וועט אָפּזוכן זעמליאַניצינען, וועט זי זיך טרעפן אויך מיט שאוולערן. מאַדנע, נאָר דאָס האָט איצט עפּעס געהאַט פאַר איר א ווערט. אין דער נאָענדיקער פּוסטקײַט איז איר געבליבן בלויז ער, זעליק... איז ווי וועט זי זײַן, די דאָזיקע באַגעגעניש — ווידער א שווײַגנדיקע? מיסטאָמע איז עס בעסער פון אלץ. ביידן האָט זיי געטראָפן אן אומגליק, אזא, ווי אלעמען, דאָ, אין שול, איז וואָס איז שוין דאָ צו ריידן, און וואָס קאָן מען טאָן איינס פאַרן אנדערן? און דאָך — מאַדנע, זייער מאַדנע — זי האָט זיך געפילט ניט אזוי עלנט, ווײַל זעליק איז דאָ, און נאָך מער אומגליקלעך, ווײַל זעליק איז דאָ... ס'זאָל כאָטש פאַר דער נאַכט ניט האָבן מיט אים געשען קיין שלעכטס — זי האָט דאָס אופריכטיק, הייס געגאַרט.

דאָס שווערע געפיל, מיט וועלכן זי איז געגאַנגען דורכן הויף צו דער שול, — דער הויכער, גרויער געבײַדע מיט צוויי פליגל בא די זײַטן, מיט סימאָנים פון סנאַריאַדן און קוילן אַף די ווענט (די שטוקאַטורקע איז אָפּגעקלאַפּט, ציגל קוקן ארויס), מיט צומיינסטן אויסגעזעצטע,

צעפּראַלטע פּענצטער, — דעם קאַלטן צאַפּל אין האַרצן, וועלכן זי האָט דערפילט, בייס זי האָט דערזען די הינטערטיר — די שמאָלע פינצטערע לאָך, אין וועלכער זי האָט געדאַרפט אַרײַן, — האָט זי געפּרוּווט שטילן, טשאַרנע, מיט דעם, וואָס זי האָט דערזען אין הויף. סאָלדאַטן האָבן געגראָבן שוצגריבער באַם סאַמע פּלויט און געדלובעט לעכער אינעם בעטאָן, מע זאָל קאָנען שיסן דורך זיי. אַרטילעריסטן האָבן אײַנגעשטעלט צוויי האַרמאַטן לעבן ביידע פליגל פון דער געבײַדע און מאַסקירט זיי באַ די זײַטן מיט פּאַרטעס, מיט טאָוולען, פון וועלכע ס׳איז נאָך ניט אינגאַנצן אַראָפּגעמעקט געוואָרן דאָס קרײַד. טאַנקיסטן האָבן אונטער געוויינלעכע פישער־נעצן, אָנגעצויגענע איבער דער טראַפּעציע און דעם טורניק פונעם ניט גאָר גערוימיקן ספּאָרטיוון פּלאַץ, געמאָנטירט אַ טאַנק. דאָס אַלץ האָט זיך געטאָן זאַכלעך און אַפילו ניט גאָר אײַליק — מיט יענער באַאַריכעסדיקײַט, וואָס צײַגט אָף אַקשאָנעס, אָף דעם, אַז מע פּאַרשטייט, צו וואָס מע גרייט זיך.

דאָס, וואָס טשאַרנע האָט געזען אין הויף, האָט ניט אַזוי באַרויִקט זי, ווי פּראָסט און העפּקערדיק געצווּונגען אַ טראַכט טאָן: „עט!״ געוועזן איז עס אַ מין אָפּגעפרעמדטקײַט בענעגייע זיך אַליין, גלײַכגילט צו דעם, וואָס עס וועט זײַן מיט איר, — אַזוינס, מיט וואָס זי האָט אַלץ מער שאָלעם געמאַכט אין געדאַנק, — און איינצײַטיק — קימאַט גלײַכגילט צו דעם, וואָס זי וועט דאָ ווידער טרעפן שאַוולערן. וויכטיק איז פאַר איר געוועזן — אַזוי האָט זי געוואָלט טראַכטן — איינס: זעליק זאָל ניט באָטל מאַכן דאָס, איבער וואָס ס׳האָט זי נעכטן אַ צי געטאָן געזעגענען זיך מיט אים.

באַ אַ סאָלדאַט, וואָס האָט אין וועסטיבול, דורך אַן אָפענעם פּענצטער, דערלאַנגט אַ צווייטן סאָלדאַט, אין דרויסן, פּלאַטשיקע, קײַלעכדיקע מינעס, צונויפגעלייגטע אָפן דיל, האָט טשאַרנע זיך דערוווּסט, אַז דער קאָמראַטע איז אַוועק ערגעץ אַרוף. זי האָט אים אָפּגעזוכט אָפן פּערטן שטאָק, דאָרט, ווו דער קאָרידאָר פּאַרקערעוועט אין רעכטן פליגל. זעמליאַניצין און נאָך איינער, לויט די יאָרן אַן עלטערער פון אים, מיט אַ ברייטן אויסשיט פון פּאַרלאָזטע וואָנצעס, מיט אַ באַנדאַזש, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון אונטער זײַן לינקן, פּאַרקאַטשעטן אַרבל, — שפּעטער האָט טשאַרנע זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז דער זאַמפּאָליט סוראָווצעוו, — האָבן אָנגעשטרענגטע, פּאַרזאָרגטע געקוקט אין עקסטן פּענצטער. געשטאַנען איז מען דערווײַטערט פונעם פּענצטער און עטוואָס אין אַ זײַט — מע זאָל זיי ניט באַמערקן פון דרויסן, פונעם יישעוו, וואָס האָט אַלץ געברענט, און וואָס איז געוועזן ניט גאָר קיין ברייטער — סאַקאַקל דרײַ־פיר פּאַראַלעלע גאַסן, צעוואָרפענע צווישן דער וואָלגע און דעם בערגלדיקן סטעפּ.

צוגעוואָרט אַן אָנגעכמורעטער, ביז טשאַרנע איז צוגעקומען, האָט זעמליאַניצין, אַלץ אַזוי כמורנע, ניט טוענדיק קיין פינטל מיט די ברייט צעשטעלטע גרינע אויגן, אויסגעהערט דאָס ווייניקע, וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן, און אָנגערופן זיך צו סוראָווצעוון מיט ניט קיין פאַרבאָרגענער ביטערקײַט:

— אָט האָסטו נאָך...

— עפּשער — אַ דאָקטער? — האָט סוראָווצעוו ניט זיכער געפרעגט.

באַ זעמליאַניצינען האָט אַ ציטער געטאָן די ניט גלאַטע הויט אָפן סקולעסדיקן, פּירקאַנטיקן פּאָנעם, אַזוי ווי אַ שאָטן זאָל האָבן דורכגעשוועבט איבער דעם.

— גלייבסט דאָך ניט אין גאָט, זאַמפּאָליט, איז וואָס זשע גלייבסטו אין ניסים?

און צו טשאַרנען, מער צוגעלאָזט, טאַקע איבער זײַן ניט פריילעכן וויץ:

— איר וועט זיך אַראָפּלאָזן אין קעלער, דערווײַל גייט אַהין, העלפט דאָרט דעם סאַניטאַר־אינסטרוקטאָר, מיט וואָס איר וועט קאָנען...

ס׳איז צו מערקן געוועזן, אַז זעמליאַניצין וויל נאָך עפּעס זאָגן — טשאַרנע האָט געוואַרט. אָפּגעקערט דעם קאָפּ צו דער האַלב־אָפענער טיר פונעם קלאַס־צימער, לעבן וועלכן מע איז געשטאַנען, האָט דער קאָמראַטע אַ רוף געטאָן:

— היי, סאָלדאַט, ביסט נאָך ניט פאַרטיק? גיי — דאָס ווײַבל...

פון צימער האָט זיך דערטראָגן דער שוואַכער רויש פון עפּעס אַ פאַרעניש, אַ טופּען, נאָר ווײַל קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן, האָט זעמליאַניצין געזאָגט:

— וואָס איז דאָ צו וואַרטן, גייט אַרײַן צו אים, אַהין, — דערבײַ האָט ער פאַרשעריש, טשאַרנען האָט זיך אויסגעוויזן — אַפילו זייער פאַרשעריש, אַ קוק געטאָן איר אין די אויגן, — נישקאָשע, אַ ווײַב מעג!

זעליק האָט, שטייענדיק אָנגעשפּאַרט מיט איין זײַט אין אַ פּאַרטע, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן אינמיטן צימער, אָנגעוויקלט אַן אָנעטשע שוין אָפן צווייטן פוס, און ווען טשאַרנע איז אַרײַנגעקומען, אַ שטופּ געטאָן אים אין כאָלעווע פונעם קירזאָוון שטיוול. דער פוס האָט, אין אײַלעניש, פאַרטשעפּעט זיך נאָך ביזן זאָדניק, זעליק, וועלכער האָט דאָס ניט דערוואַרט, איז

שיר ניט געפאלן און אָנגעשטעלט אף טשארנען פּײַנלעך־פארלוירענע, פרעגעוודיקע אויגן. ער האָט נאָך געדארפט אויך פארצי:ען די גימנאַסטיאָרקע מיטן רימען, גענומען דאָס טאָן, ווי נאָר דער פוס איז ביזן סאָף ארײַן אין שטיוול, און אָט אזוי־אָ, א פארהאוועטער, האָט ער זיך געלאָזט אנטקעגן טשארנען, וועלכע איז שטיין געבליבן ניט ווײַט פון דער אף האלב אָפן געלאָזטער טיר. טשארנע האָט געזען: א קלעצעלע גרינע בײַוול, אין וועלכע ס׳איז פארשטעקט א נאָדל, איז ליגן געבליבן אף דער פּארטע, דאָרט, ווו עס שטייט געווײנלעך דער טינטער; אף איינער פון זעליקס אויסגעשמירטע גאליפע ציט זיך א גראָבע פארסטריגע פון דער גימנאַסטיאָרקע ביז דער כאָלעווע, און די גימנאַסטיאָרקע איז גראָד א נײַע — די אלטע, א צעריסענע און אָן אויסגעפלעקטע, וואלגערט זיך א צונויפגעדרייטע אפן דיל. אָנגעקוקט דאָס אלץ, האָט טשארנע גאָרנישט ניט געזאָגט, ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן, און שאוולער האָט אויך געשוויגן עטלעכע שווערע ווײַלעס.

ענדלעך האָט ער מיט א ציטער אין קאָל אויסגערופן — ניט הויך, מע זאָל אין קאָרידאָר ניט הערן:

— טשארנע! ווי:אזוי ביסטו געבליבן? ס׳איז דער צווייטער אומגליק מײַנער!..

און זי האָט, אליין ניט וויסנדיק פארוואָס, עפשער דערפאר, ווײַל ער האָט אויסגעזען בא איר אין די אויגן נעבעכדיק, אויך שטיל, מיט א טרויעריק־שטראָפנדיקער נאָטקע געענטפערט:

— דײַן אומגליק? עפשער עמעצנס, נאָר ניט דײַנער...

— איך ווייס ניט, וואָס דו מיינסט, איך וויל עס ניט וויסן — ס׳איז גאָרנישט ניט ווערט, טשארנע...

ער האָט געקוקט אף איר עפּעס אזוי דאָרשטיק, בעטנדיק, מיט א פיבערדיקן גלאנץ אין די אויגן. די הויט אף זײַן פּאָנעם איז געוואָרן רויט, בלייך — זי האָט דאָס ניט ליב געהאַט, טשארנע, ס׳האָט איר דערמאָנט אין דעם, ווי ער פלעגט אמאָל ווערן אופגערעגט בייס א קריג מיט איר. דערפאר האָט זי שוין קימאט באשטימט א סאָף מאכן צו אָט דעם שמועס, צו דער באגעגעניש, אוועקגיין, אָבער עפּעס האָט זי ניט געלאָזט — דאָס קלעצעלע בײַוול, די צונויפגעדרייטע גימנאַסטיאָרקע אפן דיל.

— און דו, — האָט זי געפרעגט, — וואָס טוסטו דאָ?

— ע, — ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האנט, — ס׳ניט די צײַט צו דערציילן. — טיפער אומרו האָט געצאפּלט אין זײַנע אויגן — גרויע, אָפּגעשטעלטע. — גיי, טשארנע. כ׳האָב געהערט, דו דארפסט גיין אין קעלער — גיי, דאָ קאָן באלד זײַן אזוינס!..

ס׳איז איר אומאָנגענעם געווען, וואָס ער אײַלט זי, ער יאָגט זי, נאָר עפּעס האָט זי געפילט אויך, אז ער האָט רעכט דערוף, — רעכט ניט מאכמעס דעם, וואָס האָט זיי אמאָל פארבונדן, נאָר מאכמעס דעם, א וועלכער ער איז איצט, דאָ.

זי איז ארויס פון צימער. שווײַגנדיק, מיט די אויגן, אי געזעגנט זיך מיט זעמליאַניצינען, אי באדאנקט אים, ווי עס פאסט באדאנקען אפילע פאר אזא באגעגעניש. גייענדיק, האָט זי אָפּגערוקט זיך נעענטער צו דער וואנט, רעכטס, זעליק זאָל קאָנען גיין לינקס — אויך ווי עס פירט זיך. ער האָט זי באגלייט ביז די טרעפּ און מע האָט זיך צעשיידט — צוריקגעהאלטן, שטיל:

— נו, כ׳גיי...

— יאָ, גיי...

(סאָף קומט)

אווראָם גאַנטאַר *

פונעם בוך „זאַנגען אף א שטיין"

דיז־וועכעזשבען

טעוויע גען — געשענקט

איך דאַרף אין שפּיגל גאָר ניט קוקן,
אף אויסווייניק איך ווייס,
בא וואָס איך האַלט.
עס גייט אפילע ניט אין דעם,
וואָס כ'וועל שוין אַלט;
אויב ס'קלעמט אַמאָל דערפון,
איך טרייסט זיך באַלד:
„דו האָסט נאָך הענט און פיס
און א געזונטן רוקן,
איז וואָס איז דאָ דער גוואַלד?"

אוואַדע,
ס'איז א טרייסט,
דער הימל איז נאָך ניט בא דר'ערד,
און ס'קאָן גאָר זיין,
אז מיר איז נאָך באַשערט
אזעלכס באַגעגענען,
וואָס אלע קנייטשן
זאָל עס זיין די ווערט, —
אזוי האָב איך געכעזשבענט
און געקלערט.

נאָר טרייסט זיך יאָ —
און טרייסט זיך ניט,
דאָ גייט דאָך בלויז אינעם געמיט:
צי וועט דיר גרינגער זיין,
צי שווערער...
און ס'רייסט דער סייכל זיך אריין
אין סאַמע מיט,
און ער באַווייזט,
אז ער באַטייט גאָר מערער:
„אוואַדע זיינען האַרץ־זאַכן א יעש,
און די נעשאָמע
האָט אויך וואָס צו זאָגן.
נאָר אָף דער עלטער, ברודערקע,
אין אָט דעם מין פאַרגעס —
די לעבער האָב איך זינען
און דעם מאַגן"...

און דאָס איז אַלץ?!
ווי פּאָשעט ס'איז,
ווי פּראָסט —
ס'הייסט, נעם א שטעקן אין דער האַנט
און קויף זיך פּוישטן.
און אויב עס איז ניט גרויס דער פּראָסט,
שפּאַציר זיך דורך
א קאַפּעטשקע אין דרויסן.
די אייניקלעך א מייסעלע טראַכט צו,
און כאַפּ אריין א שאָך
מיט פּענסיאָנערן.
דו האָסט,
ווי זאָגט זיך דאָרט,
פאַרדינט דיין רו,
איז וואָס זשע איז נאָך דאָ צו קלערן?
עס זאָרגט פאַר דיר אפילע דער געזעץ —
מיט ברויט און קאַווע
וועט ער דיך באַזאָרגן...
ניין, ניין!
פון גאָלד אפילע
זאָל זי זיין, די נעץ,
איז זי א שטייג מיר היינט,
א קיי־וועד — מאָרגן!

איך דאַרף קיין אייביקייט,
איך דאַרף א טאָג — ניט מער,
וואָס זאָל מיט זון מיך,
ווי מיט פּריסיק ברי'ען.
איך וועל ניט שעמען זיך
צו אויסווישן א טרער,
אויב מיינע פליגל
וועלן שוין ניט פלי'ען.

איך ווארט נאָך אף א שווונג,
ניט אף געשענקטע טעג —
כ'האָב ערלעך עס פאַרדינט
און האָב די רעכט צו מאָנען.
איבערן טהאָם פון יאָרן

טוט מען ניט קיין שפּרונג,
נאָר מיט דער עלטער
זאָלן מוטשען זיך די סאָנים.

איך האָב ניט מוירע
פאַר דער לעצטער שאָ,

און האָב צו קיינעם ניט קיין
טײַנע.
נאָר דאַנקען גאָט,
וואָס ס'איז קיין גאָט ניטאָ,
ער וואָלט אַ צענדליק יאָר
געמוזט מיר אָפּטרעטן פון זײַנע.

די ווײַסע קאַלע

אַט וועל איך נעמען
און דיר אָנשרײַבן אַ ליד;
ווער דען האָט עס פאַרדינט
באַזונגען ווערן?
טאָג און נאַכט
עס שיט דער שניי
און שיט,
טליען אין די שנייען
בלאָנדזשענדיקע שטערן.

אַט סקריפּעט, דאַכט,
אַ שליטן אין דער ווײַט;
ער וואָלט פון ווייסעד־ווו
געדאַרפט פון לאַנג שוין קומען.
מעסט זיך אָבער ניט די בענקשאַפט
מיט קיין צײַט —
קלינגען ניט קיין גלעקעלעך,
נאָר בייזע ווינטן ברומען.

מײַן מילדע קאַלע,
אינעם כופּע־קלייד,
אין גרינגע שיכעלעך,
אין ווײַסע זאָקן,
דורך הורבעס שניי
אַ ליכטיקע זי גייט,
מיט שטערן־שפּילקעלעך
אין בלאָנדע לאָקן.

זי ווייסט — עס איז שוין שפּעט,
זי ווייסט — איך וואַרט שוין לאַנג,
וועט איר דער שניי, דער ווינט
דעם וועג ניט צאַמען.
זי הערט פון ווײַט
מײַן בענקענדיק געזאַנג,
טאָר זי אינעם וועג זיך ניט פאַרזאַמען.

זי גייט, זי גייט...
איך הער שוין אירע טריט.
אַט קלאַפּט זי
אין די אָנגעפרירטע שויבן.
הינטער די פענצטער
שיט דער שניי
און שיט...
און איך,
איך שרײַב אין איינזאַמקײַט
מײַן ליד,
און וויל אַליין,
און וויל, אַז איר
זאָלט אין דער נאַרישקײַט
מיר גלויבן.

א ו מ ע ט ו ם

דער זומער גייט אוועק
דורך די צעפּראַלטע טירן.
איך לאָז זיך מיטן וועג,
ער זאָל אַליין מיך פירן.

אַט לויפט ער באַרג־אַרויף
און לאָזט זיך צו דער נידער,
אַהין, וווּ ס'גייען אויף
אין ציטערניש די לידער.

זיי וואַרטן אינעם טאַל,
אין סאַזשלקע, אין שאָטן.
זיי זײַנען אָן אַ צאָל
איבער דער וועלט צעשאָטן.

אין קאַליוזשע פאַרמישט
מיט שטיקער זון זיי ליגן,
אין קוואַלן אָפּגעפרישט
זיך מורמלט זייער ניגן.

אף אַט דעם עפּלבוים,
אין גאָלד פון די ראַנעטן,
איר הערט, זיי קלינגען קוים
אין זון־פאַרגאַנג דעם שפּעטן.

איר זעט דאָס מיידל דאָרט,
עס שעפּטשען אירע ליפּן,
עס איז איר יעדעס וואָרט
געזיפּט דורך זיבן זיפּן.

איר הערט, עס קלינגט, עס קלינגט
אין הייכן, אין דער נידער.
איך שפּאַן מיר פרײַ און גרינג —
עס טראָגן מיך די לידער.

זונרויזן

די זונרויזן
אין געלע קאַפּערלעך
שפּילן מיטן ווינט
אין כאַפּערלעך.
אַט בייגן זיי זיך אָן א ביסעלע,
נאָר לויפן
לאָזט זיי ניט דאָס פיסעלע,
וואָס אײַנגעגראָבן איז אין גאָרטן,
זיי זאָלן ניט אוועק
פון דאָרטן.

ווי גלײַך זיי וואָלטן טאָן א ניידער,
זיי קוקן אַף דער זון
קעסיידער:
קאַיאָר — אַף מיזרעך,
באַטאָג — אַף צאָפן,
דערנאָך אַף מײַרעוו,
און פאַרן שלאָפן
זיי דרייען אויס אַף מיזרעך זיך צוריק,
קעדיי דעם ערשטן שטראַל
צו כאַפּן מיטן בליק.

צו א שלאָפנדיק ייִנגל

איך וואָלט דיך לאַנג שוין אופגעוועקט,
שוין צײַט...
דו שלאָפסט אַזוי געשמאַק.
קאָן זײַן, אין כאָלעם ביסטו שרעקלעך ווײַט,
כאָטש צו דײַן קינדערש קישעלע
איז צוגעדריקט די באַק.

א ראָזע פּיאַטקע קוקט ארויס פון דעק —
דײַן פוס האָסטו נאָך קיינמאָל ניט פאַרשטאָכן,
קיין דערנער וועסטו ניט באַגעגענען אין וועג,
נאָר שווערע טעג
פון פראָסטן אינדערוואָכן
עס וועלן נאָך געוויס
אויך קלעקן דיר.

אין כאָלעם פליסטו איצט
צו אומבאַקאַנטע שטערן,
און אויב איך זאָל דײַן אַקסל טאָן א ריר,
איך וואָלט דײַן זיסן טרוים
געקאָנט צעשטערן.

איז האַלט איך אָפּ די האַנט
און מאַך א טראָט צוריק,
אַז אין דײַן כאָלעם זאָל איך זיך
ניט מישן,
זאָל זײַן אַפילע יעדע שאָ
געזאַלבט פון סאַמע גליק,
איך וויל ניט צורויבן בא דיר
דאָס מינדסטע ביסל.

◇ ◇ ◇

איך האָב געוווּסט —
וועסט זאָגן מיר דאָס וואָרט
דאָס האַרבע,
און ווי א שטיין
ס׳וועט פאַלן אַף מײַן שאַרבן,
נאָר כ׳וועל דערפון ניט שטאַרבן.

מײַן שאָטן ציט זיך אויס
איבער דער וואַנט דער הויכער
און ברעכט זיך אַף דער סטעליע,

איך שפּאַן איבערן פוסטן צימער,
רויכער,
און ווייס ניט, וואָס כ׳וואָלט וועלן.

זאָלסט זאָגן דאָס פאַרקערטע?
ניין!
כ׳וועל סײַוויסײַ ניט גלויבן.
איך וואָלט געוואָלט —
ס׳איז פּאָשעט א געלעכטער:
דו זאָלסט ניט שעמען זיך
מיר קוקן אין די אויגן.

אלעקסאַנדער ליזען



נויקע, מײַן דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער

א מישמאַש. יאָרן, מענטשן, געדאַנקען, געשעענישן.

יאָרן. צוויי לעבנס. און צווישן זיי — פופציק אויסגעמאַטערטע יאָר.

מענטשן. דעריקער, מענטשן. יאָרן זײַנען קאַלט. זיי שווימען אָן אופהער. גלײַכגילטיקע, שאָטנס פון אייביקײַט. ווי כמאַרעס אפן הימל, שווימען זיי אין איין ריכטונג, אין איין ריכטונג, אומבאַראַכמאָנעסדיק אין איין און דער זעלבער ריכטונג, קיינמאָל ניט אָפּ צוריק.

מענטשן — ניין. מענטשן זײַנען צאַפּלדיק וואַרעם. די סאַמע קלענסטע — אויך. וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב אַ האַרץ. און איך האָב אַ מויעך. און זיי לעבן דאָרט, די קליינע מענטשעלעך. פופציק יאָר לעבן זיי דאָרט און ווילן ניט שטאַרבן, איך וויל אויך ניט, אַז זיי זאָלן שטאַרבן. אויב יאָ, איז עפּשער נאָר אינאיינעם מיט מיר. ווען ס'וועט אָפּשטאַרבן מײַן נעשאָמע און פֿאַרטריקנט ווערן מײַן מויעך. קליינע מענטשעלעך, לעכערלעכע: קונצענדאָרף מיט די שווערע בלײַענע פיס, פּראָ:ים פּלוי מיט איין האַנט און מיט אַ פּאָנעם פון גאָלע קנייטשן, דאָדיע טאָטער, אַ פאַרשײַטער ווײַסערכעווערניק, אַ פאַרברווינטער אי זומער, אי ווינטער, דאָקטער פײַנבערג מיט די העלע און געדיכטע וואָנצעס, אין וועלכע ס'איז באַקוועם פאַרבאַהאַלטן אַ שמייכעלע, וועלוול מירלאַס, אַ גוואַר מיט ברייטע פּלייצעס...
נו איז וואָס? נו איז וואָס, אַז לעכערלעכע?.. אַזאַ איז דאָס לעבן. אָדער מ'לאַכט, אָדער מ'וויינט. ס'איז דאָך לעבעדיקע מענטשן. זײַט מויכל, געוועזענע לעבעדיקע. ניטאָ. קיינער פון זיי ניטאָ מער. זיי זײַנען פאַרבליבן נאָר אין מײַן האַרצן, וואַרעמע, צאַפּלדיקע, זיי שרײַען פון אומבאַוווּסטע טיפענישן. מיט וואָס קאָן איך זיי העלפן? עפּשער אַ מאַצייווע אוועקשטעלן?.. אַ קליינינקע מאַצייווע פאַר קליינינקע מענטשעלעך פון אַ קליינינק שטעטעלע? ס'האָט זיך פּלוצעם אָפּגעריסן דער פאָדעם. פאַרפאַלן. ניטאָ. גאָרנישט ניטאָ. די מאַצייווע האָט אַ געשטאַלט פון אַ גרויסן ניין. אַ לעכערלעך געשטאַלט. און אַ שרעקלעכס. ווי פּראָ:ים פּלוי, וואָס האָט געהאַט צוויי פיס, איין האַנט און אַ פּאָנעם פון גאָלע קנייטשן...
יי:זקאָר אדוינוי!

1

דאָס שטעטל איז געשלאָפן. ס׳האָט גאָר ניט כוישעד געווען, אז אליין דער גרויסער קונצענדאָרף, דער וועלט־טשעמפּיאָן, דער שימשן האגיבער פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט, קלײַבט זיך עס באזוכן, און ווען דאָס שטעטל האָט אינדערפרי אופגעוואכט, איז עס מאמעש געווען צערודערט. א העלע שרײַענדיקע אפישע איז געהאנגען אף דער געבײַדע פונעם קלוב, וואָס האָט צײַטנווײַז געהייסן אויך טעאטער: „בלויז איין פאָרשטעלונג! אײַלט זיך, אויב איר ווילט ניט פארשפּעטיקן! קונצענדאָרף — קלימענקאָ! פראנצויזישער רינגען־קאמף״.

ווײַטער איז שוין אין א מער רויִקערן טאָן געווען געמאָלדן די פּראָגראם פון דער פאָרשטעלונג. מ׳האָט זי געקאָנט לייענען אָן א באזונדערער הארצקלאפעניש. אָבער דאָס איז בלויז געווען א כיטרער קונץ פון דעם וועלט־טשעמפּיאָן קונצענדאָרף. ווײַל באלד נאָך דעם האָט די אפישע מיט רויטע, גוואלדיק גרויסע אויסיעס מעוואסער געווען: דער וועלט־טשעמפּיאָן קונצענדאָרף, „סאמסאָן״ פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט, וועט אופעסן א לעבעדיקן מענטשן!

אזוי גאָר! דער אוילעם האָט געלאכט. מ׳האָט געהאלטן אין איין לאכן. א יִמאכשמויניק, אָט אָ־דער קונצענדאָרף! נארט די וועלט, און שוין!

אלע האָבן געלאכט, אָבער נויקע, מײַן עלטערער ברודער, האָט זיך געבייזערט:

— א שאר־לא־טאָן! ער מיינט, דער דאָזיקער שווינדלער, אז אויב ס׳איז א שטעטל, איז ווינען דאָ גאָלע יאָלדן.

אזריל האָט אים גוטמוטיק דערווידערט:

— ווילסט ניט, גלייב ניט. וואָס מעשאיעט עס דיר? אפדעראָף איז ער א קונצענמאכער!..

אזריל האָט געהאט צוויי צונעמען: אזריל דער פּעמפּיק און אזריל דער נעפּמאן. ער איז געשטאנען באנאנד מיט נויקען, געפירט מיט זײַנע קורצע גראָביטשקע פינגער איבער די רויטע שורעס, פאמעלעכן, אף א קאָל, איבערגעלייענט זיי פון דער ערשטער ביז דער לעצטער, א גלעט געטאָן זײַן בײַכעלע און, שמייכלענדיק, געזאָגט:

— נארן קען איך אליין. אָבער פון דער אנדערער זײַט, וואָס ארט מיך?.. יעדערער פארדינט זײַן שטיקל ברויט, אזוי ווי ער קאָן. איז פריטשאָם טוט שארלאטאן?

מיר איז אויך ניט געפעלן נויקעס גאדלאָנעס. אזא מאניר האָט ער שוין געהאט, נויקע: זיך געהאלטן גרויס. ער, הייסט עס, איז ערנסט און קלוג, שטייט הויך אף א בארג, און אונטן, ערגעץ גאָר נידעריק, איז דאָס קליינשטעטלדיקע געמויזעכץ. פלעגט ער אמאָל זיך יאָ אראָפּלאָזן פונעם בארג און שענקען מיר א פּאָר ווערטער, האָט זיך אים, ווײַזט אויס, געדאכט, אז ער האָט מיר געטאָן די גרעסטע טויווע. ער איז, עמעס, געווען עלטער פון מיר אף גאנצע פינף יאָר, נאָר ער איז נאָך ניט אלט געווען אפילע אלע נײַנצן. איך בין געווען שטאָלץ מיט אים, דאָס איז עמעס. ער האָט שוין באוויזן זײַן אפּן פּראָנט, און ניט ווײַט פון לוואָו האָט אים א פוילישע קויל דורכגעשאָסן א לונג. איך פלעג זיך אײַנהערן צו זײַנע זעלטענע ווערטער און צו זײַן אָפּטן הוסטן, ווי צו די ווערטער און הוסטן פון א דערוואקסענעם און דערפארענעם מענטשן. ער אָבער האָט מיך געהאלטן א סאך קלענער פון זיך, נאָך קלענער, ווי איך בין אינדערעמעסן געווען. און נאָר קעדיי צו באווײַזן אים, אז כ׳קען האָבן מײַן אייגענע מיינונג, האָב איך זיך א דריי געטאָן אף איין פוס און א זאָג געטאָן, אָבער אזוי, אז אלע, אי ער, אי אזריל פּעמפּיק, אי די איבעריקע נײַגעריקע כעווערלײַט, וועלכע האָבן זיך פארזאמלט בא דער אפישע, זאָלן הערן:

— און עפשער טאקע איז ער נישט קיין שארלאטאן... עפשער איז ער אן ארטיסט. פונוואנען ווייסטו?

נויקע האָט אפילע ניט א קוק געגעבן אין מײַן זײַט. דאָס האָט מיך אינגאנצן ארויסגעפירט פון גלײַכגעוויכט, און דרייענדיק זיך נאָך אלץ אף איין פוס, בין איך פלוצעם אנידערגעפאלן אף דער ערד. אלע האָבן זיך הילכיק צעלאכט. נו, און איך?.. איך האָב זיך לאנגזאם אופגעהויבן, און מיט פארניכטנדיקער איראָניע — אזוי האָט זיך מיר געדאכט — צוגעגעבן:

— מיר וועלן שוין זען, ווער וועט דער ערשטער פארנעמען די ריי... יאָ, דער ערשטער... צו דער בילעטן־קאסע... צוליב דעם... צוליב דעם שארלאטאן...

כ׳האָב טאקע קיין טאָעס ניט געהאט. ס׳איז געווען א גרויסע ריי. א לאנגע און בייגעווודיקע, ווי א שלאנג. און איינס פון די ערשטע ערטער האָט טאקע פארנומען נויקע, ביכווידוי אוּוועאצמוי. אָט האָסטו דיר! עמעס, אויסגעזען האָט ער גלײַכגילטיק, אפילע א ביסל אומעטיק. כ׳האָב אומיסטן הויך באגריסט זיך מיט דאָדיע דעם טאָטער, וועלכער האָט, פארשטייט

זיך, ניט געקאַנט ניט זײַן דאָרט, ווו עס נעמט זיך צונויף אַ כאַליאַסטרע. און ווען נויקע האָט זיך אומגעקוקט, האָב איך באַמערקט, אַז זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן קוקן עפּעס טרויעריקלעך. כ׳האָב געהאַט בעדייע אַ זאָג טאָן: „אַהאַ! כ׳האָב טאַקע געטראָפֿן!”. נאָר איך האָב דאָס פֿאַרשלונגען, ווײַל די גרויסע שוואַרצע אויגן פֿון מײַן ברודער נויקע זײַנען געווען פֿול מיט אומעט. האָב איך אים געדאַרפֿט פֿרעגן — פֿאַרוואָס?.. כאָלילע! אויב אַזוי, קענט איר, הייסט עס, ניט נויקען. ער האָט פֿײַנט, ווען מ׳באַדויערט אים. און איך האָב פֿײַנט, וואָס ער האָט פֿײַנט, ווען מע באַדויערט אים. אַ טעווע פֿון אַ גאַדלען. זאָל איך אים טאַקע זאָגן: „אַהאַ! כ׳האָב געטראָפֿן. ווער איז געקומען פֿריִער פֿון אַלע?..”

נו איז וואָס וועט זײַן?

נויקע וועט אַפֿילע ניט אַ קנייטש טאָן מיט די אַקסל. ער שטייט אין דער ריי, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ניט צוליב זיך. אים, נויקען, אינטערעסירט ניט לאַכלוטן דער דאָזיקער שאַכרײַ. נאָר גיטעלע...

אָט. גרינג געפֿונען אַ טערעץ. אַלע פֿאַרענטפֿערן זיך אַזוי. אַזריל פּעמפּיק האָט אויך פֿאַרזיכערט, אַז ער נעמט אַ בילעט פֿאַר זײַן קאַדעש. וועלוול מירלאַס — פֿאַר זײַן אַלטיטשקער מוטער. נו, און פֿעניִמאָר פּלוי? צוליב וועמען לאַנגווײַליקט ער זיך אין דער ריי? ער לעבט דאָך אײנער אַליין. האָט ניט קיינעם. צוליב וועמען?.. אײַלט זיך ניט. אָט וועט ער אַ קרים טאָן זײַן בלייך אויסגעשיקערט פּאָנעם, — ניט קיין פּאָנעם, נאָר אַ מאַסקע, מ׳קאָן שווערן, אַז ער וויל אַ שמייכל טאָן, נאָר ס׳באַקומט זיך ניט, דער שמייכל זינקט צווישן די קנייטשן, — און וועט אַ ווונק טאָן מיטן לינקן אויג, ווי אײנער זאָגט: אַזוי, הייסט עס, דאַרף זײַן. איר וועט נאָך זען, וואָס ס׳וועט אַרויסקומען און אַף וואָס איך בין פֿײַק...

כ׳הייב גאָר ניט אָן צו פֿאַרשטיין, צוליב וואָס איז אָט אָ־דער טאַטער געשטאַנען אין דער ריי? באַ אים, ווי באַ מיר, איז קיין גראָשן ניט געווען אין קעשענע. אין דעם בין איך געווען זיכער.

יאָ, דאָס איז טאַקע געווען אונדזער צאָרע, מײַן צאָרע אויך. און אָפּדערנאָכט האָב איך זיך געמוזט דערנידעריקן פֿאַר נויקען און בעטן זיך באַ אים אַזוי לאַנג, ביז טרערן האָבן זיך ניט באַוויזן אין מײַנע אויגן, אַז ער זאָל אומבאַמערקט מיר איבערגעבן דעם צווייטן, גיטעלעס, בילעט. ערשט נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגע וויקוכים צווישן אונדז און מאָניע ליפּשיץ, וואָס האָט קאָנטראָלירט באַם אַרײַנגאַנג די בילעטן. ער האָט געטײַנעט, אַז מײַן בילעט איז שוין אָנגעריסן. הייסט עס, עמעצער איז שוין דורכגעגאַנגען אַף דעם בילעט. און מיר, פֿאַרשטייט זיך, האָבן געלייקנט שטיין און ביין. מיר זײַנען געשטאַנען ביידע, איך און נויקע, פֿאַרלאָרענע, פֿאַרשעמטע. און פּונקט דאַן האָבן זיך באַוויזן אַף דער שוועל אַזריל מיט זײַן ווײַב. ביידע זײַנען זיי געווען נישקאָשעדיק פּולבלעך, פֿאַרנומען מיט זייערע קערפּערס דעם גאַנצן אַרײַנגאַנג. האָט נויקע מיטאַמאָל מיך אַ שטופּ געטאָן איבער דער שוועל, הינטער זייערע פּלייצעס, אַזוי אַז דער פֿליכעוואַטער מאָניע זאָל מיך ניט באַמערקן. איך בין גרייט געווען אַרומנעמען און צעקושן נויקען, אַזריל דעם פּעמפּיק, זײַן פֿרוי און די גאַנצע וועלט, אַזוי גליקלעך האָב איך זיך געפֿילט, ווען כ׳בין ענדלעך אַרײַן אין די קאָדשיי־קאָדאָשים.

וואָס איז שײַעך מאָניע ליפּשיצן, בין איך אים געוואָרן אַ דאַם־סוינע. הערט נאָר אַ ביסל! אַמאָל האָט ער זיך געכאַוועט מיט נויקען. איצטער פֿאַררײַסט ער די נאָז. רופֿט זיך אַליין אָן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי „סטאַרשי קאָנטראָליאָר”, כאָטש אַלע ווייסן גאַנץ גוט, אַז די דאָזיקע הויכע שטעלע ברענגט אים ניט קיין קאָפּעקע האַכנאָסע. וואָלט ער פּאָשעט געזאָגט, אָט אָ־דער אײנער, אַז ער איז אַ קאָנטראָליאָר — אַ ליבהאָבער, איז ניין. „סטאַרשי” — דער עלטסטער, ניט אַנדערש. וואָס דען!

כ׳האָב פֿאַרטײַעט דעם אָטעם, פֿאַרבאָרגן אין זיך די פֿרייד און דאָס גליק, גליק אָן אַ שיר און אָן אַן עק. דערווײַל, ביז די געפֿאַר וועט ניט אַדורך. כ׳האָב נאָך אַלץ מוירע געהאַט פֿאַר מאָניעס שאַרפֿן בליק. ער קאָן מיך נאָך דערזען צווישן אוילעם. עמעס טאַקע, אַ געדיכטן אוילעם. כ׳האָב זיך לאַנגזאַם דורכגעשטופּט צווישן די ענג צונויפֿגעשטעלטע בענק. פֿאַר מײַנע אויגן איז געווען נויקעס רוקן. ער איז געווען ווי אַ פּאַנצער. דאָך האָב איך וואָס טיפֿער אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס. נאָר גיטל, די גוטע גיטעלע, וועלכע האָט אָנטיילגענומען אין אונדזער פֿאַרשווערונג קעגן מאָניע ליפּשיצן, האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ ליב שמייכעלע אַפֿן ברוינעם פּענעמל, און איך האָב זיך טייקעף באַרויִקט. זי האָט פֿאַרנומען צוויי פּלעצער פֿאַר אונדז, אוועקלייגנדיק אַף דער באַנק, לינקס פֿון זיך, איר האַנט־טאַש און רעכטס, באַ דער וואַנט, אַ קליין ווײַס נאָזטיכעלע.

נויקע האָט אַראָפּגענומען דעם טאַש, אָנידערגעזעצט זיך און אוועקגעלייגט אים אַף די קני. איך האָב אַראָפּגענומען דאָס נאָזטיכעלע. ס׳האָט געשמעקט מיט פּאַרפֿום און מיט גיטע־

לען. כ׳האָב פאַרהאַלטן דאָס נאָזטיכעלע אין מײַנע הענט, און ניט איך, נאָר די הענט, מײַנע הענט אַליין, האָבן עס געהויבן אַלץ העכער און העכער צו מײַנע ליפּן. נויקע האָט עס אַ ריס געטאָן פון מײַנע הענט, פאַרבאַהאַלטן אין טאַש, גענומען, מײַסע באַלעבאָס, גיטעלעס האַנט אין זײַנער, און אָנגעהויבן איר עפּעס דערציילן זייער שטיל.

איך האָב זיך באַשיידן אויסגעדרייט צו דער וואַנט. נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן. ווײַל די וואַנט האָט געהאַט אויגן. און אַ צונג איז געווען בײַ דער וואַנט, אַ לאָשן, אַ שאָטן־לאָשן. און זי האָט מיר אַלץ דערציילט, די וואַנט. ווען צווישן נויקען און גיטלען האָט געהערשט ליבע און שאָלעם, פלעגט גיטלס שאָטן אַרײַנזינקען אין נויקעס און ווערן זײַנע אַ ריפּ. נאָר אַז די שאָטנס פלעגן זיך פאַנאַנדערוואַרפן און נעמען שפּרינגען, ווי דולע, איבער דער וואַנט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז בײַ זיי איז ניט אַלץ גלאַט. דאַן פלעגט די שטילקײַט געבראָכן ווערן דורך דעם קרענקלעכן הוסטן פון מײַן ברודער, און מײַן האַרץ האָט געוויייטעקט פון ראַכמאָנעס אָף אים. איך בין געווען גרייט בײַטן זיך מיט אים מיט מײַנע לונגען. צוליב אים, און צוליב גיטעלען אויך. ווײַל אַ גוטע ליבע פאָדערט געזונטע לונגען. אין דעם האָב איך זיך שפּעטער איבערצײַגט.

דער וועלט־טשעמפּיאָן קונצענדאָרף האָט טאַקע אויסגענוצט די לאַגע און באַפוילן פאַר־קויפן צוויי מאָל מער בילעטן, ווי ס׳איז געווען ערטער אין זאַל. אויב נאָך צוגעבן דאָס שיין ביסל „זײַצעס“, וואָס האָבן, ווי איך, אָף דעם אָדער יענעם אויפן דורכגעשמוגלט זיך אין טעאַטער, וועט זײַן גרינג זיך פאָרצושטעלן די ענגשאַפט און דאָס שטופּעניש, וואָס האָט געהערשט אינעם זאַל. ס׳האָט ניט געהאָלפן דאָס, וואָס מאָניע איז נעבעך געוואָרן הייזעריק, שרײַענדיק, מע זאָל זיך אויסזעצן. קיינער האָט אים ניט געהערט. דאָס קליינוואַרג האָט זיך גאָר געפילט אויסגעצייכנט. אין אַזאַ מין שטופּעניש זײַנען זיי פאַר מאָניען געווען אומדער־גאָר גרייכבאַר, האָבן זיי געגוואַלדעוועט נאָך העכער ווי שטענדיק. דעריקער האָט זיך געסטאָ־רעט דאָדיע דער טאָטער. ער האָט טאַקע זיך אויך דורכגעשמוגלט אין טעאַטער. ער איז געזעסן הינטער מיר און געהאַלטן זיך אין איין באַרימען. דערציילט אַ גאַנצע געשיכטע וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט אָפּגעטראָטן זײַן ריי דעם דאָקטער פײַנבערג און יענער האָט אים, דאָדיען, גאַנץ פרײַ דורכגעפירט אין זאַל, אַזוי אַז מאָניע ליפשיץ האָט ניט געוואַגט אַפילע אַ פּיפּס צו טאָן, ווײַל צום דאָקטער פײַנבערג האָבן אַלע געהאַט אָפּשײַ. קיינער איז דאָך ניט גאַראַנטירט פון קראַנק צו ווערן. מאָניע אַליין, ווען ער איז געווען קראַנק אָף אינפלוענציע, האָט זיך אַמאָל אויך געהיילט באַם דאָקטער פײַנבערג.

אין דרויסן איז געווען ווינטער. אַ קאַלטער ווינטער, אַ פראָסטיקער. און יעדער איינער האָט אַרײַנגעבראַכט אין די פאַלדן פון זײַן מאַנטל שטיקלעך פאַרגליווערטע קעלט. אָבער דאָ, אין זאַל, אין דער געדיכטער היץ, האָט זיך די קעלט גיך אויסגעוועפּט, און די צושויער האָבן זיך גענומען אויסטאָן די מאַנטלען, די רעקלעך, אַנידערגעלייגט די היטלען אָף די קני, און דערפון האָט די ענגשאַפט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט. איך בין געזעסן אַ גליקלעכער, אַ פריילעך־אויפגערעגטער, מײַנע אויגן זײַנען געלאָפן איבער די קעפּ פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין אויסטאָן, — אָט צו דעם אַראָפּגעלאָזטן פאָרהאַנג, אָט צו דער שאָטן־שפּיל אָף דער וואַנט. איצט האָט זיך דער קאָפּ פון איין שאָטן אָנגעבויגן צאַרט צו דעם צווייטן, און איך בין געווען צופרידן פאַר נויקען. און פאַר גיטעלען אויך.

שטראַלן פון גרויען ליכט האָבן זיך קוים דורכגעשלאָגן אין דער אַלץ מער געדיכט ווערנדיקער לופט. „דער אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג וועט זײַן פונקט אכט אַזייגער“ — אַזוי האָט צוגעזאָגט די אַפישע. נאָר ס׳איז שוין באַלד געווען נײַן, און דער פאָרהאַנג איז נאָך אַלץ געווען אַראָפּגעלאָזט. דער וועלט־טשעמפּיאָן, דער „סאַמסאָן“ פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קונצענדאָרף האָט אויסגעפּרוווט די נערוון פון די צושויער.

דאַן איז אויסגעבראָכן אין זאַל אַ גרויסער וואַ׳צאַקו. דעם סיגנאַל האָט געגעבן — ווער? נו, פאַרשטייט זיך, דאָדיע דער טאָטער. ער איז געווען קוים אָף אַ יאָר עלטער פון מיר, אָבער אַזעס האָט ער געהאַט מער ווי אַפילע פענימאָר פלוי. אויב ס׳איז דיר יאָ געלונגען אַרײַן אין טעאַטער, ווי אַ „האָז“, טאָ זיץ שוין שטיל, ווי אַ האָז. אַשטייגער, ווי איך. איז נײַן, האָט דער טאָטער אַרײַנגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און אַ סווישטשע געטאָן אַזוי הילכיק, אַז די שאָטנס אָף דער וואַנט האָבן אַ ציטער געטאָן פון אומגעריכטקײַט, און איינער פון זיי האָט זיך אַזש פאַרכלינעט פון אַ לאַנגן ווייטעקדיקן הוסטן. ווינטערצײַט פלעגט נויקע ווייניקער הוסטן, נאָר דאָ, אין דער דושנער שטיקעניש, ווו ס׳האָט ניט געקלעקט קיין פרישע לופט אַפילע פאַר געזונטע לונגען, איז דער הוסט אים אָפּט באַפאַלן, און גיטעלע האָט אַלץ אָפּטער אָפּגעקערעוועט איר פײַן קעפּעלע פון די קליינינקע טראָפּנס, וואָס זײַנען דערפלויגן צו איר, כאָטש נויקע האָט פאַרשטעלט זײַן מויל מיט איר קליין זויבער־ווײַס שמעקנדיק נאָזטיכעלע.

באַלד נאָך דעם טאַטערס סיגנאַל האָט א הילך געטאָן א שטאַרקע אומגעדולדיקע הונדערטפוסיקע טופּערײַ. יעדערער האָט אָנגעהויבן אויסדריקן זײַן אופגעבראַכטקײַט אַזוי, ווי ער האָט געקענט. איינער האָט געפּײַפט, דער צווייטער — געפּליעסקעט, דער דריטער — געטופּעט מיט די פיס איבער דער הילצערנער פּאָדלאָגע. אמערסטן האָבן געטומלט דאָפּקע יענע, וואָס זײַנען געקומען שפּעטער פון אַלע. די ערטער זײַנען ניט געווען נומערירט, בילעטן האָט מען פאַרקויפט א סאַך מער, ווי מ׳האָט באַדאַרפט, די, וועלכע זײַנען געקומען שפּעטער, האָבן געמוזט שטיין אין די דורכגאַנגען. זײַנען זיי געשטאַנען און געזידלט קונצענדאָרפן. דער געשריי פון די צושויער, האָט זיך געדוכט, וועט באַלד אופהייבן די פּאַרויכערטע געוועלבטע סטעליע און דערגרייכן ביזן הימל. אָט דעמלט ערשט האָט דער וועלטטשעמפּיאָן געגעבן א קאָמאַנדע אופצוהייבן דעם פאָרהאַנג.

דעם עמעס זאָגנדיק, זײַנען מיר געווען א ביסל אַנטוישט. די אַפּישע האָט צוגעזאָגט פיל מער. אף דער סצענע זײַנען געשטאַנען און געשמייכלט צוויי רינג־קעמפער, איינער פון מיטעלן וווקס, א מאַגערער, אַן אַדערדיקער — קלימענקאָ, און דער צווייטער, דער וועלטטשעמפּיאָן אַליין, דער גוואַלדיק גרויסער און גראָבער קונצענדאָרף. מיר האָבן באַלד דערזען די מײַלעס און כעסרוינעס פון זיי ביידע. קלימענקאָ האָט אויסגעזען ווי א קאַרליק אין פאַרגלײַך מיטן ריז קונצענדאָרף, אָבער זײַנע מוסקולן האָבן געשפּילט אונטער דער דינער שטײַפער הויט און די געטאָקטע פיס זײַנע זײַנען געווען ווי פון קוועקזילבער, געהאַלטן אין איין וויברירן, קוים צורירנדיק זיך צו דעם דיל. די ריזיק גראָבע פיס־טומבעס פונעם וועלטטשעמפּיאָן זײַנען, פאַרקערט, געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ, ער האָט אויסגעזען שווער, ווי א העלפאַנד. און כאָטש אין זײַנע לאַנגע און דיקע הענט־לאַפּעס האָט זיך געפילט א גוואַלדיקע קראַפט, האָט ער אָבער געמוזט, ווי א שפּין, וואַרטן אין געדולדיקער אומבאַוועגלעכקײַט, ביז עפּעס א פליג וועט אַליין קומען צו פליִען אין זײַנע געפּערלעכע אָרעמס.

אונדזערע סימפּאַטיעס האָבן מיר טאַקע באַלד און אָן שום קווענקלעניש אָפּגעגעבן דעם שטשופּלען קלימענקאָ. מיר האָבן מיט גרויס פאַרגעניגן געפּליעסקעט מיט די הענט, ווען ער פלעגט מיטאַמאָל אָנשפּרינגען אף דעם אומבאַוועגלעכן שווערלײַביקן טשעמפּיאָן, און זייער איבערגעלעבט, ווען אים האָט ניט געלונגען באַצײַטנס אָפּצושפּרינגען, און קונצענדאָרפס ריזיקע לאַפּעס פלעגן זיך דאַן אַרומשליסן אַרום זײַן ייִנגלשן קערפּער און פּרוּוון אָפּרײַסן אים פונעם דיל. איינמאָל, ווען קונצענדאָרף האָט מיט א שטאַרקער האַנט אַרומגעכאַפּט דעם האַלדז פון זײַן קעגנער און אָנגעהויבן לאַנגזאַם אײַנבייגן זײַן קאָפּ צו דער ערד, האָב איך, פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם, פאַרגעסן, ווו איך בין. וואָס איז דאָס פאַר א שרעקלעכע כײַע, אָן א פּעל און אָן א געשטאַלט, א מיסטישע כײַע מיט צוויי קעפּ און פיר פיס?.. זיי האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט איינער אינעם צווייטן. כ׳האָב זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר קלימענקאָס ביינער און אַליין, אויך ווי א כײַע, אַרויסגעלאָזט פון מײַנע געדערים עפּעס א ווילדן געבריל. כ׳האָב זיך פאַרשעמט. מײַן אויסגעשריי האָט אָפּגעשראָקן די שאָטנס אף דער וואַנט, וועלכע האָבן מער געקוקט איינער אפן צווייטן, ווי אף דעם, וואָס עס קומט פאָר אף דער סצענע. און דאַדיע דער טאָטער, וואָס איז געזעסן הינטער מיר, האָט מיך בייז א שטורכע געטאָן מיטן עלנבויגן:

— שויטע איינער! וואָס רעוועסטו, ווי אַן אָקס, וואָס מע קוילעט אים! זיי נאַרן אונדז אומיסטן, און דו, שויטע, לעבסט איבער.

...אוי, וואָס רעווע איך טאַקע, ווי אַן אָקס, וואָס מע קוילעט אים! א מיסטישע כײַע! א מישמאַש פון מאַכשאָוועס! ס׳הייבט זיך שוין אָן... גאָטעניו געטרײַער, ס׳הייבט זיך שוין אָן! מ׳קאָן פון זינען אַראָפּ. ניטאָ. ניטאָ גאָרניט. ווו איז ער, דאַדיע דער טאָטער, דער פאַרברוינטער דאַדיע? ניטאָ. ווו זײַנען זיי, מײַן דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער נויקע און גיטעלע? ניטאָ. ניט זיי, ניט זייערע שאָטנס, די טאַנצנדיקע שאָטנס אף דער וואַנט. אפילע אין כיראָסימע זײַנען שאָטנס געבליבן, שאָטנס — סילועטן, מענטשלעכע געשטאַלטן. געקומען א כײַע, א בלוטדאָרשטיקע כײַע, און אײַנגעשלונגען מײַן שטעטעלע. אײַנגעשלונגען מיט די מענטשן, מיט זייערע שאָטנס צוזאַמען. און ס׳איז גאָרניט פאַרבליבן. אַלץ איז פאַרשוווּנדן. אף אייביק פאַרשוווּנדן. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט? אף אייביק. פאַרפאַלן. אף אייביק פאַרפאַלן. יאָרן זײַנען קאַלט. זיי קאָנען זײַן קאַלט. זיי שווימען גלײַכגילטיקע אָן אופהער, ווי פּופּציק קאַלטבלוטיקע פיש, ווי שאָטנס פון אייביקײַט, ווי כמאַרעס אפן הימל, אין איין ריכטונג, נאָר אין איין ריכטונג, אומבאַרעכמאָנעסדיק אין איין און דער זעלבער ריכטונג. קיינמאָל אף צוריק. פאַרפאַלן.

וואָס זשע דאַרף איך זיך שעמען, אַז איך רעווע, ווי א געקוילעטער אָקס? קומט, וועלן מיר אַלע רעווען, ווײַל ס׳איז אומדערטרעגלעך.

ווארט א ביסל, דאַדיע. כ׳קום באַלד צוריק. מײַן דימיען איז שנעל ווי א בליץ. וואָס זעט זיך אָן פאר אים א שטרעקע פון פופציק יאָר?

אָט זיץ איך שוין ווידער באַנאַנד מיט דיר. ניין. דו זיצסט הינטער מיר. דײַן באַמערקונג האָט אָפּגעקילט מײַן היץ. עמעס, מיר איז טאַקע ניט געפעלן דײַן אַזעס. אָבער, ווײַזט אויס, דו ביסט טאַקע געווען גערעכט. יאָ, זיי נאַרן אונדז אומיסטן. דער גערעגל צווישן קונצענ־דאַרפן און קלימענקאָן האָט נאָך לאַנג געדויערט, ס׳קאָן זײַן אַפילע צו לאַנג. און אָן שום רעזולטאַט.

זייער לאַנג... ווײַל אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אַף דעם הויפּט־נומער: וויאַזוי „סאַמסאָן” פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט אופּרעסן א לעבעדיקן מענטשן.

נאָך א לאַנגדויערנדיקן אַנטראַקט, ווען דער פאַרהאַנג האָט, ענדלעך, זיך אופגעהויבן, ווי פונעם אָטעם פון דעם אופגערעגטן אוילעם, האָט זיך פון הינטער די קוליסן באַוויזן קונצענדאַרף. מיט א שווערן, נאַר מונטערן טראַט איז ער אַרויס אַף דער סצענע און, וועגדנ־דיק זיך צום „הויכגעשעצטן פובליקום”, מיט א ליבן שמייכל אַף די גראָבע פליישיקע ליפּן א פרעג געטאָן, ווער פון די „כאַשעווע צושויער” וויל, אַז מ׳זאָל אים אופּעסן? אין זאַל איז געוואָרן שטיל, ווי אַפן בעסוילעם. קיינער האָט זיך ניט געײַלט אַריסזאָגן זײַן הייסן ווונטש אַריבערקלײַבן זיך אין קונצענדאַרפס מאָגן.

דער וועלט־טשעמפּיאָן האָט זיך אויך ניט געײַלט. ער האָט זיך מעכײַע געווען. זײַן פּאָנעם האָט אַזש געשײַנט פון נאַכעס, פונעם עפעקט, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופן זײַן פראַגע. האָט ער ווידער א פרעג געטאָן דאָס זעלבע, שמעלצנדיק זיך פון פאַרגעניגן. און נאָכאַמאָל. און אָבעראַמאָל. פאַרוואָס ניט? ער איז דאָך געווען זיכער, אַז קיין ענטפער אַף זײַן פראַגע וועט ער דאָס מאָל אויך ניט באַקומען. האָט ער זיך אַרומגעשפּאַצירט אַף דער סצענע, אַלע מאָל אויסגעדרייט זײַן קאָפּ, א קײַלעכדיקן, ווי א קעסל, און געשטשירעט די ציין.

איצט האָבן זיי ביידע געשוויגן: דער וועלט־טשעמפּיאָן קונצענדאַרף און דאָס „כאַשעווע פובליקום”. רעכענענדיק, אַז די פּאַוזע האָט גענוג געדויערט, האָט קונצענדאַרף ווידער א פרעג געטאָן:

— נו, ווער איז דער סאַמע דרייסטער?

אַזריל פעמפּיק פלעגט גיין אין טעאַטער איין מאָל אין א יאָר, צוליב דעם פלעגט ער דאָן אָנטאָן זײַן יאָמטעוודיק רעקל. איצט איז אים געוואָרן שטאַרק דושנע, ער האָט שווער גע־אָטעמט, ווי א פיש, וואָס מ׳האָט געכאַפּט אין נעץ. האָט ער זיך פּאַמעלעך אופגעשטעלט און גענומען אַראָפּציִען פון זיך דאָס רעקל.

קונצענדאַרף האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אַף אַזרילן און אויסגערופן:

— טאַקע א נישקאָשעדיק בײַכעלע. בענעמאָנעס, ניט קיין שלעכט מײַכל. אַנו, גיכער. טוט אויס די קאַפּאָטע און מאַרש אַף דער סצענע!

ס׳האָבן א דונער געטאָן אַפּלאָדיסמענטן.

אַזריל, א רויטער, א פאַרלאָרענער, האָט זיך אײַליק אַראָפּגעלאָזט אַף זײַן פּלאַץ — דאָס רעקל האָט ער ניט אויסגעטאָן — און ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, מיט וואָס האָט ער פאַר־דינט אַזא מין אָוואַציע. ער האָט אופגעהויבן די האַנט, קעדיי אָפּצוווישן דעם שוייס פונעם שטערן, האָט ווידער א דונער געטאָן. זײַן ווײַב האָט בייז אים א צי געטאָן פאַרן אַרבל.

— נו, זיץ שוין רויק, שלימאַזל. א בושע פאַר דער וועלט.

איצט, קעטויוו ליבוי, איז קונצענדאַרף געוואָרן נאַכגיביקער. גוט. זאָל דאָס פובליקום וויסן, אַז ער, קונצענדאַרף, איז א גרויסמוטיקער מענטש. ניט אַבי ווער. הערט זשע אויס מיט סייכל. ער, קונצענדאַרף, איז גרייט צו גאַראַנטירן די אימוניטעט פון דעם אופגעגעסענעם מענטשן. דאָס הייסט, ער וועט אים טאַקע אופּעסן, אָבער נאָכדעם וועט ער אים אויסברעכן א גאַנצן און אומבאַשעדיקטן.

— נו, איז שוין גוט?.. איצט, מיין איך, וועט זיך צווישן אײַך געפינען א באַלן?

ס׳הייבט זיך ניט אָן. קיינער וויל ניט. קונצענדאַרף איז טאַקע א באַטועך, פרעגט ניט, מ׳קאָן זיך טאַקע פאַרלאָזן אַף זײַנע „גאַראַנטיעס”, אײַנשלינגען — עפשער טאַקע יאָ, אָבער אויסשלינגען קאָן ער אַף א ווײַלע פאַרגעסן. מעגט איר גיין מיט אים צו מענטשן.

אַזוי ווי קיין באַלאָנים האָבן זיך פאָרט ניט געמאָלדן, האָט קונצענדאַרף „דערלויבט זיך צו באַמערקן”, אַז דער דאָזיקער וויכטיקסטער נומער פון זײַן פּראָגראַם קאָן ניט ווערן אויסגעפירט. אָבער ניט איבער אים, קונצענדאַרפן.

— טאָ הערט זשע, מײַנע טײַערע. איך וועל ציילן ביז צוואַנציק. אויב פאַר דער צײַט

וועט זיך קיינער ניט אופהייבן אף דער סצענע, טאָ דאַרף מען רעכענען, אז די הײַנטיקע פאָרשטעלונג איז פאַרענדיקט. פּאַניאַטנאָ?[1]

פארשטאנען. אוואדע פארשטאנען. אָבער אזא מין סאָף איז קיינעם ניט געפעלן. און בײַס קונצענדאָרף האָט פאמעלעך, צעצויגן געציילט „איינס, צוויי, דרײַ, פיר...", האָב איך מיט א שווער געמיט זיך ארומגעקוקט: קיינער האָט זיך ניט געײַלט אופצוהייבן פונעם אָרט און לויפן אף דער סצענע. „זעכצן, זיבעצן, אכצן, נײַן... צן... צוואַ... אנצ...". און דאָ האָט זיך ארויסגעריסן פון הונדערטער ברוסטן א זיפץ פון דערלײַכטערונג, ווײַל, פּלוצעם, האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט פענימאָר פלוי.

מאכט א וועג!

ער האָט נאָר איין האנט, פענימאָר פלוי, איז אים טאקע, נעבעך, שווער דורכשטופּן זיך צווישן די ענגע רייען. אָבער... יאָ. ער מאניפּולירט גאנץ ענערגיש מיט איין האנט אויך. דאָרטן, ווו ס׳האָט געדארפט זײַן די צווייטע, באָמבלט זיך נאָר א ליידיקער ארבל. אָט דער דאָזיקער ארבל, פארקערט, שטערט אים. ווײַל, יעדער מאָל, בלײַבט ער שטעקן צווישן אנדערע פרעמדע הענט און פארהאלט פלויס טריומפירנדיקן גאנג צו דער סצענע. נו, טאָ מאכט זשע א וועג, דער רועך זאָל אײַך נעמען! מאלע, וואָס דער דאָזיקער קרענקלעכער מענטש איז זיך מאפקיר פאר דער גאנצער איידע, מוז ער נאָך, נעבעך, זיך שטופּן.

פענימאָר פלוי איז געווען א שטשופּלע מענטשעלע מיט א בלייך פּאָנעם פון גאָלע קנייטשן, און געהאט האָט ער אין שטעטל א שעם פון א גרויסן שיקער. געווען, אָבער, א צײַט, ווען ער האָט געהאט ניט קיין קליינע אמביציעס. גראָד דעמלט האָט ער זיך צוגעטראכט אָט א־דעם פרעכטיקן „אויסלענדישן" נאָמען: „פענימאָר". ס׳קאָן זײַן דערפאר, וואָס אָט דער נאָמען איז געבליבן אין זײַן זיקאָרן נאָך פון די קינדער־יאָרן, ווען ער האָט איבערגעלייענט „דעם לעצטן מאָהיקאנער" פון פענימאָר קופער. אָפּגעפארטיקט זיך מיטן נאָמען, האָט ער אָבער געלאָזט צורו זײַן ניט גאָר שיינע פאמיליע, און אין דער דאָזיקער מעשונעדיקער קאָמבינאציע — „פענימאָר פלוי", האָט זיך אים געדאכט, איז פאראן עפּעס א מאָדנער שיק.

אופשטייענדיק פון זײַן אָרט, האָט ער א מורמל געטאָן צו זײַנעם א שאָכן, אז ער מוז זיך אָפּרעכענען מיט אָט אַ־דעם „מאזוריק". נאָר איך בין זיכער, אז אים האָט זיך לײַדנשאפט־לעך פארוואָלט ארוף אף דער סצענע, אז אלע זאָלן אף אים קוקן. ווי?אזוי לאָזט מען דורך אזא געלעגנהײַט, אף וועלכער ער האָט געוואַרט, ס׳קאָן זײַן, יאָרן און יאָרן?

קונצענדאָרף האָט אופגענומען פענימאָרן גוטמוטיק־פרײַנטלעך. ער האָט אים אפילע אויסגעשטרעקט זײַנע קרעפּטיקע פּאָר יאַדאַ?ים און געהאָלפן אים ארופקריכן אף דער סצענע. קיינער וואָלט ניט געקאָנט זאָגן, צי קונצענדאָרף איז צופרידן, וואָס, ענדלעך, האָט זיך גע־מאָלדן אָן איש כאי?ל, וועלכער האָט אים, קונצענדאָרפן, ארויסגעפירט פון דער שווערער לאגע און איצט וועט ער טאקע קענען דעמאָנסטרירן זײַן גלענצנדיקן נומער. מיך האָט אָבער איצט שוין אינטערעסירט עפּעס אנדערש: די פּראָטים פון דעם נומער. ווי?אזוי וועט ער אים עסן? א נאקעטן, צי אינײנעם מיט די שטיוול? פון א וואָסער אייווער וועט קונצענדאָרף אָנהייבן אײַנשלינגען זײַן קאָרבן, פונעם קאָפּ צי פון די פיס, צי עפּשער גאָר פון זײַן איין־און־איינציקער האנט?

קונצענדאָרף האָט א פליעסקע געטאָן מיט די הענט, און פון צווישן די קוליסן איז ארויס זײַן אסיסטענט, טאקע דער זעלבער קלימענקאָ. ער איז צוגעשפּרונגען צו פענימאָרן, פאַר־געלייגט אים אויסטאָן זיך ביז האלב, ביזן פּאסיק. בייסמײַסע האָט זײַן שעף, קונצענדאָרף, הייסט עס, זיך גענומען פּאוואָליעטשקע שארפן א גוואלדיק לאנג מעסער אף א שלײַפשטיין. צי דערפאר, וואָס פלוי האָט געהאט נאָר איין האנט, צי עפּשער דערפאר, וואָס צו זײַנע אויערן האָט אָנגעהויבן דערגיין דער קריץ פונעם מעסער־שארפן, אָבער פענימאָר האָט עפּעס זייער פאמעלעך אָפּגעשפּיליעט די קנעפּלעך פון דעם פארפלעקטן רעקל. קלימענקאָ האָט אים אלץ אונטערגעטריבן, געהאָלפן אים אראָפּשלעפּן איבערן קאָפּ דאָס קויטיקע העמד, אפגיך צונויפגענומען פענימאָרס טראנטעס און אוועקגעשלעפּט זיי הינטער די קוליסן.

ווי א רויבער, האָט קונצענדאָרף מיטן לאנגן מעסער אין דער האנט זיך א וואָרף געטאָן אף דעם האלב נאקעטן, מיט שטעכיקע אקסלביינער, צעקנייטשטן מענטשעלע. פענימאָר האָט א שפּרונג געטאָן אף צוריק, פלינק, טאקע ווי א פלוי. ער האָט דעריאָגט קלימענקאָן, ארויס־געריסן פון זײַנע הענט דאָס פארפלעקטע רעקעלע, א טאַפּ געטאָן אין קעשענע, ארויסגעשלעפּט פון דאָרטן עטלעכע מעשענע מאטבייעס און איבערגעלייגט זיי אין דער הויזן־קעשענע. אוואדע האָט דאָזיע טײַקעף מיר א שעפּטשע געטאָן:

---

[1] פארשטאנען?

— האָסטו געזען עפּעס אַזאַ מין שויטעז! מ׳וועט אים באַלד אָנהייבן פּרעסן, און ער דײַגעט נאָך, אַז זײַנע פּאָר גראָשן זאָלן נישט פאַרפאַלן ווערן.

קונצענדאָרף האָט אַ צווייט מאָל אַ שפּײַ געטאָן אָפּן שלײַפשטיין, צעשמירט די סלינע מיטן עק מעסער און מיט אימפּעט זיך גענומען שלײַפן און שלײַפן, כאַפּנדיק אַלעמאָל אַ קוק, ווי־אַזוי רעאַגירט די „פלוי״ אויף זײַנע מוירעדיקע צוגרייטונגען. דערנאָך האָט ער פּאַוואָ־לינקע, מיטן מעסער אין האַנט, אומבאַדינגט מיטן מעסער, אַמאָל אין דער רעכטער, אַמאָל אין דער לינקער האַנט, געמאַכט אַ קרײַז אַרום פּענימאָרן, ווײַזט אויס קעדיי צו דערלערנען פון אַלע זײַטן דאָס מײַכל, וואָס ער מוז אויפעסן. דערזעענדיק די דאַרע שפּיציקע ביינער, האָט זיך דער טשעמפּיאָן פאַרקרימט. אַזאַ מין פליייש קאָן ער טאַקע ניט עסן אָן געווירצן. ער האָט אַ ווונק געטאָן צו זײַן אַסיסטענט. און טאַקע באַלד האָט קלימענקאָ געבראַכט צו טראָגן דרײַ טעלערלעך: מיט זענעפט, פעפער און זאַלץ.

ערשט דאַן האָט סאַמסאָן — קונצענדאָרף פײַערלעך געמאָלדן, אַז איצט קען ער צוטרעטן דירעקט אויספּילן זײַן נומער. נאָר,— האָט ער צוגעגעבן,— ער קאָן גאַראַנטירן די געפאַר־לאָזיקײַט פון זײַן נומער נאָר אין פאַל, ווען עס וועט זײַן אין זאַל טויט־שטיל. ווײַל, זאָגט ער, דער קלענסטער ראַש ווירקט קאָנוולסיוו אויף זײַן מאָגן, און ער וועט ניט קענען אויס־ברעכן די „פלוי״ אָפּצוריק, אויף גאָטס וועלט, הייסט עס.

דעמלט איז אין זאַל געוואָרן אַזוי שטיל, אַז איך האָב דערהערט נויקעס אויפגערעגט שפּעטשען:

— כ׳פאַרשטיי... כ׳פאַרשטיי אַלץ... ווען איך בין געווען געזונט, בין איך געווען גוט פאַר דיר. און איצט איז וועלוול מירלאַס אוודאי בעסער פון מיר...

און אַ שאָטן, נויקעס שאָטן, האָט אויפגערעגט אַ שפּרונג געטאָן איבער דער וואַנט.

אומזיסט האָב איך אָנגעשטרענגט מײַן געהער, וואַרטנדיק אויף גיטלס ענטפער. נויקע, פאַרשטייט זיך, ווי אַלע קראַנקע, איז געוואָרן שטאַרק נערוועז. נאָר וואָס האָט דאָ צו טאָן וועלוול מירלאַס?.. גיטל האָט ליב אים, נויקען. אוודאי אים. זי ליבט אים, ווי פריִער. די קראַפט פון איר גרויסער ליבע וועט אים אויסהיילן פון דער שווערער קרענק, און דעמלט וועלן זיי אָנהייבן אַ נײַ שיין לעבן. איז עס דען אומעגלעך?

מיטן גאַנצן האַרצן האָב איך געגלייבט, האָב איך געמוזט גלייבן, אַז ס׳וועט זײַן אַזוי. נאָר אַזוי. ווײַל כ׳האָב ראַכמאָנעס געהאַט, כ׳האָב זייער ראַכמאָנעס געהאַט אויף מײַן ברודער נויקע. און אויף גיטעלען אויך.

טאַקע דערפאַר האָב איך גיריק געפאַנגען יעדן שאָרך, יעדן געפּליסטער, יעדע באַוועג־גונג פון די שאָטנס. ענטפער זשע אים, גיטעלע! גיב אים צו מוט, נו, וואָס שווײַגסטו גאָר? זאָג זשע אים: „איך האָב דיך ליב, נויקעלע. איך וועל דיך אייביק ליב האָבן. נאָך וואָס באַדאַרף איך וועלוולען, אַז דו האָסט אַזעלכע שיינע שוואַרצע אויגן? דו ביסט שענער פון מירלאַסן. דו ביסט דרייסטער פון אים. דו, אַזאַ יונגער, האָסט שוין באַוויזן צו קעמפן פאַר אונדזער ראַטן־היימלאַנד. דו ביסט אַזאַ... עפּעס...„ס׳באַקומט זיך ניט בײַ מיר, גיטעלע. דו ווייסט דאָך בעסער פון מיר, וואָס מ׳דאַרף זאָגן אין אַזעלכע פאַלן דײַן געליבטן. ניט אַזוי?.. ווען ס׳זאָל זײַן אַ רייד... כ׳מיין, ווען איך זאָל דאַרפן אונטערזאָגן נויקען ליבע ווערטער פאַר דיר, וואָלט מיר עפּשער גרינגער געווען. „גיטעלע, — וואָלט איך אים אונטערגעזאָגט, — כ׳האָב דיך ליב. כ׳האָב דיך שטאַרק ליב. דו ביסט פאַר מיר, ווי אַן אוצער. אַן אוצער פון ליכט און פון גליק״. זאָג זשע עס, נויקע, גיטעלען... הער אויף הוסטן. נעם זי אָן פאַר דער האַנט. בעט זיך בײַ גאָט... נו, גוט. כ׳ווייס. דו גלייבסט ניט אין גאָט. אָבער אין גיטעלען גלייבסטו דאָך. בעט זיך בײַ גיטעלען. זאָל זי זאָגן: „יאָ״. האָט כאַסענע. האָט קינדער. אַ סאַך קינדער. איר דאַרפט האָבן אַ סאַך קינדער. איר דאַרפט האָבן צען קינדער. אויב נײַן וועלן אומקומען, וועט עפּשער דאָס צענטע בלײַבן לעבן. ווי איז צו אײַך...״

ווידעראַמאָל. אַ מישמאַש פון יאָרן. איך זאָג נויקען איצט דאָס, וואָס כ׳האָב געדאַרפט זאָגן מיט פופציק יאָר צוריק. און גיטעלען אויך. זי האָט דעמלט געהאַלטן אין איין שווײַגן. עפּעס האָב איך יאָ דערהערט. נאָר דאָס זײַנען ניט געווען קיין ווערטער. דאָס איז געווען אַ געוויין. אַ שטיל שלוכצן. און איך האָב דערפילט אַ שאַרפן ווייטעק, גלײַך ווי קונצענדאָרפס לאַנג מעסער האָט אָנגערירט מיט זײַן שפּיץ מײַן האַרץ. נויקע האָט זייער גרויסע, זייער שוואַרצע, זייער שיינע אויגן. נאָר אויב אויסטאָן אים ביזן פּאַסיק, וועלן זיך אַנטבלויזן בײַ אים דאַרע שפּיציקע ביינער, פּונקט ווי בײַ פּענימאָרן. אָבער בײַ מירלאַסן...

איך האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט. יאָ, אַ דערציילונג, ניט לאַנג איבערגעלייענט. וועגן אַ קליינעם הויקער. צווישן אים און זײַן געליבטער איז געשטאַנען דער האָרב. ער האָט זיי געשטערט צו פאַרבינדן זייער לעבן. וואָס זשע טוט דער מעכאַבער? ער פירט זײַן העלד,

זײַן הויקער, צו א דערפּאַרענעם כירורג, און יענער מאַכט אים מיט האַצלאָכע אַן אָפּעראַציע: און דער קליינער הויקער ווערט פאַרוואַנדלט אין א שיינעם שטאַלטנעם יונג. און די געליבטע, דערזעענדיק אים, האָט פאַר פרייד א פּליעסקע געטאָן מיט אירע הענט. און זי האָט זיך א אײַל געטאָן צו אים, אַרומגענומען, געקושט. און אַלץ האָט זיך פאַרענדיקט אַזוי, ווי עס דאַרף זײַן — גוט, שיין, העל. איז פאַרוואָס ניט פּרוּוון אַרײַנשטעלן נויקען נײַע לונגען?.. אויב ניט, איז ווער ווייסט, ווער קען זיך אײַנשטעלן פאַר גיטלען?.. שיין. גוט. העל. נאָר דערטראַכטן ביזן סאָף האָב איך ניט געקענט. ווײַל מיר, אַפילו מיר, דעם דרײַצניאָריקן ייִנגל, מיט דער שטענדיקער גרייטקײַט גלייבן אין אַלץ אויף דער וועלט, אַפילו מיר האָט זיך דאָס אויסגעוויזן פאַר אומעגלעך. פּונקט אַזוי ווי דאָס, אַז קונצענדאָרף וועט אופעסן דעם לעבעדיקן פּעני־מאָרן.

איצט האָט דער שווערגופיקער שימשן זיך אָנגעהויבן ריירן. בעיאַד כאַזאַקע האָט ער א בייג געטאָן פּלויס קאָפּ. א מאַך געטאָן מיט דער האַנט קלימענקאָן, און יענער האָט אים דערלאַנגט דאָס טעלערל מיט זעגעפּט. קונצענדאָרף האָט מיטן שפּיץ מעסער אָנגעלייגט וואָס מערער זענעפט און גענומען צעשמירן און אַרײַנרײַבן אין פּענימאָרס נאַקעטן רוקן. באַלד האָט ער ווידער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און זײַן אַסיסטענט האָט אים דערלאַנגט דאָס צווייטע טעלערל — מיט פּעפער. דער אָרעמער פּענימאָר איז געשטאַנען אָנגעבויגן קימאַט אונטער א גראַדן ווינקל. ער האָט געקוקט פון אונטער דעם שטערן, אומעטיק, נעבעך, געקוקט אויף קונצענדאָרפס שוואַרצער מאַגיִע און איז אַזש פאַרציטערט געוואָרן פון דעם זייער שטאַרקן, זייער בײַסנדיקן זענעפט. ווען אָבער קונצענדאָרף האָט זיך גענומען צושיטן מיט פּעפער דעם רויט געוואָרענעם רוקן, האָבן זיך בא פּענימאָרן אָנגעהויבן טרייסלען די פיס. דער אוילעם, ווידער, האָט געקוקט מיט הונדערטער אויגן אויף דער סצענע, אײַנהיטנדיק א בעסוילעם־שטילקײַט.

און דאָס דריטע מאָל האָט דער גרויסער צויבערער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. קלי־מענקאָ איז, ווײַזט אויס, געווען טאַקע א גוטער באַהעלפער, ער האָט באַלד געבראַכט דאָס דריטע טעלערל מיט דער קוויטיק־גרויער זאַלץ. קונצענדאָרף האָט גענומען בא אים דאָס טע־לערל, א שמעק געטאָן, ווער ווייסט צוליב וואָס, זאַלץ שמעקט דאָך ניט, — ווײַזט אויס, ער האָט געצויגן די צײַט, בא וועמען וועט דאָס געדולד גיכער פּלאַצן, בא דעם נישטיקן שטשופּלען מענטשעלע, צי בא אים, דעם גרויסן קונצנמאַכער, און פּאַמעלעך, אָבער טאַקע זייער פּאַמע־לעך, אָנגעהויבן שיטן זאַלץ אויף פּענימאָרס ווונדן, אַזוי אַז דער רויטער רוקן זײַנער איז גע־וואָרן גרוי.

דאָ האָט פּענימאָר שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן מער, ער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען, עלעהיי א שלאַנג האָט אים א ביס געטאָן. ער האָט מיט אַלע קויכעס א שלײַדער געטאָן קלי־מענקאָן, וועלכער האָט אים געפּרוּווט, קלוימערשט, פאַרהאַלטן, און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סצענע, שיִער ניט אומגעוואָרפן דעם דאָקטער פײַנבערג, וועלכער האָט אָפּגעטראָטן זײַן אָרט עפּעס א דאַמע און איז דערפאַר געשטאַנען אינעם דורכגאַנג און געשמייכלט אין זײַנע פּרעכטיקע וואָנצעס.

דעמלט האָט א הילך געטאָן אַזאַ מין דונערדיקער געלעכטער, גלײַך ווי א מייע וואַסער־פּירער וואָלט דורכגעקנאַקט איבער דעם באַנאַכטיקן שאָסיי מיט זייערע ליידיקע פעסער. מ׳האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, מ׳האָט זיך פאַרכלינעט פון געלעכטער, מ׳האָט גע־וויינט פון געלעכטער. אָט אַזוי, מײַנע טײַערע. ווער קאָן זאָגן, ווו איז די גרענעץ צווישן לאַכן און וויינען? אַפילו מאָניע, דער שטאַרק ערנסטער מאָניע, האָט אויף א ווײַלע פאַרגעסן, אַז ער איז פאַרט א סטאַרשי קאָנטראָליאָר, און צושפּאַרנדיק זיך צו דער טיר, האָט ער זיך שטיל געטרייסלט, ווי אין קאַדאָכעס. דאָס האָט באַלד אויסגענוצט א באַנדע ווײַסעכעוורעניקעס און האָט זיך דורכגעריסן פון דרויסן אין זאַל, וואָס איז אויך אָן זיי געווען פולגעפּאַקט.

קונצענדאָרף האָט טריִומפירט. ער האָט מיט די בלײַענע פיס געשפּאַנט שווער, ווי א העלפאַנד, איבער דער סצענע, געשטשירעט די ציין און זיך געבוקט אויף אַלע זײַטן.

כ׳האָב ניט געסווישטשעט פון אַנציקונג, ווי דער הולטײַ, דאָדיע דער טאָטער. אָבער כ׳האָב אויך געלאַכט, הויך, פריילעך, פונעם גאַנצן האַרצן. אַז הונדערט מענטשן לאַכן, מוז דער הונדערט ערשטער אויך צושמייכלען, ווען אַפילו די נעשאָמע זײַנע איז פאַרפרוירן פון אומעט. און איך האָב מיט א וואַרעמער האָפענונג געכאַפּט א קוק אויף דער וואַנט. דאָרט איז געווען נאָר איין שאָטן. נאָר איין־און־איינציקער.

גיטל איז אוועק. טאַקע אוועק. נויקע איז געזעסן אַליין; דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגן אַראָפּגעלאָזט. כ׳האָב מיט געדולד געוואַרט, ביז ער וועט זיי אופהייבן. דעם קאָפּ. די אויגן.

זיך דערוואַרט. און דאַן האָב איך אַנטדעקט, אַז נויקע איז דאָ דער איינציקער צושויער, וואָס לאַכט ניט. וואָס שמייכלט אַפילו ניט. דער איינציקער.

באַמערקט, אַז איך שפּיר אים נאָך, האָט ער זיך אַיליק אופגעהויבן און, הויקערנדיק זיך, אַוועק צום אַרויסגאַנג. מײַנע צונויפגעדריקטע קני האָבן דערפילט אַ ראַכוועס און זיך צע־קראַכן אין ביידע זײַטן. מיר איז עפּעס געוואָרן ניט מיט אַלעמען. כ'האָב אײַנגעלאַדן דאַדיען, ער זאָל זיך זעצן לעבן מיר. ער איז גערן אַריבערגעקראָכן איבער דער באַנק.

קונצענדאָרף האָט עפּעס נאָך געדאַבערט. זײַן פּעט פּאָנעם האָט געבלישטשעט. איצט האָב איך אים גאָרניט געהערט. און ווי נאָר דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן צום אַרויסגאַנג. דאַדיע האָט געהאַלטן אין איין כידעשן זיך אָף מײַן געשיקטקײַט און מיטן אַקסל פּאָרויס האָט ער זיך באַמיט ניט אָפּשטיין פון מיר.

אין דרויסן איז געווען אַ מעכײַע. פונעם הימל איז פויל געפאַלן אַ פוכקער שניי. פאַר דער צײַט, וואָס קונצענדאָרף האָט אונדז פאַרווײַלט, איז אויסגעפאַלן אַ גרויסער שניי, און איצט איז ער געלעגן אַ גרינגער, אַ ווייכער, אַ טיפער. דאַדיע האָט טאַקע באַלד אַנגעהויבן זיך שלאָגן מיט צוויי אַנדערע קונדייסים, וועלכע האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שנייקוילן. פילנ־דיק, אַז ער איז שלעכט אַרײַנגעפאַלן, האָט ער מיך גערופן צו הילף. אַוודע, אַז דײַן כאַווער איז אין אַ נויט, קאָן מען ניט שטיין פון דער זײַט. כ'האָב פאַרגעסן וועגן נויקען, אַ שטעק געטאָן ביידע הייסע הענט אינעם קאַלטן שניי און זיך אַ לאָז געטאָן אַרויסהעלפן דאַדיען. די צוויי יינגלעך האָבן ניט אויסגעהאַלטן אונדזער פאַרייניקטן אָנגריף און באַלד אונדז באַוויזן זייערע שוואַרצע פּלייצעס מיט ווײַסע שניי־שפּורן. און פונקט אין דעם מאָמענט האָט אַ גרויסע שנייקויל מיך אַ פּאַטש געטאָן אין אויער. אַ פאַרוווּנדערטער האָב איך זיך אַרומגע־קוקט. דאַדיע דער טאַטער, אָט אַ־דער פרעכער קאַלבוינעק און פאַרעטער, איז געשטאַנען היפּש ווײַט פון מיר און געשטשירעט די ציין.

כ'בין געווען מאַמעש דערשיטערט פון דעם טאַטערס ברוטאַלן פאַראַט. ניט דער אויער האָט מיר ווי געטאָן, נאָר דאָס האַרץ. וואָס הייסט עס?! איז פאַראַן געטרײַשאַפט אָף דער וועלט צי ניין? יאָ צי ניין? האַ? ווו ביסטו, דאַדיע? דו האָסט מיר דעמלט ניט געענטפערט אָף מײַן אופגערעגטער פראַגע. עפשער וועסטו מיר איצט, אין פופציק יאָר אַרום, ענטפערן?.. ווו באַ־דאַרף איך דיך זוכן? ניטאָ. דאַדיע איז ניטאָ. קיינער ניט געבליבן. ניטאָ זיי. ניטאָ, אַפילו, זייע־רע שאָטנס. ניטאָ, אַפילו קיין מאַצייוועס, באַ וועלכע מ'וואָלט געקענט קנײַען און אויסוויינען זיך. פאַרפאַלן.

כ'געדענק נאָר, אַז איך האָב דאַן אויסגעקנאָטן פון צאַרטן ווייכן שניי אַ האַרטע הליבע און אַ שלײַדער זי געטאָן דעם טאַטער אין פּאָנעם אַרײַן, אין זײַן פרעכער נימעסער מאָרדע, וואָס איז געווען פאַרבראַוינט סײַ זומער, סײַ ווינטער. ער, אָבער, האָט נאָך אַלץ געקוועלט. אַ געדולע אָף אים! אונטערשפּרינגענדיק אָף איין פוס, אָפּטרייסלענדיק פון זיך דעם שניי, האָט ער זיך, פּלוצעם, גענומען דעקלאַמירן: „שטילער, כאַווײרים, די היטלען אַראָפּ...״

כ'בין געווען אָף אים מאַלע־כיימע. נאָר איך מוז אָנערקענען, אַז דער דאָזיקער גאַזלען האָט ניט געקענט צוטראַכטן קיין בעסער מיטל, קעדיי איך זאָל טאַקע באַלד נעמען די פיס אָף די פּלייצעס און פאַרשווינדן ווערן.

אָט איז ער, דער סאָד פון מײַן פּלייטע. איינמאָל האָט מען מיר אָפּגעגעבן גרויס קאָוועד. באַ אונדז אין קלוב האָט דאָס דראַמקרײַזל אײַנגעאָרדנט אַן אָוונט, האָט מען מיר פאַרטרויט דעקלאַמירן אַ ליד. איך האָב אַליין זיך אויסגעקליבן די ליד. אַ קליינע. אַ גרינגע, מע זאָל זי קענען לײַכט פאַרגעדענקען. איך האָב זיך דעריבער ניט געדאַרפט גרייטן צו מײַן אַרויסטרע־טונג. איז דאָך גוט. אָבער...

ווען איך בין אַרויס אָף דער סצענע, דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ שלאַל ווײַסע פּענעמער און גלאַנצנדיקע אויגן. פּאַמעלעך, דורך עפּעס מאָדנע, כוואַ־ליקע קרײַזן, האָט זיך די מאַסע געזיכטער צוזאַמענגעגאָסן און געוואָרן ווי איין מעשונע גרויס פּאָנעם מיט הונדערטער אויגן־פינטעלעך, אַקוראַט ווי באַ אַרגוסן.

איך האָב זיך אַ ביסל פאַרלאָרן, נאָר אָנגעהויבן, צוערשט עטוואָס פּאַכדאָנעסדיק, דערנאָך וואָס אַמאָל זיכערער, דעקלאַמירן:

שטילער, כאַווײרים,
די היטלען אַראָפּ,
אַ רויטער אַרמייער
געלייגט האָט זײַן קאָפּ.
געגאַנגען אין שלאַכט,

דאָס האַרץ ווי פאַרקלעמט,
מיט אַן אײַזערנער ביקס
אין שטאָלענע הענט.
געשלאָגן זיך דרייסט,
אָן מוירע, אָן שרעק...

איז אָט. אַף דעם אָרט האָב איך זיך פּלוצעם פאַרהיקעט. פאַרגעסן, וואָס גייט ווײַטער, אַזאַ מין גוילעם, האַ?.. וואָלט עס כאָטשבי געווען אַ שווערע ליד! אָבער דאָס איז דאָך געווען אַזוי גרינג, אַזוי פּראָסט, אַ דרײַיאָריק קינד וואָלט עס געקענט איבערכאַזערן פונעם ערשטן מאָל.

וואָס ווײַטער? פרעגט בעסער ניט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ סווישטשערײַ, אַז מ׳האָט געקאָנט טויב ווערן. העכער פון אַלע האָט, פאַרשטייט זיך, געסווישטשעט דאָדיע דער טאָטער.

איך בין אַנטלאָפן הינטער די קוליסן. פאַרבאַהאַלטן זיך אין אַ פינצטער ווינקל. צוגעדריקט די דלאָניעס צו מײַן ברענענדיק געזיכט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַן עכטע קאַטאַסטראָפע. אַזוי מ׳יעס ארײַנפאַלן! דאָס גאַנצע שטעטל וועט האַלטן אין איין לאַכן. די שטעטלדיקע כעוורע האָט ליב אויסלאַכן. קיין טעלעוויזאָרס זײַנען דאַן ניט געווען, פלעגט מען זיך פאַרווײַלן מיט אַלץ, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט.

איך בין ניט אַרויס פון מײַן באַהעלטעניש אַזש ביז דער אָוונט האָט זיך ניט פאַרענדיקט און דער לעצטער צושויער איז ניט אַוועק פונעם קלוב. דעמלט האָב איך, ענדלעך, פאַרלאָזט מײַן פינצטער ווינקל, אַרויסגעגאַנוועט זיך פונעם קלוב, געזוכט שטילע קליינע געסלעך, אַז איך זאָל, כאַס־וועכאָלילע, קיינעם ניט באַגעגענען אַהיים גייענדיק. מער פון אַלץ האָב איך מוירע געהאַט פאַר דער שײַן. אַפילע אין דער היים. דערפאַר האָב איך זיך אויסגעטאָן אין דער פינצטער, זיך שטיל אַוועקגעלייגט אַפן בעט און אַרופגעצויגן אַפן קאָפּ די קאָלדרע.

די נאַכט איז געווען לאַנג. גלײַך ווי זי וואָלט זיך געצויגן אַ כוידעש צײַט. כ׳האָב נישט געקאָנט ניט אײַנשלאָפן, ניט אײַנדרעמלען. אַף אַ רעגע ניט. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָב איך זיך שווער געמוסערט, האַלעמײַ בין איך אַזאַ טויגעניכץ, אַזאַ שלימאַזל, אַזאַ נאַרישע בעהיימע, ניט געקענט אויסלערנען אַף אויסווייניק אַזאַ קליין קינדערש לידעלע, דערלאָזט אַזאַ שענדלעכן אומגעהערטן דורכפאַל! וואָס טוט מען?.. איך האָב זיך דערמאָנט אין פאַרגעסענעם גאָט. ריבוינעשעלוילעם! זײַ אַזוי גוט און מאַך אַזוי, ס׳זאָל מיך, צוזאַמען מיטן בעט, אַף וועלכן איך מאָרדעווע זיך אַ גאַנצע נאַכט, פאַרשלינגען די ערד. און אַן עק! און אַ סאָף זאָל זײַן צו מײַנע ליידן! מאַך דאָס טייקעף. באַווײַז אַ נעס! לערן זיך אָפּסנײַ אויס באַווײַזן ניסים. ס׳וועלן קומען גרויזאַמע צײַטן, זאָלסטו ניט קוקן פונעם הימל ווי אַן אימפּאָטענט. מאַך דאָס באַלד. ביזוואַנען ס׳טאָגט נאָך ניט. ווײַל ווי׳אַזוי וועל איך אַרויס אַף דער גאַס, דאָרטן איז דער טאָטער און אַנדערע מאַזיקים, וואָס וועלן שפּעטן פון מיר אַזוי לאַנג, ביז דאָס לעבן וועט מיר נימעס ווערן און וועט זיך אויסדאַכטן שוואַרצער פונעם טויט...

דאָס איז געווען די ערשטע שלאָפלאָזע נאַכט אין מײַן לעבן. דאָס בעט האָט געסקריפּעט אונטער מיר. מײַן מאַמע, אַ באָרוועסע, אין אַ ווײַס העמד, איז שטיל, אַף די שפּיץ פינגער, צוגעגאַנגען צו מײַן בעטל. כ׳האָב זיך געמאַכט שלאָפנדיק. טיפער אָנגערוקט די קאָלדרע אַפן קאָפּ. די מאַמע האָט מיט וואַרעמע הענט געטאַפּט, ווי אַ בלינדע, אונטער דער קאָלדרע, אָנגעטאַפּט מײַן פּאָנעם, צוגעדריקט איר האַנט צו מײַן הייסן שטערן.

טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון מײַנע אויגן.

— אַז מ׳לאָזט ניט שלאָפן גאַנצע נע־ע־עכט, — האָט זיך צעבורטשעט נויקע און זיך אויסגעדרייט אַף דער צווייטער זײַט.

איך האָב זיך שטאַרק באַליידיקט אַף אים. אַז איר ווילט וויסן, איז טאַקע ער, נויקע, שולדיק אין מײַן דורכפאַל. עמעס, אומגערן. און דאָ האָט פּלוצעם אַ בליץ געטאָן אין מײַן פאַרמאַטערטן מויעך עפּעס אַ געדאַנק און אַלץ איז געוואָרן בוילעט.

אַ רויטער אַרמייער געלייגט האָט זײַן קאָפּ...

כ׳האָב אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, ווען דאָס גוואַלדיק גרויסע ווײַסע פּאָנעם אין זאַל פון קלוב האָט זיך ווידער אָנגעהויבן טיילן אַף פיל באַזונדערע געזיכטער. איך האָב דערזען דאָדיעס פאַרברוינט און פאַרקרימט פּאָנעם (— וואָס איז? דו ביסט מיר מעקאַנע, דאָדיע, וואָס איך בין געוואָרן אַן „אַרטיסט”?), דעם דאָקטער פײַנבערגס געדיכטע וואָנצעס, צווישן וועלכע עס האָט געשפּילט אַ שמייכעלע, מאָניע ליפשיצעס ערנסטן פּליך. הײַנט האָט ער ניט געשפּילט די ראָל פון אַ סטראַשנע סטאַרשי קאָנטראָליאָר, ווײַל קיין בילעטן האָט מען ניט פאַרקויפט אַפן אָוונט, דער ארײַנגאַנג איז געווען פרײַ, — נאָר ווי זײַן געוווינהײַט איז,

האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, און דערפון האָט זײַן פליך אויסגעזען נאָך גרע־סער, ווי ער איז.

איך האָב אָבער געזוכט מיט די אויגן מײַן ברודער נויקע. ווײַל כ׳האָב געוווּסט, אַז באַנאַנד מיט אים דאַרף זיצן גיטל, די דאַרינקע, צאַרטע, מילדע גיטעלע. זי באַדאַרף מיט אירע אויגן — אַזעלכע טיפֿע, פּאַרוואונדערטע, מיט שײַן, מיט גלויבן, מיט בענקשאַפט האָבן זיי שטענדיק געקוקט פאַרטראַכט, ווי פון דער זײַט, און אויסגעזען דערפאַר אַ קאַפּעלע קאָסאָקע — זי באַדאַרף מיט אירע אויגן קוקן אויף דער סצענע, דאָס הייסט אויף מיר, און מיך לויבן: אַך, ווי שיין ער דעקלאַמירט, ווי באַגײַסטערט!

און ווען כ׳האָב, ענדלעך, געפונען נויקען, האָב איך דערזען, אַז זײַן געזיכט איז בלאַסער ווי געוויינלעך, און גיטל זיצט ניט לעבן אים.

פּאַראַט! וווּ איז זי? וווּ קאָן זי זײַן?.. נו, פאַרשטייט זיך. אָט איז זי. איר קעפּל איז אַ סאַך נידעריקער, ווי וועלוולס קורץ־אָפּגעשוירענער קאָפּ. ס׳ליגט קימאַט אויף זײַן ברייטן אַקסל.

איז אָט. כאָטש איך האָב פאַרגעזעצט מעכאַניש דעקלאַמירן אָט די לײַכטע פערזן „געגאַנגען אין שלאַכט, דאָס האַרץ ווי פאַרקלעמט...״, נאָר איך האָב שוין געטראַכט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש.

מײַן דימיען האָט גיך־גיך אויסגעמאָלט אַ שלאַכטפעלד. אַ פעלד נאָך דער שלאַכט. באַנאַכט. טויטע קערפּערס פאַרגליווערטע אין פאַרשיידענע פּאָזעס. און צווישן זיי בלאָנקעט אַרום אַן איינזאַמע פּרוי. די פּרוי האָט צוערשט געהאַט אַ דאַרינק פּנעמל מיט טיפֿע פאַרטראַכטע אויגן. אָבער ווען כ׳האָב דערזען גיטעלען באַנאַנד מיט מירלאַסן, האָט זיך דאָס געזיכט פון דער איינזאַמער פּרוי פאַרוואַנדלט אַזוי, אַז עס איז געוואָרן ענלעך אויפן געזיכט פון מײַן מוטער, אונדזער מוטער, נויקעס און מײַנע. בלאָנקעט אַרום מײַן מוטער איבער דעם שטילשווײַגנדיקן שלאַכטפעלד, קוקט זיך אײַן אין די טויטע פּנעמער פון די אומבאַוועגלעכע זעלנער, און פלוצעם... יאָ, דאָס איז איר זון, איר נויקעלע. אָט ליגט ער, ברייט פאַנאַנדערגעוואָרפן די הענט, פּונקט אַזוי, ווי ער פלעגט שלאָפן קינדווײַז, ווען ס׳פלעגט אים ווערן הייס. לעבן אים, אויף דעם צעטרעטענעם גראָז און אַליין אַ צעטראָטענע וואַלגערט זיך זײַן בודיאָנאָווקע... ער ליגט אָבער ניט אַליין, נאָר מיט אַן אײַזערנער ביקס אין שטאָלענע הענט...

ווער זשע וועט קומען דערציילן מײַן מוטער, אונדזער מוטער, נויקעס און מײַנער, אַז דער זון אירער, נויקע, האָט געשלאָגן זיך דרייסט, אָן מוירע, אָן שרעק. נויקע — און שרעק? דאָס איז אומעגלעך! ס׳איז ניט געווען אין אונדזער שטעטל אַ מער מוטיקער שלאַכטמאַן, ווי נויקע, מײַן דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער.

ווען אָבער איך האָב ווידער אָפּגעזוכט צווישן שלאַל פּנעמער דאָס געזיכט פון מײַן איינזאַמען ברודער, האָט עס מיך דערשיטערט מיט זײַן דרייסטקײַט, כ׳האָב געוואָלט זאָגן — בלאַסקײַט... און כ׳האָב זיך פאַרהיקעט.

אָבער גיי דערצייל דאָס אַלץ דעם טאָטער! ניט ער, ניט אַן אַנדערער וועט ניט אָנהייבן צו גלייבן אין דער דאָזיקער „געשיכטע״, אוודאי, אויסגעטראַכט. קעדיי צו באַרעכטיקן דעם דורכפאַל. אָט האָסטו דיר אַ בערעלע, אַ מאַזיק! קאָן אײַנרעדן אַ קינד אין בויך.

האָב איך נאָך לאַנג געמוזט זיך גאַנווענען איבער פינצטערע געסלעך, אַבי ניט וואַרפן זיך קיינעם אין די אויגן. כ׳בין געווען איבערצײַגט, אַז קליין און גרויס ווייסט וועגן מײַן בושע, און ניט מע ווייסט, נאָר מע זוכט ספּעציעל אַ געלעגנהײַט, קעדיי צו לאָזן אַ נײַוויצעלע אויף מײַן אַדרעס. און אַז איך פלעג צופעליק באַגעגענען עמעצן, וואָס האָט מיט מיר אַ שמועס געטאָן ניט וועגן דעם, וואָס האָט געטראָפן מיט מיר אין קלוב, נאָר וועגן גאָר אַנדערע זאַכן, בין איך אים געווען אַזוי דאַנקבאַר, אַזוי אופריכטיק דאַנקבאַר, פּונקט ווי ער וואָלט מיר גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ כעסעד געטאָן.

דער טאַטער, אָבער, איז געווען אַ פּרעכער אַזעספּאַנעמניק, אָן האַרץ און אָן געוויסן. ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהײַט, און מיך ניט אַ שטאָך טאָן אין סאַמע אָנגעוויייטיקטן אָרט.

2

אונדזער שטעטל האָט אין יענעם ווינטער בעפּיירעש אָפּגעגליקט. קונצענדאָרף, דער באַרימטער וועלט־טשעמפּיאָן, האָט נאָך ניט באַוויזן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ווי ס׳איז אָנגעקומען אַ גאַנצע דראַמאַטישע טרופּע. און ווידער האָט זיך די ווײַס־גרויע וואַנט פון אונדזער

קלוב באַפּוצט מיט אַפישן. עמעס, ניט אַזעלכע שרײַענדיקע, ווי קונצענדאָרפס. וואָס איז דען קונצענדאָרף? אַ קוריאָז. אַ וויץ. ניט מער. אונדז, אָבער, האָבן אימפּאָנירט דראַמעס, טראַגעדיעס, ווײַל די צײַט אַליין, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט און ס׳האָט זיך פאָרמירט אונדזער באַוווסטזײַן, איז געווען אַ דראַמאַטישע.

אָבער וויאַזוי קריגט מען בילעטן? קיין געלט איז בײַ מיר ניט געווען. ניט נאָר בײַ מיר. בײַ אונדז — אויך. נויקע האָט, עמעס, געאַרבעט אין אַ וואַרשטאַט צוזאַמען מיט וועלוול מירלאַסן, זיי האָבן געמאַכט רעדער, נאָר די קויכעס זײַנע האָבן געצאַנקט מיט יעדן טאָג. און דער מאַמען פלעגט קיינמאָל ניט קלעקן אַף עסנוואַרג. זי פלעגט אָפּט באַוויינען איר אַלמאָנע־גורל און מיך געשטראָפט מיט רייד פאַר מײַן לײַדנשאַפט צום טעאַטער.

און איך?.. איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט לעבן קלוב, אַמאָל אַליין און אַמאָל צוזאַמען מיט דאַדיען דעם טאַטער, מיט וועלכן איך האָב שאָלעם געמאַכט צוליב אַזאַ הייליקן איניען. מיר פלעגן זיך דרייען אַרום דער געבײַדע, געזוכט עפּעס אַ געהיים טירל אָדער פּאַשעט אַ גרויסע לאָך, דורך וועלכער מיר וואָלטן געקענט אַרײַנדרינגען אין דעם פאַרקישעפטן שלאָס. בײַטאָג פלעגן מיר ווי מעגלעך שטיל אָפּרײַסן עטלעכע ברעטער בײַ דער הינטערטיר, אָפּדערנאַכט אָבער האָט אונדז דערוואַרט אַ ביטערע אַנטוישונג: די ברעטער זײַנען ווידער געווען צוגעקלאַפּט מיט גרויסע צוועקעס. מאַניע, אָט אָ־דער פּערזענלעכער סוינע אונדזערער, האָט אויסגעצייכנט געוווסט אַלע אונדזערע שפּיצלעך און וואַכזאַם געהיט דעם שלאָס, ניט באַקומענדיק פאַר זײַן מי קיין קאָפּעקע, ווײַל ער האָט אויך ליב געהאַט דעם טעאַטער און אים באַוואַכט, ווי אַ ריטער, פון די ווילדע האָרדעס ווײַסעכעוורעניקעס.

גאַנץ אָפט האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אויך בײַ דעם אײַנפאָר־הויז, ווו ס׳האָבן זיך אָפּגעשטעלט די אַקטיאָרן. ס׳איז אונדז געווען אינטערעסאַנט כאַפּן אַ קוק, וויאַזוי זעען זיי אויס באַם טאָג־ליכט. ווען עס פלעגט אונדז געלינגען, און עמעצער פון די שוישפּילער איז אַרויסגעגאַנגען פונעם הויז, האָבן מיר אים לאַנג געבויערט מיט די אויגן. אונדז איז געווען אַ פאַרדראָס, וואָס זיי זעען אויס, די אַקטיאָרן, אַזוי בלאַס, מיד, ניט פריש, גאָרניט אַזוי שיין, פּרעכטיק, ווי אַף דער בינע. אָפטמאָל פלעגן מיר זיי באַגלייטן ביז צום מאַרק און שטאַרק באַוווּנדערט זייער אַפּעטיט. זיי פלעגן קויפן זייער אַ סך פּראָדוקטן. אָנגעלאָדענע מיט טאַשן און קוישן, פלעגן זיי, אָט אַזוי גייענדיק, קײַען און שלינגען. ווער אַ בולקעלע, ווער אַן עפּעלע, ווער ס׳האָט געקנאַקט ניס, צעקוועטשנדיק מיט ביידע הענט איין נוס אָן צווייטן. דער הונגער האָט געטריבן די דאָזיקע אָרעמע שוישפּילער פונעם „אָפּגעברענטן טעאַטער״ פון גרויסע שטעט אין קליינע, נאָר זאַטע שטעטלעך, און זיי האָבן זיך גײַלט אָנשטאָפּן זייערע מאָגנס מיט וואָס גרעסערע שפּײַז־רעזערוון. ווען ניט דער הונגער, וואָלטן מיר געוויס ניט געזען קיינמאָל בײַ אונדז אין שטעטל אַזעלכע גוטע שוישפּילער. איז וואָס? גאָרניט. אַ צעדרייטע וועלט!

איז אָט, איינמאָל האָט מיר אָפּגעגליקט.

ווען איך האָב אַרומגעשפּאַצירט אין איינעם אַ פרימאָרגן לעבן דעם אײַנפאָר־הויז, האָט זיך פון דאָרטן באַוויזן עפּעס אַ מענטש, זייער אַ לאַנגער, זייער אַ דאַרער, מיט זייער אַ לאַנגער, נאָר אַ גאַנץ סימפּאַטישער נאָז. ער האָט געוואָרפן אַף מיר אַ בליק־בליק און אַוועק ווײַטער. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אומגעקערט זיך צוריק, אַ שמעק געטאָן מיט דער נאָז, און, אַלץ שווײַגנדיק, צוגערופן מיך מיט זײַן לאַנגן מאָגערן פינגער. איך בין צוגעגאַנגען צו אים, און צווישן אונדז איז פאָרגעקומען אַזאַ געשפּרעך:

— דו האָסט ליב טעאַטער?

— יאָ, כ׳האָב ליב.

— שטאַרק?

— זייער.

— נו, איז וועלן מיר טאַקע גיין הײַנט אין טעאַטער?

— כ׳וואָלט געגאַנגען מיט פאַרגעניגן.

— מיט פאַרגעניגן וועט ניט אויסקומען.

— וויאַזוי דען?

— מיט אַ קישן.

— אַ קישן?

— נו, יאָ. דו האָסט אַ קישן?

— כ׳האָב.

— נו, טאָ ברענג אים וואָס גיכער אַהער. באַקומסטו באַלד אַ קאָנטראַמאַרקע.

ווי אַ פײַל פונעם בויגן, האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן אַהיים.

— מאמע! גיב מיר א קישן. אָבער גיכער.

די מאמע האָט געוואָרפן אַף מיר אַזאַ מאָדנעם בליק, אַז מײַן פריד, מײַן גרויסע פריד, איז מיטאמאָל אַנטרונען געוואָרן. זי האָט אַנטשלאָסן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן מיר א קישן, און מײַן ערשטע האַסטיקע אַטאַקע האָט געליטן א מאַפּאַלע.

האָב איך זיך דערנאָך גענומען דערקלערן מײַן מאַמען, לאַנג און געדולדיק, אַז דעם דאָזיקן קישן גיבן מיר ניט אָפּ אַף שטענדיק, נאָר אַף איין אָפּדערנאַכט. צוליב וואָס דאַרפן זיי אונדזער קישן?.. כ'וויס צוליב וואָס? ווײַזט אויס, אַז זיי גיבן אַזאַ מין פאַרשטעלונג, ווו איינער פון די העלדן שלאָפט אַף א קישן.

— א העלד! וואָס פאַר א העלד? אויך מיר א העלד, שלאָפן אַף א קישן! נו, און אויב פון דעם דאָזיקן העלד וועלן אָנהייבן קריכן לײַז אָפּן קישן, האַ?.. כ'גיב נישט און שוין!

מײַן מאמע האָט געשריִען און זיך געבייזערט טאַקע אַף אַן עמעס, און דערבײַ ניט אופ־געהערט שיילן בולבעס. אירע אויגן האָבן געקוקט ניט אַף מיר, נאָר אַף אירע אייגענע פינ־גער, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געצויגן, געשלענגלט און שטיל געפאַלן אָפּן ערדענעם דיל די לאַנגע ווײַס־ברוניקע שאָלעכץ. זי האָט, ווײַזט אויס, געמיינט, אַז איך וועל אויך אָנהייבן שרײַען און בייזערן זיך, וואָלט זי דאַן רויִק פאַרגעזעצט איר אַרבעט. נאָר איך האָב געשוויגן. דאָס האָט זי געכידעשט. זי האָט געכאַפּט א קוק אַף מיר און דערזען אין מײַנע אויגן טרערן.

דאַן האָט זי איבערגעריסן איר אַרבעט, אָפּגעטרייסלט דעם פאַרטעך פון דער שאָלעכץ, צוגעגאַנגען צום וואַשבעקן, אָפּגעשווענקט די הענט, אָפּגעווישט זיי מיטן האַנטעך פון גראָבן לײַוונט, און מיטן האַנטעך אָפּן אַקסל איז זי צוגעגאַנגען צום קאַסטן, אופגעעפנט אים, אַרויס־גענומען א פאַרוואַשן ציכעלע, דערנאָך אופגעהויבן די געלע אָפּגעקראַכענע דעק אָפּן היל־צערנעם בעט, א כאַפּ געטאָן פון אונטער איר איינעם פון די צוויי קישנס, אַראָפּגעשלעפּט פון אים דאָס ציכל און אָנגעצויגן א נײַס, דאָס זעלבע, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פונעם קאַסטן. און דאַ האָב איך באַמערקט, אַז אָפּן ציכל שײַנט א גרויסע לאַטע.

— מאַמע! ווער זשע וועט נעמען א קישן מיט אַזאַ מין לאַטע? — האָב איך זיך שיר ניט צעוויינט.

— וואָדען?.. זיי זאָלן צערײַסן מײַן איין־און־איינציקע ציך, די העלדן דײַנע? ס'געפעלט דיר ניט, דאַרף מען ניט. שוין.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דערווידערן איר ווײַטער איז געפערלעך. איר פּאָנעם האָט בולעט אויסגעדריקט באַדויערונג, וואָס זי האָט מיר נאָכגעגעבן און מוז זיך שיידן מיטן קישן, זאָל זײַן אַפילע אין אַן אַלט ציכעלע. וועל איך פּרוּוון דערווידערן, קאָן זי נאָך כאַראָטע האָבן. האָב איך שווער א זיפץ געטאָן, גענומען דעם קישן אונטערן אָרעם און א טראַסקע געטאָן מיט דער טיר א ביסעלע העכער, ווי געוויינלעך.

— אַ, סקאַצל קומט!

כלעבן, א גוטער מענטש, דער אַדמיניסטראַטאָר, גאָט האָט אים געשענקט אַזאַ לאַנגע נאָז, אַז ס'איז א ביזאָיען צו באַווײַזן זיך מיט איר אַף דער גאַס, און דאָך איז ער אַזאַ געלאַ־סענער, גוטמוטיקער. אָבער איצט דאַרף מען מיט אים זײַן פּאַרזיכטיק. איך האָב איבערגע־קערט דעם קישן מיט דער לאַטע אַף אַראָפּ און אים דערלאַנגט.

ער האָט אָבער אָנגעהויבן דרייען דעם קישן פון אַלע זײַטן. ווער האָט מיך שוין געמאַסערט? ניט אַנדערש, ווי דאָדיע דער טאַטער, נאָר פונוואַנען האָט ער עס געקענט וויסן?.. אָבער וואַרט! אָט הערט ער אויף, דער אַדמיניסטראַטאָר, צו דרייען דעם קישן. זײַנע קליינינקע אייגעלעך האָבן זיך אײַנגעצויגן אין דער אומגליקלעכער לאַטע. דאָס האַרץ האָט מיר שיר ניט געפּלאַצט. פאַרפאַלן!

מיטאמאָל האָב איך באַמערקט, ווי זײַן נאָז און נאָכדעם דאָס גאַנצע בלאַס־גרינבלעכע פּאָנעם האָט א שײַן געטאָן.

— טאַקע א פײַן לאַטקעלע!

כ'האָב ניט געוווּסט, וואָס מיינט ער. נאָר אָפּן האַרצן האָט נאָך אַלץ עפּעס געשקראַבעט.

— הער נאָר, קוציפּערדיק איינער! פונוואַנען האָסטו געוווּסט, אַז מיר דאַרפן א קישן מיט אַזאַ מין לאַטע?

ער האָט א שמייכל געטאָן, מיט צוויי לאַנגע טרוקענע פינגער אַרויסגעשלעפּט פון דער הויזן־קעשענע צוויי צעקנייטשטע פּאַפּירלעך.

— אָט האָסטו צוויי קאָנטראַמאַרקעס. איינע — פאַרן קישן, די צווייטע — פאַר דער כײַנעוודיקער לאַטע.

— א דאַנק אײַך. א שיינעם דאַנק.

צוויי דאַנקען. פאַר צוויי קאָנטראַמאַרקעס.

כ׳בין שוין געלאָפֿן אהיים, ווען ער האָט מיך ווידער א רוף געטאָן:
— נו, און קיין קאָלדרע האָסטו ניט, קוציפּערדיק? אויב יאָ, טאָ שלעפּ זי גיכער אהער, בעסער מיט לאטעס.
אָנשטאָט צו לויפֿן אהיים, בין איך איצט געלאָפֿן צו דאָדיען.
— האָסט א קאָלדרע, קוציפּערדיק? אויב יאָ — טאָ שלעפּ גיכער. בעסער מיט לאטעס. באקומסטו באלד א קאָנטראמארקע. נו?
דער טאַטער האָט ניט אראָפּגעלאָזט פֿון מיר זײַנע גנייוויִשע באַלעכעס. ער האָט שטארק זיך געוווּנדערט אף מײַן טאָן. נאָר דערוווּסט זיך וועגן וואָס עס גייט א רייד, האָט ער מיר פֿעסט געדריקט די האַנט. ער האָט גוט געפֿילט, דער מאמזער, אז ער איז שולדיק, שטארק שולדיק, איז אים געווען שווער צו פֿארשטיין, וויאַזוי קאָן מען עס צאָלן מיט גוטס פֿאַר שלעכטס. פּונקט ווי מיר איז שווער געווען צו פֿארשטיין, וויאַזוי קאָן מען עס אזוי פֿארע־טעריש, פֿון הינטער דעם רוקן, א קלאַפּ טאָן דײַנעם א כאַווער. ער האָט נאָך געקאָנט מיינען, אז איך כאַנפֿע אים אונטער. אף דעם האָט ער געמעגט לאנג ווארטן!
טיף אין הארצן אָבער האָב איך געהאָפֿט, אז ס׳קאָן זיך מאכן, — איצט שוין וועט דער דאָזיקער טאַטער עפּשער מיך לאָזן צורו און וועט מיך מער ניט מוטשען מיט זײַן „שטילער, כאַווירים...״

3

אָ! גוט! באלד קומט נויקע פֿון דער ארבעט. וועל איך אים אונטערטראָגן אף א טעלערל א קאָנטראמארקע. וועט ער זײַן דערבײַ געגוג ליבלעך מיט מיר, וועל איך מיט אים זײַן נאָך איידעלער. נויקע, וועל איך אים זאָגן, אָט האָסטוביידע קאָנטראמארקעס, איינע, דאָ דיר, די צווייטע — גיטעלען. און ווייס מײַן גוט הארץ! ווירקלעך. דאָס וואָלט געווען פֿון מײַן זײַט א גרויסער קאָרבן. גאָט איז אן איידעס.
עמעס, טיף אין הארצן האָב איך געגלייבט, אז מײַן כמורנער, נאָר יוישערדיקער ברודער וועט מיר ניט טאָן אזא אוולע און ניט צונעמען ביידע קאָנטראמארקעס. הייסט עס, אז איך ריזיקיר ווייניק. נאָר...
וואָס נאָר?.. אָט איז שוין זעקס אזייגער, זיבן, האלב אכט — און נויקע איז ניטאָ. ווו קאָן ער זײַן?.. דער פֿארדראָס וואקסט אין הארצן, ס׳זידט מאמעש. אָבער נויקע איז ניטאָ. וואָס וועל איך זיצן און ווארטן אף אים? ס׳איז דאָך בעסער א זוך טאָן. איך האָב מוירע פֿארשפּעטיקן אין טעאטער. אזויפֿיל איבערגעלעבט, ביז כ׳האָב געקראָגן דאָס טײַערע פּאַפּירל, און פּלוצעם — פֿארשפּעטיקן!
כ׳גיב איין קאָנטראמארקע דער מאמען.
— דאָס איז פֿאַר נויקען. באלד ווי ער וועט קומען, זאָל ער טייקעף לויפֿן אין טעאטער, אז ניט, פֿארשפּעטיקט ער.
די מאמע ברומט בארויגעז:
— וואָס עפּעס לויפֿן? סע ברענט דען?.. האָט איר געזען אזא ליידיקגייער! אָט דאָס איז דער גאנצער נאַכעס פֿון אים, שליאָנדערן זיך איבער טר׳אַטערס...
אן אנדערשמאָל וואָלט איך זיך באליידיקט אף מײַן מאמען, אָבער איצט בין איך געווען מאָלע געדולע שוין אליין פֿון דעם פּאַרגעפֿיל, אז כ׳וועל באלד דערזען דעם אָפֿענעם פֿאָרהאנג מיט א שטיק ווונדערלעכער פֿאנטאַסטישער וועלט אף דער בינע, און כוץ דעם, האָב איך דערפֿילט אין מײַן מאמעס בארויגעזן ברומען איר ערנסטע דײַגע פֿארן גוירל פֿון אונדזער קישן, האָב איך א געשריי געטאָן פֿון דער שוועל:
— ניט גערדײַגעט, מאמעניו. נאָך הײַנט אפּדערנאכט וועל איך דיר צושטעלן דײַן קישן גאנץ און געזונט.
איך גיי. איך לויף. דער פֿראָסט איז שטארק. די פֿרייד איז גרויס. עמעס, עפּעס עגבערט מיך אין הארצן. נויקע?.. ניין, ווײַזט אויס, אז ניין. יעדנפֿאלס, איצט ניין. איז וואָס?.. הער זיך אוף צו גריבלען. אָט א מאניר! קאַפּע ניט קיין גאל אין דער פֿרייד. ס׳קאָן זיך דאָך טרעפֿן אמאָל אין א יאָר: גאָלע פֿריידי! איז ניין. א מיִעסער כאַראַקטער!
איז וואָס זשע קימערט מיך? אָ, מאמעניו! וואָס פֿאַר א ליב, וואָס פֿאַר א צארט קינד דו האָסט! א ווייכס, א זיס. כאָטש לייג עס צו צו א טשערעק. און אָט דאָס ליבע צארטע, ווייכע,

זיסע קינד האָט אַפילע ניט אַ טראַכט געטאָן, קיין איין מאָל ניט אַ טראַכט געטאָן, עפשער איז קעדיי כאָטש איין מאָל אין לעבן זאָגן דער מוטער אַזוי:

— מאַמע! (מעג זײַן אַזוי, ניט „מאַמעניו”) טו אָן דאָס זײַדענע טיכל, און לאָמיר גיין אין קלוב. ווען ניט דײַן קישן, וואָלט איך אויך געזעסן אין דער היים. מ׳האָט מיר געגעבן צוויי בילעטן, איינעם פאַרן קישן און דעם צווייטן פאַר דער לאַטע. דו קענסט לייגן שיינע לאַטעס, מאַמע. נו, איז גייען מיר, האַ? דו ביסט דאָך נאָך קיינמאָל ניט געווען אין אונדזער שיינעם קלוב. ער איז אַזוי גרויסאַרטיק, אַז מ׳רופט אים אַפילע טעאַטער, אָדער „טרי׳אַטער”, ווי דו זאָגסט...

איז ווידעראַמאָל. איך וואָלט עפשער מיט גאָרניט ריזיקירט. די מאַמע וואָלט אַלציינס אין ערגעץ ניט געגאַנגען. אַ זײַדן טיכל, וואָס איז דרײַסיק יאָר אַלט, אָפן קאָפּ? גוט. און אויף די פיס — וואָס? און אָפן לײַב? און ביכלאַל, וואָס איז עפעס אײַנמיצקעדרינען אַ טרי׳אַטער! וואָס פאַר אַ סימכע אויף מיר, אויף אַ בידנער אַלמאָנע, האַ?..

גוט, מאַמעניו. זיץ אין דער היים און שייל קאַרטאָפליעס. און בעסער זאָלסט ניט דערלעבן צו דער צײַט, ווען מ׳וועט דײַנע קינדער פירן צו דער שכיטע. שטאַרב שוין בעסער פרי׳ער. דו מוזסט שטאַרבן פרי׳ער, ווײַל אַלציינס וועט בא דיר דאָס האַרץ פּלאַצן. זאָלסטו כאָטש שטאַרבן אין אייגענעם בעט און קומען צו קווורע אויף אונדזער אַלטיטשקן בעסוילעם.

4

דערווײַל האָב איך זיך לוסטיק געמאַכט. אַ דײַגע מיר, וואָס ס׳וועט זײַן אין צוואַנציק יאָר אַרום, דערווײַל איז כײַ־געלעבט.

מײַן פריילעכע שטימונג האָט מיך ניט פאַרלאָזט. פאַרקערט, זי האָט זיך פאַרשטאַרקט פונעם פראָסט. אַ מונטערנדיקע לופט, אַ מעכײַע! דער פראָסט איז טאַקע אומגעהייער בייז, נאָר ווער האָט זיך איצט פאַר אים דערשראָקן? מ׳הערט אים פאַר אַ פירער! זײַן צײַט איז אַריבער. דער ווינטער האַלט בא נילע. כ׳האָב נאָר טיפער אָנגערוקט דאָס היטל אויף די שפּיץ אויערן און אַ לאָף געטאָן, אַזש דער שניי האָט זיך צעסקריפּעט.

דער אוילעם האָט געדיכט געשפּאַרט אין טעאַטער. איך האָב פעסט פאַרדריקט די קאָנטראַמאַרקע אין פויסט. באַהאַלטנדיק זיך הינטער דעם דאָקטער פײַנבערגס ברייטע פּלייצעס, האָב איך געמאַכט אָן אָנשטעל, אַז איך וויל זיך דורכגאַנווענען אומבאַמערקט. מאָניע ליפשיץ ווידער האָט געמאַכט אָן אָנשטעל, אַז ער הייבט מיך ניט אָן צו זען. נאָר ווען איך האָב געוואָלט אַריבערשפּאַנען איבער דער הייליקער שוועל, האָט ער מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער. שטיי! ערשט דעמלט האָב איך מיט אַ נאַכלעסיקער טנוע אופגעמאַכט די פויסט: אָט האָסטו דיר, מאָניע, פּרעס! ליפשיץ האָט לאַנג געדרייט די קאָנטראַמאַרקע אין די הענט, אונטערגעטראָגן זי צו זײַנע קורצזיכטיקע אויגן, אַפילע אַ שמעק געטאָן מיט דער נאָז. און איך מאַך זיך אַזוי טאַמעוואַטע, כ׳שטיי און וואַקס פון האַנאָע. ענדלעך, האָט ער אָנגעריסן די קאָנטראַמאַרקע און זי מיר אָפּגעגעבן, ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַפילע מיט עפעס אַ דערעכערעץ. כ׳האָב זי פאַרזיכטיק און צאַרט צונויפגעלייגט און פאַרבאַהאַלטן טיף אין דער הויזן־קעשענע, ווײַל דאַן, צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן, האָב איך געקענט אָפּשאַצן די קראַפט פון אַ געזעצלעך פּאַפּירל, וואָס אַפילע מאָניע ליפשיץ, דער סטראַשנע סטאַרשי קאָנטראָליאָר, דער מוירעדיקער פאַרפאַלגער פון זײַצעס, האָט געמוזט זיך דעם אונטערגעבן.

דער פאָרהאַנג האָט זיך שוין אופגעהויבן, און נויקע איז ניטאָ. עפעס האָט ווידער מיך אָנגעהויבן עגבערן. כ׳האָב געפּרוווט אָפּזוכן גיטלען. עפשער דורך איר וועל איך אַנטפּלעקן די שפּורן פון מײַן ברודער. איך האָב גענישטערט מיט די אויגן אין אַלע זײַטן. מיטאַמאָל האָב איך דערזען איר קעפּעלע באַנאַנד מיט מירלאַסעס ברייטע פּלייצעס. איך ווייס ניט פאַרוואָס, צי דערפאַר, וואָס מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון ראַכמאָנעס צו מײַן ברודער, צי דערפאַר, וואָס ס׳האָט מיך פאַרדראָסן, האַלעמײַ זי האָט ניט דערפילט מײַנע הייסע בליקן און ניט אויסגעדרייט איר קאָפּ אין מײַן זײַט, — אָבער אין מײַן נעשאָמע איז אַלץ געוואַקסן און געזאָטן אַ גרויסער צאָרן און אַפילע אַ סינע צו גיטלען. ס׳האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס נויקע, דער קעמפער, דער זעלנער, דער דרייסטער ברודער מײַנער, ווערט אַזוי צעקראָכן אין דער אָנוועזנהײַט פון דער קליינער גיטעלע. פּאָשעט, ניט צו פאַרשטיין. ווען איך זאָל זײַן אויף זײַן, אָרט, וואָלט איך איר שוין געוויזן! ערשטנס... אָבער, דאָדיע דער טאָטער, וואָס איז

געזעסן לעבן מיר, האָט מיך ניט געלאָזט דערטראַכטן מײַן געדאַנק. ער האָט מיך א שטורכע געטאָן מיט דער האַנט און אויסגעשריִען:

— זע נאָר, זע! דאָס איז דאָך מײַן קאָלדרע...

כ'האָב זיך א קער געטאָן צו דער סצענע. ווירקלעך. אין רעכטן ווינקל איז געשטאַנען א שמאָל אײַזערן בעטל, אויף בעט — מײַן קישן מיט דער גרויסער לאַטע אויבנאָן, אויפן ווײַסן קישן — א שוואַרצער קאָפּ פון, ווײַזט אויס, א קראַנקן מענטשן, אויפן מענטשן — דאָדיעס צעריסענע קאָלדרע. לעבן בעט שטייט אויף די קני א יונגע פרוי. און אויף דער גאַנצער סצענע — אַזאַ אָרעמקייט, אַזאַ מין דאַלעס, וואָס נאָר איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָט זיך דער לאַנגער אַדמיניסטראַטאָר אַזוי דערפרייט, קוקנדיק אויף דער גרויסער לאַטע, אַזאַ גרויסע, אַז איצט האָט זי זיך געלאָזט זען אַפילו פון אונטערן קאָפּ פונעם קראַנקן.

מיך האָט שטאַרק דערשיטערט דער אויסזען פון דעם דאָזיקן, ווײַזט אויס, טויט־קראַנקן מענטשן. דאָס געזיכט זײַנס איז געווען בלאַס, ווײַס ווי דאָס ציכעלע פונעם קישן, אויף וועלכן ס'איז געלעגן זײַן קאָפּ. ס'האָט אויסגעזען נאָך בלאַסער מאַכמעס דעם, וואָס די פעך־שוואַרצע געקרײַזלטע האָר זײַנע זײַנען געווען ווי א מין ראַם פאַרן פּנים. און וואָס מיך האָט דערהויפּט דערשיטערט — איז געווען דאָס, וואָס דער דאָזיקער מענטש אויפן בעטל איז געווען וווּנדערלעך ענלעך אויף נויקען. אַזוי ענלעך, אַז מיר איז געקומען אויפן געדאַנק א ווילדע האַשאָרע... נאָר איין גאָט ווייסט, וויאַזוי און פונוואַנען זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אין מײַן פיבערהאַפטן מויעך.

גיט א קוק אויף דער סצענע! די דעקאָראַציעס, די גאַנצע אויסשטאַטונג, איז מאַמעש א פּיזיש אַריבערגעטראָגענע אויף דער בינע שטיק שטעטל. אַלע זאַכן, וואָס אײַערע אויגן זעען, זײַנען אײַך ניט נאָר גוט באַקאַנט, דאָס איז, פּשוט, אײַער אייגנס. זיי געהערן אײַך, די צושויער. איך, אַשטייגער, האָב דערקענט מײַן קישן, אויף וועלכן איך שלאָף. דאָדיע — זײַן קאָלדרע, מיט וועלכער ער דעקט זיך אײַן. מאָניע ליפשיץ — זײַן אַלט אײַזערן בעטל, מיט וועלכן ער איז זיך צוזאַמענגעוואַקסן פּיל פריִער, ווי מיט זײַן פליך, ווײַל ער איז געשלאָפן אויפן בעטל נאָך דעמלט, ווען אין זײַן געדיכטער שעוועליורע איז נאָך קיין סימען ניט געווען פון קיין פליך.

אוואַדע האָב איך גוט פאַרשטאַנען, אַז די אָרעמע בלאָנדזנדיקע טרופּעס האָבן דאָס געמוזט טאָן, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט קיין אייגענעם רעקוויזיט. אָבער, כ'האָב געמיינט, כ'האָב געוואָלט מיינען, אַז זיי טוען דאָס אומיסטן, מיט א ספּעציִעלער קינסטלערישער קאַוואָנע, אַז די קונסט און דאָס לעבן זאָלן זײַן ווי א צווילינג, אַז דאָס, וואָס זיי באַווײַזן אויף דער בינע, זאָל זײַן וואָס נעענטער, וואָס פאַרשטענדלעכער דעם צושויער, אַז ס'זאָל געשאַפן ווערן א ווירקלעך היגער קאָלאָריט, ווען דעמלט די בינע און דער צושויער־זאָל זײַן פולקום אײנהײַטלעך. צוליב וואָס דאַרף מען דאַן דעם פאָרהאַנג? מ'דאַרף אים טאַקע ניט.

דאָ ניט לאַנג האָבן די ברידער רובין אונדז באַגליקט מיט א בליץ־וויזיט. די אַפּישע האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געשריִען: נאָר איין אָוונט! בלויז איין קאָנצערט! זיי זײַנען געקומען צווײ אַזייגער באַטאָג. ביז פינף האָבן זיי זיך דערוווּסט און פאַרגראַמט אין קופּלעטן אַלע שטעטלדיקע נײַסן און פּליאָטקעס. און זיבן אַזייגער אָפּדערנאַכט האָבן שוין די ברידער רובין געזונגען פון דער סצענע, דער א פערז און דער אַנדערער א פערז:

— קומט אַהער! אי טאָ וואָס גיכער!
— ווי א וויכער! ווי א וויכער!
— וואָס אַזוינס? וואָס האָט פּאַסירט?
— אײַ, ניט פרעגט! מ'האָט די פלוי
— אויפגעגעסן. אוי־אוי־אוי!
— טאַקע אַזוי?
— ניין. זי לעבט דאָך, עקזיסטירט.
— כאַפּט א קוק אויף איר.
— אָך! ווי פלינק זי שפּרינגט!
— טאָ פאַרשפּאַרט זשע שנעל די טיר!

אוואַדע האָבן מיר „געכאַפּט א קוק" אין דער זײַט, וווּהין ס'האָט אָנגעוויזן איינער פון די רובינס, און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. דאָרטן איז געזעסן פראָים פלוי. געזעסן און ניט געוווּסט, צי זאָל ער לאַכן, צי זאָל ער פּראָטעסטירן. דערנאָך האָט ער טאַקע זיך אָנגעשטויסן, אַז קליגער איז לאַכן. האָט ער אָנגעהויבן צו קוועלן מיט אונדז צוזאַמען.

איך האָב א טראַכט געטאָן: ניט אַנדערש, ווי מײַן באַקאַנטער אַדמיניסטראַטאָר האָט אײַנגערעדט נויקען, ער זאָל שפּילן די ראָל פונעם גויסעס, שפּילן זײַן אייגענעם טויט אויפן אייגענעם קישן.

אָבער ווו איז דאַן גיטל? פאַרוואָס האָט ער ניט פאַרבעטן גיטלען שפּילן די ראָל פון אָט אָ־דער יונגער נאָבעלער פרוי? צי קאָן מען אָבער פאַרגלײַכן די קאַלטע גלײַכגילטיקײַט פון גיטעלעס פּאָנעם מיט די איידעלע געזיכט־שטריכן פון אָט דער פרוי?

כ׳האָב צוגעמאַכט די אויגן און אײַנגעלאַדן גיטלען אַף א דינטוירע. זי מוז זיך פאַרענטפערן. וואָס איז פאָרגעקומען מיט מײַן ברודער נויקע? און מיט איר — אויך?

נאָר ווען איך האָב ווידער אופגעעפנט די אויגן, איז גיטל שוין ניט געזעסן אַף איר אָרט. זי איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. ניין, אָט איז זי, דאַכט זיך. באַם ארויסגאַנג. כ׳האָב זיך א ריס געטאָן פון מײַן אָרט.

— וואָס אנטלויפסטו? — האָט מיך געפּרווּט פאַרהאַלטן דאָדיע.

— איך מוז גיין זוכן מײַן ברודער.

— נו, און דער קישן?

— וועסט אים צונעמען איבײנעם מיט דײַן קאָלדרע.

— אויב אַזוי, איז גוט. מעגסט זיך ניט זאָרגן.

דאָדיע סטאַרעט זיך איצט נויסעכיין זײַן באַ מיר אין די אויגן.

עפּשער איז נויקע אין דער היים? — האָב איך א טראַכט געטאָן. ס׳איז א סאָפּעק, פאַרשטייט זיך. נויקע האָט אויך זייער ליב טעאַטער און וואָלט ניט דערלאָזט, אַז די קאָנטראַמאַרקע זאָל פאַרפאַלן ווערן, סײַדן ער איז קראַנק געוואָרן.

די מאַמע האָט מיך באַגעגנט אָן אומרויִק־פאַרוווּנדערטע:

— וואָס אַזוי פרי? און ווו איז נויקע?

כ׳האָב רויִק געענטפערט:

— איך בין געקומען צו לויפן נאָך דער קאָנטראַמאַרקע. נויקע וואַרט אַף מיר באַם טעאַטער.

וואָס דען האָב איך געקענט זאָגן מײַן מאַמען?

איך האָב לאַנג געבלאָנקעט איבער די נאַכטיקע וויסטע גאַסן און געסלעך און געהאַלטן אין איין פרעגן זיי: ווו איז מײַן ברודער?

דער שניי האָט באַרויִגעז געסקריפּעט אונטער די פיס. וואָס?.. ער פאַרטויבט זיך אליין. שטעל איך זיך אָפּ צו הערן פון אים אָן ענטפער, פונעם שניי, — ווערט ער אנשוויגן.

ווו זשע איז ער, נויקע?

אין איינס בין איך געווען זיכער: אויב נויקע איז ניט אין דער היים, איז ער אין א צווייטער היים. דאָרטן, ווו גיטל איז. ער איז באַרויִגעז אַף איר? איך ווייס. אָבער כ׳ווייס אויך, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ער האָט זי שטאַרק ליב. אַז ער קאָן ניט לעבן אָן איר. ער האָט מיר וועגן דעם, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ניט געזאָגט, אָבער איך האָב דאָס אויסגעלייענט אין זײַנע גרויסע טרויעריקע אויגן.

און איך בין ווידער אוועק צו גיטלס שטיבל. דער שניי האָט רוישיק מאַסקים געווען מיט מײַן באַשלוס. מיר האָט זיך אַפילע אויסגעוויזן, אַז דער שניי באַווײַזט מיר די שפּורן פון נויקעס טריט.

ווירקלעך. ווען איך האָב זיך דערנעענטערט צו דער שטוב, ווו ס׳האָט געוווינט גיטל, האָב איך דערזען נויקען. מיט ניט קיין זיכערע טריט איז ער פונקט דעמלט אויך צוגעגאַנגען און א קוק געגעבן אין א באַלויכטן פענצטער. אין דעם באַלויכטענעם פענצטער. דאָס פענצטער איז געווען דאָס זעלבע, אָבער נויקע איז ניט געווען דער זעלבער. נאָך דאָ ניט לאַנג פלעגט ער אָנקלאַפּן אין אָט דעם פענצטער זיכער, פעסט, ווי א באַלעבאָס. איצט גאַנוועט ער זיך, ווי א שאָטן. דאַרער נאָך און פאַרשוואַרצטער ווי אַלעמאָל, איז ער איצטער טאַקע געווען געראָטן אין א שאָטן.

נויקע האָט מיך ניט באַמערקט. איך האָב אָבער דערזען, ווי ער האָט זיך פּלוצעם א וואָרף געטאָן פונעם פענצטער און גיך, קימאַט לויפנדיק, אוועקגעשפּאַנט. וואָס האָט אים דאָרט געקאָנט אַזוי אָנשרעקן? פאָרזיכטיק און שטיל, אַזוי שטיל, אַף וויפל דער שניי האָט מיר עס דערלויבט, בין איך צוגעגאַנגען צום פענצטער, אופגעהויבן זיך אַף די שפּיץ פינגער, ארײַנגעקוקט צווישן די פּראָסטיקע קווייטן, וועלכע האָבן נאָך ניט פאַרלוירן די וואַרעמע שפּורן פון נויקעס אָטעם. גאָרניט אַזוינס אויסערגעוויינלעכס האָב איך ניט דערזען. וועלוול מירלאַס האָט געהאָלפן גיטלען אראָפּנעמען פון זיך דעם מאַנטל. ער האָט דערבײַ, ווײַזט אויס, דערציילט איר עפּעס לעכערלעכס, ווײַל זי האָט פריילעך געלאַכט. זי האָט געלאַכט, און איך האָב א טראַכט געטאָן, אַז אָט די גיטל איז א שיין באַשעפעניש, נאָר אָן געפילן, אָן געוויסן, אויב אַזאַ דין גלאָז האָט געקאָנט זײַן פאַר איר ווי א מין שטאָלענער פּאַנצער, אַז ס׳זאָלן ניט דערגרייכן צו איר האַרץ די לעצטע שטראַלן פון א גויסעסדיק לעבן.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט מײַן מאַמעס שטימע:

— נוי־קעז!

זי האָט געמיינט, אַז איך בין נויקע. ווער דען נאָך וועט זײַן אין אַזאַ פּראָסט אונטער גיטלס פענצטער?.. די מאַמע האָט געבראָכן די פינגער.

— ווײ איז מיר... ווו ביסטו געווען? ווו איז נויקע? דאַדיע האָט מיר געבראַכט דעם קישן און מיר געזאָגט, אַז דו ביסט שוין לאַנג אַוועק פונעם טיאַטער, און נויקע איז דאָרט ניט געווען...

איך האָב באַרויִקט די מאַמע, וואָזוי כ'האָב געקענט. נויקע איז שוין געוויס אין דער היים, אָט וועסטו זען.

ווען מיר זײַנען געקומען אַהיים, איז נויקע, ווירקלעך, געווען שוין אין שטוב. ער איז געלעגן אין בעט. זײַן קאָפּ האָט זיך געשוואַרצט אָף דעם ווײַסן קישן מיט דער גרויסער לאַטע. זײַן געזיכט איז געווען בלאַס. ווײַס, ווי דאָס קישן־ציכעלע, און אויסגעזען נאָך בלאַסער, מאַכמעס דעם, וואָס זײַנע פעך־שוואַרצע געקרײַזלטע האָר זײַנען געווען ווי אַ מין ראַם פאַרן פּאָנעם. מיך האָט פּאַשעט דערשיטערט די איבעראַשנדיקע ענלעכקײַט פון מײַן ברודער מיט יענעם גויסעסדיקן מענטשן אָף דער סצענע. עס האָט אויסגעזען, פּונקט ווי דאַדיע וואָלט צו־זאַמען מיטן קישן געבראַכט דעם קראַנקן אַליין, אַז ער זאָל שטאַרבן אין אַ יידישער שטוב.

איך האָב אָפּגיך אַראָפּגעכאַפּט דעם קישן פון מײַן בעטל.

— נויקע!

מײַן ברודער האָט געעפנט די אויגן.

— נויקע, לאָמיר זיך בײַטן מיט די קישנס.

נויקע האָט ווידער ברייט צעעפנט די אויגן. אַ קנייטש געטאָן מיט אַן אַקסל. די מוטער האָט אַ מאַך געטאָן אָף מיר מיט די הענט.

— לאָז אים שלאָפן, וואָס ווילסטו פון אים?

— מאַמע... דאַכט זיך... כ'האָב געזען, דאַכט זיך... אָפן ציכל קריכן לײַז...

— וואָס זאָגסטו?.. וואָס רעדסטו נאַרישקײַטן...

וואָס נאָך האָב איך געוואָלט זאָגן מײַן מאַמען, אַז דאָס זאָל דערגיין צו איר... איך האָב דאָך איר ניט געקאָנט זאָגן, אַז דער שוואַרצער קאָפּ פון יענעם מענטשן האָט איבערגעלאָזט אָפן ציכל טויט־מיקראָבן... און אַז איך האָב מוירע, איך האָב שטאַרק מוירע פאַרן לעבן פון מײַן אָרעמען ברודער.

ווי נאָר די מאַמע האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז נויקע אופגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו מײַן בעט, אָנגעבויגן זיך צו מיר און מיר שטיל געזאָגט:

— אינדערפרי זאָלסטו גיין צו מירלאָסן און אים זאָגן, אַז כ'וועל ניט קומען מאָרגן אָף דער אַרבעט.

איך האָב געקוקט אָף אים מיט דערשראָקענע אויגן און געשוויגן. נויקע איז געוואָרן אין כּעס.

— נו, וואָס קוקסטו אָף מיר, ווי אַ גוילעם? האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען צי וואָס?.. זאָלסט אים מאָרגן זאָגן, אַז ער זאָל ניט וואַרטן אָף מיר. נו, שוין, שלאָף.

5

כ'האָב געדרעמלט. אָבער אײַנשלאָפן האָב איך ניט געקאָנט. איך בין געלעגן. אָבער אוועק־לייגן זיך אײַנגאַנצן האָב איך ניט געקאָנט. פּעניִמאָר פלויס האַנט האָט מיך געהאַלטן אינדער־לופטן פאַר אַ הויט־פּאַלד פון דעם רוקן, ווי אַ קאַץ האַלט אין די ציין איר קעצעלע, ווען זי טראָגט עס איבער אָף אַן אַנדער אָרט. האָט מיך די האַנט געהאַלטן אינדערלופטן און ניט געלאָזט מיך ניט לייגן זיך, ניט אײַנשלאָפן.

איך האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן צו פּעניִמאָרן, אַז איך וועל זיך זשאַלעווען אָף אים נויקען, נאָר ער האָט מיך אויסגעלאַכט, געדראָעט מיט זײַן ליידיקן אַרבל. כ'האָב זיך איבער־געשראָקן און בין אַנידערגעפאַלן אָף דער ערד. דעמלט האָט פלוי אָפּגעריסן אַ ברעט פון דער טיר, אַוועקגעלייגט זי מיר פּאַפּערעק אָפן רוקן, אַוועקגעשטעלט זיך אָף איין עק ברעט, און דאַדיע דער טאַטער אָפן צווייטן עק, און הוידענדיק זיך, האָבן זיי ביידע געשריגן אין טאַקט: סאַם־סאַם, סאַם־סאַם...

כ׳האָב זיך אופגעכאַפּט פון געשריייען. ניט געקאָנט צו־זיך קומען. אונדזער שטוב איז געווען פול מיט מענטשן. אַלע האָבן אויסגעזען ווי פרעמדע. כוץ מײַן פעטער געדאַליע. ער און נאָך עפּעס א מאַנצבל האָבן געהאַלטן מײַן מוטער פאַר די הענט. זי האָט זיך געריסן, געשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין זייערע ברוסטן, אַן אופהער געשריגן:

— נוי־קע! נוי־קע־לע... לאָזט מיך צו מײַן זון... לאָזט מיך, לעמאַנהאשעם...

איך בין אראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט, א לאָז געטאָן זיך צו מײַן ברודער. עמעצנס שטאַרקע הענט האָבן מיך געכאַפּט פאַר די פּלייצעס. איך האָב זיך א ריס געטאָן מיט אַלע מײַנע קויכעס. מײַן העמד האָט זיך צעריסן, נאָר איך האָב זיך באַפרײַט פון די אײַזערנע הענט, דורכגעשטופּט זיך צווישן די מענטשן, וואָס האָבן ארומגערינגלט נויקעס בעט.

ער איז געלעגן אַזאַ, ווי איך האָב אים געזען נעכטן אָפּדערנאַכט: א שוואַרצער קאָפּ אַף א ווײַסן קישן. נאָר די אויגן זײַנע זײַנען געווען ברייטער ווי געוויינלעך, זיי האָבן פיבערדיק געבלישטשעט, און די הויט אַף זײַנע ליפּן איז געווען פאַרטריקנט און פאַרקנייטשט. איך האָב געוואָלט כאַפּן זײַן בליק, נאָר ער האָט געקוקט איבער מײַן קאָפּ אין עפּעס א ווינקל אַף דער סטעליע. דעמלט בין איך צוגעפאַלן צו דעם בעט. נאָכאַמאָל האָבן עמעצנס הענט געפּרוווט אָוועקשלעפּן מיך. איצט האָב איך זיך ניט געווערט. דאָ בין איך איצט איבעריק. איך מוז זײַן ערגעץ אַנדערש. און ווען די מאַמע האָט זיך א ביסל באַרויִקט, און דער פעטער געדאַליע איז אוועק נאָכן דאָקטער, האָב איך זיך שנעל אָנגעטאָן און בין אויך אוועק. איצט איז מיר אַלצײַנס. איך מוז איר זאָגן דעם עמעס. דעם גאַנצן עמעס. איך מוז איר ארויסזאָגן אַלץ, וואָס איך פיל. מײַן האַס, מײַן לײַדנשאַפטלעכע סינע צו איר. כוץ דעם, איז מײַן כויוו איר דערציילן, וואָס עס איז געשען. זאָל זי ווייסן. זאָל זי זיך מוטשען דאָס גאַנצע לעבן. זי און איר געוויסן.

מיט א טראַסק האָב איך געעפנט די טיר און אַרײַנגעריסן זיך אין צימער. גיטל איז געזעסן אין א בלוי שלאַפרעקל, באַשפּרענקלט מיט קווייטעלעך. א פאַרוואונדערטע, האָט זי אופגעהויבן דעם קאָפּ פונעם געניי, וואָס איז געלעגן אַף אירע קני, און געוואָרפן אַף מיר א פרעגנדיקן בליק. איך האָב געשוויגן. גערעדט האָבן מײַנע אויגן. אַזוי בייז, אַזוי אופגערעגט, אַז אירע הענט זײַנען מאַכטלאָז אַנידערגעפאַלן אַף די קני.

אַלץ שטיל, אַלץ שווײַגנדיק, האָב איך זיך דערנעענטערט צו איר מיט א הויך פאַרהויבענער שווערד אין דער האַנט. זי האָט זיך א הייב געטאָן פונעם אָרט. איר שלאַפרעקל האָט זיך צעכראַסטעט און א ביסל אַנטבלויזט איר ברוסט. מײַן האַנט האָט א ציטער געטאָן, ווי בא מענעלײַען, די שווערד איז מיט א קלאַנג געפאַלן אַף דער ערד, און איך האָב ארויסגעדריקט פון זיך נאָר פיר טרויעריקע ווערטער:

— נויקע האָט זיך געסאַמט.

דאָס דאַרינקע פּענעמל גיטלס איז געוואָרן אַזוי בלייך, אַז ס'האָט אופגעהערט זײַן ברוין. אירע אויגן האָבן זיך פאַרברייטערט פון גרויל און פאַרנומען א האַלב געזיכט. איר האַנט האָט געכאַפּט די לופט, זוכנדיק אַן אָנשפּאַר. מיר האָט זיך פאַרוואָלט זײַן אַזאַ אָנשפּאַר. איך בין צוגעגאַנגען צו איר. זי האָט ארומגענומען מײַן קאָפּ און צוגעדריקט צו איר ברוסט. איך האָב זיך צעוויינט.

זי האָט, ווי א מוטער, געגלעט מײַנע האָר.

— ווײן ניט, מײַן יינגעלע... מײַן אָרעם יינגעלע... ווײן ניט... מ'דאַרף ניט...

אָבער זי האָט אַליין געשלונגען טרערן.

און איך האָב זיך צעכליפּעט, ווי א קליין קינד. איך האָב באַדויערט נויקען. איך האָב באַדויערט גיטלען. גיטלען, עפּשער נאָך מער, ווי נויקען. איך שעם זיך מודע זײַן, נאָר איך בין געווען גרייט מוחל זײַן איר אַלץ. אַלצדינג. אפילע דעם טויט פון מײַן לײַבלעכן ברודער.

ווײַזט אויס, אַז איך האָב טאַקע דערפילט א בושע, ווײַל איך האָב זיך באַפרײַט פון אירע אָרעמס. איך האָב אַנטשלאָסן גענומען גיטלען פאַר דער האַנט.

— לאָמיר גיין.

א דערשראָקענע האָט זי א קוק געגעבן אַף מיר.

— וווהין?

איך האָב איר געזאָגט, זי זאָל זיך אָנטאָן, און אָפּגעקערט זיך אין א זײַט.

זי האָט זיך אָפּגיך אָנגעטאָן. מיר זײַנען ארויס אַף דער גאַס. גיטל איז געווען העכער פון מיר, און ווײַל זי איז געווען דין און שלאַנק, האָט זי אויסגעזען נאָך העכער, — נאָר איך האָב זי גענומען פעסט פאַר דער האַנט, ווי א טאַטע זײַן פאַרשולדיקט מיידעלע, און מיטגעשלעפּט זי איבער די פרימאַרגנדיקע, נאַרוואָס אופגעוואַכטע, שטעטלדיקע גאַסן.

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן דערזען, ווען מיר זײַנען צוגעקומען צו אונדזער שטוב, איז געווען א בריטשקע. יוינע דער באַלעגאָלע איז שוין געזעסן אַף איר, און דער דאָקטער פײַנבערג

האָט ערשט גענומען שווער ארופקלעטערן, ווען מײַן מאמע איז צוגעפאלן צו אים און אלץ דער־פרעגט זיך: „ער וועט לעבן? ער וועט לעבן?..‟, זי האָט זיך געבעטן באם דאָקטער, ווי בא גאָט. מאמע! אין די דאָזיקע שײַלעס דײַנע האָב איך צוזאמען מיט דיר געפילט א פּוד שרעק און א לויט האָפענונג.

דאָקטער פײַנבערג האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. די מאמע האָט אים געכאפּט פארן ארבל, פארהאלטן אים, ארײַנגעקוקט אים אין די אויגן און געהאלטן אין איין פרעגן: „ער וועט לעבן?‟, „ער וועט לעבן?‟, איבערכאזערנדיק אָן א שיר און אָן אן עק איינע און די זעלבע פראגע, פּונקט ווי זי וואָלט מיטאמאָל פארגעסן די שפּראך און פארגעדענקט נאָר אָט אָ־די דרײַ ווערטער.

דאָקטער פײַנבערג איז שוין געזעסן אַף דער בריטשקע און אופמערקזאם באטראכט די נעז פון זײַנע פײַן אויסגעפוצטע שטיוועלעך. ער האָט ארײַנגערוקט אין דער האנט, וועלכע האָט אים געכאפּט פארן ארבל, עפּעס א פּאַפּירל מיט א רעצעפּט און געברומט אין זײַנע העלע פּרעכטיקע וואָנצעס: „סאמסאָן פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט! ווערטער פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט! דער רועך ווייסט, וואָס עס טוט זיך אין שטעטל!.. ער וועט לעבן? ער וועט לעבן? קטאָ יא? גאָס־פּאָד באָג, טשטאָ לי...[1]‟

דאָקטער פײַנבערג פלעגט אמערסטן ריידן רוסיש. מיט ייִדישע פּאציִענטן פלעגט ער גע־ברויכן געציילטע ייִדישע ווערטער: „סאָפּע יאָ. סאָפּע ניט. עפן דאָס מויל. פארמאך דאָס מויל. באווײַז די צונג. באהאלט די צונג. זאָג: א־א־א... נו, גענוג. שווײַג שטיל. האָסט געכאפּט אן אינ־פלוענציע‟. דער דאָקטער האָט א ביסל צוגעפּאָנפּעט דערבײַ, פּונקט ווי ער זאָל שפּרעכן פראנ־צויזיש. איך האָב געמיינט, אז ער פּאָנפּעט צו, ווײַל זײַנע געדיכטע וואָנצעס פארשטעלן אים די נאָזלעכער. ער האָט געוווינט ווײַט, אין עק שטעטל, האָט ער אונטערגעצײַלט דעם באלעגאָלע. יוינע האָט א צי געטאָן מיט די לייצעס.

די מאמע האָט פארלוירן נאָכגעקוקט, ווי די בריטשקע פארקערעוועט און ווערט פארשוווּנדן. איר פלייצע האָט פאר איין נאכט זיך אזוי אײַנגעבויגן, אז זי האָט אויסגעזען ווי א האָרבאטע. זי האָט געריבן מיט די פינגער דעם רעצעפּט, און אירע אויגן, רויטע פון געזאלצענע טרערן, זײַ־נען איצט געווען געווענדט אַף מיזרעך, זי האָט געבעטן הילף. גיטל האָט געמאכט עטלעכע טריט צו איר. די מוטער האָט זי באמערקט, בלאָס געוואָרן פון סינע. גיטל האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך געשטעלט באנאנד מיט איר. די מאמע האָט זיך אָפּגעקערט.

איך האָב ווידער גענומען גיטלען פאר דער האנט און געלאָזט זיך מיט איר אין שטוב ארײַן. די מאמע האָט זיך א ריס געטאָן פונעם אָרט, איבערגעיאָגט אונדז, אוועקגעשטעלט זיך פעסט, אנטשלאָסן אַף דער שוועל, צעשפּרייט די הענט.

— נאָר איבער מײַנע טויטע ביינער!

מײַן מאמע האָט געהאט א שרעקלעכן אויסזען. איך האָב איר געזאָגט ווי מעגלעך ווייכער:

— מאמע... מאמעניו... לאָז אונדז... לאָז זי...

נאָר די מאמע האָט איבערגעכאזערט הויך, אנטשיידן, פארצווייפלט:

— נאָר איבער מײַנע טויטע ביינער!

ס׳איז געוואָרן טויט־שטיל. פּונקט ווי צווישן טויטע ביינער.

ביינער! טויטע ביינער!

ווארף אראָפּ די שיך! דו ביסט אַף א הייליק אָרט. דאָס זינדיקע לעבעדיקע שטעטל איז גע־וואָרן א טויט הייליק אָרט. ס׳איז טויט־שטיל. ניטאָ קיין לעבעדיקער נעפעש. ניטאָ. קיינער ניט. ניט נויקע. ניט גיטעלע. ניט וועלוול מירלאס. ניט דאָדיע דער טאָטער. ס׳איז ניטאָ מאָניע ליפּ־שיץ. ס׳איז ניטאָ אזריל פּעמפּיק. יוינע באלעגאָלע איז אויך ניטאָ. ניטאָ דאָקטער פײַנבערג. ניטאָ פראָ:ים פלוי. ניטאָ קיינער ניט. קונצענדאָרף וועט ניט קומען צו פאָרן מיט קלימענקאָן. צו וועמען? צו ביינער? צו טויטע ביינער? די ברידער רובין וועלן אויך ניט קומען. ווײַל זיי זײַנען ניטאָ. ניטאָ. און דער גוטמוטיקער אדמיניסטראטאָר וועט אויך ניט קומען. ער איז ניטאָ. ער האָט גע־האט צו א לאנגע נאָז.

דארף מען קלאָגן, קינע זאָגן?.. באוויינען, ווי ייִרמעיאָהו?.. אייכאָ?.. ווי:אזוי?..

ווי איינזאם שטייט דאָס שטעטל! אמאָל א לעבעדיקס, רײַך מיט מענטשן, א פריילעכס, איז דאָס איצט ווי אן אלמאָנע. עס וויינט טאָג און נאכט, און טרערן גיסן זיך דעם פון די אויגן...

ניין. מ׳דארף ניט. כ׳קאָן נאָך אליין אָנהייבן וויינען און וועל ניט זען, ווי צו שרײַבן. כ׳וועל בעסער זינגען א ליד. א וויגלידעלע. כ׳האָב דאָס געזונגען לייעלען.

אמאָל איז געווען א שטעטעלע.
דאָס שטעטעלע האָט געהאט...

---

[1] ווער בין איך? א גאָט, צי וואָס?

וואָס האָט עס געהאַט?
גאָרניט. שמוץ. קויט. קונצענדאָרפן.
מ׳טאָר ניט אַזוי...
דאָס שטעטעלע איז ווי א מאמע.
דאָס שטעטעלע איז ווי א וויגעלע.
אונדזער אלטמענס וויגעלע.
דאָס שטעטעלע איז געווען מילד,
איַ ליו־ליו, מיַין קינד.
וויי איז דיר און ווינד.
אָבער וואָס קען מען טאָן?..
גאָרניט. ניטאָ. פארפאלן.
פארפאלן?.. וויִאזוי זשע, גאָטעניו געטריַיער!
מ׳קאָן דאָך פון זינען אראָפּ!..

נו שוין. גענוג. ווילסט זיך אויסוויינען, טאָ וויין זיך אויס. נאָר שטילערהייט. טויט־שטיל. מאַך ניט א טעל די שטימונג בא אנדערע...

אָבער, ביינער! טרוקענע ביינער!
איר קענט דאָך וווּנדער באַוויַזן!
און ער האָט מיך אוועקגעשטעלט אין מיטן פעלד.
און דאָס פעלד איז געווען פול מיט ביינער.
און די ביינער זיַינען געווען טרוקן.

און ער האָט מיך געפרעגט: צי וועלן אופלעבן די דאָזיקע טרוקענע ביינער?..

ניין, ניין. ניין! נ־יי־ן!
אזא מין וווּנדער קאָן ניט געשען.

ס׳איז דאָך, אפילע, קיין ביינער ניט געבליבן. מ׳האָט זיי צעקלאפּט. מ׳האָט זיי צעברעקלט. מ׳האָט זיי צעמאָלט. מ׳האָט זיי פארברענט. מ׳האָט געמאכט פון זיי אש. און דאָס אש איז אויך ניט פארבליבן. א ביסעלע אש אין אן אורנע איז ניט פארבליבן פון א גאנצער שטאָט. גאָרניט. גאָרניט. גאָר־ניט!.. צוליב וואָס זשע טרייסטן זיך מיט קינדער־מיַיסעלעך? ...און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א ראַש, און די ביינער האָבן זיך א ריר געטאָן פונעם אָרט, און זיי האָבן זיך דערנעענטערט, איין ביין צו דעם צווייטן... גאָרניט. פארפאלן. אויסגעלאָשן. אָבער מ׳קאָן ניט פארגעסן. מ׳טאָר ניט פארגעסן. איבעריקנס, כ׳האָב צו איַיך קיין טיַינעס ניט. אויב איר קאָנט — ריַיסט עס ארויס פון איַיערע הערצער. איך קאָן ניט. שמוציק אָדער ניט שמוציק, — ביסטו מיַין שטעטעלע. מיַין היים. מיַין וויגל. און איך וועל דיר זיַין טריַי ביזן טויט! ביז דער שווארצער מענטש וועט אָנקלאפּן אין טיר...

6

און ווען עס איז געוואָרן אזוי שטיל, איז גיטל געשטאנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און די פלייצע האָט זיך בא איר געהויקערט קימאט אזוי, ווי בא מיַין מאמען. געהויקערט און געטרייסלט זיך פון אינווייניקסטע שלוכצן. זי האָט זיך אָפּגעקערט און לאנגזאם זיך דערוויַיטערט. די מאמע האָט מיר ארײַנגעשטעקט אין דער האנט דעם רעצעפּט:

— לויף גיכער אין אפּטייק. ס׳ט נעמען די רעפוע.

כ׳האָב א קוק געגעבן איר גליַיך אין די אויגן:

— די בעסטע רעפוע גייט אוועק פון אונדז...

די מאמע האָט זיך פארטראכט. אוועקגענומען בא מיר דעם רעצעפּט. האָב איך דעריאָגט גיטלען, נאָכאמאָל גענומען זי פאר דער האנט, געפירט זי צוריק. די מאמע איז נאָך אַלץ געשטאנען א פארלאָרענע. ווען זי האָט אונדז דערזען, האָט זי זיך מיטאמאָל א קער געטאָן, און דאָס ווארעמע טיכל, וואָס איז נאָכלעסיק אראָפּגעהאנגען פון די פלייצעס, האָט זיך אראָפּגעגליטשט אָף דער ערד. גיטל האָט ארויסגעריסן איר האנט פון מיַינער, צוגעלאָפן צו מיַין מאַמען, אָנגעבויגן זיך, אופגעהויבן דאָס טיכל, ארופגעוואָרפן איר אָף די אקסל און זייער שטיל געזאָגט:

— איר וועט זיך נאָך צוקילן... איר טאָרט ניט שלאָף זײַן... איר זײַט נייטיק נויקען...

מײַן מאמע האָט זיך אויסגעקערעוועט צו איר. זי האָט זיך א וואקל געטאָן. גיטל האָט זי אונטערגעהאלטן, ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך. טרערן האָבן זיך א גאָס געטאָן איבער איר בלאס פּאָנעם. מײַן מאמע האָט זיך אויך צעוויינט. איך בין צוגעגאנגען, ארומגענומען זיי ביידע. טרערן זײַנען געשטאנען אין מײַנע אויגן, נאָר איך האָב זיך אײַנגעהאלטן. פּאָרט א מאנצבל. און איך האָב גיכער זיך אָנגעשטויסן, ווי דערהערט דאָס, וואָס מײַן מאמע האָט געשעפּטשעט גיטלען:

— ראַטעוועט מײַן ייִנגעלע...

אינגיכן איז געקומען דער פאַרדײַגעטער פעטער געדאַליע, און ביידע, די מאמע און ער, זײַנען אוועק אין אַפּטייק.

און איך בין צוגעגאנגען צו דער טיר, ברייט אופגעעפנט זי, דורכגעלאָזט פאָרויס גיטלען אין צימער, און אליין געבליבן שטיין אף דער שוועל.

מיט ניט זיכערע טריט, אין האלב פינצטערן צימער, ווו זי איז נאָך קיינמאָל ניט געווען און אין וועלכן זי האָט נאָך ניט באוויזן ארומקוקן זיך, האָט זיך גיטל געלאָזט גיין צום בעט. אָנגעבויגן זיך. אראָפּגעלאָזט זיך אף די קני. כ'האָב באמערקט, ווי נויקעס ברייטע האנט, א שוואכע, א ציטערנדיקע, האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף איר קאָפּ. כ'האָב שטיל פאַרמאכט די טיר און בין ארויס אין דרויסן.

7

איך האָב זיך דערמאָנט וועגן נויקעס שליכעס צו מירלאָסן און אוועק צו אים.

די ערעוו־פּרילינגדיקע זון האָט זיך הייס צעשפּילט. דער שניי איז נאָך ניט צעגאנגען, אָבער געוואָרן געדיכטער, טונקלער, קלעפּיקער, און זײַן סקריפּ איז איצט געווען צוגעטויבט. איך האָב דערפילט מיט דער פּלייצע די וואַרעמקײַט, אָבער ניט געזען די העלע שײַן פון די זון־שטראַלן, ווײַל מיט טרויער־שאַרן זײַנען געווען פאַרשאָטנט מײַנע אויגן. איך האָב געזען איינס און דאָס זעלבע, איך האָב געהערט איינס און דאָס זעלבע, איך האָב געטראַכט נאָר וועגן נויקען, און מײַן קורצער שווארצער שאָטן אפן ווײַסן שניי איז געווען פאַר מיר, ווי א שוואַרצער קאָפּ אף א ווײַסן קישן.

דער וואַרשטאַט איז געווען ווײַט, אין עק שטעטל, און ביז איך בין דערגאנגען, איז מיר געוואָרן הייס. איך האָב צעשפּיליעט מײַן רעקל.

נאָך פונדערווײַטנס האָב איך דערזען מירלאָסעס ברייטע פּלייצעס, דערהערט זײַן באַס. ער איז ארומגעלאָפן איבערן הויף אין אן אלט שמוציק לײַבל און געזידלט עמעצן. ווען ער האָט מיך באמערקט, האָט ער געוואָרפן אף מיר א בייזן אומגעדולדיקן בליק.

— נו?..

איך האָב געשוויגן. ער האָט גאָרניט איבערגעלייענט אף מײַן פּאָנעם, ער האָט ניט געקאָנט לייענען אף מענטשלעכע געזיכטער. ער האָט ביכלאל ניט ליב געהאט לייענען.

— נו? ווו איז ער? — האָט ער מיך אונטערגעײַלט.

כ'האָב אים געענטפערט זייער פּאַמעלעכן:

— נויקע האָט געהייסן איבערגעבן, אז ער וועט ניט ארויסגיין הײַנט אף דער ארבעט.

וועלוול איז צוגעלאָפן צו מיר, א ריס געטאָן פאַרן קאָלנער אזוי, אז ער האָט מיר שיר ניט צעריסן דאָס רעקל.

— וו־א־אָס?.. וואָס האָסטו געזאָגט?

איך האָב צורעכט געמאכט דאָס רעקל, פאַרשפּיליעט עס אף אלע קנעפּלעך און איבער־געכאַזערט:

— נויקע האָט געהייסן איבערגעבן, אז ער וועט הײַנט ניט ארויסגיין אף דער ארבעט.

— וואָס הייסט?.. וואָס הייסט ער וועט ניט ארויסגיין?.. די הילצערנע באַלקעס האָבן זיך שוין צעפּאַרעט, זיי זײַנען שוין ווייך ווי וואקס, זיי טאָרן מער ניט ליגן אין גרוב, זיי וועלן דאָך ווערן ווי פּאַלאָווע... האַ?

איך האָב געשוויגן. געשוויגן און געכידעשט זיך. אָט א־דער טעמפּער מירלאָס קאָן זיך אפילע ניט אָנשטויסן א פרעג טאָן מיך, פאַרוואָס קאָן ניט נויקע קומען אף דער ארבעט. ער האָט נאָר אומגעלומפּערט געמאכט מיט די הענט און שיר ניט געוויינט:

— פארפאלן. דער גאנצער „זאדעל” וועט א טעל ווערן.

פאר אזעלכע גרויסע יאַדאָים האָבן די מאָדנע הילפלאָזע זשעסטן אויסגעזען קאָמיש און אפילע נעבעכדיק. מיר איז געוואָרן א ביסל גרינגער אפן הארצן.

אָבער מירלאָס האָט, ווײַזט אויס, אָנגענומען עפּעס א באשלוס.

ער איז אוועקגעלאָפן אין ווײַטן עק פונעם הויף, דאָרט, ווו ס'האָבן זיך געפּארעט די באלקעס אין א גרויסער פארדעקטער גרוב. אין א צוויי־דרײַ מינוט ארום האָט ער זיך באוויזן. ער האָט געשלעפּט א באלקע, א הייסע, א צעפּארעטע, ווי נאָך א באָד.

באלד האָט ער זיך גענומען פארפעסטיקן איין עק פון דער באלקע אין א הילצערנער אומבאוועגלעכער ראָד, וואָס איז געשטאנען אף קאָזלעס אין מיטן הויף. דערנאָך איז ער שווער און אנטשיידן צוגעגאנגען צו דעם צווייטן עק פון דער באלקע. די פיס אין לאנגע שווערע שטיוול האָט ער צעשטעלט ברייט און א ביסל אף צוריק, און מיט די הענט און דעם גאנצן קערפּער אָנגעדריקט אף דער באלקע מיט אזא רעציכע, אז די ראָד האָט אזש א סקריפּע געטאָן. נאָר די באלקע האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן איין מענטשלעכן קויעך, דאָרט ווו עס האָבן זיך געפּאָדערט ניט ווייניקער, ווי צוויי.

אָבער וועלוול מירלאָס האָט זיך אויך ניט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט אָנגעשטרענגט זײַנע מוסקולן, אזוי ווי קלימענקאָ. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן טונקל־רויט. די באלקע האָט פּאמעלעך זיך אָנגעהויבן בייגן. נאָר עס האָט אויסגעזען, אז מירלאָס האָט לאנג ניט געקאָנט אויסהאלטן אזא אָנשטרענגונג. ריטשקעלעך שווייס האָבן אראָפּגערונען פונעם ברוינעם פארקנייטשן שטערן, מאכנדיק נאס די אופגעשוואָלענע אָדערן אף זײַנע שלייפן און ארײַנרינענדיק אינעם אָפענעם מויל.

גענוג. איך בין צוגעלאָפן צום אײַנגעשפּארטן מירלאָסן, געשטעלט זיך לעבן אים, אָנגעשפּארט זיך מיט אלע מײַנע קויכעס אף דער באלקע, ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דער ווידערשטאנד פונעם האָלץ איז אָפּגעשוואכט געוואָרן, אז די ארבעט איז אוועק לעבעדיקער. איך האָב דערהערט וועלוולס קלוימערשט באַרויגעזע אויסגעשרייען:

— דאווײַ־דאווײַ, נויקעלע!.. נישט געפּוילט זיך, נאָר געטאנצט. ארבעטן דארף מען. רעדער מאכן דארף מען. דא־וואַ־י־י!.. אָט אזוי!

איז גוט. דאווײַ. איך האָב טאקע אָנגעשטרענגט אלע מײַנע קויכעס, גאָט איז אן איידעס. מיך האָט אפילע ניט געארט, וואָס וועלוול רופט מיך אָן מיטן נאָמען פון מײַן ברודער. ער איז פּאָשעט פארטומלט. נו, און טאקע געווינט, אז באנאנד מיט אים זאָל שטיין נויקע. ער האָט עפשער א טראכט געטאָן: גוט, וואָס נויקע האָט א ברודערל. גוט, וואָס דאָס ברודערל איז מיר געקומען העלפן. ער איז פאר מיר, ווי נויקעלע. רוף איך אים טאקע אזוי...

ווען די צוויי עקן פון דער אײַנגעשפּארטער באלקע האָבן זיך ענדלעך באגעגנט, האָט וועלוול פעסט פארבונדן זיי מיט דראָט.

איך בין געווען שטאָלץ מיט זיך. איך ארבעט.

מירלאָס האָט מיך א קלאַפּ — א גלעט געטאָן איבער דער באק, און איך האָב דערפילט, אז ער איז צופרידן מיט מיר. ער האָט זיך געווענדט צו מיר, ווי צו א דערוואקסענעם:

— נעמט מען, הייסט עס, א קלאָץ, און מ'פּארעט אים ווי אין באָד, און מ'מאכט אים ווייך, וואקס, און מ'בייגט פון אים, וואָס דו ווילסט. ווילסטו א רייף, האָסטו דיר א רייף...

און טאקע באלד האָט ער ווידער אָנגעהויבן קאָמאנדעווען מיט מיר, ווי מיט זײַן געזעל:

— נעם אראָפּ דאָס רעקל.

איך האָב אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל.

— אָט אזוי! נו, פארקאטשע די ארבל! קום!

אף זײַן איינעם א שפּאן האָב איך געמוזט מאכן צוויי, נאָר איך האָב זיך געסטארעט ניט אָפּשטיין פון אים. מיר זײַנען צוגעגאנגען צו דער גרוב, ארויסגעשלעפּט א צעפּארעטע שמעקנדיקע באלקע, צוגעטראָגן זי צו דער ראָד. מירלאָס האָט זי פארפעסטיקט. מיר האָבן זיך ביידע אײַנגעשפּאנט. דאָס האָלץ האָט זיך געהאָרכזאם געבויגן. שפּאנענדיק שווער, ווי מירלאָס, האָב איך בייז געברומט און זיך אליין געמוסערט:

— גענוג א ליידיקגייער צו זײַן, גענוג צו שליאָנדערן איבער טראָטוארס. ארבעטן דארף מען, רעדער מאכן דארף מען! דאווײַ־דאווײַ! אָט אזוי!

* * *

א קלונג, א שנײַדנדיקער קלונג האָט מיך אופגעוועקט פון א פּופּציקיאָריקן דרעמל. ווו בין איך?

אָ! איך וויים. איך זיץ אף א קלאָץ אין מירלאַסעס הויף, א מידער, א צופרידענער. וועלוול האָט אף קאַטאָוועס א קלונג געטאָן אין א קליין גלעקעלע. שאַבאַש, הייסט עס. אָנבײַסן. אָבער די קלונגען ווערן וואָס אַפּטער.

אָ! איך וויים. דאָס איז לייעלע. איך דערקען איר אומגעדולדיקע מאַניר פון קלינגען. וואָס אײַלט זי זיך אזוי?

צווישן צוויי קלונגען — פופציק יאָר.

איצט בין איך שוין וואָך. איך עפן די טיר. געטראָפן. לייעלע. מיט די ליזשעס אין די הענט, א פאַרוועלטע פונעם פראָסט, שטופּט זי זיך דורך דער טיר מיט דער זײַט, און ווײַל די לאַנגע שטעקנס שטערן איר באַם אַרײַנגאַנג, ווערט זי אף זיי בארויגעז, און שלאָגט איין שטעקן מיטן צווייטן.

— לייעלע, צוליב וואָס האָסטו געגומען די ליזשעס? קיין שניי איז דאָך קימאַט ווי ניטאָ. לייעלע קלינגט איצט מיט איר קעלכל:

— א שניי! ווען זשע קאָן איך זיך דערוואַרטן אפן שניי!

זי האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס פוטערל, ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט אירע הענט. אָ! קלאָר. באַלד וועט זי צוגיין צום בעט און נעמען א קישן. דער קישן איז גרויס, און די הענט זײַנען קליין. צעשפּרייט זי די הענט באַצײַטנס, נאָך ווײַט פונעם בעט. געטראָפן. געכאַפּט א קישן, א שלײַדער געטאָן אף דער קאַנאַפּע, אַוועקגעלייגט זיך. שלאָפן? ניין. ניט געטראָפן. זי איז, ווײַזט אויס, געוועזן זיכער, אז איך וועל א פרעג טאָן:

— לייעלע! וואָס איז עפּעס מיט דיר?

נאָר ווי א מענטש, וועלכן מ'האָט ראַפּטום אופגעוועקט פון א טיפן שלאָף, קאָן איך נאָך אַלץ ניט קומען צו־זיך. איך קוק אפן מיידעלע מיט פרעמדע אויגן.

לייעלען איז נימעס געוואָרן וואַרטן, זאָגט זי שוין אליין:

— זיידע, איך בין קראַנק.

כ'האָב זיך צוגעזעצט לעבן איר. אָבער עפּעס שטײַף, פונקט ווי אף א קלאָץ, און ניט ווי אף א קאַנאַפּע.

— וואָס איז מיט דיר?

— איך האָב געזען א מאַשין מיט א רויטן קרייץ.

— נו איז וואָס?

—וואָס הייסט — וואָס?

ניט געוואָרט קיין רעגע אף מײַן ענטפער, און באַלד זיך גענומען פּלוידערן. אָבער גיך־גיך. אז שטענדיק אײַלט זי זיך. פונקט ווי איך אמאָל. פאַרוואָס?

— אז ס'פאָרט דורך א מאַשין מיט א רויטן קרייץ, דאַרף מען באַלד צונויפנעמען די האַנט אין א פויסט, אויב ניט, ווערסטו קראַנק. און מ'דאַרף זי האַלטן, און האַלטן, און האַלטן, אזש ביז די מאַשין וועט ניט דורכפאָרן, און נאָכדעם נאָכאַמאָל האַלטן און האַלטן, ביז דו וועסט ניט באַגעגענען א מענטשן אין ברילן, ערשט דעמלט מעג מען צעעפענען די פויסט און ביסט זיכער, אז דו וועסט ניט קראַנק ווערן. נאָר איך האָב זי געעפנט פריִער, און איצטער וועל איך קראַנק ווערן...

איך האָב זיך צעלאַכט. געלאַכט און געלאַכט. ביז טרערן אין די אויגן.

— ווער זשע האָט דיר דאָס געזאָגט?.. ניט קונצענדאָרף?

לייעלע האָט זיך באַליידיקט.

— וואָס פאַר א קוצידאָרף?.. דאָס האָט מיר מישקע לויטמאַן אליין געזאָגט.

נו, אז מישקע לויטמאַן אליין, — איז דאָך קיין פראַגע ניט.

— פונוואַנען ווייסט ער עס, דײַן מישקע?

— וואָס הייסט — פונוואַנען?.. ער האָט אויך געעפנט די פויסט פריִער, איז ער קראַנק געוואָרן אף געלזוכט.

קלאָר.

נאָר ווײַל איך האָב ווידער אָנגעהויבן שמייכלען, האָט לייעלע אויסגעדרייט זיך צו דער וואַנט.

איך האָב אַרויסגערוקט דעם טיש־שופלאָד, גענומען דעם טערמאָמעטער.

— הייב אוף די האַנט.

— ניין. גיב מיר. איך וועל אליין.

אליין איז אליין.

מיטאַמאָל איז זי שטיל געוואָרן. זי הערט זיך צו, ווײַזט אויס, ווי דאָס קוועקזילבער הייבט זיך אוף אין דעם טערמאָמעטער. מוז מען אָבער אכטונג געבן, אז די קליינע זאָל אים ניט צעברעכן אָדער ארויסוואַרפן. האָב איך גענומען א קליין קישעלע און אן אויסגענייט ציכעלע און צוגעלייגט זיך אַף דער קאַנאַפּע לעבן לייעלען. דאָס איז איר, דאַפקע, געפעלן. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו מיר און געוויזן מיר דעם טערמאָמעטער. איך האָב געכאַפּט א קוק אַף אים און א זיפץ געטאָן:

— יאָ, לייעלע. דו ביסט טאַקע קראַנק. האָסט זייער גרויסע היץ. אזש פינף און דרײַסיק... לייעלע האָט זיך דערפרייט.

— אָט זעסטו! איך האָב דאָך דיר געזאָגט...

מער פון צוויי מינוט האָט לייעלע ניט געקאָנט שטיל זײַן. האָט זי זיך ווידער גענומען פּלאַפּלען. איצט שוין וועגן עפּעס אנדערש.

— דײַנע פיס, זיידע, זײַנען לענגער פון מײַנע אַף גאַנצע צוויי מעטער. איין פוס — אַף איין מעטער און דער צווייטער פוס אויך אַף א מעטער...

איך האָב געשמייכלט און געשוויגן. לייעלע האָט פאַרגעזעצט אירע באַאָבאַכטונגען:

— בא דיר איז א גרויסער קאָפּ און א קליין קישעלע, און בא מיר איז א קליין קעפּעלע און א גרויסער קישן, דאָס איז עפּעס ניט ריכטיק...

זי האָט מיר אונטערגערוקט איר קישן.

— לאָמיר זיך בײַטן מיט די קישנס, גוט?

איך האָב גאָרניט געענטפערט. ס׳איז געוואָרן שטיל. אין דער שטילקײַט און עפּשער פון דער שטילקײַט — א טיק־טאַק פון א זייגער. און עפּשער א זשומען פון א פליג. זשום־זשאָם. סאַם־סאָם. סאַם־סאָם...

ווי קומט א פליג אינמיטן ווינטער?

זי איז געוועזן פאַרפרוירן. פופציק יאָר איז זי געלעגן ערגעץ אין א לעכעלע, א פאַרפרוירענע. איצט האָט זי אופגעלעבט. געקומען צו פליִען פון א ווײַט טויט שטעטעלע. ביסט געשטאָרבן, נויקע? צי ביסט געבליבן לעבן? עפּשער וואָלט גלײַכער געוועזן זאָלסט טאַקע געוועזן שטאַרבן? וואָס שווײַגסטו, נויקע, מײַן דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער?

לייעלע האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אַף מיר.

— וואָס ביסטו אזוי בלאַס געוואָרן, זיידע?.. עפּשער האָב איך דיך אָנגעשטעקט?

זי האָט מיך אָנגעהויבן טרייסטן:

— זאָרג זיך ניט, ס׳קאָן אפילע זײַן, אז איך בין ניט קראַנק, ווײַל די מאַשין איז אריבערגעפאָרן איבער דער בריק, און אויב זי איז אריבערגעפאָרן איבער דער בריק, האָב איך שוין געמעגט עפענען די פויסט, ווײַל א בריק...

בריק. בריק. איך האָב זיך דערפרייט מיט אָט דעם וואָרט, ווי... יאָ, ווי דער לאַנגנאָזיקער אדמיניסטראַטאָר מיט דער לאַטע. יאָ־יאָ. ס׳איז פּונקט דאָס וואָרט, דאָס קליינע טרעפלעכע וואָרט, וואָס איך האָב געדאַרפט האָבן, קעדיי צו פאַרענדיקן מײַן דערציילונג. א בריק איבערן טײַך. איבערן טײַך פון א מענטשלעך לעבן. פון זײַן ווינטערצײַט ביזן צווייטן פרילינג.

דרײַ לירישע מאָטיוון

1

אויסגעפּאַלן איז א ראָסע,
אָנגעקומען איז די נאַכט,
און סע שמעקט אזוי די לאָזע
בא דײַן גאַנעקל פאַרטראַכט.

יעדער כײַעלע און פויגל
טראָגט באַפּרוכפּערונג און זעט,
יעדער פליגל האָט איר וויגל
אפן בוים, אין אָטשערעט.

שטייט דער סאָנעשניק פאַרוויקלט,
קוים זײַן רונדן קאָפּ האַלט אײַן,
און דער עפּל־בוים פאַרשיקערט
גיסט זיך איבער מיט זײַן ווײַן.

וועסט אין האַנט די קאַרשן נעמען,
וועסטו פילן קראַפט פון שטאַם,
וועסט אין האַנט דעם ווײַנשל נעמען,
וועט ער בריִען מיט א פלאַם.

וועסטו אָנרירן דעם ווײַנשטאָק,
וועט ער ציטערן פון גלוסט,
בא דער ליפּע וועסט ניט אײַנשטיין,
וועסט ניט אײַנשטיין בא דעם קוסט.

אַלץ דאָ בריט מיט הייסן פײַער,
מיט פאַרליבטקײַט אין דער וועלט,
כ׳וועל דיר קיינמאָל ניט פאַרצײַען,
וואָס דו איינע טרײַבסט א קעלט.

2

א שטיינער־פעלדז, ווי קאָנסטו אים צעשפּאַלטן
און וויסן, וואָס סע ליגט אין אים באַהאַלטן?

צינד אָן א פלאַם אף שטיינער־פעלדז געלאַסן,
צעגליִ זײַן אויבערפלאַך, דעם אוראַלט־אַלטן,
פאַרגיס אים מיט א קאַלטן עמער וואַסער,
וועט ער פאַר דיר זיך נאָכגיביק צעשפּאַלטן...

...א שטיינער־האַרץ, ווי קאָנסטו עס צעשפּאַלטן
און וויסן, וואָס סע ליגט אין דעם באַהאַלטן?

צינד אָן א פײַער־פלאַם, וואָס האָט קיין גלײַכן,
צעגליִ זײַן אינגעווייד, דעם אײַזיק־קאַלטן,
פאַרגיס אים גלײַך מיט טויזנט קאַלטע טײַכן...
נאָר ס׳וועט דאָס שטיינער־האַרץ זיך פאָרט ניט שפּאַלטן.

3

און אויב דײַן שאָכן האָט פאַר דיר
מיט עפּעס זיך פאַרשולדיקט,
אָ, ניט פאַרהאַק פאַר אים דײַן טיר,
זײַן שולד נעם אויף געדולדיק.

און אויב דײַן פרײַנט האָט דיך דערמאָנט
ערגעץ ניט צום גוטן,
ניט שטעל אוועק דײַן פרײַנט צו שאַנד,
זײַן וואָרט נעם אויף גרויסמוטיק.

און אויב א קריטיקער דיך האָט
מיט עפּעס וואָס באַליידיקט,
ניט זע אין דעם קיין בייז און שפּאָט,
קיין האַס צו אים ניט פריידיק...

נאָר ווען דו פילסט, אז דו ביסט הײַנט
אַליין אין שולד פאַרקראָכן,
איז דאַמאָלסט גלײַך זיך ניט צום פרײַנט,
צום קריטיקער און שאָכן.

דו לעב מיר הונדערט צוואַנציק יאָר,
און זאָל דיר קויעך סטײַען,
דו זאָלסט אַליין מיט קיין שום וואָרט
זיך קיינמאָל ניט פאַרצײַען.

איקער שאַבאַכטי

איך האָב שוין געהאַט געגעבן זיך דאָס וואָרט: אויס, מערער וועגן קיין לעבעדיקע העלדן שרײַב איך ניט. באַזונדערס וועגן מײַנע כאַשטשעוואַטער. אַן אומגליק מיט זיי, יעדערער סטאַרעט דיך פאַקן בא א גרײַז אָדער בא א ליגן. דאָס איז ניט אַזוי, און יענץ איז ניט אַזוי. אין איין אָרט האָב איך ניט ריכטיק אויסגערעכנט די שכיינים, אין א צווייטן פאַרפּלאָנטערט די צונעמען, אין א דריטן פאַרביטן דעם דאַך. און די סאַמע גרעסטע אווײרע — וואָס הייסט מע נעמט און מע קלעפּט צו א ייִדן א פרעמדע באָרד? בא אים איז דאָך געווען א שווארצע און א שפּיציקע, האָב איך גענומען און געמאַכט זי קײַלעכיק און א ביסל רויטלעך.

אויס, האָב איך געהאַט באַשטימט בא זיך, אַט פאַרטיק איך זיך אָפּ

מיט מײַנע „יונגע יאָרן" און מערער וועגן קיין לעבעדיקע העלדן שרײַב איך ניט. נאָר וועגן אויסגעטראַכטע. מיט זיי איז דאָך פאַרשעט א מעכײַע. טראַכסט דיר אויס א העלד, מאָלסט אים אויס, ווי דיר אליין געפעלט, שאַפסט אים א כאַראַקטער, א צונויפגעשטוקעוועטן פון עטלעכע כאַראַקטערס, און דערנאָך גייט עס ווי א מיזמערל. נעמסט אָן דײַן אויסגעטראַכטן העלד בא דער האַנט און פירסט אים וווהין דו ווילסט. אַמאָל פירסטו אים, אַמאָל פירט ער דיך, נאָר וועמענס אייסעק איז דאָס? ס'איז שא און שטיל, גוט און גרינג. און רוף מיך קנאַקניסל. מיט די לעבעדיקע העלדן ביסטו ווי געבונדן. ניט אַהין און ניט אַהער, פּרווורסטו נאָר א ביסל צוקעמען זיי, א ביסל צופוצן, כאַפּט מען דיך גלײַך בא דער האַנט.

נאָר — אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די „יונגע יאָרן", אָפּגעזעגנט זיך מיטן שטעטעלע, מיט אַלע מײַנע קרויווים, פרײַנט און באַקאַנטע — און ווידער די זעלבע געשיכטע. און מיינט איר ווער? טאַקע נאָכאַמאָל זיי, אונדזערע כאַשטשעוואַטער. זיי זײַנען מאָלע טײַנעס: וועגן דעם ניט דערציילט, וועגן יענעם ניט דערמאָנט, און וועגן א דריטן... נו, כאָטש א גוט וואָרט געזאָגט. און כאַשטשעוואַטע אליין איז דאָך אויך א מענטש און האָט אויך פאַרדינט... און צי דען האָט די מומע רייזיע מערער גאָרניט ניט דערציילט?

מיט איין וואָרט, כ'האָב באקומען, ווי מע זאָגט, א סאך רעזאָליוציעס, מיט צוגאָבן און ענדערונגען, טאקע מערער צוגאָבן, און ווידער געמוזט פארקערעווען קיין כאשטשעוואטע. דעם עמעס געזאָגט, איז דער איניען מיר אליין אויך געפעלן. כ'האָב זיך טאקע שוין פארבענקט נאָך מײַן שטעטעלע, און איך וועל מיטן גרעסטן פארגעניגן נאָכאמאָל זיך דורכשפאצירן איבער אלע גאסן און געסעלעך, די לעבעדיקע און שוין לאנג פארשווונדענע, איבער אלע וועגן, וואָס פירן קיין סאלקאָווע, מאהילנע און גײַוואראָן, וועגן, וועלכע זײַנען זומער שטויביק אָף דערשטיקט צו ווערן און ווינטער פול מיט וויבאָיעס און מיט בלאָטע ביז דער קני.

איז אָט, ווי ס'איז הײַנט אָנגענומען צו זאָגן: גייענדיק אנטקעגן דער ביטע פון די לייענער — נאָך עטלעכע דערציילונגען פון דער סעריע „איקער שאָכאכטי". וועגן וואָס? וועגן כאשטשעוואטע! וועגן וועמען? טאקע ווידער וועגן כאשטשעוואטער! איך מוז נאָר בעטן מעכילע בא די לייענער דערפאר, וואָס איך האָב דאָ פארביטן די יאָצרעס. דער „איקער שאָכאכטי" קומט דאָך שטענדיק צום סאָף, שוין נאָך אלעמען, און בא מיר איז דאָס ווי א האקדאָמע. איז דער טערעץ אזא: הײַנטיקע צײַטן! ווי זאָגט די מומע רייזיע: איר האָט הײַנט א סאך זאכן, וואָס זאָלן זײַן אָף זייערע ערטער?

נאָך אין טויזנט נײַן הונדערט פינפטן...

„וואָס איז אזוינס האָריזאָנט?

האָריזאָנט הייסט די אויסגעדאכטע ליניע, ווו עס גייט זיך צונויף דער הימל מיט דער ערד..."

פון דעם האָט זיך עס אָנגעהויבן. פון דעם טאָג, ווען באָרעך איז געגאנגען פון דער שול אהיים, געקנאָטן מיט די אלטע, געלאטעטע שיכלעך די טיפע בלאָטע און געהאלטן אין איין אויסכאזערן אָף אויסווייניק דעם לימעד פון געאָגראפיע:

— האָריזאָנט הייסט די אויסגעדאכטע ליניע...

פארקראָכן מיט די שיך אין א טיפער בלאָטע און ניט געוווסט, וויאזוי ארויסקריכן, האָט ער געמוזט אָפּשטעלן זיך אָף אויסקוקן ערגעץ א סטעזשקעלע, אויסזוכן עפעס א שטיינדעלע. געשטאנען, געקוקט און פּלוצלינג פארקוקט זיך אָף די קאזאוטשינער בערג. זיי האָבן אים שטענדיק אויסגעזען פיל ווײַטער, ווי אינדערעמעסן, ערגעץ דאָרטן, ווו די האָריי־כוישעך, ערגעץ אין עק וועלט, נאָר ביז יענעם טאָג האָבן זיי ניט איבעריק פארנומען זײַנע געדאנקען. נאָר דאן האָט ער מיטאמאָל באמערקט אזוינס, וואָס שטימט ניט מיט דעם, וואָס איז אָנגעשריבן אינעם לערנבוך. פארוואָס עפעס איז די ליניע אן אויסגעדאכטע? זי איז דאָך דאָ אפאנעמעסן, די ליניע, צווישן הימל און ערד. אָט איז זי דאָך, אפן שפיץ פון יענע ווײַטע קאזאוטשינער בערג!

ער האָט קיינעם ניט דערציילט וועגן דעם, ניט דעם טאטן, ניט דער מאמען, ניט דעם עלטערן ברודער, נאָר די ספייקעס האָבן אים רוען ניט געלאָזט. און יעדן טאָג, ווען ער איז געגאנגען אהיים פון דער שול, איז ער פארקראָכן אין אן אנדער בלאָטע, ווײַל ער האָט מערער גאָרנישט ניט געזען פאר זיך. בלויז די ליניע צווישן הימל און ערד. און ער האָט זי ניט געקענט אָנעמען פאר קיין אויסגעדאכטער. ערטערווײַז איז זי געווען גרין. אזוי גרין, אז זי האָט באגרינט דעם גאנצן הימל־ראנד מיט זײַנע פארשלאָפענע כמארעלעך. ערטערווײַז איז זי געווען שווארץ. אזוי שווארץ, אז פאר די אויגן האָבן אָנגעהויבן ארומשווימען אָן א שיר שווארצע פאסיקלעך. נאָר דעם הימל האָט די שווארצקײַט ניט פארטשעפעט. האָט פאר אים נאָך בוילעטער, מאמאָשעסדיקער זיך געמאָלט דאָס דינע, שווארצע פאסיקל, וואָס האָט שארף אָפּגעגרענעצט דעם הימל פון דער ערד.

באָרעך האָט ניט געקענט פארשטיין, פארוואָס איז די ליניע אין איין אָרט גרין און אין א צווייטן שווארץ. ער האָט נאָך ניט געוווסט, אז אין איין אָרט איז דאָס ניט לאנג אופגעאַגנגענער קאָרן און אין א צווייטן — פרישער פריר־אקער. נאָר אין דעם, אז די ליניע איז ניט קיין אויסגעדאכטע, איז ער געווען זיכער. פונקט ווי ער איז געווען זיכער, אז דאָרטן, פון יענער זײַט בוג, אָף די קאזאוטשינער בערג, גייט זיך צונויף דער הימל מיט דער ערד און דאָרטן ענדיקט זיך די וועלט. און וואָס קומט פון יענער זײַט? פון יענער זײַט האָריזאָנט, פון יענער זײַט עק וועלט?

שולדיק איז געווען דער טאַטע זײַנער, מײַן פֿעטער זאַלמען, וואָס האָט אים צו פֿרי אָפּגענומען פֿונעם כיידער און אָפּגעגעבן לערנען אין דער רוסישער שול. כאָטש דער פֿעטער איז געווען אַ פֿרומער ייִד, און כאָטש ער האָט געוווסט, אַז אין דער רוסישער שול דאַרף מען גיין אויך שאַבעס און אַפֿילע שרײַבן דאָרטן אויך. און דאָס איז טאַקע שווער געווען צו פֿאַרשטיין.

געווען איז דער פֿעטער זאַלמען הויך און דאַר. דאָס פּאָנעם זײַנס לענגלעך־אויסגעצויגן און די באַקן שטענדיק אײַנגעפֿאַלן. פֿאַרמאָגט האָט ער זייער אַ שיטער בערדל, אַ שמאָלס און אַ שוואַרצס, וואָס האָט ניט געוואָלט גראָוו ווערן. דאָס האָט אים גראָד ניט געקימערט. נאָר יעדן יאָר האָט אין דעם זיך באַוויזן עטלעכע רויטע הערעלעך. און דאָס האָט ער ניט געקענט פֿאַרשטיין: פֿונוואַנען קומען עס צו אים רויטע הערעלעך? דאָס האָט אים אויסגעזען, ווי ער פֿלעגט אַליין זאָגן, כוץ לעדערעך האַטעווע, און דאָס האָט באַ אים אָפּטמאָל אַרויסגערופֿן אומרויִקע געדאַנקען. ער האָט עס אויפֿגענומען ווי עפּעס אַ שטראָף און האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן: פֿאַר וועלכע זינד?

געווען איז דער פֿעטער זאַלמען פֿרום ניט גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַרײַן. ער האָט געפֿילט אַ טאַם אין אַ בלאַט גמאָרע און געקענט קוויקן זיך מיט אַ פֿייריק מישנײַעס. נאָר ער איז אָפּטמאָל געווען בייז אָף זיך פֿאַר די פֿראַגן, וואָס קומען דערבײַ אויף באַ אים פֿון זיך אַליין, אָן אַ שיר פֿראַגן, אָף וועלכע קיינער וועט ניט קענען ענטפֿערן, פֿראַגן, וועלכע מע טאָר ביכלאַל ניט אויסברענגען אָף דער צונג.

און עפּשער איז שולדיק געווען ניט אַזוי דער פֿעטער אַליין, ווי דער וואַלד. די געדיכטע סאָווראַנער וועלדער, וואָס ציִען זיך אָף ווערסטן און וואָס האָבן אים אַ גאַנצע וואָך געהאַלטן אין זייערע געדיכטע, קילע שאָטנס, אין זייערע שמאָלע, פֿאַרטונקלטע און שטענדיק פֿײַכטע סטעזשקעלעך, אין זייער סוידעספּולער פֿאַרטראַכטקײַט. סײַ באַטאָג, ווען זיי ווערן ווי פֿאַרגלייווערט אין זייער שטילשווײַגן, און סײַ באַנאַכט, ווען זיי האַלטן אין איין שושקען זיך און עס דוכט זיך, אַז איין בוים מיטן אַנדערן פֿירט אַ לאַנגן, פֿאַראַקשנטן וויקועך.

האָט דער פֿעטער אויך אָנגעהויבן טראַכטן.

נאָר איין זאַך איז טראַכטן איבער אַ בלאַט גמאָרע און אַ צווייטע זאַך איבער אַ בוך, וועלכן עס האָט אָנגעשריבן אַ רוסישער שרײַבער לעוו טאָלסטאָי. איז ווידער שווער צו פֿאַרשטיין: ווי קומט עס, אַז אַ פֿרומער ייִד זאָל נעמען אין די הענט אַזעלכע ביכלעך? מיסטאַמע איז דאָס געווען אַ סאָד פֿאַר אַלעמען און אויך פֿאַר זײַנע באַלעבאַטים, די רײַכע וואַלד־סאָכרים, באַ וועמען ער האָט אַלע יאָרן געדינט פֿאַר אַ נעמאָן. זיי האָבן געוווסט, אַז ער איז אַ פֿרומער, אָן ערלעכער ייִד, וועמען מע קען געטרויען דעם וואַלד, וואָס דאַרף נאָך וואַקסן, דעם וואַלד, וועלכן מע דאַרף שוין אויסהאַקן, און די הונדערטער און טויזנטער, וואָס דאַרפֿן דורכגיין דורך זײַנע הענט. און פֿאַר פֿיל יאָרן האָבן זיי ניט געהאַט קיין גרונט אים כוישעד זײַן אַפֿילע אין אַ קאָפּעקע. נאָר ווען זיי זאָלן געווען וויסן, וועלכע ביכלעך ער האַלט אין די הענט!.. און וועגן די ביטערע פֿראַגן, וואָס מוטשען אים, סײַ ווען ער זיצט איבער אַ בלאַט גמאָרע און סײַ ווען ער לייענט טאָלסטאָיען!..

נאָר דאָס האָט קיינער ניט געטאָרט וויסן. אַזעלכע זאַכן האָט ער געקענט פֿאַרטרויען נאָר דעם וואַלד.

שפּעט אין דער נאַכט צערוישט זיך דער וואַלד וואָס אַמאָל שטאַרקער. דיביימער בייגן זיך אָנגעברויגעזטע איינער צום אַנדערן, גרייט אָנכאַפּן זיך באַ די צווײַגן, אַרויסרײַסן דעם קעגנער מיטן וואָרצל. דוכט זיך דאַן דעם פֿעטער, גלײַך אין אים אַליין האָבן זיך צעקריגט אַלע זײַנע איִיוורים, דער יעיצערטאָוו מיטן יעיצערהאָרע, אַז עפּעס אַ דיבעק, אַ ניטגוטער האַלט אין איין אײַנטײַנען מיט אים אַזוינס, אַז ער איז גרייט אַ נעם טאָן די וועלט און איבערקערן זי מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף.

מעגלעך, דערפֿון האָט זיך גענומען זײַן אויסערגעוויינלעכע היסלײַוועס, מיט וועלכער ער האָט זיך גענומען פֿאַרן שאַבעס, ווי נאָר ער איז פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט געקומען פֿון וואַלד אַהיים. דעם גאַנצן מעסלעס, ביז דער האַוודאָלע, איז ער געווען פֿאַרנומען מיטן שיר־האַשירים און מיט דער סעדרע, מיטן פֿייריק און מיטן טילים און מיט נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן געדאַרפֿט אַרויסטרײַבן פֿון אים דעם דיבעק, פֿאַרגרינגערן זײַן געמיט און באַפֿרײַען אים פֿון די אַלע ביטערע קאַשעס, וואָס מוטשען אים אַ גאַנצע וואָך.

די מומע בראָכע — ווי אַלע ייִדישע מומעס, וואָס האָבן אַ פֿולע שטוב מיט קינדער און די בויט וואַקסט שטענדיק אַ סאַך גיכער פֿון זיי. באַ איר איז שטענדיק געווען אַזאַ אויסזען, גלײַך זי האָט נאַרוואָס געוויינט און האָט ניט באַוויזן ווי געהעריק אויסווישן די אויגן. אַמאָל האָט אַ טרער פֿאַרטשעפּעט זיך פֿאַר דער בראָדעווקע אָף דער רעכטער באַק און לאַנג געבלישטשעט, ווי עפּעס אַ צירונג אָף איר אויסגעקנייטשטן פּאָנעם.

דער ערשטער בראָך פאַרן פעטער מיט דער מומען איז געווען זייער יויעל. באַ פערצן יאָר זאָל א ייִנגל אוועק פון דער שטוב און מע זאָל ניט וויסן, וווהין ער איז אהינגעקומען! און ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט...

— גאָט מײַנער! — האָט די מומע פאַרבראָכן די הענט און זיך צעוויינט אף א קאָל. — פאַר וועלכע זינד?

אזוינס האָט זיך פאַשעט ניט געלייגט אפן זינען. זייער יוילעק? זייער יוילעק א רעוואָליוציאָנער, א סאָציאַליסט? זייער יוילעק אין טורמע?..

געשען איז דאָס ערשט אין א פאָר יאָר ארום, נאָך דעם ווי ער איז אוועק פון דער היים. דערוווּסט האָבן זיי זיך וועגן זייער יוילעקן, ווען צו זיי אין שטוב איז געקומען די פאָליציי, איבערגעקערט אלץ אָרען־קאָרען, אופגעריסן אלע קישן, געזוכט דאָס, וואָס הייסט „קראַמאָלאַ”, און ארויסגעוויזן דערבײַ אזא רעציכע, אז די מומע בראָכע איז עטלעכע מאָל געפאלן כאלאָשעס. דער פעטער זאַלמען איז געזעסן א געפּלעפטער, די אויגן האַלב־צוגעזשמורעט, און געהאַלטן אין איין ציפען דאָס שיטערע בערדל. אלעמאָל האָט ער ארויסגעריסן א נײַ הערעלע, לאנג עס באקוקט און גערעדט צו זיך אליין:

— איך פאַרשטיי ניט... דאָס איז כוץ לעדערעך האטעווע...

און קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס ער מיינט דערמיט. צי ווײַל ער האָט ווידער ארויסגעריסן א רויטע האָר, צי דערפאַר, וואָס זײַן יוילעק איז אין טורמע.

נאָר דאָס אלץ איז, אזוי צו זאָגן, דאָס פאָרגעריכט, דער ארײַנפיר צו דער געשיכטע. איר הויפט־העלד איז ניט יוילעק, נאָר דער צווייטער זון, באָרעך.

הויך איז ער געווען, ווי דער טאטע זײַנער. און אויגן — פאַרטראַכטע, פאַרכאָלעמטע, מיט עפעס א בליק פון א מענטשן, וואָס זעט פאַר זיך ניט דאָס, וואָס ארום אים, נאָר גאָר, גאָר עפעס אנדערש — אויך, אפאָנעם, פונעם טאטן געיאַרשנט. נאָר די האָר, די האָר, וועלכע ער האָט יעדן גאַנצפרי פאַרקעמט אף א זײַט, זײַנען געווען פאַרדראָסיק ליכטיקע. נאָר ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס פאַר א באָרד וואָלט באַ אים אויסגעוואקסן. ער האָט זייער פרי אָנגעהויבן גאָלן דאָס פאָנעם און געלאָזט וואקסן בלויז די וואָנצן. זײַנען זיי אויך געווען ליכטיקע. דעם פעטער איז דאָס אלץ געווען ניט צום הארצן: סײַ דאָס, וואָס דער קאָליר פון די האָר איז ניט אזא, און סײַ דאָס, וואָס ער גאָלט דאָס פאָנעם. נאָר געמאכט זיך, אז דאָס איז ניט זײַן אייסעק. צווישן די פיל אווייִרעס, וואָס דער מענטש באגייט, האָט דאָס דער פרומער פעטער געהאלטן פאַר דער סאמע קלענסטער. און ווידער — אויב ער האָט געפויעלט באַ זיך שיקן באָרעכן אין א רוסישער שול, מוז מען שוין מאטיר זײַן א סאך אנדערע זאכן.

שווער צו זאָגן, פאַרוואָס האָט דער פעטער זאַלמען אזוי באַשטימט. עפשער האָט ער דערפילט אין באָרעכן זיך אליין, מיט זײַנע ניט פאַרענטפערטע קאַשעס, מיט זײַנע ניט קלאָרע טרוימען און אקשאָנעסדיקע זוכונגען. האָט ער געמיינט... באָרעך וועט ענדיקן די שול, דערנאָך וועט ער עקסטערנע אָפגעבן עקזאַמענעס פאַר דער גימנאַזיע און אָנהייבן לערנען זיך אף דאָקטער. און וועט ווערן אזא, ווי דער דאָקטער זאסלאַווסקי. און אז די וועלט וועט האָבן וואָס מערער אזעלכע גוטע מענטשן, ווי דער דאָקטער זאסלאַווסקי, וועט זי האָבן גאָר אן אנדער פאָנעם.

ניט נאָר דער פעטער האָט שטארק געהאלטן פונעם דאָקטער זאסלאַווסקי — דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים ליב געהאט און געהאט פאַר אים גרויס אָפשײַ. און פאַר א סאך, פאַר זייער א סאך אָרעמעלײַט איז ער געווען סײַ זייער רויפע און סײַ זייער פאַרנעס. אפילע די צעלאָזענע בעוורעניקעס, וואָס האָבן פאַרפולט די הינטערגעסלעך מיט זייערע געשלעגן און מיט זייער געפילדער, דערזעענדיק פונדערווײַטנס דעם דאָקטער זאסלאַווסקי, זײַנען אויך אנשוויגן געוואָרן. אזא געפיל געווען באַ אלעמען, אז אין דער אָנוועזנהײַט פון דאָקטער זאסלאַווסקי מוז יעדערער פירן זיך לײַטישער, אויסזען ציכטיקער, שענער און בעסער...

יעדן גאַנצפרי, נאָך א קורצן און גרינגן פרישטיק, האָט דאָקטער זאסלאַווסקי אָנגעטאָן זײַן גרינגן מאטל, גענומען אין דער האַנט זײַן שטעקן און ארויס אין גאַס. זײַן ערשטער באזוך איז שטענדיק געווען די אַפטייק. דאָס איז געווען די איינציקע אַפטייק אין שטעטל, און יעדערער האָט שוין געוווּסט, ווען מע קען דאָרטן טרעפן דעם דאָקטער. אָנגעקויפט פאַרשיידענע רעפועס, וויפל ס'האָט נאָר געקענט ארײַן אין די טיפע קעשענעס פונעם מאנטל, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אראָפ, צו דער שול־גאַס און דער באָד־גאַס, ווו אין די נידעריקע הײַזקעס, אין דאכקעס און הונגער האָבן עס געוווינט זײַנע אָרעמע כוילים. אמאָל געגאַנגען אליין, און אָפטמאָל אין דער באַגלייטונג פון א פאָר ייִדן אָדער ייִדענעס, וואָס האָבן געוואַרט אף אים אין אַפטייק. געשפאַנט האָט ער פאַמעלעך, מיט עפעס א שווערן, מידן שפאַן, זייער אָפט זיך אָפגעשטעלט אף איבערכאַפן דעם אָטעם און דערבײַ ניט דורכגעלאָזט קיינעם אָן א „גוטמאָרגן”.

באטראכט דעם כוילע, עפּעס אַ יאַדעשליווע קוימענקערער, צי קינדער פון אַן אָרעמער אַלמאָנע, האָט ער שטרענג אָנגעזאָגט, וואָס מע דאַרף טאָן, וויאַזוי פירן זיך, וואָס אײַננעמען, און איבערגעלאָזט די נייטיקע רעפּועס. פון די, וואָס ער האָט נאַרוואָס אָנגעקויפט אין אַפּטייק. און אָפּטמאָל, טאַקע זייער און זייער אָפט, איבערגעלאָזט אַפן פאַרשטויבטן טישל אײַניינעם מיט די רעפּועס עטלעכע קאָפּעקעס. און ווידער שטרענג אָנגעזאָגט: נאָר אַף מילך! דער כוילע נייטיקט זיך זייער אין אַ וואַרעמער גלאָז מילך. יעדן גאַנצפרי און יעדן פאַרנאַכט.

צו זײַנע רײַכע פּאַציענטן איז דער דאָקטער געגאַנגען נאָך מיטיק. בא זיי האָט ער געדאַרפט פאַרדינען סײַ פאַר זיך, סײַ אַף רעפּועס און מילך פאַר די אָרעמעלײַט פון די הינטערגעסלעך.

אַזאַ איז געווען דער דאָקטער זאַסלאַווסקי. געווען איז ער ניט קיין באַריידעוודיקער, טאַקע אַן עמעסער שווײַגער, און האָט באַזונדערס ניט ליב געהאַט צו ריידן וועגן זײַן פאַך און וועגן זײַנע מײַסים. דערפאַר האָט מען זייער אַ סאַך גערעדט וועגן אים אין אַלע הײַזער. סײַ אין די אָרעמע, סײַ אין די רײַכע. האָט דער פעטער זאַלמען געוואָלט, אַז זײַן באָרעך זאָל אויך ווערן אַזאַ גוטער מענטש, און זאָל ברענגען דער וועלט פיל גוטס. באָרעך אַליין האָט אויך געוואָלט ווערן אַזאַ, ווי דער דאָקטער זאַסלאַווסקי. און ניט נאָר געוואָלט, נאָר אַפילע אַ שווערע אַזאַ זיך געגעבן. אַ געהיימע שווּע, וועגן וועלכער ס׳האָט געוווּסט נאָר ער אַליין. נאָר דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט דער האַריזאָנט.

וואָלט דער האָריזאָנט די גאַנצע צײַט זיך געהאַלטן אַף אַן אָרט, וואָלט עפּשער גאָרנישט ניט געשען. זאָל ער זײַן ערטערווײַז גרין און ערטערווײַז שוואַרץ, און זאָל זײַן אַפילע, אַז אינעם לערנבוך איז אַלץ ריכטיק און די ליניע איז אַן אויסגעדאַכטע. נאָר דער האָריזאָנט האָט אָנגעהויבן אײַנגאַנצן צעשווומען ווערן, וואָס אַמאָל מערער און שטאַרקער, גלײַך ס׳וואָלט גאָר קיין שום האָריזאָנט אַף דער וועלט ניט געווען. און קיין עק וועלט אויך ניט.

שולדיק זײַנען געווען די ביכלעך, פאַרשיידענע רוסישע ביכלעך, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שײַכעס ניט מיט געאָגראַפיע און ניט מיט אַריפמעטיק. און זיי האָבן עס אָנגעהויבן אַרומיאָגן באָרעכן איבער פאַרשיידענע אומבאַוווּסטע ערטער און לענדער און אין אַזעלכע נײַע און נײַע וועלטן, וואָס זײַנען גאָר אַף דער ערד ניטאָ, וואָס זײַנען בִיכלאַל אין ערגעץ ניטאָ, כוץ אינעם מענטשנס האַרץ, אין זײַנע געפילן, אין זײַנע טרוימען. פּושקינס לידער האָבן געוועקט עפּעס זייער דערהויבנס, עפּעס אַזוינס, פון וועלכן ס׳האָט זיך געוואָלט וויינען אָדער גאָר אַרומנעמען די גאַנצע וועלט און קושן זיך מיט איר. און טאַקע דער זעלבער פּושקין מיט זײַן דערציילונג וועגן דובראָווסקין האָט אַרויסגערופן בא באָרעכן אַזאַ צאָרן, אַזאַ האַס, אַז ס׳האָט זיך שוין געוואָלט אָוועקלאָזן און אונטערצינדן אַלע פריצישע מאַיאָנטקעס. דערנאָך האָט ער אָנגעטראָפן אַף בײַראָנען און זיך באַקאַנט מיט טשײַלד האַראָלדן. און אָנגעהויבן אַרומבלאָנדזען אײַניינעם מיט אים איבער שטעט און לענדער, געוואָלט עפּעס אויפטאָן פאַר דער וועלט און ניט געוווּסט וואָס, ווײַל ער איז געווען זיכער, אַז ס׳וועט זיך פון דעם גאָרנישט ניט באַקומען, פונקט ווי בא האַראָלדן. איז אים געבליבן נאָר אַרומוואַנדערן אײַניינעם מיט אים אַן אַנטוישטער און אַ פאַרביטערטער.

אין שטעטל האָבן אייניקע געקוקט קאָסע אַף באָרעכן. אַ באָכער פון פופצן יאָר האָט שוין געמעגט נעמען זיך אויסלערנען אַ מעלאָכע. נאָר בא זײַן טאַטן זײַנען געווען אַנדערע פּלענער. מיט אַזאַ קאָפּ, ווי בא זײַן באָרעכן! די מומע בראָכע האָט אויך געפּרוווּט פאַרפירן אַ שמועס וועגן אַ מעלאָכע, וועגן טאַכלעס, נאָר דער פעטער האָט איר אָפּגעענטפערט מיט אַ מאָשל וועגן עפּעס אַ קיילע, וועגן פאַרשיידענע קיילים, וואָס זײַנען פאַראַן אַף דער וועלט און יעדערע מוז האָבן איר אָנפילעכץ. וועסטו דאָך ניט נעמען אַ גאָלדענעם בעכער און אָנגיסן אַהין זויערן באָרשטש.

אָט, דער צוקער־זאַוואָד — דאָס איז עפּעס אַנדערש. ווּעסט דאָרט ניט ווערן ניט קיין שנײַדער־יונג, ניט קיין שוסטער־יונג, ווּעסט דאָרטן ביכלאַל גאָרנישט ניט ווערן, דערפאַר אָבער ביסטו ניט אַזוי פאַרקויפט. אַרבעטסט אָפּ דעם סעזאָן, די דרײַ־פיר אָסיענדיקע און ווינטערדיקע כאָדאָשים, און ביסט ווידער פרײַ. קענסט ווידער זיך לערנען עקסטערנע און פאַרדינען דערבײַ אַף אַ פּאָר נײַע שיך. האָט באָרעך אײַניינעם מיט אַ סאַך שטעטלשע כעוורע אָנגעהויבן קנעטן די בלאָטע צום סאַלקאָווער צוקער־זאַוואָד. פינף ווערסט אַהין און פינף ווערסט צוריק. דער זאַוואָד איז געשטאַנען זייער נאָענט לעבן בוג, סאַמע אונטער די קאַזאַוטשינער בערג, און באָרעך האָט שוין געקענט דערוויסן זיך, אַז זיי זײַנען גאָרניט אַזוי ווײַט און אַז די ליניע צווישן הימל און ערד איז טאַקע אַן אויסגעדאַכטע. און וואָס איז שײַעך דעם האָריזאָנט אַליין, איז דאָס ביכלאַל אַ זאַך, וואָס שטייט קיינמאָל ניט אַף קיין אָרט. ער האַלט אין איין איבערוקן זיך אײַניינעם מיט דיר.

6*

נאָר דאָס איז אים שוין געווען אַלצײנס. נאָך זײַנע וואַנדערונגען אײנינעם מיט טשײַלד האַראָלדן און נאָך דעם, ווי ער האָט אײנינעם מיט דובראָווסקין געצונדן פּריצישע גיטער, האָט ער זיך באַקאַנט מיט ווערא פּאַוולאָוונא פון טשערנישעווסקיס ראָמאַן „וואָס טאָן?", און זי האָט אים שטאַרק פאַרכאַפּט. מיט איר גוטסקײַט, מיט איר דרײסטקײַט, מיט אירע זאָרגן וועגן די אָרעמע נײטאָרנס. מיט איר גרײטקײַט מאַקריוו זײַן מיט אַלץ לעשעם דעם מענטשנס גליק איז זי ענלעך געווען אַפן דאָקטער זאַסלאַווסקי. ער איז געווען זיכער, אַז אַזאַ ווערא פּאַוולאָוונא איז געווען און געמוזט זײַן, און זי דאַרף זײַן ניט אײנע אַזאַ אין רוסלאַנד, נאָר אַ סך, אַ סך אַזעלכע ווי זי, ווי לאָפּוכאָוו, ווי קירסאַנאָוו. אַ סימען — דער דאָקטער זאַסלאַווסקי.

און סאַמע דער בעסטער און גרעסטער סימען זײַנען געווען די קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַרפלײצן דאָס שטעטל. יעדער קלאַנג האָט געטראָגן מיט זיך עפּעס אַזױנס, וואָס האָט אַפּסנײַ געוועקט און אויפגערודערט אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אײנינעם מיט האַראָלדן, מיט דובראָווסקין און מיט ווערא פּאַוולאָוונען. געווען אין די קלאַנגען אַ סך שיסערײַען, שטרײַקן, אויפשטאַנדן און פיל־פיל פון דעם, וועגן וואָס ער האָט אַלײן געטרוימט. און ערגעץ האָבן שוין געפלאַקערט פּריצישע גיטער. און דער קײסער אַלײן איז געהאַנגען אַף אַ האָר...

ביז עפּעס אַ יעדיִע דערגײט פון פּעטערבורג צום שטעטל, ווערט עס מעגולגל אין פאַרשײדענע בריִעס און געשטאַלטן און קומט אָן אַהער אײנגאַנצן מיסעמעשונעדיק. האָט קײנער ניט געקענט זאָגן, פאַרוואָס איז דער קײסער געהאַנגען אַף אַ האָר, וואָס מײנען די אַרבעטער מיט זײערע שטרײַקן, און וואָס מײנט דער קײסער מיט זײַן מאַניפעסט און מיט זײַן קאָנסטיטוציע. האָט מען געבעטן גאָט כאָטש וועגן אײן זאַך: ס'זאָל זיך ניט אויסלאָזן צו ײדישע קעפּ. ווײַל ווידער קלאַנגען... שיסערײַען, שטרײַקן, אויפשטאַנדן און — פּאָגראָמען.

דער פּעטער זאַלמען האָט יעדע וואָך געבראַכט מיט זיך אַהײם דעם אומרו פון די אַרומיקע דערפער און וועלדער און געפּראַוועט דעם שאַבעס מיט נאָך אַ גרעסערער היסלײַוועס. געוואָלט מיט דעם דערשטיקן די זינדיקע געדאַנקען, די טיפע, פאַרבאָרגענע יוירעניש, וואָס האָט בײַ אים, ווי בײַ פיל אַנדערע, איבערגעמישט די שרעק מיט דער האָפענונג און אַרויסגערופן אויך אַ ביסעלע פון דעם, וואָס איז ענלעך אַף נעקאָמע.

האָט באָרעך געקענט נאָר אָנשטויסן זיך, וואָס מיטן טאַטן קומט פאָר, ווײַל בײַ אים האָבן געיוירט די זעלבע ניט קלאָרע געדאַנקען. נאָר רײדן וועגן אַזעלכע זאַכן מיטן טאַטן האָט ער ניט געקענט. דער טאַטע האָט ניט געטאָרט וויסן, וועלכע געדאַנקען בלאָנדזען אַרום אין זײַן צעקאַלויִעצטן מויעך. נאָר מיט סענדערל שנײַדער האָט ער געקענט רעדן וועגן אַלץ. מיט סענדערן איז ער אַ פּאָר ווינטערס געגאַנגען אײנינעם אַפן זאַוואָד און באַוויזן אים אויסדערצײלן וועגן טשײַלד האַראָלדן און וועגן דובראָווסקין. סענדערל האָט געהערט מיט אָפענע אויערן, און ער וואָלט טאַקע גרײט געווען גײן צינדן פּריצישע גיטער, ער זאָל ניט געווען כאַסענע האָבן. האָט ער שוין געמוזט ווערן אַ שנײַדער־יונג און אָפּשטײן בײַ איציע שנײַדער פון באַגינען ביז שפּעטן אָוונט מיטן טשאַדענדיקן פּרעסל אין דער האַנט.

סענדערל איז שוין לאַנג געווען אַרויסגעוואַקסן פון זײַן פאַרצויגענעם נאָמען, און לויט זײַנע ברײטע פּלײצעס, לויט דער גוורע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין די הענט, האָט ער געקענט שטײן אין אַ קוזניע מיטן גרויסן האַמער אין דער האַנט. נאָר דער קאָלעס עלטערן איז דאָס ניט אָנגעשטאַנען. אַ שנײַדער איז נאָך ווי־ניט־איז, נאָר אַ קאָוועל? כוץ דעם, איז סענדערן אַלײן אַ שאָד געווען זײַן געקרײַזלטער קאָפּ. אַזעלכע קלײנע קוטשערלעך, אײנס און אײנס. שוואַרצע און גלאַנציקע, פּונקט ווי די אויגן זײַנע. איז אַוודע אַ שאָד געווען אָפּסמאַליען זײ מיט די פונקען פון דער קוזניע. איז ער געוואָרן אַ שנײַדער. כאָטש אין האַרצן איז ער געבליבן אַ קאָוועל, אָט דאָס, וואָס מע רופט אָן — אַן עמעסער אַרבעטאָרער. מיט פעסטע פויסטן, וואָס זײַנען שטענדיק גרײט, אויב מע דאַרף געבן פּעטש. און כוץ אַלעמען, איז ער געווען אַ טרוימער.

אַמאָל אין זיך און אַמאָל אין דער הײך האָט ער געטרוימט וועגן זײער פּאָשעטע זאַכן. עס זאָל קומען אַזאַ צײַט, מע זאָל ניט דאַרפן האָרעווען באַטאָג און באַנאַכט פאַרן גראָשן, אַז יונגע ווײַבלעך זאָלן ניט ווערן אַזוי גיך אויסגעצערט און אויסגעבלײכט, און מע זאָל קענען דערשטוקעווען די וואָך, ניט אַרײַנקריכנדיק אין אַ נײַעם כויוו.

— צוליב דעם דאַרף מען איבערקערן די וועלט? — האָט באָרעך געמאַכט צונישט זײַנע פּאָשעטע כאַלוימעס.

— איבערקערן איז גרינג, און ווי אַזוי צוריק זי צונויפשטעלן?

— אַזוי ווי אין די ביכער שרײַבט זיך. מע דאַרף מאַכן אַזוי, אַז די אַרבעט זאָל ניט פאַרשקלאַפן דעם מענטשן, נאָר פאַרקערט, מאַכן אים פרײַ.

— דיר איז גרינג צו זאָגן, ביסט א באָכער, א פרײַער פויגל. ווען דו האָסט א ווײַב מיט א קינד, וואָלסטו זיך אליין פארשקלאַפט.

— און אויב מאכן אזוי, ווי ווערא פּאַוולאָוונאַ?

— וועלכע ווערא פּאַוולאָוונאַ?

— כ'האָב דיר דאָך דערציילט... טשערנישעווסקי האָט זי באַשריבן. זי האָט געמאכט אַן אַרטעל פון נייטאָרנס.

— דײַן טשערנישעווסקי... איך וואָלט בעסער א שטרײַק געמאכט! פון אלע שנײַדער־יונגען. אזוי ווי אין פּעטערבאַרג, אין מאָסקווע! אַן אייגענע רעוואָליוציע געמאכט, האַ?

— און דערנאָך?

— יאָ, טאַקע, און דערנאָך? ביסטו עפּשער געהערט. ווי זשע נעמט מען צונויף עטלעכע שנײַדער מיט מאַשינעס? שאַ, איך וועל א שמועס טאָן מיט אַרן־בערן...

איצט וועט די געשיכטע גיין א ביסל פרײלעכער, ווײַל אַרן־בער אליין איז געווען א פרײַ־לעכער יונגערמאַן, א הוליע־קאַפּצן און האָט זייער ליב געהאַט צו גאַרגלען זיך בא זיך אינעם שנײַדערשן שולכל.

געווען איז כאַשטשעוואַטע א גרויסע שול, און טאַקע בא איר אינווייניק, ווי נאָר מע קומט אַרײַן אין פּאָליש, איז אָף רעכטס געווען א שוסטער־שולכל, און אָף לינקס — א שנײַדעריסשע. דאָס זאָגט, ערשטנס, פאַר דעם, אַז די דאָזיקע צווײ צעכן האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין שטעטל, און צווייטנס, אַז זיי האָבן געהאַט מיט גאָט זייערע אייגענע כעזשבוינעס און ליב געהאַט אויסטײַנען זיך מיטן אייבערשטן אָף א באַזונדערן אופן. כוץ דעם, האָבן זיי ניט געהאַט קיין איבעריק פרײַע צײַט אָף לאַנגע טפילעס, און אפילו יאָמקיפּער האָבן זיי עס גע־מאַכט בעקיצער. סײַווי, אָף קיין איבעריק גוטע קוויטלעך האָבן זיי ניט געוואַרט. האָט אַרן־בער געפילט זיך אינעם שנײַדערשן שולכל ווי בא זיך אין דער היים און געקענט אָפּקנאַקן א פאַרשפּעטיקטן מײַרעוו, אַז ס'זאָל קלינגען אין די פענצטער. די מינכע האָט ער, ווי פיל אַנדערע שנײַדער, שטענדיק אָפּגעברומט זיצנדיק בא דער מאַשין.

— א מיניען שנײַדער אײַנעם? וואָס קען זײַן בעסער?

אַרן־בערן איז זייער געפעלן געוואָרן דער איניען, ווײַל ער האָט אויך דערפילט אין דעם א שטיקל אייגענע רעוואָליוציע, אַזאַ רעוואָליוציע, ווען מע קען אַרויסשטעלן א פּײַג אַלטער בראָוואַרנע.

— און זאָל ער וויסן, אַלטער כאַזער!

אַז א שטעטל באַקרוינט דעם גרעסטן גוויר מיט אזא נאָמען, איז דאָס מיסטאָמע ניט אומ־זיסט. פאַרדינט אַזאַ שעם האָט ער איבערהויפּט מיט די הויכע פּראָצענטן, וואָס ער פלעגט נעמען פאַר די האַלוואָעס. אַרן־בער אליין האָט אויך באַוויזן פאַרזוכן דעם טאַם פון אַלטערס א גמילעסכעסעד. האָט זיך אים טאַקע זייער געוואָלט אָפּטאָן אַלטערן א שפּיצל.

און טאַקע נאָכן ערשטן פאַרשפּעטיקטן מײַרעוו האָט אַרן־בער אָנגעהויבן אײַנרעדן נאָך עטלעכע שנײַדער. דערבײַ האָט ער זיך אזוי צעפלאַמט מיט זײַנע אײַנריידענישן און מיט דעם, וואָזוי זיי אלע וועלן אַרויסשטעלן א פּײַג אַלטער כאַזער, אַז ער האָט אַזש א פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אין סטענדער און אויסגעשריגן:

— פּעטש וועלן פליִען! בלוט וועט זיך גיסן אין אלע גאַסן!

קיין שלעגער איז אַרן־בער ניט געווען. און אוודאי האָט ער זיך ניט געקליבן פאַרגיסן בלוט. געזאָגט האָט ער עס צוליב דעם, אַז דער אוילעם זאָל פאַרשטיין, אַז דער איניען איז ניט קיין פּאַשעטער און נעמען זיך דערפאַר קען מען נאָר אַדאַנק דעם, וואָס אין רוסלאַנד גייט א רעוואָליוציע.

אָרעמע שנײַדער־טאַנדייטניקעס איז אין שטעטל געווען ניט ווייניק, און ס'האָבן זיך טייקעף געפונען באַלאָנים א פּרווו טאָן מיט וואָס עס שמעקט. אײַנשטעלן האָבן זיי דאָך ניט וואָס. איז געבליבן נאָר איין זאַך: ווי קריגט מען אזא גרויסן צימער, מע זאָל קענען אַוועקשטעלן א פיר־פינף מאַשינעס און א פּאָר לאַנגע טישן פאַר א צענדליק שנײַדער. האָט באַרעך געזאָגט, אַז מע דאַרף אין ערגעץ ניט זוכן, בא זיי איז פאַראַן א זאַלע, זייער א גערעאַמער צימער, סאַמע דאָס, וואָס מע דאַרף. מע דאַרף נאָר צוזוואַרטן אָף שאַבעס, ווען דער טאַטע וועט זײַן אין דער היים. מיטן טאַטן וועט זײַן גרינגער דורכקומען.

— דאָס נעם איך אָף זיך! — האָט אויסגעשריגן אַרן־בער און גענומען אזוי פרײלעך רײַבן די הענט, גלײַך ער שטייט לעבן א רײַך־געדעקטן טיש און באַקוקט די אויסגעשטעלטע מײַכאָלים.

אויסגעהערט אַרן־בערן, האָט דער פעטער זאַלמען א קוק געטאָן אָף באַרעכן. ער האָט

גלײַך פֿאַרשטאַנען, װעמענס אַרבעט דאָס איז. האָט בּאַרעך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געלאָזט דעם טאַטן טראַכטן, װאָס ער װיל.

— װיפֿל זשע װעט איר מיר צאָלן פֿאַר דער זאַלע?

געפֿרעגט ניט אַזױ צוליב זיך, װי צוליב דער מומען.

— אַ דרײַערל אַ כּודעשו! — האָט אױסגעשאָסן אַרן־בער.

— זאָל זײַן אַזױ, אַ דרײַערל גײט אױך ניט צופּוס, — האָט געענטפֿערט דער פּעטער. און דאָס איז אױך געזאָגט געװאָרן פֿאַר דער מומען. ער האָט שױן באַמערקט עפּעס אַזױנס אין אירע איבערגעשראָקענע אױגן. און טאַקע, װי נאָר אַרן־בער איז אַװעק, האָט זי זיך צעװײנט.

— װאָס טוסטו, זאַלמען? װײניק פֿאַר אונדז אונדזער יוילעק?

— װאָס זשע, בּא דיר װאַלגערן זיך איבעריקע דרײַערלעך?

די נאַכט זײַנען זײ ניט געשלאָפֿן. ניט דער פּעטער זאַלמען, ניט די מומע בּראָכע, ניט בּאַרעך. דער פּעטער זאַלמען האָט געטראַכט. ער האָט געטראַכט װעגן דעם, אַז דער אומרו פֿונעם װאַלד, דער ניטגוטער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין שטעטל, צו אים אין שטוב אַרײַן, און אַפֿילע שאַבּעס קען ער זיך שױן פֿון אים ניט באַפֿרײַען; אַז מיסטאָמע האָט בּאַרעך דאָס אַלץ צוגעטראַכט ניט גלאַט אַזױ, און אַז אין דעם איז געװיס פֿאַראַן עפּעס אַזױנס, צו װאָס ער, דער פּעטער זאַלמען, האָט ניט געקענט דערטראַכטן זיך. בּאַרעך האָט אַ גאַנצע נאַכט געשמועסט מיט װערא פּאַװלאָװנען, געפּרוּװט פֿאָרשטעלן זיך דעם שנײַדער־אַרטעל: מיט װאָס װעט ער זײַן ענלעך און מיט װאָס װעט ער זיך אונטערשײדן פֿון װערא פּאַװלאָװנעס געװעלב. ער האָט זײער געװאָלט זען אַזאַ כאַלעם, פֿון יענע כאַלױמעס, װאָס װערא פּאַװלאָװנא האָט געזען, נאָר דערצו האָט מען אָבער געמוזט אַנשלאָפֿן װערן. נאָר דער שלאָף איז אין יענער נאַכט צו קײנעם ניט געקומען.

שאַבּייסענאַכטס, גלײַך נאָך דער האַװדאָלע, איז אַרײַנגעקומען אַרן־בער מיט זײַן מאַשין אױף די פּלײצעס. און גלײַך נאָך אים — נאָך אַ פּאָר שנײַדער.

— אַ גוטע־װאָך! — האָט ער פֿרײלעך אױסגערופֿן. — זאָל זײַן אין אַ גוטער שאָ!

זײַנע אױגן האָבן אַזױ יאָמטעװדיק געגלאַנצט, אַז דער מומען איז געװאָרן אַ ביסל גרינגער אױפֿן האַרצן.

— איז װאָס, — האָט סענדערל אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זײַנע דריבנע קור־טשערלעך, — מאַכן מיר אַ שטיקל רעװאָליוציע?

— פֿעטש װעלן פֿלִיען!.. — האָט אַרן־בער װידער עמעצן געדראָעט. נאָר װעגן בּלוט־פֿאַרגיסונג האָט ער דאָס מאָל צוגעשװיגן.

ס'האָט זיך טאַקע צונױפֿגענומען אַ גאַנצער מיניען שנײַדער. נאָר מאַשינעס איז געװען אינגאַנצן פֿיר. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז פֿיר מאַשינעס איז גאַנץ גענוג, װײַל ס'איז פֿאַראַן ניט װײניק האַנט־אַרבעט: צושנײַדן און פֿאַרסטריגעװען, שלײפֿן לעכלעך און צונײען קנעפּלעך, צוגרײטן די פּרעסלעך און דאָס פּרעסן אַלײן. סאַמע דאָס װיכטיקסטע און סאַמע דאָס שװערסטע איז געװען דער הונדערטער. דער הונדערטער, פֿאַר װעלכן מע האָט געדאַרפֿט קױפֿן אַ ביסל שניטקראָם, איבערהױפּט גראָב געװאַנט, אױפֿנײען די ערשטע פּאַרטיע פֿױערשע מאַלבושים, אַרױס מיט זײ אױפֿן מאַרק און זען, װאָס דערפֿון װעט אַרױס.

קײן פֿעטש זײַנען ניט געפֿלױגן, קײן בּלוט האָט זיך ניט געגאָסן, און די סכוירע, װאָס זײ האָבן אױפֿגענײט פֿאַר דער ערשטער װאָך, איז דעם קומענדיקן זונטיק פֿאַרקױפֿט געװאָרן פֿאַר צװײ שאָ צײַט. פֿאַרנאַכט, װען בּאַרעך האָט אונטערגעפֿירט דעם כעזשבן, איז אױסגעקומען, אַז זינט זײ שנײַדערװען, װער בּא זיך און װער בּא יענעם, האָבן זײ נאָך אַזאַ װאָך ניט געהאַט.

— הערט איר, בּראָכע־לעבן, — האָט זיך אָנגערופֿן אַרן־בער, — בּא אײַער בּאַרעכן איז אַ מיניסטערשער קאָפּ!

די מומע בּראָכע האָט געשװיגן. יעדע פֿרײַע מינוט איז זי אָפּגעזעסן אין איר געװעזענער „זאַלע", װאָס איז איצט פֿול געװען מיט פֿאַרשײדענע אָפּשניצלעך, מיט שטױב פֿונעם געװאַנט, מיטן טשאַד פֿון די פּרעסלעך און מיטן גראַגערײַ פֿון די מאַשינעס, געפּלאַכטן אַ זאָק און שטיל אין זיך, געזיפֿצט, צוקוקנדיק, װי איר בּאַרעך, װאָס האָט געטרוימט װערן אַ דאָקטער, װערט ביסלעכװײַז אַ שנײַדער. עס קומט אים אָן ניט גרינג, נאָר ער האָט אַ גוטן לערער. סענדערל װײַזט אים, װי מע דאַרף אײן אײן אױיגנבליק פֿאַרסילען אַ נאָדל, פֿאַרסטריגעװען אַ בּעגעד, אױסשלײפֿן אַ לעכל. נאָר מערער פֿאַר אַלץ האָט בּאַרעך ליב דאָס פּרעסל. מיטן פּרעסל פֿילט ער זיך פֿרײַער און האַלט זיך פֿאַר אַן עמעסן בּאַלמעלאָכע. און אַז ער שטײט בּאַם טיש מיטן פּרעסל אין דער האַנט, קען ער טראַכטן און לאָזן זײַנע טרױמען פֿלִיען װוּהין זײ װילן.

ער האָט געפּרעסט און געטרוימט, געשלייפט א לעכל און געטרוימט, פארסילעט א נאָדל און געטרוימט... עס וועט דורך א כודעש, א יאָר, צוויי, די רעוואָליוציע וועט זיך צעוואקסן, און זייער ארטעל אויך. אלע שנײַדער וועלן מאכן איין ארטעל. דערנאָך אלע שוסטער, אלע פעלצנמאכער, אלע קאָוועלעס און בלעכער, אפילע די באלעגאָלעס, און אפילע די קוימענ־קערער. דאָס גאנצע שטעטל — סאמע ארטעלן. און עס וועלן מער ניט זײַן קיין אָרעמעלײַט, און עס וועלן מער ניט זײַן קיין פארהאָרעוועטע און פאריאָגטע שנײַדער־יונגען. די ארבעט וועט ווערן פאר אלעמען אזא, ווי זי דארף זײַן. זי וועט זײַן פאר אלעמען א קאָוועד, א פרייד, א גליק, און אלע וועלן נאָר וועלן זינגען...

אז איין שנײַדער ברומקעט זיך אונטער אליין עפעס א לידל, הערט עס קיינער ניט. נאָר אז צען שנײַדער הייבן אָן זינגען איניינעם, הערט מען שוין אָף דער דריטער גאס. באזונדערס, ווען ארן־בער הייבט אָן גארגלען זיך, מאכט אלעמאָל א נײַ דריידעלע און מאכט פון יעדער שורע, פון יעדער וואָרט א באזונדער, צעצויגן מיזמערל:

פאפּי־יר אי־יז וואַ־וואַ־ווײַס,
או־און סא־זשע אי־אי־איז שווארץ.
צו דיר, מײַן לעבן, ציט מיך מא־ווײַ־ווײַן הארץ...

באָרעך זינגט אויך. נאָר אים זינגט זיך גאָר אָן אנדער לידל. יענץ לידל, די „קארמאניאָלא", וואָס ווערא פאָוולאָוונא האָט געזונגען:

מיר זײַנען אָרעם, נאָר מיר זײַנען ארבעטסלײַט,
מיר זײַנען פארפינצטערט, נאָר ניט נאריש.
און מיר ווילן ליכט!
מיר וועלן זיך לערנען.
דאָס וויסן וועט אונדז באפרײַען,
די ארבעט וועט אונדז בארײַכערן.
מיר וועלן זײַן גליקלעך, מיר וועלן זײַן ווי ברידער און שוועסטער!

— אך, ווערא פאָוולאָוונא, ווערא פאָוולאָוונא! — הייבט ער אָן דורכשמועסן זיך מיט איר און פילט, ווי טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן. פון דעם, וואָס ס׳איז אים אזוי גוט, ווי קיינמאָל ניט, פון דעם, וואָס ער האָט געפונען, וואָס ער האָט געזוכט, פונעם געפיל פון עמעסדיק גליק. נאָר זיך אליין רעדט ער אײַן, אז דאָס איז פּאָשעט פונעם פּרעסל...

ער פּרעסט און טרוימט. טרוימט און זינגט זיך אונטער. און דאָס לידעלע, פאר וועלכן מע דארף ערשט צוטראכטן א ניגן, טראָגט אים אליין אוועק ווײַט, זייער ווײַט, פון יענער זײַט האָריזאָנט, פון יענער זײַט אויסגעדאכטער ליניע. זי איז טאקע דאָ, די ליניע, נאָר זי שטייט ניט אָף קיין אָרט, זי רוקט זיך אָפּ וואָס אמאָל ווײַטער און ווײַטער, גייט אינגאנצן זיך פאנאנדער — די גרינע און שווארצע פאסיקלעך, — און עפנט פאר אים נײַע ערדן און נײַע הימלען...

א גאנצע וואָך האָט באָרעך געארבעט און יעדן שאבעס אָפּסנײַ איבערגעלייענט די קאפּיטלען וועגן ווערא פאָוולאָוונעס געוועלב. דאָס איז געווען פאר אים א מין שולכן־אָרעכל. נאָר אויב ווערא פאָוולאָוונא האָט ערשט אָפן דריטן יאָר געשאָפן א מין שפּאָרקאסע, האָט ער גענומען זיך פארן אײַניען דעם צווייטן כודעש. אז יעדערער זאָל אלע וואָך אָפּלייגן א רובל אין דער אלגעמיינער קאסע. אָף וואָס? ס׳זאָל זײַן פארוואָס עפּעס אײַנקויפן פארן ארטעל, ס׳זאָל זײַן פונוואָנען געבן עמעצן א האלוואָע בייס א דרינגענדיקער נויט, ער זאָל ניט דארפן גיין צו אלטער בראָווארנע פארזעצן א מאשקן און צאָלן גרויסע פּראָצענטן...

די שנײַדער איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן. ווײַל ערשט איצט וועלן זיי טאקע קענען ארויסשטעלן אלטערן א פײַג. זיי האָבן נאָר געוואָלט וויסן, ווי קומען עס צו באָרעכן אזעלכע געדאנקען.

— דאָס אלץ איז באשריבן בא טשערנישעווסקין. אזוי האָט געטאָן ווערא פאָוולאָוונא.

— איז עפשער וואָלסטו אונדז אויך באקאנט מיט איר?

— מיטן גרעסטן פארגעניגן. נאָר ווען?

— צווישן מינכע און מײַרעוו!

פארוואָס האָט אלטער בראָווארנע זיך דערשראָקן פארן שנײַדער־ארטעל, איז שווער צו זאָגן, נאָר אין יענע כאדאָשים איז ער ביכלאל ארומגעגאנגען א ביסל אָן איבערגעשראָ־קענער. האָט אים דער שנײַדער־ארטעל אויסגעזען עפּעס אזוינס, אין וועלכן עס שטעקט א באזונדער געפאר. אז צען שנײַדער זינגען איניינעם, איז דאָס ניט גלאטיק. עס שמעקט שוין

מיט רעוואָליוציע. איז מײַלע, פּיטערבורג, מאָסקווע קענען זיך דערלויבן, נאָר כּאַשטשע־וואַטע? איז ער אַוועק צום פּריסטאַוו און אים אַרײַנגערוקט אַ פֿינפֿערל. דער פּריסטאַוו האָט אַ פֿינטל געטאָן מיט זײַנע דראָענדיק־כּאַניפֿעדיקע אויגן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ס'וועט זײַן רעכט.

אייגנטלעך, איז דאָס געווען ניט קיין פּריסטאַוו, נאָר אַ פּאָשעטער אוריאַדניק. נאָר אין כּאַשטשעוואַטע, צוליב אייגענעם רעספּעקט האָט מען אים גערופֿן „גאָספּאָדין פּריסטאַוו". און דאָס איז אים גראָד געפֿעלן געווען. ער האָט געקענט עטלעכע ייִדישע ווערטער, שטאַרק ליב געהאַט געפֿילטע פֿיש, אַ פֿעטן קוגל, אַ קעלשיקל בראָנפֿן און מעסירעס. ער האָט שטענדיק געהאַט עפּעס פֿון ביידע צדדים, פֿונעם מאָסער און פֿונעם געמאַסערטן. אַרײַנגע־לייגט דאָס פֿינפֿערל אין קעשענע, איז ער טייקעף אַוועק צו דער מומע בראָכע.

— וואָס טוט מען דאָ אַזוינס בא דיר?

— מע נייט.

— וועמער נייט?

— וואָס הייסט וועמער? שנײַדער!

— ווי קומען צו דיר שנײַדער?

— כ'האָב זיי פּאַרדונגען מײַן זאַלע.

— אַך, פּאַרדונגען? אַנו ווײַז!

ווען די מומע מיטן פּריסטאַוו זײַנען אַרײַן אין „זאַלע", איז דאָס גראַגערן און דאָס זינ־גען געווען אין רעכטן ברען. נאָר דער פּריסטאַוו האָט געהאַט אַ שטאַרקע געמבע. האָט ער אויסגעשריגן:

— שאַ!

זײַנען אַלע גלײַך אַנשוויגן געוואָרן.

— וואָס טוט איר דאָ?

— מיר נייען!

— און וואָס נאָך?

— מיר זינגען.

סענדערל האָט בייסמײַסע אַרײַנגעראַמט אַרן־בערן אין אויער אַרײַן:

— מע דאַרף אים עפּעס געבן אין דער יאַד אַרײַן.

— וויפֿל?

— גענוג פֿונזײַנטוועגן אַ קערבל. ער מעג עס אויסקרענקען.

דערפֿילט אין דער האַנט אַ פּאַפּירל, איז ער גלײַך געוואָרן ווייכער.

— נו, זינגט, זינגט.

און געפֿונען פֿונדעסטוועגן פֿאַר נייטיק אַ טײַטל טאָן מיטן פֿינגער:

— נאָר געדענקט.. יענע לידלעך!..

און אַזוי איז דאָס אַוועק. יעדע וואָך האָט אַלטער אַוועקגעטראָגן דעם פּריסטאַוו אַ פֿינ־פֿערל, און יעדער וואָך איז דער פּריסטאַוו געקומען צו די שנײַדער נאָך זײַן קערבל. אַלטערן האָט דער פּריסטאַוו געמאַכט אַ כּניפֿעדיקן שמייכל און, ווי זיך אַנטשולדיקט פֿאַר אים, אַרויס־גערעדט:

— מע מוז צוואַרטן. רעוואָליוציע!..

בא די שנײַדער האָט ער דראָענדיק אַ טײַטל געטאָן מיטן פֿינגער און געוואָרנט:

— נאָר געדענקט.. יענע לידלעך!..

אַזוי האָט ער יויצע געווען פֿאַר ביידן, געוויזן, אַז דאָס געלט נעמט ער ניט אומזיסט.

— אַך, ווערא פּאַוולאָוונאַ, ווערא פּאַוולאָוונאַ!..

באַרעך האָט אַלץ ניט אויפֿגעהערט שמועסן מיט איר, דערציילן איר, ווי גוט עס גייט בא זיי און ווי עס וועט גיין וואָס אַמאָל בעסער. ווײַל דעם לעצטן כוידעש זײַנען צוגעקומען נאָך פֿינף שנײַדער מיט צוויי מאַשינעס. און זיי אַרבעטן שוין ניט נאָר פֿאַרן מאַרק, נאָר באַקומען שוין באַזונדערע באַשטעלונגען. מע קומט צו זיי פֿון אַלע אַרומיקע דערפֿער. און די „זאַלע" איז שוין צו ענג פֿאַר זיי...

נאָר וואָס איז געשען מיט דער רעוואָליוציע? צי די קויכעס זײַנען איר אויסגעגאַנגען, צי עמעצער האָט איר די ביינער איבערגעבראָכן? עס קומען אָן קלאַנגען מיט יעדן טאָג ערגערע, שרעקלעכערע. אַרעסטן, פּאָגראָמען, קאַזאַקן. און מע זאָגט, זיי וועלן אײַנגיכן זײַן אויך דאָ. דער פּריסטאַוו אַליין, דער גוטער פּריסטאַוו, האָט זיי אַרויסגערופֿן.

אין איינעם א פּראָסטיקן, ווינטערדיקן טאָג איז ער אַרײַנגעקומען צום פּעטער זאַלמען א פּראָספּעטער, בײַז א פּיר געטאָן מיטן גרויסן נאָזטיכל איבערן פאַרשוויצטן שטערן און צו הויך א פרעג געטאָן:

— וואָס טוט מען דאָ?

— מע נייט.

— און וואָס נאָך?

— מע זינגט.

— האָדי! — האָט ער א ברום געטאָן אַף זײַן אויפן. — צעגייט זיך ווי זאַלץ אין וואַסער! אײַער דער זאָל דאָ מער ניט זײַן!

מיט דעם ענדיקט זיך די געשיכטע וועגן ערשטן שנײַדערשן אַרטעל פון כאַשטשעוואַטע, וואָס איז אויפגעקומען נאָך אין טויזנט נײַן הונדערט פינפטן יאָר.

— צו שפּעט זיך געכאַפּט, — האָט געטײַנעט דערנאָך אַרן־בער, — נאָר גיי מאַך עפּעס. ביז א רעוואָליוציע דערקלײַבט זיך קיין כאַשטשעוואַטע...

— און עפּשער צו פרי, — האָט זיך אָנגערופן סענדערל. — נאָר נישקאָשע, זי וועט קומען נאָכאַמאָל, די רעוואָליוציע!

צו דער נײַער רעוואָליוציע האָט סענדערל ניט דערלעבט, אוועק אַף דער מילכאָמע און זיך ניט אומגעקערט. נאָר אַרן־בער, ווען ער האָט מיט פיל יאָרן שפּעטער, שוין בא דער ראַטנמאַכט, אָגיטירט די קוסטאַרן, זיי זאָלן שאַפן אַרטעלן, האָט שטענדיק אָנגעהויבן זײַן רעדע:

— נאָך אין טויזנט נײַן הונדערט פינפטן יאָר!

און באַרעך?

ווען דער גוטער פּריסטאַוו מיט עטלעכע פּאָליציי־לײַט זײַנען טאַקע דעם זעלבן אָוונט געקומען מאַכן אַן אונטערזוכונג, האָבן זיי צווישן די ביכער, וואָס זײַנען געלעגן אין פאַר־שיידענע ווינקעלעך, געפונען אויך בײַראָנס „טשײַלד האַראָלד”, פּושקינס „דובראָווסקי” און טשערנישעווסקיס „וואָס טאָן?”. די דאָזיקע דרײַ ביכלעך האָבן אַרויסגערופן בא דער פּאָלי־ציי א באַזונדערן כשאַד, און זיי זײַנען פאַרשריבן געוואָרן אין פּראָטאָקאָל אַלס קראַמאָלע. באַרעכן האָט מען דערווײַל ניט געטשעפּעט, נאָר די מומע האָט געפילט, אַז מיט דעם וועט זיך דאָס ניט ענדיקן. איז גלײַכער, אַז באַרעך זאָל ניט סטײַען. זאָל ער אוועק מיטן טאַטן אין וואַלד.

די געדיכטע סאָוראַנער וועלדער צײען זיך אַף ווערסטן. באַטאָג ווערן זיי ווי פאַרגלי־ווערט אין זייער שטילשווײַגן, און באַנאַכט האַלטן זיי אין איין שושקען זיך. און ס'דוכט זיך, אַז איין בוים מיטן צווייטן פירן א לאַנגן, פאַראַקשנטן וויקועד. באַטאָג איז דער פּעטער זאַל־מען געווען פאַרנומען מיט זײַן אַרבעט, און באַרעך האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן וואַלד, ווו דער ווײַסער טיפער שניי איז געלעגן ניט גערירט. און באַנאַכט האָבן זיי שטיל זיך דורכ־געשמועסט.

— זאָג מיר נאָר, באַרעכל, דאָס איז דאָך שוין א פאַרפאַלענע זאַך, נאָר ווער האָט דיר אַרײַנגעגעבן אין קאָפּ אַזעלכע געדאַנקען?

— טשערנישעווסקי...

— ווער זשע איז ער, אָט דער טשערנישעווסקי, און ווו וווינט ער?

— ער איז שוין ניטאָ. דאָס איז באַשריבן בא אים אין א בוך, וואָס הייסט „וואָס טאָן?”.

— וואָס טאָן... אַזוי... ניט מערער און ניט ווייניקער... וואָס זשע האָסטו געמיינט, איבער־קערן די וועלט?

— אַוודע האָבן מיר געמיינט... נאָר אָנהייבן דאַרף מען ניט פון דעם, נאָר אַזוי, ווי לעניז זאָגט.

— לעניז? ווער זשע איז אָט דער לעניז?

— געווען די צײַט אין כאַשטשעוואַטע א מאַטראָס, פלעגט ער אַרײַנקומען צו אונדז. האָט ער אונדז דערציילט וועגן אים.

— אַזוי גאָר? און איך האָב געמיינט, אַז צו אונדז איז געגאַנגען נאָר דער פּריסטאַוו. וואָס זשע זאָגט לעניז?

— לעניז זאָגט אַזוי... גיט אונדז אַן אָרגאַניזאַציע פון רעוואָליוציאָנערן, וועלן מיר איבערקערן די וועלט.

ס'איז שווער, זייער שווער אײַנשלאָפן נאָך אַזא שמועס. ליגט דער פּעטער און קוקט דורכן קליינעם פענצטערל אַפן באַנאַכטיקן, פאַרשנייטן וואַלד, וואָס איז פול מיט ווײַסע סוידעס, און רעדט צו זיך אַליין:

— איך הייב ניט אָן פאַרשטיין. ס'איז כּוץ לעדערעך האַטעווע...

און מיינען מיינט ער דערמיט: ווי האָבן עס געקענט זײַנע זינדיקע געדאַנקען, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט אַף דער צונג, אַריבער צו זײַנע קינדער? און ווי האָבן זיי עס געקענט אַזוי מעגולגל ווערן, אַז ער אַליין דערקענט זיי ניט? ווײַל בײַ באַרעכן זײַנען זיי שוין גאָר־גאָר אַנדערע. און בײַ יוילעקן געוויס אויך אַנדערע. ווײַזן דעם וועט מען דאַרפן זיך ערשט דורכשמועסן.

נאָר שמועסן איז אויסגעקומען ניט קיין סאַך. ווען דער פּעטער זאַלמען איז געקומען אַף שאַבעס אַהיים, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די פּאָליציי איז ווידער געווען און דאָס מאָל געזוכט טאַקע באַרעכן אַליין. האָט מען שוין געמוזט צונויפנעמען ווי א קאָפּעקע, דאָס איבע־ריקע אַנטלײַען, עס זאָל סטײַען באַרעכן הויצאָעס.

און באַרעך איז אַוועק. אַוועק איבער שטעט און דערפער, מעלוכעס און לענדער, יאַמען און אָקעאַנען. דער האַריזאָנט האָט זיך אַפּגערוקט וואָס אַמאָל ווײַטער, און ער האָט ענדגיל־טיק זיך איבערצײַגט, אַז די ליניע צווישן הימל און ערד איז אָן אויסגעדאַכטע.

די מומע בראָכע האָט ניט איין כּוידעש באַוויינט איר באַרעכן, ביז ס'איז ענדלעך אָנ־געקומען א בריוו. פון אַמעריקע. ער אַרבעט דאָרטן טאַקע אין א שנײַדער־געוועלב. געוואָרן אַן עכטער פּרעסער. האָט די מומע פאַרבראַכן די הענט.

— יויעל אין טערמע, באַרעך אין אַמעריקע!.. וואָס וועט זײַן מיט די איבעריקע קינדער?..

אַף דער פראַגע האָט דער פּעטער זאַלמען ענטפערן ניט געקענט.

שלוימע האַמעלעך פון כאַשטשעוואַטע

װי א לידעלע קען עס אַמאָל בײַטן א מענטשן... איין פּאַשעט ייִדיש לידעלע..

ביז דעם איז שלוימע קאָוועל געווען באַרימט בלויז מיט זײַן גוורע. איבערברעכן אַן אײַזערנע פּרענט אַפּצווייען, א נעם טאָן אין זײַן פּאַרהאַרטעוועטער דלאָניע א פּידקאָווע און מאַכן פון איר א בייגעלע איז געווען בא אים א וואָכעדיקע זאַך. אייניקע האָט געצויגן צו אים זײַן גוורע, אַנדערע — געשראָקן, און שלוימע אַליין האָט סטאַם ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט איר. שטענדיק האָט ער געעפנט זײַן קוזניע דער ערשטער, זיך צעקלונגען מיטן האַמער איבער דער גאַנצער קאָוואַליוווקע, אַמאָל גלײַך נאָכן ערשטן האַנעקריי און אַמאָל נאָך פאַר אים. האָבן אַלע שוין געוווּסט, אַז דאָס האָט שלוימע קאָוועל אָנגעהויבן עפּעס אויס־שפּילן מיטן האַמער איבער דער קאָוואַדלע. און אַז דאָס ערשטע פויערשע פורל, וואָס איז פאַרפאָרן אין שטעטל אונטערצײַען א שינע, פאַריכטן אַן אַקס אָדער אונטערקאָוען א פערד, האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים.

נאָר וואָס, אייגנטלעך, שפּילט ער אויס, האָט שלוימע אַליין ניט געוווּסט. ביז יענעם לידל.

געווען איז דאָס שוין לאַנג, זייער לאַנג, נאָך אין טויזנט נײַן הונדערט פינפטן... אין יענעם יאָר האָט גיטל יאַנקעוו־עליעס, וואָס איז דאַן געווען זײַן קאַלע, אים פאַרשלעפּט אַף עפּעס א מאַיאָווקע אין מאַשטשאַנער וואַלד. דאָרטן האָט ער דאָס ערשטע מאָל זיך דערוווּסט, וועער ער אַליין איז און ווי וויכטיק פאַר דער וועלט איז זײַן פאַך. דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערפילט אין זיך דאָס, וואָס הייסט שטאָלץ. פאַר זיך און פאַר אַלע קאָוועלס פון דער וועלט, וועמענס באַרוף איז שמידן גליק פאַר דער גאַנצער מענטשהײַט. דער וואַלד האָט געשמעקט, ווי גיטלס שוואַרצע צעפּ, און גיטלס צעפּ האָבן געשמעקט, ווי דער יונגער וואַלד. און ביידע אײַנינעם, גיטל און דער וואַלד, און באַזונדערס די ווערטער פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן מאַטראָס האָבן ווי פאַרשיקערט, אַרויסגערופן יענעם כוצפּעדיק־פריילעכן גלאַנץ אין די אויגן, געוויגט און אונטערגעהויבן זײַן מעכטיקע, האַריקע ברוסט. ס'האָט זיך געוואָלט זינגען, סע האָט זיך געוואָלט טאַנצן, און ס'האָט זיך געוואָלט אַרומנעמען אַלע קאָוועלס, די גאַנצע וועלט און קושן זיך. טאַקע יענע מאַיאָווקע האָט אים געשענקט א לידל, וואָס איז אים גלײַך אײַנגע־באַקן געוואָרן אין האַרצן:

אין א קוזניע בא דעם פײַער
שטייט א שמידער און ער שמידט.

קלאַפּט דער האַמער, פּונקען פּײַער פּליִען,
און ער זינגט דערבײַ אַ ליד:

קיין זינגער, דאַרף מען זאָגן, איז שלוימקע ניט געווען. די לידעלעך, וואָס די מאַמע האָט אים געזונגען קינדווײַז, האָט ער לאַנג פאַרגעסן. דערפאַר איז די דאָזיקע ליד געווען פאַר שלוימען ווי אַ גרויסע אַנטדעקונג. זי האָט געעפנט פאַר אים אַן אַ שיר אַ נײַע וועלטן און אַנטדעקט פאַר אים זיך אַליין. געווען פאַר אים אין דעם לידל עפּעס קישעפדיקס, געווען זײַנען אין די ווערטער אַ סאַך ניט קלאָרע רעמאַזים, און דאָס אַלץ האָט שטענדיק געוועקט אין אים אַזעלכע געפילן, וועגן וועלכע ער האָט ביז איצט קיין אָנונג ניט געהאַט.

די רעוואָלוציע האָט פּלוצלינג ניט געסטײַעט, און מער איז שלוימקע אויף קיין מאַיאָווקעס ניט געגאַנגען. איז דאָס אַלץ געבליבן בײַ אים, ווי עפּעס אַ שײנער חלום, פון וועלכן מע האָט אים אײַנמיטנדערינען אופגעוועקט. אַ חלום וועגן אַ פרילינגדיקן וואַלד, וואָס שמעקט, ווי גיטלס שוואַרצע צעפּ, אַ חלום וועגן גיטלען אַליין, ווי זי האָט אויסגעזען, ווען זי איז געווען זײַן קאַלע, און אַ חלום וועגן עפּעס אַ מאַטראָס, וועמען קיינער האָט ניט געוואַגט אָנרופן באַם נאָמען, און וועגן זײַן פלאַמיקער רעדע וועגן די אַרבעטער, וואָס דאַרפן אַראָפּ־וואַרפן אַלע טיראַנען און שאַפן אויף דער ערד אַ קיניגרײַך פון אַרבעט. געבליבן פון אים איז אָט דאָס שײנע, קישעפדיקע לידל.

איז אויסגעקומען בײַ שלוימען, אַז די ליד איז געשאַפן געוואָרן פאַר אים אַליין. אַמאָל האָט זיך אים אַפילו געדוכט, אַז דאָס האָט ער אַליין זי צוזאַמענטראַכט, אַז דאָס האָט זי זיך אויסגעזונגען און אויסגעקלונגען פון אונטער זײַן האַמער, ווען ער האָט אין די פרײַע בײַ־גינענס געוועקט די גאַנצע קאָוואַליוקע. ווײַל טאַקע נאָר אַ קאָוועל האָט געקענט צוטראַכטן אַ לידל, וואָס זאָל אַזוי נעמען באַם האַרצן.

מערער פאַר אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן די שורע וועגן די פונקען. די פונקען, וואָס פליִען אַרויס פונעם בלאָזזאַק, פון אונטערן האַמער, טאַנצן אַרום אַרום דער קאָוואַדלע, פליִען אַרום איבערן קאָפּ און רירן אים אַפילו ניט אָן. זיי האָבן ניט איבער אים קיין שליטע. אין אַזעלכע מינוטן האָט ער טאַקע געפילט זיך ווי אַן עמעסער גיבער, געפילט זיך צווישן די, וואָס הערשן איבערן פײַער, הערשן איבערן אײַזן און קענען טאָן מיט דעם וואָס זיי ווילן. זיי קענען דאָס צעגליִען, זיי קענען דאָס אינגאַנצן צעשמעלצן, זיי קענען אָפּסאַרפּען, פאַר־ברענען אַלץ, וואָס מע זאָל זיי דערלאַנגען. און זיי אַליין ווערט גאָרניט שאַטן. זיי זײַנען שטאַרקער פון אײַזן.

אָט אַזאַ זעט מען אים שטענדיק אין קוזניע. עס שטייט אַ הויכער, ברייטפּלייציקער גיבער, דאָס העמד צעכראַסטעט, די אַרבל פאַרקנייטשט, און דאָס גראָבע, ברעזענטענע פאַר־טעך איז פעסט אַרומגעבונדן אַרום די לענדן. ער קלאַפּט מיטן האַמער איבער אַ צעגליטן שטיק אײַזן און זינגט דאָס לידעלע. וואָס, ווי אים דוכט זיך, ער האָט אַליין פאַרפאַסט. נאָר קיינער ווייסט ניט. פאַרוואָס גלאַנצן בײַ אים אַזוי די אויגן. קיינער ווייסט ניט, אַז אין דער מינוט זעט ער פאַר זיך ניט דעם בלאָזזאַק און ניט דאָס צעגליטע אײַזן, נאָר יענעם פרילינג־דיקן וואַלד, יענעם אומבאַקאַנטן מאַטראָס...

און דאָס קען שוין שלוימקע אַליין אויך ניט פאַרשטיין. אַמאָל וועקט דאָס לידעלע אויף בײַ אים אַזאַ וואָרעמען טרוים וועגן יענעם קיניגרײַך פון אַרבעט, אַז עס ווילט זיך אים גלײַך עמעצן אַרומנעמען און צעקושן זיך. און אַמאָל הייבט אים אָן פרעסן אַזאַ אומעט, אַזאַ בענ־קעניש, אַז ער ווייסט ניט וואָס טאָן מיט זיך אַליין. עפּעס אַזאַ מוירעדיקע בענקעניש נאָך גיטלס שוואַרצע צעפּ, וואָס זי האָט שוין לאַנג אָפּגעשוירן, נאָך אירע פלאַמיק־רויטע באַקן, וואָס זײַנען שוין לאַנג בלייך געוואָרן. באַפאַלט אים אָט די בענקעניש, פאַרמאַכט ער די קוזניע, טרינקט אויס עטלעכע קעלישיקלעך בראַנפן און לאָזט זיך אַוועק אויף דער טאַראַוויצע, וואָס גלײַך אונטער דער קאָוואַליוקע, — אַ גרויסער מאַרק, פול מיט פערד, בעהיימעס און גאַנאָווים. ער גייט אַרום צווישן די פורלעך, צווישן די פערד און קו, וואַרפט אַרום זיך פינקלענדיק־הייסע און בייזע בליקן און קלאַפּט מיט די הענט איבער דער פאַרהוילטער ברוסט.

— ייִדן, וואָס טוט מען? עס ברענט בײַ מיר אינווייניק! גיט מיר עמעצן, שלאָגן ווילט זיך, פּלעטן עמעצן דעם קאָפּ!

ווייסט מען שוין אָפּן מאַרק, אַז שלוימקע האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, און מע שפּאַסט צווישן זיך, די שטעטלשע מיט די דאָרפישע:

— שליאַמקאַ בושויע...

נאָר וואָס, ווער און ווען, ווייסט קיינער ניט.

ווי אלע באלמעלאָכעס, האָט שלוימע געהאט מיט גאָט זײַנע אייגענע כעזשבוינעס. אינדערוואָכן האָט ער ביכלאל ניט געהאט ווען האָבן צו טאָן מיט אים, נאָר שאבעס איז ער, ווי אלע ייִדן, געגאנגען אין שול ארײַן. און דאָס איז געווען פאר אים דער ערגסטער טאָג אין דער וואָך. נאָך יעדן שאבעס האָט ער געפילט אין מויל אזא ביטערקײַט, וואָס האָט ניט געלאָזט ניט אויסשפּײַען זיך, ניט פארטרינקען מיט עפּעס. אָנגעהויבן האָט זיך עס פונעם שווארצן רעקל, דעם נאָדן זײַנעם, וואָס איז שוין לאנג אָף אים שמאָל און ענג און יעדן שאבעס פלעגט עס פּלאצן אין אַן אנדער אָרט. איז ער אָפּגעזעסן די פּאָר שאָ אין שול ווי אין קלעמען און מוירע געהאט א ריר טאָן מיט די אקסלען, עס זאָל ווידער ערגעץ ניט פּלאצן. און געווען איז אים דושנע, ערגער ווי אין קוזניע אין די גרעסטע היצן.

געזעסן איז ער, ווו אלע באלמעלאָכעס, אָף איינער פון די הינטערשטע בענק און דערפון געפילט זיך נאָך מער געענגט און דערנידעריקט. יעדן שאבעס האָט אין אים געקאָכט און געזאָטן. און די הענט האָבן ניט אופגעהערט בײַסן. אים האָט זיך געוואָלט געבן עמעצן פּעטש.

האָט ער אָפּט געטרוימט וועגן א נײַ רעקל און אז ס'זאָל קומען א צײַט מע זאָל געבן „מאפטיר" די באלמעלאָכעס פון די הינטערשטע בענק. נאָר דערוואָרט האָט ער זיך אָף גאָר עפּעס אנדערש.

קיין כאשטשעוואטע האָט די רעוואָליוציע זיך דערקליבן מיט א פארשפּעטיקונג אָף עטלעכע טעג און איז ארײַנגעקומען אין שטעטל ביז דער קני אין בלאָטע. ערגעץ האָט שוין געוויס עמעסדיק געפרילינגט, נאָר דאָ האָט דער שניי קוים אָנגעהויבן צעגיין און איינעם מיט די קאלטע, פוילע רעגנדלעך אויסגעקנאָטן א שיטערע בלאָטע, א טוואָן, וואָס האָט פארגאָסן דאָס גאנצע שטעטל מיט איין פּעטן, גלאנציקן אויסגוס... די טיפע שיטעריציע האָט ניט געהאט ניט קיין אָנהייב און ניט קיין סאָף, ניט קיין ברעגן און ניט קיין בריקלעך, און מע האָט געדארפט זײַן מיט צען קעפּ, מע זאָל קענען דורכגיין די גאס און ניט פארלירן אין דער בלאָטע א שוך אָדער א גאלאָש. דערצו האָט די בלאָטע געהאט עפּעס גאָר א באזונדערן רייעך. א געמיש פון אלע רייכעס פון דעם, וואָס דאָס שטעטל האָט פארן גאנצן ווינטער ארויסגעוואָרפן, ארויסגעשיט און ארויסגעגאָסן, יעדערער אונטער זײַן שטיבל. רייכעס פון איבערגעפוילטער קרויט און איבערגעזײַערטע אוגערקעס; פון די אלע קישקעלעך, פליגעלעך און פיסעלעך פון די איבערגעקוילעטע הינער, געענדז און קאטשקעס, פון דעם אלעמען, וואָס די שטעטלשע און דאָרפישע הינט האָבן עטלעכע מאָל איבערגעהריזעט אין די פראָסטיקע הונגעריקע נעכט און מער דאָס אין מויל ניט געוואָלט נעמען. דער דאָזיקער שטיקנדיקער רייכעס־געמיש האָט, ווי די בלאָטע אליין, פארפלייצט דאָס גאנצע שטעטל, ניט רעכענענדיק זיך ניט מיט קיין גאסן און ניט מיט קיין ייִכעס. געענדז און קאטשקעס האָט מען געגעסן נאָר אין גווירישע הײַזער, שמעקן האָבן איצט געמוזט אלע.

אוואדע וואָלט דאָס שטעטל ניט געקענט האָבן קיין קיִעם, ווען ניט דער ערשטער דונער און דער ווארעמער, ערשטפרילינגדיקער רעגן. ער גיט זיך א לאָז אראָפּ, גיט א גיס מיט א פארטויבנדיקן גערויש, מיט א פריילעכן אימפּעט, גיט א צעלאָז דעם שניי פון די ארומיקע בערג, פארגיסט מיטאמאָל דאָס שטעטל מיט א פּינענדיקן שטראָם און נעמט שווענקען, איבערשווענקען און אויסשווענקען דאָס גאנצע שטעטל פון אויבן ביז אראָפּ. ווערט מיטאמאָל פארשוווּנדן די פּעטע שיטעריציע, עס סטײַען ניט די ניט גוטע רייכעס, און דאָס שטעטל זעט אויס ווי נײַ־געבוירן. אלץ ארום שײַנט, אלץ ארום שמעקט, און עס עטעמט זיך אזוי מעכײַעדיק גרינג. ווערן דאַן צעפּראלט אלע טירן און פענצטער, און יעדערער סטארעט זיך ארײַנעמען אינווייניק, אינעם שטיבל מיט די נאסע, אָפּגעקאלופּעטע ווענט, א ביסל פונעם שײַנענדיקן און פונעם שמעקנדיקן.

נאָר צו יענעם ווארעמען פרילינגדיקן רעגן מיט די דונערן און בליצן איז נאָך געווען ווײַט. דערווײַל האָט יעדן טאָג בלויז א ביסל אונטערגעמאראקעט אָדער ס'האָט געמאראָסיעט א דין קאלט רעגנדל, וואָס האָט גאָרנישט ניט געקענט אופטאָן, כוץ ניט דערלאָזן, אז די בלאָטע זאָל ווערן א ביסל הארטער און מע זאָל קענען אויסטרעטן ערגעץ כאָטש א שמאָל סטעזשקעלע. און ס'האָט געבלאָזן יענץ פײַכט ווינטעלע, אַן עסעריקס און א שטעכיקס, וואָס די כאשטשעוואטער האָבן דעם א נאָמען געגעבן „מארציאָווע". דאָס מארציאָווע ווינטעלע. אמאָל האָט דאָס געשטאָכן אליין, פון זיך, און אמאָל האָט עס אָנגעהויבן אונטערשיטן גראָבן שניי אָדער אזעלכע קליינינקע גרײַפּעלעך, אזא דריבנע האָגל, וואָס האָט געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. פאר דעם האָבן די כאשטשעוואטער געהאט א באזונדערן נאָמען: די מארציאָווע פלאנעטעס. מיסטאמע געמיינט דערמיט די אלע פוילע שטיק, וואָס דער וועטער פראוועט אָנהייב מארט, ווען דער ווינטער הייבט אָן וואָיעווען מיטן אָנקומענדיקן פרילינג.

נאָר וואָס פאַר א ווערט האָט דאָס אַלץ בא דער רעוואָליוציע? זי האָט זיך ניט גערעכנט מיט גאָרנישט ניט. ניט מיט דער גלאַנציקער שיטעריציע, ניט מיט די שלעכטע רייכעס, ניט מיט דעם שטעכיקן מאַרציאָווע ווינטעלע און ניט מיט די מאַרציאָווע פלאַנעטעס. אַרײַנגעריסן זיך אין שטעטל, זיך צעשפּילט, ווי אין רעכטן פרילינג, זיך צעהוליעט מיט עפּעס א פריילע־כער, כּוצפּעדיקער פאַרשײַטקײַט, זיך צעטאַנצט און צעזונגען איבער אַלע גאַסן און געסלעך, איבער אַלע שמידערײַען און בלעכערײַען, בא אַלע שנײַדער און שוסטער, צווישן אַלע קליינע קליינע קלייטלעך און אַרײַנגעריסן זיך אפילו אין שול. און אומעטום דאָס זעלבע:

Свобода, равенство и братство!

פרײַהײַט, גלײַכהײַט און ברידערלעכקײַט!

נײַע, אומבאַקאַנטע ווערטער, וואָס האָבן געפּלעט און פאַרשיקערט, אופגערודערט אַלע־מען פון קליין ביז גרויס און אַרויסגערופן בא אַלעמען א יאָמטעוודיקן קאַפּשווינדל. די דאָ־זיקע דרײַ ווערטער האָבן מיטאַמאָל צעפלאַלט אַלע טירן און פענצטער און איבערגעמישט אין איין פרײַנטלעכן, טומלדיקן האַמוין דאָס ייִדיש־שטעטלשע מיטן אוקראַיִניש־דאָרפישן, די צוויי באַזונדערע האַלבע כאַשטשעוואַטעס. זיי זײַנען גלײַך געוואָרן יאַדאַכעס און בעשוט־פעס אראָפּגעריסן די פּאַגאָנעס פונעם פּעמפּעקעוואַטן פּריסטאַוו, בא די לאַנגע דראָגנען — סטראַזשניקעס, אראָפּגעריסן וווּ נאָר ערגעץ עס איז געהאַנגען דעם קייסערס א פּאָרטרעט, און פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט ניט אופגעהערט שרײַען:

Свобода, равенство и братство!

א נײַ לידל, א נײַע מעלאָדיע האָט מיטאַמאָל פאַרפלייצט סײַ די ייִדישע האַלבע, סײַ די אוקראַיִנישע, און מע האָט עס אָנגעהויבן נאָכזינגען, מאַרסעליעזווען אין יעדער שטוב:

Вставай, подымайся рабочий народ,
Вставай на борьбу, люд голодный.

יענעם שאַבעס האָט שלוימע קאָוועל, ווי שטענדיק, אָנגעטאָן זײַן ענג רעקל און, ווי שטענדיק, דערפילט זײַן פרעסנדיקע, דריקנדיקע ענגשאַפט. פאַרנומען אין שול זײַן אָרט אויף דער הינטערשטער באַנק, האָט אים אין גלײַך אָנגעהויבן זידן און קאָכן, און ער האָט אָנגע־הויבן אַרומקוקן זיך, ווי געזוכט עמעצן, וועמען געבן א פּאָר פּעטש.

ווען מע האָט אַרויסגעטראָגן די טוירע אויפן באַלעמער און דער כאַזן האָט, ווי שטענדיק, אָנגעהויבן אויסציִען דעם ניגון פון „מי שעבאַרעך האַוויסיינו“, איז ער דערגאַנגען בעשאָ־לעם ביז „הו יעוואָרעך“ און געבליבן שטיין. ער האָט דאָך געדאַרפט זאָגן „עס האַקייסאַר ניקאָלײַ אַלעקסאַנדראָוויטש יאַרום הוידוי“. וואָס זשע זאָל ער זאָגן, אַז ניקאָלײַ איז שוין אויס קייסער? האָט דער כאַזן אָנגעהויבן אַראָפּשלינגען דאָס שפּײַעכץ, גלײַך ס'האָט אים עפּעס געוואָרגן, און דערוואַרט זיך, ביז דער גאַבע האָט א קלאַפּ געטאָן מיטן סידער אינעם טיש און אים אונטערגעזאָגט:

— האַקייסער מיכאַיִל אַלעקסאַנדראָוויטש...

יאָ, די רעוואָליוציע האָט זיך דערקליבן קיין כאַשטשעוואַטע מיט א גרויסער פאַר־שפּעטיקונג, און די ידיִעס באַם גאַבע זײַנען געווען שטאַרק פאַרעלטערטע. אַרן־בער דער שנײַדער, וואָס האָט ליב געהאַט א גאָרגל טאָן זיך פאַרן אָמעד, האָט געהאַט מער פרישע ידיִעס. האָט ער אויסגעשריגן:

— דער טויג שוין אויך ניט. ער האָט אַליין זיך אָפּגעזאָגט.

דער אוילעם האָט נאָך ניט באַוויזן פאַנאַנדערקײַען, וועער איז ער אָט „דער“, פאַרוואָס טויג ער ניט, און ווי קומט עס, א מענטש זאָל זיך אָפּזאָגן ווערן קייסער. נאָר שלוימע האָט גלײַך פאַרשטאַנען, ווי עס האַלט. איז ער אַרוף אויפן באַלעמער, באַקוקט דעם אוילעם מיט זײַנע בייזע, פינקענדיקע בליק, פאַרהויבן די האַנט און א קלאַפּ געטאָן מיט איר אין טיש אַזוי, אַז די פענצטער האָבן א קלונג געטאָן. און דאָ האָבן אַלע דערזען, ווי דער רעכטער אַרבל פון זײַן רעקל האָט א פּלאַץ געטאָן און קימאַט אינגאַנצן זיך אָפּגעטיילט פונעם אַקסל.

— מאַכט מיר א מי־שעבייערעך! — האָט ער אויסגערופן. — איך בין איצט קייסער!

און דאָ האָבן שוין געמוזט פליִען פּעטש. באַלאָנים אויף פאַרנעמען דעם פּוסט געוואָרענעם קיסיי האַמאַלכוס איז אין כאַשטשעוואַטע געווען ניט ווייניק.

— דיר א מי־שעבייערעך? ס'וועט א רועך אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן!

— ווי געפעלט ער אײַך? א נײַער שלוימע האַמעלעך!

ווי זאָגט מען עס: אַ פּאַטש פאַרהיילט זיך, און אַ וואָרט געדענקט זיך. און אַז כּאַשטשע־וואַטע גיט עמעצן אַ צונאָמען, איז דאָס אויף לאַנגע יאָרן.

■

געקומען אַזאַ שיינע רעוואָליוציע, און קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט איר. און קיינער האָט ניט געוווּסט פּינקטלעך: מיט וואָס פרייען זיך און פאַר וואָס שרעקן זיך. האָבן זיי אַרומגעשפּאַנט אײנעם, די פרייד מיט דער שרעק, און ביידע זײַנען געווען שיקערלעך. אַמאָל טאַקע עכט שיקער, אַמאָל נאָר אַזוי בעגילופנדיק. האָט דאָס שטעטל אויסגעזען סימכעסטוירעדיק־אויפגערודערט, ווען יעדערער קען זיך דערלויבן אַזוינס, וואָס קיינער וואָלט זיך דאָס ניט דערלויבט ניט אינדערוואָכן, ניט אין קיין שום אַנדערן יאָמטעוו. אָט דאָס האָט, אַפּאָנעם, טאַקע געמיינט איכיל שוסטער, דער סאַמע ניכטערער צווישן אַלע שוסטערס, ווען ער איז אַרויס אין מאַרק אין זײַן פאַרשמאַלצעוועטן פאַרטעך, און טאַקע דאָ, צווישן אַ גרויסן אוילעם, יאָמטעוודיק־שיקערלעך אָוועק אַ טענצעלע. איכיל האָט געטאַנצט, די שיטערע און שמעקנדיקע בלאָטע האָט געשפּריצט פון אונטער זײַנע פּיס און באַשפּריצט אַלעמען, ווער ס'איז געשטאַנען אַרום אים, און אים אַליין אויך, און ער, גלײַך אַפּאָנעמסן שיקער, האָט פריילעך אונטערגעפינטלט מיט זײַנע קליינע אייגעלעך, געפּליעסקעט מיט די הענט און אונטערגעזונגען:

סימכעסטוירע האָפּעניו,
מיט די פּיסעלעך טאַנצעניו,
מיט די הענטעלעך פּליעסקעניו...

די גאַנצע וועלט האָט מיטאַמאָל זיך איבערגעקערט און... געבליבן די זעלבע. צו די אַלטע ניקאָלײַעווער דרײַערלעך און פינפערלעך מיט די אָפּגעסמיקעוועטע ברעגן זײַנען צוגעקומען שפּאָגל־נײַע ברוינע קערענקעס. און כּאָטש יעדער ברוין פּאַפּירעלע האָט געטראָגן אַ פּערציק־רובלדיקן נאָמען, האָט מען פאַר דעם זייער ווייניק וואָס געקענט קויפן. שוין לאַנג ניט געווען קיין ראַזשינקעס אויף שטעלן ווײַן אויף שאַבעס, און ייִדן האָבן געמאַכט קידעש אויף אַ קעלשיקל מילך; כּאַטש כּאַשטשעוואַטע איז געווען אַרומגערינגלט מיט צוקער־זאַוואָדן, האָט מען דעם שאַבעסדיקן צימעס פאַרזיסט מיט איבערגעקאָכטע בורעקעס. נאָר וואָס קידעש, ווער צימעס... אין אַ סך הײַזער איז קיין ברויט ניט געווען!

נאָר אויף אַלץ איז געווען איין טערעץ: מילכאָמע! האָט מען שטאַרק געהאָפט, אַז די שיינע רעוואָליוציע זאָל אין דער ערשטער ריי מאַכן אַ סאָף צו דער מילכאָמע. נאָר גראָד דאָס האָט די רעוואָליוציע נאָך ניט געקליבן זיך צו טאָן. די רעוואָליוציע האָט זיך געטאָן אירס, און די מיל־כאָמע אירס. אַלעמאָל האָט מען אַזש אַהער, אין היגן שפּיטאָל, געבראַכט פאַרווונדעטע, אַלעמאָל האָט אין שטעטל זיך אַראָפּגעיאָוועט אַ נײַער קאַליקע, און אַלעמאָל האָט מוישע סאָטסקי, דער איינציקער, וואָס איז דערווײַל געבליבן פון אַלטן רעזשים, געבראַכט אין אַן אַנדער שטוב אַ שרעקלעכע פּאָוועסטקע.

האָט דערווײַל די רעוואָליוציע נאָך גאָרנישט ניט געבראַכט עפּעס וועזנטלעכס, כּוץ עט־לעכע פּאַרטייען. זיי זײַנען געוואַקסן אויף דער שיטערער בלאָטע, ווי אויף הייוון, און אַלע טאָג איז צוגעקומען אין שטעטל אַן אַנדער פּאַרטיי. ריין ייִדישע, ריין אוקראַאינישע און געמישטע. און צווערשט האָט קיינער ניט געקענט פאַרשטיין, פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען און וואָס ווילן זיי. ווײַל אַלע האָבן געהאַלטן די זעלבע הייסע און מערסטנטייל אומפאַרשטענדלעכע רעדעס, און אַלע האָבן באַשריבן די ווענט פון די שטעטלשע הײַזער מיט די זעלבע ווערטער:

Свобода, равенство и братство.

פרײַהײַט, גלײַכהײַט און ברידערלעכקײַט.

ניט מער, איינע האָבן געשריבן די ווערטער אויף רוסיש, און אַנדערע אויף ייִדיש.

ניט מער, איינע האָבן געמאָלט זייערע לאָזונגען מיט רויטער ליים, און אַנדערע מיט שטיקלעך שוואַרצע קוילן.

נאָר וואָס טאָן מיט דער פרײַהײַט, גלײַכהײַט און ברידערלעכקײַט האָט אויך קיינער ניט געוווּסט.

די בונדאָווצעס האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען אין דער גרויסער שול, די ציִע־ניסטן — אין דעם אַלטן בעסמעדרעש, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן — אין דער טאַלנער קלויז. נאָר אַלעמאָל זײַנען די ציִוניסטן געלאָפן צו די בונדאָווצעס, די בונדאָווצעס צו די עסדעקן, און יעדער פאַרזאַמלונג האָט זיך געמוזט ענדיקן מיט פּעטש. פּעטש זײַנען געפלויגן

אין דער גרויסער שול, פּעטש זײַנען געפֿלויגן אין אַלטן בעסמעדרעש, און פּעטש זײַנען געפֿלויגן אין דער טאַלנער קלויז. און איבער וואָס שלאָגט מען זיך האָט אויך קיינער ניט געוווּסט.

שלוימע קאָוועל, וואָס האָט דעם ערשטן שאַבעס נאָך דער רעוואָלוציע זיך געמאָלדן פֿאַר קייסער און באַקומען אַ צונאָמען אױפֿן גאַנצן לעבן, איז געווען עפּעס גלײַכגילטיק צו די אַלע פּאַרטייען. אָפּגעטאָן יענעם שאַבעס אַ נאַרישקייט, האָט ער מער ניט געוואָלט היצן זיך. די קאָוועלס זײַנען דאַפֿקע צוגעשטאַנען צו אים: אַלעמאָל מעלדעט עמעצער אַנדערש עפּעס אַ פּאַרטיי, פֿאַרוואָס זאָל ער, שלוימע קאָוועל, אויך ניט מעלדן?

— מיר זײַנען דער ראַבאָטשע נאַראָד,— האָט שלוימע געטײַנעט זײַנס,— און מיר, קאָוועלס...

— נו, איז וואָס?

— איך וואַרט אָף מײַן מאַטראָס.

האָט מען געוווּסט, אַז שלוימע זאָל דערקלערן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאַטראָס און וואָס מיינט ער דערמיט, נאָר שלוימע האָט אַליין ניט געוווּסט. יענע מאַיאָווקע, יענער קורצער און שיינער כאַלעם, וואָס איז אינמיטנדערינען איבערגעריסן געוואָרן און איבערגעלאָזט אים דאָס שענסטע לידל און דעם בעסטן טרוים, האָט ווידער זיך אָנגעהויבן, ער ציט זיך שוין עטלעכע וואָכן, נאָר ער גייט, דער כאַלעם, ניט אַזוי, ווי יענער מאַטראָס האָט אים אויסגעמאָלט. עפּעס קומט עס ניט, דאָס קיניגרײַך פֿון אַרבעט... און זיי, די שמידן, קענען נאָך ניט נעמען זיך פֿאַר זייער באַרוף. האָט ער געוואַרט און אַרויסגעקוקט. ער האָט געוואַרט, עס זאָל זיך אַ יאָווע טאָן זײַן מאַטראָס און זאָל אים געבן צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פֿאַר. ווײַל פֿון די ערשטע פֿאַרזאַמלונגען איז ער אַרויס ניט וויסנדיק. ניט מער, ער האָט עמעצן געגעבן אַ פּאָר פּעטש און אַליין אויך אַרײַנגעכאַפּט. נאָר מער שלאָגן זיך גלאַט אַזוי וויל ער ניט. אויב שלאָגן זיך, מוז ער וויסן פֿאַר וואָס.

און ער איז געקומען, זײַן מאַטראָס.

ביין, פּריזער האָט אין שטעטל זיך אַ יאָווע געטאָן נאָך אַ פּאַרטיי. אופֿגעקומען איז זי ניט באַטאָג און ניט אין עפּעס אַ שיינעם פֿרימאָרגן, נאָר אינמיטן דער נאַכט. איבער איר ערשטער אַקציע האָבן אַ סאַך געשפּאַסט. פּונקט ווי איבער די ציוניסטן מיט זייער פּאַלעסטינע און איבער די בונדאָווצעס מיט זייער אווטאָנאָמיע. זיי האָבן אופֿגעריסן בא שלוימע סוקעראַנסקי דעם קעלער און אַרויסגעלאָזט פֿון דער שטײַג אַלע גענדז און הינער. אַרויסגעטריבן די אויפֿעס אָף דער גאַס און געשריגן:

— Куры, гуси — свобода!

איז געווען אין שטעטל פֿון וואָס צו לאַכן. נאָר ווען מע האָט אופֿגעריסן בא יודל דעם רויטן די קרופּאַדיאַרקע און אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרטן דאָס גאַנצע ביסל גרויפּן, די הרעטשקע מיט דער פּראַסע, איז אין שטעטל געוואָרן אַ גוואַלד.

— וואָס שווײַגט די מיליציע? זיי וועלן דאָך אונדז אַלעמען באַראַבעווען.

נאָר וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט געהאַט די מיליציע מיט די עטלעכע ביקסלעך, אַז געגאַנגען איז זי אָנגעטאָן ווי אַלע, ניט מער וואָס מיט רויטע בענדלעך אױפֿן אַרבל. נאָר דער נאַטשאַלניק פֿון דער מיליציע איז געווען ניט קיין פּראָסטער מענטש. בערנאַרד העכט, דער הויפּט־בוכהאַלטער פֿון דער זעמסקע באַנק, איז געווען אַ פֿלאַמפֿײַערדיקער רעדנער און אַ לידער פֿון אַ גאַנצער פּאַרטיי אין כאַשטשעוואַטע, וואָס האָט גערופֿן זיך מענשעוויקעס. האָט ער געדאַרפֿט ווײַזן, אַז זײַן פּאַרטיי איז עפּעס ווערט, און די דריטע נאַכט, ווען זיי האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט צו איציע טראַוויצקי אין דער אַליינע, האָט מען זיי געפּאַקט.

מוישע גולקע איז טאַקע געווען אַן עמעסער גאַנעוו, נאָר בענטשיק שאַמרײַ איז געווען ניט מער, ווי אַ נאַווי. מיט קיין גנייוועס האָט ער קיינמאָל זיך ניט פּאַרנומען, נאָר ער האָט שטענדיק געוווּסט, ווו דער פֿייגער איז באַגראָבן. ווען מע האָט בא עמעצן אַרויסגעגאַנוועט די געננדז פֿונעם בוידעם, צי דאָס זויערס פֿונעם קעלער, איז מען געגאַנגען צו בענטשיקן. און ס'האָט געקאָסט ניט טײַער. אָף מאָרגן זײַנען די געננדז צי דאָס זויערס ווידער געווען אָף זייער אָרט. נאָר אַז בענטשיק שאַמרײַ זאָל מאַכן שוטפֿעס מיט מוישעלע גולקען!

ווען מע האָט זיי געבראַכט צום נאַטשאַלניק פֿון דער מיליציע, האָט בערנאַרד העכט געגנוּמען זיי מוסערן:

— אין אַזאַ צײַט! איר פֿאַרפֿלעקט די רעוואָלוציע! גאַנאָווים!

— מיר זײַנען ניט קיין גאַנאָווים! — איז מוישעלע געוואָרן אויסער זיך.— מיר זײַנען אַנאַרכיסטן! די גרעסטע רעוואָליוציאָנערן!

— אַנאַרכיסטן? און דאָס וואָס הייסט?

— דאָס הייסט עקס־פּראַ... עקס־פּראַ־פּרי...

פאַר מוישעלען איז דאָס געווען אַ נײַ, זייער אַ שווער און צו אַ לאַנג וואָרט, און ער האָט דאָס ניט געקענט אַרויסרעדן. זיך פאַרהיקעט אַף האַלב וועג און אָנגעהויבן פאַרהוסטן זיך.

— אָט, זאָל בענטשיק זאָגן.

— עקספּראָ־פּרי־אַציע! — האָט בענטשיק ווי אויסגעשאָסן.

האָבן ייִדן ווידער געהאַט וועגן וואָס צו לאַכן.

—ווי געפעלט עס אײַך? אָדעסער נאַליאָטשיקעס.

— מישקע יאַפּאָנטשיק!

ס'הייסט — ווי קומען די כאַשטשעוואַטער גענדז־גאַנאָווים צו די באַרימטע אָדעסער נאַליאָטשיקעס?..

געווען אין שטעטל אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ קלײנעם צימעס פון דער רעוואָליוציע. פישל ווייצמאַן האָט צוערשט אַ ביסל דערשראָקן זיך, נאָר ווײַבאַלד ער איז געבליבן באַלעבאָס פון זײַן מיל, שפּאַנט ער אַף דער וועלט. האָט ער, ווי פריִער, יעדן טאָג געראַזירט דאָס פּאָנעם, אונטערגעשוירן זײַנע געדיכטע שוואַרצע וואָנצן און דערלויבט זיך אײַנמיטן שאַבעס דורכקנאַקן דורכן שטעטל אַף זײַן אייגענעם פאַעטאָן. ווען מע האָט אים געפרעגט, וואָס ער טראַכט וועגן דער רעוואָליוציע, האָט ער געענטפערט מיט זײַן גווירישן שמייכעלע:

— פּורים איז קיין יאָמטעוו ניט, און קאַדאָכעס איז קיין קרענק ניט.

שאָלעם ווערביצקי, דער וואַלד־סוחר, וואָס האָט קײנמאָל אין ערגעץ ניט געאײַלט זיך, ניט דאַוונען און ניט אין וואַלד אַרײַן, האָט, ווי יעדן פרילינג, געפּרוווט דורכשפּאַצירן איבער דער סאַמער טיפסטער בלאָטע אַזוי, אַז די גאַלאָשן זאָלן בלײַבן ריין. די רעוואָליוציע האָט ער געטײַטשט אַף זײַן אויפן:

— העוועל האַוואָלים, אַלץ איז בלאָטע.

בלויז באַם געוועזענעם פּריסטאַוו האָט מען ניט געקענט וויסן, וואָס ער מיינט. ער האָט, ווי פריִער, שפּאַצירט איבערן מאַרק צווישן די קלייטן. נאָר אָן די פּאָגאָנעס און אָן זײַן שווערד האָט ער אויסגעזען ווי אָן אָפּגעפּליקטע גאַנדז און קיינער האָט פאַר אים ניט מוירע געהאַט. פאַר אַלעמען האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל און צו אַלעמען געשמייכלט. נאָר דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער שמייכעלע. דעם דראָענדיקן טייל האָט ער פאַרבאַהאַלטן טיף אין זיך און אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמען בלויז די כניפע. דאָס האָט אים געמאַכט נאָך מער אָפּגעפּליקט.

פרילינג איז די זון פאַרוואַלגערט מיט אַרבעט. אַף אויסטריקענען די בלאָטע אַרום דער באָד אַליין וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ גאַנצע זון. און אַף מאַכן אַזוי, מע זאָל כאָטש קענען צוקומען צו כאָנע דעם טויבן, וואָלט מען געדאַרפט האָבן נאָך איין זון. נאָר נאָך אַלעמען איז זי אין שטעטל זייער אַ זעלטענער גאַסט. הונדערטער אויסגעבענקטע אויגן קוקן אַ גאַנצן טאָג אַרויס אַף איר, זוכן זי אונטער יעדער כמאַרעלע, זײַנען גרייט אָפּגעבן פאַר אַ פּיצעלע זון דעם גאַנצן דאַלעס זייערן, נאָר זי אַליין מאַכט זיך ווי ניט ווויסנדיק. גלײַך ס'איז ניטאָ אַף דער וועלט קיין שום כאַשטשעוואַטע. זי טוט זיך אַ ווײַז אַף אַ ווײַלע, אַ פאַרהאַוועטע, אַ פאַרשמײַעטע, אַ פאַרשוויצטע, מע זאָל גלײַך פאַרשטיין, אַז זי איז פאַרנומען איבערן קאָפּ, טריקנט צו ערגעץ אַ שטיינדעלע, און שוין — אַף מערער האָט זי קיין צײַט ניט. דאָס איבעריקע דאַרף פאַר איר טאָן דער ווינט. איז מען שוין צופרידן מיטן ווינט. מעג ער זײַן אַ וואַרעמער, מעג ער זײַן אַ קאַלטער, ער זאָל נאָר ניט ברענגען מיט זיך קיין פראָסט. ווײַל אויב אַ פרעסטל, איז דאָך פאַרפאַלן די גאַנצע אַרבעט, פאַרפאַלן די צוגעטריקנטע שטיינדעלעך, פאַרפאַלן די אויסגעטראָטענע סטעזשקעלעך. דער פראָסט וועט נאָר נאָכלאָזן, וועט ווידער אַלץ צעקוואַסיעט ווערן. און די שטעטלשע בלאָטע איז נאָך ניט אַלץ... פאַראַן נאָך אַ בוג אַף דער וועלט. דאַרף מען, אַז דאָס אײַז זאָל וואָס גיכער אַוועק און מע זאָל קענען לאָזן דעם פּאַראָם. ווײַל אָן דעם פּאַראָם איז דאָס שטעטל קיין שטעטל ניט. און ווער ווייסט, ווי האַלט עס מיט דער רעוואָליוציע פון יענער זײַט בוג!

און עפּשער איז טאַקע איכיל שוסטער גערעכט. בלאָטע איז אַף דער וועלט פאַראַן אַ סאַך, און די זון איז איינע. און כאַשטשעוואַטע איז באַ איר אַ קלײנער מעיוכעס.

אין איינעם פון יענע טעג, ווען הונדערטער פאַרבענקטע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט אָפּן הימל, ווען יעדער אויסגעטריקנט שטיינדעלע איז געווען פאַרן שטעטל אַ גאַנצער יאָמטעוו, ווען אַלע האָבן זיך צוגעהערט, ווי דאָס אײַז האַלט אין איין טרישטשען, איז אין שטעטל אַראָפּגעקומען דער מאַטראָס, אַף וועמען שלוימע קאָוועל האָט אַרויסגעקוקט מער ווי אַף דער זון. דאָס איז געווען ניט יענער מאַטראָס, מיט וועמען ער האָט זיך באַקאַנט אַף זײַן ערשטער מאַיאָווקע, נאָר געווען איז ער אַזוי יונג ווי יענער, אָנגעטאָן אויך אַזוי און ער האָט אויסגעזען

שלוימען, ווי א נײַער גילגול פון זײַן מאטראָס פונעם פינפטן יאָר, פון יענעם שייוועט מאטראָסן, וואָס בלײַבן שטענדיק יונג און שיין, פונקט ווי די שענסטע ליד, ווי דער שענסטער מענטש־לעכער טרוים... און דאָס, וואָס דער מאטראָס איז א כאשטשעוואטער, וואָס ער ווינט ניט ווײַט פונעם בוג און וואָס אלע רופן אים פּאַשעט מיכײַלאָ, איז דאָס עפּשער נאָך בעסער. ווײַל די זאַך איז דאָך ניט אין דעם, ווי מע רופט אים, דעם מאטראָס, עס גייט אויך ניט אין זײַן שייב־קײַט, נאָר אין דעם, וויאַזוי און וועגן וואָס ער רעדט. און מיכײַלאָס רעדעס זײַנען געווען זייער ענלעך אַף דער רעדע פון יענעם מאטראָס.

די שמעקנדיקע שיטעריציע האָט אָנגעהויבן צוטריקענען, און דער מארק איז ווידער פול געוואָרן מיט פּויערשע פורלעך פון אלע ארומיקע דערפער. האָט מען שוין ניט גאָדארפט רופן קיין פאַרזאַמלונגען. קריך ארויף אַף א פעסל, שטעל זיך ארויף אַף א פורל און רעד וויפל דו ווילסט. בערנארד העכט האָט געזען שטימען פאר זײַן פּארטיי בייס די וואלן אין דער גריג־דונגס־פאַרזאַמלונג, אויזיע דער סארוועדנס האָט געפאָדערט קולטורעלע אויטאָנאָמיע, און יווגע לעמפערט, יאנקל דעם זייגערמאכערס איידעם, איז אויך ארויס אפן מארק מיט א רעדע:

— און איך זאָג אזוי. מיר דארפן זיך צונויפנעמען, אלע ייִדן, און זיך אוועקלאָזן פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף, ביז מירן קומען צו א וואסער...

וואָס וואָלט געווען באַם וואסער, איז געבליבן א סאָד, ווײַל בערל סטאָליער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— וואָס זשע דארף מען גיין אזוי ווײַט? מיר האָבן אין כאשטשעוואטע אזא שיינעם בוג! מיכײַלאָס רעדעס זײַנען ענלעך אַף דער רעדע פון יענעם מאטראָס, נאָר געקלונגען האָבן זיי גאָר אנדערש. קורץ, פּראָסט און ווי אָפּגעהאַקט:

— די ערד די פּויערים, די זאוואָדן די ארבעטער, די גאַנצע מאכט די ראַטן, און — שאָלעם די פעלקער.

איז אלעמען געפעלן געוואָרן סײַ דער מאטראָס אליין, סײַ זײַנע רעדעס. גראָד אַף אזא רעוואָליוציע האָבן אלע געוואַרט. און אויב אלע רופן דעם מאטראָס פּאַשעט מיכײַלאָ, מעג זיך דאָס שלוימע קאָוועל אוואַדע דערלויבן. זיי זײַנען דאָך עפּעס אלטע באַקאַנטע.

— הער זשע, מיכײַלאָ... ארומגיין אַף די מיטינגען האָב איך קיין צײַט ניט, נאָר דײַן פּארטיי געפעלט מיר. קום ארײַן אין קוזניע, וועלן מיר זיך דורכשמועסן. נאָר לאָמיך כאָטש וויסן, ווי הייסט זי, דײַן פּארטיי.

— באָלשעוויקעס זײַנען מיר.

— און ווער איז בא אײַך דער עלטסטער?

— לענין...

גערופן האָט מען אים מיכײַלאָ קאָזעריאַנסקי, געווען איז ער א כאשטשעוואטער, געווױנט האָט ער באַם סאמע בוג, נאָר שלוימע האָט שטענדיק געזען פאר זיך יענעם מאטראָס פון זײַן ווײַטער יוגנט. און כאָטש זיי האָבן די גאַנצע צײַט פארבראַכט בא אים אין קוזניע, וואָס איז איצט שטענדיק פול געווען מיט קאָוועלס, סטעלמאכס און בלעכערס, האָט שלוימען זיך גע־דוכט, אז דאָס זיצן זיי אלע אין מאַשטשאַנער וואַלד. דער יונגער וואַלד שמעקט, ווי גיטלס צעפּ, און גיטלס צעפּ שמעקן, ווי דער יונגער וואַלד. און גיטל אליין... אײַ, ווען מע זאָל נאָך קענען פארגלעטן די קנייטשן אפן פּאָנעם און אומקערן דעם די אמאָליקע פארב, דעם אמאָליקן כיין... ווײַל בא שלוימען איז אויסגעקומען, אז אלץ אַף דער וועלט דארף איצט זײַן יונג, שיין און כיינעוודיק. ווײַל לויט מיכײַלאָס רייד קומט אויס, אז די עמעסדיקע וועלט דארף ערשט געבוירן ווערן, אז די עמעסדיקע רעוואָליוציע, די פּראָלעטארישע, דארף ערשט פאָרקומען, און פאר דעם קיניגרײַך פון ארבעט דארף מען זיך ערשט שלאָגן.

שלאָגן זיך איז שלאָגן. דאָס שרעקט אים ניט, שלוימען, עס בײַסן זיך אים שוין לאַנג די הענט. נאָר אויב געבן פּעטש, אויב אפילע אליין ארײַנכאַפּן, זאָל זײַן פאר וואָס. ווי זאָגט עס מיכײַלאָ — קעמפן אונטער דער רויטער פאָן!

ווען מיכײַלאָ האָט גערעדט וועגן דער רויטער פאָן, האָט ער עפּשער געהאַט אין זינען עפּעס אנדערש. ס'איז געגאַנגען א רייד וועגן צוגרייטן זיך צו דער ערשטמײַיקער דעמאָנ־סטראַציע, דער ערשטער מאַניפעסטאַציע אין שטעטל, און מיכײַלאָ האָט דערקלערט, אז די ארבעטער דארפן ארויס מיט זייער אייגענער פאָן, מיט זייערע לאָזונגען. שלוימע האָט דאָס פארשטאַנען אַף זײַן אויפן. ווײַל טאַקע דעם טאָג איז ער אוועק צו וועלוול טאַנדייטניק, גע־קויפט דרײַ ארשין רויטן סאַטין און גלײַך פון דער קלייט אוועק צו מוניע דעם קרומען.

— מאַל מיר אָן אַף דער פאָן עפּעס אזוינס, אז דאָס גאַנצע שטעטל זאָל גיין כאַדאָראָם!

— וואָס זשע ווילסטו, איך זאָל דיר אָנמאָלן?

גערוען איז מוניע ניט פון די געהויבענע מאָלערס, נאָר אָף וויפל קיין אַנדערער און קיין בעסערער איז אין שטעטל ניט געווען, זײַנען אַלע געגאַנגען צו אים. ער האָט געמאָלט אַלע שילדלעך פאַר די שערער און היטלמאַכער, פאַר די שנײַדער און בלעכער, פאַר די רײַכע קליינע און אָרעמע קליינטלעך. אַלע פענעמער, וואָס ער האָט געמאָלט אָף די שילדלעך, זײַנען געווען ענלעך איינס אָפן אַנדערן, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט. דער אונטערשייד איז געווען אין דעם, וואָס דער שנײַדער איז געזעסן באַ אַ ניי־מאַשין, די נייטאָרן האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ נאָדל, און באַם שערער אָפן בענקל איז געזעסן אַ מענטש, באַ וועמען מע האָט דאָס פּאָנעם אײַנגאַנצן ניט אַרויסגעזען, ווײַל דאָס איז געווען געדיכט אָנגעזייפט מיט ווײַסע מילינקעס.

קיינער האָט ניט געוווסט, פונוואַנען האָט ער זיך גענומען, אָט דער מוניע, פאַרוואָס הינקט ער אונטער אָף אַ פוס, און וואָס איז דאָס באַ אים פאַר אַ הוסט, וואָס ער שטיקט אים שטענדיק אין זיך, גלײַך ער פרווט אים אויסבאַהאַלטן פון די אַרומיקע. קיינער האָט אויך ניט געקענט זאָגן, וויפל ער איז אַלט. זײַן בלייך, אײַנגעפאַלן פּאָנעם איז געווען זייער אַ שוואַכער באַדן פאַר עפעס אַ לײַטיש בערדל. און ס'איז שווער געווען פאַרשטיין, ווי קומען עס צו אַזאַ מענטשן אַזעלכע געדיכטע, שוואַרצע קוטשערן, וואָס האָבן מאַמעש ווי געבעטן זיך, ווי אַרויסגעשריגן: יידן, קוקט, ווי איך בין נאָך יונג, פאַר וואָס קומט עס מיר?

איז ער געבליבן אַ רעטעניש פאַרן שטעטל, מיט זײַן פּאַך, מיט זײַן קרומען פוס, מיט זײַן פאַרבאָרגענעם הוסט און מיט זײַן שוואַרצן קאָפּ האָר. נאָר קיינעם איז דאָס ניט אָנגעגאַנגען. ער איז געווען ניט איינער מיט אַזאַ הוסט.

— וואָס זשע זאָל איך דיר אָנמאָלן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן באַ שלוימען און צוגעלייגט די רעכטע האַנט צום מויל.

נאָר וואָס מע דאַרף אָנמאָלן, האָט שלוימע ניט געוווסט. ער האָט נאָר פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זײַן עפעס זייער אַ פרילינגדיקס, זייער אַ שמעקנדיקס און זייער אַ זינגעוודיקס. נאָר ווי דאַרף דאָס אַלץ אויסזען, האָט ער ניט געקענט פאַרשטעלן זיך. נאָר וויבאַלד אַ שמעקנדיקס און אַ זינגעוודיקס, האָט ער שוין געמוזט דערמאָנען זיך אײַנעם לידל.

— ווייסטו וואָס? מאָל מיר אויס אָט דאָס־אָ.

און שלוימע האָט אָנגעהויבן זינגען אָפן קאָל. און טאַקע מיט געשמאַק, מיט פאַרכאַפּונג, אַזוי, ווי ער האָט די לעצטע טעג אײַנגעזונגען מיט זײַנע קאַוועלס און סטעלמאַכס, גרייטנדיק זיך צום יאָמטעוו:

אין אַ קוזניע באַ דעם פײַער
שטייט אַ שמידער און ער שמידט.
קלאַפּט דער האַמער, פונקען פײַער פליען,
און ער זינגט דערבײַ אַ ליד...

מוניע האָט שטענדיק באַמיט זיך דערשטיקן דעם הוסט, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן געבן צו וויסן וועגן זיך. מיט איין האַנט זיך געכאַפּט באַם האַרצן און מיט דער צווייטער פאַרשטעלט דאָס מויל. דער הוסט הייבט אָן אַרבעטן ערגעץ טיף אינווייניק, און ער, מוניע, שטייט, ציטערט מיט אַ דריבנע ציטערל און פאַרגייט זיך ווי אַ פּיצעלע קינד מיט אַ שטילן כליפּען. און ערשט צום סאָף, ווען דער הוסט מיטן פיבער ווערן אַ ביסל אײַנגעשטילט, הייבן אָן אויסרינען פון די אויגן עטלעכע גראָבע טרערן. זיי קאַפּען אַראָפּ פּאַמעלעך, שטיל און עס קאָן זיך אַפילע דוכטן, אַז פון די אָנגעטרערטע אויגן שײַנט אַרויס אַ קליין שמייכעלע. עס ווערט אים מיטאַמאָל גרינג, אָפן בלייכן פּאָנעם באַווײַזט זיך אַ ראָזע פאַרב און ער פילט זיך דאַן ווי ניי־געבוירן.

דאָס מאָל האָט מוניע ניט באַוויזן דערשטיקן דעם הוסט. מיט דער לינקער האַנט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן באַם האַרצן און מיט דער רעכטער גענומען דריקן און טרייסלען שלוימעס שוורע, פאַרקוילטע האַנט. און שוין ניט געהאַט מיט וואָס אַ ווישׁ טאָן די טרערן, וואָס האָבן מיטאַמאָל זיך אַ גאָס געטאָן, נאָך איידער ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן הוסט.

— פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען! — האָט ער ענדלעך אַרויסגערעדט. און די אָנגעטרערטע אויגן זײַנע האָבן אָפּאָנעמעסן זיך צעשײַנט. — איך דאַרף נאָר, מע זאָל מיר פּאָזירן.

— וואָס הייסט פּאָזירן?

— נו, מע זאָל מיר זײַן פאַר די אויגן. איך זאָל האָבן פון וועמען צו מאָלן.

— קומט צו מיר אין קוזניע און מאָלט אײַך וויפל איר ווילט. און וויפל דאַרף דאָס קאָסטן?

— וואָס הייסט? — מוניע האָט ווידער זיך פאַרהוסט. פון פאַרדראָס. — פאַר וועמען האַלט איר מיך? איך זאָל באַ דער רעוואָליוציע נעמען געלט?

— נו, נו, — און שלוימע האָט א פיר געטאָן מיט זײַן האַנט איבער מוניעס געדיכטע קוטשערן. אזוי אז מוניע אליין זאָל זיך ניט אָנשטויסן, אז דאָס האָט ער אים א גלעט געטאָן. — דאָס וועלן מיר זען.

געקומען אזא שיינע רעוואָליוציע!.. בערל סטאָליער האָט אויסגעגראָבן פאר דער שטוב עטלעכע גריבלעך און פארזעצט יונגע אקאציעס. און קיינער האָט אים גאָרניט געזאָגט. פרײַהייט! כאָנע דער טויבער האָט די גאנצע פריזבע פארזעצט מיט קווייטן. און דאָס האָט אלעמען אויסגעזען גאנץ געוויינלעך. ווײַל — ווידער דאָס זעלבע. און אפילע ווען אווראָם קאלעטוכע האָט ארומגעצוימט זײַן שטיבל מיט ווײַסע שטאכעטלעך, צעגראָבן מיט דער לאָפּעטע א גערטנדל און פארזעצט קארטאָפל, האָט דאָס אויך קיינעם ניט געוווּנדערט. רעוואָליוציע!

האָבן די נאָרוואָס אויסגעווײַסטע הײַזער אויסגעזען נאָך ווײַסער, די רויטע פריזבעלעך נאָך רויטער און די זויבערע פרילינגדיקע לופט איז געווען נאָך דופטיקער. די צוגעטריקנטע שטעטלשע גאסן האָבן ווייך געוויגט זיך אונטער די פיס און מאמעש געבעטן זיך, מע זאָל שפּאַצירן איבער זיי, זינגען און טאנצן. אין די שמאָלע פארטונקלטע הינטערגעסלעך האָט די בלאָטע זיך נאָך געהאלטן גאנץ פעסט, געווען ניט ווייניק קאליוזשעס, וואָס וועלן ניט אויסטריקענען פארן גאנצן זומער, נאָר וואָס פאר א מעשוגענער וועט עס קריכן מיט אויסגעפּוצטע שיך אין א טיפער בלאָטע?

און די קלעזמער האָבן געשפּילט די מארסעליעזע.

עפשער האָט זי געדארפט פאָרקומען גאָר אנדערש, די ערשטע ערשטמײַיקע מאניפעסטאַציע, נאָר פונוואנען האָט מען געזאָלט וויסן? כאשטשעוואטע האָט קיינמאָל ניט געהאט צו טאָן מיט רעוואָליוציעס.

די קלעזמער זײַנען געשטאנען אינמיטן מארק און געשפּילט פאר אלעמען גלײַך. סײַ פאר די ייִדן, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן ארום בעסמעדרעש, און סײַ פאר די אוקראַיִנער, וואָס זײַנען געגאנגען צום קלויסטער. באלד וועלן זיי זיך א ריר טאָן פון זייערע ערטער און וועלן זיך צונויפקומען לעבן קיווע באָנדערס שטוב. אָדער לעבן קיווע באָנדער, אָדער לעבן יאָסקע בעקער. וועט ווערן איין גרויסע קאָלאָנע, און די קלעזמער וועלן ווידער שפּילן זייערס.

נאָר לעבן יאָסקע בעקער... עפשער וואָלט גאָר אזוינס ניט געשען, נאָר די קאליוזשע. דאָס איז געווען גראָד ניט פון יענע קאליוזשעס, וואָס טריקענען ניט אויס פארן גאנצן זומער. נאָר צום יאָמטעוו האָט די זון ניט באוויזן זיך ספּראווען מיט איר. האָט מען געמוזט פריִער אָפּשטעלן זיך און באטראכטן, וויִאזוי ארומגיין זי. איז געבליבן שטיין פון איין זײַט דער גאלעך מיט עפּעס אן איקאָנע אין די הענט און פון דער צווייטער זײַט — דער ראָוו מיטן דער סייפערטוירע. זיי זײַנען ביידע שוין געווען אלט, דער ראָוו מיטן גאלעך, ביידע מאָגערלעך־אײַנגעשרומפּן, און ביידע א ביסל בלינדלעך. דער כילעק איז נאָר געווען אין די בערד. באם גאלעך — א ברייט צעוואקסענע באָרד, ווײַס ווי שניי, און באם ראָוו — א בערדל אָף לײַטיש געלעכטער. זײַנען זיי געבליבן שטיין און אָנגעהויבן ארומקוקן זיך. און ביידע איז מיטאמאָל דורך א גרויל איבערן לײַב. זיי האָבן דערזען, וואָס יעדערער טראָגט אָף די הענט. ווי זשע קענען זיי צונויפגיין זיך?

זיי זײַנען שוין ביידע געווען אלט, אײַנגעשרומפּן און קורצזיכטיק, און די רעוואָליוציע איז געווען ניט פאר זייערע קעפּ. זײַנען זיי געבליבן שטיין ארום דער קאליוזשע און אָנגעהויבן שפּארן זיך. דער גאלעך האָט געטײַנעט, אז אָף וויפל זײַן רעליגיע איז שטארקער, דארף ער מיט זײַן איקאָנע גיין פאָרויס. נאָר אונדזער ראָוו איז אויך געווען אן אקשן. זײַן רעליגיע איז עלטער, האָט ער דערוויזן, דארף ער מיט דער טוירע גיין דער ערשטער. דערנאָך איז דער גאלעך אײַנגעגאנגען אָף א פּשאָרע: וויבאלד ס׳איז גלײַכהײַט, און וויבאלד זיי האָבן ביידע אָנגעטאָן רויטע בענדלעך, זאָלן זיי זיך שטעלן באנאנד. נאָר דאָס איז פארן ראָוו געווען נאָך ערגער. עס קען, כאָלילע, קומען צו דער גרעסטער אווײרע. האָט ער אויסגערופן:

— ייִדן, מישט זיך ניט אויס!

און די קלעזמער האָבן געשפּילט די מארסעליעזע.

גערעטעוועט האָט ביידע צדאָדים דער לערער קאָראָטײַעוו. ער איז דאַן געווען נאָך זייער יונג, זײַנע קוטשערן זײַנען געווען געדיכט און שווארץ, און די זון האָט זיי צוגעגעבן נאָך מער גלאנץ. פאר אים האָבן אלע געהאט אָפּשײַ, ווײַל אין דער רוסישער שול האָבן זיך געלערנט סײַ שטעטלשע קינדער, סײַ דאָרפישע. און וואָס האָט זיך פאר אים אָנגעזען עפּעס א קאליוזשע? ער האָט זי גרינג אריבערגעשפּאנט און איז אוועק פאָרויס מיט א גרויסן פּאָרטרעט אין די הענט. און אלע האָבן גלײַך דערקענט, אז דאָס איז טאראס שעווטשענקאָ. צוערשט זײַנען אריבערגעשפּרונגען איבער דער קאליוזשע עטלעכע פון די, וואָס זײַנען אָנגעקומען פונעם קלויסטער,

דערנאָך זײַנען אריבער אייניקע פון די, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון בעסמעדרעש. און בעמיילע האָט מען שוין געמוזט אויסמישן זיך.

און די קלעזמער האָבן געשפּילט די מאַרסעליעזע.

געוויס האָט אלץ געדאַרפט פּאַרקומען גאָר אַנדערש. ווײַל א טריבונע איז געווען צוגע־גרייט אפן פּלאַץ לעבן דער געבײַדע פון דער וואָלאָסט־פּאַרוואַלטונג, סאַמע אונטערן פּריצישן הויף. נאָר די פּאַרטייען האָבן, אַפּאָנעם, ניט געקענט צונויפרעדן זיך, און די רעדנער האָבן מוירע געהאַט, עמעצער זאָל ניט ארויס דער ערשטער. האָט יעדערער גערעדט, ווו ס'איז אים אָנגעקומען. בערנאַרד העכט איז ארוף צו לייב דעם ווײַסן אפן פּידאַשעק און אָנגעהויבן לויבן אין טאָג ארײַן די צײַטווײַליקע רעגירונג, האָט שוין מיכײַלאָ קאָזעריאַנסקי ניט געקענט וואַרטן, ביז מע וועט זיך דערקלײַבן צו דער טריבונע, און איז ארופגעשפּרונגען אפן פּלויטל לעבן מיכל שוסטער. און ווען מע איז צוגעקומען צו דער טריבונע, איז שוין געבליבן זייער ווייניק רעדנער. יוינע לעמפּערט האָט ווידער גערופן די ייִדן אוועק, ביז מע וועט קומען צו א וואַסער, נאָר פּלוצלינג האָט אויזיע דער סאַרווערנס אויסגעשריגן:

— זאָל לעבן די גאַנצע וועלט!

— אויזיע, וואָס רעדסטו? — האָט פּיניע בלעכער אים א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט. — און די בורזשואַזיע? די בורזשואַזיע זאָל אויך לעבן?

איז אויזיע געוואָרן בייז אָף זיך אליין און אויסגעשריגן נאָך העכער:

— נידער מיט דער בורזשואַזיע!

דער גאַלעך האָט אויך געהאַלטן א רעדע, נאָר גערעדט האָט ער זייער שטיל, מיט עפּעס א צעצויגן ניגנדל, און קיינער האָט ניט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. נאָר סײַ ווי האָבן אלע געפּליעסקעט מיט די הענט און געשריגן הורא. נאָכן גאַלעך איז ארויסגעטראָטן דער ראַוו. ער האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ צום הימל, צוגעמאַכט די האַלב־בלינדע אויגן און אָנגעהויבן מיט גאָר א מאָדנע ניגן. א ביסל פון דער פּורימדיקער מעגילע און א ביסל פון די שוועסדיקע האקדאָ־מעס.

— באָרוך אַטאָ אדוינוי, עלאָהיינו מעלעך האָוילאָם. שעכיאָנו, וועקימאָנו, וועהיגיאָנו לאַ־זמאַן האַזע.

און ווי אלע רעדנערס, אויסגעשריגן דרײַ מאָל:

— הורא, הורא, הורא!

ווײַט ניט אלע האָבן געהערט די רעדעס. און ווײַט ניט אלע האָבן זיי געדאַרפט. ווײַל דער איקער איז דאָך געווען ניט אין די רעדעס, ניט אין דעם, וואָס עס ווערט אין זיי געזאָגט, נאָר אינעם רויש פון די שטימען, אינעם פּליעסקען פון די הענט, אינעם הילכיקן, פאַרטויבנדיקן הורא. דער איקער איז געווען אין דער פרילינגדיקער זון, אין דער זויבערער לופט און אין דעם יונגן גרינס, דער איקער איז געווען אין אָט דער פריידיקער יאָמטעוודיקײַט, וואָס האָט פאַר־כאַפּט דעם גאַנצן ארום, פאַרכאַפּט אלעמען און יעדערן באַזונדער און אָנגעפּילט הונדערטער אויגן מיט א שיקערלעכן גלאַנץ. דאָ, ארום דער טריבונע, האָט מען זיך שוין אינגאַנצן אויס־געמישט, און יעדערער האָט א צופרידן־דערשטוינטער דערזען לעבן זיך א נײַעם שאָכן.

— קיריל, דאָס ביסטו!

— לייבאַ! און איך האָב געמיינט!.. לאָמיר זיך צעקושן!

יאָ, ס'האָט ווייניק ווער געהערט די רעדנערס. מע האָט פּאַשעט געפּליעסקעט מיט די הענט, פּאַשעט געקושט זיך און געזונגען ווער וואָס עס האָט געוואָלט. האָט שוין איכיל שוסטער אוודע געמעגט אויסטאַנצן זײַן באַליבט טענצעלע. אין זײַן שאַבעסדיק קאַפּאָטקעלע האָט ער אויסגעזעען עכט־יאָמטעוודיק, און לויט דעם, ווי ער האָט געגלעט זײַן שמאָל בערדל און גע־טאַנצט גאָר ניט אַזוי, ווי דאָס לידל פּאָדערט, האָט מען געקענט מיינען, אז ער איז שוין רעכט אונטערן גלעזל. ער האָט פאַרוואָרפן די פּיס און אונטערגעהעצקעט, ווי בא א ניט־ייִדישער מאַזורקע, און אונטערגעזונגען:

סימכעסטוירע האָפּעניו,
מיט די הענטעלעך פּליעסקעניו,
מיט די פּיסעלעך טאַנצעניו...

און נאָך דער פּריסטאַוו, דער געוועזענער פּריסטאַוו, איז געשטאַנען א ביסעלע אין א זײַט, א וואָכעדיק־אָפּגעפּליקטער, און געשמייכלט צו אלעמען מיט זײַן כניפעדיק שמייכעלע.

ס'האָט קיינער ניט געוווּסט, ווי ס'האַלט מיט דער מאַניפעסטאַציע, צי מע האַלט שוין באַם סאָף, צי ערשט באַם אָנהייב, ווײַל אַזאַ יאָמטעוו האָט מען געפּראַוועט צום ערשטן מאָל. און ווען פון דער קאָוואַליוקע האָט זיך דערהערט עפּעס א נײַ געזאַנג, זײַנען אלע געווען זיכער,

אז געוויס דארף דאָס אזוי זײַן. צוערשט איז אפילע שווער געווען אופכאפּן דעם ניגן, נאָר ער איז וואָס אמאָל געוואָרן קלאָרער און דײַטלעכער, און טאקע גלײַך נאָכן ניגן האָט מען דערזען די גאנצע קאָוואליוקע, קינד־און־קייט, וואָס איז אָנגעקומען פון אויבן, און ערשט געקליבן זיך אָנהייבן דעם יאָמטעוו אפסנײַ.

זיי האָבן געשפּאנט האסטיק, לוסטיק־אופגערודערט, גלײַך דער גאנצער יאָמטעוו איז זייערער, און געזונגען:

אין א קוזניע בא דעם פײַער
שטייט א שמידער און ער שמידט...

פאָרויס איז געגאנגען שלוימע קאָוועל. זײַן ענג שאבעסדיק רעקל, וואָס האָט אים שטענדיק געפּרעסט און געשטיקט, איז געווען אינגאנצן צעשפּיליעט, ער זאָל זיך פילן פרײַ און קענען טאָן מיט די הענט, וואָס מע דארף. אין די אויסגעצויגענע הענט האָט ער געהאלטן א פריש אויסגעטעסעטן שטעקן, אף וועלכן ס'איז געווען צוגעשפּיליעט זײַן, שלוימעס, רויטע פאָן. ער האָט די גאנצע צײַט געהאלטן דעם שטעקן אזוי, אז דאָס שטילע מאיאָווע ווינטל זאָל קענען ארומבלאָזן די פאָן פון אלע זײַטן, זי זאָל האלטן אין איין פלאטערן און אלע זאָלן זען, וואָס אף איר איז אָנגעמאָלט און וואָס אף איר איז אָנגעשריבן. און זאָלן אלע וויסן, אז ער איז היַינט ארויס ניט אף קיין טענצעלע, נאָר אף מעלדן דער גאנצער וועלט, אז שלוימע קאָוועל איז גרייט אף אלץ. אויב פעטש, איז פעטש, אויב בלוט, איז בלוט, און אויב מע וועט דארפן דאָס לעבן אוועקגעבן, איז ער אויך גרייט. ווײַל ער ווייסט שוין, אז דאָס קיניגרײַך פון ארבעט וועט ניט קומען פון זיך אליין, אז פאר דעם דארף מען זיך שלאָגן.

טאקע אזוי, מיט זײַן ברייטן און פעסטן טראָט, מיט אויסגעצויגענע הענט, איז ער צוגעקור־מען צו דער טריבונע און אָן אן אָטעם־איבערכאפּ ארופגעשפּאנט אף איר, גלײַך זי איז דאָ אופגעשטעלט געוואָרן נאָר פאר אים, פאר שלוימע קאָוועל. און ווען ער האָט צוגעשפּארט דעם שטעקן צו די פאָרענטשעס און ווען דאָס ווינטל האָט אופגעטאָן זײַנס, האָבן אלע גרינג געקענט איבערלייענען, וואָס אף דער פאָן איז אָנגעשריבן:

Куём мы счастия ключи!

און אף דער פאָן איז געווען אָנגעמאָלט אלץ, וואָס שלוימע האָט אויסגעזונגען פאר מוניע דעם קרומען: דער שמיד, וואָס שטייט אין קוזניע באם פײַער, דער גרויסער האמער אין זײַן האנט און די הייסע פונקען, וואָס צעפליִען זיך פון אונטערן האמער אין אלע זײַטן. נאָר דער שמיד! דער שמיד אליין!

— טו נאָר א קוק! — האָט מען אָנגעהויבן טײַטלען. — פונקט אין שלוימען געראָטן.

— יאָ, לאָמיך אזוי לעבן. שלוימע מיט אלע פּישטשעווקעס.

— שלוימע קאָוועל!

— א נײַער שלוימע האמעלעך!

— ווי געפעלט עס אײַך?

— שלוימע האמעלעך פון כאשטשעוואטע!..

און שלוימע קאָוועל, שלוימע האמעלעך, האָט געהאלטן זײַן ערשטע רעדע:

— מיר, דער ראבאָטשע נאראָד, ווי אין דער מארסעליעזע זאָגט זיך, מיר זײַנען איצט קייסער! און מיר וועלן באפרײַען די גאנצע וועלט! זאָל לעבן דער ראבאָטשע נאראָד!

— —

ס'איז עפּשער בעסער, וואָס קיינער קען ניט ארײַנקוקן אין זײַן מאָרגעדיקן טאָג, קען ניט פאָרשטעלן זיך, ווי וועט ער אויסזען, וואָס וועט ער ברענגען דער וועלט און יעדערן באזונדער. די ערשטע מאניפעסטאציע איז געווען פאר אלעמען דער אָנהייב פון א נײַער, ליכטיקער צײַט, פון נײַע, נאָך ניט געזעענע יאָמטויווים, און טויזנטער הערצער האָבן געפלאטערט פון פרייד, פון נאכעס און פון א סאך גרויסע האָפענונגען. ווײַל טאקע פרײַהײַט, און טאקע גלײַכהײַט, און טאקע ברידערלעכקײַט... און דער פאָרטרעט פונעם קייסער ניקאָלײַ ליגט אף דער ערד א צעפליקטער און מענטשן טרעטן אים מיט די פיס... איז עפּשער בעסער, וואָס קיינער האָט ניט געקענט וויסן, ווי שווער וועט זײַן דער וועג. און ווי בלוטיק. ס'האָט קיינער ניט געקענט פאָרשטעלן זיך ניט די גרויזאמקײַטן און ניט די העלדישקײַטן פונעם בירגערקריג, די שלאכטן, סרייפעס און פּאָגראָמען, וואָס וועלן פאָדערן א סאך, זייער א סאך לעבנס. און קיינער האָט ניט געקענט וויסן, וואָס מיט אים אליין וועט געשען. ווער האָט עס געקענט וויסן, אז אין א יאָר ארום וועט מיכײַלאָ קאָזעראנסקי ווערן א קאָמאנדיר פון א פארטיזאנישן אָטריאַד, אז

אין דער הײַנטיקער קינסטלערישער בײַלאגע ברענגען מיר רעפּראָדוקציעס פון ווערק, וואָס זײַנען לעצטנס עקספּאָנירט געוואָרן אין די אויסשטעלונגס־זאלן פון מאָסקווע.

וו. אי. לענין

ג. געלאָוואני, פארדינסטפולער קינסטלער פון דער גרוזינישער ססר

א טאַנץ

נ. גיוליקעווכיאַן, פאַרדינסטפולער
קינסטלער פון דער אַרמענישער ססר



אַרבעטס־מענטשן

קינסטלער — ט. סאַדיך־זאַדע (אַזערבײַדזשאַן)



פאַרטרעט פון אילגא סווילפּע — דער זיגערן אין דער פארמעסטונג פון טראַקטאָריסטן אין 1970

קינסטלער — פּ. **ראָזין** (מאָסקווע)

א מאָנטאַזשניצע

סקולפּטאָר — **א. פּוטערמאַן** (קאָראָסטען)

סטודענטקעס פון די דרײַסיקער יאָרן

קינסטלער — **ק. איסטאָמין** (לענינגראַד)

דער פּריסטאַוו, וואָס שטייט בײַ דער זײַט, ווי אַן אָפּגעפּליקטע גאַנדז, וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום אָנפּלײַען אַפן שטעטל ווי אַן אַטאַמאַן פון אַ באַנדע און פאַר איין שאָ אונטערצינדן עטלעכע הײַזער און אויסקוילען אַריבער צוואַנציק מענטשן... און אַז טאַקע אין יענעם יאָר וועט שלוימע קאָוועל צונויפנעמען אַרום דער שול אַ גרויסן אוילעם, וועט ווידער האַלטן פאַר זיי אַ רעדע, און ווידער טאַקע, מיט אַ רויטער פאָן אין דער האַנט, אַוועקפירן נאָך זיך אַ מאַן דרײַסיק אין דער רויטער אַרמיי.

מוניע דער קרומער האָט אויך ניט געוווּסט, אַז דאָס איז זײַן לעצטער פרילינג, און אַז דאָס געמעל אָף דער רויטער פאָן איז זײַן לעצטע אַרבעט. ער איז געשטאַנען צווישן דעם יאָמטעוודיק־אויפגערודערטן אוילעם, אַליין אויך אַ יאָמטעוודיקער און אַ גליקלעכער, און מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט שטיקן אין זיך דעם הוסט. מיט איין האַנט געווישט די טרערן און מיט דער אַנדערער געוויזן אָף דער פאָן:

— איר זעט? דאָס איז מײַן אַרבעט.

און די קלעזמער האָבן געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל”.

זאַנוועלע פון דער קאָוואַליוקע

אַיצט איז שוין, אייגנטלעך, געווען אַלצאיינס... און קיינער וועט אים ניט זאָגן, צי האָט ער געהאַנדלט ריכטיק, צי ניין. גאַנץ מעגלעך, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער. אַ פעלער, פאַר וועלכן ער וועט איצט מוזן אָפּצאָלן זייער טײַער. כאָטש, וואָס איז שײַעך טײַער צי וואָלוול, דאָס איז דאָך דאָס איינציקע, וואָס ער פאַרמאָגט! זאָל זײַן, אַז ער האָט ניט באַוויזן ווי געהעריק אַ טראַכט טאָן? נאָר אָט האָבן דאָך אַנדערע אויך געהאַט די זעלבע געציילטע סעקונדעס און האָבן באַוויזן אַ טראַכט טאָן, און האָבן באַוויזן באַשטימען פאַר זיך גאָר אַנדערש. זײַנען זיי געבליבן אין דער ריי, און ער, זאַנוול, איז אַרויס. ער און נאָך עטלעכע. נאָר ווער ווייסט... ער זאָל געווען האָבן נאָך עטלעכע שאָ, וואָלט ער אויך ניט געקענט באַשטימען אַנדערש. פונקט ווי די, וואָס גייען איצט באַנאַנד מיט אים. וווּהין זשע פירט מען זיי?

דער וועג האָט זיך געצויגן לענגויס דעם ברעג פון אַ טײַך, וואָס האָט געהייסן מײַרעוודיקער בוג, און דאָס האָט אים אַפילע איצט ניט אויפגעהערט וווּנדערן. פונקט ווי די אַלע עטלעכע טעג, זינט ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם. ביז איצט איז ער געווען זיכער, אַז אָף דער וועלט איז דאָ נאָר איין בוג, דער בוג, וואָס בײַ זיי אין כאַשטשעוואַטע. עמעס, פאַראַן אַ מאַנצבלשער בוג, צו וועלכן מע לאָזט זיך אַראָפּ דורך דער סאַלקאָווער גאַס, און פאַראַן אַ ווײַבערשער בוג, צו וועלכן מע גייט דורכן מאַרק; פאַראַן אַ שטיקל בוג נאָך אַ ביסל העכער, אַ ווערסט פינף פון שטעטל, בײַ וועלכן עס שטייט די סטרינקעווער מיל, און פאַראַן נאָך אַ היפּש ביסל בוג, וואָס ציט זיך אַזש ביז סאַווראַן. נאָר דאָס איז דאָך אַלץ דער זעלבער כאַשטשעוואַטער בוג, וואָס האַלט אָף זיך עטלעכע מילעכלעך און איז אין פיל ערטער איבערגעצוימט מיט שמאָלע, שטיינערנע האַטקעס. ווי זשע קומט עס, אַז ערגעץ זאָל זײַן נאָך אַ בוג און זאָל גאָר הייסן מײַרעוודיקער? ווי זשע הייסט זייער כאַשטשעוואַטער בוג? מיזרעכדיקער צי דאָרעמדיקער?

דערווײַל האָט דער וועג זיך געצויגן לענגויס דעם ברעג און ער האָט ניט געקענט וויסן, וווּהין מע פירט זיי. אַהין ווײַטער האָט דער וועג פאַרקערעוועט אָף רעכטס — אין דאָרף אַרײַן, און נאָך אַ ביסל ווײַטער — אָף לינקס, צום וואַלד. און עפּשער איז דאָס גאָר קיין וואַלד ניט, נאָר אַ קליין וועלדל. נאָר סײַווי... אויב מע וועט פאַרקערעווען אָף רעכטס, אין דאָרף אַרײַן, איז איינס, און אויב אָף לינקס, צום וואַלד, איז עפּעס אַנדערש. טאַקע גאָר אַנדערש...

די וואַסער האָט געגלאַנצט קעגן דער פאַרנאַכטיקער זון מיט עפּעס אַ גרינער קעלט, און, אַפּאָנעם, אַז פון אָט דער קעלט טאַקע האָבן די ביימער אָף יענער זײַט טײַך געהאַלטן אין איין ציטערן. זאַנוול האָט קלאָר געזען, ווי יעדער בלעטעלע פלאַטערט. דער טײַך אַליין איז אויך געווען פול מיט ביימער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון דער וואַסער מיט זייערע באַגילדעטע קרוינען, און זייערע בלעטער האָבן אויך ניט אויפגעהערט פלאַטערן. אַזוי האָבן זיי געציטערט איינע קעגן די אַנדערע, — די ביימער, וואָס אַפן ברעג, און די ביימער, וואָס אין וואַסער. פון

דעם אַלעמען האָט זאַנוול דורכגענומען אַ גרויליקע פּינקטלעכקייט, גלײַך ער אַליין האָט באַוויזן אויסוויקען זיך אין דער אײַז־קאַלטער וואַסער.

דער וועג האָט נאָך אַלץ געצויגן זיך לענגויס דעם ברעג, און זאַנוול האָט געהאַט ווען אַרומקוקן זיך. אַלעמאָל האָט ער פֿאַרהאַלטן דעם בליק אָף עפּעס אַנדערש, ווי זיך געזעגנט מיט דעם, און אַלעמאָל איז אים געקומען אָפֿן געדאַנק, אַז די וועלט איז אומענדלעך גרויס און ס׳איז ביז גאָר פֿאַרדראָסיק, וואָס ער האָט ביז איצט זייער ווייניק געוווּסט וועגן דעם. איז די איינציקע טרייסט געווען, אַז נאָך אַלעמען איז אַלץ זייער ענלעך אָף כאַשטשעוואַטע און אָף איר אומגעגנט. דאָס קליינע דערפֿעלע אָף יענער זײַט איז קימאַט אינגאַנצן ענלעך אָף זייער סאָלאָמיִע. די זעלבע ווערבעס באַם ברעג, דאָס זעלבע קליינע קלויסטערל אינמיטן דאָרף. און אָט זײַנען די קאַזאַוואָטשינער הלינישטשעס. אַלע אַרומיקע שטעטלעך און דערפֿער האָבן געטאַסקעט פֿון דאָרטן רויטע ליים אָף אַרומזוימען די פּריזבעס און די ערדענע דילן מיט רויטע קאַנטעלעך. דאָס מילעכל איז אויך געווען ענלעך אָף זייערן. דאָס מילעכל, מיט דער שטיינערנער הרעבליע, דעם שמאָלן האַטקעלע, אָף וועלכן ער איז איינמאָל זיך צונויפֿגעקומען מיט זײַן גליק און מיט זײַן אומגליק. זיך צונויפֿגעקומען און ניט געקענט פֿאַנאַנדערגיין זיך. און אַפֿילע די זון... יאָ, די זעלבע זון, וואָס ווערט פֿאַרנאַכט אַ ביסל צעשוווּמען, גלײַך זי האָט זיך אַליין איבערגעגליט פֿאַרן לאַנגן און הייסן טאָג. האָט אַ ביסל זון זיך אַרויסגעפֿליעסקעט און פֿאַרשפּריצט מיט רויטן די כמאַרעלעך אָפֿן מײַרעוו־ראַנד.

דער פֿרעמדער פֿאַרנאַכט האָט אים אָנגעהויבן אויסזען אַזוי היימיש־נאָענט, אַז ס׳האָט זיך אים אָנגעהויבן דוכטן: ווען ער וויל נאָר, קען ער אין איין אויגנבליק אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דאָס אָנטאָן און אַרײַנשפּרינגען אין וואַסער. די קעלט פֿילט מען דאָך בלויז די ערשטע מינוטן, דערנאָך, אַז מע טוקט זיך אונטער, איז שוין גאָרניט אַזוי קאַלט. און אַז מע גיט נאָך אַ ביסל אַ שווים, מע גיט אַ שמײַס אויס די וואַסער און זי הייבט דיר אָן אָפּענטפֿערן מיט אירע ראַשנדיקע און שטראַלנדיקע שפּריצן, ווערט מעכײַעדיק וואַרעם. דער איקער איז אַפֿגיך אַרויסשפּרינגען פֿון דער וואַסער, אַרופֿציִען אָף זיך דאָס אָנטאָן און אָוועקלויפֿן אַהיים, אַרײַנגאַנווענען זיך דורך דער הינטערטיר אין קיכל אַרײַן, אַראָפּכאַפּן פֿון דער פּאָליצע אַ לעבל ברויט, אָפּברעכן אַ גרויסן פּײַדעק פֿון יענער זײַט, וואָס מיט דער שישקע, באַזאַלצן אים און אָנרײַבן מיט קנאָבל. קיין בעסער מײַכל איז פֿאַר אים אָף דער וועלט ניטאָ.

פֿאַרשטייט ער ביז הײַנט ניט די עלטערע ברידער. אַלעמאָל האָט אַן אַנדערער זיך אונטערגעגאַנוועט צו דער געגנדזענער שמאַלץ, וואָס מע האָט געהאַלטן אָף פּייסעך, אָדער צו די קריגלעך אײַנגעמאַכטס, וואָס מע האָט פֿאַרגרייט אָף ווינטער. די מאַמע האָט געוויינט פֿאַר ווייטעק און פֿאַרדראָס, און דער טאַטע האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ פֿאַר די שכיינים:

— אַז באַ מיר איז אַ פֿולע שטוב מיט גוטס. ווילט איר אײַנגעמאַכטס, איז אײַנגעמאַכטס, ווילט איר שמאַלץ, איז שמאַלץ, ווילט איר זויערס, איז זויערס. נו, זײַנען זיי ניט קראַנק, די שקאָצים, פּרעסן אַ קנאָבל מיט ברויט?

...די קאַלאַנע איז געווען ניט קיין גרויסע, אַ מענטשן דרײַסיק. דער דײַטשישער קאָנוואָי איז באַשטאַנען פֿון אַ מענטשן צען. איינער אָף דרײַ — נאָר באַ יענע צען זײַנען געווען צען אויטאָמאַטן, און באַ די דרײַסיק — גאָרנישט ניט. כאָטש די הענט אַליין... נאָר וועגן דעם האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן אַ ביסל שפּעטער, דערווײַל איז אים דאָס אַפֿילע אָפֿן געדאַנק ניט געקומען. אַלע, סײַ די געפֿאַנגענע, סײַ דער קאָנוואָי, האָבן געשפּאַנט פּאַמעלעך, ווי געציילט יעדער טראָט, און קיינער האָט ניט געוואַגט אַרויסברענגען עפּעס אַ וואָרט. גלײַך יעדן איז געווען קלאָר, וואָס דאַרף אינגיכן געשען, יעדן איז געווען קלאָר די אומפֿאַרמײַדלעכקײַט פֿון דעם, וואָס מוז אינגיכן פֿאָרקומען, און קיינער האָט זיך צו דעם ניט געײַלט. מערער עפּשער נאָך דערפֿאַר, ווײַל טראָץ דער דאָזיקער קלאָרקײַט האָט קיינער ניט געקענט פֿאָרשטעלן זיך, ווי וועט דאָס אַלץ אויסזען אין דער ווירקלעכקײַט, און ווי וועט זיך דערבײַ אופֿירן יעדערער פֿון זיי, וואָס וועט ער פֿילן... האָט קיינער ניט געוווּסט, וואָס און וויִאַזוי דאַרף גערעדט ווערן אין דער דאָזיקער לעצטער שאָ. ווײַל וואָס עס זאָל ניט געזאָגט ווערן און וויִאַזוי דאָס זאָל ניט געזאָגט ווערן, וועט דאָס גאָרנישט ניט ענדערן. און ווער ווייסט... עפּשער האָט יעדערער פֿון זיי וועגן עפּעס געטראַכט און עפּעס געפּרוּווט צוטראַכטן. און עפּשער האָט יעדערער פֿון זיי געזען פֿאַר זיך פּונקט דאָס זעלבע, וואָס זאַנוול, און קיינער האָט ניט געוואָלט שיידן זיך מיט זײַנע לעצטע זעונגען.

די וואַסער האָט געגלאַנצט קעגן דער פֿאַרנאַכטיקער זון מיט אַ גרינער קעלט. דער טײַך איז געווען פֿול מיטביימער און מיט פֿלאַטערנדיקע בלעטער, וואָס האָבן זיך געשפּילט איינע אין די אַנדערע. די, וואָס אָפֿן ברעג, און די, וואָס אין וואַסער. די איבערגעגליטע זון האָט אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיסן זיך און באַשפּריצט מיט רויטן די כמאַרעלעך אָפֿן מײַרעוו־ראַנד. און

יעדערער האָט געוויס פאַרשטאַנען, אַז ער זעט דאָס אַלץ צום לעצטן מאָל. זײַנען זיי געגאַנגען און ניט אויפגעהערט באַקוקן די פרעמדע אומגעגנט, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזויפיל באַקאַנטס און אייגנס. דער וועג איז געווען אַ זאַמדיקער, און די געפּאַנגענע, באַ וועמען מע האָט נאָך אײדער עפּעס איז אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול, האָבן געהאַלטן אין איין דורכזיפּן דעם נאָך וואַרעמען זאַמד צווישן די פינגער. און דאָס האָט יעדערן געקענט דערמאָנען זײַן באָרוועסע קינדהייט.

די כאַשטשעוואַטער פעלצנמאַכער האָבן געהאַט אַ שעם אין שטעטל ניט נאָר מיט זייער מלאָכע, נאָר אויך מיט זייער גרעסטנקייט. זיי זײַנען אַלע געווען וווּקסיקע, ברייטפּלייציקע, האָבן געקענט זאָגן אַ וואָרט ווי מע דאַרף און געקענט באַ אַ נויטווענדיקייט אויך ווײַזן אַ פויסט. האָט טאַקע הענעך קירזשנער געפילט זיך צווישן זיי ווי אַ פרעמדער. דאָס, וואָס ער איז געווען ווי עפּעס ניט דערוואַקסן, וואָלט נאָך געווען צו דערלײַדן, ווען ניט די באָרד. די באָרד איז געווען צו אַריבערגעוואַקסן, אַזש ביז די קני. טאַקע נאָר אַף כּוויזעק. ווען ער האָט זיך געזעצט צו דער אַרבעט, מיט דער שאַפּענער פעל אַף די קני, האָט ער געמוזט פאַרוואַרפן די באָרד אַף רעכטס אָדער אַף לינקס, זי זאָל אים ניט שטערן, און שטענדיק האָבן אין איר אַרומגעבלאָנדזשעט אָן אַ שיר וואָלענע הערעלעך, איבער וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין מינען זיך. אַמאָל איז די באָרד געווען גראָווּלעך, אַמאָל פאַרבאָרגן אין זיך אַ שוואַרצן גלאַנץ און אָפטמאָל אויסגעזען אַ סאַך העלער, ווי געוויינלעך.

די ערשטע פינף זין זײַנען געווען גרעסטן אין דער מאַמען. כּעוורע — איינס און איינס. הויך און שטאַלטנע, מיט גלאַטע ברוינע פּענעמער, מיט געטאָקטע נעז און מיט גרויסע שוואַרצע אויגן. זיי האָבן געיאַרשנט פון דער מאַמען אויך דעם גאַנג אירן. דעם רויקן, געמאָסטענעם טראָט און דאָס שטאָלצע טראָגן דעם קאָפּ. יענער האַלב־באַזיניקטער געפיל פון מענטשן, וואָס ווייסן, אַז זיי זײַנען שיין, אַז אַלע פאַרקוקן זיך אַף זיי און זיי מוזן דאָס שטענדיק אין זינען האָבן. זיי זאָלן אויסזען אַזוי, ס'זאָל זײַן אַף וואָס אַ קוק צו טאָן. אַפילו די נעמען באַ די עלטערע ברידער זײַנען אויך געווען ווי באַ לײַטן: בעניע, איציע, מוישע, יאַנקל און דאַוויד. דער מיזיניק זאַנוועלע, דער „ווישקראַב", ווי מע פלעגט אָפט שפּאַסן פון אים, איז געווען גרעסטן אינעם טאַטן: אַ וואַקס געטאָן אַ ביסעלע און מערער וואַקסן ניט געוואָלט. דאָס פּאָנעם איז געווען אַ קלײַנדיקס און אַ ביסל אַ צוגעפּלעטשטס, און דערפאַר האָט דאָס גראָבע נעזל אויסגעזען נאָך גרעבער. און ווײַל די אויגן זײַנען געווען פון אָן אומבאַשטימטן קאָליר, איז גאָר גרינג געווען, אַז עמעצער זאָל אַ זאָג טאָן, אַז באַ אים, באַ זאַנוועלען, זײַנען קעצענע אויגן. און דער באָמען אַליין — זאַנוועלע... גלײַך קיין לײַטישערן נאָמען צוטראַכטן ניט געקענט. און וויבאַלד זאַנוועלע, איז פאַרוואָס טאַקע ניט זאַנוועלע קאַבאַקל צי זאַנוועלע קאַבאַנטשיק? דער צונאָמען האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים פון קינדווײַז, ווײַל ער איז טאַקע געווען גראָב־קײַלעכיק און ניט געגאַנגען, נאָר געקײַקלט זיך. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן גיין ווי אַלע מענטשן, נאָר דער צונאָמען איז געבליבן.

נאָר ניט דער צונאָמען און ניט די קעצענע אויגן האָבן אַרויסגערופן באַ אים יענעם ניט קלאָרן פאַרדראָס, וואָס איז מיט דער צײַט אַריבערגעוואַקסן אין אַ שטומער פאַרביטערטקייט. ווען עמעצער זאָל אים געווען אַ פרעג טאָן וועגן דעם, וואָלט ער אַליין דערשטוינט געוואָרן. און וואָלט אוואַדע ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און וויאַזוי דערקלערן דאָס. נאָר טיף אין הארצן האָט ער געטראָגן אַ רויגעז. ער איז געווען באַרויגעז אַף די עלטערע ברידער פאַר זייער שיינקייט און שטאַלטנעקייט, ער איז געווען באַרויגעז אַפן טאַטן דערפאַר, וואָס ער אַליין איז אויך אַ קליינוווּקסיקער, ער איז געווען באַרויגעז אַף דער מאַמען, וואָס האָט פאַר אים, פאַרן „ווישקראַב", ניט געקענט געפינען כאָטש אַ ביסעלע פון איר שיינקייט. דער פאַרדראָס און די פאַרביטערטקייט פלעגט נאָך מער צעוואַקסן זיך, ווען ער האָט געפּרוווט פאָרשטעלן זיך, ווי וועט ער אויסזען, ווען ער וועט אויסוואַקסן.

געזען האָט ער זיך מיט אַזאַ לאַנגער באָרד, ווי באַם טאַטן, זי איז שטענדיק פאַרוואָרפן אַף רעכטס אָדער אַף לינקס, און עס בלאָנדזשען אין איר שטענדיק אַרום הערעלעך פון פאַרשיידענעם קאָליר. און שטענדיק שמעקט פון אים מיט געפאַרבטע שמויסן און מיט איבערגעפרײַעטער דעמבענער קאָרע.

האָט ער שוין מיט גאָרנישט ניט געוואָלט זײַן ענלעך אַף קיינעם. ניט אַפן טאַטן, ניט אַף דער מאַמען, ניט אַף די עלטערע ברידער און ניט אַף קיינעם פון די יינגלעך פון דער קאָוואַליווקע. און אַלעמאָל זיך געסטאַרעט צוטראַכטן עפּעס אַזוינס אַף דערווײַזן זײַן באַזונדערקײַט, זײַן ניט־ענלעכקייט. אַז אויב עס פעלט אים עפּעס צו דעם, וואָס אַנדערע מענטשן האָבן, פאַרמאָגט ער דערפאַר אַזוינס, וואָס באַ קיינעם איז ניטאָ.

ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַנטלאָפן פון כיידער, האָט מען געמיינט, אַז דער רעבע

האָט אים געגעבן עטלעכע שמיץ. דערוווּסט זיך, אַז דער רעבע איז דאָ ניט שולדיק, האָט דער טאַטע אַליין אים גוט אַרײַנגעזאָגט. דאָס ערשטע מאָל האָט ער אַרײַנגעכאַפּט עמעסדיקע פּעטש, נאָר ער איז געווען צופרידן פון זיי. און געוויינט, געוויינט, געוויינט, געוויינט, געוויינט, ... גערעוועט האָט ער אויך מיט אַ פאַרבאָרגענער פרייד. ווײַל ער האָט בײַ זיך פעסט באַשטימט: מערער אין כיידער וועט ער ניט גיין. גראָד דערפאַר, ווײַל פאַר דעם גיט מען פּעטש.

א גאַנצן טאָג האָט ער אַרומגעבלאָנדזעט איבערן שטעטל, און מע האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, ווּ ער איז. אָט אָקאָרשט האָט ער געצויגן דאָס הענטל פונעם בלאָזזאַק בײַ אוּוראָם קאָוועל, און אָט האָט ער שוין געטריבן די פערד בײַ שלוימע סוקעראַנסקיס אוּליניע. ער האָט שטענדיק געמוזט טאָן דעם הייפעך, וואָס מענטשן טוען. אָנגעהויבן באָדן זיך האָט ער, ווי נאָר דאָס אײַז איז אַוועק, און געבאָדן זיך, ביז דער טײַך איז פאַרפרוירן געוואָרן. ווען אַלע האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס פאַר עפּעס אַ באַנדע, איז ער איינער אַליין געלאָפן איבער די גאַסן, ער האָט פאַשעט געוואָלט, אַז עפּעס אַ באַנדיט זאָל אים מאַכן אַ סימען אויפן פּאָנעם. זאָל זײַן מיט אַ נאַהײַקע, זאָל זײַן מיט אַ שווערד. און ווען ער האָט באַמערקט, אַז אַלע זײַנען שוין געוווינט צו זײַנע שטיק און אופגעהערט וווּנדערן זיך, איז ער איינמאָל אין סאַמע גרעסטן פראָסט דורכגעלאָפן באָרוועס פון העט אויבן, פון דער קאָוואַליוּוקע ביזן מאַרק.

נאָר דאָס אַלץ איז געווען צו דערלײַדן. ביז מע האָט זיך דערוווּסט, סאַראַ גוווּרע עס ליגט בײַ זאַנוועלע קאַבאַקל אין די הענט. מיסטאַמע האָט זאַנוועלע אַליין אויך ניט געוווּסט. ווען ער האָט זיך צעקריגט מיט זײַנעם אַ כאַווער, דערלאַנגט אים מיט דער האַנט איבערן קאָפּ און דער שטערן האָט אַ פּלאַץ געטאָן ווי אַ צעטײַטיקער קאַווען, האָט זאַנוועלע אַליין זיך צעקוויטשעט פאַר שרעק און אַוועק אַהיים מיט אַ געוויין. די גאַנצע קאָוואַליוּוקע איז דאַן אופגעשטאַנען קעגן הענעכן. אָדער ער זאָל נעמען זײַן „ווישקראַב״ אין די הענט, אָדער ער זאָל זיך אַרויסקלײַבן אויף אַן אַנדער גאַס. ער איז דאָך ניט קיין קאָוועל און ניט קיין סטעלמאַך, וואָס זשע האָט ער ביכלאַל צו טאָן אויף דער קאָוואַליוּוקע?

דער טאַטע האָט ניט אופגעהערט שילטן זיך.

— זאַנוועלע, איך וועל דיר איבערברעכן די ביינער.

און די מאַמע, די גוטע שיינע מאַמע...

— כײַ וואָלט אים דער רוּעך גענומען, און שוין.

נאָר דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז אויפן רוּעך איז ניטאָ וואָס צו פאַרלאָזן זיך, און געזוכט עפּעס מערער מאַמאָשעסדיקס.

— כײַ וואָלט אים שוין דער קאָמסאָמאָל אויסגעכאַפּט, און אַ סאָף זאָל עס נעמען.

אָט בײַ וואָס ס'האָט שוין געהאַלטן. הענעך, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פרומען ייִדן, איז גרייט געווען מאַקריוו זײַן זײַן „ווישקראַב״ דעם קאָמסאָמאָל.

— עפּשער וועלן זיי, די קעטוטניקעס, מאַכן פון אים אַ שטיקל מענטש.

דאָס וואָרט „קעטוטניקעס״ האָט צוגעטראַכט טאַקע הענעך אַליין, און כאָטש ער האָט ניט געקענט זאָגן, וואָס דאָס הייסט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז זייער אַ געשמאַק זידלוואָרט, וואָס פּאַסט סאַמע פאַר די, וואָס גייען אום ביז אַ האַלבער נאַכט איבער די גאַסן און זינגען אַפּיקאָרסישע לידלעך.

נאָר דאַפקע דער קאָמסאָמאָל האָט ניט געוואָלט אויסכאַפּן זאַנוועלען. טאַקע איבער זײַנע ווילדע שטיק. זאַנוועלען אַליין איז דער קאָמיוּגישער קלוב גראָד געפעלן געוואָרן. אָפּטמאָל האָט מען דאָרטן זייער הייס זיך געקריגט אויף די פאַרזאַמלונגען. די לידלעך זײַנען אים אויך געפעלן געוואָרן. די העפקערדיקע לידלעך, אין וועלכע די כעוורע האָבן גערדראָעט אַרויף אויף די הימלען און פאַנאַנדערטרײַבן אַלע געטער.

ער האָט שוין געהאַלטן בײַ די זיבעצן יאָר, שוין אַליין אויך געגנייט פעלצן, ניט ערגער פונעם טאַטן און פון אַלע עלטערע ברידער, און דאָס קלײַענדיקע צוגעפּלעטשטע פּענעמל האָט דאַפקע אָנגעהויבן ענדערן זיך צום גוטן. די קלײַענדלעך האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן. און דאָס פּאָנעם האָט בעפיירעש געקענט ווערן גלאַט און ברוין, ווי בײַ די עלטערע ברידער. ווען ניט די סימאָנים פון אַלטע און נײַע געשלעגן. איין וווּנד האָט געהאַלטן באַם פאַרהיילן זיך, ס'איז שוין אַפילע אָנגעוואַקסן אַ שטיקל נײַע, רויטלעכע הויט, און די צווייטע האָט ערשט אָנגעהויבן אָנרײַסן, אויספורעמען זיך אין אַ גרינלעכן בלאָטערל. ווי זשע קען מען אַזאַ־אָ אַרײַנעמען אין קאָמסאָמאָל.

ווען זאַנוועלע זאָל געווען וויסן!

איז ער געשטאַנען אויף דער פאַרזאַמלונג מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געביסן די דינע,

פאַרבלאָטעט ליפּן און אַלעמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט פאַר דער צעמאַזיקטער באַק, גלײַך עמעצער וואָלט אים געדראָעט מיט אַ שטײן.

— קײן שלעגערס אין קאָמיוג דאַרפן מיר ניט!

— מע דאַרף פריִער זיך אויסלערנען לײענען און שרײַבן!

— מע דאַרף פריִער דאָס פּאָנעם אויסהײלן!

— און דעם קאָפּ, דעם קאָפּ!

— אין קאָמיוג דאַרף מען אַרײַנטרעטן מיט אַ רײן פּאָנעם און אַ רײן האַרץ!

פאַר זײַן האַרץ האָט ער געקענט שווערן. ס'איז רײן וואָס רײנער קען ניט זײַן. נאָר דאָס פּאָנעם!..

דאָס אײנציקע, וואָס ער האָט דאַן געקענט אַרויסרעדן, איז געווען:

— איך וועל מערער זיך ניט שלאָגן.

נאָר סײַווי האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. די פאַרזאַמלונג האָט באַשטימט אָפּהאַלטן זיך. ס'איז אַ ביסל לײַטישער פון דער פאָרמולירונג — אָפּזאָגן, ווײַל אַזוינס פלעגט מען אַרײַנשרײַבן אין פּראָטאָקאָל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פרעמדן עלעמענט, דאָס האָט געהײסן גאָר פּשוט — גײ דיר, מיר ווילן דיך ניט קענען. און אויב מע פאַרשרײַבט „אָפּהאַלטן זיך", איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג, ער דאַרף נאָר ווײַזן, וואָס ער קען.

נאָר ווײַל אַזוי, איז דאָך זאַנוועלע אָן אַקשן. און אַז ער וויל, קען ער. צווערשט איז דאָס געווען אַ פּאַשעטער צולאָכעס, נאָר דערנאָך איז דאָס אים אַלײן געפעלן געוואָרן. ס'איז אים פּאַשעט געפעלן געוואָרן, וואָס אין די ביכלעך שרײַבט זיך. און ערשט נאָך אַלעמען, נאָך דער אַרבעט, נאָך די פאַרזאַמלונגען, איז ער אָפּגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער עפּעס אַ ביכל.

— הערסטו, ראָכל, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — האָט הענעך אײנמאָל זיך אָנגערופן. — כ'האָב מוירע, אַז דער קאָמסאָמאָל וועט אים טאַקע אויסכאַפּן.

— גאָטעניו, ווי דערלעבן איך דאָס שוין! — אַרויסגערעדט עס מיט אַזאַ היץ, מיט אַזאַ געבעט, גלײַך דאָס איז אָפּגעמעסן געווען דאָס אײנציקע, וואָס זי האָט געוואָלט אויסבעטן בײַ גאָט.

און זי האָט אויסגעבעטן.

געשען איז דאָס אין אַ יאָר אַרום נאָך דער ערשטער פאַרזאַמלונג. ס'איז דאָס מאָל אויך געגאַנגען ניט גלאַטיק. געווען פראַגן, געווען רעפּליקעס, נאָר ס'איז אַלעמען געווען קלאָר, אַז איצט איז זאַנוועלע אָף אַ דערעך.

— נו, וועסט זיך ווײַטער שלאָגן?

דאָס איז געווען די לעצטע פראַגע. און מישע פורמאַן, דער סעקרעטאַר פון קאָמיוגישן קעמערל, האָט פּאַשעט ניט געקענט אויסמײַדן זי.

— נײן! — האָט זאַנוועלע אויסגעשריגן פעסט, אַפילע אַ ביסל אַרויסרופעריש. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, ווי באַטראַכט זיך צי אַ ביסל אָפּגעקילט געוואָרן, אויך ניט געקענט אויסמײַדן קײן צוגאָב. — פאַרשטײט זיך, אויב...

— וואָס אויב?

— נו, אויב מע פאַלט אָן אָף דיר.

— ווער פאַלט אָן? — האָט מישע איבערגעפרעגט מיט אָן אינערלעכער שרעק. טאָמער ענטפערט ער ניט אַזוי, ווי מע דאַרף.

נאָר זאַנוועלע האָט שוין באַוויזן איבערלײענען ניט אײן ביכל. און שוין דאָס צווײטע יאָר זיך געלערנט אין פאַליטקרײַז.

— וואָס הײסט ווער? אויב דער סוינע פאַלט אָן! זײ, די אימפּעריאַליסטן!

צווײ יאָר האָט זאַנוועלע אויסגעהאַלטן אַלע האַרבע קאָמיוגישע געזעצן. און ס'וואָלט אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען. וואָס אַמאָל בעסער און בעסער. ווען ניט די שטײנערנע הרעבליע, דאָס שמאָלע האַטקעלע לעבן דער מיל. יעדן פּאַרנאַכט, אַראָפּגעטרײסלט פון זיך די וואָלענע הערעלעך, איז ער אַוועק צום בוג. ער האָט ליב געהאַט באָדן זיך ניט דאָרטן, ווו אַלע, נאָר אַ ביסל ווײַטער, אונטער דער מיל, לעבן דער הרעבליע. אויסגעבאָדן זיך, דורכגעשווומען דעם טײַך אַ פּאָר מאָל אַהין און צוריק, אָפּגעשמיסן דאָס לײַב מיט דער פינגעדיקער וואַסער סאַמע אונטער די מיל־רעדער, האָט ער זיך אויסגעצויגן אָפן זאַמדיקן ברעג און פאַרקוקט זיך אָפן הימל. פריִער אָפן הימל, דערנאָך אין וואַסער אַרײַן, ווײַל געזען האָט ער דאָרט דאָס זעלבע: די ווײַסע כמאַרעלעך אָפן הימל, די גרינע ווערבעס פון יענער זײַט טײַך און די מיל. נאָר אין וואַסער איז אַלץ געווען קאַפּויר, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. און אַלץ האָט זיך געוויגט און אונטערגעציטערט. איז דאָס אים זײער געפעלן געוואָרן. פון קינד־

וויַיז האָט ער ליב געהאַט אַלץ, וואָס קאַפּויר, ווײַל ער אַליין איז געווען אַ ביסל קאַפּוירעדיק, און אַפילע איצט, ווען אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט אַלע מענטשן, איז בײַ אים געבליבן אַ פאַרבאָרגענע ליבע צו אַלץ דעם הייפּעכדיקן, צו אַלץ, וואָס גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. האָט ער זייער ליב געהאַט קוקן אין וואַסער אַרײַן. אויסגעבאָדן זיך און אָנגעקוקט זיך, איז ער געגאַנגען אין קלוב אַרײַן און געטאָן, וואָס אַלע קאָמיוגיסטן. געלייענט אַ צײַטונג, אַרויסגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען. איינמאָל איז ער שוין אַפילע אַליין געווען פאָרזיצער פון אַ פאַרזאַמלונג און מיט אַ געפיל פון עכטער זעלבסטווירדע געגעבן אַ וואָרט וועמען מע דאַרף און גערופן צו אָרדענונג. ביז איינמאָל...

אַ פאַרנאַכט איז דאָס געווען אַ געוויינלעכער, דער הימל איז אויך אַ געוויינלעכער און דאָס וואַסער אויך דאָס זעלבע. האָט ער זיך אויסגעבאָדן, דורכגעשווומען אַ ביסל, אויסגעשמיסן זיך אונטער די מיל־רעדער, אויסגעצויגן זיך אויפן זאַמדיקן ברעג און גענומען קוקן פריִער אויפן הימל און דערנאָך אין וואַסער אַרײַן. ער האָט ניט געוווּסט, ווער דאָס איז, ווי זעט זי אויס אינדערעמעסן, נאָר ווײַל ער האָט זי דערזען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, האָט ער זיך גלײַך פאַרליבט אין איר. זי האָט אים אויסגעוויזן ניט ערדיש שיין און האָט אים גלײַך פאַרקישעפט. באַזונדערס די אויגן אירע. אַזעלכע גרויסע, שוואַרצע אויגן, פונקט ווי בײַ זײַן מאַמען, און נאָך מער דאָס, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין וויגן זיך. ווי די ווערבעס, ווי די כמאַרעלעך, ווי די מיל, ווי אַלץ, וואָס קוקט אַרויס פונעם וואַסער. זי האָט געשפּאַנט איבער דער שמאָלער אונטערוואַסערדיקער האַטקע, און אירע באָרוועסע פיס האָבן, ווי בײַ אַן עמעסער קישעפמאַכערן, אַראָפּגעהאַנגען אַראָפּ, ווי צוגעשפּיליעטע, צוגעבונדענע מיט דינע, זייער דינע פעדעמלעך. איז ער געלעגן אַ פאַרקישעפטער, מוירע געהאַט אַ פינטל טאָן מיט די אויגן און געקוקט, געקוקט, ביז זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. דעם צווייטן פאַרנאַכט איז ער שוין ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן צום בוג, מוירע געהאַט, ער זאָל ניט פאַרשפּעטיקן. און ער האָט אַליין ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס פלאַטערט בײַ אים אַזוי דאָס האַרץ. ער האָט זי ווידער געטראָפן אויף דער אונטערוואַסערדיקער הערבליע, ווידער מיטן קאָפּ אַראָפּ, און אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פונעם וואַסער גלײַך אויף אים. און זי האָט, ווי נעכטן, ניט אויפגעהערט וויגן זיך און אונטערציטערן. ווי אַלץ, וואָס אונטערן וואַסער.

די ערשטע טעג האָט ער מוירע געהאַט אויפהייבן די אויגן פונעם וואַסער און אַ קוק טאָן אויף איר, ווי זעט זי אויס, ווען זי גייט ווי אַלע מענטשן, ער האָט מוירע געהאַט, עס זאָל ניט פאַרשוווּנדן ווערן דער קישעף. נאָר אייביק ציִען זיך אַזוי האָט דאָס אויך ניט געקענט. ער האָט דאָך געמוזט וויסן, ווי זעט זי אויס אינדערעמעסן, די קאַלע זײַנע, און ווי רופט מען זי...

...דער וועג האָט נאָך אַלץ געצויגן זיך לענגויס דעם ברעג, און ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך און וווהין מע פירט זיי. אַלץ אַרום איז געווען אַזוי ענלעך, ווי דאָרטן, לעבן זײַן כאַשטשעוואַטער בוג. די ווערבעס פון יענער זײַט טײַך, די ווײַסע כמאַרעלעך אויפן הימל, דאָס ניט גרויסע מילעכל און די שטיינערנע הערבליע, דאָס שמאָלע האַטקעלע, אויף וועלכן ער האָט געפונען זײַן קאַלע און פאַרלוירן דעם קאָמיוג. אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען ער האָט זי ווידער דערזען, האָט ער אַ פליוכע געטאָן אין טײַך אַרײַן, אָפּגעשווומען אונטערן וואַסער פונקט אַזויפיל וויפל מע דאַרף און אַרויסגעשפּרונגען אויף דער הערבליע אַ שפּאַן קעגן איר. אים איז זייער געפעלן געוואָרן, וואָס זי האָט זיך דערשראָקן, אויסגעגלאָצט אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן און אַ וואַקל געטאָן זיך אויף אומצופאַלן. אַ וויג געטאָן זיך פינקטלעך, ווי אונטערן וואַסער. ער איז געשטאַנען קעגן איר אַ פאַרסאָפּעטער, אַ שמייכלענדיקער, אַלעמאָל אַ וויש געטאָן די טראָפּנס פונעם פּאָנעם, פון די אויגן און געקוקט. ער האָט געמוזט פעסטשטעלן, צי איז זי טאַקע ענלעך אויף יענער, וואָס אין וואַסער. יאָ, טאַקע די זעלבע. און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט.

— זאָלסטו וויסן זײַן אַזוי, — האָט ער אַרויסגערעדט אַ ביסל גראָבלעך און זי נאָך מערער אָנגעשראָקן. — מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט דיר אויף אַ שמאָל האַטקעלע, און פאַנאַנדערגיין זיך קענען מיר ניט. ניטאָ פּאָשעט וווהין.

— ווער ביסטו? — האָט זי אויסגעשריגן.

— וואָס הייסט ווער? דײַן כאָסן!

— דו גייסט אַוועק? אַניט מאַך איך אָן אַ גוואַלד!

— נאַרעלע! — האָט ער געפּרוּווט זײַן וואָס איידעלער. — צו וואָס דאַרף מען גוואַלדעווען? וועסט אָנהייבן שרײַען, וועל איך דיך אַרײַנוואַרפן אין וואַסער אַרײַן.

אוואַדע איז בײַ אים געווען די בעסטע קאַוואָנעס. ער האָט אַזוי לײַכט, ביז גאָר לײַכט צוגערירט זיך מיט זײַן האַנט צו איר אַקסל. געמיינט אַ גלעט טאָן זי און באַרויִקן. נאָר זי האָט זיך צעקוויטשעט. האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און אַרײַנגעשפּרונגען מיט איר אין

וואַסער אַרײַן. ער איז געווען זיכער, אַז אַ מיידל, וואָס גייט אַלע טאָג דורך דער הרעבליע, דאַרף קענען גוט שווימען. סײַ אַפֿן וואַסער, סײַ אונטערן וואַסער. נאָר זי האָט גלײַך אָנגעהויבן פּאַרכלינען זיך. שווימען האָט זי אײַנגאַנצן ניט געקענט. האָט ער געמוזט אַרבעטן בלויז מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער האַלטן אַרומגענומען זײַן אונטערוואַסערדיקע קאַלע, וואָס האָט ניט אויפֿגעהערט צו קוויטשען.

— שווײַג! — איז ער שוין געוואָרן בייז אַף איר. — זאָג כאָטש, ווי רופֿט מען דיך און וועמענס ביסטו?

— כאַ־ווע־ע־לע! — האָט זי אַרויסגעכליפּעט. נאָר אַף זאָגן, וועמענס זי איז, האָט איר קיין קויכעס ניט געסטײַעט.

באַם ברעג האָט שוין געוואַרט אַף זיי אַ גרויסער עולם, וואָס איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן אַף אירע קוויטשערײַען. אין אַ שאָ אַרום האָט שוין וועגן דעם געוווּסט דאָס גאַנצע שטעטל. כאַשטשעוואַטע האָט שוין לאַנג געהאַט פֿאַרבענקט זיך נאָך עפּעס אַן אויסטערלישער געשיכטע, און יעדערער האָט געסטאַרעט זיך באַפּוצן זי, ווי נאָר ער האָט געקענט. און אין אַ וואָך אַרום, אַף דער אָרדנטלעכער קאָמיוגישער פֿאַרזאַמלונג, איז באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן דער אַמאָראַלישער אויפֿירונג פֿונעם קאָמיוגיסט זאַנוול שעפּסנוואַל. עפּשער וואָלט ער געווען אָפּגע־קומען מיט אַ שטרענגן אויסרייד, נאָר צו דעם אַלעמען האָט זיך צוגעמישט אַ מעשׂה מיט טע־לער, וואָס איז אַלעמען אין שטעטל געפֿעלן געוואָרן מער פֿון דער גאַנצער געשיכטע און מע האָט דאָס ניט אויפֿגעהערט באַריידן אין אַלע הײַזער. ווען כאַוועלע איז געקומען צו לויפֿן אַהיים און וויינענדיק און כליפּענדיק דערציילט דער מאַמען, וואָס מיט איר איז געשען, האָט די מאַמע אַ פֿרעג געטאָן:

— און וווּ זײַנען די טעלער?

כאַוועלעס טאַטע, בערל, האָט געאַרבעט אַלס מילנער אין כאַשטשעוואַטער מיל, און דאָס האָט זי אים יעדן טאָג געטראָגן דעם מיטיק אין צוויי טעלער. צו דער מיל געטראָגן פֿולע און צוריק ליידיקע. האָט די מאַמע אין דער ערשטער ריי געמוזט וויסן, וווּהין זײַנען אַהינגעקומען די טעלער. און כאַוועלע, וויינענדיק און כליפּענדיק, האָט ווידער דערציילט:

— ווען ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן, זײַנען די טעלער אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט און צעבראָכן זיך.

— ווי איז מיר! — האָט די מאַמע אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט. — האָט איר שוין געבראָכן טעלער אויך!

נו, כאַשטשעוואַטע דאַרף מער ניט האָבן. האָט מען דאָס איבערדערציילט אַף פֿאַרשיידענע אויפֿאַנים. אייניקע האָבן אַפֿילע מעקאַנע געווען:

— ווי געפֿעלט אײַך אַזאַ קאַנאַסמאָל?

און אָט, איבער אָט די טעלער מיט אָט דעם ווילדן קאַנאַסמאָל... דאָס האָט פֿאַרפֿירט די פֿאַרזאַמלונג און אים אַליין אויך. אַלע אַנדערע פֿאַרוווּרפֿן האָט ער נאָך געקענט פֿאַרענטפֿערן, געטענהט, אַז ער האָט ניט געמיינט קיין שום בייזס, אַז ער האָט פּאַשעט געוואָלט זי אַ גלעט טאָן, באַרויִקן זי, האָט זי זיך צעקוויטשעט. נאָר וועגן די טעלער האָט ער ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ער האָט ניט געזען קיין שום טעלער, ניט אונטערן וואַסער, ניט אַפֿן וואַסער. און ער ווייסט ניט פֿון קיין שום קאַנאַסמאָל.

האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ גאַנץ שאַרפֿע פֿאָרמולירונג, און מע האָט אים שוין געמוזט אויסשליסן פֿון קאָמסאָמאָל. און ניט אַזוי איבער דער פֿאָרמולירונג, נאָר ווײַל מע האָט אין שטעטל צעבלאָזן די געשיכטע, צוגעטראַכט זאַכן, וואָס געווען און ניט געווען.

און אין אַ וואָך אַרום האָבן זיי כאַסענע געהאַט, זאַנוול און כאַוועלע. סײַווי, דאָס קאַנאַסמאָל האָבן זיי שוין אָפּגעפּראַוועט אַף דער הרעבליע.

...דער סאָלדאַט, וואָס איז געגאַנגען לעבן אים מיט אַן אונטערגעהאַנגענער האַנט און מיט אַ פֿאַרבונדענעם קאָפּ און געקוקט אַף דער וועלט בלויז מיט איין אויג, האָט דאָך באַמערקט, ווי זאַנוולס אויגן האָבן מיטאַמאָל זיך צעגלאַנצט, און ווי אַף זײַן פֿאַרוואַקסן און פֿאַרשטויבט פּאָ־נעם האָט זיך צעבליט אַ שמייכעלע, וואָס קען זיך באַווײַזן בא אַ מענטשן אין זײַנע סאַמע גליקלעכסטע מינוטן, אָדער פֿון עפּעס זייער און זייער אַ גוטער דערמאָנונג.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפֿרעגט אַ דערשטווינטער.

— פֿאַרשטייסט, איבער די לעפֿל... אַז איך האָב זיי גאָר אין די אויגן ניט געזען.

— וועלכע לעפֿל?

— עט, — האָט זאַנוול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אַ לאַנגע געשיכטע.

ער אַליין האָט פֿון קאָמיוג זיך ניט אויסגעשלאָסן. ער איז נאָך לאַנג געגאַנגען אַף אַלע קאָמיוגישע פֿאַרזאַמלונגען, באַזוכט דאָס פּאָליטקרײַזל, און אַפֿילע אָפּטמאָל גענומען אַ וואָרט.

ער איז געגאַנגען אַף די קאַמיוגישע פאַרזאַמלונגען אַפילע דאַן, ווען בא אים איז געבוירן גע־וואָרן פריִער א ייִנגעלע, דערנאָך א מיידעלע. ער איז געווען זייער גליקלעך דערפון, וואָס ביידע זײַנען געראָטן ניט אינעם זיידן, נאָר אין דער באָבען. ווען זײַן כאַוועלע האָט אים אַמאָל געפּרוּווט פאַרוואַרפן, אַז די קאַמיוגישע פאַרזאַמלונגען זײַנען שוין ניט פאַר אים, א טאַטן פון קינדער, האָט ער איר אָפּגעענטפערט בייז, אַפילע א ביסל גראָבלעך.

— און אַלץ איבער דיר. וואָס האָסטו זיך דאַן צעקוויטשעט? און נאָך א מײַסע מיט טעלער אויסגעטראַכט. אַז איך האָב ניט געזען קיין שום טעלער!

אַף דער מילכאָמע איז ער אוועק אינעם ערשטן טאָג פון דער מאָביליזאַציע. און אָפן דריטן טאָג איז ער שוין געווען באַשטימט אין דער אויסשפּיר־גרופּע. ער האָט אויסגענומען מיט זײַן נידעריקן וווּקס. און אַף זײַן צוגעסאַרפּעט פּאָנעם איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געזאָגט וועגן גוווּרע און וועגן כאַראַקטער. סאַמע דאָס, וואָס מע דאַרף אַף נעמען א „צונג". שוין באַם ערשטן צופאַל האָט ער דערוויזן, אַז מע האָט אין אים קיין טאָעס ניט געהאַט. מיט איין קלאַפּ האָט ער פריטשמעליעט דעם „צונג" אַזוי, ער זאָל שווײַגן פונקט אַזויפיל וויפל מע דאַרף און זאָל קענען אָנהייבן ריידן, ווי נאָר מע איז אַרײַן מיט אים אין אייגענעם אָקאָפּ. די סאַקאָנע איז שטענדיק געווען אין דעם, ער זאָל ניט איבערכאַפּן די מאָס, נאָר זאַנוול האָט זיך געהיט.

ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז ער ווידער אינײַנעם מיט דער אויסשפּיר־גרופּע געווען צוגאַסט בא די דײַטשן און פאַרכאַפּט מיט זיך א „צונג". דאָס מאָל האָט זיך אים געפּאַקט זייער א בײַכיקער אָפיצער, וואָס האָט פּונעם ערשטן קלאַפּ ניט געוואָלט אַנשוויגן ווערן. געמוזט געבן אים נאָך איינעם. דערנאָך האָט ער געפּויזעט מיט אים איבער א זומפּיקן יאַר און אַלעמאָל גע־מוזט אָפּשטעלן זיך און אײַנהערן זיך, צי יענער דעכעט נאָך. און ס'איז טאַקע אָנגעקומען ניט גרינג אָפּמינטערן דעם „צונג", ער זאָל קענען אָנהייבן ריידן.

לאָזט זיך אויס, אַז די גאַנצע האַרעוואַניע, די ריזיקע און דער פאַרגאַסענער שוויס איז געווען אומזיסט. קיינער האָט שוין דעם „צונג" ניט געדאַרפט, ווײַל זיי אַליין זײַנען שוין געווען אַרומגערינגלט. און ער ווייסט אַפילע ניט, צי נאָר זייער פּאָלק, צי די גאַנצע דיוויזיע.

נעכטן האָבן זיי נאָך געפירט א שלאַכט, א שווערע און בלוטיקע שלאַכט אַף דורכרײַסן די אַרומרינגלונג. און הײַנט באַגינען... ער קען אַלץ ניט פאַרשטיין, וויאַזוי דאָס איז געשען. נאָר באַגינען זײַנען זיי שוין געווען אין געפענקעניש.

עטלעכע לאַנגע שאָ האָט מען זיי געהאַלטן אַף איין אָרט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיי. מע האָט געוואַרט אַף עפּעס אַן עלטערן אָפיצער. געקומען איז יענער שוין נאָך מיטיק, אויסגעשטעלט די געפאַנגענע און אויסגעשריגן:

— ייִדן און קאָמוניסטן, דרײַ שפּאַן פאָרויס!..

איצט איז שוין, אייגנטלעך, אַלצײנס. און קיינער וועט אים ניט זאָגן, צי האָט ער געהאַנדלט ריכטיק, צי עפּשער באַגאַנגען א פעלער. א פעלער, פאַר וועלכן ער וועט איצט דאַרפן אָפּצאָלן מיטן לעבן. זאָל זײַן, אַז ער האָט ניט באַוויזן א טראַכט טאָן? נאָר אָט האָבן דאָך אַנדערע באַ־וויזן! זײַנען זיי געבליבן שטיין, און ער איז אַרויס. נאָר ער איז דאָך אַרויס ניט איינער, אָט גייען זיי דאָך אַלע מיט אים, די, וואָס האָבן, ווי ער, באַשטימט אויך אַזוי, ווײַל זיי האָבן אַנ־דערש באַשטימען ניט געקענט. זײַנען, הייסט עס, פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען אַפילע אין דער גרעסטער סאַקאָנע ניט ווערן אַנדערש, ווי זיי זײַנען געווען דאָס גאַנצע לעבן, און פאַראַן אויך אַזעלכע... און ער קען זיי דאָך! דאָרטן זײַנען דאָך געבליבן א פּאָר כאַשטשעוואַטער! אייניקע כאַשטשעוואַטער זײַנען אוועק מיט אים, און אייניקע זײַנען געבליבן. ווער זשע האָט געהאַנדלט ריכטיק?

אייגנטלעך, האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טראַכטן. א ייִד איז ער דאָך. און א קאָמוניסט? כאָטש מע האָט אים אויסגעשלאָסן פון קאַמיוג נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק, נאָר ער אַליין האָט זיך ניט אויסגעשלאָסן. און אַף די קאַמיוגיסטן האָט מען שטענדיק געזאָגט — אַן פינף מינוט קאָמוניסטן. ווער זשע קען עס אין אַזא פאַל זיך רעכענען מיט וועלכע־ניט־איז פינף מינוט? אָט גייען זיי שוין א מינוט צען צי עפּשער אַלע צוואַנציק. און ער האָט שוין עטלעכע מאָל דורכגעמאַכט יענע פינף מינוט.

ער האָט אַלץ געשפּאַנט א ביסל פאַרשיקערט פון די אייגענע זיכרוינעס און געפּרוּווט באַ־טראַכטן זיך אַליין א ביסל פון דער זײַט, ווי א פרעמדן. און געמוזט אָנערקענען, אַז ער האָט אַף יענער פאַרזאַמלונג א ביסל זיך פאַרלוירן. ער האָט ניט געטאָרט דערלאָזן, מע זאָל אים אויסשליסן פון קאַמיוג, ער האָט געדאַרפט דערווײַזן, אַז ער איז ניט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן. און עפּשער... עפּשער גיכער פאַר אַלץ ניט געדאַרפט אַזוי אָנשרעקן כאַוועלען... איז טאַקע דאַן, אַפּאָנעם, נאָך געווען אין אים א ביסל פון יענעם זאַנוועלע קאַבאַקל?

הייבט זיך אים מיטאמאָל אָן דוכטן, אַז צווישן יענעם זאַנוועלע קאַבאַקל, וואָס איז געלאָפן באָרוועס איבערן שניי, און דעם איצטיקן זאַנוולען, דעם געפאַנגענעם סאָלדאַט, איז פאַראַן זייער ווייניק געמיינזאַמס, אַז זיי קערן זיך אָן ווי זייער ווײַטע קרויווים. און אומזיסט איז ער געווען באַרויִגעז אפן טאַטן, אַף דער מאַמען, אַף די עלטערע ברידער. ווײַל ניט אינעם ווּקס גייט עס דאָך, נאָר אין דעם, וואָס פאַר א מענטש דו ביסט, ווי האָסטו דײַן לעבן אָפּגעלעבט און ווי־אַזוי באַגעגנסטו דײַן לעצטע שאָ. קיין פּאַכדן איז ער קיינמאָל ניט געווען, און קיינער וועט אַף אים אַזוינס ניט אויסטראַכטן. ס׳איז נאָר א ווייטעק, וואָס אַזוי פרי. ער האָט ערשט אָנגעהויבן די מילכאָמע און האָט ערשט אָנגעהויבן באַנעמען, ווער די פאַשיסטן זײַנען. וועט עפּשער די ברידער זײַנע מערער אָפּגליקן און זיי וועלן זיך אָפּרעכענען פאַר אַלעמען און פאַר אים אויך?

דער קאָנוואָי האָט באַפוילן פאַרקערעווען אַף לינקס, צום וואַלד, און דאָס האָט אים גלײַך אויסגעניכטערט. מיטאַמאָל איז פאַרשווּנדן געוואָרן דער כאַשטשעוואַטער בוג, דער סאָלאָמ־ער קלויסטער, די קאַזאַוּוטשינער הלינישטשעס און דאָס שמאָלע האַטקעלע אונטער דער מיל. אַלץ אַרום האָט מיטאַמאָל אָנגענומען זייער עמעסדיק געשטאַלט און א שנײַ געטאָן דעם מויעך מיט זייער גרויליקער רעאַלקײַט. דאָס האָט גלײַך א קערעווע געטאָן די געדאַנקען אין גאָר אַן אַנ־דער ריכטונג. ער איז דורכגעלאָפן מיט די אויגן די קאָלאָנע און אָנגעצײַלט א מענטשן דרײַ־סיק. דערנאָך איבערגעצײַלט דעם קאָנוואָי. צען סאָלדאַטן און איין אָפיצער. הייסט עס — איינער אַף דרײַ. נאָר יענע צען האָבן אַוטאָמאַטן אין די הענט, און זיי — גאָרנישט ניט. גאָר־נישט ניט? און די הענט אַליין? זײַנע הענט אַליין האָבן אויך די ווערט א פּאָר אַוטאָמאַטן. אויב צונויפבוצקען מיט זיי צוויי פאַשיסטישע קעפּ, וועלן זיי טייקעף פּלאַצן, ווי א פּאָר צײַטיקע קאַוועַנעס. מע דאַרף נאָר נאָכטשאַטעווען, כאַפּן די מינוט, ווען צוויי דײַטשן קומען זיך צונויף אַזוי נאָענט, מע זאָל קענען אָפּטאָן דאָס, וואָס מע דאַרף. אַרויסכאַפּן דעם אַוטאָמאַט בא א צעבוצקעטן דײַטש איז שוין א קלייניקײַט.

ער האָט צונויפגעפּרעסט די פינגער פון ביידע הענט און ווידער זיי פאַנאַנדערגענומען, ווי געפּרוּווט, צי איז נאָך געבליבן אין זיי יענע אַמאָליקע גוורע. יאָ, עפּעס איז נאָך געבליבן. דערנאָך האָט ער א ווּנק געטאָן דעם שאָכן, א ווײַז געטאָן אַף די דײַטשן און א דריי געטאָן מיט דער האַנט אַזוי, אַז יענער זאָל פאַרשטיין, וואָס ער מיינט. יענער האָט פאַרשטאַנען און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ער איז גרייט מאַכן שוטפעס. איז געבליבן זאַנוולען אָפּטאָן נאָך איין זאַך. זיך אָן אייצע האַלטן מיטן סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל, וואָס האָט אים אַזוי געמוסערט פאַר זײַנע געשלעגן.

— נו, און איצט, מישע, מעג מען? — האָט ער בא אים א פרעג געטאָן.

— יאָ, איצט מעג מען. און מע דאַרף, — האָט מישע אָפּגעענטפערט.

ערשט נאָך אַלעמען איז ווידער אופגעשווּמען דאָס שמאָלע האַטקעלע לעבן דער כאַש־טשעוואַטער מיל. אַז עס באַגעגענען זיך אַף דעם צוויי מענטשן, איז שווער אויסמײַדן איינער דעם אַנדערן. אַמאָל האָט ער זיך באַגעגנט אַף דעם מיט זײַן גליק. איצט האָט ער זיך באַגעגנט אַף דעם מיטן פאַשיסטישן קאָנוואָי. און אויסמײַדן זיך איז פּאַשעט אומעגלעך. מוז מען זיך צונויפבוצקען.

און דאָס האָט ער טאַקע אויסגעשריגן אין דער הייך:

— ניין, מירן ניט לאָזן זיך שנײַדן דעם האַלדז!

אויסגעשריגן עס אין דער מינוט, ווען צוויי דײַטשן זײַנען זיך צונויפגעקומען אַזוי נאָענט, אַז ס׳איז געווען די סאַמע רעכטע צײַט צונויפבוצקען זיי. היטן זיך פאַר א צו שטאַרקן קלאַפּ האָט ער אויך ניט געדאַרפט. האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אים דעם גאַנצן קויעך.

ווען די צוויי דײַטשן האָבן א פאַל געטאָן צו דער ערד און דאָס בלוט האָט א שפּריץ געטאָן פון די קעפּ, איז שוין איין אַוטאָמאַט געווען בא זאַנוולען אין די הענט און דער צווייטער באַם שאָכן. זאַנוולס אויסגעשריי איז דערגאַנגען צו די געפאַנגענע איינעם מיט זײַן ערשטן שאָס:

— צעלויפט זיך! לאָמיר ניט לאָזן זיך שנײַדן די העלדזער!

געוויס איז זאַנוול ניט געווען דער איינציקער, בא וועמען אין קאָפּ עס זײַנען אופגעקומען עפּעס ענלעכס און ווער עס האָט נאָר געוואַרט אַף א גינסטיקער מינוט. אַנדערש וואָלט ניט געקענט געשען דאָס, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען טאַקע אין דער זעלבער מינוט. נאָך צוויי דײַטשן זײַנען געפאַלן, און נאָך צוויי אַוטאָמאַטן האָבן זיך באַוויזן אין די הענט פון די געפאַנגענע. פיר אַף זעקס.

זאַנוול האָט גלײַך אָפּגעשאַצט די נײַע קויכעס־פאַנאַנדערשטעלונג. אַלץ האָט אָנגעהויבן ווערן ענלעך אַף א שלאַכט, אין וועלכער עס ווערן שטענדיק געבוירן פאַרשיידענע אויסזיכטן.

נאָר דאָס איז שוין גאָר עפּעס אנדערש, ווי וועמען עס וועט אָפּגליקן. ער איז געלאָפן פּאָרויס, געשריגן אַף אונטערמונטערן זיך אליין און אלע איבעריקע, אלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעקערעוועט אַף צוריק און אָפּגעזוכט מיטן אויג א לויפנדיקן דײַטש. און נאָך יעדער גע־לונגענעם שאָס פריילעך אויסגעשריגן:

— אַט אזוי!

— אַט אזוי!

ער איז שוין געווען באַם ברעג פונעם וואלד. און געזען פאר זיך אייניקע געפאנגענע, וואָס האָבן באוויזן ארײַן אין וואלד א סאך טיפער. יענע וועלן זיך שוין געוויס ראַטעווען. נאָר ער, קאַלזמאן אין אוטאָמאַט זײַנען פאראן קוילן... נאָכאמאָל זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צום וועג, נאָכאמאָל אויסגעשאָסן און אויסגעשריגן:

— אַט אזוי!

און איז אומגעפאלן.

ס'איז געווען גאָר ניט אזא גרויסער וואלד און גאָר ניט אזא געדיכטער. אפילו ליגנדיק האָט מען געקענט זען די זון. זי האָט שוין געהאלטן באַם פארגיין און פארגאָסן מיט איר בלוי־טיקער רויטקײַט אלץ ארום — די כמארעלעך אַפן הימל־ראַנד, די ביימער פונעם שיטערן וועלדל און דאָס וואַסער פונעם נאָענטן טײַך.

זאַנוול האָט גלײַך פארשטאַנען, אז די קויל האָט געטראָפן סאַמע אין הארצן, און אז אויפ־הייבן זיך וועט ער שוין ניט קענען. און לעבן וועט ער שוין אויך ניט קענען. און אז דאָס אלץ, וואָס ער זעט ארום זיך, זעט ער צום לעצטן מאָל. און געפילט, אז דאָס לעצטע ביסל קוויעך רינט אויס עפּעס צו גיך, ווי פון א לעכעריקן זאַק. דאַרף מען נאָך באַווײַזן אויסשרײַען:

— אַט אזוי! אַט אזוי שטאַרבן קאָמוניסטן!

עפּשער וועלן עס דערהערן די, וואָס זײַנען טיפער אין וואלד. די, וואָס וועלן זיך ראַטעווען. און עפּשער וועלן זיי קו־מען נאָך דער מילכאָמע אהיים... וועלן זיי איבערגעבן כאַוועלען, די קינדער דעם לעצטן גרוס...

———————————

אין יענעם גרויזאַמען זומער פון איין־און־פערציקסטן האָט מען ניט שטענדיק געקענט ברענגען צו קוווּרע די אומגע־קומענע העלדן. פון מאַציִיוועס שטעלן איז שוין אָפּגערעדט. זאָל דאָס זײַן אן אָנ־דענק זאַנוועלען פון דער קאָוואַליוּקע.

(סאָף קומט)

אַף אַ קאָל

זעט נאָר, זעט, ווי מיטאמאַל,
אפֿן בארג און אינעם טאָל,
האָבן זיך צעגרינט די פרישע קנאָספּן.
און די פרילינג־זון — איר הערט? —
לויבט אין טאָג אַריַין די ערד
אַף אַ קאָל,
אַף אַ קאָל,
אַף אַ קאָל!

— אוי, פון שניי באַפרייַטע פעלדער,
און איר, אופגעוואכטע וועלדער,
טייַכן בלויע, אופגעריכטע!
אויך מיַין ווארעמקייט איך שענק אייַך,
אז אין סעדער אין געדיכטע
זאָלן פייגלען זיך צעזינגען
אַף אַ קאָל!
אַף אַ קאָל!
אַף אַ קאָל!

ווייַל ווען קנאָספּן זיך צעבליִען,
און ווען פייגלען זיך צעזינגען,
און ווען טייַכן זיך צעגיסן
אין אַ פריידיקן צעגאָס —
ווערן מיַינע אינדערפרי׳ען
שענער,
ייִנגער,
און מיַין ליד נעמט ווידער קלינגען
אַף אַ קאָל,
אַף אַ קאָל,
אַף אַ קאָל!

דאָס מיינט מען מיך

ניט יעדן בא דעם נאָמען רופט מען אָן...
כ׳געדענק, ווי דער קאָמבאט פלעגט געבן אַ באַפעל:
— די פאָן
וועט האָבן הייַנט די ערע טראָגן
דער דרייסטער צווישן אונדז און דער געניטער,
וואָס האָט באוויזן ווי מע דאַרף דעם סוינע שלאָגן.
(דאָס מיינט ער מיך געוויס,
דאָס מיינט ער מיך! —
כאָטש בא דעם נאָמען האָט ער מיך ניט אָנגערופן...)

דער פאָלק גרייַפט אָן.
ס׳שטייט פאָר אַ שווערע שלאכט...
— ווער וועט דער ערשטער ווארפן זיך אין פייַער?
פאַר וועמען איז דער זיג פונקט ווי זיַין לעבן טייַער —
דער מאכן זאָל צוויי שפּאַן פאָרויס!
(ער מיינט דאָך מיך אוודע,
ער מיינט דאָך מיך,
כאָטש בא דעם נאָמען האָט ער מיך ניט אָנגערופן).

כ׳לייג צו דעם אויער צו דער מוטער־ערד
און הער: זי אָטעמט שווער און הערט ניט אוף צו בעטן:
— פארלעשט דאָס פייַער, וואָס הערט ניט אוף מיך בראָטן,
צו אלדי שווארצע יאָר פארטרייַבט דעם שווארצן שאָטן!
היי, מענטש! הייב אוף דיַין קאָל,
שפּאַן איַין דיַין ערלעך הארץ
און ראטעווע מיַין צוקונפט! —
דאָס מיינט זי מיך,
כאָטש בא דעם נאָמען האָט זי מיך ניט אָנגערופן.

איך צאַל

פֿון קליינווײַז אָן כ׳בין אַ באַלכוויוו —
אַזוי איז מיר באַשערט! —
דער זון פֿאַר יעדן טראָפּן שײַן,
און פֿאַר דער זאַפֿט — דער ערד;

דעם טײַך, וואָס פֿלעגט מיך מינטערן
מיט אימפּעטיקן פֿלוס,
דעם ווינט, וואָס פֿלעגט מיר ברענגען אָפֿט
פֿון דר׳היים אַ פֿרישן גרוס;

דעם שניי, וואָס פֿלעגט דערציילן מיר
פֿון גליק דעם שענסטן סאָד,
דעם פֿרילינג־רעגן, וואָס מיט אים
פֿלעג ווערן גרין מײַן סאָד;

דעם וואַלד, וואָס פֿלעגט באַהאַלטן מיך
פֿון גזיירעס און פֿון טויט;
די שכיינים פֿון מײַן אַלטן דאָרף
פֿאַר אַ שטיק קאָרנברויט;

כ׳בין שולדיק, שולדיק אָן אַ שיר
און ביז איך אָטעם — כ׳צאָל
באַזונדערס יעדערן פֿון זיי
און אַלע מיטאַמאָל.

איך צאָל מיט ליבע פֿון מײַן האַרץ
און ס׳איז מיר גאָר ניט שווער,
איך צאָל און צאָל און צאָלן כ׳וועל
אַלץ אָפּטער און אַלץ מער!

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב, ווען איינער זינגט
און גיט צו פֿילן
אַלץ, וואָס באַהאַלטן איז בײַ אים אין טרוים.
צו זײַן געזאַנג עס הערט זיך צו דער בוים,
דאָס גראָז אין סעדעלע דעם שטילן,
די ערד, וואָס טראָגט אויף זיך דעם זאַנג,
און אויך דער הימל הערט זיך צו צו זײַן געזאַנג.

כ׳האָב ליב, ווען איינער שפּילט...
אַלץ, וואָס פֿאַרבאָרגן
אין זײַן נעשאָמע איז פֿון קינדווײַז אָן,
צעוויקלט זיך און פֿלאַטערט, ווי די פֿאָן
אין העלער שײַן פֿון זוניקן פֿרימאָרגן;

און אַלץ, וואָס איז געווען פֿאַרשטעלט,
דערפֿילט די ראַכוועסדיקע וועלט.

נאָר ליבער איז מיר טאָמיד,
ווען ניט איינער
אַנטפּלעקט דער וועלט פֿון האַרץ די בונטע
פֿלאַמען.
כ׳האָב ליב, ווען אַלץ אַרום, ווען אַלע מיר
צוזאַמען
פֿאַרצײַען אונדזער ליד דער וועלט דער שיינער,
דעם הימל, וואָס מיט שטערן ז׳אויסגעניייט,
און גאָר דער ערד —
דעם קוואַל פֿון אונדזער פֿרייד!

עס האָט דער פֿרילינג זיך צעשפּילט

צי פֿילט איר, ווי דער פֿרילינג שמעקט
און ווי דער בלויער טײַך איז זיך מעכײַע,
וואָס גאָר די ערד האָט זיך פֿון שלאָף דערוועקט
און וואַרט מיט אומגעדולד
אויף בלײַונג
און באַנײַונג.

צי הערט איר, ווי עס זינגט דאָס בלוט
אַ לויבגעזאַנג דער זון אין בלויע הייכן,
פֿאַר איר ברייטהאַרציקײַט, וואָס קייפֿלט אונדזער מוט,
און העלפֿט צו דער לעוואָנע אונדז דערגרייכן?

איך פֿיל אים שוין פֿון לאַנג מיט אַלע מײַנע כושים,
ער האָט געפֿאַנגען מיך, נאָר ניט געמאַכט מיך פֿאַר קיין קנעכט,
ער האָט דערפֿרישט מײַן בלוט,
געשענקט מיר לאָשן,
געגעבן אַ באַפֿעל,
כ׳זאָל גיין אין אַ געפֿעכט
מיט אַלץ, וואָס שטערט אונדז אָפּדאָסנײַ צעבלײַען,
און מיט באַגײַסטערונג זיך פֿאַר דער צוקונפֿט מײַען.

דער „יאָ״ און דער „ניין״

עס האָט זיך באגעגנט דער „יאָ״ מיטן „ניין״,
און, ווי דער שטייגער, גענומען זיך קריגן.
דער „ניין״ האָט געריסן זיך, ווי אָף די ציין,
דער „יאָ״ האָט געוווסט,
אז דער „ניין״ איז א ליגן;

דער „יאָ״ איז בעניִמעסדיק שטיל, ווי א טויב,
דער „ניין״ איז אכזאַריעסדיק ווילד און איז ביטער.
דער „יאָ״ זאָגט: כ׳האָב ליב,
און איך וואַרט, און איך גלויב!
דער „ניין״ — פונקט קאַפּויער —
ס׳כאַפּט מיך אָן אזש א ציטער! —

ער קאָן ניט, און דאַרף ניט, און וויל ניט זייַן גוט
צו יעדן באַזונדער, צו אלע אינײַנעם...
און גלייַכגילטיק איז ער צו טרערן און בלוט, —
ער דאַרף ניט קיין פריינט!
און ער האַלט ניט פון קיינעם!

„דעם „יאָ״ האָבן צוגעטראַכט נישטיקע לייַט,
די וועלט — קוקט זיך צו! — זי באַשטייט בלויז פון „ניינען״.
אז דאָס איז אזוי, איז אָן איידעס די צייַט,
די טויזנטער זאָרגן, דאָס קרעכצן, דאָס וויינען...״

דער „יאָ״ שטייט און שמייכלט — ער הערט און ער שווייַגט.
ער ווייסט, אז מע קאָן אָן א סאָף זיך נאָך קריגן.
דער „ניין״ איז פאַרביסן — ער זידלט און לייַגט,
זייַן איינציק געווער איז — רעכילעס און ליגן;

און ער, דער אלמעכטיקער „יאָ״, — ער ווייסט:
דער עמעס איז שטענדיק בעניִמעס, באַשיידן...
א שאָד איז, א שאָד, וואָס אין הימל די זון
פון טאָמיד אָן שייַנט אלציינס פאַר זיי ביידן...

דער פונק פון ליכטיקע באַגערן

עס וועפּט זיך אויס דער שטאַרקסטער ווייַן,
עס לעשט זיך אויס די העלסטע שייַן,
און אויסגעטריקנט ווערן אָפּטמאָל טייַכן.
נאָר ווען דייַן ליבע און דייַן פּייַן
איז אויסגעמישט מיט מייַנע ליידן,
דאַן שייַנט א העלער שטערן פאַר אונדז ביידן,
זייַן ליכט בלויז מיט דער אייביקייַט
מע קאָן פאַרגלייַכן.

קיין אויסברוך פון א שטורעם און קיין בראַנד,
קיין שרעק פון אונטערגאַנג איז ניט אימשטאַנד
פאַרלעשן אָדער אויסוועפּן די שטאַרקסטע ליבע.
א צווייטער מאַבל קאָן אראָפּ אָף אונדזער ערד,
נאָר סייַוויסיי וועט ניט דערטרונקען ווערן
דער פונק פון מייַנע ליכטיקע באַגערן,
וואָס איז פון אָדאָם און פון כאַווע
אין מייַן האַרץ פאַרבליבן.

אלעקסאנדער גובניצקי

די באָבע נעסיע

די זון האָט געשײַנט מיט גאָלד און מיט זילבער, מיט ליבע צו די מענטשן, וואָס זײַנען זיך אויסגעשלאָפן, אויסגערוט זייערע פאַרהאָרעוועטע ביינער.

קאַיאַר איז שוין די באָבע נעסיע אַף די פיס. נאָך נעכטן האָט מען פאַרבעטן געסט, דאַרף זי צוגרייטן דעם טיש, ווײַל זי, די באָבע נעסיע, אַז זי מאַכט אפילע הערינג, צי לעבער מיט ציבעלעס, דאַרף זי דאָס מאַכן אַזוי, אַז מע זאָל לעקן דערפון די פינגער.

— די יויך איז בא איר טײַערער פון די פיש, — בייזערט זיך די שנור, ריטעטשקע. זי איז איר פאַשעט מעקאַנע, דער שוויגער, וואָס בא איר, דער סאַרווערן, איז יעדער ביסן געשמאַק.

נעסיע, די באָבע, גייט שטענדיק אַרום מיטן באָבע־שמייכל אַף די ליפּן. קאַרג טרערן האָט זי פאַרגאָסן? נאָר הײַנט, אין אַזאַ שיינעם זומער־טאָג, מאַכן נאָס איר קאָפּטיכל? סײַווי ווערט שוין דער מאַן אירער ניט אופשטיין פון קייווער.

זיאַמע, נעסיעס זון, ריטעס מאַן, טראָגט דעם זיידנס נאָמען, ווײַל א זיידע לעבט לאַנג, און זיאַמע איז געווען א ציטערדיקער בא איר. נאָר, דאַנקען גאָט, אונטערן טיש גייען אירע קינדער ניט אַרום, זיי זײַנען אויסגעוואַקסן, געוואָרן מיט מענטשן גלײַך.

— ניט אומזיסט, טאָכטער, — זאָגט נעסיע צו דער שנור, — לייגט מען אונדז, נאַרישע מענטשן, שערבעלעך צו די אויגן... קיינמאָל זאָלסטו יענעם ניט מעקאַנע זײַן, האָסט הענט מיט פיס — טו אַליין.

דער מאַן נעסיעס האָט אַף זײַן לעבן צו איר קיין טײַנעס ניט געהאַט, לעמײַ איז האַרב דער כריין, זויער דער באָרשטש, געזאַלצן די יויך. אויסגעטרונקען, פלעג זאָרעך ווידער אָנגיסן דעם בעכער און פריילעך זאָגן צו זיך אַליין:

— דאָ פאַרקויפט מען וואָלוול גוטן ווײַן.

גרייטנדיק צום טיש אירע מײַכאָלים, דערמאָנט זי זיך, די באָבע נעסיע, אין איר זאָרעכן, וואָס האָט ליב געהאַט נאָך א גוטער קויסע אויסזינגען א לידל.

דער כאַזן פון דער קאָרשול איז געווען א שטומער אין פאַרגלײַך מיט איר מאַן.

גענומען א שטאָף ווײַן, האָט ער פײַנט געהאַט, רעב זאָרעך פליישמאַן, צו פאַרבײַסן מיט אָפּשניצלעך פון טרוקענער קישקע, צי מיט א ביסל זויער־קרויט. אים דערלאַנג אַן עסיקפלייש, א מאַרינירט שטיקעלע זאַלאָם, פלייש מיט א מאַרך־ביינדל, עס זאָל זיך ניט פּילן פון מויל דער ביטערער טראָפּן.

אין דרויסן שמעקט מיט זומער־רייכעס. בערעזע־זאפט שלאָגט אין דער נאָז אריַין. די ביימער — פריש־גרינע, אָנגעפּאַמפּעטע מיט וועסנע, כאָטש דער זומער איז שוין אריַין אין סאָד, צעלייגט זיך אין וואַלד און איבערן שטויביקן שליאַך.

נעכטן, פריַיטיק פאַרנאַכט אין אַ פריַיער שאָ, איז די באָבע נעסיע געזעסן אויף איר געל־געפאַרבט בענקל און געטראַכט וועגן אירע אייגענע געשעפטן:

„זיאַמע מיט זיַין ליכטיקן קאָפּ איז אוועק מיטן טאַטנס וועג, אריַין אין טאָקעריַי, לויפט פאַרשמאָלצוועטערהייט לערנען, דערצו נאָך האָט ער אָנגעטאָן זיך אויפן האַלדז אַ שלייף, כאָסנע געהאַט, אַז ניט וואָלט ריטעטשקע, כאַלילע, פאַרזעסן? פאַרדרייט זיך דעם קאָפּ".

נעסיע קוקט צום שליאַך. דאָרטן שפּילן זיך די קינדער. זי זעט, ווי זיי שריַיבן אויפן זאַמד, מאָלן אַן פאַשיסטישע האַקנקרייצן.

קליינע זניקלעך, און אַלץ ווייסט מען. מע טאָר פאַר זיי קיין וואָרט ניט אויסריידן. אַזוי איז אויך יענעם זונטיק געווען.

מיטאַמאָל האָט אין דער ראַדיאָ געגומען הילכן לעוויטאַנס קאָל:

— אַכטונג, אַכטונג! עס אַרבעטן אַלע ראַדיאָסטאַנציעס!

זיאַמע איז אריַינגעפלויגן אַ צעהיצטער:

— אַ מילכאָמע!...

אָן אַנדערשמאָל וואָלט ער באַ איר גוט אָפּגעלייזט, אָבער אין אַזאַ מינוט, ווען ער האָט איר געבראַכט די דאָזיקע פינצטערע בסורע, זאָגט זי אים:

— אַ מאַמעס האַרץ פילט, אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך מיר געכאָלעמט שוואַרצע, גרויסע פליגן.

מיטאַמאָל האָט זיך איר אָפּגעשטעלט דאָס בלוט אין די אָדערן, ביידע הענט זיַינען גע־וואָרן בלאָוו, די פיס אונטערגעהאַקט, כאָטש פאַל מיטן פּאָנעם צו דער ערד.

אָנהייב מילכאָמע מיט היטלערן האָט נעסיע פאַרלוירן דעם מאַן, און עפּעס אַזוי אומגע־לומפערט, אַז נאָך איצט, ווען זי דערמאָנט זיך אין זאַרעכן, ווערן באַ איר רויטע פּליאַמעס אויפן שטערן.

די צײַט איז אַ שפּילכל — זי לויפט, לויפט, לויפט!

זאַרעך פליישמאַן האָט געטרוימט לעבן לאַנג, בײַקומען אַלע ווייסטע שלעק, וואָס שנײַדן איבער יענעם דעם האַלדז, טראָגן אַרום שאַרפע מעססערס אין קעשענע.

זאַרעך פליישמאַן איז געווען אַ שיינער מענטש. ניין, ניט פון די געכאָליעטע יונגעליַיט — גאָר אַ געשטופּלטער, נאָר פלעגט ער עפענען זיַין קלוג מויל, האָט מען געקאָנט אָפּזיצן מיט אים גאַנצע נעכט, אַ קישעפמאַכער — ניט קיין רעדנער.

זאַרעך איז געווען אַ טאָקער, שטענדיק זיַינען אויפן טיש געלעגן אָנגעוואַלגערט צאַצקעס, אויסגעטאָקטע מיט זיַינע צוויי גאָלדענע הענט, איבערגעוואַשענע, ווי באַם פּראַוויזאָר די פלעשלעך.

די קינדער זיַינע האָט ער מיט גרויס ליבשאַפט איבערגעגעבן די מעלאָכע.

— כאַפּט זיך ניט, כעוורע, — האָט ער געטײַנעט, — איר וועט נאָך פאַרשוויצט ווערן, כאַלילע, זיך צוקילן, ווי יענער פאַזשאַרניק אויפן פאַזשאַר...

געגנדזעלעך מיט קאַטשקעלעך פלעגט זאַרעך אויסטאָקן מאַמעש אויף כאַריפעס און אויס־שטעלן זיי, ווי קוויטן:

— איר זיַיט ניט אַבי־ווער, קינדער, די גאַנצע מישפּאָכע אונדזערע שטאַמט פון טאָקערס.

ייִנגלוויַיז איז זאַרעך פליישמאַן געווען דער ערשטער מעכוטן אויף מאַיאָווקעס, געלאָפן אויף סכאָדקעס, געקלעפּט בלעטלעך. איין זאַך אָבער האָט ער ניט פאַרשטאַנען:

— פאַרוואָס שלעפּט דער באַלעבאָס זיַינער, באַטאַשאָוו, אינמיטן זומער, מיטן שליטן אויף זאַלץ, ווי אויפן שניי.

— איבעריקע שמאַלץ האָט ער, באַטאַשאָוו, — האָט אים דער טאַטע דערקלערט.

זומער און ווינטער האָט זאַרעך פליישמאַן געאַרבעט אין דרויסן.

ביז גאָר אַ שווער לעבן האָט אָפּגעלעבט זאַרעך, הערשל פליישמאַנס זון.

זאַרעך איז מיט אַ שיינעם שאַבעס עלטער געווען פון נעסיען. דאָך האָט זי אים ליב געקראָגן און גליקלעך געווען מיט אים.

נעסיעס מאַמע פלעגט קוים איבערקומען אַ טאָג מיט אירע זעקס מוידן. זיי זיַינען געווען ווי זעקס בלאָטערס אויף איר האַלדז־און־נאַקן.

דערנאָך, אַז דאָס מאַזל האָט אַ שפּיל געטאָן, האָבן די מיידלעך געגומען לויפן אין ליקבעז

לערנען איווערע, מע זאָל ניט זײַן אזוי פארגרעבט, קענען אָנשרײַבן אן אדרעס, איבערלייענען א בריוו.

שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן א מײַסע מיט כאַסאַנים — ווער דאַרף אזא אָרעמע סכירע? כאַטש בעט דעם היצעל, ער זאָל אָפּלאָזן פון דער קייט די בייזע הינט — בעסער צעריסן ווערן, איידער בלײַבן א פארזעסענע מויד.

דער נאַדן פון נעסיס שוועסטער איז געווען געזונטע באַקציינער אף איבערהערישען דעם גאָרגל אַפּילע שעפּע שינדער.

דער גוואַר שעפּע שינדער איז א באַכער מיט ברייטע פּלייצעס, אָנגעפּעלצט זומער און ווינטער אין א פוטערן רעקל, אָן ארבל. פּאַר איין אויגנבליק וואַלגערט ער אַנידער מיט זײַנע טרייפענע הענט דעם גרעסטן אָקס. אז מע דאַרף, שינדט ער אָפּ א נעווילע, קוילעט א כאַזער. אַפּילע יאַמקיפּער גייט ער אַרום מיטן פּלאַקן אין מויל, רויכערט באַלעבאַטים אַפּצעלאַכעס. איז אָט דער שעפּע שינדער וויל נעסיען אײַנבײַסן.

— קאַצעוו, מעשומעד איינער! — טרײַבט אים נעסיעס מאַמע צען מאָל אין טאָג פון דער שטוב.

באַנאַכט גאַנוועט ער זיך, שעפּע, מיטן גויסעסדיקן ליכט, קריכט צו די מוידן, וואָס דרעמלען אין שאַפּע, ער זוכט, דער שינדער, צווישן די שלאָפנדיקע שוועסטער נעסיען. נאָר נעסיען גיב אים, וואָס אים קומט, דעם אויסוואָרף.

אָט זעט איר, זאָרעך פליישמאַן, דער איז א ווילער באַכער. עמעס, אויך ניט פונעם הויכן גראַד, נאָר גאַנווענען קאַוועס אין מאַרק, זינגען, ווי שעפּעניו, באַסיאַטשנע לידלעך, — דאָס ניט. הערשל פליישמאַנס בכאָר וועט זיך, מירצעשעם, אויסדינען, קומען אַהיים. א מעלאָכע האָט ער, זאָרעך, אין די הענט, קאָן מען מיט אזא יונגאַטש ריידן פון א שידעך.

אָבער שעפּע שינדער, ער וועט זי, נעסיען, צעקאַרדאַשען, מאַכן פאַר אויס מיידל... און גיי רוף אים, דעם שמאַראַוואָזניק, קנאַקניסל.

— היט זיך פאַר אים! — האָט נעסיעס מאַמע אף אלע זעקס מוידן געשריען, — שפּעטן מעגן פרי:ער די טרייפע הענט אָפּדאַרן, איידער ער וועט זיך צו אײַערע קאָשערע לײַבער צורירן.

קאַיאָר גייט מען אף די בורעקעס. שפּעט באַנאַכט קומען די מיידלעך — ווען ס'איז שוין שטאָק-פינצטער. אויסהיטן פון אזא גאַזלען די טעכטער באַדאַרף מען א פאַלק סאַלדאַטן.

די צײַט גייט זיך. דער הימל האָט שוין אויסגעגאָסן זײַן גרויסן צעבער און ס'איז געוואָרן א געדיכטע בלאָטע.

אף דרײַ פּאָר פיס — איין פּאָר שטיוול. זיצט מען אפן אויוון און מע קנאַקט קערלעך. די בריסט ווערן אזש געשוואָלן, וואַרטנדיק אף כאַסאַנים, און די כאַסאַנים דאַרפן קומען פונעם ראַמאַדאַנער פראָנט. מאַזל קויפט מען ניט, מיט מאַזל דאַרף מען געבוירן ווערן. און נעסיע האָט זיך לעסאָף דערוואַרט אף זאָרעכן.

געקומען איז דער סאָלדאַט פון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע פארלײַזיקט, קויטיק, פאַריפּעשט, נאָך צען מאָל ערגער פון שעפּעניו שינדער מיטן פאַרשמאָלצעוועטן קאַמזויל.

נעסיע, א מויד מיט צעפּלאַכטענע צעפּ, אויסגעצוואָגן, פאַרקעמט און צוגעפוצט אין א זײַדן קאַפּטל, אין דער באָבעס יאַמטעוודיק שוואַרצן קליידל און אין א פּאָר געלי:ענע שיך, — די סאָנים זאָלן א מאַקע ויסן, אז מ'איז אָרעם, — האָט געשײַנט מיט איר ראָז פּאָנעם.

זי איז אַרויס אפן וויהאָן און דערהערט דאָס קלינגען פונעם פורמאַנס גלעקעלעך, דאָס וויאַקען און טשמאָקען זײַנס צו ביידע לעדאַשטשע פערדלעך, וואָס האָבן געבראַכט צו פירן איר באַשערטן — איר זאָרעכן.

וויפל אָפּדערנאַכטן זײַנען זיי דערנאָך געזעסן אף דער באָבעס פּריזבע, געזונגען לידער, דערציילט איינער דעם אַנדערן נאַרישע כאַלוימעס, זי האָט געדרעמלט בא זאָרעכן אפן לינקן אַקסל ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן.

פינף שוועסטער, צען קוקערס זײַנען איר מעקאַנע געווען, נעסיען, וואָס אירע ליפּן ווערן רויטער וואָס א טאָג — געשוואָלענער.

סאָלדאַטן קומען פון פראָנט אויסגעהונגערטע, ווי די וועלף, גלײַך זיי וואָלטן אף זייער לעבן קיין מיידל ניט געזען.

אָך, קושט מען זיך! ביפראַט פאַרן קנאַסמאָל, ווען די באָבע באַקט שוין קמישברויט. ווײַזט אויס, אז זאָרעך האָט פון ראַמאַדאַן געבראַכט די פײַנע פויטעקע. אויב ניט, איז פונוואַנען קומען צו נעסיען שוואַרצע לאָדעטשקעס מיט א געקווייטלט טיכל אפן קאָפּ.

די מיטלסטע שוועסטער, יעוועטשקע, האָט פון גרויס ווייטעק אַזש באַקומען בלאָווע סי־ניאַקעס אונטער די אויגן.

פאַרן שרײַבן טנאָים איז אין שטוב געוואָרן אַ בעהאָלע — עמעצער האָט געבראַכט די וויסטע בסורה:

— יעווע האָט אויקער געווען מיט שעפּע שינדער!

מירן איר מוחל זײַן, נעסיעס מאַמע, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן דער וועלט אַ שפּיצל און געבוירן זעקס מוידן. דערפאַר האָט איר טאָכטער נעסיע אָפּגעטאָן נאָך שענער, ווי מע זאָגט, אַף טערקיש, — זעקס באָכערים, ווי די לייבן, געבראַכט אַף דער וועלט. אָבער איינער פון זיי, דער מיזיניק, ארקאַשע פליישמאַן, האָט ווייניק מאַזל צו ווײַבער, כאָטש זיך, ארקאַשע, אַ באָכער — ביזן גראָוון צאָפּ.

— אין וועלכער אַפּטייק, — זאָגט די מאַמע נעסיע, — וועל איך פאַר מײַן מיזיניק קריגן אַ ווײַב און פאַר זיך אַ שנור?

ארקאַשע, ער ווייסט ניט, דער באָכער, ווו די זאַלץ שטייט, ווו סע ליגט דער לעפל. עמעס, ער, דער אינזשעניער, טויג זיך אויס צו אַלץ: דאַרפט איר, מײַסטרעוועט ער אויס אַ שירמע מיט אַ שפּיגל, מאַכט צורעכט דעם טעלעוויזאָר. ארקאַשע פירט אַ גרופּע אַפן זאַוואָד, באַקומט די שיינע פּראָגרעסיווקע.

דער ערשטער „אַרויספאָר", דאָס כאַסענע האָבן, הייסט עס, איז בא ארקאַשען געווען מיט דער פּוטער אַראָפּ.

פּאַקט זיך צו אים דאָס ערשטע ווײַבעלע עפּעס אָן אָנשיקעניש, ניט קיין מיידל — צאָרעס אַף די פּיס. אַ מויד, זאָגט די באָבע נעסיע, פון די קאַטערינשטשיקעס, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, ווי אַ פּאַדאַליער מיט מאַמעליגע.

די שאַדכנטע איז געווען אַ פאַרפּוצטע ליטוועטשקע, האָט זי ארקאַשען נאַראַיעט אַ קאַלע פון איר מישפּאָכע, גיטעלע וואָלאָווס מיידל. ס'איז פון יענער קאָמפּאַניע, מע שטעלט טאַפּליעס: נאַ דיר, גיב מיר...

פונעם ערשטן טאָג אָן האָט גיטעלע, די מעכוטענעסטע, אָנגעצויגן די סטרונעס.

הריזען שטיינער, צי אַראָפּטאַנצן פון בערג וואָלט גרינגער געווען פאַר ארקאַשען, איידער האָבן צו טאָן מיט אָט דער מישפּאָכע.

מע האָט אים געלייגט די שיינע לאַטע אַפן האַרצן, ארקאַשען, ער האָט גאָר איינגיכן באַקומען „אַ מאַקאַראָנע פּאָכאָדקע", — שמועסן צווישן זיך די שכיינים.

און נעסיע, זי איז געוואָרן בא דער שנור אָן אומזיסטע דינסט, אָן אָפּרו־טעג.

זאָגן אַ וואָרט — דערוועג זיך ניט, גיטעלע וואָלאָוו וועט זי אופעסן...

גיטעלע וואָלאָוו, אַ ווערטעלע אויסצורײדן!

גיטעלען איז נאָך ביז הײַנטיקן טאָג געבליבן דער שטעל פון אַ גווירנטע.

מיילע, ווידעראַמאָל דאָס אייגענע: אַף אַ נידעריק ביימל שפּרינגען די ציגן... נאָר איר זון, ארקאַשע, איז אַ הויכער בוים...

וויפל, אשטייגער, האָט נעסיע זיך אָנגעמוטשעט מיט אירע באָנים, ביז זיי זײַנען אַרויס פון די וויקעלעך?

געשלעפּט האָט זי ווי צוויי פערד איינייגעם, די נויט האָט זי געטריבן טאָן אַזוינס, וואָס פאַר אַ מענטשן איז איבער די קויכעס:

ציגל טאַסקען אַף רישטעוואַניעס, פּאַשען כאַזיירים. דאָרטן, ניט דאָ געדאַכט, אין דער עוואַקואַציע, קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט די כעוורע — זיאַמען מיט ארקאַשען — פון אויג, די זאַכן קיין צײַט ניט געהאַט זיך צו פאַריכטן.

נעסיע האָט דאָרטן אין פיש־קאָמבינאַט געוויגן זאַלץ. אַף באַנאַכט פלעגט זי די איבערגע־פרוירענע שיך פון די פּיס ניט אַראָפּנעמען, צובינדן מיט שטריקלעך, זיי זאָלן ניט אַראָפּפאַלן.

אין יאָם האָט זי זיך ניט איין מאָל געוואָלט אַרײַנוואַרפן, אַזוי ביטער איז איר געווען אַפן האַרצן — אָבער אַף וועמען לאָזט מען די קינדער?

נאָר ווען נעסיע זאָל געוווּן וויסן, אַז ארקאַשע וועט פּאַקן דאָס דאָזיקע אַנטיקל — גיטעלע וואָלאָווס טעכטערל, וואָס פאַרברענט סײַ פּאַפּירגעלט, סײַ זילבערנס, — נעמט זי זיך דאָרטן, אין קאַזאַכסטאַן, דאָס לעבן.

פאַר איין כוידעש, באַלד נאָך דער כאַסענע, איז די שנור עלטער געוואָרן בעסאַכאַקל אַף פיר יאָר מיט פיר כאָדאָשים... קאָן זי דען, נעסיע, פאַרגעסן ווי זי פלעגט אין דער עוואַקואַציע קויפן אַ ווערבליוד היי (אַזאַ גאָרמע איז דאָרט) און הייצן די הרובע. ס'איז טויזנט און איין

נאכט צו דערציילן, גרינגער איז איר געווען דורכגיין מיט די קינדער דעם מילכאָמע־הונגער, איידער די צאָרעס מיטן זון, וואָס איז, נעבעך, געבליבן אַן אַלטער פּאַרזעסענער באָכער.

— ביזוואַנען וועט איר אים קעצקען? — פֿרעגן שכיינים. אָבער נאָר זי איינע, די מאַמע, ווייסט, וויפֿל מאָל זי האָט אים, אַרקאַשען, פֿאַרהיט פֿון פֿײַער, ער זאָל זיך אַ צווייט מאָל ניט אָפּברײַען.

רעדט ער, אַרקאַשע, מיט די שכיינים, איז ער אַ ראָוו. קערעוועט ער נאָר אויס דאָס פּאָנעם, דערזעט די מאַמע אַ שטעכיקן בודזיק.

מענטשן מיינען, אַז דער מיזיניק איז גאָר אַ צאַדיק. איר האָט אַ טאַאַס, טײַערע שכיינים, אַרקאַשע איז גאָר ניט פֿון די זיסע ווײַנטרויבן.

סימכאַסטוירע איז זי געגאַנגען אין שול, געמיינט אויסקוקן אַ מיידל פֿאַרן מיזיניק. נאָר איר מעגט נעסיען ניט מעקאַנע זײַן. גיטעלע וואָלאָוו, וועלכע זי האָט דאָרט געטראָפֿן, האָט איר געמאַכט אַ שיינעם יאָמטעוו. דער וואָלידאָל האָט איר אויך ניט געהאָלפֿן. זי איז קוים אַ לעבעדיקע געקומען אַהיים.

אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ דערציילט, זאָל בלײַבן צווישן אונדז. ווײַל וואָס העכער דער פּאַרקן, איז בעסער דער שאָכן.

יאָרן — פֿאַר געלט קויפֿט מען זיי ניט. די מאַמע האָט אַ גרויסן ווייטעק, און בעסאָד־סוידעס קאָן זי אײַך, נעסיע, זאָגן, אַז אָפּן קאָנסיליום אַפֿילע, צווישן די דאָקטוירים, איז זי אויך אַ בלינדער עסרעג...

די באָבע נעסיע קאָן אויסשטיין אַלע צאָרעס, וואָס גאָט שיקט איר צו, נאָר אַז אירע געהויבענע געסט הייבן אָן צו זינגען, זיצנדיק באַם יאָמטעוודיקן טיש, „זעקס ברידער זײַנען מיר געווען...״ — ווערט איר קאַלעמוטנע אָפּן האַרצן. ווען דער אוילעם צעגייט זיך, לייגט די באָבע נעסיע קאָרטאָפּליעס צו די שלייפֿן, אַזוי שיסט איר אין קאָפּ.

פֿיר פֿון אירע זעקס, ווי די ריזן, איינער שענער פּונעם צווייטן, האָט די מילכאָמע פֿון איר האַרצן אָפּגעריסן. טריקענען זיך אירע אויגן קיינמאָל ניט אויס. טרערן, טרערן...

געבליבן זײַנען צוויי: זיאַמע און אַרקאַשע.

באַם מאַמײַעוו־קורגאַן ליגן צוויי — יאַשע און באָריס.

יאַשע, דער טאַנקיסט, פֿלעג טאָגן און נעכטיקן באַ די טראַקטאָרס אין פֿעלד.

פֿאַר קיין שום מענטשן געדאַכט, די ווײַבער פֿלעגן זיך באַ יאַשען פֿעלן. איינע איז אין אַ פּאָלאָנקע אַרײַנגעפֿאַלן — דערטרונקען געוואָרן, די צווייטע, ניט דאָ געדאַכט, איז פּונעם געבורט־הויז אַהיים ניט געקומען...

די באָבע נעסיע האָט פֿון זיך געצויגן די קליי, נאָר די יעסוימים דערצויגן.

אין פֿעלד אַרײַן פֿלעגט זי אים, יאַשען, טראָגן עסן, זײַן גוט האַרץ זאָל, כאָלילע, ניט פֿאַר־כליאָנעט ווערן.

ווינציק צו זאָגן, אַז יאַשע האָט ליב געהאַט מאַשינעריעס. טאָג־ווי־נאַכט פֿלעגט ער זיך פּאָרען מיט רעדעלעך, פּרוזשינעס. שניצן שיפֿן, קלעפּן לופֿט־באַלאָנען פֿון פּאַפּיר, מאַכן קאַטשקעלעך, טישעלעך און בענקעלעך.

עמעס, קיין ביקסעלעך האָט יאַשע ניט ליב געהאַט. אין מילכאָמע, אַפֿילע קליינערהייט, ניט געשפּילט. ער איז, ווי אַ טראָפּן וואַסער, געראָטן געווען אין פֿאָטער.

באָריס, פֿאַרקערט, האָט ליב געהאַט שפּילן „טשאַפּאַיעוון״ — אָנקלעפּן וואָנצעס, באַהענ־גען זיך מיט הילצערנע שווערדן, מיט רימענס אַרום דער פּלייצע, שפּאָרן אָף די פֿיס.

קאַיאָר לויפֿט ער שוין, באָריס, צום טײַך, וואַרפֿט זיך אין וואַסער, שווימט ווי אַ פֿיש, טאַנצט פּונעם שיפֿל, וואָס יאַשע האָט אַ גאַנצן ווינטער געמײַסטערוועט.

יאַשע פֿליישמאַן האָט, ווי דער פֿאָטער זײַנער, ליב געהאַט צו לייענען. פֿאַרקליבן זיך ערגעץ אין אַ ווינקל, און לייענט, וואָס עס מאַכט זיך, — זשול ווערנען, טאָלסטאָיען, שאָלעם־אַלייכעמען.

באָריס פֿליישמאַן, פֿאַרקערט, פֿלעגט קיין ביכל אין די הענט ניט נעמען, ער איז גאָר געוואָרן אַ שומער אין אַן עפּל־סאָד. מיט גרויס ליבע פֿלעגט ער אַרומשערן די ביימער, שמירן מיט ווײַסן די שטאַמען, די ווערעם זאָלן ניט קריכן. אַרומבינדן די ווונד מיט רעדנעס, דער עפּלבוים זאָל ניט אומקומען, דערבײַ זיך צוזינגען:

— ייִדל מיטן פֿידל, בערל מיטן באַס, שפּילט זשע מיר אַ לידל אָפּן מיטן גאַס...

יאַשע גאַנוועט זיך אונטער, כאַפּט אָן עפּעלע, בײַסט אים געשמאַק:

— זעקס ברידער זײַנען מיר געווען.

באָבע נעסיע, באָבע נעסיע, ביסט שטאַרקער פֿון אײַזן, אַז דו טראָגסט זיי איבער, די ווייטעק, וואָס די מילכאָמע האָט געבראַכט צו דיר אין שטוב אַרײַן.

אַפּטמאָל עפנט די באָבע נעסיע די שאַפע, ווו עס הענגט דעם מאַנס פּידזשאַק. זי וואָלט אים שוין פון לאַנג באַדאַרפט ערגעץ באַהאַלטן, ער זאָל זיך ניט וואַרפן אין אירע אויסגע־וויינטע אויגן, נאָר יאַשע פלעגט אים אָפּט אָנמעסטן, לויפן אין קיך אַרײַן, באַרימען זיך פאַר דער מאַמען, ווי ער פאַסט אים, דער פּידזשאַק.

באַגלייט האָט זי זיי, די מאַמע, יאַשען מיט באָריסן אַפן פראָנט, אין איינעם און דעם זעלבן טאָג — פרײַטיק.

בענטשן ליכט האָט זי שוין פון לאַנג פאַרגעסן. נאָר פון יענעם טאָג, זינט מע האָט איר געבראַכט די ידיעה, אַז ביידע זין זײַנען אומגעקומען אונטער סטאַלינגראַד, איז יעדן פרײַטיק צינדט די מאַמע אָן צוויי ליכט, זיצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן בײַ דער גויסעסדיקער שײַן, קיין טרערן זײַנען שוין בעמיילע ניטאָ, אויסגעטריקנט די אויגן.

אַלע מײַלעס איינעם איז ניטאָ בײַ קיינעם. די באָבע נעסיע געדענקט זיך פאַר אַ דער־שראָקן מיידל, נאָר דאָס פלייש האָט זי געקענט איבערוואַשן, ווען זאָרעך האָט איר אָנגעטאָן דאָס פינגערל.

אַרקאַשע, דער אינזשעניער, אַפילו אַ היטל דאַרף זי אים קויפן, די מאַמע: אַ קאַפּ, ווי אַ קיר־בעס — אָדער ס'איז קליין, אָדער ס'איז גרויס. טראָגט ער, דער כאָסן־באָכער, זומער און ווינ־טער אַ יאַרמלקע, אַ שוואַרצן בערעט. נאָר מיילע, זאָל ער זײַן געזונט און שטאַרק, אַרקאַשע, ער וועט אַזוי לאַנג קלײַבן אַ קאַלע, ביז סע וועט זיך אים פּאַקן אַ ווײַבעלע אָן אַנטיקל, ווי דודעלע קאַלבויניקן — מיט איין אויג... נאָר מיט אַ מום פעלט איר! קאַרג האָט נעסיע געהאַט צו טאָן מיט אַרקאַשעס ציין. דאָקטוירים זאָגן, אַז מע דאַרף פאַרען. שכיינים — פאַרקערט, ראַטן איר צולייגן אײַז צו די יאַסלעס. פאַרקילט מעגן שוין אַלע אירע סאָנים ווערן.

אַרקאַשע, מע קאָן דען מיט אים ריידן אַ וואָרט? פאַר דעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעבריט, פלעגט הערן די מאַמע ווי ער קלינגט אין טעלעפאָן צו אַ מיידל... און הײַנט, אַז ער איז שוין אַ ביסל אָפּגעבליאַקעוועט און האָט באַקומען דעם זיידנס געדיכטע ברעמען, שעמט ער זיך, אַר־קאַשע, פאַר ייִנגערס פון זיך, גיב אים זײַן גלײַכן — אַזוי, אַנערעך, פון אַ יאָר דרײַסיק, אָן קינדער.

פאַר די אויגן שטייען נעסיען יאַשע מיט באָריסן. דעם דריטן יול האָט זי זיי אופגעוועקט קאַיאָר, דערלאַנגט צום טיש צוויי טעלער זיסן באָרשטש — די סאָלדאַטן זאָל אַפן פראָנט קיינ־מאָל ביטער ניט זײַן, אָנגעשטאָפּט ביידע רוקזעקלעך וויפל ס'האָט נאָר געקאָנט אַהין אַרײַן, צוגעזעצט זיך פאַרן אַרויסבאַגלייטן, ווי בײַ לײַטן פירט זיך, אַ קוש געטאָן ביידע זין אין די ליפּן אַרײַן:

— זײַט מאַצליעך, קינדער, פאַרשעמט אונדז ניט...

מע זאָל אין יענער מינוט געוועזן איר אויסשלאָגן צוויי ציין, וואָלט זי זיי אײַנגעשלונגען און ניט געפילט, אַזוי ווי זי שלינגט אירע געזאַלצענע טרערן.

די נאַכט צאַנקט, אָט כאַפּט זי זיך אָן אין אַ גרין בלעטל, האַלט זיך קוים אַף איין צווײַגל. קומט פון מיזרעך דער ערשטער פאַס שײַן — איינעם מיטן פרימאָרגן.

פאַרפאַלן, דער טאָג פאַרבײַט די נאַכט, גענוג צו שלאָפן — מע דאַרף לעבן.

אַרקאַשע איז נעכטן געקומען שפּעטלעך, האָט אים די מאַמע געזאָגט:

— אַז מע פאַרשפּאַרט אין שטײַג די גאַנדז, דעמלט ערשט ווייסט דער גאַנער איר פרײַז. האָסטו, זון מײַנער, ווידעראַמאָל, פאַרקאָכט אַ קאַשע, זשאַלעווע ניט קיין פּוטער. — נעסיע קריכט אַרויס פון בעט און זעצט פאַר. — קוים האָסטו ניט צונויפגענומען, אַרקאַשע, די קלעפּ־קעס, וועסטו קיין דייזשקע ניט מאַכן.

— אַ פּעסל אָן אַ דנאָ, וועסטו, מאַמע, מיט קיין וואַסער ניט אָנגיסן. — דאָס רעדט מען אַזוי אַלץ וועגן נײַעם שידעך.

אַמאָל האָט זי געמיינט, נעסיע, אַז זאָרעך, איר מאַן, פּוציעוועט איבער, טוט אַרײַן אַ ביסל מער הייוון... פליישמאַנס זין, אַפילו דער זעקסטער, איז סײַווי פונעם זעלבן שטיק געוואַנט געשניטן. אַרקאַשע איז זיך אויך צעוואַקסן אין דער ברייט און אין דער לענג, ווי דער פאָטער. די רויטע ליפּן זײַנע בעטן — טו מיך אַ קוש!

אָבער אַז זיאַמע האָט געבראַכט ריטען, די גראָבע קאַלע, ערגעץ פון אויסרײַסעניש, זאָגט זי אים, נעסיע:

— אַ פרעמדע נעשאַמע, מײַן זון, איז אַ טיפער יאַם. מע האָט דיך, באָכער, אין דער פרעמד, ווײַזט אויס, ווייניק אָנגעהאַרגעט. וועסט נאָך דאָ, בײַ זיך אין דער היים, כאַפּן ניט איין קלאַפּ. יאָ, דאַכט זיך, אַז זיאַמען פעלט אַ טראָפּן הייוון.

דערמאָנט זיך אין זיאַמעס ליבע־קרענק, הייבט איר אָן צו שווינדלען אין די אויגן. צוויי לעוואָנעס בוצקען זיך אין הימל.

זיאַמעס ווײַבעלע, ריטעטשקע, מיט אירע כיין־גריבעלעך אויף דער לינקער באַק, — נאָך צוויי גריבעלעך אַזעלכע האָט נעסיע אויף איר לעבן בײַ קיין שלימאַזל ניט געזען, — האָט פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן גיין מיט דער שוויגער דעם עמעסן קאָן.

גאַנצפֿרי, ריטע עפנט נאָר אירע אייגעלעך, פֿאַרדרייט דעם קובלעק, הייבט זי אָן צו קאָמאַנדעווען:

— טרייסלט אויס, שוויגער, דאָס בעטגעוואַנט!

דינסטן אַפילע פֿלעגן רײַסן אַזעלכע באַלעבאָסטעס די האָר פֿונעם קאָפּ.

אויך אַציַנד קאָכט און זידט בײַ נעסיען אין שטוב, ווי אין אַן אַלטער מיל.

מישטיינסגעזאָגט, וואָס אַזוינס האָט זי איר נעכטן געזאָגט, דער שנור, ריטעטשקען? די „פּרימאַדאָנע” זאָל אויסטאָן אירע שוואַרצע שמאָלע הייזלעך, זיי פּאַסן איר, ווי דעם כאַזער אויריינגלעך.

געוווּג, וואָס זי, נעסיע, פֿלעגט מילכאָמע־צײַט, זײַענדיק אַ שוימער אין קאָלווירט, אַ נאַכט איבער אַ נאַכט שליאָנדרען אין דאָרף, די וואַטאָווע הויזן פֿונעם לײַב ניט אויסטאָן. ניט די הויזן, ניט דעם טולופּ, וואָס האָט זי געצויגן צו דער ערד: ווען עמעצער זאָל זי געווען אַ טאָרקע געבן, וואָלט זי געפֿאַלן, ווי אַ סנאָפּ.

מאַמע טײַערע, איבערגעקומען אַזאַ בלוטיקע צײַט! דער קאָרן איז נאָך גרין געווען און מע איז שוין קאַיאָר געגאַנגען מיט די סערפּן אים שנײַדן, ווײַל פֿון הונגער זײַנען בײַ נעסיעס נעפּעשלעך די אויערן געווען אָנגעשוואָלן. ווי פֿאַרקילטער כאַלאָדעץ האָבן זיי אויסגעזען. וואָס האָט זי ניט געטאָן, אַז אירע קינדער זאָלן בלײַבן לעבן. מאַכט זי איצט, די שנור, אַ פּסאַרניע בײַ איר אין שטוב. פֿאַרוואָס קומט איר אַזוינס? מע טאָר שוין דער שנור אַ וואָרט ניט זאָגן.

אַרקאַשע איז טויזנט מאָל גערעכט, וואָס ער פֿילט זיך ניט קלינגען דער קוטשעראַווער מויד. דעם מענטשן דאַרף מען קענען — אַ פּוד זאַלץ אײַנײינעם אויפֿעסן איז ווייניק.

נעסיע ווייסט גוט, אַז אַ פֿאַרזעסענער באָכער איז ווי אַ ווילדער האָן.

נאָך דעמלט, אין די ערשטע טעג פֿון דער עוואַקואַציע, נעסיע האָט נאָך געהאַט אויף זיך אַ שטיקל הויט, איז ער איר דען ניט נאָכגעגאַן פּוסטריט, דער בוכהאַלטער פֿונעם קאָלווירט:

— גיי איבער, נעסיע, צו מיר אין שטוב, ווער די באַלעבאָסטע, וויפֿל קאָן אַן אַלמען לעבן אײנער אַליין?

נעסיע, כאָטש זי איז געווען אַ שיינע, פֿון יענע אַלמאָנעס, אויף וועלכע מע פֿאַרקוקט זיך נאָך, אָבער זי איז גרייט געווען מאַקריוו זײַן מיט זיך אַליין, אַבי די קינדער זאָלן ניט וויסן פֿון קיין שטיפֿטאַטן.

ניין, נעסיע וועט בעסער ווייקן אין זאַלץ באַם אַראַלער יאַם, טראָגן דעם שווערן טולופּ אויף אירע פּלייצעס, נאָר ניט אַרײַנעמען אין שטוב אַ פֿרעמדן מאַנצבל.

זי האָט טאַקע געמוזט אַריבערפֿאָרן אין צווייטן דאָרף, שטעלן זיך פּאַשען כאַזיירים, קעדיי ניט פֿאַרשעמען אירע קינדער.

לעמײַ זאָל זי זאָגן, נעסיע: ריטע, די גערעטענע שנור, האָט מיט זיאַמען געלעבט שאָלעם־וועשאַלווע, ביז ס'איז צו איר ניט געקומען דער „פּערל”, די שוועסטער, דערצו נאָך מיט אַ קינד.

פּערל מיטן געשנירעוועטן פּיסקעלע איז גערעטן אין ריטען ווי אַ טראָפּן וואַסער. זי מאַכט זיי, די כיין־גריבעלעך, אַפילע, ווען זיי זײַנען ניטאָ: טאַקע פֿאַרן זון, אַרקאַשען.

אָפּטמאָל, דאַכט זיך איר, נעסיען, אַז די מיל אין שטוב האָט זיך אָפּגעשטעלט, ניט זי קאָוועט, ניט זי מאָלט.

אַרקאַשע קומט פֿון דער אַרבעט, לויפֿט ער שוין ניט צום זייגער, טרעפֿן זיך מיט דער קוטשעראַווער מויד. ניין, אָדער ער ליגט אויפֿן דיוואַן, לייענט אַ ביכל, אָדער פּאַר אַ נויט, שפּיגלט ער זיך, אַרקאַשע, אין פּערעלען... ער פֿויעלט בײַ איר, זי זאָל אים צוליב טאָן — דאָס שוואַרצע קאָפּטל ניט דערוועגן אָנטאָן, דאָס בעזשעווע פּאַסט איר בעסער צום פּאָנעם. אָבער נעסיע ווייסט מער פֿונעם זון, — פּערלען טוט וויי די נאָז, זי שוועגקט די נאָזלעכער מיט זאַלץ־וואַסער.

— מאָרגן גייען מיר אין טעאַטער. — זאָגט אַרקאַשע, זוכנדיק אויפֿן פּאָנעם באַם שוועסטערל נאָך אַ כיין־גריבעלע.

— ווער איז דער „מיר”? — ציטערט נעסיען די נעשאָמע. אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צו איר קאָפּ — נאָך מיט אַ קינד וויל זי אים, ריטעטשקע, פֿאַרשלייערן. צי ס'איז בײַ פּערעלען, ריטעס

שוועסטער, יאַ געווען אַ מאַן, ניט געווען, ווייסט זי ניט, נעסיע, און וויל ניט וויסן. איין זאַך איז איר קלאָר, דער מאַמען: ריטע שפּרייט זיך פאַר איר זון, אַרקאַשען, ווי אַ יאַמטעווּדיק טישטעכל, זי וויל אים נאָר פאַרשלייערן, דעם פאַרזעסענעם באָכער, פאַרן „אַלמאָנעכל". און דאַפקע דעם דאַזיקן שידעך וויל נעסיע ניט דערלאָזן, כאָטש לייג איר הייסע קוילן צו די פיס.

אין דעם, אייגנטלעך, ליגט דער גאַנצער טאַראַראַם בא די פליישמאַנס אין שטוב. זיאַמע קומט אָפּ, ווי זײַן טעווע איז, מיט שווײַגן, נאָר נעסיע וויל, אַז איר מיזיניק אַרקאַשע זאָל נעמען אַ מיידל, ניט בײַסן דעם אַלטגעבאַקענעם פּיפּאַלעק. נאָר אָפּן טויטן בעט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, וועט זי דערלאָזן, נעסיע, מע זאָל אים נעמען, אַרקאַשען, דעם אינזשעניער, דעם קראַסאַוועץ, פאַר ביידע הענט, מיט ביידע פיס און אַרײַנוואַרפן אין יאַם אַרײַן — טרינק זיך, זאָרעך פליישמאַנס יוירעש...

פערל האָט זיך געיאָוועט צו איר שוועסטער, ריטען, ווי פון הינטערן באַרג, אַ פאַרציאָפּעטע, אויסגעווייקטע, פאַרמוטשעטע, ניט אַנדערש, מע האָט אָף איר געאַקערט... מע האָט דאָס שוועסטערל אונטערגעפּאַשעט, אָנגעטאָן אַ נײַ קאַפּעל, מיט אַ קאַנטיקל — גאָר אַן אַקטריסע.

נעסיע פרעגט ניט בא פערעלען, ווו איז דער טאַטע פונעם קינד. אַז סע וועט קומען צו רייד, וועט מען זיך סײַוויסײַ דערוויסן, אַזעלכע זאַכן באַהאַלט מען ניט אויס.

אָנגעהויבן האָט זיך בא זיי די „ליבע", ווען אַרקאַשע פלעגט איר אין די נאָזלעכער אַרײַנשפּריצן קאַפּליעס. דערנאָך האָט פערל פאַרשפּילט אין קאָרטן. דאַרף זי אים, די בעהיימע, פּוצן די שיך, דעם שוואָגערל, אַ גאַנץ יאָר.

ברענגט ער איר צום אַכטן מאַרט אַ פּאָר זאָקן, קאָנפעטן.

דער מאַמעס האַרץ ווערט דערוויײַל פון טאָג צו טאָג געשוואָלן. נעסיע פאַרשטייט מיט איר ווײַבערשן סייכל, אַז צו קיין גוטס וועט אָט די שפּיל מיט פײַער ניט ברענגען.

זיאַמע, דער פאַרהאָרעוועטער אָקס, כאַפּט זיך אַראָפּ פונעם בעט, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, אָנגעשמירט אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, צוויי ציבעלעס, דרײַ קאַלטע קאַרטאָפּליעס געגנבעט אין מויל אַרײַן — פאַרטיק, ער לויפט שוין אָפּן זאַוואָד.

נעסיע געדענקט, ווען איר מאַן, זאָרעך, פלעגט נאָך דרעמלען, איז זי שוין געווען אָף די פיס: געמאַכט פײַער, אָנגעוואָרעמט אַ לעפּל געקעכטס, האָט ער טאַקע קויעך געהאַט געבן אַ ווײַב ברויט, אופּצין, קיין אײַנהאָרע, אַזאַ מישפּאָכע.

דערמאָנט זיך אין דער גאָלדענער צײַט, האָט נעסיע געלאָזט אַ טרער און ניט באַמערקט, ווי אַרקאַשע איז שוין אַרײַן צו פערעלען אין אַלקער.

אופּגעשטאַנען, נעמט ער זיך, דער פּרינץ, אויסגאָלן די שיינע מאָרדע, דערנאָך זעצט מען זיך טרינקען טיי, מיינען ביידע אויסגעלאָזטע ברוזים, אַז נעסיע איז בלינד, זעט ניט, ווי מע צעטיילט איין קאָנפעט אָף צווייען. ס'איז שוין איינמאָל אַ שטיק פערל!

אַמאָל האָט אַ ווײַב געוווּסט, אַז מע דאַרף אויסוואַשן דעם מאַן אַ העמד, פאַרריכטן די פּלודערן, מאַכן אַ מערעשקעלע. הײַנט, דאַנקען גאָט, טראָגט מען דאָס וועש אין וועשערײַ, קאָטלעטן קויפט מען גרייטע. אַ טיכעלע וואַשט זי, ריטעשקע, זיאַמען ניט אויס: זי אַרבעט אין „פּראַקאַט".

נעסיע, זי זאָל כאָטש מיט אירע אייגענע אויגן ניט זען, וואָלט עס זי אַזוי ניט געבערענט און געבראָטן. נאָר מע ווינט פּאָרט אין איין שטוב. קינדער, פאַר יעדן טוט איר ווי דאָס האַרץ. פינף פינגער אָף דער האַנט, טו איין פינגער אַ שניט...

זאָרעך, דער מאַן אירער, פלעגט אַמאָל ליב האָבן זינגען:

איך בין אַ באַלעגאָלע
און איך האָרעווע אָן אַן עק,
איך שפּיל מיר אָף מײַן קליינע ראָלע
און איך פּאָר אַוועק.

אָבער וווּהין זאָל זי לויפן, ווען זאָגן, אויסריידן איר ביטער האַרץ. אַנדערע מאַמעס פרייען זיך, מע האָט נאַכעס פון קינדער. בא איר אין שטוב קאָכט און עס זידט פלאַם־פײַער, ווער איז דען בעקויעך איבערדערציילן אַלץ.

זיאַמע קומט פון דער אַרבעט, וואַשט ער זיך אַרום, גייט אַרײַן צו זיך אין אַלקער. קיינער ניטאָ — שאַ־שטיל.

— מאַמע, ווו איז ריטע?

נעסיע איז אויסער זיך, באַלד וועט זי אים אָפּגיסן מיט אַ קאָך־שעפּעלע וואַסער, ער זאָל ניט זײַן קיין בלינד פערד. צײַט שוין אַליין צו וויסן, וואָס זײַן ווײַבל טוט, און וווּהין, מיט וועמען ריטע ווערט פאַרפאַלן.

— איך בין דיר ניט קיין מעשׂרעס, זיאמע. אַרקאַשע האָט איבערגעוואָרפן אַזויפיל מיידלעך, געקליבן, געסאָרטעוועט, אַצינד וועט ער נעמען פּערלען, נאָך מיט אַ צוויק, און דײַן ריטעטשקע איז די שאַדכנטע...
— מאַמע...
— יאָ, איך בין אַ מאַמע און דערפאַר טוט מיר ווי דאָס האַרץ.

ס'איז שוין שפּעט, נאָר דער אוילעם שלאָפט נאָך, נעכטן האָט מען זיך שפּעט געלייגט, אַרקאַשע מיט ריטעס שוועסטער זײַנען געקומען, ווען דער האָן האָט שוין געקרייעט.
זיאמע שטייט שוין, מינאַסטאַם, באַם סטאַנאָק. וואָס־וואָס, נאָר אַרבעטן האָט ער ליב. וועגן זײַן ווײַב ריטען זאָגט דער מאַן, אַז זי שלאָפט, איז זי בעפּיירעש אַ ווײלע מויד. צען אַזייגער אײַנדערפרי גייט ריטע אין קלייט אַרײַן.
— וואָס זשע, טאַטער, וועט ווײַטער זײַן? — האָט נעסיע געפּרוווּט אָנהייבן דעם שמועס.
— אַרטיסטן שפּילן טעאַטער און מיר קוקן.
— גייט מען מיטן מאַן. האָסט דאָך אַ מאַן בין הונדערט מיט צוואַנציק יאָר.
— איך בין דען געגאַנגען מיט אַ פרעמדן?
נעסיע וואָלט איר געענטפערט, נאָר זי קען ריטעס פּיסקעלע, זאָגט זי דער שנור ניט דאָס, וואָס איר האָט זיך געוואָלט, גאָר עפּעס אַנדערס.
— צוויי מאָל אין מײַן לעבן בין איך געוועזן שיקער, אויסגעטרונקען וואַלעריאַנאָווקע און די נעכטיקע פּאַרציע...
„אַהאַ, די שוויגער וואָרפט דעם שטיין אין מײַן גאָרטן“ — טוט ריטע אַ פאַרגלאַנץ די פאַרשלאָפענע אויגן.
— איר מיינט, שוויגער, אַז אַזוי גרינג גיסט מען צונויף צוויי הערצער?
— מאַנעשעך, — שלאָגט זי איר איבער, ריטען, די געדאַנקען, — קענסטו ניט לעבן מיט מײַן זון, נעם אַ געט. נאָר דעם צווייטן, אַרקאַשען, גיב איך אײַך ניט. הערסט, וואָס איך זאָג?
— שוויגער...
— נאָר ניט שוויגער!
ריטע גייט אַפּ אין ווינקל. פונדאַנען, ווײַזט זיך איר אויס, וועט איר גרינגער זײַן צו ריידן.
— איר, מאַמע, זײַט צוויי מאָל אין אײַער לעבן געוועזן שיקער, אָבער זײַט וויסן, אַז איך, אײַער שנור, נאָר איין מאָל — מיט זיאמען.
נעסיע וויקלט זיך אין וואָלענעם שאַלכל. ס'איז איר מיטאַמאָל פאַרקילט געוואָרן יעדער אייווער.
נעסיע איז עפּעס קלענער געוואָרן, אַ גלעט געטאָן דעם עק טיש, געזוכט שטיצע באַ עמעצן:
— האָסט געפּאַקט דאָס גליק, אַרקאַשען, נאָר ער איז באַ מיר דער לעצטער. כאָטש אַן אַלטער באָכער, נאָר ניט פאַר דײַן שוועסטער.
— מיט פּערלען וועט ער ייִנגער ווערן.
— איך ווייס ניט, — האָט די מאַמע אויסגעווישט די טרוקענע אויגן.
נעסיע פליישמאַן געדענקט גוט, וואָס איר מאַן האָט איר איינמאָל געזאָגט:
— דער קויעך פון ליבע, טײַערע, איז שטאַרקער פונעם טויט אַליין.
בעסער שוין געוועזן פאַרברענט ווערן, ווי דער שאַכן, וועלכן דער שוואַרצער בושעל האָט אונטערגעצונדן, איידער אַרומגיין באַ זיך אין שטוב, ווי אַ „טויבע“, זען, הערן און שווײַגן, ניט זאָגן אַ וואָרט. נאָר דערזעט זי, נעסיע, ריטעטשקעס שמייכעלע מיט אירע צוויי טיפע קיינגריבעלעך, וואָס זײַנען פול מיט סאַם, און וועלכע זיאַמעס גוטע נעשאַמע איז אָפּגעסאַמט געוואָרן, שטעלט זי זיך גלײַך פּאַר, אַז אין פּערעלעס קיין־גריבלעך זײַנען נאָך מער גיפט.
אין פּאַסעק שטייט געשריבן, נעסיע האָט אַמאָל אויסגעלייענט אין דער מאַמעס סידער: זאָלסט לעבן מיט דער שווערד.
שאַרפט זי טאַקע אַצינד, ריטעטשקע, מיטן פאַלשן שמייכעלע דעם כאַלעף אַף איר צווייטן זון, אַרקאַשען, ווײַל אים איבערשנײַדן דעם האַלדז. צוליב דעם האָט ער באַדאַרפט, דער פאַרזעסענער באָכער, אַזוי לאַנג דרייען מיט זײַן לאַנגער נאָז, קלײַבן און איבערקלײַבן, אַרײַנפאַלן, ניט אויסצוריידן מיטן מויל, אין אַזאַ סליאַטע... צוליב דעם האָט נעסיע געוויקט אין זאַלץ, געטראָגן אַף אירע אַקסלען דעם שווערן טולופּ. פאַרוואָס קומט איר אַזוי געשטראָפט צו ווערן.
יאָ, פונעם יאַם דאָס וואַסער אויסשעפּן איז שווער, אָבער דער מאַמען דעם ווייטעק אירן יענעם דערציילן איז נאָך שווערער.

אין דער מילכאָמע האָט עס זיי פּאַרוואָרפן עפּעס אין אַ פאַרכּישעכט ביידערל. און אייוועלע פון ציגל אויסגעמאָוערט, די שוואַרצע ווענט מיט קאַלך אויסגעווייסט. אַפן מאַרק רייסט מען פון טויט און פון לעבעדיק: אַ ביסל מעל — מיט גאָלד גלייך. נאָר מע האָט געלעבט, ניט גע־פאַלן באַ זיך. און אַצינד — כאַטש נעם זיך דאָס לעבן.

אין הימל שווימען שטיקער כמאַרע. ווי אַפן טייך אָנגעשפּאָלטענע הליבעס אייז, נאָר די זון שיינט אַזוי גליקלעך, — עס שמעקט שוין ווידער מיט וועסנע.

זעקס זין, ווי די שקיטן, האָט זי געבוירן. פון צוויי ווייסט זי ניט, וווהין זייער געביין איז אהינגעקומען. יאַשע מיט באַריסן ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן באַם מאַמאַיעוו־קורגאַן. איין ליכט באַשיינט זייערע ליכטיקע פּנעמער. אַזוי טאַקע, ווי נעסיע פליישמאַן האָט זיי דעמלט, יון־כּויי־דעש, באַגלייט אַפן פראָנט, שטייען זיי, ביידע, פאַר אירע אויגן — געזונטע, לעבעדיקע, פריי־לעכע.

קאַיאָר שטייט הויך אין הימל די טאַמעוואַטע לעוואָנע. אָנגעשפּאַרט אין אַ דעמב, שיינט זי אַריס פון צווישן די צווייגן, הערט זיך איין אין נעסיעס רייד מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. ווייזט אויס, זי איז אַ ביסל טויבלעך, די פאַרזעסענע מויד, פאַרשטייט זי ניט, וואָס דאָ קומט פאָר? פּערל, נו, זאָל זיין פּערל: גיטעלע וואָלאָווס מישפּאָכטע איז בעסער.

אַמאָל פלעגט מען גיין צום רעבן, אָבער פאַר ווּעמען זאָל נעסיע זיך קלאָגן: פּאַרן אַפּטייי־קער, צי פאַר דער אַפּטייקערן. באַ ליַיטן האָבן עלטערן נאַכעס פון קינדער, גרויסן באַריש. און באַ איר איז נאָר צאַרעס, ווייטעקן, גרימענישן.

אין שטעטל, געדענקט זי, נעסיע, האָט מען געפּאַקט און געמאָזלט, געטראָגן טשיפּעקעס פון פרומקייט ווענגן. נאָר אין דער גרויסער שטאָט גייען די דאָזיקע שטיק ניט אָן: שכיינים פאַרמאַגן געלעכערטע אויערן. טוסט אַ שלוקערץ — הערט מען, טוט די טיר אַ סקריפּע — שטייט מען שוין אין פענצטער.

אין דער עוואַקואַציע, פאַרשטופּט אין יענעם קליינעם צימערל, פאַרהאַקט די פענצטער מיט פאַניר, ווי אין טורמע, האָט נעסיען געפעלט אַ לעמפּל, מע זאָל זיך באַנאַכט ניט בוצקען, ווי די בלינדע שעפּעלעך. אָן וואַסער, אָן ברויט, די קינדער הריזען די ווענט, איז דער מאַמען געווען ניט אַזוי פינצטער אין די אויגן, ווי אַצינד: אוי, נאָגט איר דאָס האַרץ, וואָס וועט זיין.

באַטאָג קוקט זי אין פענצטער. דער שניי גייט, שוואַרצע וואָראַנעס, ווי אירע אייגענע געדאַנקען, וואָס וואַרפן אָן אויף איר אַ מאָרעשכוירע, פליִען סטייענוויַיז, שווימען אין הימל, פאַלן צו דער ערד.

— אַרקאַשע, אַרקאַשע, — טראַכט זי וועגן זונס גוירל.

אַרקאַשע קומט אַריין, שלאָגט איר איבער די געדאַנקען:

— וואָס ביסטו אַזוי באַצאַרנט, מאַמע?

— גאָרניט, איך קוק אין פענצטער. צוויי יאָר האָט מען געמאָסטן, מע שטעלט שוין קוים פּלעקער.

— מירן נאָך דערלעבן, מאַמע, נייע דירעס.

— יאָ, מיין זון. וויפל דאָס הינטל זאָל ניט לעבן, אַפילו אינעם קייסערס פּאַלאַצן, סיַיווי רופט מען עס שטשענאָק, — גייט זי איבער אַף דער צווייטער אָקטאַווע.

— וואָס ווילסטו, מאַמע?

— איך וויל, אַז דאָס אַלמאָנעכל זאָל זיך מיר ניט דרייען פאַר די אויגן.

— איך פאַרשטיי גאָר ניט, באַ מיר איז מיט פּערעלען גאָרנישט ניט געווען.

— אַ טאָפּ לייִם וועל איך איר אַפן קאָפּ אָנטאָן.

— ביסט שוין באַלד אַזאַ דראַטשון, מאַמע, ווי דער סויכער קאַלאַשניקאָוו.

— יאָ, איך דאַרף נאָר, אַרקאַשע, די אַרבל פאַרקאַטשען.

— ווּ איז דיין קאַפּטע, מאַמע, מיט די לאַנגע אַרבל?

— געדענקסט, אַרקאַשע, דעם טאַטנס לייַבל? פלעגסט גיין אין דעם אַף דער אַרבעט. אוודע געדענקט ער...

נעסיע ווישט אויס אַ טרער, קוקט דעם זון גלייַך אין פּאָנעם אַריין:

— דערוף, אַרקאַשעניו, בין איך אַ מאַמע אַף צו כאַפּן דעם ערשטן קלאַפּ. וואָלט געלעבט דער טאַטע, מיילע: צאַרעס און פרייד — אַף צווייען, אָבער אַן אַלמאָנע — מוז איך שלינגען די ביטערע לימענע מיט די קערלעך. — ווישט זי מיטן פאַרטעך אירע פאַרוויינטע אויגן. — וואָס הייסט, זון מיינער — „גאָרנישט ניט געווען?..“

נעסיע גייט צו נעענטער, און זאָגט כליפּענדיק:

— ניין, אַרקאַשע, שולדיק בין איך, אייער מוטער, וואָס האָט אייַך געבוירן, זעקס באָנים, ווי די שקיטן, און וואָס, מישטיינסגעזאָגט, איז מיר געבליבן?

ארקאשע קושט זי, דריקט זי אין די אָרעמס:

— מע דאַרף ניט, מאמע...

גאנצפרי קומט דער טראַקטאָר צו נעסיעס פענצטער, שנײַדט דורך א וועג, וואלגערט די הורבעס שניי־בערג, קאָרטשעט אויס דעם געדיכטן אָלשאניק, ווײַזט אויס, אז דאָ דערבײַ, א ביסל רעכטס פון די פליישמאנס, וועט מען בויען נײַע הײַזער.

ווערט איר, נעסיען, ניט גוט אפן הארצן. זומער־לעבן פלעגט זי קומען צום עפּלבוים, וואָס בליט אזוי שיין, אָטעמען מיט פרישער לופט.

אונטער אָט דעם בוים זײַנען זיי אויסגעוואקסן, אירע דימענטלעך, קומט גאָר א בייזער מענטש אין א זומערדיק פאַלטאָכל, באפוילט דעם עפּלבוים אויסקאָרטשען! טוט זי זיך א כאַפּ, נעסיע, פארן הארצן. — און עפשער איז גאָר אזוי גלײַכער? נײַע צײַטן, נײַע לידער...

די וועסנע, זעט אויס, וועט זײַן א געראָטענע, א סימען — מע פירט שוין טויזנטער קאָמביינען אין פעלד ארײַן. קאזאכסטאַן פארענדיקט דעם פארזיי — מעג מען שוין פראווען כאסענעס. כאסענע מאכן צוויי קינדער איז גאָר א גרויסע סימכע.

אמאָל פלעגט מען איבערקערן די פּעלצן אף דער לינקער זײַט, שפּרייטן זיי אונטער די פיס — סימאָנים פון רײַכקײַט; אָנרירן די קאלע מיטן עלנבויגן, מיט א צווײַגל, לייגן שלאָפן דאָס פּאָרפאָלק נאָענט צום סקאָט, קעלבער זאָלן זיך מערן; שפּריצן אף די בעהיימעס מיטן וואַסער, אין וועלכן די קאלע האָט זיך געבאָדן...

אויסמישן ווײַנען, טרינקען און עסן איינײנעם, דער „קניפּ" זאָל זײַן שטארקער, געבן כאָסן פארזוכן לעקעך, וואָס איז געלעגן בא דער קאלע אין מויל. נאָר וואָס פאר א מאטאָנע זאָל נעסיע געבן ארקאשען?

צווישן אנדערע מעשוגאסן זײַנען געווען: קאלופּען דעם אויוון, ווען מע פירט דאָס פּאָרפאָלק צו דער כופּע, טוליען זיך צו דער הרובע, צעפּאטלען איר די האָר, ווארפן אין קרענצע געלט. נייטן די קאלע, זי זאָל אויסטאָן דעם מאן די שטיוול, א סימען, אז זי וועט זײַן געהאָרכזאם ביזן סאָף פון זייער לעבן.

הײַנט באגייט מען זיך, דאנקען גאָט, אָן „קניפּן", אָן דעם אלעמען.

וועהאָרײַע, אין א שיינעם פרימאָרגן האָבן ארקאשע מיט פערעלען זיך ארויסגעכאַפּט פון שטוב און אין א פּאָר שאָ זיך אומגעקערט מיט שײַנענדיקע פּנעמער:

— איר קאָנט אונדז באגריסן, — האָבן זיי ביידע אין איין קאָל אויסגעשריִען, — אָט ערשט האָבן מיר זיך פארשריבן.

איז וואָס זאָל נעסיע שוין געווען טאָן? אָן אנדער ברײַרע האָט זי געהאַט? א מאמע בלײַבט דאָך א מאמע. — זאָל זײַן מיט גליק, — האָט זי געזאָגט, און טרערן זײַנען איר געשטאנען אין די אויגן.

צאַרטקייט

* * *

ס'איז אַלץ נאָך ניט געשטילט דער האַס,
און ס'פאַלט דער טאָג אַף שאַרף פון שווערדן,
און ס'קראַכט די נאַכט אַף פּולווער־פאַס,
באַר יונגע זיך אין ליבע שווערן.

פון די, וואָס זײַנען אָפּ אין שלאַכט,
א סאַך דער טויט האָט אויסגעקליבן —

אין פעלדער ליגן זיי אין אָנמאַכט,
באַר יונגע שווערן זיך אין ליבע.

און איך, א מענטש, כ'בין גרויס דערפאַר,
און כ'קאָן אין אָט דער שאָ דער שווערער
מיט צאַרטקײַט אָפּווענדן דעם גזאַר,
ווײַל יונגע זיך אין ליבע שווערן.

* * *

עפן זיך, עפן זיך, וועלט,
געגנג שוין זיך שפּרייטן פאַרבאָרגן,
אַזויפיל נאָך
בלאַנקען פאַרשטעלט
פריידן אין וואַכיקע זאָרגן.

שווער איז נאָך גראָבן דעם זאַמד,
פון טיפעניש וואַסער צו קריגן,

עס האָט נאָך צום מאָלצײַט פאַרזאַמט
דער, וואָס זײַן צאַר האָט פאַרשוויגן.

עפן זיך, עפן זיך, וועלט,
ווי מויערקאָפּ אונטערן מעסער, —
ווער ליכטיקער, ציכטיקער, בעסער,
צעפלאַקער דײַן העלישן כעסעד,
ווי זוניקן גלי איבער פעלד...

* * *

אַמאָל, איר הערט, געווען כ'בין זאָרגלאָז:
פאַרשעפּט א פרילינג אין דער ברוסט,
און, רייצנדיק דעם הימלס אָרגל,
געוואַקסן אונטער רעגן־גוס.

עס האָט געפּויקט א יעדער טראָפּן
אין פלייצע הפקרדיק און פריש,
די בלאַנקע זון בא מײַן צוקאָפּנס
האָט מיט לעוואָנע זיך געמישט.

אין הענט אין צוויי געווען פאַרשלאָסן
די גאַרע וועלט — פון מײַ ביז מײַ,
ווען שטערן האָבן זיך געלאָשן,
איך פלעג זיי אופבלאָזן אפסנײַ.

און איצט נאָר טוט מיר אָטעם קלעקן
די הענט דערוואַרעמען אין פראָסט,
און ווען־ניט־ווען מײַן יוגנט וועקן, —
אָט די, וואָס טײַער ט'מיך געקאָסט.

* * *

טײַערע מײַנע, איך שווער דיר באַם ליד,
בא דעם, וואָס עס קאָן שוין ניט אָפּנעמען קיינער, —
אין יאָרן פון אויסוואַל געפעלשט האָב איך קיינמאָל,
אַף וועגן אַף קרומע דעם אויסוועג פאַרהיט.

און דיך — אויב איך האָב דיך מיט עפּעס דערצאַרנט,
פאַרווונדיקט ניט ווילנדיק — כ'פיל זי, די שולד —
איז נאָר ווײַל אין צאַרטקײַט כ'בין ווייניק געשולט,
איז העלף מיר פאַריכטן מײַן הארבן כיסאָרן.

* * *

דער דאַרשט איז ניט געשטילט,
די ליפּן זײַנען טרוקן.
דער מאָרגן — יונג און ווילד —
מיך וואַלגערט אַפּן רוקן.

עס פעלט מיר קאַלטע בלוי
פון הימלשע געפּעסן, —
מײַן סאַרפּענדיקע הויט
זי זאָל מיט פראָסט פאַרלעשן.

עס פעלט מיר הויכע רו
פון וואָלקנדיקע צוגן, —
עס זאָל מײַן שטילן רוף
דער דונער ניט פאַרצוקן.

עס פעלט מיר שאַרפע האַסט
פון פייגלשע געיעגן, —
עס זאָל מײַן מענטשיש האַרץ
ניט בלײַבן אונטערוועגנס.

דאָס גראָז די פּלייצע קילט,
דער הימל בלויט מעסוקן,
דער דאַרשט — אַלץ ניט
געשטילט,
ווי פרי'ר — די ליפּן טרוקן.

* * *

איר האָט געזען א שאָטן פון א גראָז?
אזא מין קליינקײַט לאָזט זיך לײַכט פאַרבײַגיין,
דערצו נאָך, אויב דער קאָפּ איז פול מיט דײַגעס,
און ערגעץ בא דער ברוסט א קעלט עס בלאָזט...
איך האָב געזען א שאָטן פון א גראָז.
איך האָב אים אַף דער דלאָניע אָפּגעוויגן,
און אַף דער ערד אים ליגן ניט פאַרלאָזט, —
אצינד ער טונקלט זיך אין מײַנע אויגן.

* * *

עס שיקט דיר הײַנט א גרוס, מײַן ליבער פרײַנט,
די יונגע זון אין אָנהייב פון איר קרײַזן.
זי קאַרגט ניט פאַר דער וועלט איר העלע שײַן —
אין ליכט פון טאָג מע קאָן פאַריכטן גרײַזן.

ניט זוך אין מײַנע ווערטער קיין שום מיין —
מיך האָט געמאַכט באַריידעוודיק דער מאָרגן,
די בלאַנקע זון, וואָס שפּרייט זיך מאַלעכיין,
און ס'ווילט זיך גאָרניט פון א פרײַנט פאַרבאָרגן..

* * *

די זעלבע זוניקײַט, די זעלבע לינדקײַט
פון מײַ, נאָך ניט פאַרסאַרפּעטן פון היץ,
ווען ס'איז די גרינקײַט נאָך ניט אָפּגעניצט,
און יעדער בלאַט געשמאַק פאַרשמעקט מיט קינדהײַט.

ווי עמעסדיק דו פילסט זיך אַף דער וועלט
מיט גאָר דײַן פרישן, ניט באַרויבטן אָטעם!
אַף אַלע קרומע געגנג דו האָסט כאַראַטע.
און גאָט נאָר ווייסט, ווי דו אצינד מיר פעלסט.

אף אן אוונט פונעם דיכטער שטשיפּאטשאָוו

אין זאל,
אין ראָד פון מענטשן טויזנט,
ווו ס'שאלן לידער נאָכאנאנד,
איך האָב דערהערט, ווי ס'קלינגט א פּויזע,
איך האָב דערפילט איר שארפן בראנד.

ווי ס'וואלט דעם דיכטער אף דער בינע
אליין דער אייבערשטער באשטעלט,
ער זאָל מיך האָבן היינט אין זינען —
מיין אומרו אין דער רו פון וועלט.

...ס'האָט אָפּגעברענט אין גראָז דער יולי,
די הייך באדראָט מיט שטערן־פאַל;
צום צווייט א בין האָט זיך געטוליעט,
און צארט געוועבן איז איר געוואלד.

און, ווי א פייַער־קאָפּ פון פאקעל,
אריבער ערשטן זונען־בלענד, —
א יונגע פרוי אין מאָרגן־פלאַקער
מיט נאכט אף אומרויִקע הענט.

איר הויט איז נאָך באהויכט מיט אָטעם
פון ליפּן אויסדערוויילטע, די,
וואס האָבן איימעדיק פארשאָטנט
דעם ניַיעם שפּראָצנדיקן פרי.

זי גייט...
און שטעגן רינען, רינען
באַ אירע פיס, געהיים און שטום, —
צום זיסן שלאָף פון מידע בינען,
צום זיסן אופוואַך פון א בלום.
זי גייט...

דער שטאלטנער גרויער דיכטער
פארלעשט, פארכאַלעמט, אירע טריט
אין בליץ פון יוליק־דולע ליכטער —
העט — באַם ניט־דאַיִקן זעניט...

וואלט כאָטש א וואָלקנדל פארצויגן
דעם טהאָם דעם הימלשן אָט דאָן,
ווי טרערן צוויי אף מיינע אויגן,
ווען איך דיין נאָענטקייט דערמאָן...

* * *

וואס האָבן פאר א זין די ווערטער
אין גרויסער שווייַגעניש פון נאכט,
כּוץ יענע, שטילע, ניט דערהערטע,
און די, וואס ניט ארויסגעבראכט...

וואס האָבן פאר א זין די בליקן
אין בלינדן בלענד פון העלן טאָג,
כּוץ יענעם, צארטן, ניט צעבליטן,
וואס מערער נאָך פון ווערטער זאָגט.

* * *

די וווּנד נאָך אלץ זיך ניט פארצויגן,
מיט גלאטן גלייַכגילט ניט פארהילט.
די שארפע שיין פון דייַנע אויגן
אף מייַנע וויִעס אלץ איך פיל.
אין אונדזער גרויזאמען יאַרהונדערט,
ווו אלץ איז ציטריק און פארשטעלט, —

א נעס אן איינציקער —
דייַן וווּנדער,
וואס אָפן בליצט אין גרוי פון וועלט.
און ווען מייַן הארץ א גרויל פאראנקערט,
ווען קעלט פארהאמעוועט מייַן הויט, —
צו דיר איך צי זיך דורך געראנגל,
און זיס איז מיר אָט דאָן דער טויט.

* * *

כ'האָב די הענט צעוואָרפן —
ריטשקעס צוויי מיט בראנד:
יענע — פליסט קיין צאָפן,
די — אין דאָרעם־קאַנט.

כ'האָב צעפּראלט די וויִעס —
טהאָמען צוויי אנטפּלעקט:
אין איינעם טוט שאריִען,
די נאכט — אף צווייטנס דעק.

דאָס איינציק הארץ געוואלט כ'האָב
זאָל אויסמייַדן דעם צאר, —
האָסטו עס מיר צעשפּאָלטן,
צעטיילט אף „הארב" און „צארט".

אין זאָל מען מיך פארפלוכטן, —
איך הייב ניט אָן פארשטיין:
דער וועלט א טרייסט צו זוכן,
צי טרייסטן זיך אליין?..

* * *

איך רייד צו דיר, איך טײַנע,
דײַן שיינקײַט כ׳מאַך צונישט,
איך שעלט די זיטן דײַנע, —
און אלצדינג איז אומזיסט.

צעבײַלט דער קאָפּ פאַר קאָעס,
די צונג פון קלאָלעס — האַרט!
נאָר ס׳האַרץ — אזא באַרדאָעס —
עס טוט זיך זײַנס: עס וואַרט...

* * *

אין יאַם פון יוגנטלעכן טרוים
אַזויפיל מאָל כ׳בין שוין פארשווומען!
אָט זעט: זײַן זאַלץ איז אָף מײַן גומען,
אָף האָר מײַנע — זײַן קאַלטער שוים.

כ׳האָב ניט איין מאָל אָף וויסטן ברעג —
פון פלוס פאַרשטויסן —
זיך געפונען.
דורך זיבן הויטן זיבן זונען
מיך האָבן דאַן פון טויט געוועקט.

און פײַכט געאָטעמט האָט דער זאַמד,
מײַן גרויס, מײַן ווערט אין זיך פאַרזויגן,

א וועלט צעשפּרייט מיר פאַר די אויגן —
קיין שפּור קיין איינציקער פון ראַנד ביז ראַנד!..

און נאָר די שפּעטע שטערן־שפּיל
דערמאָנט האָט מיר פון ערדס א שאָטן,
פון צווײַג פון טויזקער א שאָקל,
פון אויג, וואָס אין א טרער זיך הילט.

כ׳האָב דיך גערופן טאָג ווי נאַכט
מיט ראַש פון יאַם, מיט וויסטעס שווײַגן...
א לעבן דורך — און אַלץ מיר דאַכט:
דו וועסט דערהערן...
ניט פאַרבײַגיין...

* * *

כ׳האָב אײַך ניט אופגעהערט צו ליבן,
אפילע ווען געהאַסט כ׳האָב אײַך;
מיט קרײַזן אָף א שטאַם פאַרשריבן
די יאָרן יענע.
גאָר ניט לײַכט

זיי האָבן זיך מיט זאַפט געשניטן
דורך האַרט פון אָסיענדיקער ערד,
אום ווינטער — פונעם פראָסט געליטן...
אזוי איז אונדז געווען באַשערט.

איצט שפּרייט די צײַט זיך אַנדערש,
לײַכטער —

מיט קרײַזן איבער וואַסער־פלאַך,
און ס׳ציגדן שטערנדיקע לײַכטער
אין זייער זכוס דעם יונגן סכאַך.

אַלץ אָפּטער אין א נאַכט א טריבער
אין וואַלדס איך בלאָנקע קיניגרײַך:
דער שטאַם, צי איז ער גאַנץ געבליבן,
צי טוי, ווי פריִער, אים באַפּײַכט?

כ׳האָב אײַך ניט אופגעהערט צו ליבן,
אפילע ווען געהאַסט כ׳האָב אײַך...

קעגן דער אַנטיסאָוועטישער וואַקכאַנאַליע

ס. ד. לעווין

(ניו־יאָרק)

איך בין פעסט אין מײַן גלויבן אין סאָציאַליזם

„איצט איז די צײַט, ווען די מענטשלעכע נעשאָמע ווערט געשטעלט אויף דער פּראָבע“, — דאָס זײַנען די היסטאָרישע ווערטער, מיט וועלכע דער גרויסער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט און רעוואָלוציאָנער טאָמאַס פּעין האָט זיך געווענדט צו די אַמעריקאַנער, וואָס האָבן געקעמפּט אין דער רעוואָלוציאָנערער מילכאָמע פאַר אומאָפּהענגיקײַט. אין זײַן רוף צום קאַמף האָט ער אַטאַקירט די „זומער־סאָלדאַטן“, וועלכע וואַרטן אויף אַ שיינעם וועטער און זוכן זיך דערווײַל אַרויס־צודרייען פונעם קאַמף. „אָבער דער, וואָס בלײַבט איצט מיט אונדז“, — האָט פּעין געזאָגט — „וועט זיך פאַרדינען די ליבע און דאַנקבאַרקײַט פון יעדן מאַן און פרוי“.

דער וועג פונעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, דער וועג פון סאָציאַליסטישע קעמפער איז ניט אויסגעבעט מיט בלומען. אויף אָט דעם לאַנגן וועג איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו ציטירן די אויבן־געבראַכטע היסטאָריש־באַרימטע ווערטער פון טאָמאַס פּעין.

עס זײַנען פאָרגעקומען שטרויכלונגען פון דרויסן און פון אינעווייניק. ס'זײַנען געווען פאַרעטער — אַזעלכע, אויף וועמען מע האָט זיך ניט גערעכנט. עס זײַנען געווען שוואַכלינגען און פּאַכדאָנים, וואָס זײַנען בײַ יעדן קריזיס אַרויסגעפאַלן פון די רייען. עס זײַנען, ליידער, געווען אינערלעכע טאָעסן און פאַר־לעצונגען. אָבער דער קאַמף אויפן וועג צום סאָציאַליזם ווערט פאָרגעזעצט און די אידיי פון סאָציאַליזם שפּרייט זיך אויס.

■

אין דער איצטיקער צײַט האָבן די סאָנים פון סאָ־ציאַליזם אָנגעהויבן אַ היסטערישע קאַמפּאַניע פון אַנטיסאָוועטיזם.

דער ציל פון דער העצע־קאַמפּאַניע שטימט ניט מיט די אינטערעסן פון די ייִדן, נאָר מיט די אינטע־רעסן פון דער קאַלטער מילכאָמע, זי דינט צו פאַר־שטאַרקן די רעאַקציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, בײַ וועמען דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז ווי אַ דאָרן אין די אויגן.

זינט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע (ווי עס איז קלאָר באַוויזן געוואָרן אין דעם בוך פון אַלבערט קאָן און מײַקל סעיערס „די גרויסע פאַרשווערונג“) האָבן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער בעראָש מיט די פאַראייניקטע שטאַטן געשטיצט אַלערליי פּאָגראָמ־שטשיקעס און באַנדיטישע אַרמייען, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען אָנצוטאָן צאָרעס דעם סאָציאַ־ליסטישן לאַנד. זיי האָבן געהאַט דורכפאַלן, אָבער זיי האָבן די פאַרשווערונגען ניט אויפגעהערט. די אַמע־ריקאַנער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, די „סי־אײַ־עי“ זוכט געוויס צו טאָן געמיינע אַרבעט אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד, צו שאַפן שטערונגען. די איצטיקע אַנטי־סאָוועטישע היסטעריע איז אַ טייל פון דער פאַר־שווערונג, כאָטש זי גייט אונטער דעם אויסרייד פון העלפן ייִדן אַרויספאָרן קיין ייִסראָעל.

העצע־וואַקכאַנאַליעס קעגן דער לינקער באַווע־גונג און קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד ברעכן אויס בײַ יעדער נײַער ענדערונג, אָדער אַמאָל אַלס רעזולטאַט פון פעלערן. נאָר אַלעמאָל איז דאָס אַ קאַמף קעגן דער אידיי פון סאָציאַליזם. די עמעסע קעמפער זײַנען טאָמיד געבליבן טרײַ די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם, געבליבן מיט דער לינקער באַוועגונג.

כאַראַקטעריסטיש איז די דערקלערונג, וואָס דער באַרימטער שרײַבער ראָוון ברײַנין האָט געמאַכט, פאַרדאַמענדיק די דעמלטיקע וואַקכאַנאַליע: ...„איך זאָג זיך אָפּ אונטערצוגעבן זיך צו אַ קינסטלעך־געשאַפענער היסטעריע, מיט וועלכער מע וויל באַ־הערשן דאָס ייִדישע לעבן אין איצטיקן מאָמענט...

מײַנע טעג זײַנען געציילטע, נאָר עס איז מײַן הייסטער ווונטש, אַז איר, מײַנע ייִנגערע כאַווײרים אין קאַמף, זאָלט לעבן און דערלעבן דעם ליכטיקן אופגאַנג פון דעם טאָג, ווען דער גלויבן פון די, וועלכע האָבן אַף אַן עמעס געשטרעבט צו אַ בעסערער וועלט, וועט פאַרווירקלעכט ווערן. אין יענעם טאָג, וויל איך, איר זאָלט געדענקען, אַז מײַן אייגענער גלויבן איז געבליבן פעסט און ניט צעטרייסלט אין די איצטיקע פינצטערע טעג".

אַ צווייטער רוף, וואָס איז פּאַסיק דערמאָנט צו ווערן אין דער איצטיקער צײַט, איז אַן אַרטיקל פון מוישע אָלגין אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" דעם 27 אווגוסט 1939 — „צו די וואַקלדיקע פרײַנט":

„מיר ריידן ניט צו פײַנט. יענע זוכן יעדע געלעגנהײַט צו באַפאַלן דעם לינקן לאַגער. מיר ווילן זאָגן אַ וואָרט צו די פרײַנט, וואָס זײַנען באַ זיך אומזיכער, וואָס וואַקלען זיך, וואָס זײַנען צערודערט, וואָס עס דאַכט זיך זיי, אַז דער באָדן פאַרשווינדט אונטער זייערע פיס. איינס קענט איר זיך זאָגן מיט פולער זיכערקײַט, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַ בויער און אַ שטיצער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקײַט, אַ באַקעמפער פון אונטערדריקונג — סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און אַנדערע. אָט דאָס דאַרף זײַן אײַער קאָמפּאַס אין דער איצטיקער צײַט".

■

איך גלייב ניט, אַז די איצטיקע וואַקכאַנאַליע האָט טיף אָנגערירט אונדזערע איבערגעגעבענע ייִדישע פּראָגרעסיווע עלעמענטן, אָבער עס קאָנען זײַן אַזעלכע, וועלכע ווערן מיטגעטראָגן מיטן שטראָם.

איך, דער שרײַבער פון די שורעס, שרײַב דאָס אַרטיקל צו מײַן 86־טן געבורטסטאָג, דעם 11־טן יאַנוואַר 1971. איך האָב באַגעגנט געוועזענע כאַווײרים פון דעם טיפּ פון „אײַ טאָלד יו סאָ" („איך האָב דיר געזאָגט, אַז אַזוי וועט זײַן"), און זיי האָבן געוואָלט וויסן פון מיר, אַ לאַנגיאָריקן סאָציאַליסט, וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין אַמעריקע אין 1903, צוויי יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און איז די גאַנצע צײַט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, — זיי האָבן געוואָלט וויסן, צי איך גלייב נאָך אַלץ אין סאָציאַליזם און צי בין איך נאָך אַלץ אַ פרײַנט פון סאָוועטנפאַרבאַנד. און מײַן ענטפער צו זיי איז אַ פּאָזיטיווער: „יאָ!" דעם זעלבן ענטפער, וואָס רוּוון ברײַנין און מוישע אָלגין האָבן געגעבן אין די פריִערדיקע יאָרן, גיב איך איצט.

איך וויל ניט זאָגן, ווי רוּוון ברײַנין, אַז „מײַנע טעג זײַנען געציילטע". איך האָף נאָך און ווינטש צו לעבן אַ צאָל יאָרן, פאָרזעצן מײַן טעטיקײַט אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג. נאָך דעם, ווי איך האָב דורכגעלעבט די אַלע יאָרן, בין איך פעסט אין מײַן גלויבן אין סאָציאַליזם, אין דער לערע פון קאַרל מאַרקס און וולאַדימיר לענין, אין דעם אידעאַל, וועלכער שטרעבט צו מאַכן אַ סאָף צו די מילכאָמעס, אומגליקן און צאָרעס, וואָס די פּראָפיט־סיסטעם האָט אונדז געבראַכט.

איך בין פעסט אין מײַן צוטרוי צום סאָוועטנפאַרבאַנד, דעם לאַנד, ווו עס בויט זיך סאָציאַליזם.

איך גלייב, אַז אונדזער הויפּט־סוינע איז פון רעכטס: דאָס איז די רעאַקציע אין אַמעריקע און אין די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די באַוועגונג אין אַמעריקע זיך אומצוקערן צו די פינצטערע יאָרן פון מאַקאַרטי, צו פאַרפאָלגן מענטשן, וועלכע קעמפן פאַר שאָלעם און גערעכטיקײַט.

איך בין אַן אָפּטימיסט און גלייב אין דער צוקונפט פון אונדזערע אידעאַלן.

אלפרעד גראנט

(פאריזש)

דער אָרקעסטער און זײַנע אינסטרומענטן

מע האָט אונדז אַרײַנגעשיקט אין שטוב אַן איבערזעצונג פון די צוויי אַרטיקלען פון וו. באָלשאַקאָוו, וואָס די „פּראַוודאַ" האָט פאַרעפנטלעכט דעם 18 און 19 פעברואַל ד. י. אונטערן טיטל „אַנטיסאָוועטיזם — די פּראָפעסיע פון די ציִעניסטן". די מאַטאָנע שטאַמט פון דער פּאַריזשער גרופּע פרײַנט פון דער מיקוניסנע־צײַטונג „פרײַ ייִסראָעל".

עס קומט זיי אַ דאַנק, ווײַל זיי דערמעגלעכן, אַזויאַרום, צו אַנטפּלעקן דעם גאַנצן געדאַנקענגאַנג פון די יעניקע קרײַזן, אַף וועמעס טיר עס הענגט נאָך אַלץ אַ שילדל פון „פּראָגרעסיווע" און אין דער ווירקלעכקײַט איז עס שוין אַן אַלט שילדל.

„אין שײַכעס — שרײַבן די „פרײַנט" — מיט דער בריסעלער קאָנפערענץ פאַר „ראַטעווען די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד" איז אין דער פּראָגרעסיווער — ייִדישער און ניט־ייִדישער — פּרעסע אופגעהויבן געוואָרן אַ גוואַלד: דאָס איז אַנטיסאָוועטיזם!"

איר רײַבט זיך די אויגן און פרעגט זיך: וואָס דען איז עס געווען? פּראָסאָוועטיזם מיט מענאַכעם בעגין

בעראָש? אָן אופריכטיקע פאַרטיידיקונג פון די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד? אַ פּראָגרעסיווע אונטערנעמונג?

ווײַטער שרײַבן די „פּרײַנט": „דורכלייענענדיק די צוויי אַרטיקלען (פון באָלשאַקאָוו. — א. ג.), ווערט איר זיכער — פּונקט ווי מיר — זיך שטעלן די פראַגע: ווער שטאַרקט בעעמעס דעם אַנטיסאָוועטיזם?"

זעט אויס, אַז די „פּרײַנט" האַלטן דעם אוילעם פאַר אַמעראַצים. זיי באַנוצן ליגן און רעכילעס, זיי דערלויבן זיך צו וואַרפן בלאָטע און ווילן בלײַבן מיט ריינע הענט.

עס מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז זייער אָפּעראַציע איז געווענדט צו אַזעלכע פאָלקס־קרײַזן, ווו דער אַנטי־סאָוועטישער אָרקעסטער פון דער בריסעלער קאָנפערענץ איז ניט צוגענגלעך, ווו פון פאָרויס איז בעגינס „אַרגומענטאַציע" פאַרמישפּעט אָף צו ווערן פאַרורטיילט. יעדער אינסטרומענט האָט זײַן פונקציע אין אָרקעסטער...

וויל מען זײַן איראָניש, וואָלט מען פאָרגעשלאָגן די „פרײַנט" פאָרצוזעצן זייער אַרבעט און איבערצוזעצן ווײַטערדיקע אַרטיקלען פון דער „פּראַוודאַ" און זיי פאַנאַנדערשיקן. זיי וועלן אַזויאַרום מאַכן די אַרבעט פון בילאָמס אײַזל, וואָס האָט געזאָלט שילטן און גאָר געבענטשט.

און מעגלעך, זיי וואָלטן באַדאַרפט אויך איבערזעצן די לעצטע בראָשור פון דער סאָוועטישער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי", וואָס הייסט: „די סאָוועטישע ייִדן: מיטאָס און רעאַליטעט". זאָל אַמכאָ שער און אײַזן זען אַזויאַרום, וויִאַזוי דער סאָוועטישער „אַנטי־סעמיטיזם" באַרימט זיך מיטן פּלאַץ, וואָס די ייִדן פאַרנעמען אין דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק, וויסנשאַפט, קולטור, קונסט, פּאָליטיק, אַרמיי אאַוו.

מיר, ייִדן, האָבן טײַער באַצאָלט פאַרן אַנטיסאָוועטיזם, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע דורך די לעגאַלע ציִעניסטן און בונדיסטן. דער אַני־מײַמין פון יעדן עמעסן פּראָגרעסיוון ייִדן, פון יעדן קלאָרזעעוודיקן פּאָליטיקער איז אַזאַ: די אַלגעמיינע פּאָליטיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד, אַדאַנק איר אײַנשטעלונג צו לייזן אַלע שטרײַט־פראַגן צווישן פעלקער אָף אַ פרידלעכן אופן, איז די באַזע פאַר דער ווײַטערדיקער עקזיסטענץ פון דעם ייִדישן פאָלק, וואָס וועט אַליין אויספאָרמירן זײַן צוקונפט.

זיי אַליין זאָגן עס...

טרויעריקער מאַטעריעלער מאַצעוו פון פיל ייִדן אין אַמעריקע

אַ פאָרשונג, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן די טעג, באַווײַזט, אַז ניט ווייניקער פון 800 טויזנט אַמעריקאַנער ייִדן לעבן אין אָרעמקײַט־באַדינגונגען, אַ באַדײַטנדיקער טייל פון זיי דערעסט אַפילע נישט צו זעט...

די דאָזיקע פאָרשונג איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם סאָציאָלאָג אַנע וואָלף לויטן אופטראָג פונעם ייִדישן אַמעריקאַנער קאָנגרעס.

די ייִדן — אָרעמעלײַט אין אַמעריקע זײַנען מערסטנס עלטערע מענטשן. צוויי דריטל פון די 800 טויזנט אָרעמע ייִדן זײַנען רעשטלעך פון דער גרויסער אײַנוואַנדערונג פון די 20־קער יאָרן. די גרעסטע מערהײַט פון זיי איז שוין איבערן עלטער פון 65 יאָר. זייער אָנגעווייטעקטסטע פּראָבלעם איז — שלעכטע וווין־באַדינגונגען, אין די מערהײַט פאַלן פּאָשעט אומדערטרעגלעכע.

אין ניו־יאָרק, — שטעלט פעסט די פאָרשונג, — וווינען הײַנט־צוטאָג איבער אַ פערטל מיליאָן ייִדן, וועמענס כוידעשלעכע האַכנאָסע שטײַגט ניט איבער 250 דאָלאַר. אין דער שטאָט, ווו אַ 4־פּערזאָניקע מישפּאָכע מוז פאַרדינען 1200 דאָלאַר אַ כוידעש, וועלנדיק אויסהאַלטן זיך בעקאָוועד, איז די האַכנאָסע, אַלזאָ, פון 250 דאָלאַר ניט גענוג אַפילע אָף עסן צו זאַט. נאָך אַנדערע 50 טויזנט ייִדן פאַרדינען ווייניקער פון 375 דאָלאַר אַ כוידעש, וואָס אין די ניו־יאָרקער באַדינגונגען באַדײַט עס קימאַט נויט.

אַ דריטל פון אַלע אָרעמע ייִדן אין אַמעריקע זײַנען פאַרהעלטניסמעסיק יונגע מענטשן. צו דער דאָזיקער גרופּע געהערן צווישן אַנדערע אומפאַרהייראַטע אָדער טאַטעס פון מישפּאָכעס מיט אַ סאַך קליינע קינדער. אַ גרויסע צאָל פון די דאָזיקע יונגע מישפּאָכעס זײַנען כסידישע ייִדן. אַ כסידישע מישפּאָכע איז דורכשניטלעך מעטופּל מיט 6 קינדער. די כסידים אין ניו־יאָרק, — שטעלט פעסט די פאָרשונג, — בילדן די דריט־גרעסטע אָרעמקײַטס־גרופּע צווישן די פאַרשידענע עטנישע אומפאַרמעגלעכע גרופּן.

(„טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק)

מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונדזערע לייענער

כאַשעווע רעדאַקציע!

איך וויל דאָ אויסדריקן מײַן צופרידנקײַט מיט דעם, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד“ גיט סיסטעמאַטיש א קוואַליפיצירטן ענטפער אף פראַגן, וועלכע אינטערעסירן די לייענער. אַגעוו, דער כאַראַקטער גופע פון די פראַגן באַווײַזט, ווי ברייט עס איז דער דיאַפּאַזאָן פון די לייענער און ווי פּרינציפּיעל ס'איז זייער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער צײַט.

אויך מיר ווילט זיך באַקומען אן ענטפער אף א פראַגע. איך פאָלג נאָך אויפמערקזאַם אין דער פּרעסע נאָך די אידעאָלאָגישע דיווערסיעס פון די ציִעניסטן. עס ווערט קלאָר, אַז אומעטום, ווו זיי קאָנען — אַפילע אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס — ספּעקולירן די ציִעניסטן מיט אַנטיסאָוועטיזם, און אונטער אָט דעם שירעם טוען זיי ביז גאָר מיִעסע זאַכן.

איך האָף, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד“ וועט אינקורצן באַלויכטן די דאָזיקע פּראָבלעם.

א. צימערמאַן (אַלמאַ-אַטאַ).

זיי פאַרסאַמען די צווישנפעלקערלעכע אַטמאָספער

זינט דער „זעקסטאָגיקער מילכאָמע“ האָבן די ציִעניסטן פאַנאַנדערגעוויקלט א צעיושעטע קאַמפּאַניע פון אַנטיסאָוועטישע רעכילעס. די אָפיציעלע פאָרשטייער פון ייִסראָעל נוצן אויס אויך די טריבונע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס און אירע קאָמיסיעס פאַר פּראָוואָקאַטאָרישע אַרויסטרעטונגען. אַזעלכע ציִעניסטישע קערפּערשאַפטן, ווי „בנײ בריט“, דער ייִדישער וועלט-קאָנגרעס, „האַדאַסי“, וועלכע זײַנען איבער אומפאַרשטענדלעכע סיבעס פאַרטראָטן אין די פאַראייניקטע נאַציעס אַלס קאָנסולטאַנטן, פאַרפלייצן די קאָמיטעטן פון דער אַסאַמבלײ מיט רעכילעסדיקע באַריכטן וועגן „דער לאַגע פון די ייִדן אין פססר“, פאַרשפּרייטן מאַטעריאַלן וועגן קאָלערליי ציִעניסטישע אַסיפעס און קאָנגרעסן.

די פּראָגרעסיווע עפנטלעכקײַט פון דער וועלט פאָדערט, מע זאָל אויסשליסן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס די ציִעניסטישע פאָרשטייער, וועמעס טעטיקײַט איז אן ערנסטע שטערונג פאַר דער אַרבעט פון אונטערהאַלטן דעם שאָלעם צווישן די פעלקער.

דער צווישנפעלקערלעכער ציִעניסטישער קאָנצערן קאַרגט ניט קיין דאָלאַרן, קעדיי ברייטער פאַנאַנדערוויקלען די אונטערײַסערישע טעטיקײַט קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און די אַנדערע סאָציִאַליסטישע לענדער, צעצינדן צווישן די סאָוועטישע ייִדן נאַציִאָנאַליסטישע עמיגראַציע-שטימונגען.

ענג פאַרבונדן מיט די אויסשפּיר-אָרגאַנען פון פּשאַ, ענגלאַנד, מײַרעוו-דײַטשלאַנד און אַנדערע אימפּעריִאַליסטישע מעלוכעס, שאַנעווען ניט די ציִעניסטן קיין קויכעס, קעדיי אָפּזוכן אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין די אַנדערע סאָציִאַליסטישע לענדער פאַרשיידענע אונטערוועלט-מענטשן, וועמעס ראָליע עס איז — אָפּסאַמען די אַטמאָספער פון פעלקער-פרײַנטשאַפט, פאַרפלעקן דעם גוטן נאָמען פון די סאָוועטישע ייִדן.

ווען דער אַמעריקאַנער אימפּעריִאַליזם האָט זיך אַרײַנגעריסן אין לאַאָס און אין דער זעלבער צײַט האָט ייִסראָעל זיך אָפּגעזאָגט צו אָנעמען די נײַע פרידנס-פאָרשלאָגן פון דער פאַראייניקטער אַראַבישער רעפּובליק, זײַנען אַלע מענטשן פון גוטן ווילן געווען אויפגעבראַכט קעגן די מילכאָמע-אונטערצינדער. קעדיי אָפּציִען די אויפמערקזאַמקײַט פון דער וועלט-עפנטלעכקײַט, האָבן די צווישנפעלקערלעכע ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס צונויפגערופן אין בריסעל אן אומ-

געלומפערטע אנטיסאָוועטישע קאָנפערענץ, וועלכע האָט באדארפט „פארטיידיקן די סאָוועטישע ייִדן".

צוויי דריטל אָנטיילנעמער פון אָט דער אסיפע זײַנען געקומען פון פשא. שוין דאָס אליין באווײַזט, אז זי איז געווען ניט מער ווי א פארייניקטע פראָוואָקאציאָנעלע אקציע פון ייִסראָעל און פשא מיטן ציל צו פארסאמען די צווישנפעלקערלעכע אטמאָספער.

די פאריזשער קאָמוניסטישע צײַטונג „הומאניטע" האָט אָנגערופן די אסיפע — „קאָנפערענץ פון האס". און בא וועמען זײַנען אמערסטן פארהאסט דער סאָוועטנפארבאנד און די אנדערע סאָציאליסטישע לענדער? — פארשטייט זיך, בא די געלט־זעק, בא די עקספלואטאטאָרן פון די ארבעטנדיקע, דערונטער פון די ייִדישע. צוזאמען מיט ראָטשילדן האָט אָף דער בריסעלער אסיפע געטומלט דער ברוקלינער מיליאָנער דוויטש — א פארברענטער פאשיסט, איינער פון די, וואָס פינאנסירן מיט א ברייטער האנט די ציִעניסטיש־פאשיסטישע פארטיי פון ייִסראָעל „כערוט".

דארשענענדיק וועגן „ראטעווען די ייִדן פון פססר", האָבן די אָראטאָרן אָף דער קאָנפערענץ געריסן זיך צו אָרגאניזירן א מאסן־עמיגראציע פון דער ייִדישער סאָוועטישער יוגנט קיין ייִסראָעל. אָט ווו דער הונט ליגט באגראָבן! קלאָרער פאר אלעמען האָט וועגן דעם געזאָגט מענאכעם בעגין — דער לידער פון די ייִסראָעל־עקסטרעמיסטן: „ייִסראָעל נייטיקט זיך אין מענטשן, אין א סאך מענטשן, קעדיי שאפן א גרויסע מעלוכע, וואָס זאָל זיך ציִען פונעם מיטללענדישן יאם ביז די טײַכן טיגער און עפראט". דער זעלבער געדאנק איז אויסגעדריקט אינעם בריוו, וועלכן דער פרעמיער פון ייִסראָעל גאָלדע מעיִר האָט צוגעשיקט דער „קאָנפערענץ".

די בריסעלער אנטיסאָוועטישע אקציע פון די ציִעניסטן איז פארורטײלט געוואָרן מיצאד פיל פראָגרעסיווע אָרגאניזאציעס פון דער וועלט. אָט וואָס עס שרײַבט אין איר דעקלאראציע די פעדעראציע פון די ייִדישע קולטור־אָרגאניזאציעס אין ארגענטינע („איקוף"): „עס איז שוין געוואָרן א טראדיציע, אז די אנטיסאָוועטישע פראָפאגאנדע דערגרייכט איר אפאָגיי גראָד דעמלט, ווען דער אימפעריאליזם און די צווישנפעלקערלעכע רעאקציע ווילן פארשארפן די „קאלטע מילכאָמע", האמעווען די טעטיקײַט פון די פראָגרעסיווע און דעמאָקראטישע קרעפטן פון דער וועלט. איצט, ווען די ייִסראָעל־רעגירונג וויל, אז די וועלט זאָל ניט לייגן קיין אכט אָף איר ראסיסטישער פאָליטיק, אז מע זאָל וואָס ווייניקער ריידן וועגן דעם אנטיסעמיטיזם אין די מײַרעוו־לענדער, אז מע זאָל זיך מאכן ניט זעענדיק, ווי ייִסראָעל סאבאָטירט די פאָדערונגען פון דער וועלט־עפנטלעכקײַט וועגן רעגולירן אָף א פרידלעכן אופן דעם קאָנפליקט אפן נאָענטן מיזרעך, — וויקלט זי פאנאנדער אן אנטיסאָוועטישע רעכילעס־קאמפאניע".

ס'איז קלאָר, אז דער קאָנפליקט האָט זיך פארצויגן דערפאר, ווײַל די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל ווילן ניט, עס זאָל געשלאָסן ווערן א שאָלעם, זיי ווילן, אז די אָקופירטע טעריטאָריעס זאָלן פארבלײַבן בא ייִסראָעל, נאָך מער, זיי ווילן, אז ייִסראָעל זאָל קאָנען אָקופירן נײַע טעריטאָריעס, קעדיי שאפן א מעלוכע „פון הוידו ביז קוש", אָדער, ווי בעגין האָט דאָס פאָרמולירט, „פון מיטללענדישן יאם ביז די טײַכן טיגער און עפראט".

איצט, ווען דער ציִעניזם איז ביז גאָר אקטיוו אלס איינער פון די שלאָג־אָטריאדן פונעם אימפעריאליזם, איז באזונדערס אקטועל לענינס אָנווײַזונג, אז ער (דער ציִעניזם) האָט דעם ציל צו צעשפאלטן די צווישנפעלקערלעכע ארבעטער־באוועגונג, אידייִש אנטוואָפענען די באזונדערע אָטריאדן אירע, פארטרײַבן זיי אין די „נאציאָנאלע דירעס" און אָפשוואכן די באמיִונגען פונעם ארבעטער־קלאס אינעם קאמף קעגן דעם אימפעריאליזם און דער רעאקציע.

די ציִעניסטן באהויפטן, אז צווישן א ייִדישן ארבעטער און א ייִדישן בורזשוא איז פאראן פיל מער געמיינזאמס איידער צווישן א ייִדישן ארבעטער און אן אמעריקאנער אָדער רוסישן ארבעטער.

דער גרינדער פון דער פארטיי „כערוט" זשאבאָטינסקי האָט געשריבן אין זײַן בוך „די ייִדישע מעלוכע": „קאָלזמאן עס גייט דער פראָצעס פון שאפן די ייִדישע מעלוכע, איז פאר אונדז דער קאפיטאליסט — ניט קיין קאפיטאליסט, דער ארבעטער — ניט קיין ארבעטער, סײַ דער ערשטער, סײַ דער צווייטער זײַנען פאר אונדז א מאטעריאל פאר דער מעלוכע, וואָס בויט זיך. זייערע אינטערעסן, די פערזענלעכע אָדער די קלאסאָווע, זייערע פריידן אָדער ליידן, זייערע גליקן אָדער אומגליקן אינטערעסירן דעם ציִעניסטישן „צענטער" בלויז אָף אזויפיל, אָף וויפל זיי זײַנען אימשטאנד צו פארשטארקן אָדער פארלאנגזאמען דעם פראָצעס פון שאפן די ייִדישע מערהײַט אין פאלעסטינע. אלע איבעריקע שטרעבונגען, אינדיווידועלע אָדער קאָלעקטיווע, סאָציאלע, קולטורעלע אאוו. — זיי אלע ווארפן מיר אונטער דעם איינציקן מעלוכישן אידעאל, און מיר ווילן ניט וויסן פון קיינע אנדערע „אימפעראטיוון".

דער ציִעניזם איז הײַנט, פונקט ווי שטענדיק, די נאציאָנאליסטישע אידעאָלאָגישע דאָקטרין און די פאָליטישע פראקטישע טעטיקײַט פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואזיע. ער פירט א פאר־

ביסנעם קאמף קעגן דער נאציאָנאַל־באפרײַערישער באַוועגונג.

די שרעק צו פארלירן דעם אײַנפלוס אַף די יונגע, זיך אנטוויקלענדיקע נאציעס, די שטרעבונג צו אָפּקערן זיי אפן קאפּיטאליסטישן וועג האָט געצוווּנגען וואשינגטאָן צו פארשטארקן דעם פראָנט פונעם אידעאָלאָגישן אָנגריף אַף די לענדער, וועלכע האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלאָניאלע הערשאפט. דעם דאָזיקן אָנגריף פירט וואשינגטאָן מיט דער הילף פון דער נעאָקאָלאָניאליסטישער פּאָליטיק פון די ייִסראָעלדיקע הערשנדיקע קרײַזן.

אין ראיאָן פונעם נאָענטן מיזרעך זײַנען געשטעלט געוואָרן אונטער א געפאר די אמעריקאניש־ענגלישע נאפט־אינטערעסן. קעדיי פארשטארקן זייערע פּאָזיציעס, האָבן די רעדלפירער פונעם מיליטערישן נאפט־קאָמפּלעקס פון פשא אופגערעדט זיך מיטן צווישנפעלקערלעכן ציוניזם. דער אמעריקאנער אימפּעריאליזם שטרעבט אונטערצורײַסן די פּראָגרעסיווע רעזשימען אין די אראבישע לענדער און דערנאָך אינגאנצן ליקווידירן זיי, קעדיי ווידער דעראָבערן אינעם ראיאָן זײַנע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאָזיציעס. אָט דאָס איז געווען די גרונט־סיבע פון דער „זעקסטאָגיקער מילכאָמע", וועלכע האָט דערפירט דערצו, אז ייִסראָעל איז איזאָלירט אַף דער צווישנפעלקערלעכער ארענע.

דעם פאקט פון דער איזאָלירטקײַט פון ייִסראָעל אנערקענט דער פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס נאָכעם גאָלדמאן, וועלכער האָט געשריבן אין דער פראנצויזישער צײַטונג „מאָנד": „די גרונט־סיבע, פארוואָס איך האָב געמוזט אופהערן שווײַגן, איז דאָס, וואָס איך האָב דערפילט א שטארקע שרעק, ווען איך האָב דערזען, ווי ערגער עס ווערט די לאגע פון ייִסראָעל אַף דער צווישנפעלקערלעכער ארענע... די פּאָליטיק פון רעפּרעסיעס, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן לויט בען־גוריאָנס איניציאטיוו, האָט געבראכט בלויז דערצו, אז עס איז געוואָרן נאָך טיפער דער טהאָם צווישן אונדז און די אראבער... ייִסראָעל איז פארוואנדלט געוואָרן אין אן אָקופּירנדיקער מעלוכע. ייִסראָעל איז געוואָרן דער הערשער איבער א באפעלקערונג, וועלכע קאָן ניט און וויל ניט פארלײַדן אזא הערשאפט".

די צווישנפעלקערלעכע נאָרמעס פארבאָטן, אז א מעלוכע זאָל לייזן אירע אויסערנפּאָליטישע פּראָבלעמען מיט דער הילף פון מילכאָמע. ייִסראָעל איז מעכויעוו, אין העסקעם מיטן צווישנפעלקערלעכן רעכט, עוואקויִרן זײַן מיליטער פון די אָקופּירטע אראבישע טעריטאָריעס, דעמלט וועט געשלאָסן ווערן א שאָלעם־אָפּמאך צווישן ייִסראָעל מיט די אראבישע שכיינים און אפן נאָענטן מיזרעך וועט אײַנגעשטעלט ווערן א פעסטער און לאנגדויערנדיקער שאָלעם. דערצו שטרעבט צוזאמען מיט אלע פעלקער פון דער וועלט אויך דאָס פאָלק פון ייִסראָעל.

ו. ש פּ י ט א ל נ י ק.

ז י י א ל י י ן ז א ָ ג ן ע ס...

צוויי מאָל צוויי איז אלעמאָל פיר

מיר ברענגען די ווערטער, וועלכע ס'האָט געזאָגט פּיט נאק, דער העלד פונעם שטרײַק אין האָלאנד דעם 25 — 26 פעוורואל 1941 קעגן די ערשטע פארטרײַבונגען פון ייִדן, וואָס די דײַטשן האָבן דורכגעפירט אין אמסטערדאם: „איך שטעל פעסט, אז דאיאן איז א נאצי, ער איז געפלויגן מיט די אמעריקאנער איבער וויעטנאם, קעדיי צו זען, וואָס פאר א דערפאָלג זיי האָבן מיט די נאפאלם־באָמבעס. בייס ער איז געבליבן צופרידן פון די רעזולטאטן, האָט ער אויך געוואָלט באקומען אזעלכע באָמבעס. אויב ער איז ניט קיין נאצי, דאן ווער דען איז א נאצי?"

„ה א א ר ע ץ" (ייִסראָעל),

10 יון 1971

טפּרוישס

מ. שאַץ־אַנין

אויף מײַן לעבנס־וועג

לעטלאַנד — א סאָוועטישע

דער טאָג פון 17 יוני 1940, ווען קיין ריגע איז אַרײַנגעטראָטן די רויטע אַרמיי, איז געוואָרן אַ קערפּונקט אין אונדזער לעבן — לעטלאַנד איז געוואָרן אַ סאָוועטישע. מיט פרייד און באַגײַסטערונג האָט די באַפעלקערונג באַגעגנט די אַנזאָגער פון דער באַפרײַענדיקער סאָוועטישער מאַכט, באַזונדערס איז גרויס געווען דער ענטוזיאַזם פון יענע שיכטן, וואָס זײַנען פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט גרויזאַם פאַרפאָלגט געווען דורך דער אולמאַניס־רעגירונג, וועלכע האָט מיט פלײַס זיך געלערנט בײַ היטלערן רודיפן די ייִדן און אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן.

זינט יענעם היסטאָרישן טאָג האָט דאָס פאָלק פרײַ אָפּגעאָטעמט. עס זײַנען ליקווידירט געוואָרן די פאַרהאַסטע אײַזסאַרגן־באַנדעס[1], עס זײַנען פאַרטריבן געוואָרן די פאַשיסטישע פּאָליציסטן און באַאַמטע, עס זײַנען געעפנט געוואָרן די טויערן פון די טפיסעס, ווו אין משך פון יאָרן האָבן געשמאַכט די איבערגעגעבענע קעמפער פאַר אַ סאָציאַליסטיש לעטלאַנד. די באַפרײַטע צוזאַמען מיט די טויער, וואָס האָבן ביז איצט זיך געפונען אין אונטערערד, האָבן ענערגיש זיך גענומען צו דער אַרבעט אויף אויסוואָרצלען די רעשטן פונעם אַלטן און צו בויען דאָס נײַע לעבן, וועגן וועלכן זיי האָבן געטרוימט און פאַר וועלכן זיי האָבן אַלע יאָרן געקעמפט.

אויך אין דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן לעבן האָבן גענומען ווייען פרישע ווינטן. אין די יאָרן פון דער אולמאַנישער הערשאַפט האָט אין דער ייִדישער סוויווע שטאַרק געוועלטיקט די אָרטאָדאָקסיע. די ייִדישע שולן זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּגעשטאַנענע כאַדאָרים, וווּ ס'האָבן געקנעלט אַלטפרענקישע מעלאַמדים, די „אגודה"[2] האָט אַרויסגעגעבן אַ רעאַקציאָנערע צײַטונג, וואָס האָט געהאַט דערמאָנט אַ שיר־האַמײַלעס־בלעטל, אויך דער ייִדישער טעאַטער איז געשטאַנען אונטערן קאָנטראָל פון די פרומאַקעס...

באַלד נאָך דער באַפרײַונג איז געגרינדעט געוואָרן אַ קולטור־ראַט אויף אָנצופירן מיטן גאַנצן ייִדישן קולטור־לעבן אין די נײַע סאָוועטישע באַדינגונגען. דער נײַ־געגרינדעטער ראַט האָט אַרומגעכאַפּט אַלע געביטן פון קולטור־וועזן — ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק, פּרעסע, שול־וועזן. פאַרן פאַרזיצער פון אָט דעם ראַט האָט מען אויסגעקליבן מיך, פאַרן סעקרעטאַר — מאַרק ראַזומני, אין פאַרוואַלטונג זײַנען אַרײַן אויסגעפּרוּווטע קאָמוניסטישע קעמפער און קולטור־טוער, אַזעלכע ווי א. לייבאָוויטש, ה. מאַרגאַליס, לאַזיק, ה. באַנד אאַ.

דער קולטור־ראַט האָט באַלד פון זײַנע ערשטע טריט אַנטוויקלט אַ פּראָדוקטיווע טעטיקייט. אונטער זײַן אויפזיכט האָט געאַרבעט די טעגלעכע צײַטונג „קאַמף", עס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אַ ליטעראַרישער אַלמאַנאַך „אויפבוי", וועלכער איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אילוסטרירטער וואָכנבלאַט אונטער דעם זעלביקן נאָמען, ס'איז באַנײַט געוואָרן דער רעפּערטואַר פונעם רעאָרגאַניזירטן ייִדישן טעאַטער, דאָס שול־וועזן איז אַריבערגעפירט געוואָרן אויף וועלטלעכע און פּראָגרעסיוו־סאָוועטישע רעלסן. די טעטיקײַט פון דעם קולטור־ראַט איז מיט גרויס צופרידנקייט אויפגענומען געוואָרן דורך דער ייִדישער באַפעלקערונג און איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן מיצאַד די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־שע און רעגירונגס־אָרגאַנען.

---

[1] די לעטישע פאַשיסטישע גוואַרדיע.

פאַרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4, 5, 6, 9, 10.

[2] אָרגאַניזאַציע פון די רעליגיעזע פאַנאַטיקער.

פאַרשטייט זיך, אַז צוגלײַך מיט די אַלע פּאַ־ראַנדקעס פון דעם אולמאַניס־רעזשים איז אויך באַטל געוואָרן די פאַראָרדענונג פון דער פאַ־שיסטישער רעגירונג וועגן אויסשליסן מיך פון דער אַדוואָקאַטן־קאָלעגיע. איך בין ניט נאָר צו־ריק אופגעשטעלט געוואָרן אין דער קאָלעגיע, נאָר אויך באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער יורידישער קאָמיסיע אַף אופצונעמען נײַע אַדוואָקאַטן. און אַזױוי די אַדוואָקאַטן־קאָלעגיע האָט ראַדיקאַל געמוזט באַנײַט ווערן און איר טעטיקײַט האָט געפאָדערט אַ פולשטענדיקע רעאָרגאַניזאַציע, איז אויסגעקומען פיל צו אַר־בעטן.

אַזוי איז פאַר מיר אַריבער דאָס ערשטע יאָר פון דער נײַ־אופגעריכטער לעטלענדישער סאָ־וועטישער רעפּובליק. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַלעמען אַ יאָר פון פרוכטבאַרער שעפערישער אַרבעט און דערגרייכונגען, אַ יאָר, וואָס האָט אונדז געפירט אַפן ליכטיקן וועג צו פאַרווירק־לעכן אונדזערע האָפענונגען און טרוימען. אָבער דעם 22 יוני 1941 איז אונדזער באַנײַט לעבן אַף אַ גרויזאַמען אופן איבערגעריסן געוואָרן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון ביטערע קאַמפן פון אונדזער היימלאַנד און אונדזער פאָלק אַף צו ראַטעווען די וועלט פון דער פאַ־שיסטישער כײַע.

מילכאָמע און עוואַקואַציע

שוין פון די ערשטע טעג פונעם פאַשיסטישן איבערפאַל האָבן די גרוילן פון דער מילכאָמע זיך אַראָפּגעלאָזט אויך איבער אונדז, ריגער, מיט זייער גאַנצער האַרבקײַט. דעם סוינס אַעראָפּ־לאַנען זײַנען קעסיידער געפלויגן און באָמבאַר־דירט די שטאָט, עס זײַנען געווען פיל קאָרבאָ־נעס. אין מעשעך פון טאָג און פון דער נאַכט איז זייער אָפט אויסגעקומען לויפן אין די קע־לערס זיך באַהאַלטן. פאַר מיר איז דאָס אַראָפּ־לאָזן זיך אין דער באַהעלטעניש פאַרבונדן געווען מיט באַזונדערע שוועריקײַטן... אינגיכן איז אויך אופגעקומען די נויטווענדיקײַט פון עוואַקואַציע.

אַ וואָך פאַרן אויסברוך פון דער מילכאָמע איז אין ריגע פאָרגעקומען דער ערשטער לעטלענ־דישער שרײַבער־צוזאַמענפאָר, אַף וועלכן עס זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אַ סאַך געסט פון אַלע רעפּובליקן בראָש מיטן סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַריין פון ססר אַלעקסאַנדער פאַ־דייעוו. דער אומדערוואַרטער איבערגאַנג פון אָט דער פײַערלעכער און ברידערלעך־פרידלעכער אַטמאָספער פונעם צוזאַמענפאָר צו דער גרויזאַ־מער מילכאָמע־ווירקלעכקײַט האָט שטאַרק טראַומירט און דערשלאָגן. ווען פאַדייעוו איז אָפּגעפאָרן פון ריגע און שוין געווען אין אַן אומרויִקער שטימונג, האָט ער אָנגעזאָגט (ווי דער דעמלטיקער סעקרעטאַר פון לעטלענדישן שרײַבער־פאַריין ניעדרע דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס), אַז אויב ס׳וועט נייטיק זײַן זיך צו עוואַקוירן, זאָל מען זאָרגן וועגן מיר און מײַן פאַמיליע. די עוואַקואַציע איז אָבער אָנגעקומען אַזוי פּלוצעם, אַז מ׳האָט אין פאַריין ניט באַוויזן אויסצופילן פאַדייעווס אָנזאָג, און אַזוי איז גע־שען, אַז דעם 27 יוני איז מיר מיט מײַן מיש־פּאָכע — מײַן פרוי, דער עלטערער טאָכטער מיט איר מאַן, און דער ייִנגערער טאָכטער, אַ מיידעלע פון 13 יאָר, — אויסגעקומען זיך אַוועקלאָזן צופוס, אַוועקוואַרפנדיק אַפן וועג איינס נאָכן אַנדערן די עטלעכע פּעקלעך זאַכן, וואָס מיר האָבן מיטגענומען פון דער היים.

אַ טרויעריק בילד האָט דעמלט פאָרגעשטעלט מיט זיך דער וועג, איבער וועלכן עס האָבן זיך געצויגן אומענדלעכע מאַכנעס צעבראָכענע, פון זייערע היימען פאַרוואָגלטע מענטשן. די בײַ־טערע איבערלעבונגען פון יענע עוואַקואַציע־טעג, ווען טויט־געפאַר פון דעם פײַנטס קעסיי־דערדיקע לופט־אָנפאַלן האָט געלאָקערט, און ווען קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס עס דער־וואַרט אים מאָרגן, זײַנען דאָך אַלעמען באַקאַנט, ווײַל דאָסראָוו פון די לייענער האָט דאָך דאָס אַליין איבערגעלעבט. פאַר מיר זײַנען די עוואַ־קואַציע־טעג מאַכמעס מײַן פיזישן צושטאַנד גע־ווען נאָך טראַגישער, און ווען ניט די ענערגיע און מעסירעסנעפעש פון מײַן פרוי, וואָלט איך בעליסאָפעק ניט אויסגעהאַלטן דעם ניסאָיען.

אין איינעם אַזאַ מאָמענט, ווען איך האָב נאָכן שאָענלאַנגן אויסמאַטערנדיקן גאַנג זיך אַראָפּגע־לאָזט אָן קויכעס און ניט געקאָנט שטעלן קיין טראָט ווײַטער, האָט זיך גראָד געטראָפן, אַז צווישן די מיליטער־טיילן, וואָס האָבן אָן אופ־הער זיך געצויגן פאַרבײַ אונדז, האָט עמעץ פון די קאָמאַנדירן דערקענט אין מיר דעם לעקטאָר, וואָס פלעגט קומען צו זיי האַלטן פאָרטראָגן, און ער האָט אונדז אַרופגענומען אַף זײַן מאַשין און צוגעפירט אַ שטיק וועג. אינגיכן אָבער האָבן מיר זיך געמוזט שיידן, ווײַל זײַן טייל האָט גע־דאַרפט זיך פאַרנעמען אין אַן אַנדער ריכטונג. דעמלט בין איך ווידער געבליבן זיצן בײַ דער זײַט וועג און געוואַרט אַף אַ געלעגנהײַט. עס זײַנען פאַרבײַגעפאָרן אויטאָבוסן און לאַסטמאַ־שינעס איינע נאָך דער אַנדערער, אָבער אַלע זײַנען געווען פולגעפּאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזט ריגע. אַזוי האָט זיך געצויגן אַ צײַט, ביז איינער אַ שלאַכטמאַן פון די פאַרבײַ־מאַרשירנדיקע אַרבעטער־אָטריאַדן, אַ כאַוווער פון דער אַמאָליקער „אַרבעטער־היים", האָט, זעענדיק מיך אין אַזאַ צושטאַנד, אָפּגעשטעלט אַן אויטאָבוס, אויך אַ פולגעפּאַקטן, נאָר מע האָט ווי־ניט־איז געמאַכט אַ פּאָר ערטער פאַר אונדז

(די עלטערע טאָכטער מיט איר מאן זײַנען אוועק העלפֿן די פֿאַרוווּנדעטע פֿון דעם סוינעס לופֿט־אָנפֿאַלן, און מיר האָבן זיך פֿאַרלאָרן). און אַזוי זײַנען מיר דערפֿאָרן ביז דער שטאָט וואָלק, אַף דער גרענעץ פֿון סאָוועטן־עסטלאַנד.

אין וואָלק האָט מען אונדז צוגעפֿירט צו א שול־ביניען. מיר זײַנען ארײַן אהין, געזוכט א ווינקעלע ווו זיך אײַנצואָרדענען, אָבער דאָס הויז איז געווען איבערפֿולט מיט מענטשן, און מיר האָבן בעשום־אופֿן ניט געפֿונען קיין אָרט. דעמלט האָט דער שרײַבער קיטאַי, וועמען מיר האָבן דאָרט געטראָפֿן, אונדז אָפּגעפֿירט אין א שטוב פֿון וואָלקער טוישוּוים, זײַנע באַקאַנטע, און מיר האָבן דאָרטן איבערגענעכטיקט. און דאָס האָט אונדז געראַטעוועט, ווײַל באַלד נאָך אונדזער פֿאַרלאָזן דעם שול־ביניען איז אהין ארײַנגעפֿאַלן א באָמבע...

שטענדיק וועל איך געדענקען די באַגעגענישן אין וואָלק מיט יונגע ריגער כאַווירים פֿאַר זייער אוועקגיין אַפֿן פֿראָנט. צווישן די פֿיל רירנדיקע מאָמענטן האָט זיך מיר באַזונדערס פֿאַרקריצט אין זיקאָרן, ווי דער יונגער טאַלאַנטפֿולער דיכטער לאַזיק האָט בײַסן געזעגענען זיך מיר אָפּגעגעבן פֿון זײַן באַשיידענעם זעלנערישן פּאַיאָק א שטיק צוקער. איך האָב דאָס שטיק צוקער באַהאַלטן און דורכגעטראָגן דורך אַלע מילכאָמע־יאָרן, ווי א סימבאָל פֿון כאַווערישקײַט. איך האָב אַלץ געהאָפֿט, אַז נאָך דעם קריג וועל איך זיך ווידער באַגעגענען מיט מײַן געטרײַען פֿרײַנט און טאַלמיד, זיך טיילן מיט אים מיט דער פֿרייד פֿון ניצאָכן. דער ניצאָכן איז געקומען, אָבער לאַזיק האָט זיך פֿון דער מילכאָמע, ליידער, ניט צוריקגעקערט: ער איז אומגעקומען בײַס א דעסאַנט־אָפּעראַציע אין הינטערלאַנד פֿונעם סוינע...

מיר האָבן פֿאַרלאָזט וואָלק, און נאָך א לאַנגער, שווערער נעסיִע ענדלעך אָנגעקומען קיין קאַזאַן און זיך געווענדט אין דאָרטיקן שרײַבער־פֿאַריין. קוידעמקאָל האָבן מיר געבעטן אונדז העלפֿן אָפּזוכן די טאָכטער מיטן מאַן (נאָך וואָכנלאַנגע ענערגישע זוכענישן האָט זיך טאַקע אײַנגעגעבן צו געפֿינען אונדזערע קינדער, און מיר האָבן זיך פֿאַראייניקט מיט זיי אין קאַזאַן). ווײַטער איז אופֿגעשטאַנען די פֿראַגע וועגן א דאַך איבערן קאָפּ. אין די דאָזיקע טעג האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט דער פֿרוי פֿונעם טאָטערישן פּאָעט מוסאַ דזשאַליל, וועלכער איז דעמלט שוין געווען אַפֿן פֿראָנט. די איידעלע פֿרוי האָט אונדז זייער מיטגעפֿילט און ארײַנגענומען מיך מיט מײַן פֿאַמיליע צו זיך אין שטוב. און דאָ, זיצנדיק בײַ דעם דיכטערס אַרבעטס־טיש, האָב איך אָנגעשריבן דאָס ערשטע מילכאָמע־אַרטיקל: „די דערהויבנקײַט און שיינקײַט פֿון קאַמף“. דאָס אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט געווען אין דער אָרטיקער רוסישער און טאָטערישער פּרעסע. דער טאָטערישער פֿאָלקס־דיכטער קוטוי האָט עס פֿאָרגעלייענט אַף א פֿאַרזאַמלונג אין שרײַבער־פֿאַריין, אַף וועלכער מ'האָט אַרויסבאַגלייט א גרופּע שרײַבער אַפֿן פֿראָנט. צווישן די פֿאַרזאַמלטע זײַנען געווען די אַקאַדעמיקער דעבאָרין און גרעקאָוו, די שרײַבער אַסייעוו, קוויטקאָ און דאָברושין.

אין קאַזאַן האָב איך פֿאָרגעזעצט מײַן ליטעראַרישע און לעקטאָרישע אַרבעט. מערערע מאָל האָב איך אויסגעדריקט מײַן פֿאַרלאַנג געשיקט צו ווערן נעענטער צום פֿראָנט, קעדיי אַרויסצוטרעטן פֿאַר אונדזערע שלאַכטלײַט. מײַנע קאַזאַנער פֿרײַנט זײַנען אָבער געווען קעגן דעם און האָבן געוואָלט מיך האַלטן ווײַטער ניט נאָר פֿון פֿראָנט, נאָר אַפֿילע פֿון דער שטאָט קאַזאַן, ווו דער מילכאָמע־אָטעם האָט אַלץ שטאַרקער זיך געלאָזט פֿילן, און מיך אײַנאָרדענען אין הינטערלאַנד. מיט דעם צוועק האָט דער אַקאַדעמיקער דעבאָרין, וועלכער איז שוין זינט יאָרן באַקאַנט געווען מיט מײַן וויסנשאַפֿטלעכער און פּעדאַגאָגישער אַרבעט, זיך געווענדט צום אַקאַדעמיקער אָטאָ יוליעוויטש שמידט, דעם פּרעזידענט פֿון דער קיין קאַזאַן עוואַקויִרטער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פּססר, ער זאָל מיר העלפֿן אוועקפֿאָרן פֿון קאַזאַן.

דאָ וועל איך א ביסל אָפּטרעטן אַף צוריק און דערציילן וועגן מײַנער א באַגעגעניש מיט דעם אַקאַדעמיקער שמידט.

דאָס איז געווען אין די 20־ער יאָרן. דעמלט האָט אָטאָ יוליעוויטש שמידט זיך אָפּגעשטעלט אין ריגע נאָך א נעסיִע איבער די אייראָפּעיִשע מעדינעס, און האָט דאָ געלייענט א פֿאָרטראָג אין לינקן סטודענטן־פֿאַריין. ער האָט זיך געטיילט מיט זײַנע רײַזע־אײַנדרוקן און גערעדט וועגן דעם, ווי דער אוטאָריטעט און די האַשפּאָע פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד וואַקסט און פֿאַרברייטערט זיך איבער דער גאָרער וועלט. נאָך דעם פֿאָרטראָג בין איך צוגעגאַנגען צו אים, זיך פֿאָרגעשטעלט און פֿאַרבעטן פֿאַרברענגען אַן אָוונט מיט דער ריגער פּראָסאָוועטישער אינטעליגענץ. ער האָט מיט פֿרייד מאַסקים געווען, און מיר, א גרופּע פֿון עטלעכע צענדליק ייִדן, לעטן און רוסן, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין לאָקאַל פֿון א ייִדישער שול, און דער גאַסט האָט פֿאַר אונדז געהאַלטן אַן אינהאַלטסרײַכן פֿאָרטראָג וועגן די אויפֿגאַבן, וואָס שטייען פֿאַר דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ.

איצט אין קאַזאַן האָט דער אַקאַדעמיקער שמידט זיך פֿאַרינטערעסירט מיטן אײַנאָרדענען מיך אין דעם קאַזאַכישן פֿיליִאַל פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פּססר. ער האָט מיר געגעבן די געהעריקע באַגלייט־בריוו, באַזאָרגט פֿאַר מיר און מײַן פֿאַמיליע ערטער אין וואַגאָן,

וואָס אין יענער צײַט איז דאָס געווען ניט פֿון די לײַכטע זאַכן, און אַזוי זײַנען מיר אָפּגעפֿאָרן קיין אַלמאַ-אַטאַ.

אין אַלמאַ-אַטאַ

שוין אַפֿן צווייטן טאָג נאָך מײַן אָנקומען קיין אַלמאַ-אַטאַ האָב איך זיך אײַנגעשלאָסן אין דער ברויזיקער אַרבעט פֿון דער קאַזאַכישער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס עלטערער וויסנשאַפֿטלעכער מיטאַרבעטער אין דעם אינסטיטוט פֿאַר ליטעראַטור און שפּראַך, און אַפֿן יורידישן פֿאַקולטעט פֿון אוניווערסיטעט — אַלס לעקטאָר פֿון געשיכטע פֿון פּאָליטישע באַוועגונגען. גלײַכצײַטיק בין איך אויך באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָפֿעסאָר פֿון דעם מאָסקווער מעלוכישן יורידישן אינסטיטוט, וואָס האָט זיך עוואַקויִרט קיין אַלמאַ-אַטאַ. דאָ האָב איך געלייענט לעקציעס וועגן מעלוכע-רעכט און אַנדערע יורידישע און געזעלשאַפֿט-לעכע דיסציפּלינען.

אַחוץ דער וויסנשאַפֿטלעך-פֿאָרשערישער אַרבעט, בין איך אויך אופֿגעטראָטן מיט לעקציעס אַף פּאָליטישע און קולטור-געזעלשאַפֿטלעכע טעמעס אין דעם לעקטאָריום פֿון דער קאַזאַכישער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע, אין די שפּיטאָלן פֿאַר די פֿאַרוווּנדעטע שלאַכטלײַט, אין פֿאַרשיידענע מיליטער-טיילן און אַף די זאַוואָדן, וואָס האָבן געאַרבעט פֿאַר לאַנדשוץ. די דאָזיקע אַרבעט מײַנע איז אָנערקענט און אָפּגעשאַצט געוואָרן. די קאָמאַנדשאַפֿט פֿון מיטלאַזיִאַטישן מיליטער-קרײַז האָט מיר אויסגעדריקט אין אַ שריפֿטלעכער פֿאָרם אַ דאַנקבאַרקייט.

אַף די אַלע אַרויסטרעטונגען בין איך, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פֿון מײַן פֿרוי. אָפֿט, נאָך מײַנע אַרויסטרעטונגען, פֿלעגן די פֿאַרוווּנדעטע אַרומרינגלען אונדז און אויסריידן זיך פֿאַר מײַן פֿרוי דאָס האַרץ, אויספֿרעגן זי וועגן אונדזער צוזאַמענלעבן און זיך געווונטשן, אַז ווען זיי וועלן קומען אַהיים אין זייער צושטאַנד, וואָס איז אַזוי ענלעך צו מײַנעם, זאָלן זייערע פֿרויען זיך צו זיי באַציִען מיט דער זעלביקער אופֿמערקזאַמקייט, ליבע, ווי זיי זעען דאָס אין אונדזער פֿאַל.

אין משך פֿון די צוויי יאָר, וואָס איך האָב געלעבט אין אַלמאַ-אַטאַ, האָב איך אָנגעשריבן און איבערגעגעבן דעם קאַזאַכישן פֿיליאַל פֿון דער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע אַ גאַנצע ריי גרעסערע אַרבעטן, און צווישן זיי: „דער פֿאַשיסטישער ווילקיר אין די פֿראַגן פֿון רעכט", „נאַציזם — דער פֿאַרביסענער סוינע פֿון אַלע פֿעלקער", „די קאַזאַכן אין די שלאַכטן פֿאַר מאָסקווע", „עס יאָגן די יאָרהונדערטער" (אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן דזשאַמבולן) און אַנדערע, סאַכאַקל העכער 25 דרוקבויגן.

אַחוץ דעם, האָב איך, צוזאַמען מיט דער היסטאָריקערין פּאַנקראַטאָוואַ און אַנדערע וויסנשאַפֿטלער, אָנטיילגענומען אין דער גרויסער קאָלעקטיווער מאָנאָגראַפֿיע „געשיכטע פֿון קאַזאַכסטאַן פֿון די עלטסטע צײַטן ביז אונדזערע טעג".

אין יוני 1942 האָב איך באַקומען פֿון שאַכנע עפּשטיין, דעם פֿאַרזיצער פֿונעם יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט זיך דעמלט געפֿונען אין קויבישעוו, פֿאָלגנדיקע טעלעגראַם:

„שיקט צו טעלעגראַפֿיש אַן אַרטיקל פֿון 200 ווערטער וועגן דער קאַמפּאַניע צו שאַפֿן 1000 טאַנקען און 500 באָמבאַרדירער פֿאַר דער רויטער אַרמיי מיצאַד די יידן פֿון דער וועלט".

אַזאַ אַרטיקל האָב איך גלײַך אָנגעשריבן, און פֿאַרענדיקט האָט זיך עס מיט די ווערטער:

„צוגלײַך מיט די זיפֿצן פֿון פּײַן און ווייטעק טראָגן זיך איבער דער גאָרער וועלט אויך די קוואַליעס פֿון סינע צום גרויזאַמען פֿײַנט און זיי רופֿן אײַך העלפֿן פֿאַרקערפֿערן די דאָזיקע פּלאַמיקע סינע אין מעכטיקן קלײַזײַען, אין טאַנקען און באָמבאַרדירער, וועלכע וועלן טראָגן פֿאַרניכטונג און טויט דעם סוינע".

מיטן אָפּשיקן אָט דאָס אַרטיקל האָט זיך אָנגעהויבן מײַן מיטאַרבעט אינעם יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, און ווען אינגיכן איז קיין אַלמאַ-אַטאַ געקומען דער דיכטער סאַמויִל מאַרשאַק באַזוכן זײַן פֿאַמיליע, וועלכע האָט זיך דאָ געפֿונען אין עוואַקואַציע, האָט ער מיר מיטגעטיילט, אַז איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד פֿונעם יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט.

איך פֿאַרלאָז אַלמאַ-אַטאַ

דער שוין פֿריִער דערמאָנטער מיטגליד-קאָרעספּאָנדענט פֿון דער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע, די היסטאָריקערין פּאַנקראַטאָוואַ, מיט וועלכער מיר איז אויסגעקומען פֿיל צו אַרבעטן אין אַלמאַ-אַטאַ, האָט זיך צוריקגעקערט קיין מאָסקווע, און אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט זי פֿאָרגעלייגט מיך אַרויסצורופֿן אַהין מיטצואַרבעטן אין דער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע. אָפֿן סמאַך פֿון איר פֿאָרשלאָג האָט די וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע באַשלאָסן מיך אַרויסצופֿאָדערן, און אין 1943 האָב איך באַקומען פֿון דעם אינסטיטוט פֿאַר געשיכטע בײַ דער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע אַן אַרויסרוף צו קומען קיין מאָסקווע. אונטערגעשריבן איז די פֿאָדערונג געווען דורכן אַקאַדעמיקער אָרבעלי.

אינגיכן בין איך מיט מײַן פֿאַמיליע אַריבערגעפֿאָרן קיין מאָסקווע.

■ ■ ■

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קינסט



צו דעם 150-טן געבורטסטאָג פון פ. מ. דאָסטאָיעווסקי

הערש רעמעניק

דאָסטאָיעווסקי און דער ניסטער

פ. מ. דאָסטאָיעווסקי שטייט ביז הײַנטיקן טאָג אין צענטער פון דער רוסישער און אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. זײַן רײַכע ירושה איז אַן אומויסשעפּלעכער קוואַל פאַר אַלע ליטעראַרישע שולן און ריכטונגען אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ווי האַלט עס מיט דער טראַדיציע און מיט דער ווירקונג פון דאָסטאָיעווסקין אין דער ייִדישער ליטעראַטור? די דאָזיקע פּראָבלעם איז נאָך ביז איצט אין דער פולער מאָס ניט געשטעלט געוואָרן.

דאָסטאָיעווסקי האָט געווירקט אַף דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָף 19־טן און אין 20־טן יאָרהונדערט. אַ געגויערע אויספאָרשונג וואָלט אָן באַזונדערע שוועריקײַטן פעסטגעשטעלט דאָסטאָיעווסקיס ווירקונג אַף די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע שרײַבער. דאָ וועל איך זיך באַגרענעצן בלויז מיט דער פּראַגע — דאָסטאָיעווסקי און דער ניסטער. דערבײַ האָב איך אין זינען ניט בלויז ענלעכע בײַ ביידע שרײַבער געשטאַלטן, טעמעס, סוזשעטן, נאָר דעריקער פּרינציפּיעלע מעטאָדאָלאָגישע, שעפערישע און קינסטלערישע צוגאַנגען, צוזאַמענהאַנגען און לייזונגען אין פּראָצעס פון דעם קינסטלערישן אָפּשפּיגלען און פאַרקערפּערן די גרינטלעכע דערשײַנונגען פונעם לעבן

וועגן דאָסטאָיעווסקין זײַנען בײַ דעם ניסטער פאַראַן ניט בלויז באַזונדערע אַרויסזאָגונגען און מיינונגען, נאָר אַ גאַנץ ווערק, קאָן מען זאָגן, אין וועלכן עס איז בוילעט, אַף אַ „גלאָבאַלן" אויפן אויסגעדריקט די באַציִונג פונעם ייִדישן שרײַבער צום רוסישן. איך האָב אין זינען דאָס פערטע קאַפּיטל „ווײַסע נעכט" אין בוך „דרײַ הויפּטשטעט", ווו דער ניסטער האָט געגעבן אַ מין היסטאָריש־פילאָסאָפישע באַטראַכטונג, אַ מין טיפע סאָציִאַלע קאָנצעפּציע פון אַמאָל און הײַנט, פון ליטעראַטור און געשיכטע, פון אידייע און קונסט. אין אָט דעם מערקווירדיקן קאַפּיטל פון דעם מערקווירדיקן, דורכויס ניסטערישן בוך, דעם ערשטן בוך, ווו דער אוטאָר שטעלט זיך פאָר ניט אַלס פאַנטאַסטישער וויזיאָנער און סימבאָליקער, נאָר אַלס רעאַליסט, איז שוין געגעבן די באַציִונג פון דעם ניסטער צו דאָסטאָיעווסקין.

אין אַ ליריש־פּאַטעטישן סטיל דערציילט דער ייִדישער קינסטלער וועגן זײַן טיפער פאַרערונג צו דעם רוסישן קינסטלער נאָך פון יוגנטווײַז אָן. און דאַפקע אַף דעם מאַטעריאַל פונעם ראָמאַן־פּאַמפלעט „רוכעס" («Бесы»), וואָס איז געווענדט קעגן דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד אין דער מיט 19־טן יאָרהונדערט, ווײַל דער ניסטער דערווײַזן, אַז קעגן די אייגענע אידייִשע מיינען (און עפשער גאָר ניט אַזוי קעגן!) האָט דאָסטאָיעווסקי געשאַפן אַ פּאַמפלעט ניט קעגן דער רעוואָליוציע, נאָר קעגן דער צאַרישער אָרדענונג.

דער ניסטער שטעלט אַוועק דאָסטאָיעווסקין אונטער דער קריטיק פון צוויי קעגנזעצלעכע לאַגערן; דאָסטאָיעווסקי זיצט אינמיטן; פון דער רעכטער זײַט זיצט דער פאָרשטייער פון דער רעאַקציע, דער אָבער־פּראָקוראָר פונעם הייליקסטן סינאָד פּאָבעדאָנאָסצעוו, וועלכער קריטיקירט דעם שרײַבער פאַר זײַן שילדערן די שוואַכקײַט פון דער צאַרישער אָרדענונג און איר אינערלעכע צעפוילטקײַט, וואָס פירט זי צו אַ קאַטאַסטראָפע. פון דער לינקער זײַט זיצט קאַראַקאָזאָוו, וועלכער האָט געמאַכט דעם ערשטן אַטענטאַט אַף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אין 1866. אין נאָמען פון דער רעוואָליוציע שטעלט קאַראַקאָזאָוו אַרויס טענות צו דאָסטאָיעווסקין פאַר זײַנע רעאַקציִאָנערע פּאָליטישע אָנשויונגען ביכלאַל, און פאַר זײַן פּאַמפלעט קעגן דער רעוואָליוציע אין ראָמאַן „רוכעס"

ביפראַט. קאַראַקאַזאָוו דערמאָנט דאָסטאָיעווסקין, אַז ער אַליין, דער שרײַבער דער פעטראַשעווער, דער אוטאָפּישער סאָציאַליסט און הומאַניסט, האָט דאָך אַזוי טראַגיש געליטן פון דעם צאַריזם. מיט אָט דער צוויי־ענדיקער קריטיק פון רעכטס און פון לינקס וויל דער ניסטער ווײַזן דעם גורל פון דאָסטאָיעווסקין, זײַן טראַגישן ווידערשפּרוך צווישן רעאַקציע און רעוואָליוציע. און עפּשער האָט דערבײַ דער ניסטער אין זינען געהאַט ניט בלויז דאָסטאָיעווסקיס טראַגישע סטירעס...

נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט דער ניסטער געוויזן, אַז דאָסטאָיעווסקי אַלס געווינישער קינסטלער האָט, ווי אַנדערע גרויסע קינסטלער אין רוסלאַנד און אין מײַרעוו־אייראָפּע, פאָרויסגעזען דעם טריומף פון דער רעוואָליוציע און פונעם קאָמוניזם. און דאָס אַנטשפּרעכט פולקאָם דאָסטאָיעווסקיס אָנשויונגען. אין די נאָטיצן צו דעם ראָמאַן „פּאָדראָסטאָק" האָט דער אווטאָר פאַרשריבן: „ווערסילאָוו וועגן דער אומפאַרמײַדלעכקײַט פון קאָמוניזם. דאָס לעבן פון מענטשן צעטיילט זיך אָף צוויי טיילן: די היסטאָרישע און די, וואָס וואָלט געדאַרפט זײַן (וואָס איז באַרעכטיקט פון קריסטוסן, וועלכער איז דערשינען אין געשטאַלט פון אַ מענטשן) — די און די אַנדערע טייל האָבן אומפאַראַנדערלעכע געזעצן. לויט די דאָזיקע געזעצן וועט דער קאָמוניזם טריומפירן (צי עס זײַנען גערעכט די קאָמוניסטן, צי שולדיק זײַנען זיי). אָבער זייער טריומף וועט זײַן דער סאַמע עקסטער דערווײַטערונגס־פונקט פון דעם הימלשן קיניגרײַך. נאָר דעם טריומף דאַרף מען דערוואַרטן"[1].

דעם ניסטערס ווענדונג צו דאָסטאָיעווסקין האָט אַ באַדײַטונג ניט בלויז אָן און פאַר זיך, ווי אַן אָפּשאַצונג, וואָס איין קינסטלער גיט דעם צווייטן. נאָך אַ גרעסערן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר די פראַגע, צי האָט דאָסטאָיעווסקי געווירקט אָף דעם ניסטערס שאַפונג. און אויך פון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז דעם ניסטערס „ווײַסע נעכט" ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש.

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען עס זײַנען געשאַפן געוואָרן „דרײַ הויפּטשטעט" מיטן קאַפּיטל „ווײַסע נעכט", האָט דער ניסטער דורכגעמאַכט אַ שאַרפן איבערבראָך אין זײַן שעפערישער עוואָליוציע. דאָס איז געווען אַ צײַט, ווען דער סימבאָליזם האָט אָנגעווירן זײַן צוביבער־כיין אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, דעריקער אין דער דיכטונג. אפילע עזראָ פינינבערג און ליפע רעזניק, וועלכע זײַנען אין די צוואַנציקער יאָרן, באַזונדערס אין דער ערשטער העלפט, געווען סימבאָליסטן, האָבן ביסלעכווײַז, ניט אָן שוועריקײַטן, זיך צעשיידט מיט אָט דעם קינסטלערישן שעפערישן מעטאָד.

שווערער ווי בא אַלע אַנדערע שרײַבער איז געווען די שעפערישע איבעראָרינטאַציע בא דעם ניסטער. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. דער ניסטער האָט דאָך באַגעגנט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע ווי אַ רײַפער קינסטלער, מיט זײַן אייגענעם שעפערישן גאַנג און מיט זײַן אָרט אין דער ליטעראַטור. פאַר צען יאָר שעפערישער טעטיקײַט (פון 1907 ביז 1917) איז דער ניסטער שוין געווען באַוווּסט אַלס סימבאָליסט און ראָמאַנטיקער מיט זײַן אייגענעם, טיף אָריגינעלן

[1] *Л. Гроссман. Достоевский. «Жизнь замечательных людей». М., 1963, стр. 441.*

סטיל, וואָס האָט אַרויסגערופן פיל ווידערשפּרעכיקע מיינונגען און אָפּשאַצונגען אין דער קריטיק.

אין דעם מאָמענט, ווען דער ניסטער איז געקומען אין דער ליטעראַטור (1907), איז דאָסטאָיעווסקיס ווירקונג געווען אַמערסטן פאַרשפרייט. ניט בלויז די סימבאָליסטן (מערעזשקאָווסקי, גיפּיוס, סאָלאָגוב, וויאַטש. איוואַנאָוו, בעלי, אפילע בלאָק) האָבן דערקלערט דאָסטאָיעווסקין פאַרן „נאָווי פון דער רוסישער רעוואָליוציע". אפילע סטאַניסלאַווסקיס און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָס רעאַליסטישער טעאַטער האָט אינסצענירט דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן „רוכעס", און דאָס האָט אַרויסגערופן גאָרקיס אַרויסטרעטונג קעגן „קאַראַמאַזאָוושטשינע" אין דער קולטור און ליטעראַטור.

אינעם ניסטערס ווערק ביז דער רעוואָליוציע („געדאַנקען און מאָטיוון", 1907, „העכער פון דער ערד", 1910, „געזאַנג און געבעט", 1912) זײַנען פאַראַן גענוג סימאָנים פון דאָסטאָיעווסקיס שעפערישע מעטאָדן און מיטלען (דאָס צונויפפאָרן פאַנטאַסטיק און רעאַליטעט, הײַנטצײַטיקײַט און היסטאָרישע פאַרגאַנגענהײַט, אינדיווידואַליזם און פאָלקסטימלעכקײַט. גראָבלעך־נאַטוראַליסטישע, אפילע פאָרנאָגראַפישע בילדער מיט דורכויס גײַסטיקע, איראַציאָנעלע באַגריפן און אַסאָציאַציעס). דאָך וואָלט געווען קאָמפּליצירט צו אַנטפּלעקן די געמיינזאַמע שטריכן בא ביידע שרײַבער אין דעם ניסטערס שאַפן ביז דער רעוואָליוציע, אָף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן פאַרשיידענע זשאַנרען (בא דאָסטאָיעווסקין — פּראָזע, בא דעם ניסטער — דיכטונג). מער באַקוועם איז פעסטצושטעלן אָט די שעפערישע פאַרבינדונג צווישן ביידע שרײַבער אָף דעם ניסטערס שאַפונג נאָך דער רעוואָליוציע, ווען ער איז אַריבער פון דיכטונג צו פּראָזע, און, באַזונדערס אָנהייבנדיק פונעם ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער", ווען ער האָט זיך געזעגנט מיטן סימבאָליזם.

דעם ניסטערס ווענדונג צו דאָסטאָיעווסקין אין די „ווײַסע נעכט" איז פאַרבונדן מיט זײַן נײַעם שעפערישן מעטאָד און מיטן אַריבערגיין צום זשאַנער פון ראָמאַן. דאָס איז געווען אַ נײַער עטאַפּ אין ניסטערס שעפערישער עוואָליוציע[1], וואָס האָט געפּוּר

[1] די פעריאָדיזאַציע פונעם ניסטערס שאַפן איז ביז איצט ניט פעסטגעשטעלט. דער ייִסראָעלישער ליטעראַטור־פאָרשער כ. שמערוק מערקט אָן צוויי פעריאָדן: 1) פון 1907 ביז 1929 און 2) פון 1929 און ווײַטער. די דאָזיקע פעריאָדיזאַציע רופט אַרויס דערווידערונגען, אָף וויפל עס ווערט גענומען אין אַכט בלויז דער סימבאָליסטישער און ניט־סימבאָליסטישער אויפן פונעם שרײַבערס שאַפן; דערבײַ ווערט איגנאַנצן איגנאָרירט אַזאַ „קליינינקײַט", ווי די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וואָס איז געווען גורלדיק פאַר דער שאַפונג פונעם ניסטער, ווי פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור. איך מיין, אַז ריכטיקער וועט זײַן אַזאַ פעריאָדיזאַציע: 1) 1907—1917 — דאָס ערשטע יאָרצענדליק ביז דער רעוואָליוציע, וואָס אים אַנטשפּרעכט דעם ניסטערס סימבאָליסטישע דיכטונג; 2) 1918—1928 — דאָס ערשטע יאָרצענדליק נאָך דער רעוואָליוציע, וואָס אים אַנטשפּרעכט דעם ניסטערס סימבאָליסטישע פּראָזע; 3) פון 1929 און ווײַטער, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דעם ניסטערס רעאַליסטישע פּראָזע.

נען דעם העכסטן אויסדרוק אין דעם ראָמאַן „די מישפּאָכע מאשבער”.

ווי ס׳איז צו זען פון דעם ניסטערס בריוו צו זײַן ייִנגערן ברודער קיין פּאַריזש (1934), האָט ער פאַרטראַכט דעם ראָמאַן אין אָנהייב 30־ער יאָרן, ווען ער האָט איבערגעלעבט היפּשע מאַטעריעלע און מאָראַלישע שוועריקײַטן. מיטן פולן באַוווסטזײַן, אַז דאָס איז א נײַער עטאַפּ אין זײַן שאַפן, האָט דער ניסטער געשריבן:

„דאָס, וואָס איך האָב געשריבן ביז איצט, איז בא אונדז אינגאַנצן אָפּגעפרעגט. די דאָזיקע סכוירע איז גאָר געפאַלן. דער סימבאָליזם האָט קיין אָרט ניט אין ראַטנרוסלאַנד, און איך, ווי דיר איז באַוווּסט, בין פון טאָמיד אָן א סימבאָליסט; אַריבערגיין פון סימבאָליזם צו רעאַליזם איז פאַר אַזאַ מענטשן, ווי איך, וועלכער האָט א סאַך געהאָרעוועט צו מאַשלים זײַן זײַן מעטאָד און דעם אופן פון שרײַבן, — זייער שווער. דאָס איז ניט קיין פראַגע פון טעכניק, דאָ מוז מען אַזוי ווי אַפּסנײַ געבוירן ווערן, דאָ מוז מען איבערקערן די נעשאָמע אַף דער אַנדערער זײַט.

איך האָב געמאַכט א סאַך פּרוּוון. די ערשטע צײַט האָט זיך גאָרניט אײַנגעגעבן. איצט, דאַכט מיר, בין איך אַרוף אַף א וועג. איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן א בוך, וועלכער איז, לויט מײַן מיינונג און לויט דער מיינונג פון נאָענטע באַקענטע, וויכטיק. איך וויל אָט דעם בוך ווידמען אַלע מײַנע קויכעס. עס האַנדלט זיך וועגן מײַן דאָר, — פון דעם, וואָס איך האָב געזען, געהערט, איבערגעלעבט און אויסגעפאַנטאַזירט. ביז איצט איז מיר געווען שווער צו שרײַבן ביכלאַל, ווײַל די גאַנצע צײַט איז בא מיר אַוועק אַף צו פאַרדינען אַף די הויצאָעס. פון די פריִערדיקע זאַכן האָב איך ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען אַפילע קיין איין קאָפּקע. און איצט, אַז די ביכער־פאַרלאַגן זײַנען אַריבערגעפאָרן פון כאַרקאָוו קיין קיִעוו, האָט זיך געענדיקט אויך די טעכנישע אַרבעט. און שרײַבן מײַן בוך מוז איך; אויב ניט, בין איך אויס מענטש; אויב ניט, ווער איך אויסגעמעקט פון דער ליטעראַטור און פון לעבעדיקן לעבן. ווײַל וואָס הייסט א שרײַבער, וועלכער שרײַבט ניט, פאַרשפּאָר איך דיר זאָגן. דאָס הייסט, ער עקזיסטירט ניט, ער איז ניטאָ אַף דער וועלט”.

„מײַן גוירל איז איצט געוואָרפן אַף דער קאָרט — איך בין שוין א בען כאַמישים (א גענוג רײַפער עלטער) — אַרבעטן איבער דער זאַך וויל איך זייער און זייער...”

דער ניסטער האָט פאַרשטאַנען, אַז זײַן „גוירל איז געוואָרפן אַף דער קאָרט”, אַז ער שטייט פאַר אַן איבערבראָך, פאַר א שאַרפן קער, וואָס איז גוירלדיק פאַר זײַן גאַנצן שאַפן. די שפּורן פון די אינערלעכע גײַסטיקע שעפערישע קאַמפן און אָנשטרענגונגען, וואָס דער ניסטער האָט געמאַכט אין אָט די איבערבראָך־יאָרן, זעען זיך בוילעט אינעם פאָרוואָרט צו דעם ראָמאַן „די מישפּאָכע מאשבער”, ווו דער אווטאָר שרײַבט:

„מיר איז געווען גאַנץ שווער אופצוּוועקן, אופצולעבן און מאַכן זיך באַוועגן יענע פאַרשוינען, וואָס ווירקן אין דעם בוך”[1].

אָבער די דאָזיקע שוועריקײַטן האָט דער שרײַבער דערפאָלגרײַך גויווער געווען. דאָס איז געווען ניט קיין קאָניונקטורישע צופּאַסונג, נאָר א מוטיקע שעפערישע איבעראָריִענטאַציע פון א גרויסן קינסטלער, וועלכער האָט זיך געלאָזט אַף נײַע וועגן, זיך פאַרפעסטיקט אַף פּרינציפּיעל נײַע עסטעטישע פּאָזיציעס.

„כ׳האָב, שרײַבנדיק דעם בוך, זיך געהאַלטן בא יענעם מעטאָד פון קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס באַטײַט דאָס זעלבע, וואָס געטעס באַוווּסטער געבאָט: „מאָל, מאָלער, און שווײַג”, — מיט דער זיכערקײַט, אַז דאָס געדאַרפטע, דאָס פאַר אונדז געוווּנטשענע, די טענדענץ אונדזערע, וועט קומען פונעם עצעם געטרײַען מאָלן, דה. פון דער אינערלעכער לאָגיק פון די גוירעס פון אַזוינע פאַרשוינען...”[1]

דער ניסטער זאָגט דאָ ניט, אַז ער האָט זיך געהאַלטן באַם מעטאָד פון סאָציִאַליסטישן רעאַליזם, און דאָס ווערט אין אייניקע אַרבעטן וועגן דעם ראָמאַן באַטראַכט ווי א מין קעגנשטעלונג צו דעם מעטאָד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. דער שוין דערמאָנטער ייִסראָעלישער פאָרשער כאָנע שמערוק שרײַבט:

„פונעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז פּילבאַדײַטנדיק די אָפּנייגונג פונעם ניסטער, וועלכער באַנוצט זיך ניט מיט די אָנגענומענע און פאַרפליכטנדיקע אין ראַטנפאַרבאַנד טערמינען, ווי „קריטישער רעאַליזם” און „רעאַליזם סאָציִאַליסטישער”, וואָס זײַנען באַקומען געוואָרן פון גאָרקין, נאָר ער באַשטימט זײַן שיטע אַלס „רעאַליזם קינסטלערישער”[2].

די דאָזיקע טײַנעס האָבן ניט אונטער זיך קיין גרונט, אַף וויפל דער סאָציִאַליסטישער רעאַליזם איז ניט קעגנגעשטעלט דעם קינסטלערישן רעאַליזם. פאַרן ניסטער איז אין דעם פאַל וויכטיק געווען דער אַריבערגאַנג פון סימבאָליזם צו רעאַליזם. ווייניקער פון אַלץ האָט אים אינטערעסירט די „טערמינאָלאָגיע” אַרום דעם רעאַליזם.

ניסטערס ראָמאַן „די מישפּאָכע מאשבער” שליסט זיך אײַן אין דעם מין ליטעראַטור פון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט, וואָס גיט די כראָניק פון אַן אונטערגייענדיקער גווירישער מישפּאָכע. דער דאָזיקער זשאַנער פון א מישפּאָכע־כראָניק האָט שוין א טראַדיציע אין דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור (לעמאָשל, טאָמאַס מאַן „בודענבראָאָקס”), אין דער רוסישער (מאַקסים גאָרקיס „דאָס געשעפט פון די אַרטאַמאָנאָווס”) און אין דער ייִדישער (דאָוויד בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען” און „באַם דניעפּער”).

אין ניסטערס ראָמאַן איז ניט שווער צו באַמערקן באַשטימטע קרויווישע שטריכן מיט אָט די אָנגערופענע (און ניט אָנגערופענע) ווערק, וועלכע האָבן זיכער אַזוי אָדער אַנדערש געקאָנט ווירקן אַפן אווטאָר פון דער כראָניק „די מישפּאָכע מאשבער”. דאָך מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז נעענטער צו דעם ניסטער איז דער רעאַליזם ניט פון אָט די דערמאָנטע שרײַבער, נאָר דאָסטאָיעווסקיס רעאַליזם, און באַזונדערס דער רעאַליזם פון דער מישפּאָכע־כראָניק „די ברידער קאַראַמאַזאָווס”.

---

[1] דער ניסטער. די מישפּאָכע מאשבער. מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס”, מאָסקווע, 1941. ז. 3;

---

[1] דאָרטן.

[2] דער נסתר. הנזיר והגדייה. ירושלים, 1963 (דער ניסטער. דער נאָזיר און דאָס ציגעלע. יערושאָלאיִם, 1963. אַרײַנפיר פון כאָנע שמערוק, זז. 9—52).

דעם ניסטערס מישפּאָכע־כראָניק איז נאָענט צו דאָסטאָיעווסקיס, פריִער פאַר אַלץ, מיט דער שילדערונג פון שאַרפע סימפּטאָמען פון צעלייגונג און דעגענעראַציע אין דער ייִדישער גווירישער מישפּאָכע און אין דער רוסישער. דער פּראָצעס פון דעגענעראַציע דרינגט דורך ניט בלויז אַזעלכע געשטאַלטן, ווי פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש קאַראַמאַזאָוו און סמערדיאַקאָוו אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק און אַלטער מאַשבער אין דעם ניסטערס. אַלע פּערסאָנאַזשן, די פּאָזיטיווע און די נעגאַטיווע (איוואַן קאַראַמאַזאָוו, דמיטרי קאַראַמאַזאָוו, אַפילע אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו — בײַ דאָסטאָיעווסקין, און אַלטער מאַשבער, מוישע מאַשבער, זײַנע קינדער, אַפילע לוזי מאַשבער — בײַ דעם ניסטער) טראָגן אין זיך אויסערלעך און אינערלעך אויסגעשפּראָכענע פיזישע און גײַסטיקע שפּורן פון אומפאַרמײַדלעכער צעפאַלונג. דעם ניסטערס ראָמאַן הייבט זיך אָן דערמיט, וואָס מוישע מאַשבער זעט אין כאָלעם זײַן געשטאָרבענעם פאָטער און אונטערן רוישעם פון אָט דעם כאָלעם באַשליסט ער פאַרגרייטן זיך טאַכריכים און אַן אָרט אויפן בעסוילעם. דער דאָזיקער צעפוילונגס־פּראָצעס איז אין די ווערק סײַ פונעם רוסישן און סײַ פונעם ייִדישן שרײַבער געוויזן אַזוי שאַרף אויפן גוירל פון די באַזונדערע געשטאַלטן, אַז ער ווערט אין באַוווסטזײַן פונעם לייענער אַריבערגעטראָגן אויפן גוירל פון אַן אונטערגייענדיקן סאָציאַלן סיידער, פון אַן אומקומענדיקער וועלט. די צעפאַלונג פון דער מישפּאָכע קאַראַמאַזאָוו און פון דער מישפּאָכע מאַשבער איז געזעצמעסיק, אומפאַרמײַדלעך און סימבאָליש.

שוין דאָס אַליין וואָלט גענוג געווען אויף צו באַטראַכטן ביידע ראָמאַנען אַלס קרוויוישע. אָבער דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצן און אַפילע ניט דער איקער. ריידנדיק וועגן אַלגעמיינע מאָמענטן אין דאָסטאָיעווסקיס און דעם ניסטערס שאַפונג, האָב איך אין זינען קרוויועשאַפט אין סטיל פון ביידע שרײַבער, אין זייער פּאָעטיק, אינעם גאַנצן עסטעטישן קינסטלערישן גאַנג פון זייער פּראָזע.

דאָסטאָיעווסקי האָט אַמאָל פאַרשריבן אין זײַן נאָטיץ־ביכל פאָלגנדיקע שורעס וועגן די גרונט־אייגנשאַפטן פון זײַן רעאַליזם:

„בײַ דעם פולשטענדיקן רעאַליזם געפינען אין אַ מענטשן דעם מענטשן... מיך רופט מען פּסיכאָלאָג: ניט עמעס, איך בין בלויז אַ רעאַליסט, אַ רעאַליסט אין העכסטן זין, דאָס הייסט, איך מאָל די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע"[1].

די דאָזיקע ווערטער פונעם שרײַבער וועגן זײַן רעאַליזם „אין העכסטן זין" און וועגן מאָלן „די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע", אַלס די גרונט־אייגנשאַפטן פון זײַן שאַפונג, האָבן געדינט אַלס אָריִענטיר־פּונקטן פאַר אַלע פאָרשער פון דאָסטאָיעווסקיס ווערק. לעאָניד גראָסמאַן און מ. באַכטין באַטראַכטן דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן אַלס אַן עטאַפּ אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור[2]. לויט דער מיינונג פון אָט די פאָרשער האָט דאָסטאָיעווסקי געשאַפן אַ נײַע סטרוקטור און אַ נײַע פּאָעטיק פון קינסטלערישער פּראָזע, וואָס באַשטייט אין דיאַלאָגיזם אָדער פּאָליפאָניזם. צום אונטערשייד פונעם מאָנאָלאָגישן ראָמאַן בײַ ל. טאָלסטאָי, טורגעניעוו, גאָנטשאַראָוו, וועלכע געוועלטיקן דורכויס איבער די געשטאַלטן פון זייערע ווערק, פירן אָן מיט זייער האַנדלונג, לייגן זיי אַרײַן אין מויל די אַנטשפּרעכיקע רייד, זײַנען דאָסטאָיעווסקיס געשטאַלטן זעלבשטענדיק אין זייערע אידייען, אין זייער פּסיכאָלאָגיע, אין זייער האַנדלונג און אין זייערע רייד. בײַ טאָלסטאָיען, טורגעניעוון, גאָנטשאַראָוון זײַנען די קאָנפליקטן און קאָנטראַסטן אין ראָמאַן, די צוזאַמענשטויסן און ווידעראַנאַנדן אַן אויסדרוק פונעם אווטאָרס ווילן, פון זײַנע לײַדנשאַפטן. בײַ דאָסטאָיעווסקין זײַנען די קאָנפליקטן אין ראָמאַן דיִאַלאָגיש, די אידייען זײַנען ניט די אידייען פונעם אווטאָר, נאָר פון די געשטאַלטן. לויט דעם געלונגענעם אויסדרוק פון ל. גראָסמאַן זײַנען דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען לויט זייער סטרוקטור געבויט מוזיקאַליש, לויטן פּרינציפּ פון קאָנטראַפּונקט; אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק הערן זיך די קוילעס פון די העלדן, וועלכע ווילן איבערשרײַען איינער דעם צווייטן אין זייערע זוכונגען, אין זייערע שטרײַטן. פונדאַנען — דער דראַמאַטיזם, דער דיִאַלאָג, די פילשטימיקײַט, דער פּאָליפאָניזם פון זײַנע ווערק; דאָסטאָיעווסקי פירט צונויף אַנטיפּאָדישע און אַנטאַגאָניסטישע קויכעס און געשטאַלטן און לאָזט זיי אויסשרײַען זייערע אידייען. ער שטויסט צונויף ראַסקאָלניקאָוון מיט פּאָרפיריען, ראַסקאָלניקאָוון מיט סווידריגײַלאָוון, מיט לוזשינען, איוואַן קאַראַמאַזאָוון מיט סמערדיאַקאָוון, דעם פירשט מישקין מיט ראָגאָזשינען. אַפילע אינערלעך, אין דער נעשאָמע פון איין גאָליאַדקינען קעמפן אָן אויפהער דיִאַמעטראַל קעגנזעצלעכע פּסיכאָלאָגישע שטימונגען און לײַדנשאַפטן.

דעם ניסטערס ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער" איז לויט זײַן פּאָעטיק און סטרוקטור אַ „דיִאַלאָגישער", אַ פּאָליפאָנישער ראָמאַן אין סטיל פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען. לויטן מעטאָד פון דאָסטאָיעווסקין שטויסט אויך דער ניסטער צונויף פאַרשיידענע און קעגנזעצלעכע אידייִשע טענדענצן, פאַרקערפּערטע אין בוילעטע כאַראַקטערן פון לעבעדיקע געשטאַלטן.

דער אויסגעשפּראָכנסטער אידייען־זוכער אין דער „מישפּאָכע מאַשבער" איז לוזי; פּונקט ווי איוואַן קאַראַמאַזאָוו, אָדער ראַסקאָלניקאָוו, אָדער דער פירשט מישקין אין דאָסטאָיעווסקיס אַנטשפּרעכיקע ראָמאַנען („די ברידער קאַראַמאַזאָווס", „פאַרברעכן און שטראָף", „אידיִאָט"), קומט לוזי אין צוזאַמענשטויס מיטן „מאָרע דעאַסראָ" רעב דודין, מיט מיכל בוקיער און אַפילע מיטן אייגענעם ברודער מוישע מאַשבער. און די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן זײַנען אידעאָלאָגישע. זיי זײַנען שאַרף און דורכדרינגלעך, ווי אַ שווערדן־געפעכט. אָט איז אַ בײַשפּיל. לוזי גיט צו וויסן דעם ברודער מוישע, אַז ער האָט פאַרלאָזט די כסידיש־צאַדיקישע הויפן און דראָכים און איז „געקומען אין אַ נײַעם בונד, אין אַ פעסטן, מיט די גײַסטיק־פעסטע פון דעם הייליקן רעבן רעב נאַכמען, דאָס אייניקל פון באַלשעמטאָוו... וואָס ווערט אָנגערופן „דער בראַסלעווער".

אויף דעם באָדן קומט פאָר אַ שאַרפער וויקועך צווישן די ברידער מאַשבער: „— ער פאַרשטייט נישט און הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, אַז בעסאַכאַקל, ווער

[1] «Биография, письма и заметки из записной книжки Ф. М. Достоевского». СПБ, 1883, стр. 373.

[2] Леонид Гроссман. Достоевский. М., 1925; Леонид Гроссман. Путь Достоевского. Л., 1924; М. Бахтин. Проблемы поэтики Достоевского. М., 1963.

זײַנען זיי? ווי קומט לוזי גאָר צו „זיי" און „זיי" — צו לוזין? — ער — ער, און „זיי" — באַלמעלאָכעס — אַמעראַצים. אזוי אין N זאָגט מען און אזוי אויך אומעטום. איז פאַרוואָס עפּעס בא דער גאַנצער וועלט דער שעקער, און בא „זיי", גראָד בא „זיי" דער עמעס?

לוזי האָט דעם ברודערס אופגערודערטקײַט באַמערקט און מיטן זעלבן טאָן, וואָס יענער, ניט געוואָלט אים אָפּענטפערן. ער האָט אויסגעזען און זיך געפילט, ווי א פול באַלאָדענע שיף, וואָס זיצט אין טיפע וואַסערן און וואָס מעג זיך א זיכערן און רויקן גאַנג פאַרגינען. ער האָט דערום נאָר געזאָגט:

— און אז באַלמעלאָכעס, איז וואָס? און אז אמעראַצים? זײַנען דען, כאָלילע, אמעראַצים קיין ייִדן ניט? ס'איז דאָך נאָר, וואָס זייער דערעך געפעלט אים ניט, איז זאָל ער ריידן פון זייער דערעך און ניט פון זיי"[1].

דעם כאַראַקטער, די פּסיכאָלאָגיע, דעם אינערלעכן טאָך און די נעשאָמע פונעם מענטשן, „דעם מענטשן אינעם מענטשן", ווי עס דריקט זיך אויס דאָסטאָיעווסקי, קאָן מען דערקענען אין דער „דיאַלאָגישער", אין דער פּאָליפאָנישער פילשטימיקײַט פון די פּערסאָנאַזשן.

אָט איז נאָך א בײַשפּיל פון אזא שאַרפן דיאַלאָג, אן אידייען־צוזאַמענשטויס צווישן לוזין און רעב דודין, וועלכער האָט אַרויסגערופן לוזין צו זיך, קעדיי אים וואָרענען פאַר דער „אונטערײַסערישער" אַרבעט צווישן די בראַסלעווער כסידים אין דער שטאָט N:

„— צי ווייסט ער, — האָט ער בא לוזין א פרעג געטאָן, — ווי ווײַט שטאָט איז אופגעבראַכט אָף אים, און אז אָף אים, אָף רעב דודין, ווי אָפן מאַראָ דעאַסראָ, איז דער כיווו אים דאָס פּירצוהאַלטן און צו וואָרענען.

— ער ווייסט, — האָט לוזי געענטפערט, — און איינע א וואָרענונג האָט ער שוין הײַנט באַקומען.

— פון וועמען?

— פון א שטיין, וואָס מע האָט אים הײַנט, ערשטאָ, אָפּדערנאַכט, דורכן פענצטער אין שטוב אַרײַנגעטראָפן"[2].

דער דיאַלאָג, די רעפּליק, דער אינערלעכער מאָנאָלאָגישער דיאַלאָג ווערן די גרונט־יעסוידעס פון דער פּאָעטיק און פון דער סטרוקטור אין ניסטערס פּאָליפאָנישן ראָמאַן. א צווייטער פּרינציפּ אין דער פּאָעטיק פון אָט דעם מין ראָמאַן איז דאָס צונויפּאָרן, ריכטיקער — קעגנשטעלן קאָנטראַסטירנדיקע דערשײַנונגען ניט בלויז אין דער אידיי, אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די געשטאַלטן, נאָר אויך אין די אומשטענדן, אין די לעבנס־דערשײַנונגען.

אין דעם ניסטערס ראָמאַן ווערט בולעט פאַרווירקלעכט דער פּרינציפּ פון אמביוואַלענטקײַט, ווען עס שטויסן זיך צונויף דאָס שיינע און דאָס מיעסע, דער גוויר און דער קאַפּצן, דער אמעראַצישער אויסוואָרף מיטן ראַוו, די אונטערוועלט־טיפּן מיט דער אינטעליגענץ, די גאַסן־פרוי מיט דער איידעלער, אויסגעכאַליעטער, אויסגעפּוצטער גיטעלע מאַשבער.

באַזונדערס אינטערעסאַנט אין דעם זין איז דאָס געשטאַלט פון סרולי גאָל, וואָס איז אינגאַנצן נײַ אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין אים זײַנען פאַרקערפּערט נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע שטריכן פון דער ייִדישער און אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. דורך אים, סרולי גאָל, ווערט „צונויפגעפּערט א וואַנט מיט א וואַנט" און דורך אים ווערן זיי צעשיידט. איבער אים צעקריגן זיך די ברידער מאַשבער, און ער טאַקע פירט זיי צונויף. אים טרײַבט אַרויס מוישע מאַשבער פון דער שטוב, און גאָר אינגיכן פאַרקויפט ער אים די זעלבע שטוב, פונוואַנען ער האָט אים ניט לאַנג צוריק אַרויסגעטריבן. ער איז אן אַרײַנגייער אין די הײַזער פון די גווירים, וועלכע האָבן אים פײַנט און האָבן פאַר אים מוירע. ער איז דער פאַרבאָרגענער שטיצער פון אָרעמעלײַט און לוזי מאַשבערס נויסע־קיילים. דאָס איז א מין שעקספּירישער לעץ, וואָס בלויז אים איז דערלויבט זאָגן דעם עמעס און אָפּשפּעטן פונעם קיניג און די הויפלײַט. סרולי גאָל איז א טיפּיש געשטאַלט פונעם שעלמען־ראָמאַן.

באַם ראַוו רעב דודין טרעפן זיך ראַבאָנים, שאָכטים, דרייער, שטאָטישע קאָהלפּעל, דער גוויר יאַנקעוו־יאָסי איילבירט, אָבער אויך זכאַריע דער שענקער, וואָס האָט זײַן שענק געהאַלטן אינמיטן יאַטקע־מאַרק פאַר קאַצאָווים, העקער, מאַפּשיטים „און אַנדערע ענלעכע" און איז „שנעל און פלינק געוועזן בײַס שענק־ און שטאָט־מאַכלויקעס און קריגערײַען". און ס'איז געוועזן בא רעב דודין אויך דער צווייטער שענקער יוינע, וואָס „האָט געהאַלטן די שענק א ביסל ווײַטלעך, אָפּן וועג, וואָס פירט אַזש צום בעס־סוילעם, וואָס אהין פלעגן זיך, אמערסטן אין די אָפּדערנאַכטן, צונויפגיין העפקער־כעווראַ, ווי קאָרטנוואָרפער, טויבן־לאָזער, האַלבע און גאַנצע גאַנאָווים און „קייסאָרים", ווו זיי פלעגן זיך דאָרט פילן גאַנץ פרײַ און א שטיק זייער העפקער קאָנען אויסבערגענען אי אין שטילע געריידערײַען וועגן זייערע געוויסע פינצטערלעכע אסאָקים, אי אויך אין מער אָפענע רייד וועגן לינקע ליבעס, וועגן מוידן, וואָס הײַנט־מאָרגן דאַרפן ווערן אמען, און וועגן פאַרשיידענע „וואַסערלעך" און אַנדערע מיטלען, וואָס מ'באַנוצט זיי צו ליבע, וויאזוי מ'דאַרף מיט זיי „אָפּטאָן", אז דעם צווייטן צאַד — דעם יונג אָדער די מויד — זאָל דער שלאַק כאַפּן און ס'זאָל אים אָדער זי ווי מיט שטריק ציִען, ביז קראַפּירן". און ס'איז געקומען צום ראַוו רעב דודין אויך בראָכע די „באַנדערקע", ווי מע פלעגט זי רופן, — „נישט דערפאַר, וואָס איר מאַן א באַנדער, נאָר דאָס איז א שאַנד־נאָמען, וואָס שטאַמט פון איר שענדלעכער פאַרנאָסע", פאַר דעם „הײַזל מיט „מיידן־פרויען", וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר די נויטבאַדערפטיקע מאַנצבלען.

די דאָזיקע אמביוואַלענטקײַט, דאָס צונויפקייטלען, צונויפבינדן, איבערפלעכטן, כ'וואָלט געזאָגט — אַנרייצן אינערלעך (און אויסערלעך) פײַנטלעכע, פּאָטענציעל (און אָפן) קעגנגעשטעלטע דערשײַנונגען, אנטיטעטישע שפּראַכלעכע אויסדרוקן, באַגריפן און בילדער, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דאָסטאָיעווסקיס פּראָזע און אויך פאַר דעם ניסטערס ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער".

דער דריטער פּרינציפּ פון דאָסטאָיעווסקיס פּאָליפאָנישן ראָמאַן, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט אויך אין דעם ניסטערס ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער", קאָן מען באַשטימען מיטן טערמין פּאָלקלאָריזם, פּאָלקס־

[1] דער ניסטער. די מישפּאָכע מאַשבער. מאָסקווע, 1941, ז. 62; [2] דאָרטן, ז. 428.

סטיכישקײַט, מאַסנדיקײַט, אָדער, ווי עס רופט דאָס אָן מ. באַכטין, קאַרנאַוואַליזאַציע. אין דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען און אין „מישפּאָכע מאַשבער" ווערן ברייט געשילדערט יאַרידן, פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען, מאַסנדיקע אופֿברויזן, גאַסן־צוזאַמענשטויסן, אין וועלכע עס צעגיסן זיך ברייט די סטיכישע אינסטינקטן, די האַמוינישע אומגעצוימטע לײַדנשאַפֿטן. קאַרנאַוואַליזאַציע איז א גרונט־פּרינציפּ אין דער פּאָעטיק פֿון א ריי ווערק אין דער רוסישער און וועלטליטעראַטור, ווען דער אַווטאָר וויל געבן איבערבראָךמאָמענטן אין לעבן פֿונעם פֿאָלק, ווען ער טראָגט צוליב דעם אַריבער די האַנדלונג פֿון די שמאָלע גרענעצן, פֿון די צימערן, קאַבינעטן, אַלקאָוון — אַף דער גאַס, אַפֿן פּלאַץ, אין די טראַקטירן, אין די פֿאָרשטעט, אין די ליקן און ליקלעך, וווּ עס וווינען און לעבן די „אָרעמע און פֿאַרשטויסענע", אין די קעלערס און טרושטשאָבעס פֿון די פֿאַרוואָרלאָזטע, פֿאַריאָגטע „דנאָ"־מענטשן, דעקלאַסירטע, „אָרעמע און פֿרײַלעכע". אָט דער „טרושטשאָבישער רעאַליזם", די קאַרנאַוואַליזאַציע גלײַכט אויס אַלעמען, דאָ איז ניטאָ קיין אָרט פֿאַר אַריסטאָקראַטישקײַט און ייִכעס, דאָ הערשט דאָס שאַרפֿע זידלוואָרט, די פּלעבעייִשע אַמכאָדיקײַט, די פּראָפֿאַנאַציע פֿון דעם איידעלן, די פֿרײַע פֿאַמיליאַרישקײַט אין די באַציִונגען און קאָנטאַקטן צווישן מענטשן, דאָ, אין די „קוילער־געסלעך", טריומפֿירן, ווי עס ווײַזט שאָלעם אַש אין זײַן קלאַסיש ווערק, די דרײַ פּייען (פּישער, פֿליישער, פּורמאַנעס) און ניט די „אויסגעווייקטע ייִדן", עס הערשט דער סאָציִאַל ניט דיפֿערענצירטער האַמוין־מענטש מיט געזונטע געפֿילן, מיט אומגעצוימטער לײַדנשאַפֿט, און עס האָט קיין האַפֿט ניט דער קולטיווירטער אינטעלעקט.

אָט דער „טרושטשאָבנע רעאַליזם" פֿאַרנעמט אין דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען גאָר אַן אָנגעזעען אָרט. די ערשטע שורעס פֿונעם ראָמאַן „פֿאַרברעכן און שטראָף" גיבן גלײַך אַזאַ בילד:

„אָנהייב יול, אין א גאָר הייסער צײַט, פֿאַרנאַכט, איז א יונגערמאַן אַרויס פֿון זײַן קאַמאָרקע, וועלכע ער האָט געדונגען בא די אײַנוווינערס פֿונעם סטאָליאַר־געסל בא דעם פּלאַץ סענאַיאַ, אַף דער גאַס" (מײַן אונטערשטרײַכונג. — ה. ר.).

פֿונעם ענגן צימערל — אַף דער גאַס — אַזאַ איז ראַסקאָלניקאָווס וועג.

און באַלד הייבט זיך אָן דער „פּייזאַזש" פֿון דער גאַס:

„אַף דער גאַס איז געווען א שרעקלעכע היץ, דערצו נאָך א שטיקעניש, א שטופּעניש, אומעטום קאַלך, ציגל, שטויב און יענער באַזונדערער זומערדיקער געשטאַנק, וואָס איז אַזוי באַקאַנט יעדן פּעטערבורגער טוישעוו, וועלכער האָט ניט קיין מעגלעכקײַט צו דינגען א דאַטשע, — דאָס אַלץ האָט מיטאָמאָל דערשיטערט די אַזוי אויך אויפֿגערודערטע נערוון פֿונעם יונגן מענטשן. דער אומדערטרעגלעכער געשטאַנק פֿון די טרינק־הײַזער, וואָס זײַנען באַזונדערס א סאַך פֿאַראַן אין אָט דעם טייל פֿון דער שטאָט, און די שיקורים, וואָס האָבן זיך דאָ געטראָפֿן אַלע רעגע, האָבן פֿולער געמאַכט דעם עקלהאַפֿטן און טרויעריקן קאָלאָריט פֿון אָט דעם בילד".

און אָט איז א באַשרײַבונג פֿונעם „דריטן רינג" אַף די ערשטע זײַטלעך פֿון ניסטערס ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער":

„דאָרט וווינען שלעגערס, „קייסאָרים" און גאַלאַנטאַנעס, וואָס שלאָגן, אויב מע דינגט זיי, — אַף „טרוקן", אַף „נאַס", אַף ביינער ברעכן און אַף ביז קראַנק אַוועקלייגן". „דאָרט וווינען גאַנאָווים און נעווייִם פֿון גאַנאָווים". „דאָרט וווינען ייִדישע שטריקלדרייער און ניט־ייִדישע כאַזירניקעס. דאָרט וואַקסן מוידן מיט פֿולע בוזעמס, און שלאַנקע טויבן־יונגען — קינפּטיקע שלעסער־ברעכער, „שניפּער", „מערעווייכער", בײַטעלעך־ און שלענגל־ציִער. אַהין ברענגט דער היצל די הינט אָפּצושינדן. אַהין — א בינדיוזשניק זײַן שקאַפּע די געפֿאַלענע, — דאָס פֿלייש פֿאַר די הינט, און די פֿעל צו פֿאַרקויפֿן. דאָרט די מערסטנטייל מאַפּשיטים — ווײַל ניט ווײַט פֿון דאָרט איז דאָס שעכטהויז; דאָרט די נויסעמיטניקעס און גרעבער, ווײַל פֿון דאָרט ניט ווײַט דער בעסוילעם"[1].

קאַרנאַוואַליזאַציע, מאַסנדיקײַט, טרושטשאָביקײַט — דאָס זײַנען די אייגנשאַפֿטן פֿונעם אַוואַנטיור־ראָמאַן. דאָסטאָיעווסקי האָט צעשטערט די אָרגאַנישע אײַנהייט פֿונעם מאַטעריאַל אין דער סטרוקטור פֿון דעם קאַנאָניזירטן מאָנאָלאָגישן אָדער האָמאָפֿאָנישן ראָמאַן און האָט געשאַפֿן א נײַע קאָנסטרוקציע פֿון פּאָליפֿאָנישן ראָמאַן, אין וועלכן עס פֿלעכטן זיך צונויף פֿאַרשיידנערליי פּאָליאַרע קעגנגעשטעלטע עלעמענטן אין דערציילערישן געוועב, וואָס שליסט אײַן אין זיך פֿילאָסאָפֿישע ווידע־דערציילונגען, צונויפֿגעפּאָרט מיט קרימינעלע געשעענישן, רעליגיִעזע דראַמאַטיק — מיט פֿאַבול פֿון בולוואַר־שילדערונג און אַוואַנטיוריש־דעטעקטיווער נאָוועליסטיק. און אָט די וויכערדיקע באַוועגונג פֿונעם סוזשעטישן מאַטעריאַל האָט דאָסטאָיעווסקי אונטערגעוואָרפֿן דעם פֿילאָסאָפֿיש־אידייִשן פֿאַרטראַכט און דער פֿאַרקערפּערונג פֿון די סאַמע אַקטועלסטע פּאָליטישע געשעענישן פֿון זײַן צײַט און פֿון זײַן עפּאָכע.

דער אַוואַנטיור־סוזשעט האָט געגעבן דאָסטאָיעווסקין די מעגלעכקײַט אַרויסצורופֿן באַם לייענער פֿאַרכאַפּנדיקן אינטערעס, וועלכער האָט פֿאַרגרינגערט דאָס אַרײַנטירן זיך אין לאַבירינט פֿון פֿילאָסאָפֿישע טעאָריעס און געשטאַלטן; דער אַוואַנטיור־סוזשעט איז מער צוגעפּאַסט פֿאַר דער שילדערונג פֿון פֿאַרשטויסענע, פֿאַר די מענטשן פֿון „דעק", וועלכע ווערן געוואָרפֿן, ווי די שפּענדלעך איבער די כוואַליעס פֿון יאַם. און, צום סאָף, דער אַוואַנטיור־סוזשעט האָט אַנטשפּרעכט דאָסטאָיעווסקיס שטרעבונג אַרײַנטראָגן דאָס אויסערגעוויינלעכע און „עקסצענטרישע" אין לעבנס־געדיכטעניש, צונויפֿגיסן אין איין גוס, לויטן ראָמאַנטישן פּרינציפּ, דאָס דערהויבענע מיט גראָטעסק און דערפֿירן דאָס רעאַלע ביז די גרענעצן פֿון פֿאַנטאַסטישן.

האָגאַם דעם ניסטערס ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער" איז, צום אונטערשייד פֿון דאָסטאָיעווסקיס, געווידמעט ניט דער הײַנטצײַטיקײַט, נאָר דער פֿאַרגאַנגענהײַט, איז אָבער די סטרוקטור אין ניסטערס ראָמאַן פּרינציפּיעל און אין טאָך דער זעלבער, וואָס אין דאָסטאָיעווסקיס.

---

[1] דער ניסטער. די מישפּאָכע מאַשבער. מעלוכע־פֿאַרלאַג „דער עמעס", מ., 1941, זז. 24—25.

און נאָך איין אייגנשאפט פונעם ניסטערס ראָמאַן, וואָס פאלט צונויף מיט דער פּאָעטיק פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן. דאָס איז דאָס אָרט פון כאָלעם, די פארבינדונג פון „כאָלעם און וואָר״ אין ניסטערס און דאָסטאָיעווסקיס ווערק. די צענטראלע געשטאלטן לעבן א צווייענדיק לעבן: אין כאָלעם און אין דערווירקלעכקײַט. דאָס רעאלע באטאָגיקע לעבן פונעם מענטשן ווערט אַף א מעשׂונעדיקן אויפן צונויפגעמישט מיט באנאכטיקע כאלוימעס, קאָשמארפולע זעונגען, וועלכע זײַנען אָבער ענג פארבונדן מיט די טאָג־געשעענישן און איבערלעבונגען; דאָס באטאָגיקע און רעאלע ווערט באנאכט פאָרגעזעצט אלס אירעאלע און פאנטאסטישע.

דער „ארײַנפיר״ צו דער „מישפּאָכע־כראָניק״ אין ערשטן טייל פון ניסטערס ראָמאַן הייבט זיך פאקטיש אָן פון א גענויער באשרײַבונג וועגן מוישע מאשבערס כאָלעם. די דאָזיקע באשרײַבונג איז אינגאנצן רעאליסטיש און דורכויס סימבאָליש. איר פונקציע איז אָנצוזאָגן וועגן דעם, אז אַף מוישע מאשבער, וועלכער געפינט זיך אין סאמע זעניט, אין סאמע בלי פון לעבן, אין אוישער און אין קאָוועד, אז אַף אים רוקן זיך שוין אָן קאטאסטראָפע און אומקום. און ענלעכע כאלוימעס, וואָס זײַנען ענג פארבונדן מיט רעאליטעט, כאָלעמען זיך לוזי מאשבער, סרולי גאָל, אלטער מאשבער און אנדערע.

דעם ניסטערס „דיִאַלאָגישער״ און פּאָליפאָנישער ראָמאַן „די מישפּאָכע מאשבער״ איז סײַ לויט זײַן היסטאָרישן אינהאלט, סײַ לויט דער פאָרם אינגאנצן נאציִאָנאל און דורכויס הײַנטצײַטיק. דעם ניסטער האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצומײַדן צוויי עקסטרעמקײַטן אין דער שילדערונג פון דער כסידישער באוועגונג: די דעמאסקירונג פון כאסידיזם אין דער האסקאָלע־ליטעראטור פון 19־טן יאָרהונדערט, און די אידעאליזאציע פון כסידעס אין דער מאָדערניסטישער ליטעראטור פון 20־טן יאָרהונדערט. דער ניסטער האָט זיך שוין ניט געניײטיקט ניט אין דעמאסקירונג, ניט אין אפּאָלאָגיע. ער האָט געשילדערט דאָס בילד פונעם יידישן לעבן אַף א גאנץ ווײַטער דיסטאנץ, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט צו זײַן היסטאָריש וואָרהאפטיק און אָביעקטיוו עמעסדיק, אײַנהיטנדיק אין דער זעלבער צײַט די פערספעקטיוו אַף צוריק אין דער פארגאנגענהײַט און אַף פאָרויס אין דער צוקונפט.

דער ניסטער און דאָסטאָיעווסקי זײַנען גאנץ פארשיידענע לויט זייער כאראקטער קינסטלערישע אינדיווידואליטעטן. זיי זײַנען פארשיידן ווי שעפערישע פערזענלעכקײַטן און אויך לויט זייער נאציִאָנאלער אייגנארטיקײַט. מ. באכטין האָט דערוויזן, אז דער „דיאלאָגיזם״ און פּאָליפאָניזם פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן איז פארבונדן מיט אן אלטער טראדיציע נאָך פון דער אנטישער קלאסיק און מיט דער העלעניסטישער ליטעראטור, מיטן זשאנער פון דער גריכישער מעניפּייע, וועלכע באטראכט די אידיי ניט אלס גרייטער, איינמאָל פאר אלעמאָל אײַנגעשטעלטער מאָנאָלאָגישער, דאָס הייסט אײַנזײַטיקער, עמעס, נאָר אלס דיִאַלאָגישער צוזאמענשטויס; דער עמעס געפינט זיך ניט אין קאָפּ פון איין מענטשן, וועלכער דערקלערט דעם עמעס פאר אלע אנדערע. די אידיי פונעם עמעס קאָן דערגרייכט ווערן בלויז אלס רעזולטאט פון דיִאַלאָגישער פארבינדונג פון מענטשן צווישן זיך, און זיי אלע צוזאמען גייען צום עמעס אלס דעם ענדציל פון זייערע זוכונגען.

דער „דיִאַלאָגיזם״ און פּאָליפאָניזם פונעם ניסטערס ראָמאַן איז אויך פארבונדן מיט דער אלטער טראדיציע — אין איר נאציִאָנאלער אנטפלעקונג פונעם טאַנאַך און, באזונדערס, פונעם טאלמוד. ווײַל וואָס איז דען דער טאלמוד, אויב ניט דורכויסיקער דיִאַלאָג, דורכויסיקע דיסקוסיע, פּאָלעמיק, אויב ניט קיין טעאָרעטישע און פראקטישע פילשטימיקע, זאָל זײַן אפּילע פון איצטיקן קוק סכאָלאסטישע, באהאנדלונג, דורך וועלכער די פּאָלעמיסטן קומען צו באשטימטע אויספירן.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז דער מעהוס פוןביידע קינסטלער איז אוואדע פארשיידן: בא דאָסטאָיעווסקין — א דורכויס נאציִאָנאל־רוסישער, סלאָווישער; בא דעם ניסטער — א נאציִאָנאל־ייִדישער. בא ביידע איז דער נאציִאָנאלער אינהאלט טיף אײַנגעגלידערט אין די שארפסטע פּראָבלעמען פון דער סאָציִאַל־היסטאָרישער ווירקלעכקײַט פון זייער עפּאָכע.

צאָדעק דאָלגאָפּאָלסקי

אין ווײַסרוסלאַנד, און איך מיין, אַז ניט נאָר דאָרטן, געדענקט מען גוט צאָדעק דאָלגאָפּאָלסקין. דעם אָנדענק וועגן זיך האָט דער דאָזיקער מענטש פאַרדינט מיט זײַן לעבן און מיט זײַן בײַטראָג אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

צוערשט אַ ביסעלע ביאָגראַפיע. צאָדעק דאָלגאָפּאָלסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1879 אין שטעטעלע האָראָדאָק געוועזענע וויטעבסקער גובערניע. זײַן טאַטע, לייב דאָלגאָפּאָלסקי, אַ ייִד אַ לאַמדן, איז קעסײַדער געווען פאַרטאָן אין לערנען טוירע, און די גאַנצע זאָרג וועגן שפּײַזן און כאַוווען די זיבן קינדער איז געפאַלן אַף די פּלייצעס פון דער מאַמען. איז זי טאַקע אויסגעריסן געוואָרן, ביזוואַנען די קינדער האָבן זיך אַ ביסל געשטעלט אַף די פיס.

און דאָ איז נאָך געשען אַ גרויסער אומגליק — ס'איז אומדערוואַרט געשטאָרבן דער טאַטע. אָט אַזוי, — אוועקגעגאַנגען אינדערפרי אין מיקווע אַרײַן און זיך ניט אומגעקערט. מע האָט געטײַנעט, אַז לייב איז דאָרט פאַרטשאַדעט געוואָרן. איז ביילע, דאָס ווײַב זײַנס, געבליבן מיט די זיבן קינדער אין איר אָרעם שטיבל מיט דעם אײַנגעהויקערטן גאַנעקל און איבערגעקאָסיטע פענצטער.

שכיינים האָבן גענומען אייצענען:

— ביילקע, שיק זיי אַפּ צו די קרויווים, וועסט דאָך אומקומען מיט זיי פון הונגער.

מיט ווייטעק אין האַרצן האָט די אַלמאָנע אוועקגעשיקט די קינדער — וועמען קיין וויטעבסק, וועמען קיין פּערם. דער צוועלפיאָריקער צאָדעק איז אוועקגעפאָרן צו די קרויווים קיין נעוועל. מע האָט זיך דערבאַרעמט איבערן ייִנגל, אײַנגעאָרדנט אים אין אַ בערשטל-פאַבריק צו אַ באַלעבאָס אַן אַכזער. אין אַ האַלבפינצטערן צימער, וווּהין עס דערגייט קוים אַ ביסל פרישע לופט, האָט ער געאַרבעט צו פערצן — זעכצן שאָ אין טאָג. דאָ איז דער קינפטיקער שרײַבער דורכגעגאַנגען זײַנע ערשטע „אוניווערסיטעטן", דאָ דערשפּירט ער דעם סאָציאַלן אומרעכט, די שווערע לאַגע פונעם אַרבעטס-מענטש, און שליסט זיך אײַן אינעם פּראָלעטאַרישן קאַמף. צאָדעק דאָלגאָפּאָלסקי באַטייליקט זיך אין די אַרבעטער-שטרײַקן, מײַדט ניט אויס די בעלאָסטאָקער טורמע. נאָר ער גייט אַרויס פון דאָרטן נאָך מער פאַרהאַרטעוועט. צאָדעק קערט זיך אום אין זײַן שטעטעלע האָראָדאָק, באַשעפטיקט זיך מיט פאַרשיידענע אַרבעטן. ער איז אַ שוואַרצאַרבעטער, אַן אופּראַמער.

זײַן ערשטער ליטעראַרישער פּרווו געהערט צום 1914 יאָר, ווען עס דערשײַנט אין ווילנע זײַן זאַמלונג פּיעסן „בילדער פון שטעטל". דאָס זײַנען געווען דעריקער פּיעסן, וואָס האָבן געשילדערט דעם פאָלקס-מענטש, דעם אַרבעטער, וועלכער וואַקסט אויף צום קאַמף פאַר אַ ווירדיק לעבן.

ס'איז געקומען די גרויסע אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. אויך אין שטעטל קומט פאָר דער ברויזיקער פּראָצעס פון ווידערגעבורט, וואָס געפינט שפּעטער אַ בולטע אָפּשפּיגלונג אין די ווערק פון צ. דאָלגאָפּאָלסקי.

אין זײַן דערציילונג „דעם קייסערס פּאָרטרעט" שילדערט ער דאָס שטעטל לאַשעווקע אין די טעג, ווען מ'האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. די גאַנצע וועלט ווייסט שוין וועגן דעם, נאָר אין לאַשעווקע האָט זיך נאָך די רעוואָלוציע ניט אָנגעהויבן. ס'האָט זיך ניט געפונען דער געוואַגטער מאַן, וואָס זאָל אַראָפּרײַסן פון דער וואַנט דעם קייסערס פּאָרטרעט. נאָר אָט קומט אַראָפּ אין שטעטל דער רעוואָלוציאָנער פישל, וועלכער איז אַקאָרשט אַרויס פון טורמע, און ס'האָט ווי אַ פרישער ווינט אַ ווייע געטאָן...

אין די טעג נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט צ. דאָלגאָפּאָלסקי אָנגעשריבן די נאָוועלע „עלעקטרע", אין וועלכער ס'ווערט באַוויזן די טיפע קלאַסן-דיפערענציאַציע פון דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג. פון איין זײַט — דער מאַרק-ראַיאָן מיט די קרעמער, הענדלער, רײַכע באַלעבאַטים, פון דער צווייטער זײַט — דער זאַרעצענער ראַיאָן, ווו עס לעבט די שטעטלדיקע אָרעמקײַט. אין דער נאָוועלע „עלעקטרע" ווערט דערציילט, וויאַזוי צאָדעק דער שנײַדער אינאיינעם מיט אַנדערע האָרעפּאַשניקעס פון זאַרעצענער ראַיאָן קומען אין דעם קוואַרטאַל פון די נגידים, ווו אַלע גאַסן ווערן באַלויכטן פון גאַז-לאָמפּן, גראָבן אויס אַ סלופּ מיט אַ גאַז-לאָמפּ און פירן אים אַריבער אין זאַרעצענער ראַיאָן.

„זאָגן די זאַרעצענער, אַז צו דער „עלעקטרע" פּאַסט ניט די בלאָטע.

זאָגט דאָדל, אַז זיי וועלן די בלאָטע אויך אויס-טרינקען.

און די קרעמער האָבן וועלטן געקערט:

— רעציכע! לאָמפּן שטעלן אין זאַרעצענע".

דער געראַנגל פון צוויי וועלטן איז די הויפּט-טעמע פון צ. דאָלגאָפּאָלסקיס ווערק.

אין די צוואַנציקער יאָרן שאַפט צ. דאָלגאָפּאָלסקי אַ ריי היסטאָרישע דערציילונגען.

דער הומאָר און די סאַטירע, דער גוטמוטיקער שמייכל און דער בײַסיקער סאַרקאַזם איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַנע ווערק, ער שטעמפּלט אַלדאָס נעגאַטיווע און באַשטעטיקט דאָס נײַע סאָוועטישע לעבן.

אַזאַ איז, אַשטייגער, זײַן דערציילונג „דאָס בלויע רעקל", ווו ער לאַכט אויס דעם נישטיקן נעפּמאַן און שטעלט אים אַנטקעגן דעם פּאַשעטן מענטשן פון

פאָלק. די שילדערונג איז דאָ א טיף־רעאליסטישע. שארף סאטיריש איז אויך געשילדערט דער אײַנגעליבטער אין זיך „פרויען־פרעסער" ברודערמאן אין דער סקיצע „די קעלנערן". אין דער דערציילונג „דער שענסטער נומער" ווערן אויסגעלאכט די אלטע זיטן פון דעם אמאָליקן אקטיאָרישן לעבן.

און נאָך א ביז גאָר וויכטיקע אייגנשאפט אין צ. דאָלגאָפאָלסקיס שאפונג דארף דאָ דערמאָנט ווערן — די פייִקײַט צו שילדערן א פינקטלעכן כאראקטער־פאָרטרעט פונעם העלד, צו בויען א רעאליסטישן סוזשעט.

די פאָזיציע פון דעם אווטאָר איז אן אויסגעשפראָכן קלאָרע: ער איז מיט לײַב און לעבן אף דער זײַט פון די, וואָס קעמפן מיטן הייסן וואָרט און קאָנקרעטן טאט פארן נײַעם סאָציאליסטישן שטייגער, פאר דער נײַער פראָלעטארישער מאָראל.

מיט אזא אויסגעקריסטאליזירטער אידייִש־שעפערישער קאָנצעפציע טרעט צו צאָדעק דאָלגאָפאָלסקי צו דער פארטיפערטער ארבעט איבער זײַן ערשטן ראָמאן „בא געעפנטע טויערן", וועלכער דערשײַנט אין מינסק אין 1928 יאָר.

„בא געעפנטע טויערן" איז א פילפלאניקער ראָמאן אין צוויי טיילן. ער איז בעפיירעש אן אָריגינעלע דערשײַנונג. ער שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון די ערשטע פרוּוון צו געבן אף א ברייטן לײַוונט דעם אָנהייב־פעריאָד פון דער ראטן־בויונג. דאָס איז א ראָמאן פון די צײַטן פון מיליטערישן קאָמוניזם, ער שילדערט די אופשטעלונג־טקופע, די צײַט, ווען ס'ווערט געבוירן די נײַע סאָוועטישע ווירקלעכקײַט. אינעם ראָמאן ווערט געשילדערט א פראָווינציִעלע שטאָט. אין איר אומגעגנט ווילדעווען די באלעגופים און באנדיטן, עס קריכן פון דער הויט די לעצטע בונדיסטן, ציִעניסטן, וועלכע זײַנען גרייט אף אלע נידערטרעכטיקײַטן, אבי אָנטאָן שאָדן דער נײַער מאכט. צ. דאָלגאָפאָלסקי פירט ארויס אינעם ראָמאן א זעלטענעם טיפ פון א נײַעם אָנפירער — דעם פעטראָגראדער פראָלעטאריער ווארגאן, וואָס איז אהער אראָפגעקומען בויען די נײַע אָרדענונג. עס העלפט אים מיט דער כאווער קראָקעווער — דער זון פון אן אָרטיקן שנײַדער.

אינעם קאמף ווערן פארהארטעוועט די נײַע קאדרען, וועלכע זײַנען גרענעצלאָז געטרײַ די פראָלעטארישע אידעאלן. זיי שלײַדערן אראָפ די אלטע געטער און בויען די נײַע וועלט, ניט שאנעווענדיק קיין קויכעס.

דעם 7 נאָיאבער 1929, צום צוועלפטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, איז אין מינסקער ייִדישן מעלוכע־טעאטער אופגעפירט געוואָרן צ. דאָלגאָפאָלסקיס פיעסע „מאשינען־געראנגל". דאָס איז געווען א פריש וואָרט אין דער דראמאטורגיע. דער ספעקטאקל האָט געהאט גרויס דערפאָלג באם צושויער. ס'איז געווען איינע פון די ערשטע פרוּוון צו באווײַזן אף דער בינע די ארבעטער־סוויווע, דעם פאטאָס פון דער סאָציאליסטישער בויונג, דעם קאמף פאר פראָדוציר־ניצכוינעס, פאר באָוואטאָרישקײַט. עס זײַנען באוויזן געוואָרן מענטשן פון דרייסטן כאראקטער, אזעלכע ווי דער דירעקטאָר פון דער טעקסטיל־פאבריק דרייזין, די ענערגישע קאָמוניסטקע דווירע, וועלכע שטעלן זיך דרייסט אנטקעגן די, וואָס האמעווען דעם פאָרויסמארש פון דער אונטערנעמונג.

אין יענעם שארפן קלאסנקאמף איז צ. דאָלגאָפאָלסקיס פיעסע אָן שום ספק געווען א גרויסער בײַטראָג פאר דער ייִדישער סאָוועטישער דראמאטורגיע, וואָס האָט ערשט געמאכט אירע ערשטע טריט.

צאָדעק דאָלגאָפאָלסקי האָט אויך שפעטער פאָרגעזעצט זײַן שאפונג אינעם זשאנער פון דראמאטורגיע. ער האָט אָנגעשריבן צוויי פיעסן פונעם דאָרפישן לעבן „קאָלווירטישער טריוואקס" און „ביז דעם לעצטן". אין די דאָזיקע פיעסן איז געשילדערט דער קלאסנקאמף, וואָס איז אָנגעגאן אין דאָרף.

דער דאָזיקער טעמע — דער גרינטלעכער איבערבויונג פונעם דאָרפישן לעבן ביכלאל, פון דער דעקלאסירטער ייִדישער שטעטלדיקער באפעלקערונג ביפראט — האָט צ. דאָלגאָפאָלסקי געווידמעט א גרויסע סעריע דערציילונגען, וועלכע זײַנען צונויפגעקליבן אין א זאמלונג „אף סאָוועטישער ערד", דערשינען אין מינסק אין 1931.

די דאָזיקע זאמלונג עפנט זיך מיט א גרעסערער דערציילונג „האָבער", וואָס מאָלט די בויונג פון די בײַשטעטלדיקע קאָלווירטן, דעם פראָצעס פון באהעפטן זיך צו פראָדוקטיווער מי, ווען עס ווערט צוביסלעך פארשווונדן די אָפגעשטאנענקײַט, די נויט און פערספעקטיוולאָזיקײַט. אף דעם נײַעם עקאָנאָמישן באָדן אינעם קאָלווירט קומען אוף נײַע מענטשן, א נײַער ארט לעבן, וואָס פורעמט אויס א נײַע פסיכאָלאָגיע. דער אווטאָר באווײַזט אונדז, אז דאָס אלטע אין שטעטל טרעט ניט אָפ אזוי איינפאך די פאָזיציעס. צ. דאָלגאָפאָלסקי שילדערט דעם ווידערשטאנד פון די באלעגופישע עלעמענטן, אזעלכע, ווי מוישע־בער, וואָס איז גרייט צו דערטרינקען דעם קאָלכאָז אין א לעפל וואסער.

וועגן דער ייִדישער איבערוואנדערונג אף ערד דערציילט א צווייטע דערציילונג אין דער זאמלונג — „איבערגעניצעוועטע". צוזאמען מיט זײַן העלד רעב זאלמענען קומט דער שרײַבער אינעם נײַ־געשאפענעם קאָלווירט „טרייסט און האָפענונג", ווו ער שפירט נאָך אופמערקזאם, ווי עס ווערט בעהאדראָגעדיק געבוירן דער נײַער מענטש. דער געוועזענער מעלאמעד ווערט ביסלעכווײַז אן עכטער קאָלווירטניק, און קיינער כידעשט זיך שוין ניט, ווען מע זעט אים אין שטאל לעבן די עטלעכע און דרײַסיק קעלבער.

און וועגן וואָס עס זאָל ניט שרײַבן, וועמען עס זאָל ניט שילדערן צ. דאָלגאָפאָלסקי — די יונגע לערערן זילבער, וואָס קומט ארבעטן אין ייִדישן ייִשעוו, צי דעם קאָלווירט־פאָרזיצער מעלקין, צי באלעגופים און קלעריקאלן, — שטענדיק געפינט ער די נייטיקע גאמע פארבן און שפראך־מיטלען צו שאפן פולבלוטיקע געשטאלטן, צו טאדלען דאָס אלטע און פארורטיילטע און צו באשטעטיקן דאָס נײַע און דערפרייענדיקע, וואָס טראָגט מיט זיך די סאָציאליסטישע איבערבויונג.

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן צעבליט זיך באזונדערס שטארק צ. דאָלגאָפאָלסקיס זשורנאליסטישע טעטיקײַט. ער איז דער אווטאָר פון פילצאָליקע אינטערעסאנטע צײַטונגס־פעליעטאָנען. דער שרײַבער פאָרט א סאך ארום איבער די שטעט פון ווײַסרוס־

לאַנד, באַקאַנט זיך גרינטלעכער מיטן לעבן פון די ארבעטנדיקע.

אין 1933 דערשײַנט צ. דאַלגאָפּאָלסקיס נײַער ראָמאַן „זײַד". ס'איז א בוך וועגן ארבעטער־לעבן. אין אים ווערט געשילדערט א זײַד־פאַבריק, ווו עס גייט א קאַמף פאַר באַהערשן די נײַע טעכניק. דער גאַנצער ארבעטער־קאָלעקטיוו האָט איין זאָרג: העכערן די ארבעטס־פּראָדוקטיווקײַט, געבן מער פּראָדוקציע, אָנטאָן אין זײַד דעם סאָוועטישן מענטשן.

דאָס בוך איז געשריבן פון א שרײַבער, וואָס איז אליין מיט לײַב און לעבן פאַרינטערעסירט אינעם דערפאָלג פון די פּלענער, דאָס לאַנד זאָל ווערן רײַכער, קרעפטיקער, ס'זאָל וואַקסן דער ווילשטאַנד פונעם ארבעטער־מענטש.

צאַדעק דאַלגאָפּאָלסקיס „זײַד" פאַרנעמט א כאָשעווער אָרט אין דער נאָכאָקטיאַברישער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

ניט איין מאָל קערט זיך נאָך אום צ. דאַלגאָפּאָלסקי צו דער ארבעטער־טעמע, ניט איין מאָל שאַפט ער ווערק, וואָס אָטעמען מיט דער גרויסער סאָציאַליסטישער עפּאָכע. צ. דאַלגאָפּאָלסקי האָט גוט געוווּסט דאָס לעבן פונעם האַרעפּאַשניק. אין דער אַרומרינגלונג פון זײַנע העלדן האָט ער זיך שטענדיק געפילט היימיש, ער האָט פאַרשטאַנען זייערע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען.

אין די פופציקער יאָרן דערשײַנען זאַמלונגען פון צ. דאַלגאָפּאָלסקיס אלטע און נײַע דערציילונגען אין רוסיש. דאָס איז זײַן בוך „באַגינען" — דערינערונגען וועגן זײַן לעבנס־וועג, א גרעסערע דערציילונג „אַף די ברעגן פון סילווע" — א געשיכטע וועגן א ווײַסרוסישן קינדערהיים, וואָס איז מילכאָמע־צײַט געוואָרן עוואַקויִרט אַף אוראַל און דערנאָך זיך אומגעקערט אהיים, אַף דער ווײַסרוסישער ערד.

דאָס איז געווען זײַן לעצטע דערציילונג. דעם 16 יול 1959 איז צאַדעק דאַלגאָפּאָלסקי געשטאָרבן אין לענינגראַד אין עלטער פון אכציק יאָר.

מיר בלעטערן זײַנע ביכער און איבערצײַגן זיך, אז די ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן, גיבן א גרונט צו פאַררעכענען אים צווישן די, וואָס האָבן געלייגט דעם יעסאָד פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

א לעבנסלוסטיקן, א גוטמוטיקן, א שאַרפזיניקן, א מענטשן מיט א שאַרפער פען אין האַנט, מיט א נאַטור פון אַן עמעסן האַרעפּאַשניק אין דער ליטעראַטור — אזא וועלן מיר אַף שטענדיק פאַרגעדענקען צאַדעק דאַלגאָפּאָלסקין.

ז. קאַהאַן

■

מיכל לעוויטאַן

זײַנע עלטערן און קרויווים האָבן געהאָפט, אז ער וועט זײַן א געלערנטער. נאָך קינדווײַז האָט ער ארויסגעוויזן זעלטענע פייִקייטן צו מאַטעמאַטיק און פיזיק. ער האָט געקענט אין זיקאָרן מאַכן קאָמפּליצירטע אַריפמעטישע און אַלגעבראַישע אויסרעכענונגען. גרויסע פייִקייטן האָט ער געהאַט אויך צו שפּראַך. אכוץ יידיש, העברעיש, רוסיש און אוקראַיניש, האָט ער נאָך גוט געקענט פראַנצויזיש, דײַטש, גריכיש און לאַטײַן.

יאָ, מיכל לעוויטאַן וואָלט געקענט ווערן א געלערנטער, נאָר אויסגעקליבן האָט ער פאַר זיך אַן אנדער וועג — דעם וועג פון א רעוואָליוציאָנער.

דאָס איז געווען א מענטש מיט א קרישטאָל־ריינער נעשאָמע, א מענטש פון הויכער אידייִשקײַט, פּרינציפּיעלקײַט און אויסערגעוויינלעכער באַשיידנקײַט.

זײַן גוטהאַרציקײַט צו כאַווירים, זײַן פילבאַרקײַט און זאָרג וועגן זיי האָט אים דערוואָרבן ליבע און אָפּשײַ.

א הויכוווּקסיקער, מיט טונקעלע, עטוואָס געקרײַזלטע האָר, מיט בלויע אויגן און מיט א גרויסן שטערן — אזא האָט ער זיך פאַרגעדענקט אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן אַף די ארבעטער־מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, אין די רעדאַקציעס פון צײַטונגען און זשורנאַלן.

מיכל לעוויטאַן וואָלט איצט אלט געווען פינף און אכציק יאָר. ער איז געבוירן אין א מישפּאָכע פון אָרעמע יידישע קאָלאָניסטן אין דער געוועזענער קאַטערינאָסלאַווער גובערניע אַף אוקראַינע. עלף קינדער זײַנען זיי געווען בא טאַטע־מאַמע, דערין ניין מיידלעך. און ווײַל לויטן צאַרישן געזעץ האָט מען אַף מיידלעך קיין אַקער־ערד ניט געגעבן, האָט די מישפּאָכע געלעבט אין גרויס נויט.

די עלטערן האָבן אוועקגעשיקט מיכלען קיין בערדיאַנסק, ווו ער האָט פאַר א וואַרעמעס און פאַר א נאַכטלעגער געקנעלט מיט באַלעבאַטישע קינדער. אין דער זעלבער צײַט האָט ער אליין זיך געלערנט עקסטערן אין דער בערדיאַנסקער רעאַל־שול. דערנאָך, אויך עקסטערן, גלענצנדיק אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען אַף א לערער.

טאַקע דאָ, אין בערדיאַנסק, שליסט זיך אײַן דער אכצניאָריקער מיכל לעוויטאַן אין דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג. ער צייכנט זיך אויס ווי א גוטער רעדנער און פּראָפּאַגאַנדיסט, באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר.

אין 1908, ווען מיכל לעוויטאַן איז צוליב געזעלשאַפטלעכע איניאָנים געקומען קיין וויטעבסק, האָט מען אים דאָרט צוזאַמען מיט אנדערע כאַווירים אַרעסטירט און פאַרמישפּעט צו פאַרשיקונג אין אַר־

כאַנגעלסקער גובערניע. זײַן קאַלע, די יונגע רעוואָליוציאָנערקע עסטער קאָפּעקער, האָט באַשלאָסן פֿאָרן אײַניינעם מיט אים. אָבער ווי טוט מען דאָס, אַז קיין ווינרעכט אין די צאָפּן־קאַנטן פֿון רוסלאַנד האָט זי ניט און מיטפֿאָרן מיט אַ פּאָליטיש פֿאַרשיקטן קאָן בלויז אַ ווײַב? האָבן זיי באַשלאָסן אָפּיציעל כאַסענע האָבן. מיכל האָט זיך מישטאַדל געווען פֿאַר דער טורמע־נאַטשאַלסטווע, מע זאָל אים דערלויבן פֿאַרן לאָזן זיך מיטן עטאַפּ כאַסענע האָבן מיט זײַן קאַלע. די טפּיסע־מאַכט האָט דערלויבט מיט דעם טנאַי, אַז די כאַסענע־צערעמאָניע וועט פֿאָרקומען אין טפּיסע.

דעם וויטעבסקער ראָוו האָט זיך געוויס ניט געכאָלעמט, אַז ס׳וועט אים ווען־עס־איז אויסקומען פֿראַווען כופּע־וועקידושן אין טפּיסע... און ווען אונטער די וואַכזאַמע בליקן פֿון די אויפֿזעער האָט אָפּגעקלונגען דער „האַריי אַט מעקודעשעס” און די כופּע־צערעמאָניע האָט אין אײַלעניש זיך פֿאַרענדיקט, האָט מען מיכלען טייקעף ווידער פֿאַרשפּאַרט אין קאַמער.

דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק איז שוין גרייט געווען זיך לאָזן מיטן עטאַפּ, אָבער אין דער לעצטער רעגע האָט מען דעם אורטייל געענדערט: אָנשטאָט אַרויסשיקן דעם אַרעסטירטן אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע — אַרויסשיקן אים פֿון רוסלאַנד.

סאַכאַקל 24 שאָ האָט מען געגעבן לעוויטאַנען אָפּ פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. פֿרײַנט האָבן אָפּגיך צונויפֿגעקלאַפּט אַ פּאָר רובל, און דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק איז אַרויסגעפֿאָרן קיין ווין.

ס׳איז ברייט באַוווּסט, ווי שווער עס איז געווען דאָס לעבן פֿון אַ פּאָליטישן עמיגראַנט. קעדיי ווי־עס־איז זיך דורכצולעבן, איז לעוויטאַנען אויסגעקומען זיך אָנדינגען פֿאַר אַ שוואַרצאַרבעטער אָף דער אײַזנבאַן, אָף פֿאַרשיידענע בויונגען, דערנאָך איז אים געלונגען צו קריגן אַרבעט אַלס איבערזעצער. אין דער זעלבער צײַט האָט ער זיך געלערנט עקסטערן אָפּן פֿילאָסאָפֿישן פֿאַקולטעט פֿונעם ווינער אוניווערסיטעט.

ער פֿאַרבינדט זיך מיט די אָרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און שליסט זיך אײַן אין דער אַקטיווער רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט, כאָטש די געפֿאַר אַרעסטירט צו ווערן אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט האָט אים געדראָעט אָף טריט און שריט.

אין אָנהייב 1911, ווען ס׳האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ נײַע רעוואָליוציאָנערע כוואַליע, האָט לעוויטאַן אומלעגאַל פֿאַרלאָזט עסטרײַך, זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין דעמיעווקע, לעבן קיִעוו.

ניט געקוקט אָף זײַן אומלעגאַלער לאַגע, פֿירט לעוויטאַן אָן מיט אַרבעטער־קרײַזלעך סײַ אין דעמיעווקע, סײַ אין קיִעוו. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אַרבעט ער אַלס לערער, שטעלט צונויף און לאָזט אַרויס אַ לערנבוך „אַריפֿמעטישע אויפֿגאַבן פֿאַרן צווייטן און דריטן לערניאָר”, רעדאַגירט דאָס לערנבוך פֿון אָנשוילעכער געאָמעטריע.

ווען די דעניקינישע כאַיאָלעס האָבן באַדראָעט קיִעוו, איז מיכל לעוויטאַן פֿרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פֿון אַ פֿראָנט־צײַטונג.

דעמאָביליזירנדיק זיך, קומט ער צו פֿאָרן קיין מאָסקווע, וווּ ער אַרבעט אין פֿאָלקסקאָמיסאַריאַט פֿאַר בילדונג. אָבער ניט בלויז אָפּן בילדונגס־פֿראָנט איז מיכל לעוויטאַן געווען טעטיק אין יענע יאָרן, גלײַכצײַטיק האָט ער אַקטיוו זיך פֿאַרנומען מיט זשורנאַליסטישער און רעדאַקטאָרישער טעטיקײַט. זײַענדיק אַ מיטגליד פֿונעם קינסטלערישן ראַט באַם מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער, האָט ער פֿיל אויפֿגעטאָן אינעם שאַפֿן דעם נײַעם יידישן סאָוועטישן טעאַטער.

אין 1925 יאָר פֿאָרט מיכל לעוויטאַן אַריבער קיין כאַרקאָוו — אין יענער צײַט די הויפּטשטאָט פֿון דער אוקראַינישער סאָוועטישער רעפּובליק, — וווּ ער ווערט באַשטימט אַלס פֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָלקסקאָמיסאַר פֿאַר בילדונג. ער איז באַשעפֿטיקט מיט די בילדונגס־איניאָנים פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן אין דער רעפּובליק.

נאָך עטלעכע יאָר אָנגעשטרענגטער טעטיקײַט אָפּן געביט פֿון פֿאָלקסבילדונג גייט ער פֿולשטענדיק אַריבער אָף ליטעראַרישער אַרבעט. ער ווערט באַשטימט אַלס פֿאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פֿון דער רעפּובליקאַנישער טעגלעכער יידישער צײַטונג „דער שטערן”. איינצײַטיק איז ער דער רעדאַקטאָר פֿונעם ליטעראַרישן כוידעש־זשורנאַל „די רויטע וועלט”.

אונטער מיכל לעוויטאַנס רעדאַקציע דערשײַנט אַ „כרעסטאָמאַטיע פֿון ליטעראַטור און קריטיק”, וואָס עס האָבן צוזאַמען מיט אים צונויפֿגעשטעלט נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, נ. לוריע, ע. פֿינינבערג. צוזאַמען מיט ש. אַגורסקי, מ. עריק רעדאַגירט ער די זעקס בענדער געקליבענע ווערק פֿון מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאַט און יויסעף באָוושאָווער.

אַ בעקאָוועדיקע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט האָט אויפֿגעטאָן מיכל לעוויטאַן אַלס רעדאַקטאָר פֿון דעם 5־טן באַנד פֿון דער אַכטבענדיקער אויסגאַבע פֿון וו. אי. לעגינס ווערק אין יידיש.

אין 1932 האָט מיכל לעוויטאַנס געזונט־צושטאַנד זיך שטאַרק פֿאַרערגערט. ער איז געווען געצווּנגען אָף אַ צײַט איבערײַסן זײַן טעטיקײַט. ווען קיִעוו איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון דער אוקראַינישער רעפּובליק, איז ער אַריבערגעפֿאָרן אַהין און אָנגעהויבן אַרבעטן אינעם אינסטיטוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור באַ דער אוקראַינישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע. ער ווײַזט דאָ אַרויס גרויסע ענערגיע און ווערט איינער פֿון די פֿירנדיקע טוער פֿונעם אינסטיטוט. איינצײַטיק רעדאַגירט ער דעם פּעדאַגאָגישן כוידעש־זשורנאַל „ראַטן־בילדונג” און גרייט צו די דרײַבענדיקע עדעלשטאַט־אויסגאַבע.

לעוויטאַן האָט אומופֿהערלעך געאַרבעט, ניט שוינענדיק קיין קויכעס. ער איז ווידער קראַנק געוואָרן, און אין יאַנוואַר 1938 איז ער געשטאָרבן פֿון שווינדזוכט.

אַ קורץ לעבן, פֿול מיט קאַמף און געטרײַער שעפֿערישער מי, האָט אָפּגעלעבט מיכל לעוויטאַן. אין דער יידישער סאָוועטישער קולטור האָט ער איבערגעלאָזט אַ טיפֿן שפּור.

ש. ווײַצנפֿעלד

■ ■ ■

ארן ווערגעליס

נאָטיצן אָן א סיידער

<u>אָנשטאָט אן אריַינפיר.</u>

<u>נאָטיצן — וואָס איז עס?</u>

א מענטש זעט עפּעס, הערט וואָס מע רעדט, טראַכט וועגן עפּעס. ער ווייסט, אז דאָס געזעענע און דאָס געהערטע וועלן זיך נאָכאמאָל פונקט אזוי, ווי איצט, ניט איבערכאזערן. נעמט ער דאָס נאָטיץ־ביכל און פארשריַיבט, וואָס ער האָט געזען אָדער געהערט, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט.

ער לאָזט גאָרנישט ניט פארפאלן גיין. ניט וויסנדיק נאָך, ווען און ווו די פארנאָטירונג וועט צוניץ קומען, שריַיבט ער, פריַי פון קאוואָנעס און היסכייַוועסן. די נאָטיץ, וועלכע ער שריַיבט איצט, האָט ניט קיין דירעקטע שיַיכעס צו דער נאָטיץ, וואָס איז פארשריבן געוואָרן פריִער. אויסגעשטעלט אין איין ריי, שאפן ניט עטלעכע נאָטיצן קיין כראָנאָלאָגישן, אָדער טעמאטישן, אָדער לאָגישן סיידער. דאָס וויכטיקע קומט ניט אפן „וויכטיקן אָרט". ס'איז ניטאָ קיין אינערלעכע סיסטעם אין נאָטיץ־ביכל. פאראַן דער מענטש, וואָס שריַיבט, זיַין פערזענלעכקיַיט. פאראַן דאָס אויג, וואָס זעט, דער אויער, וואָס הערט, דער מויעך, וואָס דענקט.

נאָטיצן שריַיבן זיך ניט, קעדיי צו פארעפנטלעכט ווערן. ס'איז, אזוי צו זאָגן, לאבאָראטאָריע. אָבער אָפט מאכט זיך, אז עס האָט יאָ א זין צו פּובליקירן די נאָטיצן. דאן קאָן מען, פארשטייט זיך, זיי אויסשטעלן אין א געוויסן סיידער. בעסער אָבער זיך ניט אריַינמישן אין זייער נאטירלעכן גאנג.

<u>ווען דאָס אייגענע</u>

<u>איז קיַי־שפּיַי</u>

זיַיענדיק אין אמסטערדאם, האָב איך אנומלטן זיך צערעדט מיט איינעם א ייִדן וועגן ייִדיש. ווען יענער האָט א זאָג געטאָן, אז ייִדיש איז „א פארדאָרבונג פון הויכדיַיטש", האָב איך אים געפרעגט, צי ער ווייסט, אז די האָלענדישע שפּראך, מיט וועלכער ער נוצט זיך, איז פון איין שטאם מיט נידערדיַיטש. יאָ, האָט געענטפערט דער האָלענדישער ייִד, ס'איז טאקע אזוי, אָבער וואָס פארגליַיכט איר ייִדיש צו האָלענדיש...

ער האָט פּינקטלעך פארגעדענקט, וויפל מאָל דאָס ייִדישע פאָלק האָט געביטן זיַין שפּראך. אראמייִש האָט ער טרעפלעך אָנגערופן טארגום־לאָשן, און עס זיַינען אים געווען ניט פרעמד איינִיקע דעטאלן, לעמאָשל, אז פונעם טאנאך האָט מען ספּעציִעל געמאכט א טארגום, אן איבערזעצונג אף אראמייִש, קעדיי די דאוונער זאָלן פארשטיין, וועגן וואָס אין טאנאך רעדט זיך.

— פון אראמייִש זיַינען די ייִדן פּאוואָלינקע אריבערגעגאנגען אף אראביש... ס'האָט געדויערט בא טויזנט יאָר... דערנאָך — שפּאניש... לעצטנס — דיַיטש... (דער האָלענדישער ייִד האָט פארבויגן א פינגער נאָך א פינגער) הויכדיַיטשער דיִאלעקט... טיַיטש־ייִדיש... ייִדיש. דאָס איז א קיַימעלאָן ווידער פון א יאָרטויזנט. אומזיסט אָנגעלייגט אזויפיל וועג. איצט, ווייסט איר דאָך, באגייען זיך אונדזערע ייִדן גאנץ גוט

מיט דער שפּראַך פון דעם לאַנד, ווו זיי לעבן. ייִדיש, קאָן מען זאָגן, איז טויט...

אין זעלבן האָלאַנד, ווען אַ מענטש זאָל כאָ־לילע אַזוי ריידן וועגן האָלענדישן לאָשן, וואָלט ער געכאַפּט אַ פײַנעם פּסאַק. מײַן ייִד אָבער האָט זיך געפילט באַליידיקט, וואָס מע נעמט אים קלאַל דערווידערן.

צו דער פראַגע וועגן גראַם

צי גראַמען זיך „פינגערהוט" און „הונגעריק"? אַוואַדע יאָ. אַפילע מיט מער רעכט, איידער „האַנט" און „וואַנט".

פי:נגערהו:ט
הונגער:יק

פון דער דאָזיקער סכעמע איז ניט שווער צו זען, אַז די גרונט־מאַסע אין די צוויי ווערטער („נגערהו" און „הונגער") איז קרויוויש לויטן קלאַנג. ווען מע פירט אַרויס אַזעלכע ווערטער אַף דער גראַמען־פּאָזיציע פון אַ סטראָפע, נעמען זיי ווירקן איינס אַפן צווייטן, ווי צונויפגעפירטע מאַגניטן, אין דער צײַט ווען „האַנט" און „וואַנט" זײַנען ענלעך אַף בלעכלעך, מיט וועל־כע מע קאָן, אויב מע וויל, פאַרשפּיליען די סטראָפע, זי זאָל זיך ווי־ניט־איז האַלטן.

„פאָלקסטימלעכע" דיכטונג

איינער איז געווען פאַרעכנט פאַר אַ מיטל־מעסיקן פּאָעט, ווען ער האָט געשריבן לידער, אַזוי צו זאָגן, פון זיך אַליין. אין די רײַפע יאָרן איז ער אָבער געפאַלן אַף אַ געדאַנק, ווי־אַזוי צו ווערן באַם אוילעם־גוילעם אַזוינס ווי אַזע־לעכס. ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיך דעם אַמפּלוא פון אַ „פאָלקסטימלעכן פּאָעט", שיר ניט פון אַ ייִדישן אַשוג, דה. פאַר זײַן ליד נעמט ער אידיאָמאַטישן מאַטעריאַל פונעם פאָלקס־אויצער, און עס באַקומט זיך פּראָסט־פּאָשעט, ווי די באָבע האָט גערעדט. באַם לייע־נען זײַנע לידער האָב איך אַ געפיל, פּונקט ווי ער האָט אָנגעשקראַבעט אין אַ מיל, באַ די מילשטיינער, אַ זאַק מיט פרעמדער מעל, און דערנאָך רופט ער מיך צו זיך אַף פּלעצלעך.

בעסער וואָלט ער שוין געשריבן אייגענע מיטלמעסיקע לידער.

פאַרוואָס מיר שרײַבן ייִדיש פון רעכטס אַף לינקס

פון לינקס אַף רעכטס שרײַבן די צאָפנדיקע פעלקער. די דאָרעמדיקע (צווישן זיי די ייִדן) — פון רעכטס אַף לינקס, און די פעלקער, וועלכע לעבן נעענטער צום עקוואַטאָר — פון אויבן אַראָפּ.

דאָס איז, ווײַזט אויס, אָפּהענגיק פון דעם, מיט וועלכער האַנט מע שרײַבט. אַ געלינקטער (ליעווושאַ), ווען ער שרײַבט פון לינקס אַף רעכטס, פאַרשטעלט ער דאָס אָנגעשריבענע און צעשמירט דעם טינט. די סטאַטיסטיק באַווײַזט, אַז וואָס ווײַטער אַף דאָרעם, אַלץ מער טרעפן זיך געלינקטע מענטשן. מיט וואָס דערקלערט זיך עס?

ס'איז באַוווּסט, אַז אַדאַנק דעם אומקרײַזן פון דער ערד אַרום איר אייגענער אַקס זײַנען אין צאָפנדיקן האַלבקײַלעך די רעכטע ברעגן פון די טײַכן העכער פון די לינקע. פּונקט אַזוי (די פליסיקײַטן אינעם מענטשנס קערפּער רעאַגירן אַף דעם אומקרײַזן פון דער ערד) איז אין צאָפנ־דיקן האַלבקײַלעך מער אַנטוויקלט די רעכטע זײַט פונעם קערפּער באַם מענטשן, דה. עס איז שטאַרקער די רעכטע האַנט איידער די לינקע.

אַ פאַרקערט בילד טרעפן מיר אין דאָרעמדיקן האַלבקײַלעך, ווו די אומקרײַז־קראַפט פון דער ערד ווירקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, און דעריבער איז דאָרט באַ אַן אַלץ גרעסערער צאָל מענטשן מער אַנטוויקלט די לינקע טייל פונעם קערפּער, און זיי זײַנען געלינקטע. היסטאָריש האָט עס באַ די ייִדן, אַראַבער און אַנדערע דאָ־רעם־פעלקער געקאָנט אַרויסרופן די נויטווענ־דיקײַט צו שרײַבן פון רעכטס אַף לינקס.

דער נעס פון מײַסטערשאַפט

קושניראָוו איז געווען דער בעסטער רעדאַק־טאָר פון ייִדישער פּאָעזיע. מיט אים האָט זיך אין געוויסע „פּונקטן" געקאָנט פאַרגלײַכן בלויז האַלקין, אָבער מיט איינס איז האַלקין געווען הינטערשטעליק — ער פלעגט פאַרליבטערהייט דאָ און דאָרט אַרײַנשרײַבן אין דער פרעמדער ליד אַן אייגענע שורע.

די רייצנדיקסטע מינוטן פון מײַן לעבן אין דער ליטעראַטור זײַנען יענע, ווען קושניראָוו פלעג צוזאַמען מיט מיר אַרײַן אין אַ געראַנגל מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס איך האָב שוין גע־רעכנט פאַר אַ ליד, און ער — נאָך ניט.

ער איז געווען לאַכלוטן טויב צו די רייד, אַז די אַדער יענע אָפּוויַיכונג פון דעם „רעזשים", וואָס הערשט אינעם זשאַנער, איז אַן אַנטפּלעקונג פון נאָוואַטאָרישקייט, אַ פּרוּוו צו באַפרייַען זיך פון די „קייטן", פון רוטינע.

— פאַרוואָס מאַכט מען ניט באַ אַ בענקל קיין פּיסלעך פון פאַרשיידענער לענג? ווייַל אַף אַזאַ נאָוואַטאָריש בענקל וואָלט מען ניט געקאָנט זיצן...

די צאָל טראַפן אין דער שורע פלעג ער ציילן, מאַכנדיק פון דער לינקער האַנט אַ קולעק און פּירנדיק מיטן גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט איבער די ביינדלעך („בערגעלעך") און גריבעלעך באַ די צוניפגעלייגטע פינגער פון דער לינקער האַנט. ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צאָל טראַפן איז אַזאַ, ווי מע דאַרף, פלעגט ער אַרויסשטאַמלען זייַן באַליבט וואָרט „אַזוי־אָ...", וואָס באַ אים האָט עס (פּונקט ווי באַ די פראַנצויזן דער „אָ־לאַ־לאַ") געקאָנט אויסדריקן אַלע ניואַנסן פונעם געמיט.

צו דער סטראָפע אַלס קעמערל פון דער ליד האָט ער געהאַט גאָר גרויסע פאָדערונגען. ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג אירע אוטאָנאָמע פונקציעס. די ליד אַלס אַ גאַנצע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ניט ווי אַ געפלאָכטענע פון לאָגישע „פעדעם", נאָר ווי אַ מין שטימונגס־מאָזאַיִק, אין וועלכער מע זעט קוים אָן די גרענעצן צווישן באַזונדערע קעמערלעך. נאָר אויב אַרויסכאַפּן אַ באַליביק קעמערל באַזונדער, איז עס אַן־און־פאַר־זיך אַ פאַרענדיקטס. אין אַ ליד פלעגט ער פריִער פאַר אַלץ זוכן איבעריקע סטראָפעס, אַזעלכע, וואָס מע קען זיך באַגיין אָן זיי. פאַר אַן איבעריקער האָט ער געהאַלטן יענע סטראָפע, וואָס „טראָגט ניט אַרייַן איר ביסעלע פייַער" אין געגעבענעם שטימונגס־אַנגלי, — זי מעג זייַן אַ גאַנצע.

ס'איז קיין סאָד ניט, אַז דאָס אַלץ קומט פון אוועקשטעלן אין צענטער פון דער קונסט דעם אימאַזש — קושניראָוו איז געווען אַן אימאַזשיניסט. באַזונדערס איז דער געפיל פון אימאַזש אים צוניץ געקומען בייַסן רעדאַגירן דיכטונג, אייגענע און פרעמדע.

און נאָך אַ שטריך פון דער קושניראָווישער פּאָעטיק.

די סטראָפע גופא (עס גייט אַ רייד וועגן אַ פירשורעדיקער) האָט ער לאַבאָראַטאָריש געטיילט אַף דער העלפט: אַף די ערשטע צוויי שורעס און אַף דער דריטער מיט דער פערטער. מייַנסטנס דיכטער, — פלעגט ער טייַנען, — פאַרצייכענען די ערשטע צוויי שורעס אַפן פּאַפּיר אַזוי, ווי זיי קומען אַוף נאַטירלעך אין זייער קאָפּ, און דערנאָך מייַסטערווען זיי די צווייטע טייל פון דער סטראָפע, האָבנדיק אין זינען די אויסערלעכע זייַט, מערסטנס דעם גראַם. דאָס ברענגט צו דעם, אַז די סטראָפע קאָן זיך ניט אייַנהאַלטן אַף איר אָרט. זי הייבט אָן זיך צו קייַקלען, ווי אַפן וואַסער אַ פּוכיר, וואָס איז צעטיילט מיט אַ וועגטל אַפּצווייען און די אונטערשטע טייל, וועלכע דאַרף האַלטן דעם פּוכיר אַפן וואַסער, איז אַ לײַדיקע, די אייבערשטע טייל — אַ פולע. ווען די ליד באַשטייט, לעמאָשל, פון דרייַ צי פיר סטראָפעס, בוצקען זיי זיך צווישן זיך, און די ליד פאַרלירט דאָס גלייַכגעוויכט, דעם אָטעם.

באַ קושניראָוון האָט דער גראַם געהאַט אַן אויסשליסלעך געדאַנקלעכע פונקציע. „דער גראַם, — פלעגט ליב האָבן צו וואַרענען קושניראָוו, — איז ניט קיין שפּילעכל! פּונקט ווי די בלעטעלעך באַ דער קווייט זייַנען ניט צוליב שיינקייט־וועגן. די בלעטעלעך טראָגן מיט זיך דעם טאָך פון דער קווייט. דער גראַם גייט אַרייַן אין דער נעשאָמע פון דער ליד, ער ריזלט צווישן די שורעס, אַזוי ווי אַ שטרעמעלע איבערן דנאָ פונעם ריטשקעלע"...

„מאַכנדיק" אַ שורע, און בישכיינעס מיט איר אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע, פלעגט קושניראָוו צוערשט לאָזן פרייַ דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די ווערטער. דעם גראַם פלעגט ער „אויסקוועטשן" פון דעם שוין פאַראַנענעם ווערטערמאַטעריאַל, ווי מע קוועטשט אויס פונעם ווייַנשל דאָס קערעלע. דעם גרעסטן נעס פון מייַסטערשאַפט פלעג איך באַ קושניראָוון זען אין דעם, וואָס דער „צימעס" פון דער סטראָפע ליגט באַ אים אין דער דריטער און פערטער שורע, און ניט אין די ערשטע צוויי. דאָס איז אַ באַווייַז, אַז דער דיכטער איז באַלעבאָס איבער דער ליד.

א גוט ווערק שרייַבט זיך גרינג

ס'איז ניט ריכטיק, וואָס מע טייַנעט, אַז קלומערשט אַף צו שאַפן אַ גוט ווערק פאָדערט זיך אַ סאַך מי און שוויס. „פאַוסט" איז, עמעס, געשריבן געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר, אָבער „האַמלעט" — איין כוידעש.

צו אונדז איז גאָרנישט ניט דערגאַנגען וועגן דעם שעפערישן מעטאָד פונעם מעכאַבער פון „שיר־השירים", און דאָך בין איך זיכער, אַז „שיר־השירים" איז אויסגעגאָסן געוואָרן אין איין אָטעם.

אַלע אָן אויסנאַם הייַנטצייַטיקע שרייַבער, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו ריידן וועגן זייער אַרבעט, האָבן דערציילט, אַז די בעסערע ווערק האָבן זיך געשריבן גיך און גרינג, די שוואַכערע — פּאַמעלעך.

וואָס דאַרף מען טאָן צוליב אונדזער העמשעך

פון זינט עס דערשײַנט „סאָוועטיש היימלאַנד״, האָבן מיר זיך עטלעכע מאָל, באַ געלעגנהײַטן, געווענדט צו די בירגערלעכע ייִדישע שרײַבער אין אויסלאַנד מיט פאָרשלאָגן — סײַ פרינציפּיעלע לויטן טאָך, סײַ אַזעלכע, וואָס זײַנען צוגעפּאַסט צו דעם אָדער יענעם קאָנקרעטן פאַל, און אַלע מאָל האָבן די בירגערלעכע שרײַבער רעאַגירט נאַכלעסיק און אַפּאַטיש, „געענטפערט״ אָן אַכראַיעס, אָן פּערספּעקטיוו.

די סיבע דערפון איז קלאָר: אין יענע לענדער זײַנען די ייִדישע שריפטשטעלער „צוגעשריבן״ צו פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און קאָמיטעטן, צו פּאַרטייִישע בלעטער און זשורנאַלעכלעך, זיי הענגען אָפּ פון זיי און זײַנען געפּענטעט.

זיי קאָנען זיך זעלבשטענדיק ניט אונטערכאַסמענען אונטער צוויי־מאָל־צוויי־איז־פיר.

ווען די ייִדישע שרײַבער פון פאַרשיידענע לענדער זאָלן זיך אוועקזעצן באַ איין טיש, אַדער ווען אין דער ייִדישער פּרעסע זאָל זיך אָנהייבן אַ דיאַלאָג ארום די העמשעך־פּראָבלעמען פון אונדזער ליטעראַטור, דאַן וואָלטן מיר מינאַסטאַם ארויסגעזאָגט אַזעלכע פּאָשעטע עמעסן, וואָס אָפּפרעגן זיי איז באַ אַלע אומשטענדן שווער.

לעמאָשל:

— ייִדיש לאָשן און ייִדישע ליטעראַטור וועלן זיך אין דעם איצטיקן דאָר נאָך ניט אויסשעפּן. די זאָרג פאַרן העמשעך איז אַן אַקטועלע אויפגאַבע, און זי פּאָדערט מוט און רעאַליזם.

— אין ייִסראָעל, אין דער ייִדישער מעדינע, מוז אָפּגעשטעלט ווערן די דיסקרימינאַציע פון ייִדיש. אין אַמעריקע, סאָוועטנפאַרבאַנד און אַנדערע לענדער איז דער שליסל צו דער פּראָבלעם אַזאַ. עס דאַרפן אויסגענוצט ווערן יענע מיטלען אַף שטיצן ייִדיש, ייִדישע קולטור און ליטעראַטור, וועלכע זײַנען פּאַסיק פאַרן געגעבענעם לאַנד. די ייִדישע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פּרעסע איז באַרופן אין דעם פּראַט אונטערצוהאַלטן דעם אויסטויש פון דערפאַרונג, נאָר ניט דערלאָזן, אַז ביליקע פּראָפּאַגאַנדיסטן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט „צעטרעטן די פלאַנצן אַפן שאָכנס פעלד״.

— די ייִדישע ליטעראַטור וועט קאָנען ווײַטער עקזיסטירן בלויז אין דעם פאַל, אויב זי וועט ניט שלעפּן דאָס פאָלקס־לעבן אַף צוריק. די רעכילעס־שרײַבעכצן, וואָס עס פּובליקירן לעצטנס אַנטיסאָוועטישע קליינקאַליבערדיקע איבערלויפער און אָנגעדונגענע אַף די יאַרידים פונעם קאַלטן קריג סקאַנדאַליסטן, האָבן קיין שום שײַכעס ניט צו „איזיאַשטשנאַיאַ סלאָוועסנאָסט״, ווי מע זאָגט אַף רוסיש, און זייערע אווטאָרן דאַרפן ארויסגעשלײַדערט ווערן פון דער ליטעראַרישער סוויווע.

— דער נאַציאָנאַלער אויסדרוק איז איינע פון די אַנטפּלעקונגען פון היינטצײַטיקײַט, דה. נאַציאָנאַלער קאָלאָריט פון דעם נעכטן קאָן ניט און טאָר ניט אָנגעבונדן ווערן דער ליטעראַטור הײַנט. די ייִדישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור וועט האָבן אַ העמשעך, אויב זי וועט שילדערן דעם הײַנטיקן מאַצעוו פונעם פאָלק.

— נאָכאַמאָל, און מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקײַט: לעבנדיק מיט די אידייען פון דער צײַט, איז די ייִדישע ליטעראַטור פרעמד און פײַנטלעך דעם גײַסט פון אַנטיסאָוועטיזם.

ניט אין „געטן זיך״ גייט דאָ

אין אַ קורצער צײַט נאָכן קריג — איך האָב זיך דאַן אָקאָרשט דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי — האָט מיר לייזער קאַצאָוויטש פאָרגעלייענט זײַנע אַ פאַרצייכענונג, געווידמעט דעם אָנגריף פון דער סאָוועטישער אַרמיי אַף מינסק. אין דער פאַרצייכענונג איז געווען אַן אָרט, ווו די באַפרײַטע מינסקער ייִדן רעדן זיך אויס דאָס האַרץ פאַרן אווטאָר, און איינער זאָגט אים, אַז פאַרשפּאַרנדיק די ייִדן אין געטאָ, האָבן די פאַשיסטן זיי „געוואָלט געטן״ מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג פון שטאָט.

ס׳האָט אַזוי געטראָפן, אַז פּונקט אין יענע טעג איז קיין מאָסקווע ארויפגעקומען דער קיִעווער פילאָלאָג עליע ספּיוואַק, און איך האָב אים דערציילט וועגן דאָזיקן ציקאַוון זאָג, וועלכן קאַצאָוויטש האָט פאַרצייכנט. ספּיוואַק איז געווען פאַרכידעשט:

— געשיקט זיך, מיינט נאָך עמעצער, אַז „געטאָ״ שטאַמט פונעם העברעיִשן „גט״ — צעשיידונג?..

— געטאָ איז אָפּשיידונג, ניט צעשיידונג, — האָט ער געזאָגט, — די מענטשן אין געטאָ זײַנען פאַרשפּאַרט, איזאָלירט, אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער שטאָט. ארײַן אין געטאָ — הייסט ניט „געבן אַ געט״.

ספּיוואַק האָט באַ דער דאָזיקער געלעגנהײַט מיר דערציילט, אַז אין זײַנער אַן אַרבעט, וועלכע ער גרייט צום פאַרעפנטלעכן, שטעלט ער די פראַגע וועגן אָפּשטאַם פונעם וואָרט „געטאָ״, און ער גיט אָפּ גערעכט דער נאַטירלעכסטער פון אַלע ווערסיעס, דעהײַנע — אַף וויפל דער ערשטער ייִדן־קוואַרטאַל איז אופגעקומען אין ווענעציע, בישכיינעס מיט דער אײַזנגיסערײַ gietto, — שטאַמט טאַקע פון דאָרטן דאָס וואָרט „געטאָ״.

מײַן ערשטע ליד

איך געדענק ניט, ווען אייגנטלעך איך האָב אָנגעהויבן פאַרפאַסן לידער. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען נאָך איידער איך האָב זיך אויסגע־לערנט שרײַבן.

ווען איך בין שוין געגאַנגען אין שול, פלעג איך „אויסטראַכטן" אַ ליד און גלײַך לויפן צו עמעצן פון מײַנע כאַווײרים, קעדיי זי אַרײַנ־שרײַבן אין זײַן העפטל („אַלבאָם"). אַליין קיין העפטל האָב איך ניט געפירט (מע פלעגט טאַקע אַזוי זאָגן: פירן אַ העפטל). וועגן מײַנע שאַפונ־גען פון יענער צײַט קאָן איך איצט גאָרנישט ניט זאָגן, ווײַל צו מיר האָבן זיי זיך צוריק ניט אומ־געקערט, און איך ווייס ניט, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר.

מײַן סאַמע ערשטע ליד, וואָס האָט זיך פאַרהיט אין די פאַפּירן פונעם פאַרשטאָר־בענעם עמ. קאַזאַקעוויטש, געהערט צום 1932.

די ליד איז פאַרבונדן מיט פאַלגנדן עפּיזאָד פון מײַן לעבן.

איך האָב דאַן געוווינט אין אַ פּיצינקן טײַגע־יישעוו קימקאַן, ניט ווײַט פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע ביראַקאַן, אינעם ביראָבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן, געלעבט דאָרט צוזאַ־מען מיט מײַן ברודער יויסעף, אַלעוואַשאָלעם, וועלכער איז אַהין אַראָפּגעשיקט געוואָרן אַף צו אָרגאַניזירן אַ ווירטשאַפט פון האָניקצוכט. די טײַגע האָט געשפּרודלט מיט ווילדע בינען, אָבער קיין מענטשן אַף צו „קולטיווירן" זיי און פאַרנע־מען זיך מיט דער ווירטשאַפט זײַנען דערווײַל נאָך ניט געווען. דער ברודער האָט אויסגעשריבן פונעם ראַיאָן צוויי בעהיימעס מיט עטלעכע קעלבלעך, קעדיי „צוגרייטן אַ שפּײַז־באַזע" פאַר די קומענדיקע איבערוואַנדערער.

איך בין געווען אַ ייִנגל פון 14 יאָר. איינמאָל האָב איך געפּאַשעט די בעהיימעס דאָס ברעג פון אַ טײַכל, וואָס איז אַ שטיק מעהאַלעך געפלאָסן לענגאויס דעם אײַזנבאַן־אָנשיט, און ווען פאַרבײַ דער טשערעדע האָט ווי פון דער העלער הויט זיך אַ טראָג געטאָן אַן עקספּרעס, זײַנען די בע־היימעס פון גרויס שרעק אַרײַן אין טײַכל, און איין קעלבל איז דערטרונקען געוואָרן.

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג בין איך עטלעכע שאָ אַפּגעלעגן אַף דער ערד און געוויינט. אַ באַ־קאַנטער יעגער האָט מיך פאַרנאַכט־צו דערזען און אינײנעם מיט דער טשערעדע אַראָפּגע־בראַכט צוריק אין יישעוו. דעם זעלבן פאַרנאַכט האָב איך זיך אומגעקערט צוזאַמען מיטן ברו־דער און מיטן יעגער צום טײַכל, און ביזוואַנען די דערוואַקסענע האָבן זיך געפּאָרעט מיטן דער־טרונקענעם קעלבל, בין איך דערווײַל געזעסן אַף דער לעוואָנע־באַלויכטענער לאָנקע און געשריבן אַף אַ פּאַפּיראָסן־פּודעלע „נאַשאַ מאַרקאַ" אַ ליד. אָט איז זי:

* * *

בעסער אַף אייביק פאַרגײן זאָל די זון,
איידער באַם קעלבל די אויגן.
זיץ איך אין וואַלד און איך טראַכט
פונדערפון,
טײַנע זיך אויס מיט אַ פויגל.
טרינקט זיך דאָס קעלבל אין שטראָמיקן
טײַך,
רינען אין טײַך מײַנע טרערן.
גאָטעניו, ענטפער מיר טייקעף און גלײַך —
צי וועסטו מײַן טפילע דערהערן?

פאָלק און לאָשן

מע האָט זיך נאָך ביז איצט ניט צונויפגע־רעדט, וואָס אַזוינס עס איז אַ פאָלק. די אַנטראָ־פּאָלאָגן און עטנאָגראַפן צעפירן מיט די הענט און קאָנען ניט קומען צו קיין אַלגעמיינעם אויס־פיר. אין פיל לענדער איז אָנגענומען צו פאַרע־כענען די בירגער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אַלס אָנגעהעריקע צו דער גרונט־נאַציע. אין די לענ־דער פונעם מוסולמענישן גלויבן געהערן צו נאַ־ציאָנאַלע מינדערהײַטן יענע מענטשן, וועלכע פּריידיקן אַנדערע רעליגיעס. די האָלענדער און פלאַמאַנדער (אַזוי אויך די כאָרוואַטן, סערבן און באָסניער) רעדן אַף אַלצייניקע שפּראַכן, אָבער דער רעליגיעזער פאַקטאָר האָט אָפּגעשפּילט זײַן ראָל אין דער אויסבילדונג פון פאַרשיידענע פעלקער. דער גרוזינישער ייִד און דער ייִד פון ליטע, אויב זיי זײַנען נאָך דערצו ניט קיין גלויביקע, האָבן ניט צווישן זיך לאַכלוטן קיין געמיינזאַמס פונעם עטנישן שטאַנדפּונקט. אין יִסראָעל האָט דער ציִעניזם צונויפגענומען יידן פון דער גאַנ־צער וועלט („קיבוץ גליות" — די צונויפזאַמ־לונג פון די גאָלעסן), מיינענדיק, ווײַזט אויס, אַז זיי וועלן זיך אויסמישן און ווערן איין פאַלק („מיזוג גליות" — די אויסמישונג פון די גאָ־לעסן). אָבער גראָד אין דער יידישער מעדינע איז אָנשוילעך צו זען, אַז ייִדן פון די איסלאַ־מישע לענדער זײַנען ניט פון איין עטנישער גרופּע מיט די אייראָפּעיִשע ייִדן. די טרויעריק באַרימטע פאַרשע „ווער איז אַ ייִד" איז ניט קיין צופעליקע פאַר אָט דעם לאַנד, וואָס האָלט ערשט אין אויספאָרמירן זײַן נאַציע, צונויפנעמענדיק זי לויטן זעלבן שטייגער, ווי אַרכעאָלאָגן נעמען צונויף פון שערבלעך אַ קרוג, וואָס איז צע־בראָכן געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

ווען מע רעדט וועגן דעם באגריף פאָלק, דארף מען אויך האָבן אין זינען אָט וואָס: אין רעזולטאט פון די אינטענסיווע פראָצעסן פון קאָנסאָלידאציע און אסימיליאציע בילדן זיך אויס אין א סאך לענדער היפשע גרופעס מענטשן מיט איבערגאנגס־פאָרמען פון קולטור און נאציאָנאלן באוווסטזײַן. עס טרעפט, אז אזעלכע גרופעס און אפילע גאנצע פעלקער (קרוויווישע נאציאָנאלע סוויוועס) הייבן זיך אָן צוזאמענגיסן אין נײַע עטנישע געמיינשאפטן. אנדערע גרופעס, זײַענדיק ארומגערינגלט מיט דער אלגעמיין־נאציאָנאלער סוויווע, אסימילירן זיך.

דער נאָמען פון דער מערהײַט פעלקער פאלט צונויף מיטן נאָמען פון דער שפּראך, אף וועלכער זיי רעדן. מיר זײַנען ייִדן. אונדזער שפּראך איז ייִדיש. דאכט זיך — פראָסט און פאָשעט, אָבער דאָס לעבן איז פיל קאָמפליצירטער. לעמאָשל — די שפּראך אין יִסראָעל איז איווריט. צי בלײַבט איבער דער נאָמען ייִדן? א סימען, אז אין יִסראָעל רופט מען זיך טאקע גערן יִסרעיילים, און ניט ייִדן. געוויסע סאברעס שטרײַכן אפילע אונטער, אז זיי זײַנען ניט קיין ייִדן. עמעס, דאָס איז בלינדער לאנד־שאָוויניזם, צוגעפעפערט מיט נאציאָנאלן ניהיליזם. אָבער די פראָבלעם ווערט אזוי אָדער אנדערש קאָמפליצירטער.

פונוואנען שטאמט דאָס וואָרט ייִד? מע קאָן מיינען: ייִד — Jude (Jude איז געקומען אין דער דײַטשישער שפּראך פונעם לאטײַנישן Judaeus). דאָס הייסט, אז „ייִד" שטאמט קלוימערשט פון דער דײַטשישער שפּראך. אײַנדערעמעסן אָבער האָבן די ייִדן זיך גערופן „יהודי" נאָך לאנג פארן גאָלעס אשקענאז, לויטן לאנד יהודה, ווו זיי האָבן געלעבט.

דער נאָמען פון דער שפּראך פאלגט נאָך דעם נאָמען פונעם פאָלק, און ניט פארקערט.

ליטעראַרישע גענדז

ליטעראַרישע טויגעניכצן פאָרן ארויס פונעם סאָוועטנפארבאנד קיין יִסראָעל. זיי האָפן, אז מיט דעם אליין וועלן זיי „פארדינען" דעם שעם פון בעסערע שרײַבער.

צו זיי איז צוגעפאסט הענריך הײַנעס א זאָג וועגן דער גאנדז, וואָס האָט זיך גענומען איבערפליִען דעם טײַך ריין, קעדיי באווײַזן, אז זי איז א שוואלב. געבליבן איז אָבער די גאנדז א גאנדז.

איך האָב ניט אונטער דער האנט הײַנעס אָריגינעלע אויסגאבע, וועל איך די צוויי שורעס ברענגען אין דער איבערזעצונג אף רוסיש:

Гусенок за Рейн полетел
И гусем вернулся...

ביאליק אין דער גאָלדענער קייט

דער ציִעניזם האָט אונטערגעריסן ביאליקס טאלאנט. סארא גרויס גליק דאָס איז, וואָס דער טאלאנט איז געווען שטארקער פונעם ציִעניזם. ווען עס איז נאָרוואָס אופגעקומען די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור, האָט אונדזער קריטיק אונטערגעשטראָכן די אנטיביאליקישקײַט פון מארקישן, האָפשטיינען אא. (זע דאָברושינס ארבעטן פון יענער צײַט). ס'איז קלאָר, פארוואָס די סאָוועטישע ליטעראטור האָט אין אָנהייב געדארפט „גויווער זײַן" ביאליקן: די ווירקונג זײַנע איז געווען א דירעקטע, זי האָט פונקט ווי געשטערט דעם נײַעם.

דאָס וואקלען זיך פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג באם אָפשאצן דעם אָדער יענעם שרײַבער איז אין פארלויף פון דער ליטעראטור־געשיכטע געווען אָן אָפטע דערשײַנונג. ס'איז קיין סאָפעק ניט, אז די זיגזאגן פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג ווירקן דירעקט אף די עסטעטישע קריטעריען.

וועגן דעם זאָגט איידעס, לעמאָשל, דער גוירל פון יעסענינען, וועמענס שעם איז אָט געווען הויך ביזן הימל און אָט איז ער געפאלן, וואלגערנדיק זיך אין א שענקל צווישן שמוץ.

האגאם סערגיי יעסענין איז געווען טרײַ און איבערגעגעבן דעם אָקטאָבער, האָט אין זײַן דיכטונג זיך טראגיש אָפגעשפיגלט דער קריזיס פונעם פאטריארכאלן פויערשן לעבן. די ניט פארענטפערטע פראגע „וווהין טראָגן אונדז די געשעענישן — דער בלינדער גוירל?" («Куда несет нас рок событий?») איז אופגעשווומען אין דער אטמאָספער פון „מאָסקווא קאבאצקאיא". דאָס האָט געבראכט צו היפשע ווידערשפרוכן אין יעסענינס דיכטונג, וואָס די דעמלטיקע קריטיק האָט אופגענומען אף איר אויפן. אָנשטאָט אופדעקן דעם דיכטערס שוואכקײַטן, האָט זי אָפגעלייקנט זײַן גאנצע שאפונג, — און מער ווי א פערטל יאָרהונדערט איז יעסענינס נאָמען געווען קימאט אויסגעמעקט פון דער רוסישער פאָעזיע.

די לאגע האָט זיך געענדערט אין דער מיט פון די 50־ער יאָרן, און צום זיבעציקיאָריקן געבורטסטאָג פונעם דיכטער (1965) האָט שוין דער לאורעאט פון דער לענין־פרעמיע אלעקסאנדער פראָקאָפיעוו געקאָנט אָנשרײַבן: „ס'איז שוין צײַט צו ריידן וועגן ס. א. יעסענינען, ווי וועגן א גרויסן נאציאָנאלן רוסישן פאָעט, און ריידן ניט שטילערהייט, נאָר הויך אף א קאָל". די באדײַטונג פון די דאָזיקע ווערטער ווערט קלאָר, ווען מיר דערמאָנען זיך, אז אין 1926 האָט דער קריטיקער ל. סאָסנאָווסקי, ברענגענדיק אין דער „קאָמסאָמאָלסקאיא פראוודא" יעסענינס שורע

„איך לייען פאַר פּראָסטיטוטקעס לידער און זשליאָקע מיט באַנדיטן ספּירט", באַמערקט: „אין אָט דעם שוידערלעכן געמויזעכץ פּאַרמירט זיך די אידעאָלאָגיע פון יעסענינען, וועמען מע קרוינט (ווײַזט אויס, שיקערערהייט) אַלס א „גרויסן נאַציאָנאַלן פּאָעט"...

די אָפּשאַצונג פון יעסענינס דיכטונג האָט זיך גרינטלעך געענדערט, און דאָס איז ניט קיין קאַפּריז פון דער צײַט. די רוסישע ליטעראַטור־קריטיק האָט פונקט אַזוי געוואָרפן א נײַע שײַן אַף דער שאַפונג פון מאַרינע צוועטאַיעוואַ, מיר־כאַיל בולגאַקאָוו, פּאַוועל וואַסיליעוו אאַ.

זינט ס'האָבן אַנטיביאַליקיש געקלונגען די לידער בא האָפּשטיינען, מאַרקישן, פיניבערגן, זײַנען דורכגעגאַנגען פיל יאָרן, די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז געוואָרן צעצווײַגט און פאַרוואָרצלט, און מיר קאָנען איצט, קוקנדיק פון א מעהאַלעך, אָפּשאַצן ביאַליקן אַף אַזא מין אופן, אַז זײַן ווערטפולע שאַפונג זאָל פאַרבלײַבן ווי א רינג אין דער גאָלדענער קייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

ניט דערפאַר, ווײַל ביאַליק איז שוין אוועק אין דער אייביקײַט און ער קאָן ניט אופווירקן אַף צײַט־מאָמענטן, נאָר ווײַל אייביקײַט איז אין ליטעראַרישן פּראָצעס שטאַרקער און גערעכטער פון צײַט־מאָמענט.

צו דער פראַגע וועגן דער געאָגראַפיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור

מע קאָן ניט ריידן ערנסט וועגן דער געאָגראַפיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ביזוואַנען אַלע אַזויגערופענע ליטעראַרישע צענטרען וועלן ניט האָבן אייגענע שרײַבער. ביז איצט האָבן מיר צו טאָן מיט מיגראַציע פון ייִדישע שריפטשטעלער, וואָס איז ניט אַרויסגערופן פון ליטעראַרישע סיבעס. איינער א קריטיקער האָט ניט לאַנג צוריק זיך גענומען באַשרײַבן די געאָגראַפיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, איז ער אַרומגעגאַנגען גאַנצענע טעג מיט איין פראַגע אַף די ליפּן: ווו לעבט הײַנט דער אָדער יענער שרײַבער? איך האָב אים געפּרוווט אונטערהעלפן מיט אַן אייצע: זאָל ער אַרײַנקוקן אין דעם שרײַבערס ווערק, וועט ער זיכער, לויט די מאָטיוון, לויטן קאָלאָריט, לויט דער שפּראַך און, סאָפּקאָלסאָף, לויטן אַדרעס פונעם פאַרלאַג, ווו די ביכער זײַנען דערשינען, פעסטשטעלן דאָס לאַנד, וואָס האָט געבוירן און גענערט דעם שרײַבער. דערווידערנדיק מיר, האָט ער אָנגערופן, ווי א בײַשפּיל, ייִדישע שרײַבער, וועלכע זײַנען ליטעראַריש אופגעקומען אין פּוילן, יאָרנלאַנג זיך געפונען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איצט לעבן זיי אין אַרגענטינע אָדער קאַנאַדע, ביכער גיבן זיי אַרויס אין דעם ייִסראָעלדיקן פאַרלאַג.

ייִדישע שרײַבער אין אַמעריקע, מיזרעוו־איירראָפּע, ייִסראָעל, לאַטײַן־אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע זײַנען אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, ליטע. זיי לעבן הײַנט אין דעם אָדער יענעם לאַנד דערפאַר, ווײַל דאָרט האָט זיך אָפּגעזוכט א קאַרעוו, אָדער, לאָמיר זאָגן, די טאָכטער האָט „אַהין" כאַסענע געהאַט. איירניקע זײַנען אין די ווײַטע שטורמישע צײַטן געלאָפן פון דער רעוואָלוציע. אַלזאָ, מיט קליינע אויסנאַמען איז דער ייִדישער שרײַבער אין אויסלאַנד ניט אופגעקומען שעפעריש אין דעם לאַנד, ווו ער וווינט, און דאָס דאָזיקע לאַנד מיט זײַנע פּראָבלעמען און לעבנס־שטייגער ווערט ניט אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק, וואָס דער שרײַבער שאַפט. מע קאָן אָפּט הערן, ווי אין מאָסקווע פרעגט זיך אָן א לייענער בא געקומענע טורריסטן: „ווו לעבט איצט ראַכל קאָרן — אין טאָראָנטאָ, דאַכט זיך?". „א סוואָרע, אַז כאַים גראַדע האָט נאָך אין די פופציקער יאָרן כאַסענע געהאַט אין אַמעריקע, איז ער טאַקע דאָרט געבליבן שטעקן?" אאַוו. אדגל.

עס טוט זיך אַף טיש און אַף בענק אין דעם סאַמע ייִנגסטן געאָגראַפישן צענטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור — אין ייִסראָעל. דאָ זײַנען ניט נאָר ביז איצט ניטאָ קיין ייִדישע שרײַבער פון אייגענעם באָדן, — דאָס בילד איז קלאָל אָן אומגעלומפּערטס. פאַר דער לעצטער צײַט איז ייִסראָעל געוואָרן דאָס אָרט, וווהין עס לויפן זיך צונויף פּאָליטישע דעזערטירן און פאַרעטער. וואָס וועט זײַן ווײַטער? צי וועט דער אומרייִנער שטראָם טאַקע פאַרשווענקען דאָס, וואָס די ייִסראָעלדיקע ווידערשפּרעכלעכע ווירקלעכקײַט האָט אַרײַנגעטראָגן אין שעפערישן ליטעראַטור־אויצער?

אַזוי ווי די מענטשנפרעסער

איך האָב זיך געכאַפּט, אַז אין דער נאָטיץ וועגן מײַן באַגעגעניש אין לאָנדאָן מיטן לאָררעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע שמואל־יוסעף אַגנאָן (די נאָטיץ איז בעשאַטוי פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ") האָב איך דורכגעלאָזט א ציקאַוון עפּיזאָד.

ס'איז צווישן אונדז געגאַנגען א רייד וועגן דעם, אַז אין אויסלאַנד שאַצט מען אָפּ דאָס לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן לויטן פּרינציפּ — גלײַך איז קרום, קרום איז גלײַך. אַגנאָן האָט געבראַכט א מאָשל.

...אין אפריקע לעבט א שייוועט פון גרויזאמע מענטשנפרעסער ניאם־ניאם. ס׳איז באוווּסט זייערע א ליד —

„גאָט האָט געוואָלט באשאפן די וועלט. דער שעד האָט אים געזאָגט:

— איך וויל ניט!

גאָט האָט געענטפערט הויך אף א קאָל:

— און איך וויל!

דער שעד איז אוועק און זיך באהאלטן א צערייצטער אין א ווינקל. „אויב גאָט וועט עפּעס באשאפן, וועל איך באשאפן פונקט דאָס פאַרקערטע“.

גאָט האָט באשאפן די מאלפּע. דעמלט האָט דער שעד באשאפן דעם מענטשן.

דער מענטש איז א מאלפּע מיט צוויי הענט (און ניט מיט פיר הענט, ווי די מאלפּע), נאָר ער איז ניט אזוי שיין, ווי זי, און איז א סאך בייזער...“

די מענטשנפרעסער האָבן, זעט אויס, געורטיילט וועגן מענטש — מאלפּע אזוי, אז עס האָט זיך באקומען גלײַך — קרום, קרום — גלײַך.

מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם, פּערעץ — און ווער נאָך?

ווען מע זאָגט „די קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור“, פארשפּאָרט מען שוין זיי אָנרופן בא די נעמען, ווײַל אלע ווייסן, אז דאָס זײַנען מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם און פּערעץ. עס שאפט זיך אָן אײַנדרוק, אז עס זײַנען געווען בלויז דרײַ וואקאנטע ערטער, און איצט זײַנען זיי פארנומען.

טרעפט אָבער, אז א הײַנטיקער לייענער, בלעטערנדיק ווידער אווראָם רייזינען, לעמאָשל, — זײַנע פּרעכטיקע, אייביק לעבעדיקע דערציילונגען, די דערשיטערנדיקע לידער, — שרײַט אויס: „דאָס איז דאָך קלאסיק! עכטע קלאסיק!“ נו, און מאָריס ווינטשעווסקי, דער מעכטיקער דעמב, דער אָנהייבער און גרונטלייגער פונעם גאנצן סאָציאליסטיש־פּראָלעטארישן גאנג אין דער ייִדישער ליטעראטור, דער גרויסער מײַסטער אין אלע זשאנרען, ארײַנגערעכנט דעם פּאָליטישן פּאמפלעט און די צײַטונגס־פּובליציסטיק, דער „זיידע“ (אויסער אים האָט בלויז מענדעלע מויכער־ספאָרים פארדינט אין דער ליטעראטור אזא ראנג), — ער איז ניט קיין קלאסיקער? און געשיקט זיך, האָט ניט געגעבן קיין קלאסיקער דער נײַער פּעריאָד, וואָס מיר רופן אים נאָכקלאסישער פּעריאָד און וואָס מיט אים זײַנען פארבונדן די נעמען פון בערגעלסאָנען און אשן, פון מארקישן, לייוויקן, אָפּאטאָשון, האלפּערנען?

די ליטעראטור־פאָרשונג אײַלט זיך ניט צו געבן אן ענטפער אף אָט די דאָזיקע פראגן.

און דאָך מוזן מיר וועגן דעם טראכטן.

אין אוראלטן רוים האָט מען מיטן נאָמען „קלאסיקער“ גערופן אלע בירגער פונעם פּריווילעגירטן „ערשטן קלאס“. דער שרײַבער אוול העלי האָט אין II יה. פון אונדזער ערע דער ערשטער געקרוינט אלס קלאסיקער די בעסטע, מוסטערהאפטע שרײַבער, וועלכע רופן ארויס באוווּנדערונג און געהערן דעריבער צום ערשטן ליטערארישן „קלאס“.

פון דעמלט אָן האָט זיך דער באגריף פארשפּרייט איבער אלע ליטעראטורן פון דער וועלט. סענט ביאָוו האָט געשריבן: „א קלאסיקער איז יענער שרײַבער, וואָס האָט באַרײַכערט דעם מענטשלעכן גײַסט, האָט געצווּוּנגען דעם מענטשן, ער זאָל שטעלן א טראָט פאָרויס, האָט אנטדעקט אוועלכן־ניט־איז אָנסאָפּעקדיקן מאָראלישן אימפּעראטיוו, אָדער האָט אויסגעפונען לײַדנשאפט אין דעם הארץ, וואָס האָט זיך ביז דאַן שוין גערעכנט פאר לאכלוטן אויסגעפאָרשט; האָט איבערגעגעבן זײַן געדאנק, זײַן עמפּינדונג, זײַנע אנטדעקונגען, — אומאָפּהענגיק אין וועלכער פאָרם, אבי די פאָרם זאָל זײַן ברייט, גרויס, דין און קלוגשאפטלעך, — דעם געזונטן און פּרעכטיק־שיינעם; יענער שרײַבער, וועלכער האָט גערעדט מיט אלעמען אין א נוסעך, וואָס איז אינדיווידועל און איינציַיטיק אלעמענס, אין א סטיל, וואָס איז נײַ אָן נעאָלאָגיזמען, נײַ, נאָר איינצײַטיק אלט און איז הײַנטצײַטיק בענעגייע אלע עפּאָכעס“.

אויב ס׳איז ריכטיק, אז א קלאסיש ווערק איז א שעדעווער פון ליטעראטור אָדער קונסט, דה. א ווערק, וואָס דריקט אויס אין אן אמערסטן פארפולקומטער פאָרם די פּראָבלעמען (אידעאלן), וועלכע זײַנען אין דעם ארײַנגעטאָן, — איז אויך ריכטיק, אז קלאסיקער פון פארשיידענע צײַטן דארפן ניט אומבאדינגט זײַן פון איינער און דער זעלבער פּראָפּעסיאָנעלער מאָדרייגע. די מאָלערײַ אין די היילן, וועלכע געהערט צו דער עפּאָכע פון נעאָליט, איז אָן־און־פאר־זיך קלאסיק, האגאם זי פּרעטענדירט ניט צו פארגלײַכן זיך מיט דער סיקסטינער מאָדאָנע.

דאָס אלץ זײַנען אלגעמיין אָנגענומענע עמעסן, עס בלײַבט אָבער די אלטע פראגע בעשײַכעס דער ייִדישער ליטעראטור:

צי זײַנען בא אונדז געווען בלויז דרײַ קלאסיקער — מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם, פּערעץ?

מאָריס ווינטשעווסקי, אווראָם רייזין — זײַנען ניט קיין קלאסיקער?

צווישן די רישוינים פון דער ערשטער העלפט פון XX יה. זײַנען ניט געווען אזעלכע, וואָס פארדינען דעם נאָמען קלאסיקער?

וואָס הערן מיר פון זייער מויל, ווען זיי צעווערטלען זיך

קימאַט אומבאַמערקט פאַרן לייענער־אוילעם האָט ניט לאַנג צוריק דורכגעשווינדלט אַ פּאָלעמיק, בעסער געזאָגט — אַ מין דורכוווערטלען זיך פון צוויי ייִדישע זשורנאַליסטן. קיינער האָט שפּעטער די מיינונג פון די צדדים אין ערגעץ ניט איבערגעכאַזערט און ניט קאָמענטירט, און דאָס רופט אַרויס באַדויערונג, ווײַל שפּאַרנדיק זיך וועגן פּראָטים, האָבן די צוויי זשורנאַליסטן באַרירט אַ פּרינציפּיעלע פּראָבלעם פון דער הײַנטצײַטיקער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור.

ס'איז קעדײַ די געשיכטע צו פאַרצייכענען.

געווען אַמאָל אין ניו־יאָרק אַ ייִדישע צײַטונג „מאָרגן־זשורנאַל". ווען זי האָט זיך פאַרמאַכט, איז איר רעדאַקטאָר מ. י. נירנבערגער אַריבערגעפאָרן קיין קאַנאַדע, און ער רעדאַגירט איצט אין טאָראָנטאָ אַ וואָכנבלאַט פאַר ייִדן אויף ענגליש. קוקנדיק שוין פון אַ זײַט אויף די פּאַראַנדקעס פון דער ייִדישער פּרעסע, האָט מ. י. נירנבערגער, ווײַזט אויס, זיך אויסגעלערנט צו זען מערער, איידער ער פלעגט זען פריִער. אין אַן אינטערוויו, וואָס ער האָט געגעבן דער העברעיִשער ייִשׂראלע־צײַטונג „הארעץ", האָט ער, צווישן אַנדערס, זיך געקלאָגט, אַז אין אַמעריקע איז די ייִדישע פּרעסע פאַרנומען ניט מיט אַלגעמיין־פּאָליטישע, נאָר בלויז מיט ייִדישע איניאָנים, און דעריבער „ווערט אַ ייִדישע צײַטונג פאַרוואַנדלט אין אַן עטנישן אָרגאַן פון צווייטן קלאַס".

אָנעמענדיק זיך פאַר דער אַמעריקאַנער בירגערלעכער ייִדישער פּרעסע, שרײַבט מאָרדכע שטריגלער אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", אַז דאָס, וואָס נירנבערגערן געפעלט ניט, איז גראָד אַ גלײַכע זאַך, „אַנדערש וואָלט מען עפּשער ניט געדאַרפט מאַכן אַזויפיל אָנשטרענגונגען, ביכדיי צו דערהאַלטן די ייִדישע פּרעסע באַם לעבן".

דאָ ענדיקט זיך אָבער ניט די פּאָלעמיק. מ. י. נירנבערגער האָט זיך טיפער אַ גריבל געטאָן אין דער פּראָבלעם. ער שרײַבט: „די ייִדישע פּרעסע (די בירגערלעכע ייִדישע פּרעסע פון אַמעריקע. — א. וו.) איז געבונדן מיט אינסטיטוציעס, וועלכע זי מוז דינען. דערפאַר איז איר אינפאָרמאַציע נישט קיין אָביעקטיווע"...

וועל איך זיך אויף דעם אָרט אָפּשטעלן, קעדײַ, לעכאָלהאַפּאָכעס, פאַרצייכענען זייערע אייגענע גוויִעס־איידעס וועגן דעם, אַז זייער פּרעסע דינט שמאָל־פּאַרטייִשע אינטערעסן. געוויינלעך לײַקענען זיי עס אָפּ, אין דער צײַט, ווען זיי וואַרפן אונדז אויף פּאַרטייִשקײַט, האַגאַם מיר רעדן טאָמיד וועגן פּאַרטייִשקײַט פון דער ליטעראַטור און פון דער פּרעסע.

די לאָגיק פון מ. י. נירנבערגער אין „הארעץ" איז אַזאַ. די פּרעסע, וואָס דינט אַ באַשטימטער אידיי אָדער „אַ באַשטימטן קרײַז", איז ניט פרײַ. דער אוילעם וויל דעריבער לייענען אַזעלכע צײַטונגען, וועלכע געהערן צו פּריוואַטע אַרויסגעבער. מאָרדכע שטריגלער שטעלט אָבער אין „פאָרווערטס" אַ גאַנץ האַרבע פראַגע: „ווער זײַנען אַזוינס די „פּריוואַטע", וואָס אויף זייער אָביעקטיווקײַט קאָן מען זיך פאַרלאָזן? צי זײַנען יענע יעכידים מער אַכרײַעסדיק, מיט מער געוויסן און מיט מער דאָרשט פאַרן עמעס, ווי די אַרויסגעבער, וואָס ווערן קאָנטראָלירט פון „אינסטיטוציעס"? דוכט זיך, אַז „זיי אויך" זײַנען געבונדן מיט אַלערליי „פּרינציפּן", האַגאַם זיי געהערן צום פּריוואַטן סעקטאָר. דאָס מערקט זיך גענוג בוילעט אין ייִשׂראל..." און ער איז זיך מוידע: „וויבאַלד די אָביעקטיווע אומשטענדן פאָדערן סײַווי אַ באַשטימטן קאָנטראָל, איז מיר שוין טויזנט מאָל ליבער דער קאָנטראָל פון אַן אינסטיטוציע..."

האַקלאַל, פּאָלעמיזירנדיק מיט גרויס אופּרודערונג, הייבט אָן דער „פאָרווערטס"־זשורנאַליסט צו ריידן אַזוי, פונקט ווי ער וואָלט גאָר קיין „פאָרווערטס"־זשורנאַליסט ניט געווען. „מיר האָבן שוין געזען, — פאַלט ער אַרײַן אין אָפנהאַרציקײַט, — אויך אין אַמעריקע, וויִאַזוי פּריוואַטע צײַטונגס־אונטערנעמער זײַנען אַזוי ווײַט פרײַ, ביז צו זײַן אומאָפּהענגיק פונעם אייגענעם געוויסן"...

כלעבן, עס לוינט צו הערן, וואָס זיי ריידן, ווען זיי צעווערטלען זיך...

א העברעיִשע גראַמאַטיק אין לאָמאָנאָסאָווס ביבליִאָטעק

אין מ. ו. לאָמאָנאָסאָווס ביבליִאָטעק (זי געפֿינט זיך אינעם ארכיוו פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר, פאָנד 20) ווערן אָפּגעהיט צוויי עקזעמ־פּליארן פון א העברעיִשער גראַמאַטיק אין דער לאַ־טײַנישער טראַנסקריפּציע (זיי זײַנען אײַנגעבונדן צוזאַמען און זעען אויס ווי איין בוך). דער אווטאָר פון דער גראַמאַטיק איז דער אונגארישער פילאָלאָג פון XVIII יאָרהונדערט דיערד (געאָרגי) קאַלמאַר. אין די צוויי עקזעמפּליארן זײַנען פאַראַן אויך יעדיִעס וועגן זייערע אייגנטימער און וועגן דעם אווטאָר.

אפן רעכטן טאָוול פונעם אײַנבונד געפינט זיך אן אופשריפט מיט גאָלדענע אויסיעס: „העברעיִשע גראַ־מאַטיק פון 1760 יאָר, וועלכע האָט געהערט צום אור־פּאָטער פון מײַן זון — צו מיכאַיִל וואסיליעוויטש לאָמאָנאָסאָוון“.

עטלעכע אופשריפטן פון פארשיידענע מענטשן זעט מען אף די פּאָרזאַצן פונעם בוך. די ערשטע (אין כראָנאָלאָגישן זין) פּאַרנאָטירונג געהערט אלעקסאַנ־דער ניקאָלײַעוויטש ראַיעווסקין (1795 — 1868) — א זון פון לאָמאָנאָסאָווס אייניקל סאָפיא אלעקסייעוונא (1769 — 1844). אין טעקסט שטייט: „מײַן ליב אייניקל, אָט דאָס בוך האָט אמאָל געהערט צום רומפולן מי־כאַיִל וואסיליעוויטש לאָמאָנאָסאָוו, מײַן עלטערזיידן און דײַן עלטער־עלטערזיידן. היט דאָס בוך בא זיך אלס אַיידעס פון דער געלערנטקײַט פון יענער צײַט און אלס אזא, וואָס האָט געהערט צו דײַן בארימטן אורפּאָטער. 31 יול 1863, ס.־פּעטערבורג. א. ראַיעוו־סקי“.

אין דער פאָלגנדיקער אופשריפט שטייט: „גרישען דעם 16 אפּרעל 1878. מאָסקווע“. לויט די קאָמענטאַרן פונעם באַוווּסטן פּושקיניסט ב. ל. מאָדזאַלעווסקי (1874 — 1928), געהערט די אופשריפט דעם גראַף איוואַן גריגאָריעוויטש נאָסטיץ, ראַיעווסקיס אַיידעם. גרישע — דאָס איז דער גראַף גריגאָרי איוואַנאָוויטש נאָסטיץ, וואָס האָט ביז דער רעוואָליוציע פון 1917 געדינט אין גענעראַל־שטאַב.

די דריטע אופשריפט האָט געמאַכט דער פּושקיניסט פּאַוועל יעליסייעוויטש שטשעגאָלעוו (1877 — 1931). איר טעקסט: „צום אָנדענק פונעם 200־יאָריקן יובילײַ פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע. דעם 25 אפּרעל 1925. פון פּ. יע. שטשעגאָלעוו“. ווײַטער: „דאָס דאָזיקע בוך האָב איך זיך אײַנגעשאַפן אין 1923 בא א בוקיניסט אף ליטייני פּראָספּעקט. פּ. שטשעגאָלעוו“.

אף די טיטל־בלעטער פונעם בוך זײַנען פאַראַן דעם אווטאָרס מאַטאָנע־אופשריפטן אין לאַטײַן (זע די פאָ־


25

לש

דיקדוק וראשות השפה הקדמונה:

או

קריאת המקרא כפי עבריים הקדמונים:

GENVINA

LINGVAE HEBRAICAE

GRAMMATICA.

SIVE,

VETVS.ILLA

SINE MASORETHARVM PVNCTIS

HEBRAISANDI VIA.

Quam prius (*A. AE. CHR. MDCCLVI. MM. Sext. Sept.*), ingenui Discipuli sui, admodum reuerendi P. *Cyrilli*, Equestris Academiae, quae *Petrupoli* est, Presbyteri, priuatum in usum, noua plane aptioreue methodo, delineatam; domi demum fuae complo-ribus usque Criticis augtam Scholiis, non modo discentium ac Docentium, sed etiam eorum, qui ad *Criticen Sacram* se conferunt, atque faciles in ea selectosque progressus desiderant, in gratiam, publici iam iuris esse uult

GEORGIVS KALMAR,

Hungaro-Pannon a Tapoltzafû. *Imperatoriarum Academiarum FLORENTINARUM adlegtus Socius.*

PSAL. XVIIII: 8, 9.

GENEVAE,

Typis P. PELLET, Typographi. M.DCCLX.

שאַרבלאַט פון א העברעיִשער גראַמאַטיק אין לאָמאָנאָסאָווס ביבליִאָטעק

טאָ). אפן ערשטן עקזעמפּליאַר פון דער גראַמאַטיק לייענט זיך די אופשריפט אזוי: „אָט דער קאָמפּענדיום (קיצער) פון מײַן קריטיש־גראַמאַטישער סיסטעם ווערט אָנגעטרויט דעם רומפולן ראַטגעבער הער מי־כאַיִל לאָמאָנאָסאָוו אף איבערצוגעבן דער קיִעווער גימנאַזיע. וואַרשע, 6 אווגוסט 1761“. אן אנאַלאָגישע אופשריפט געפינען מיר אפן טיטל־בלאַט פונעם צווייטן עקזעמפּליאַר פון דער גראַמאַטיק: „קאָלזמאַן עס וועט ניט דערשײַנען דער פולער טעקסט פון דער קריטיש־גראַמאַטישער סיסטעם, ווערט אָט דער סאַמע קורצער קאָמפּענדיום אָנגעטרויט דעם רומפולן ראַט־געבער הער מיכאַיִל לאָמאָנאָסאָוו אף איבערגעבן דער פּעטערבורגער אקאַדעמיע. וואַרשע, 6 אווגוסט 1761“.

די סיבע, פארוואָס לאָמאָנאָסאָוו האָט געהאַלטן די עקזעמפּליארן פון דער גראַמאַטיק בא זיך און ניט איבערגעגעבן זיי לויט די אדרעסן, איז אומבאַוווּסט.

מיר זעצן דאָ איבער אין ייִדיש דעם לאַטײַנישן טעקסט פונעם שאַרבלאַט: „עמעסע גראַמאַטיק פון

העברעיִש, אָדער דער אלטער מעטאָד פון לייענען א העברעיִשן טעקסט אָן דער מעסוירעדיקער פונקטואציע. די לעצטע איז פריִער (אין 1756, 6 סענטיאבער) פאַרגעלייגט געוואָרן אין פריוואטן באנוץ פונעם פייִקן שילער, דעם געאכטעטן פּאָטער קיריל — דעם גײַסטלעכן פון דער אדעליקער אקאדעמיע אין פּעטערבורג, ער זאָל קאָנען לייענען א העברעיִשן טעקסט מיט א נײַעם אָדער מער צוועקמעסיקן מעטאָד. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אהיים, איז די פונקטואציע דערגאנצט געוואָרן מיט א סאך קריטישע באמערקונגען און דערקלערונגען צום טעקסט. איצט קאָנען זי נוצן ניט בלויז די שילער און לערער, נאָר אויך יענע, וועלכע פארנעמען זיך מיט דער קריטיק פון דער ביבל און ווילן לײַכט און מיט דערפאָלג זי דערלערנען. עס שטעלט זי ארויס אפן געריכט פונעם פובליקום געאָרגי קאלמאר, דער מיטגליד פון דער אונגאריש־פאנאָנישער אין טאפּאָלצאפּיאָ און פון די אימפּעראטאָרישע פלאָרענטישע אקאדעמיעס. טהילים, קאפּיטל XVIII, פּסוקים 8, 9. זשענעוו. דרוקערײַ פון פּ. פעלעט. 1760״.

דער העברעיִשער טעקסט פונעם שארבלאט לייענט זיך אין א ייִדישער איבערזעצונג אזוי: „אין גאָטס נאָמען (אזוי פארשטייען מיר די ראָשעטייוועס פון „ל. ש.״ — לעשיים שאָמאַיִם). דיקדוק (גראמאטיק און די פּרינציפּן פון דער אוראלטער שפּראך (העברעיִש) אָדער דאָס לייענען די ביבל ווי עס האָבן זי געלייענט די פארצײַטיקע ייִדן״.

אפן שארבלאט ווערט געבראכט דאָס קאפּיטל XVIII פון טהילים, פּסוקים 8, 9:

עדות יהוה נאמנה מחכימת פתי
מצות יהוה ברה מאירת עינים,

וואָס לייענט זיך אין ייִדיש אזוי: „גאָטס איידעס איז באגלויבט און מאכט קלוג דעם נאר; גאָטס מיצוועס זײַנען קלאָר, זיי מאכן ליכטיק די אויגן״.

וועגן דעם אווטאָר פון דער דאָזיקער גראמאטיק איז באוווסט, אז ער האָט באזוכט פיל לענדער פון מיִרעוו־אייראָפּע, אויך טערקײַ און רוסלאנד. אין 1756 האָט ער א גאנצן זומער פארבראכט אין פּעטערבורג, ווו ער האָט געגעבן לעקציעס אף העברעיִש דעם גאלעך קיריל, דעם היִעראָמאָנאך פון שליאכעטסקן קאדעטישן קאָרפּוס. שפּעטער איז ער נאָכאמאָל געקומען קיין רוסלאנד, נאָר קיין פּראָטים וועגן אָט דער רײַזע זײַנען ניט באוווסט. עס איז נאָר פארפיקסירט זײַן וויזיט אין ווארשע אין אווגוסט 1761.

ווי עס ווײַזט אויס, האָט דער אווטאָר געוווּסט וועגן לאָמאָנאָסאָוון נאָך איידער ער האָט זיך מיט אים באגעגנט אין ווארשע. עס איז מעגלעך, אז ער האָט געלייענט לאָמאָנאָסאָווס ווערק. דאָס איז צו זען כאָטש פון דעם, וואָס אין די ווידמונגען, וועלכע קומען פארן טעקסט פון דער גראמאטיק, ווערט אויך דערמאָנט לאָמאָנאָסאָווס נאָמען.

צווישן די אנדערע ווערק פון דיערד קאלמאר איז פאראן אויך א פארברייטערטע גראמאטיק פון העברעיִש, געשריבן אין גריכיש. אפן שארבלאט פון דער גראמאטיק לייענען מיר: „אַרײַנפיר אין העברעיִש לויט די אלטערטימלעכע נוסכאָעס פון די ייִדן — קאָנקרעט, אָן די מעסוירע־צייכנס. אזא אַרײַנפיר איז פריִער, אין 1756, צוגעגרייט געוואָרן אין א קיצערפאָרם פאר דעם בעקאָוועדיקן געלערנטן און ליבהאָבער פון דער וויסנשאפט, דעם היִעראָמאָנאך קיריל, דעם גאלעך פון דער אדעליקער אקאדעמיע אין פּעטערבורג. שפּעטער איז זי היפּש דערגאנצט געוואָרן און אָפּגעדרוקט אין זשענעוו. איצט זײַנען פראגמענטן אירע איבערגעזעצט אין דער העלינישער שפּראך פאר די גריכן און אנדערע, וועלכע נוצן זיך מיט דער גריכישער שפּראך, און דערגאנצט מיט נײַע באמערקונגען. האלע, 1767״.

צום שלוס וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אף דער פראגע, צי האָט לאָמאָנאָסאָוו געקענט העברעיִש? א רײַ פאָרשער ענטפערן אף דער פראגע פּאָזיטיוו, נאָר מיט קיינע באווײַזן באשטעטיקן זיי דאָס ניט. אנדערע פארופן זיך אף די ביכער פון לאָמאָנאָסאָווס פּערזענלעכער ביבליִאָטעק: אף דער אויבן באשריבענער קאלמארס העברעיִשער גראמאטיק און אף רעקענבערגערס העברעיִש ווערטערבוך, אויך אף לאָמאָנאָסאָווס נאָטיץ, ווו עס איז געגעבן א רעשימע פון שפּראכן, און אייניקע פון זיי (דערונטער אויך העברעיִש) זײַנען אָפּגעמערקט מיט א פּליוס־צייכן (+). אונדז דוכט, אז אזעלכע באווײַזן קאָן מען ניט האלטן פאר איבערצײַגנדיק.

אין דער זעלבער צײַט דארף מען באמערקן, אז עס איז פולשטענדיק פעסטגעשטעלט, אז לאָמאָנאָסאָוו איז געווען א קענער פון דער ביבל, ער האָט זי געלייענט נאָך אין דער יוגנט און האָט זי געהאלטן אלס א מוסטערהאפטן ליטעראריש ווערק. ער האָט איבערגעדיכטעט אין לידער נײַן קאפּיטלען פון טהילים און האָט אָנגעשריבן „אָן אָדע לויט די קאפּיטלען ל״ח — מ״א פון איִעוו״. אין זײַן ארטיקל „פאָרוואָרט וועגן דער נוץ פון די קירכלעכע ביכער״ זאָגט ער זיך ארויס פאר אויסנוצן אין דער רוסישער ליטערארישער שפּראך דעם וואָרט־אוצער פון דער קירכלעך־סלאווישער ביבל. אין לאָמאָנאָסאָווס ווערק זײַנען פאראן א סאך פארופונגען אף דער ביבל און ציטאטן פון איר. אזוי, לעמאָשל, אינעם „וואָרט וועגן דער נוץ פון כימיע״ דערווײַזט ער דעם אוראלטן אָפּשטאם פון דער מעטאלורגיע, פארופנדיק זיך אפן כומעש בערײשיס. אין זײַן ווערק „וועגערא אף דער זון״ קריטיקירט ער די טעאָלאָגן פון דער מיִרעוו־קירך, לעמײַ זיי „נעמען אויף די ווערטער פון יעהוישוע בין נון אין ריין גראמאטישן זין, און דעריבער ווילן זיי דערווײַזן, אז די ערד שטייט... די ביבל דארף מען פארשטיין ניט אומעטום גראמאטיש, נאָר אָפט אויך ריטאָריש״.

יִסראָעל קאָוועלמאן

פונדעסטוועגן?

דער אמעריקאַנער „איקוף“ און זײַן כוידעשאויסגאַבע „ייִדישע קולטור“ האָבן צום 10־יאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ צוגעשיקט א באַגריסונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם יאַמטעוו־נומער פון אונדזער זשורנאַל.

דאָס איז געווען אין יול. אין אווגוסט — סענטיאַבער איז דערשינען דער אָרדנטלעכער נומער פון דער „ייִדישער קולטור“, און דאָרט איז אויך פאַראַן א נאָטיץ וועגן די צען יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד“, אָבער שוין אזא, וועלכע מע קאָן אָנרופן — א ווונטש מיט א „פונדעסטוועגן“.

ס'איז געוואָרן א מאָדע בא געוויסע קרײַזן אין פּשאַ, וועלכע שטאַמען פונעם ייִדישן פּראָגרעסיוון וואָרצל, צו ריידן וועגן אלדאָס סאָוועטישע מיט א באַוואָרעניש, וועלכע איז א מין ווונק „צו לײַטן“, א קלאַפּ זיך אין דער ברוסט, אז ניין, זײ זינגען ניט קיין לויב־געזאַנגען...

פאַקטיש איז עס דער ווילן סײַ צו אויסזען „פּראָגרעסיוו“, סײַ ניט זײַן צעקריגט מיט די פאַרלוימדער פון דעם פּראָגרעסיוון.

לייענענדיק די נאָטיץ, אין וועלכער די „ייִדישע קולטור“ באַגריסט „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָבן מיר געהאַט דעם געפיל, אז די רעדאַקציע פונעם „איקוף“־אָרגאַן אין ניו־יאָרק היט זיך דערווײַל אָפּ פון זאָגן מיט אַן אָפן מויל, וואָס זי פאַרלאַנגט צו ווינטשן דעם סאָוועטישן ייִדישן ליטעראַרישן זשורנאַל, דעריבער לייגט זי אַרײַן צווישן די שורעס מערער, איידער אין די שורעס גופא.

ווײַל ס'איז דאָך לעכערלעך צו זאָגן, אז עס האָט „געאַרט דאָס, וואָס דער זשורנאַל („סאָוועטיש היימלאַנד“. — רעד.) האָט ניט אָנגערירט, און דאָס, וואָס ער האָט ניט אַרויסגעבראַכט“. מיר נעמען זיך אונטער באַלד אויסרעכענען א צעטל פון צענדליקער ביז גאָר וויכטיקע, פון אונדזער שטאַנדפּונקט, זאַכן, וואָס די „ייִדישע קולטור“ האָט ניט אַרויסגעבראַכט. ווײַזט אויס, אז אונטערזאָגנדיק דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, ער זאָל „אַרויסברענגען“ „דעם בראָך פון ייִדישן לעבן“, דעם „אָרדנטלעכן (?) — יאָ, מוטיקן — אָפּשאַץ פון פריִערדיקן אומגליק“ אדג., — האָט דער אווטאָר פון דער רעדאַקציאָנעלער נאָטיץ אין דער „ייִדישער קולטור“ סײַ פאַרגעסן, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט, אין העסקעם מיט זײַנע מעגלעכקײַטן אלס ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל, יאָ אַרויסגעבראַכט, סײַ פאַרגעסן די זשורנאַליסטישע עטיק, וואָס ווערט געוויינלעך אַרויסגעוויזן אַף א סימכע בא פרײַנטלעכע אויסגאַבעס.

די „ייִדישע קולטור“ פאַרלירט יעדע מאָס, ווען זי וואַרפט אויף „סאָוועטיש היימלאַנד“, אז „ער האָט פאַר שולן ניט אַגיטירט און פאַר נאַציאָנאַלן טעאַטער ניט פּראָפּאַגאַנדירט, און אַזויפיל אַנדערע קולטור־פאָדערונגען ניט אַרויסגעשטעלט“... ווײַטער קומט שוין דער עמעסער מיין פון דער נאָטיץ: „דער זשורנאַל („סאָוועטיש היימלאַנד“. — רעד.) האָט דאָך געקענט פאַרוואַרפן אַזויפיל בריקן צום ייִדישן לעבן איבער דער וועלט, צו דער ייִדישער שעפערישקײַט אין אַלע לענדער, אַרײַנגערעכנט ייִסראָעל“.

ענטפערן מיר דער „ייִדישער קולטור“: אפילע די קעגנער אונדזערע לייקענען ניט, אז „סאָוועטיש היימלאַנד“ האַלט אָן, אָנהייבנדיק פון זײַן ערשטן נומער, א געזונטן שעפערישן קאָנטאַקט מיט די ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער פון אַנדערע לענדער. אָבער דאָס, וואָס די „ייִדישע קולטור“ רופט אָן „אויפשטעלן בריקן“, איז ניט אָנגעמבאַר פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד“. לויט דער „ייִדישער קולטור“ און לויט אַנדערע שכײנישע צו איר פעריִאָדישע אויסגאַבעס זעען מיר, וווּהין אַזעלכע בריקן פירן...

צום שלוס שרײַבט די „ייִדישע קולטור“, אז „פונדעסטוועגן“ שיקט זי „האַרציקע בראָכעס „סאָוועטיש היימלאַנד“.

פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָבן א ווערט יענע בראָכעס, וועלכע זײַנען געווענדט מיט אָפּריכטיקער פרײַנטשאַפט און פאַרערונג צו אונדזער סאָוועטיש היימלאַנד.

ער שרײַבט שוין לידער אין ייִסראָעל

מע קאָן שוין, שטעלט אײַך פאָר, אָפּמערקן „צוויי פּעריִאָדן" פון ז. טעלעסינס „שעפערישער טעטיקייַט" אין ייִסראָעל. אויסרעכענענדיק, אז מע וועט אים גוט געבן אין דער יאַד אריַין, האָט דער דעזערטיר אין די ערשטע וואָכן מיט פלייַס דערלאנגט „סכוירע" זייַנע נייַע באלעבאטים: אָפּגעדרוקט א פאָר שלעכט־געגראמטע רעכי־לעסן אף סאָוועטן־רוסלאנד און אף די סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער. אָבער, ווי עס איז צו זען, האָט אים אָפּגעגליקט ווייניקער, איידער דעם מער פלינקערן דעזערטיר קערלערן, און ער איז אריַין אין זייַן צווייטן „פּעריִאָד", אין וועלכן עס צייכענען זיך קוידעמקאָל אָן די מאסשטאבן פון טעלעסינס נייַער טעמאטיק. אין א ליד, פאר־עפנטלעכט אין דער צייַטונג „לעצטע נייַס", שרייַבט ער:

וועו איך גיי אין קלייטל נאָך א הערינג
צי נאָך די וועש אין וועשעריַי, —
מיר נעמט זיך שרייַבן אָן שום שטערונג,
און ס'איז מיר אזוי גוט דערביַי...

...ביזוואנען איך האָב זיך געטויקעט
אין קלייטלדיקן טאראראם
בא דער פארשמאָלצן־גרויער סטויקע, —
געפּאקט האָב איך א פייַנעם גראם.

האַ? א מין ייִסראָעל־קאָלאָריט באם „אויעל"! ביבלישע פארמעסטן! מוישע־ראבייִנו־ליריק! א שאָד, וואָס די מעדינע האָט שוין אָפּגעגעבן די מאנגער־פּרעמיע קערלערן...

און וויַיטער זייַנען מיר איידעס פון א נייַעם „שטראָם" אין ז. טעלעסינס איצטיקער ייִסראָעל־„פּאָעזיע". יאָ, יאָ! ער איז שוין אין קאס! מ'האָט אים ווייניק געגעבן! עס שפּארט פון אים דער סקאנדאליסט. באלד וועלן די רעדאקטאָרן פון די ייִסראָעל־אויסגאבעס, דער דאָרטיקער שרייַבער־פאריין דערזען פאר זיך טעלעסינען, צוזאמען מיט זייַן וויַיב, אין זייער גאנצער פּראכט. דער־וויַיל שרייַבט טעלעסין א זשאלאָבע אף זיך אליין:

גענוג שוין צו לעבן אף קיצווע,
דו ביסט דאָך אליין א גוויר.
וואָס לאָזסטו, אז מיצווע נאָך מיצווע
זיי זאָלן פארדינען אף דיר.
מע שענקט דיר א שמייכעלע — דאנקסטו,
צוויי ווערטער נאָר וויַיכערע — דאנקסטו,
מע זידלט נישט אָפּ דיך — דאנקסטו,
מע פלעט ניט דעם קאָפּ דיר — דאנקסטו,
און שיר מיטן שטערן דערלאנגסטו,
פארנויגנדיק זיך, די ערד.

וואָס וועט זייַן וויַיטער? א דריטער „פּעריִאָד"? א פערטער? א... לעצטער?

פולבארעכטיקט אין צאָלן שטייַערן

אין צוזאמענהאנג מיטן דערשייַנען פונעם 5000־סטן נומער פון דער ייִסראָעל־צייַטונג „לעצטע נייַס" האָט איר רעדאקטאָר מ. צאנין אָפּגעדרוקט א ביטערע נאָטיץ, פון וועלכער ס'איז קעדיַי צו ברענגען א שטעל: „מיר וואָלטן אוואדע געווען גליקלעך, — שרייַבט צאנין, — בא דער געלעגנהייַט אָפּצומערקן, אז בעמעשעך פון די 22 יאָר, וואָס עס דערשייַנט „לעצטע נייַס", איז די איינציקע אין מעדינאס־ייִסראָעל טאָג־צייַטונג אין ייִדיש געוואָרן פולבארעכטיקט און אז די מאראָכע פון ייִדיש ביכלאל איז אין מע־דינאס־ייִסראָעל געוואָרן בעסער. צו אונדזער גרויס באדויערן איז די ווירקלעכקייַט גאָר אַן אנדערע. פּונקט אזוי ווי ייִדיש איז געווען דיס־קרימינירט און באליידיקט בייס „לעצטע נייַס" האָט אָנגעהויבן דערשייַנען אין יאָר 1949, אזוי ווערט ייִדיש באליידיקט און דיסקרימינירט ביז הייַנט. פאקטיש איז „לעצטע נייַס" פולבארעכ־טיקט נאָר און אויסשליסלעך אין צאָלן די שטייַערן. אין אלע אנדערע הינזיכטן האָט ניט „לעצטע נייַס" קיין בירגערלעכע רעכט..."

די דאָזיקע שורעס נייטיקן זיך ניט אין קיין קאָמענטארן.

טעאַטער- און עסטראַדע-איבערזיכט

אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" קומען אָן פיל בריוו פון לייענער, וועלכע טיילן זיך מיט זייערע אײַנדרוקן וועגן ייִדישע קאָנצערטן און ספּעקטאקלען, וואָס ווערן אופגעפירט אין פארשיידענע שטעט פון לאנד. מיר בלעטערן דורך א פּעקל בריוו מיט די פּאָסט־שטעמפּלען פון די סאמע ווײַטסטע און אויך נאָענטע שטעט, אָנהייבנדיק פון דאָרעם־אוקראַיִנע און ביז די אינדוסטריִעלע צענטרען פון אוראל, סיביר און ווײַטן מיזרעך.

אין א בריוו פון סווערדלאָווסק לייענען מיר וועגן די ספּעקטאקלען פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פון דעם פאַרדינסטפולן ארטיסט פון רספסר בינימין שווארצער.

— אָנהייבנדיק פון דער גאס, וואָס פירט צו דער פילהארמאָניע, — שרײַבט י. איידינאָוו, — האָבן אונדז אָפּגעשטעלט א סאך מענטשן, וועלכע האָבן זיך גע־ווענדט מיט איינער און דער זעלבער פראגע: „צי האָט איר ניט קיין איבעריקן בילעט?".

ביידע ספּעקטאקלען — סײַ י. גאָרדינס „איבערן אָקעאן" און סײַ א. גאָלדפאדנס „די קישעפמאכערן" — האָבן אין סווערדלאָווסק ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס. דאָס זאָגט איידעס וועגן דער פּאָפּולערקײַט פונעם מאָסקווער דראמאטישן אנסאמבל.

און אָט איז א בריוו פון דער שטאָט קורגאן. דער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" מוישע געכטמאן האָט אונדז צוגעשיקט א נומער פון דער אָרטיקער צײַטונג „סאָוועטסקאָיע זאוראַליע" פארן 22 אָקטיאבער האיאָר. ברענגענדיק די פּאָטאָ פון א סצענע פונעם ספּעקטאקל „איבערן אָקעאן", שרײַבט די רעדאקציע פון דער צײַטונג: „די צושויער האָבן מיט ווירדע אָפּגעשאצט די אויסגעצייכנטע קונסט פון די ארטיסטן ב. שווארצער, ס. ביניק, פּ. אײַנבינדער, נ. סיראָטינע, ר. שווארצער, יע. ספּיוואק, ל. פּײַער און פונעם אינסטרומענטאלן טריִאָ אין באשטאנד פון ס. גאלקאָוו, מ. ניעפּאָמניאשטשי און ס. רעגענבאָגען".

פּערם, איזשעווסק און מאגניטאָגאָרסק, אופא, טיר־מען און קיראָוו, סווערדלאָווסק און קורגאן — אזא איז דער מארשרוט, וואָס דער טעאטער האָט דורכגעמאכט אין זײַן הארבסטיקער גאסטראָל־רײַזע.

ווארעמע גרוסן פון דער ייִדישער עסטראדע הערן מיר אויך פון אנדערע קאנטן פון לאנד. אנע שעוועליאָווע איז ארויסגעטראָטן אין בירָאבידזשאן. „דאָס איז א זינגערן, וועמענס צארטע שטים קלינגט יאָרנלאנג אָף דער בינע, — שרײַבט אין א רעצענזיע די צײַטונג „בירָאבידזשאנער שטערן". — אנע שעווליאָווע פילט אויס אין איר נײַער קאָנצערט־פּראָגראם לידער פון דער פארגאנגענהײַט און הײַנטצײַטיקע לידער — פארשיידנארטיקע לויט זייער טעמאטיק און לויט דער מוזיק".

פון א גרויסער גאסטראָל־רײַזע איבער די דאָרעם־שטעט פון אוקראַיִנע (טשערנאָוויץ, אָדעס, כערסאָן, ניקאָלײַעוו אא.) האָט לעצטנס זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע דער פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר יויסעף קאָלין — א מײַסטער פון הויכן קלאס, וועמענס קינסטלערישע אויספילונג האָט דערוואָרבן טיפע אנערקענונג בא די ייִדישע און אויך ניט־ייִדישע צו־שויער (י. קאָלין פילט אויס זײַנע קאָנצערט־פּראָגראמען אין ייִדיש און אין רוסיש). אפישן וועגן יויסעף קאָלינס מאָנאָספּעקטאקלען, געבויט אָף די טעקסטן פון שאָלעם־אלייכעמען און גי דע מאָפּאסאן, ווי אויך אָף ק. גוצקאָווס „אוריִעל אקאָסטא", באווײַזן זיך די לעצטע יאָרן אין פארשיידענע שטעט פונעם לאנד.

צוויי קאָנצערט־פּראָגראמען זײַנען סאָף אָקטיאבער באוויזן געוואָרן אין די צושויער־זאלן פון דער הויפּט־שטאָט. דער וועטעראן פון דער ייִדישער בינע אנע גוזיק איז מיט איר אנסאמבל אופגעטראָטן אין קאָנצערט־זאל פונעם האָטעל „סאָוועטסקאיא". ווי שטענדיק, האָט זי באוויזן פראגמענטן פון ספּעקטאקלען און אייניקע וואָדעווילארטיקע סצענעס. מיט באגײַסטערונג איז אופגענומען געוואָרן עטל קאָווענסקעס קאָנצערט אין צענטראלן הויז פון די קאָמפּאָזיטאָרן, אָף וועלכן עס זײַנען בײַגעווען די שטרענגע שעצער פון קונסט — פּראָפעסיִאָנעלע מוזיקער און מוזיק־פאָרשער. קאָוועַנסקעס קאָנצערט־פּראָגראם אונטערן לייִרישן נאָמען „א ליד וועגן א ליד" האָט ווידער מיט איר נײַקײַט און פרישקײַט מאמעש פארכאַפּט דעם צושויער־זאל.

אינעם קאָנצערט האָט אָנטיילגענומען דער אווטאָר פון דער מוזיק צו דער פּראָגראם לייב קאָגאן, וועלכער האָט אין דעם ערשטן טייל פונעם אָוונט מײַסטעריש אויסגעפילט ייִדישע פאָלקס־מוזיק אין זײַן באארבעטונג.

י. שוסטער

פאַרשיידנס

פאָנעטישע ארכעאָלאָגיע

די לענינגראדער געלערנטע וועלן אינגיכן, מיט דער הילף פון דער וויסנשאפט, וועלכע מע רופט פאָנעטישע ארכעאָלאָגיע, ווערן די ערשטע צוהערער פונעם אורשפּרינגלעכן אָריגינאַל פון דעם „וואָרט וועגן איגאָרס כאַיל״, פון די „כראָניקעס פון די אומרויִקע יאָרן״ און פון אנדערע ליטעראַרישע דענקמעלער פון דער קיִעווער רוס. אלס זייער „גיד״ אין דער וועלט פון די לאנג פארגעסענע קלאנגען רופן אָן די געלערנטע ט. קאַפּאַטעוון, א טוישעוו פונעם אודמורטישן דאָרף יולסקאָיע.

די פאָנעטיק פון די אלטע טעקסטן אין דער אויספילונג פון ט. קאַפּאַטעוון אנטשפּרעכן, לויט דער מיינונג פון ספּעציאַליסטן, מיט אן איבערראַשנדיקער פּינקטלעכקייט די נאָרמעס פון דער רוסישער אויסשפּראַך מיט דריי הונדערט יאָר צוריק. קאַפּאַטעוו, דער איינוווינער פון א וויַיטן טייַגע־דאָרף, האָט אין דער פריִער קינדהייט געהערט די אייגנארטיקע אויסשפּראַך פון די זקיינים, וועלכע האָבן אייַנגעהיט די שפּראַך פון די אורזיידעס, און ער האָט זי פּינקטלעך פארגעדענקט.

מיטן אופשטעלן די מאָדעל פון דער אלטערטימלעכער ריידשפּראַך איז איצט פארנומען א גרופּע געלערנטע בעראָש מיטן באוווּסטן אקוסטיקער, פּראָפעסאָר ל. מיאסניקאָוו. דער פאָנעטישער ארכעאָלאָגיע קומען צוהילף די הייַנטצייַטיקע אויסרעכענונג־טעכניק, די מעטאָדן פון קאָנסטרוקטיווער מאטעמאטיק, די נייַסטע קיבערנעטישע אייַנריכטונגען, וועלכע אנאליזירן קלאנגען־מוסטערן.

(טאסס).

א געניאלער פאלסיפיקאטאָר

אין איינער פון די בילדער־גאלערייעס אין מאנהעטן (ניו־יאָרק) זייַנען אויסגעשטעלט געוואָרן צום פארקויפן זעכציק בילדער, וועלכע מע וואָלט געקאָנט אָן דעם מינדסטן צווייפל אָנעמען פאר די ווערק פון פּיקאסאָ, מאטיס, שאגאל און אנדערע מאָלער, ווען עס וואָלט ניט געווען די אונטערשריפט פונעם בארימטן פעלשער דייוויד שטיין.

פארקויפן די בילדער האָט דערלויבט דער ריכטער פונעם העכסטן געריכט אין דעם שטאט ניו־יאָרק, וואָס איז ניט מאסקים געווען מיט דער מיינונג פונעם גענעראַל־פּראָקוראָר און געפּאסקנט, אז טראָץ דער קרימינעלער פארגאנגענהייַט פון שטיינען, האָט ער רעכט, פּונקט ווי אלע קינסטלער, צו פארקויפן זייַנע ווערק.

דער פּראָקוראָר האָט געטייַנעט, אז די קוינים קענען נאָך אויסמעקן די אונטערשריפט פונעם פעלשער און פארקויפן די ווערק אלס אָריגינאלן. שטיין האָט געמאָלט די דאָזיקע אלע בילדער, ווען ער איז געזעסן אין טפיסע, ווו ער איז אָפּגעקומען א שטראָף פאר פאלסיפיקאציעס.

א קאָלעקציע פון שטימען

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט עדיסאָן צום ערשטן מאָל דעמאָנסטרירט פאר דער וועלט זייַן דערפינדונג — דעם פאָנאָגראף, אן אפּאראט, וואָס פארשרייַבט מעכאניש די שטים. די פאָנוואליקעס, אף וועלכע מע פלעגט אין יענע צייַטן פארשרייַבן קלאנגען, פלעגן געמאכט ווערן פון א וואקסארטיקער מאסע, וואָס ווערט דעפאָרמירט אפילע דערפון, וואָס מע רירט זיך צו איר צו מיט די פינגער. און דאָך זייַנען בא צען טויזנט וואליקעס דערגאנגען צו אונדז. לאנגע יאָרן זייַנען פיל פון זיי געלעגן אף די מוזיי־סטעלאזשן, זיך געוואלגערט בא צופעליקע באלעבאטים, ביז זיי זייַנען אריַינגעפאלן אין קאבינעט פון קלאנגען־פארנאָטירונג פון דער אלפארבאנדישער ביוראָ פאר פּראָפּאגאנדע באם שרייַבער־פארבאנד פון פססר.

— די סטודיע איז אלט זיבן יאָר, — דערציילט איר אָנפירער ל. א. שילאָוו. — אָנהייבן איז אויסגעקומען אף א פּוסט אָרט: מיר האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין איין ריידנדיקן פאָנאָגראף. ווי זשע צווינגט מען די וואליקעס ארויסברענגען קלאנגען, ווי פארשרייַבט מען די שטימען אף א מאגניטאָפאָן־טאשמע?

פון באזונדערע דעטאלן האָט שילאָוו מיט זייַנע פרייַנט צונויפגעקלאפּט א הילצערן קעסטל מיט אן אויסגעבויגענער מעטאלענער ברייטער רער, וואָס האָט נאָך צענדליקער פּרוּוון און איבערקאָנסטרויִרונגען אָנגעהויבן ריידן, און ס׳האָבן א קלונג געטאָן די שטימען פון סערגיי יעסענינען, אלעקסאנדער בלאָקן און וולאדימיר מאיאקאָווסקין.

די ענטוזיאסטן איז אויסגעקומען אליין דערפינדן קאָמפּליצירטע אקוסטישע צופּאסונגען, קעדיי פארקלענערן דעם רויש און פארבעסערן די קוואליטעט פון קלאנגען. דערנאָך זייַנען צו זיי געקומען צוהילף די ספּעציאַליסטן־רעסטאווראטאָרן פון דער אלפארבאנדישער סטודיע פאר פלאטן־פארנאָטירונג.

ביסלעכווייַז איז די קאָלעקציע באריַיכערט געוואָרן מיט נייַע אוניקאלע עקספּאָנאטן. אזוי, צום בייַשפּיל, איז געפונען און רעסטאווירט געוואָרן א פארנאָטירונג, וואָס איז אלט פערציק יאָר און מע האָט געהאלטן, אז זי איז אף שטענדיק פארפאלן געוואָרן, — יורי טיניאנאָוו לייענט אן איבערזעצונג פון היינען.

נאָר ניט בלויז מיט רעסטאווראציעס פארנעמט זיך די סטודיע. דאָס וויכטיקסטע אין איר ארבעט — די קלאנגען־פארנאָטירונג פון די הייַנטצייַטיקע פּאָעטן און פּראָזאיִקער. זייערע שטימען, פארשריבענע אף טאשמעס, וועלן אייַנגעהיט ווערן פאר די שפּעטערדיקע דורעס.

נ. סאוטין („וועטשערניאיא מאָסקווא״)

אַ טעאַטער, וואָס איז אַלט 2500 יאָר

די אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע, וואָס אַרבעט אַפן דאָרעם פון איטאַליע, האָט אַנטדעקט לעבן דער שטאָט טאַראַנטאָ רעשטלעך פון אַן אַנטישן טעאַטער, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין פינפטן יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע. די עקספּעדיציע אַרבעט אַף דעם אָרט, ווּ צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר צוריק האָט זיך געפונען די שטאָט מעטאַפּאָנטע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די אַכייצעס, וועלכע זייַנען געקומען אַהער מיטן וואַסער פון פּעלאָפּאָנעס.

די אַרכעאָלאָגן האָבן געעפנט אויך אַלטערטימלעכע קוואָרים, אין וועלכע מע האָט געפונען געווער, גאָלד און זילבער־צירונג, וואָס זאָגט עדות וועגן באַשטענדיקע האַנדלס־פאַרבינדונגען פון מעטאַפּאָנטע מיט עלאַדע און מיט די שטעט פון קליין־אַזיע.

(„פּראַוודאַ״)

אוטאָרן — קינדער

„פּיקניק — דאָס איז אַ שפּאַציר אָדער אַן עקסקורסיע הינטער דער שטאָט, בײַ וועלכער מע עסט אַ סאַך״, „אַ פיש — דאָס איז אַ שווימענדיק באַשעפעניש, וואָס קאָן ניט לעבן אָן וואַסער״. אַזעלכע זייַנען אייניקע דעפיניציעס פונעם נייַעם ענגלישן טייַטש־ווערטערבוך פאַר קינדער, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך די קינדער אַליין.

דעם טייַטש־ווערטערבוך פאַר קינדער האָט אַרויסגעגעבן דער פאַרלאַג „טשיימבערס לימיטעד״ אין ענגלאַנד. קעדיי דער ווערטער־באַטייַט זאָל זייַן קלאָר פאַרן קליינוואַרג, איז אָנגעווענדט געוואָרן אַ ניט געוויינלעכער מעטאָד פון צונויפשטעלן דעם ווערטערבוך. מע האָט פאָרגעלייגט די קינדער אין עלטער פון 5 ביז 11 יאָר, זיי זאָלן געבן זייער אייגענעם טייַטש פון דעם אָדער יענעם וואָרט. „מיר האָבן אייַנגעשלאָסן אין אונדזער אויסגאַבע בלויז דאָס, וואָס עס האָבן באַווילִיקט די קליינינקע רעדאַקטאָרן״, — האָט געמאָלדן איינער פון די צונויפשטעלער פונעם ווערטערבוך.

(„איזוועסטיאַ״)

אַף די שפּראַכן פון די פעלקער פון דער וועלט

לויט די אָנגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס איבער פראַגן פון בילדונג, וויסנשאַפט און קולטור (יונעסקאָ) זייַנען אין 1969 אין 65 לענדער פון דער וועלט איבערגעזעצט געוואָרן 38.172 ווערק.

ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט לויט דער צאָל איבערזעצונגען דער ראַטנפאַרבאַנד. אין אונדזער לאַנד איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1969 יאָר 3.853 נעמען פון אויסלענדישע ביכער. אַפן צווייטן אָרט געפינט זיך מייַרעוו־דייַטשלאַנד, אַפן דריטן — שפּאַניע, טשעכאָסלאָוואַקיע, ווּ ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן 1.449 איבערזעצונגען.

וועמענס ווערק ווערן מער פון אַלע איבערגעזעצט? אַפן ערשטן אָרט געפינען זיך, ווי שטענדיק, די ווערק פון וו. אי. לענין. אין 1969 זייַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן איבערזעצונגען פון 290 אויסגאַבעס פון לענינס ביכער. נאָכדעם קומען זשיול ווערן און זשאָרזש סימענאָן (צו 126 איבערזעצונגען), שעקספּיר (102 איבערזעצונגען). צווישן די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור גייען פאָרויס דאָסטאָיעווסקי, באַלזאַק, דיקענס, מאַרק טווען, וויקטאָר הוגאָ, פּושקין, מאָפּאַסאַן, סטענדאַל, געטע און דאַניִעל דעפאָ.

די אָנגאַבן פון יונעסקאָ מערקן אָפּ אַ געוויסע פאַרקירצונג פון דער צאָל איבערזעצונגען פון פּאָליצייִשע ראָמאַנען. דערפאַר איז פאַרגרעסערט געוואָרן די איבערזעצונג פון פאַסירונג־ראָמאַנען און מייַסעלעך, דערין פון די ווערק פון אַלעקסאַנדער דיומאַ, אַנדערסען, דזשעק לאָנדאָן און סטיווענסאָן.

(„איזוועסטיאַ״)

אויטאָגראַפן פון מאָצאַרטס און הייַדנס שאַפונגען אין אַ מאָנאַסטיר־אַרכיוו

די וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פאַר מוזיקקענטעניש באַם אוניווערסיטעט אין זאַלצבורג, דער געבורטשטאָט פון וואָלפגאַנג מאָצאַרט, האָבן אין אַן אַרכיוו פונעם אַלטן מאָנאַסטיר סאַנקט־פּעטער געפונען עטלעכע אומבאַקאַנטע ווערטפולע נאָטן־מאַנוסקריפּטן פון די שלוס־אַקאָרדן צו מאָצאַרטס פאָרטעפּיאַן־קאָנצערטן.

וועגן דער עקזיסטענץ פון די דאָזיקע קסאַוויאַדן האָבן די מוזיקאָלאָגן ביז איצט געוווּסט בלויז אַדאַנק דער אָנדייַטונג אין געוויסע קוועלן. מע האָט געהאַלטן, אַז זיי זייַנען פאַרלוירן געגאַנגען.

דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט גערהאַרד קראָל האָט אויך געפונען אינעם אַרכיוו פון סאַנקט־פּעטער צוויי ווערטפולע מוזיקאַלישע אויטאָגראַפן פון י. הייַדנס וואָקאַלישע שאַפונגען. ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, זייַנען ביידע שאַפונגען סאָלאָ־פּאַרטיעס פון אַ דראַמע, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין זאַלצבורג בייַ אַן אוניווערסיטעט־יאָמטעוו אין יאָר 1770 אַף לאַטייַן, און אין יאָר 1774 — אַף דייַטש.

(„אונדזער פרייַנט״, אורוגווייַ)

כראָניק

נײַס פון ביראָבידזשאַן

פאַרזאַמלונג פון זשורנאַליסטן

אין ביראָבידזשאַן איז פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג פון די זשורנאַליסטן פון דער געגנט. מיט א פאָרטראָג איז ארויסגעטראָטן דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנסקאַיא זוועזדאַ” יא. גורעוויטש, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פון דער געגנטלעכער אָרגאַניזאַציע פונעם זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד פון פססר.

אָן אוונט פון פאָרטעפּיאַנע־מוזיק

ניט לאַנג צוריק איז פאַר די סטודענטן און פּעדאַגאָגן פון דער ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישער שול ארויסגעטראָטן מיט פאָרטעפּיאַנע־מוזיק די לענינגראַדער פּיִאַניסטקע, לאַורעאַט פון צווישנפעלקערלעכן און אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון פּיִאַניסטן יעקאַטערינא מורינא, וועלכע האָט אויסגעפּילט ווערק פון רוסישע, אויסלענדישע און סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן.

אַמוראַזעטער פאָלקס־טעאַטער

דער אַמוראַזעטער פאָלקס־טעאַטער האָט ניט לאַנג צוריק אָפּגעמערקט צען יאָר פון זײַן עקזיסטענץ. פאַר דער צײַט האָט דער טעאַטער־קאָלעקטיוו אופגעפירט א ריי ספּעקטאַקלען פונעם קלאַסישן און הײַנטצײַטיקן רעפּערטואַר. דער טעאַטער באַדינט ניט נאָר אַמוראַזעט, נאָר אויך אַנדערע יִישוּוים פון די שכײַנעסדיקע ראַיאָנען.

ער האָט אויך מיט דערפאָלג זיך באַטייליקט אין די קאָנטישע דורכקוקן פון די פאָלקס־טעאַטערס.

באַזונדערס נעמען אויס בא די צושויער די וועטעראַנען פונעם טעאַטער — די לערערן עמע ווײַנשטיין, די מעדיצין־טוערן פאָלינע ברען, דער בוי־ארבעטער אַליק דינעוויטש, דער עלעקטריקער פּיאָטער קאַדעמי און אַנדערע.

צום האַיאָריקן אָקטיאַבער־יאָמטעוו האָט דער טעאַטער־קאָלעקטיוו אופגעפירט א נײַע שטעלונג.

א גרוס דער „פאָלקס־שטימע”

עס איז געוואָרן 25 יאָר, זינט ס׳האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען די וואַרשעווער יִידישע צײַטונג „פאָלקס־שטימע”. אינעם איצטיקן מאָמענט, ווען עס האָבן זיך אין די אויסלענדישע פּרעסע־אָרגאַנען פאַרשטאַרקט די אָנפאַלן אױף דער יִידישער קולטור אין דער פּוילישער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפּובליק, איז נייטיק אונטערצושטרײַכן די פּאָזיטיווע באַדײַטונג פון דער „פאָלקס־שטימע”.

מיר באַגריסן אונדזער שוועסטער־צײַטונג און ווינטשן, זי זאָל זיך אָנעמען מיט נאָך מער קויכעס און אויך אױף ווײַטער מיט ווירדע אויספּילן די פאַראַנטוואָרטלעכע אופגאַבן, וועלכע זײַנען אױף איר ארופגעלייגט.

ריווע באַליאַסנעס לידער אין דער זשיטאָמירער געגנטלעכער צײַטונג

אונטער אן אַלגעמיין קעפּל „די דיכטונג פון ריווע באַליאַסנע” האָט די זשיטאָמירער געגנטלעכע צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ זשיטאָמירשטשינאַ” פאַרן 6 אָקטיאַבער ד. י. פאַרעפנטלעכט א ציקל לידער פון דער קיִעווער יִידישער דיכטערן. איבערגעזעצט די לידער האָבן די אוקראַיִנישע שרײַבער איוואַן דראַטש און וואַלענטין גראָכאָווסקי.

אינעם ארײַנפיר צו דער פּובליקאַציע שרײַבט די רעדאַקציע: „ריווע באַליאַסנע איז א געבוירענע פון ראַדאָמישל. די לירישע מאָטיוון אין איר דיכטונג זײַנען דורכגעדרונגען מיט ליבע צום היימלאַנד, צו דער אוקראַיִנישער נאַטור”.

א יובילײ פון א קונסט־פאָרשער

אין צענטראַלן הויז פון די סאָוועטישע קינסטלער האָט זיך פאַרזאַמלט א גרויסער אוילעם מאָלער, גראַפיקער, פאָליגראַפישע טוער און ליבהאָבער פונעם בוך. עס איז געפײַערט געוואָרן דער 80־טער געבורטסטאָג פון לייב וואַרשאַווסקי — איינעם פון די עלטסטע סאָוועטישע קונסט־פאָרשער.

גרויס איז ל. וואַרשאַווסקיס בײַטראָג אין געביט פון פּראָפּאַגאַנדירן די ביכער־קונסט. פאַר די העכער פופציק יאָר פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט האָט דער יוביליאַר אָנגעשריבן צענדליקער ביכער וועגן די פּראָבלעמען פון קונסט. נאָך אין 1914, זײַענדיק א סטודענט אין לײַפּציקער אוניווערסיטעט, פאַרעפנטלעכט לייב וואַרשאַווסקי א פונדאַמענטאַלע ארבעט, געווידמעט דער צווישנפעלקערלעכער אויסשטעלונג פון דרוקוועזן און גראַפיק.

צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט זײַנען ברייט באַקאַנט ל. וואַרשאַווסקיס א דיסערטאַציע „די גרונט־עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער קאַריקאַטור אין דער ערשטער העלפט פון XIX יה.” און א קורס לעקציעס „די געשיכטע פון דער גראַפישער קונסט פון די פעלקער פון פססר”.

אין די לעצטע יאָרן איז לייב וואַרשאַווסקי שעפעריש פאַרבונדן מיטן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” אלס אווטאָר און אלס מיטגליד פונעם קונסט־ראַט בא דער רעדאַקציע.

ביבליאָגראַפיע

ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן פּעריאָד יול-אווגוסט 1961—יול 1971

לידער און פּאָעמעס

אבארבאנעל מ. מאָסקווע. **1967 — 11.**

אוטקעס ד. מאָסקווע. — בריוו פון דאָווידל קאַפּצן. — די אלטע וועלט. **1962 — 3.**

איצקאָוו י. מײַן היים אוזבעקיסטאנער. **1962 — 1.**

— מוישע דער שלאָסער. — איך גיי צו דער אר־בעט. — באנאכט אין טאשקענט. **1964 — 3.**

— עלעקטראָשווייסער. **1970 — 1.**

אײַזנווארג ש. אזוי קומט אָן די שאָ פון אומרו... **1963 — 3.**

— „זעכציק לידער, זעכציק פערל" **(פון ציקל „אָשער שווארצמאַן")**. **1965 — 5.**

אקסעלראָד ז. נאָיאבער. **1967 — 11.**

אָליעווסקי ב. מיר זײַנען קליינערהייט געוואָרן גרויס. — אין צוזאמענווינונג. **1965 — 5.**

— א רעגן אין שטאָט ביראָבידזשאן. — ערשטע ערד. — א דעמבל שטארבט. — די ערשטע. **1968 — 4.**

— בא לענינען. **1968 — 7.**

באליאסנע ר. — **מײַן ליד. 1961 — 1.**

— אונדזער דאָר. **1962 — 6.**

— איז דען אין מײַנע טרוימען מיר פארווערט... — טיק־טאק. **1963 — 5.**

— גאָלדענער בלעטערפאל. **1964 — 5.**

— איסאק לעוויטאן **(פון א פּאָעמע)**. **1966 — 10; 1967 — 6.**

— פון יענער זײַט וואנט. — וואָס פאר א גוטע וועלט. — איצט בויט מען דאָרט. — איך זע אפן בוים. **1968 — 1.**

— מײַן אומרויִקע מוזע. **1969 — 5.**

— א פרילינגדיקער רעגן. — אָנהייב פרילינג (דאָ־וויד האָפשטיינס אָנדענק). — כ'האָב עפשער אויסגע־טראכט דיך. — ס'איז גאָרניט גרינג מיט דיר. **1970 — 1.**

— ווערטער וועלן זיך אין שורעס קייטלען. **1970 — 3.**

— פון שוועל צו שוועל. **1970 — 4.**

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד" נום. 10 ד. י.

לידער־ציקלען, וועלכע האָבן אלגעמיינע קעפלעך, ווערן צוליב מאנגל אין אָרט געבראכט בלויז לויט די נעמען פון די ציקלען. איבער דער זעלבער סיבע ווערט אמאָל בלויז אָנגעוויזן דעם דיכטערס איין ליד פון עטלעכע לידער, וואָס זײַנען געדרוקט אין איין זשורנאל־נומער.

— עס שמעקט שוין מיט אפרעל. **1971 — 1.**

בארא נאָווסקי ד. פרילינג. **1963 — 4.**

באראָדיאנסקי א. א רעגן. — א כאָלעם. **1965 — 5.**

באָרוכאָוויטש אי. אלע וועגן פירן צום קאיאָר. **1961 — 2.**

— ווּ איז דער אומבאוווּסטער העלד. — אָוונט. — דערנעענטערונג. — ס'וועט בלײַבן אָט אזוי. — אייביקײַט. — אָסיען. — צי ווייסט דאָס הארץ. **1961 — 3.**

— איך בין אזא, ווי אלע. — רעגנבויגן. — א טראָפן ליכט. — טרײַשאפט. **1962 — 5.**

— דער גוטער שטראל. **1963 — 4.**

— כ'באגריס דיך מיט פרילינג. **1964 — 4.**

— אינדערפרי. **1965 — 4.**

— פארוווּנדערונג. **1965 — 12.**

— עס בײַטן זיך צײַטן. — **1966 — 8.**

— אין ליכט פון טאָג. **1967 — 3.**

— ערשטער טוי. **1968 — 1.**

— איך זע דעם פרילינג. **1969 — 3.**

— און ווידעראמאָל... **1969 — 10.**

— אייביקײַט. **1970 — 4.**

— באם שײַטער פון די יאָרן. **1970 — 7.**

— מײַן קלאָרע דײַגע. **1970 — 12.**

— שטילע ווערטער. **1971 — 4.**

— אָן ערשטע שורע. **1971 — 7.**

בוכבינדער י. פארטאָג. — פאלט א שטערן. — זאנגען. **1962 — 1.**

— לירישע לידער. **1964 — 6.**

— בא דעם טאָפּאָל. **1965 — 11.**

— דרײַ לידער. **1968 — 12.**

— לאָמיר אינצווייען. — פאר מײַן קומענדיקער בליִונג. — א טרוים. **1970 — 8.**

— די קאָוואליכע. **1971 — 3.**

בינעצקי פ. אָקטיאבער. — רום דעם מענטשן פון ווּנדערלעכן לאנד. **1961 — 3.**

— יאמען. — די גרענעץ צווישן וואָר און כאָלעם. **1963 — 4.**

— ניט קיין גאסט בין איך... **1965 — 11.**

— אפילע אין דעם ווײַטסטן דזשונגל. **1970 — 4.**

ביידער כ. מײַן פארטיי. — גאָלדענע הענט. — ס'וועט זײַן צום גוטן. **1961 — 2.**

— די באנק. — א שלאָס. **1967 — 8.**

— אף אלע שפראכן. — באגײַסטערונג. — א וואָרט וועגן די קינדער. — ווען כ'גיי איצט פארבײַ. — אזוי ווי די ערד. — א פאלשע נאָטע. **1970 — 5.**

בלאָשטיין ה. אין יענעם טאָג. — ביזן לעצטן טראָט. **1962 — 6.**

— דריטע קינדהײט. 1965 — 9.
— ערעוו הארבסט. — די ווערטער, וואָס ווערן ניט אַלט. — וואָס וועט ניאַמע זײַן. 1965 — 12.
— שקיע. 1966 — 12.
— דאָס ליכט פון וואָרט. 1967 — 9.
— נײַע לידער. 1968 — 5.
— פאַרליבטע ערד. 1968 — 10.
— אין אַלע פיר צײַטן פון יאָר. — דורעס אין דער ריי. 1969 — 4.
— דער גרויסער עמעס. 1970 — 4.
— לידער און יאָרן. 1970 — 12.
— פרילינג. 1971 — 6.
בליך צ. דאָס אינדזל — דער קאָנטינענט. 1964 — 3.
בעלאָוסאָוו א. קדושים. — ווו ביסטו? 1969 — 9.
— אַן אויסגעהאַקטע רעגע. — קאַיאַר. 1970 — 2.
— לויטערקײַט. 1971 — 1.
— הימלשע וועגן. 1971 — 6.
בראַמבערג ד. „יורי גאַגארין. — מיר וועלן ניט דערלאָזן, נײַן... 1961 — 1.
— באַם גלאָבוס. — ס'וועט מאָרגן זײַן אַ שײנער טאָג. — מײַנע קינדער אָנשטאָט אַ וויגליד. — בריוו. — אויג. 1962 — 1.
— פאַר קליין און גרויס. 1963 — 3; 1965 — 2.
— דײַן פּאָן די רומפּולע. 1963 — 4.
— דאָס ברייטיסדיקע וואָרט. 1965 — 4.
— זײַן אַף דער ערד. 1965 — 11.
— מײַן ניגן. 1966 — 7.
— די שורע, וואָס גייט פונעם האַרצן. 1967 — 3.
— רוסלאַנד, היימלאַנד מײַנס. 1967 — 11.
— עלטער אַף אַ יאָר. 1969 — 1.
— לידער וועגן לענינען. 1969 — 6.
— מײַן ירושע. 1969 — 11.
— ווי קען מען פאַרקויפן דעם טאַטנס ירושע. 1971 — 6.
— מײַן היים. — הימל מײַן הימל. 1971 — 7.
בראָנפמאַן אי. מיר רײַטן אינצווייען. 1961 — 2.
— יעראָפּײי כאַבאַראָוו. — שפּיל, נעכאַמעלע, שפּיל. 1966 — 9.
גאַנץ א. אַ פּייזאַזש. 1962 — 1.
גאָלבשטיין מ. „אַ מענטש איז געקומען צום בוים אינעם האַרבסט". — „אין די בלויע וואַסערן פון הימ־לען". — „פון אַ טראָפּן ווערט אַ קוואַל". — „ווי אַמאָל טוט אַ קלונג". 1963 — 5.
גאָלדבערג י. אונדזער טאָג. 1966 — 1.
— אויב דו זעעסט אים גיין. — אינגיכן וועט זײַן פרילינג. 1968 — 1.
— שטראַליקע טעג. 1970 — 4.
— זײַ מויכל, פאַרברענט פּאָלק. 1970 — 11.
גאָלדמאַן י. געזעצן. 1967 — 11.
גאָלדמאַן ש. אַ שטורעם. 1965 — 5.
— אַ רײַזע צו דער אַזערע ריצאַ. — שוין לענגער די נעכט. — אַנהייב זומער. 1970 — 2.
גאָלדענבערג ר. מיניאַטורן. 1971 — 4.
גאָנטאַר א. די בעסטע שטאָט. — די בראַכע פון מי. — טראָפּן פרייד. 1961 — 2.
— די מאָס פאַר ליבע. 1963 — 3.
— צען לידער. 1964 — 3.
— דער בויער און אַנד. לידער. 1965 — 1.
— נײַע לידער. 1965 — 7.
— אַ זעונג און אַנד. לידער. 1966 — 1.
— היים. 1966 — 7.
— פון פאַרשיידענע העפטן. 1967 — 3.
— פון יענער זײַט באַרג. 1967 — 5.
— פונעם בוך „טויבן אַפן דאַך". 1967 — 8; 1968 — 10.
— לײַעלע. 1967 — 11.
— איידעס. — אַ טעלעפאָן־געשפּרעך. — ניט מיר איז נאָך באַשערט. — אַרטאַשעס. 1968 — 3.
— פאַר קליין און גרויס. 1969 — 4.
— זון־שפּליטערס און אַנד. לידער. 1969 — 10.
— מײַן אַלטער זיקאָרן (לירישע פּאָעמע). 1970 — 2.
— געוויס זײַנען ווערטער פאַראַן און אַנד. לידער. 1970 — 4.
— זאַנגען אַף שטיינער. 1970 — 6.
— מיט אַלע כושים. 1970 — 11.
— צום פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און אַנד. לידער. 1971 — 3.
גוטיאַנסקי ב. כ'גיי איר נאָך. — באַ מײַן באָבע פייגל־העניע. — מיאו (אַ רוסיש פאָלקס־לי־דעלע). — איך וויל אײַך עפּעס זאָגן. — אַכציק דער שיסער. — מיינסט, איך הער ניט? — אָך און וויי. — אַ שניי־באָבע. — צוויי ווערטער וועגן דיכטונג. 1968 — 10.
גורעוויטש כ. אין מײַן ישעוו אַף פּאָלעסיע. — „עס רוישט דאָ יעדן זונטיק". 1963 — 1.
גליק ה. זאָג ניט קיינמאָל. 1968 — 4.
געגערמאַן י. אײַער גורל. 1966 — 8.
— סטראַשידלע. — אַלטע שיך. 1967 — 2.
— ערד. — פרידן. — דער סאָף. — צוויי העלפטן. 1967 — 12.
— פון האַרץ צו האַרץ. 1968 — 9.
— בריוו. — דער זיידע פון קאָלכאָז — צו מײַן מיידל. — דײַן אָפּשפּיגלונג. 1971 — 2.
גרוביאַן מ. די ערשטע ליד. — קובינער פריי־מאַרגנס. — לידער אָן אַ סאָף. — קאַנגאָ. — אין קאַ־דיוווקע. — מיט מײַנע אויגן. — אַ בוים. 1961 — 1.
— דער רעגנבויגן. — טוקי. — איך לעב אַף דער ערד. — אַ קאַראַמיסל. 1962 — 1.
— דעם דיכטער כאַים גראַדע. 1962 — 4.
— קינדהײט. — פענצטער. — פרילינג. — אין וואַלד. — דער רעגן. — באַגינען. 1962 — 6.
— נײַע לידער. 1963 — 3.
— קוס, מענטש. — קרוין מיך פאַר דײַן קיניג. — פּילאָטאָפּ. — ניט קיין מאַלעך. — מײַן שפּיל. — קרע־נעצעס. — הײַנט איז דאָנערשטיק. — בערג. — צוויי ביימער. — האַרבסט. — ווען עס טאָגט. — איך קוש דײַן קלייד. — וועלוול זבאַרזשער. 1963 — 6.
— באַם בראָנעם. — יוגנט. — וואַלד. — ווערטאָ־ליאָטן. — איך אַף יענער־וועלט... — אַף דער קאַ־מע. — אַ וואַסערפאַל. 1964 — 3.
— מײַן שײַטער. — אין פעלד. — באַם לעבן. — אַ גרעזעלע. — וואָס מיר איז צום האַרצן. — די זון באַנאַכט. — מײַן שטעקן. — מײַן קאָמפּאָזיטאָר. —

באם יאם. — שטילקייט. — א צאַפּן־טײַך. — די יונגע לעוואָנע. 1965 — 2.

— לעבן. — זון. — דער אופגאנג פון דער לעוואָנע. — פילאָסאָפיע. — מײַן שטוב. — הײַנט איז ניט נעכטן. — מײַן קליינע ליבע. — כ׳בין אזא מענטש. 1965 — 7.

— גאנצפרי. — א פארמעקטע ליד. — דאָס אנטלאָפענע ייִנגל. — טאָג. — דאָס געטאָ־קינד. — מײַן לעוואָנע. — א ליד. — ווען כ׳בין אן אָדלער. — פון אלע נאשערײַען. — אין א הייסן טאָג. 1966 — 1.

— צו דער פארטיי (דעם XXIII צוזאמענפאָר פון קפסס געווידמעט). 1966 — 3.

— כ׳האָב גאָרניט אויסגעטראכט. 1966 — 7.

— צום פּאָרטרעט פון דער נעשאָמע... 1967 — 2.

— מײַן לאמטערן. 1967 — 7.

— קיין מילכאָמע זאָל ניט אָפּסאמען דאָס לעבן. 1967 — 11.

— איך בין א וואָקזאל. — בא דער קרענעצע. — העפלעכקײַט. — דער עפּל. — דער קאָרידאָר. — דער שרײַבער פון בריוו. — א צווײַגל. — אקווארעל. — בייזע ווינטמילן. — צווייפל. — קום צו מיר אין גאָרטן. 1967 — 12.

— פרימאָרגן. 1968 — 7.

— אָנהייב טאָג. 1968 — 12.

— כאַדאָקעס. — די מאטאָנע. — מיט גאָרקין. — בא לענינען. — איליטשאָווקע. — לענינס שרײַבטיש. 1969 — 1.

— צען לידער. — 1969 — 4.

— לידער צו מײַנע זעכציק יאָר. 1969 — 6.

— נײַע לידער. 1969 — 12.

— דאָס שאכמאט־טישעלע. 1970 — 4.

— דיכטערישע זוימען. 1970 — 6.

— פרישע בינטלעך זאנגען. 1970 — 10.

— לידער צו דער צײַט. 1971 — 3.

— פון ווערטער דער פלאַם. 1971 — 5.

גרוומאן מ. לענינגראַד. 1961 — 1.

— „כ׳האָב ליב מײַן לאנד, מײַן ראכוועסדיק סאָוועטנלאנד". 1964 — 3.

— דער וואָלקן. — איך בין ערשט געווען א קינד. — דערמאָנונגען. 1966 — 5.

גרין ב. שאָלעם. 1961 — 3.

— אין טאָפּקינס סקווער. — עס רעדט „ספּוטניק". — ביטניקעס. 1966 — 7.

דאנקאָ ו. לידער וועגן פרילינג. 1962 — 5.

— אפּרעל. 1964 — 3.

— אהיים. 1965 — 3.

— א בינטל לידער. 1966 — 1.

— ס׳קומט דער פארטאָג. 1966 — 8.

— אין אָט דער העכסטער רעגע. 1968 — 2.

דושאצקי כ. דער פאָרזיצער פון קאָלווירט. 1965 — 5.

דיִאמאנט ה. די שוועסטערלעך זינגען. — נאָענטקײַט. 1965 — 5.

— ווען ס׳קומט מײַן אמאָל. 1967 — 11.

דריז ש. אָדער־אָדער. — יאָ. — מײַן שיסעלע. — מײַן שפּאקטיוול. — אייסעך־ווייסעך. 1961 — 3.

— פּאָר קליין און גרויס. 1962 — 2; 1965 — 2; 1969 — 5; 1970 — 1.

— דרײַ ביימער (**באלאדע**). — דאָס וויגעלע. — יודע־לייב. 1963 — 2.

— לידער און באלאדעס. 1963 — 6.

— די קלוגע סוועטאָפאָרן. — גיי איך, זע איך... — אף דער העלפט. — פון וואָס זײַנען כאלוימעס געמאכט. — דעם ווינטעלעס שפּילעכלעך. — ערגעץ ווײַט. 1964 — 4.

— אף דער עלטער. — א לידעלע. — מיזל־מײַזל. — מײַן זיידע דערציילט. — פּופּיק און קישקע. — זעקס לידער צו מײַן פּרײַנט שארל. 1965 — 7.

— פּאָר דער לעצטער צײַט. 1966 — 3.

— דאָס קנײַלעכל וואָל (**א מײַסעלע**). 1966 — 8.

— בעסאָד־סוידעס. — מײַן שענסטע ליד. — דאָס אלטע פערד. — די פידלערן. — דער זיידע. — די ליכט. — באם יאם. — מײַנע לײַכטער. — אד מאָסײַ. — זיסל מיטן פּיסל. — ניגנדל. — א לידעלע. — באם סאמע דניעפּער. — וויִאזוי די קראָ איז געוואָרן שווארץ. — די ליד פון א באָנדער. 1967 — 4.

— זיבן טינטערלעך מיט טינט. 1967 — 7.

— א כאָלעם. — א מענטש דארף זײַן א מענטש. — קינע. — א רעגנדל. — א מײַסע מיט א פערדל. — לויף צו דער מאמען. — פארוואָס שרײַט די קוקאַווקע „קוקע". — די וועלט זאָגט א ווערטל. — א וואָלעכל. — ווען וואָס עס דאכט זיך. — טרעפּט. 1968 — 5.

— גייט אין שטאָט א זייגער. 1970 — 9.

— נײַע לידער. 1971 — 1.

האלקין ש. גוט־יאָמטעוו דיר, מײַן לאנד. — ווען דײַן שטוב האָט מיר פארפעלט. — ווער געקאָנט האָט קלערן. — דערוואַרטונג. 1961 — 1.

— ווער זשע איז געוואָרן אלט? — וואָס שטייסטו, קינד? — געהיימע וועגן... — אזוי דערקלערט מײַן זון... 1963 — 1.

— אָן מיר... — אף וויסטע וועלדער... — נאָכאמאָל דאָס זעלבע. 1965 — 2.

— לייגט אוועק די זעגעלעך. 1967 — 11.

— דאנקבארקײַט. 1967 — 12.

— ס׳ווייסט מײַן הארץ. 1970 — 4.

— אופשריפטן און ווידמונגען. 1970 — 9.

הארצמאן מ. „איך קוק אינעם הימל: די שטערן ווי בערנעס". 1964 — 1.

— צום דיכטער. 1965 — 5.

— בא לענינס מאַוזאָליי. 1969 — 5.

— לידער וועגן מײַן היימשטאָט (**אָקטאַוועס**). 1969 — 11.

האָפּשטיין א. א ניגן. 1963 — 3.

— אָט אזוי געבוירן ווערן היימען. 1965 — 5.

האָפּשטיין ד. רוסלאנד. — נאָכן זיג. — אין וועג. — לעכאיִם. — מײַן פאָלק ווערט צו דעם קאָמוניזם קומען... 1962 — 6.

— פעלדער. — „מײַן קינדערשע היים דאָרט אין קאָרענעם רעמלי!" 1964 — 3.

— אָקטאָבער. 1967 — 11.

— לענין. 1969 — 1.

— אין ווינטער־פארנאכטן. — אן עפּל. — שטאָט. — אין ייִדישן וואָרט. 1969 — 6.

— „...באם רויש פון א יאם". 1970 — 4.

העלמאָנד מ. „יודיטעס טרערן"... 1969 — 8.

העלמאָנד ש. און ביז מײַן אויג איז אָפן. — האָסט מיך געלערנט... 1965 — 5.

— פרי. — פאַרנאַכט. — באַנאַכט אין סטעפּ. — ניי־יאָר־נאַכט. 1967 — 10.

— ביז. — ווינטן פון יוגנט. — א בריוו (בוזי אָליעוו־סקין). — קלאַנגען. — בושעלעס. — דערמאָנונג. 1970 — 10.

וואַסערמאַן ל. וויטמיזרעכדיקער זומער. — אין סקווער. — אָנהייב פרילינג. 1966 — 2.

— בא ברעגן. — דער ערשטער שניי. — זאָל זיין שאָלעם. 1967 — 6.

— מיין היים. 1967 — 11.

— לענין־גאַס. 1969 — 10.

— ווידער קום איך. 1971 — 4.

וואָלף ל. סאַכאַקל. — מעריק און עריק. — וויל־נע. 1968 — 6.

ווילענסקי ס. א טראָפּן טוי. 1967 — 1.

ווײַנערמאַן כ. א געזאַנג דעם סטעפּ (**פּאָעמע**). 1962 — 1.

— א דעמב. — גלייכגילטיקייט. — וועגן ליבע. — פּאָרגעפּיל. 1962 — 5.

— שטעכיקע לידער. 1964 — 2.

— אויג. — ווען געפעלשט איז די ליבע. — די עוואָליוציע פון כניפע. — ווען מע זעט דעם עק און ניט דעם קאָפּ. — וועמען גלייבט מען. — צום רע־כילעסטרייבער. — וואָרט און שווייגן. — ווען ריין איז דיין געוויסן. — וועגן שיינקייט. — ניט גלייב. 1965—6.

— צען סאָנעטן. 1967 — 1.

— צו טיפע גרונטן. 1968 — 6.

— צום הויכן ברעג. 1968 — 11.

— איליטש אין לעצטער אונטערערד. 1969 — 3.

— צו הויכע הימלען. 1970 — 2.

— א כאַזאַק. 1970 — 4.

—..גרויסע פריינטשאַפט. — א געשפּרעך מיט מיין געמיט. — אַפן פּאַמיר, דעם „דאַך פון וועלט״. 1970 — 10.

— פאַרשיידענע לידער. 1971 — 4.

— צום דיכטער. 1971 — 7.

ווײַסמאַן ז. שטילקייט. — א שניי אין מאַרט. 1971 — 1.

וועלעדניצקי א. די שטים פון פרידן. — צום בוים. — דערהער איך די קלאַנגען... 1962 — 5.

— אינמיטן פעלד וואַקסט א בוים. — אָט אזא איז אונדזער לאַנד. — אַף די וועגן פון מיין קינדהייט. — עלעגיע. — אין א זומער־פּאַרנאַכט. 1970 — 6.

ווערגעליס א. בענקשאַפט. — פּאָרגעפּיל. — וווּנערע. — שעפּע. — ספּיראָ. — א שפּעטע ליבע. — דאָס מיידל שפּיליעט צו דעם זאָק. — ווינטער. 1961 — 2.

— קאָסמישע פּאָעמע. 1962 — 2.

— איך רעד צו דיר, אמעריקע (**פּאָעמע**). 1962—5.

— דער אָנהייב און דער סאָף (**פּאָעמע**). 1963 — 2.

— פּאָעמע פון אלע פּאָעמעס. — אין אייגן פעלד. — נאָך א שטורעם. — א פאַרגעסן וואָרט. — אונדזער מאַטושקאַ־ראַסייאַ. 1965 — 1.

— זאָלן מענטשן ריידן ווי זיי ריידן. — נייַנטער וואַל. — אין וועג. — אָן א שטיין. — ווו איז דער מענטש בא לעוויטאַנען. — ווידעראַמאָל זינגט דער זינגער. — אויב ס׳קומט דער טרויער, אויב ער קומט... — ערעוו ווינטער. — פרילינג. — דו שטייסט מיטן קאָפּ אַראָפּ? — מע שיקט אַרויס אים פון סי־ביר. — וויטשעגדאַ. — Alibi. — נייטערנס און מאַ־נעקענשעס. — וועמערע איז פון אונדז באַהאַלטן. 1966 — 6.

— א נייַער טאָג. 1966. — 12.

— דער דענקמאָל. — מעכילע בא דעם פוקס. — אויצער. — ניטאָ קיין נאַכט. — אַפן טויט פון מ. טייף. — ס׳וועט אַלצדינג זיין. — קום אַריין אין מיין וועלט. — א וואָרט צו ראַסייאַ. 1968 — 1.

— דאָס געזאַנג וועגן קאַלמענס הענט (**פּאָעמע**). 1968 — 5.

— לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים. 1968 — 11; 1969 — 11.

— א געזאַנג צו ביראָבידזשאַן (**לירישער רעפּאָר־טאַזש**). 1970 — 11.

—..פון ליבע־ציקל. 1971 — 2.

זילבערג פ. מיר איז טייער... 1962 — 1.

זינגער ש. גייט אונדזער וואָרט באַליכטן. 1962 — 1.

זינגלידער (**מיט נאָטן**), געשאַפענע אין די פאַ־שיסטישע אויסראָטונגס־לאַגערן. 1968 — 4.

זעלדין י. פּאָלונדראַ! — קאָלווירטישע ווינטשע־וואַניעס. 1962 — 2.

— א נייַ הויז. — „מיין שאַרפע שיף האָט שיקער זיך פאַרכלינעט״. 1965 — 5.

זשיכלינסקי ר. אַלץ, וואָס מיר האָבן געזען. — מיין געשיכטע איז דיין געשיכטע. 1969 — 4.

זשירמאַנש. סראָלקע דער טרעגער. — אַרעסט. — קאַרצער. — אָקטיאַבער. 1969 — 10.

טאַלאַליעווסקי מ. קיִעוו (**פּאָעמע**). 1962 — 4.

— אַצינד. — בא יענע ריוון. 1963 — 6.

— ערעוו נייַ־יאָר. — ווייַל דו ביסט א פּאָעט. — מאַ־מעס. — דאָס גרינע פייַערל. — מיין אייניקל. 1965 — 1.

— אַף אלע מייַנע וועגן. 1966 — 2.

— אלע שענסטע טרוימען. 1967 — 2.

— איך, דער גערטנער. 1967 — 9.

— צו ברייטע ראַכוועסן. 1968 — 5.

— אין לעבן פאַרליבט. 1968 — 12.

— אייביק פאַרליבט. 1969 — 8.

— וועגן א ייִנגעלע סאַשע. 1969 — 12.

— מיר, די געפּרוּווטע. — מייַן גרינער פרענטש. — פאַר וועמען שרייַב איך. — כאַפּ זיך ניט. — ווייַל איך בין פאַרליבט. — דער גרעסטער זין. — אָן ענטפער דעם אייניקל. 1971 — 5.

— הונדערט. 1971 — 7.

טאַלאַלײַ ל. אַף א פּריוואַל. 1965 — 5.

— די וועלט גערא‌ם איז. 1967 —11.

טוטשינסקע ס. ווערטעטענעס. 1967 — 11.

טייטלבוים ד. פראַגמענט פון א רייַזע אין „טופּאָליעוו״. 1961 — 3.

— איך האָב א שוואַלב געזען אין פלי. — דאָס נעגער־ייִנגל דיק. 1964 — 3.

— א ווינטער־פאַרטאָג אין די בערג. — ווייסט דער בוים אין וואַלד. — אונדזערע יאָרן. 1965 — 9.

— לאַכן קאָן א מענטש דאָך בלויז. — א בריוו. — האַרץ. 1970 — 11.

טייף מ. דאָס געזאַנג וועגן ברידער (**פּאָעמע**). 1961 — 1.

— דאָס גאָלדענע טעפּלע (**פּאָעמע**). **1962 — 3.**

— א געזאַנג צו דיר, עסטערל... (**פּאָעמע**). **1963 — 5.**

— פאַרשיידענע לידער. **1964 — 2.**

— נײַע לידער. **1964 — 4.**

— דער סטאַרשינא צאַלט שיק (**באַלאַדע**). **1965 — 5.**

— לידער און באַלאַדעס. **1965 — 10.**

— דער טאָג דער היינטיקער. **1966 — 5.**

— שיר־השירים (**איבערדיכטונג**). **1966 — 8.**

— א ליד צו די אומגעקומענע דיכטער. — איך זינג א ליד... — אַלע פעלקער זײַנען ברידער... — פון ציקל „אין פענצטערל פון מײַן זיקאָרן". — דרײַ לי־דער פונעם ציקל „באַס יאַם". — פונעם ציקל „א געזאַנג צו דיר, עסטערל". **1967 — 5.**

— דעם קלעזמערס איינִיקל. **1967 — 11.**

— ניט פאַרעפנטלעכטע לידער. **1968 — 6.**

— א מײַסעלע פאַר קליין און גרויס (**אין פּערזן**). **1968 — 12.**

— זאָל ליכטיק זײַן. — דער ברוווטרעגער. — דער אַלטער באָק (**פרײלעך־טרויעריקע קופּלעטן**). — צוויי טירן. **1969 — 8.**

טשערניאַווסקי ש. ליבשאַפט. **1961 — 1.**

— לויט מאָסקווער צײַט. — אַפּאַראַדיטע. — א לויב־געזאַנג. **1962 — 3.**

— כ'בין ניט געשטאַנען אַן א זײַט. — דער מענטש האָט דעם אַטאָם צעשפּליטערט. — דער גרינער דעמב. — שטענדיק זײַן אין וועג. **1964 — 2.**

— ליבשאַפט (סאָנעטן־קראַנץ). **1964 — 6.**

— מײַנע גאָלדענע יאָרן. — דאָס זומער־שטיבע־לע. — שנייעלעך. — קינד. — ליבשאַפט. — פײַער. **1965 — 6.**

— איך טראַכט איצט אַלץ אָפטער און אָפטער. — ס'טראָגט דער מענטש דיר ערדיש־גוטן פײַער. — צו דער מוזע. — אין א וויגע. — ווי א וואָלקן א פאַר־בענקטער. **1966 — 4.**

— צו דער פעדער. — טאָפּאָלן, טאָפּאָלן שלאַנקע. — אין ווינטערדיקן סאָד. **1966 — 10.**

— אזא מין קישעף. **1967 — 3.**

— זיבן פלאַמיקע קאָלירן. **1967 — 9.**

— אַף דער זוניקער זײַט. **1967 — 11.**

— די האָפענונג. — ווען ס'פאַלט פון טאָפּאָלן דער פוך. — איך בין מעקאנע. — סאָנעט. **1968 — 8.**

— באַם ערשטן מאָרגן־שטראַל. **1969 — 3.**

— לענינס פּאָן. **1969 — 4.**

— די פרוי פון פינפטן שטאָק. — צו א דיכטער. — נאָך ניט אַלע לידער אויסגעזונגען. — אַפּאָריסטיש. — קינדהײַט. — סאָנעט. **1969 — 6.**

— דער הימל איז לויטער. **1970 — 1.**

— ליבשאַפט. — א זומער־רעגן. **1971 — 2.**

— ראַטעווען אנדזשעלע דעוויס! **1971 — 3.**

— היימלאַנד. **1971 — 7.**

יאַנאַווסקי פ. אַפּן צאַפּן. — „די ערשטע ליד האָט אָנגעהויבן... ווער?". **1961 — 1.**

יאַקיר י. מיר, די בעסאַראַבער. — א ליבע־מאָ־טיוו. — א באַקאַנטער ניגון. **1962 — 3.**

כאַריק אי. מינסקער בלאָטעס (**פון דער פּאָעמע**). **1967 — 11.**

— אַף א פרעמדער כאַסענע (**פראַגמענטן פון א פּאָעמע**). **1968 — 3.**

כאַשטשעוואַצקי מ. „שוין אָפּגעשוימט און אָפּגערוישט געלעכטער" (**ע. פינינבערגן**). — „דו, מײַן זון מײַן איינציקער". **1965 — 5.**

— לעבן זאָל די סאָציאַלע רעוואָלוציע. **1967 — 11.**

— וועט מען דערציילן. **1970 — 4.**

כאָלאָדענקאָ ש. און שטענדיק אנטקעגן דו גייסט... **1962 — 3.**

— וועלט מײַנע, ליבע. — פרילינג. **1965 — 6.**

— ערגעץ בליט שוין. — „אין שנייִקע היפּנאָס פאַר־זינקען די טריט". — „פאַר וואָסער א גרויסן פאַר־דינסט". — „איך ווייס ניט, וואָס זאָל איך גאָר וועלן". — „אפילו די זון, וואָס אימשטאַנד איז געווען". — „ווען אומדערוואַרט באַנאַכט כ'דערוואַך". **1966 — 11.**

— לידער פון פאַרשיידענע יאָרן. **1969 — 11.**

— כ'געדענק. **1970 — 4.**

— די וועגן, וואָס דו האָסט באַטראָטן. **1970 — 8.**

— א טאָפּאָל. — לאָמיר זײַן באַשיידן. — א מאַלפּע און א דיפּלאָמאַט. — איך זאָג דעם עמעס... — שטענדיק טראַכט איך וועגן מאָרגן. — א וווּנטש. — דעמבן. — מײַן פאַרלאַנג. **1971 — 2.**

— כאַווע. **1971 — 4.**

כאַראַל ד. פאַר קליין און גרויס. **1962 — 4; 1963 — 3.**

— היים. — קנאָספּן. — דערמאָנונג. — באַגינען. — א מענטש גייט אַוועק. **1964 — 3.**

כײַקינע ד. דער אַלמאַנע פון קאָנגאָ. **1961 — 1.**

— ס'האָט די נויט די גרויסע דיך געצווּנגען. — „איך ווייס ניט, ווער עס האָט דעם עפּל־צווײַג גע־ריסן". — „אַף ברייטע גאַסן". **1962 — 2.**

— ס'וועט קומען א טאָג... — אין סטעפּ. — וואָס וואָלט זײַן... שוועסטער. **1963 — 4.**

— אַן אויסשטעלונג אין באָלאָניע. — בענקלעך. — וואָגאָנען. — מיט יעדן יאָר... — קאָנען דען ווינטן ניט ווייען... ווער קאָן וויסן. **1964 — 4.**

— דוווירע. — א שײַטער אין יאַם. **1965 — 6.**

— איך גלייב אין מענטשן־גליק. **1965 — 12.**

— סימאָנים פון גליק. **1966 — 9.**

— דאָס לעבן לערנט מיך. **1968 — 1.**

— פון אַלע מײַנע וועגן. **1968 — 4.**

— מײַן צירונג. **1968 — 10.**

— מײַסעס פון מיזרעך. **1969 — 11.**

— פון נײַעם דיכטערישן העפט. **1970 — 8.**

כענקין מ. אין די אָקטיאַבער־טעג. — מאַמע־לאָשן (**דעם אַנדענק פון עזרא פינינבערג**). — מײַן דאָר. **1961 — 2.**

לאַסקער כ. „אָט אזא איז אונדזער יוגנט". **1967 — 11.**

לאַפּאַטע ש. לידער. **1965 — 5.**

— איך, דער יידישער מוזשיק. **1967 — 11.**

ליפשיץ מ. ס'איז וווּנדערלעך די וועלט. **1961 — 2.**

— „דאָ אַף דער ערד האָסטו געטראָטן". **1962 — 1.**

— מעגערער שיין. **1962 — 3.**

— יוגנט. — האַנט־אין־האַנט. — אין וואַלד. — ביז הונדערט צוואַנציק. — די ליד. **1963 — 1.**

— דערמאָנונג. — אומענדלעך ליב איז מיר די וועלט. — זי מיט דײַן ליד אים וואָרט! — אזוי דאַרף זײַן. — דאָס נײַע וואָרט. **1964 — 1.**

— א באַגעגעניש. — סאָנעט. — מײַן געמיט. 1965 — 3.

— „און װען איך גײ פֿון דעם, װאָס איז געװעזן". — „אַכט און פֿופֿציק בין איך שױן אַלט". — „ערשטן טראַט, ס'ערשטע װאָרט, ערשטע שײַן". — „אין מײַן פֿאַמיליע זײַנען אַלע שרײַבער". 1965 — 10.

— אַזױ לײַכטן מײַנע אױגן. 1966 — 4.

— אױף דער װאַרעמער ערד. 1966 — 10.

— די גאַנצע װעלט כ'האָב ליב. 1967 — 1.

— הערצער אונדזערע. 1967 — 9.

— פֿאַר טױזנט אַנהײבן. 1968 — 4.

— פֿאַרפֿלײצט פֿון ליכט. 1968 — 9.

— הימלען מיך באַגריסן בלױע. 1969 — 2.

— װײַל איך װיל אַ יונגער זײַן... 1970 — 1.

— זוכן און אײגענעם ניגון... 1970 — 10.

— מײַן טיר איז אָפֿן. 1971 — 3.

לעװ א. כ'װעל אָנטאָן הײַנט די גראָבע שיך. — לערן מיך זען. 1969 — 4.

לעװ שין. פֿאַרטרעט אין טיפֿן שװאַרץ. 1969 — 4.

לעװין כאַיִם. יונגער האַרבסט. — אין װעג. — אױסצוג פֿון אַ פּאָעמע. — אַ ליד װעגן שטעטעלע. 1970 — 3.

לעװין כאַנע. אַ פֿרילינג־פֿרימאָרגן. — די זון איז שלאָפֿלאָז. 1962 — 1.

— אַ שװאַלב. — דאָס בעקאַװעדיקסטע אָרט. 1963 — 4.

— באַם דענקמאָל. — פֿרילינג. 1964 — 6.

— עלטער. — אין אַ מײַ־טאָג. — דאָס האַרץ. 1965 — 8.

— פֿון ציקל „װיעטנאַם". 1967 — 5.

— ביסט אַ זילבערנער. — באַם טעלעװיזאָר. — װינטן. 1968 — 3.

— אױף דער טריקעניש. — נײַע שטערן. — אַ רעטעניש. — ביסט צו אַ האַרבער טאַטע. 1969 — 2.

לעלטשוק ש. די ליד װעגן בושעל. 1963 — 3.

— ערשטער שנײ. 1965 — 5.

לערנער י. הער שױן אױף צו װײנען. 1961 — 1.

— אין אַ זומערדיקער נאַכט. — פּײזאַזש־מיניאַטורן. 1964 — 2.

— דער טאָג איז שױן מיד... — רוף מיך. — „דער װעג איז לאַנג, דער װעג איז לאַנג און שטױביק". 1965 — 8.

— לירישע שפּליטערס. 1966 — 2.

— װײַסער װוּנדער. 1966 — 9.

— זילבערנער טרױם. 1967 — 8.

— פֿון װיעטנאַמער כראָניק. — מיניאַטורן. 1968—4.

— כעלעמער כאַכאָמים. 1969 — 1.

— װערטער. — פֿאַרטאָג. — שױן זיבן מאָל. — די טיפֿע הײלן. 1969 — 9.

מאַלטינסקי כ. מיט זון מיט סאַמע טרײַע. — דאָס יאָדערל. — אונטער פֿיר אױגן. 1961 — 2.

— אַבי צום האַרצן איז די מי. — „פֿאַרדאַמטער קריג, מע הערט דיך און מע זעט דיך". 1962 — 2.

— מײַן פֿרײלעך געמיט. 1963 — 3.

— סאָליגאָרסק (**דיכטערישער רעפּאָרטאַזש**). 1964 — 3.

— מיט קינדערשער סימכע... 1964 — 5.

— מיט ברױט און װײַן. 1965 — 4.

— מײַנע שליסעלעך. 1965 — 9.

— זײַט װױסן. 1966 — 5.

— איך טראָג מיט פֿרײד מײַן אָל. 1966 — 11.

— עס לאַכן די בלומען. 1967 — 4.

— דער שאָטן אױף שנײ. 1967 — 8.

— די שענסטע ליד אין װאַלד. 1968 — 3.

— אַ פּראָסטער כײַ־װעקײַעס כ'בין. 1968 — 8.

— דער שמיד דער קאַפּולער (**לירישע פֿאַרצײכענונג**). 1968 — 12.

— די רױקײַט. 1969 — 7.

— פֿאַר קלײן און גרױס. 1969 — 12.

— מײַנע בראָכעס דעם װעװעריקל. 1970 — 6.

— אין ליכטיקן שפּיגל. 1970 — 8.

— פֿון מײַן זשיטקאָװיטשער העפֿט. 1971 — 2.

— לידער פֿון דער צײַט. 1971 — 3.

— איך טרױ דיר אָן מײַן װעלט. 1971 — 5.

— מײַן שמײכל. 1971 — 7.

מאַרקיש פּ. ירושע (**פֿראַגמענטן פֿון אַ פּאָעמע**). 1962 — 1.

— אַקטיאַבער־ליד. — פּופּציקאַריקער מאַן (**פֿראַגמענטן פֿון אַ ניט־פֿאַרענדיקטער פּאָעמע**). 1965 — 11.

— דעם ײדישן שלאַכטמאַן. 1967 — 11.

— פֿאַרװעבט אין פֿאַלק. 1970 — 4.

מאַגילעװיטש מ. צװישן טױבן. 1962 — 1.

— דאָס בילד. — ליבע. 1964 — 3.

— דאָס פֿאַרלאָרענע װאָרט. — כ'גײ אַנטקעגן זון. — הענט. 1965 — 4.

— די װעט ניט דורך. — אַ טראָפּן שײַן. 1965 — 12.

— פֿאַרהאָרעװעטע הענט. — באַ דער אַרבעט. — ליים. — פֿרילינג. — פֿאַרטאָג. 1966 — 11.

— אַלע זיבן הײכן. 1967 — 8.

— מײַן אַרבעט. 1969 — 7.

— צװײט און זון. 1970 — 3.

— מיט נײַער קראַפֿט. 1970 — 4.

— צאַרט, װי אַ געזאַנג. 1971 — 2.

— כ'צעעפֿן דײַנע טאָװלען ברײט. 1971 — 7.

מאָר י. פֿון סאַן ביז סען. 1968 — 9.

מיכעלסאָן ג. און יונג בין איך. 1962 — 1.

— קאַשטאַנען. — זשיטני באַזאַר. — בערג. — די לעצטע טעג פֿון זומער. 1964 — 3.

— עס בױט זיך אַ מעטראָ. — מײַן שײַטער. — כאַנוקאַס־האַבאַיִס. — ערשטער שנײ. 1968 — 11.

— „טו־104". — עס שלאָפֿט זיך ניט... 1969 — 9.

מילער ב. די ערד איז װאַך. — אין פֿענצטער קלאַפּט מיר אָן אַ ליד. — פֿרילינגדיקס. 1962 — 3.

מילער ל. װי לאַנג עס װעט נאָך אומרעכט זײַן. 1961 — 3.

— געזאַנג פֿון מענטשנס זין אין לעבן. — דאָס געלעכטער פֿון די כװאַליעס. 1965 — 9.

מינצעס ר. װאָס װעסטו זײַן, אַז דו װעסט זײַן גרױס?.. — פּערל־שנירלעך. — ניט צעשטערט דאָס פּראָסטע גליק... — אױף אַרגענטינער ערד. 1966 — 1.

מײַזעלס ג. באַ דער אַרבעט. 1971 — 2.

נאַדיר מ. אַ באַגעגעניש אין מאָסקװע. 1970 — 4.

סאַװיקאָװסקי ע. רוסלאַנד. 1967 — 11.

סאַפֿראַן כ. קומען זײ, די יונגע... 1961 — 3.

— אין כױדעש אַפּרעל. 1969 — 4.

סאַקציער מ. אױף דער אַנגאַראַ. — אָן ערנקרײַז. — פֿון די הײגע קװאַלן. 1961 — 1.

— קאַיאַר. — אין וואַלד. — מײַן גאָרטן. — קום אַרויס. — דער שטאָרך. — מיט פעסטן טראָט. 1963 — 6.

— פעוורואַל. — מיט מענטשן. 1964 — 6.

— אין אַזאַ מין שאָ. 1966 — 6.

— מײַן זיקאָרן. 1966 — 12.

— באַגינען. 1968 — 8.

— ווי טאָמיד הערלעך. 1970 — 1.

— אונטערערדישע זיצונג. 1970 — 4.

ס י נ ע ל נ י ק אָ ו ו א ב. דער פרילינג גייט. 1965 — 10.

— ווינטער. — מײַן ברודערל. 1971 — 1.

ס ע ל צ ע ר ד. דערצייל אונדז, קאָטאָווסקי (**פון ציקל „בעסאַראַבער לידער"**). 1970 — 4.

ע ל ק י ס י. אַספאַלט און ווייכע סטעזשקעס. 1962 — 4.

— אַ וואָרט. — וואָס דראָעט דעם פּאָעט. — אונטערוועגנס. 1967 — 1.

פ א ק נ ט ר ע ג ע ר מ. באַם שפּיגל... 1963 — 4.

פ ל א ט נ ע ר א. דאָס קינד. — גוואַרע. 1961 — 3.

— די לעצטע שטיבעלעך. — עס וויל די כוואַליע מיטן יאַם זיך ניט צעשיידן... — די מיידלעך פון מינסק. 1965 — 11.

— פינף לידער. 1967 — 5.

— ניט פּובליקירטע לידער. 1968 — 9.

— לענינס געבוירן־טאָג. 1969 — 10.

פ ל אָ ט ק י ן פ. דער קאָמוניסט. 1962 — 1.

— אַז ס'איז שטיל אויף דער וועלט. — מאַיאַקאָווסקי גייט. — מײַן היים. — אַ רעגן. 1969 — 5.

— באַם שײַטער. — אין דער מינוט פון שווײַגן. — אַ האַלבע שאָ פאַר דער שלאַכט. 1970 — 5.

פ י נ י נ ב ע ר ג ע. די וועלט איז אין קאָן. 1967 — 11.

— טעלעגראַמעס. 1969 — 2.

— „יונגער טאָג איז אויפגעגאַן געראָטן". — „אַזאַ ליבשאַפט, פּאַטערלאַנד!" — קיִעוו. — מיטן פּאָלק. — „נו, דו, דער רו'ך זאָל נעמען דיך, נו, זע: מיר זײַנען אויבן". 1969 — 12.

פ ע ל י י ע ל י ן ס. אייגנס. 1961 — 3.

— קינדער־ליד. 1970 — 4.

פ ע פ ע ר א י. ווילדע כאַלומעס. — צו די גלײַכגילטיקע. — מע זאָגט... — מײַנע וועגן. 1962 — 2.

— בענקשאַפט. — מײַ. — די אַלטע טײַנע. 1965 — 10.

— יאַטן. 1967 — 11.

— איליטש. — האָט לענין געזאָגט. 1970 — 4.

— לירישע לידער. 1970 — 9.

ק א ה א ן ס. היימלאַנד. 1967 — 11.

ק א ז א ק ע ו ו י ט ש ע ם. דערפאַר איז גרויס מײַן שטאָלץ... — „מיר... זײַנען קינדער געווען פון פינף ביז פופצן יאָר". — פרילינג. 1963 — 2.

— לענין און הערבערט אועלס. 1967 — 11.

ק א מ ע נ ע צ ק י ה. ווועסנע אין ראַיאָן. 1967 — 11.

ק א צ אָ ו ו י ט ש ל. דעם פּעטערס טרוצים. — דער קאָכלעפל. — דער כאַזער אויף אַ באַל (**מעשאָלים**). 1966 — 7.

— מעשאָלים. 1968 — 7.

ק א צ ע ו ו א. בלומען, קווייטעלעך געקליבן... 1962 — 1.

— געסט. — דער טאַטע פאָרט אוועק. — מיטן קאָפּ אַראָפּ (**אַ פריילעך מײַסעלע**). 1964 — 3.

— עסטערקע. — באַנאַכט האָט געדונערט. — דער פוילער. — ווען אַלע מענטשן שלאָפן נאָך. — דער ערשטער שניי. 1966 — 2.

— לידער וועגן נאָענטע. 1967 — 2.

— די ליד פון מײַן געמיט. 1968 — 4.

— באַ דעם לויטערן פענצטער. 1970 — 3.

— פון דער טיף פון מײַן האַרץ. 1970 — 4.

— מעשאָלים. 1971 — 5.

ק אָ ט ל י א ר י. מיט פריילעכע אויגן. — דאָס בעסטע. — צוגאַסט. — איבערוף. 1962 — 2.

— דײַן געשטאַלט. — צו אַ מיידל. — איך וועל זינגען פאַר אײַך. — דער שענסטער שטראַל. — היימיש מיט די שטערן. — דער סאָד פון וואַלד. 1962 — 6.

— קרײַזן. — שיינע אויגן. — טרערן. — נעכטיקע טעג. — געזאַנג. — אָן דאַטעס. 1965 — 9.

— ליבע־לידער. 1966 — 6.

— אינמיטן וועג. 1967 — 9.

— זאָל אַ שטערן לײַכטן. — מײַן נעסט אויף אוקראַיִנע. — צו שפּעט... — ייִדישע ניגונים. — אַ גוטע נאַכט. — נאָך אַלעמען. 1968 — 2.

— פון ניט געדרוקטע העפטן. 1968 — 8.

— מעשאָלים און פאָלקס־ווערטלעך. 1969 — 6.

— פאַר די קליינע קינדערסוועגן. 1970 — 7.

— פון די יערושע־העפטן. 1971 — 6.

ק אָ ל ע ס נ י ק ב. דער בוים און די זון. 1971 — 2.

ק א ל ט ע נ י ו ק י ע. אַ נײַער טאָג. 1965 — 10.

ק אָ ר אָ ב ײ נ י ק ב. גוט איז אין סטעפּ. 1965 — 5.

ק ו ל ב א ק מ. די שטאָט. 1967 — 11.

— רײַסן (**אויסצוגן פון אַ פּאָעמע**). מע קאַסיטעט היי. — די באָבעשי. — די ווילִיע און דער ניעמאַן... — נאַסטאַסיע. — ווינטער באַנאַכט אין דער אַלטיטשקער כאַטע. — אַנטאָשע שפּילט אויף דער באַנדורע. — דער דיידעניו קומט שטאַרבן. 1971 — 3.

ק ו ר ץ א. די גאַגאַרינס. 1961 — 3.

ק ו ש נ י ר אָ ו ו א. יוגנט. — פון מײַן שטעטל. — אַ פּאַרפּאָלק. — נאָך דער שלאַכט. 1962 — 4.

— ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין. 1967 — 11.

— לײַדנשאַפט. — ווענט. — סאָלאַלי. — ליבע צו ווײַב און קינד. — וועגן די שטיינער, וואָס האָבן זיך געלייגט אין פונדאַמענט. 1970 — 1.

ק ו י ט ק אָ ל. די פעלקער מאָנען שאָלעם. — די זונענשײַן. — איך האָב נאָך הײַנט... 1962 — 3.

— מיט מײַן לאַנד. — ווי פאַרכאַפּנדיק איז דאָס געפיל... — געצײַג... — כ'האָב נאָך אַ פּאָר גוטע יאָר. — כאַזערלעך. 1965 — 12.

— אין רויטן שטורעם (**פראַגמענטן**). 1967 — 11.

— פאַרשיידענע לידער. 1970 — 11.

ק ו י פ מ א ן ה. אין טײַגע. 1963 — 3.

— אין ווײַסן נעפּל. 1965 — 5.

ק י ר י ט ש א נ ס ק י פ. רײַפקײַט. — דער שפּילטער. — איך האָב ניט פּאַרשפּעקטיקט. — פאַרנאַכט. 1961 — 3.

— אויסגעגלײַכט האָב איך מײַן פלייצע. — אין וואַלד. — פאַלט אַ בוים נאָך אַ בוים. — כ'האָב מיך זיך איינזאַם ניט געפילט. — באַ דער מיל. — די קאַסקע. — מײַן ליד. 1964 — 6.

— איך דאַרף ניט האָבן קיין סאָך. — אַ בילד. — צי וועט אַ סימען בלײַבן? 1966 — 2.

— מײַנע טריט. 1967 — 2.

— די זון אין באגינען. 1967 — 10.

— אפסניי. 1968 — 8.

— איך וועל אין טויער דערטרונקענע אינדערפרי. — בלינדע מאכן פענדזלעך. — „די זעלבע אזערע ווי פאראיארן". 1969 — 7.

— אָט אזוי פארגעדענקט כ'האָב דעם טאָג. 1970 — 4.

— צוויי לידער. 1970 — 11.

— א דאנק. 1971 — 7.

ראזומני מ. דער העלפאנד און די פרעמדע שמאכטעס. — די אָפּטריניקע (**מעשאָלים**). 1963 — 1.

— דער אבסטראקציאניסט. — קעלבערנע לעבנס־כאָכמע. — דער גענעץ (**מעשאָלים**). 1963 — 6.

ראכמאן א. איך האָב אמאָל געליבט א מיידל... 1962 — 1.

— רוּוון דער קונצנמאכער. 1962 — 4.

ראָם נ. געטאָ־מאָטיוון. 1965 — 10.

ראָנטש י.־ע. צו דיר געהער די וועלט. — האָבן זיך מענטשן פארזאמלט... — זיגער. 1964 — 3.

— געסט. — נעפל. 1965 — 9.

— אונדז איז באשערט. 1970 — 4.

ראָסין ש. צו דער מוזע. — ס'וועט א שאָד זיין. 1965 — 5.

— בארג ארוף — דער וועג. 1967 — 11.

— רוסלאנד. 1970 — 8.

ריטמאן ע. דער בוים. — „הער נאָר, הערסט ניט, ווי דער טאָג גייט". 1966 — 2.

— נייער סטיל. — טאטע־מאמע. — דאָס וואָרט. — איך בין דער בוים. 1968 — 10.

רויטמאן ש. וואָס אין פידלעס שטעקט. 1961 — 1.

— דער האָניקטרעגער (**פּאָעמע**). 1961 — 3.

— דער מייסטער פון פייפעלעך. — דער רעגן־טראָפּן. — צום צערטלער פון לעבן. — „מיין ליבער בוים וועט אין מיין וואלד ניט פאלן". 1962 — 2.

— דער אומקער פון מיין נעשאָמע־מאלקע. 1963 — 6.

— דאָס וואָרט וועגן וואָלגע־זון איגאָרן (**פּאָעמע**). 1965 — 1.

— שטאכעטן. — מיין איינציקער האָר. — באַם פאַר־פרוירענעם פענצטער. — וואַרעמע סטעשקעלעך. — א רויטאַרמייִשער הוט. 1965 — 12.

— דער דימענטשלייפער. — דער גוטער גלעזער. — דאָס וואָרט פון א בעקערל. — מיין טאַטנס צאַוואַע. 1966 — 6.

— נייע לידער. 1967 — 7.

— צוויי לידער־מייסעלעך. 1968 — 7.

— מיין זיידע זאַלמען דער וואַסערפירער. 1969 — 3.

— דער פאַנצער־טראַכט (**באַלאַדע**). 1969 — 9.

— דער פריילעכער פעטער ניסל (**פּאָעמע**). 1970 — 7.

— פאַר אַלע זייטן פון דער וועלט. 1971 — 1.

ריאַנט מ. א בירגער איך בין פון מיין זוניקן לאַנד. 1961 — 2.

— אינמיטן זומער. — אונטער בלייענדיקע צווייגן. 1966 — 9.

רימער ע. לעבן. — ראַיוינעס. — ליבע — געוויס. 1966 — 1.

— די בין. — די ערד. 1968 — 1.

רייזין ר. מיט דער נייער מי און פּראַצע. 1965 — 5.

רעדקאָ וו. ס'וועט זיין א שטורעם. 1963 — 3.

— יוגנטלעכער אומרו. 1965 — 5.

רעזניק ל. בראָנעוויק „גטוויטער". 1967 — 11.

— זאָל געבענטשט זיין דיין קומען. — פאַרנאַכט. — מיין אופגעריכט פאָלק. — פאַר אַלע פאַר זיי. — יאַם. — גאַנצפרי. 1970 — 7.

רעלעס ה. אין פרילינג. — א פונק. 1961 — 1.

— ליאַוואָניכע. 1962 — 6.

— אין סאָד. — ווינטער אין פעלד. 1965 — 7.

— צוגאַסט אין שטעטל. 1966 — 5.

— הוליעט די מעטעליצע. — אין אָסיענדיקן וואַלד. — ווען ס'פּלאַצט דאָס אייז. — דורכן וואַלד. 1967 — 2.

— שפּעט אין האַרבסט. — אף דער דווינע. — דער־מאָנונגען. — דאַרשט. — א וויגע אין שטאָט. 1968 — 2.

— קוקט ניט גלייכגילטיק. 1968 — 9.

— גאָלד צעגאָסן האָט די זון. 1970 — 11.

שאַפּיראָ מ. אונדזער לענין. 1967 — 11.

שוואַרץ כ. ווען איך זע א כאַוווער קלייבט זיך... 1969 — 2.

שוואַרצמאַן א. אין אופשטאַנד. 1967 — 11.

— די קרעטשמע. — „און ס'וואָלט דעם סאָד באַנאַכט די ערד". — „כ'דאַרף איצט ניט קיינעם, איך דאַרף איצט מיין מאַמען". — יוגנט. — „די שוואַרצע מוטערנאַכט". 1969 — 10.

שוועדיק ה. עס קרייען די הענער. — „האָסט ווען געזען א פעלד פון קאָרן". 1965 — 5.

שויכעט א. „וואָס איז איצט מיין באַדאַרף". 1970 — 4.

שטורמאַן מ. קרויווים. 1962 — 4.

— מאָסקווע־טייך. — א וואָרט צו דער מאַמען. — דאָס אייניקל. 1963 — 4.

— קאָסמאָנאַוטן. 1964 — 6.

— קינד. — ליבשאַפט. — פייער. 1965 — 6.

— פאַרשיידענע לידער. 1966 — 3.

— לענין. — מיר געפעלט. 1966 — 10.

— מיינע זומער־לידער. 1967 — 6.

— טייער, ווי די זון. — דערמאָנונג. — אַמאָל, אַמאָל. — מוט. — גרוזיע. 1967 — 12.

— פון מיינע קוואַלן. 1968 — 4.

— פון זינגענדיקן שטראָם. 1968 — 11.

— נייע לידער. 1970 — 5.

— מיין מויער. — ראַכמאָנעס אפן דיידן. — א ליי־דעלע. 1971 — 5.

שטיינבאַרג ע. מעשאָלים. 1970 — 5.

שטערן ש. אינדערפרי. (**פראַגמענטן פון דער פּאָעמע „אין קאַנאַדע"**). 1966 — 4.

שטערנבערג י. דער גיבער פון יאַסנע פּאָליאַנע. — איך גלייב זיך ניט. — אין שוויס פון דיין פּאָנעם. — שטאָק־דעמער־גרוי. 1961 — 1.

— הערואַישע באַלאַדע. 1961 — 2.

— די פייערן פון דער שטאָט (**מאָסקווער סויטע**). 1963 — 2.

— וואָס ניט געוווּסט האָט אויך דער קליגסטער מאַן (**באַלאַדע**). 1964 — 1.

— שוועסטער מיינע (**פּאָעמע**). 1965 — 4.

— לידער מיט א מוסער־האַסקל. 1966 — 3.

— די זעלבע קראַפט. 1966 — 12.

— פאַרשיידענע לידער. 1968 — 7; 1969 — 1; 1969 — 7; 1970 — 5.

— כ׳באַגריס אײַך, קאַרפּאַטן! — אין צוג פּאַר־טאָג. — דער אופבליץ. — די שטילקייט־פעסטונג. — אין גערדיכטעניש פון וואלד. — מײַן באַלעבאָסטע און איר קו. — אין יעדן סטויג היי און סטויג שטרוי. — פאַראַן דאָ א באַרג. — די גרויזאַמע זעונג. — שאָטנס. — אַקוואַרעל. — „כ׳וואָג צו זאָגן עס, איך וואָג עס״. 1971 — 2.

שיפּריס מ. שאָלעם. 1969 — 4.

שעכטמאַן א. עפּעלעך און באַרעלעך. 1965 — 10.

איבערזעצונגען

אבאַשידזע אי. דאָס קאָל בא די ווענט פון קרייץ־מאָנאַסטיר (פון בוך „פּאַלעסטינע, פּאַלעסטינע!..״). ייִדיש — **מ. גרוביאַן.** 1966 — 9.

אבאַשידזע ג. אין שטענדיקן שלאַכט־געפעכט. ייִדיש — **כ. ווײַנערמאַן.** 1966 — 9.

אופּעניק מ. סענטיאַבער. ייִדיש — **ש. טשערניאַווסקי.** 1965 — 2.

אוקראַיִנקאַ לעסיאַ. פּאַרטאַגיקע פײַערן. ייִדיש — **ד. האָפּשטיין.** 1963 — 4.

אווישאָול מ. שאָלעם־באַלאַדע. ייִדיש — **מ. סאַקציער.** 1967 — 1.

— וועגן דעם ריז פון פּאַשטעס. ייִדיש — **א. שאַלייעס.** 1970 — 4.

שלוימע איבן גַבירול. א יוגנט־ליד. — אין שטורעם און געוויטער. ייִדיש — **ל. רעזניק.** 1965 — 6.

אווראָם איבן עזרא. אָן מאַזל. ייִדיש — **ל. רעזניק.** 1965 — 5.

מוישע איבן עזרא. א רוף צו טרינקען ווײַן. — קוואָרים. ייִדיש — **ל. רעזניק.** 1965 — 6.

אימאַנועל פון רוים. א ליבע־ליד. ייִדיש — **ל. רעזניק.** 1965 — 5.

אלגא א. גליק. 1964 — 2.

אנטעאַס פ. פעלד־נעגעלעך. ייִדיש — **י. בוכבינדער.** 1970 — 4.

אסטראַוסקאַס ג. דאָס איז געווען אין מאָסקווע. 1962 — 2.

אראַגאָן ל. אין טאָוולען פון פײַער. ייִדיש — **י. שטערנבערג.** 1970 — 4.

אריפּאָוו א. בא פאַכלאַוואַן־מאַכמודס קייווער. ייִדיש — **א. ווערגעליס.** 1970 — 7.

באַלטאַקיס א. לענין אין ווילנע. 1970 — 4.

— מעטאַל גאַמע. 1970 — 9.

באַראַטאַשווילי נ. דער טשינאַר. (ייִדיש — **א. זינגער**). — דאָס קינד (ייִדיש — **ש. דריז**). 1968 — 11.

באָצו פ. ערד. ייִדיש — **א. גאָנטאַר.** 1966 — 3.

באָראָדולין ר. פידלער. ייִדיש — **מ. גרוביאַן.** 1967 — 5.

בוקאָוו ע. א וואָרט צו א מילכאָמע־אונטערצינדער. ייִדיש — **א. וו.** 1966 — 3.

— פלויטן. — ערד מײַנע. ייִדיש — **מ. סאַקציער.** 1969 — 12.

בוראַווקין ג. צוואַנציקסטער יאָרהונדערט. ייִדיש — **ה. רעלעס.** 1967 — 5.

בלאָזשע וו. איך וויל ניט טיילן מיט זיי! 1970 — 9.

בלאָק א. צוועלף (פראַגמענט). ייִדיש — **מ. בראָדערזאָן.** 1970 — 11.

בעדני ד. קיינער האָט ניט געוווּסט... — שניי‏עלעך. ייִדיש — **מ. גרוביאַן.** 1963 — 2.

— ניט געוווּסט האָט קיינער... (22 אַפּרעל 1870 יאָר). ייִדיש — **א. גאָנטאַר.** 1970 — 4.

בראָווקאַ פ. (ייִדיש — **כ. מאַלטינסקי**). ווינט און שטורעם. — דעם עכטן אַמעריקאַנער. 1964 — 1.

— דאָס האַרץ און דער זייגער. 1967 — 5.

גאַמזאַטאָוו ר. פייגל. ייִדיש — **מ. גרוביאַן.** 1961 — 2.

גאַפור ג. טאַשקענט. ייִדיש — **א. ווערגעליס.** 1970 — 7.

גראַכאָווסקי ס. די רייף. ייִדיש — **מ. ליפּשיץ.** 1967 — 5.

גרישאַשווילי י. ער איז דערנעבן. ייִדיש — **א. גאָנטאַר.** 1970 — 4.

דאַגוטיטע י. א וואָרט צו לענינען. 1962 — 2.

דאַנילאָוו ס. ספינקס. ייִדיש — **א. הובערמאַן.** 1962 — 3.

דאַצי מ. די ברידער אוליאַנאָוו. ייִדיש — **כ. לויצקער.** 1970 — 4.

דאַרוויש מ. דער ענטפער. ייִדיש — **מ. גרוביאַן.** 1970 — 6.

דאָבריאַנסקי א. שולאַמיס. 1966 — 2.

דאָראָשקאָ פ. אין דעם איז מײַן גליק. ייִדיש — **ד. כײַקינע.** 1965 — 2.

דזשובראַן ס. דעם אומגליק, וואָס ברענגט מילכאָמע. ייִדיש — **ש. טשערניאַווסקי.** 1963 — 4.

דעמטשענקאָ וו. די מענטשן פון בלויע באַגינענס. ייִדיש — **י. לערנער.** 1966 — 2.

וואַן דײַ. מיר וועלן נאָך קומען. — גוטמאָרגן, היים מײַנע! ייִדיש — **מ. טייף.** 1966 — 11.

וואָזנעסענסקי א. דער רוף פון דער אָזערע. ייִדיש — **מ. טייף.** 1967 — 4.

ויערו ג. וועלכע שאָ איז איצט. ייִדיש — **ש. דריז.** 1966 — 3.

וישעסלאַווסקי ל. דער שעף־קאָנסטרוקטאָר. ייִדיש — **וו. האָפּשטיין.** 1965 — 2.

זאַדניפּרו פ. רעגנבויגן. טרויעריקס. — די סרייפע (ייִדיש — **מ. סאַקציער**). — יאָנס אַלמאָנע. — א שורע בושלען (ייִדיש — **א. זינגער**). — ווײַן (ייִדיש — **א. ווערגעליס**). 1967 — 8.

— א טוישעוו ער איז, א היגער. ייִדיש — **מ. סאַקציער.** 1970 — 4.

זאַיאַד ט. דער טרוים פון מײַנע קינדער. ייִדיש — **אַמשין.** 1970 — 4.

זאַריצקי א. צו מײַן פרײַנט — דעם סקולפּטאָר. ייִדיש — **מ. טייף.** 1967 — 5.

זוואָנאַק אָ. פראַכט. ייִדיש — **מ. טייף.** 1967 — 5.

זשילינסקײַטע וו. רויזן אפן IX פאָרט. 1962 — 2.

יעהודע האַלייווי. שטיל אפן יאַם. — אָפּראָ. — בעכערס. — צום געליבטן. — וועגן צעשיי־

דונג. — אפן יאם. — א ליבע־ליד. — צו אָפּראָן. — צו א קאלע אין איר כופּע־קלייד. — דאָס מיידל צוויִאַ. — צו א פריַינט. — אָן ענטפער צו איינעם. — צעשיידונג. יִידיש — ל. **רעזניק**. 1965 — 6.

יעוטושענקאָ יע. די מאלקע שיינהײַט. 1961 — 3.

— דער ליכט־דיספעטשער. 1965 — 10.

יעווי. גענוג! יִידיש — א. **זינגער**. 1970 — 6.

יעפימאָוו ג. ברויט. 1964 — 2.

טאָכא. וועגן וואָס דערציילן ניט די בריוו. יִידיש — מ. **טייף**. 1966 — 11.

טאנק מ. א טאָסט פאר פריַינטשאפט. יִידיש — מ. **גרוביאן**. 1961 — 2.

— „אין א פארקוילט און אויסגעמאָרדעט שטעטעלע האָב איך דערזען" (יִידיש — א. **ווערגעליס**). — דאָס שוויַיגן פון דזשונגל (יִידיש — כ. **מאלטינ־סקי**). 1967 — 5.

טוואַרדאָווסקי א. סיביר (פון דער פּאָעמע „וויַיט־נאָך־וויַיט"). יִידיש — א. **ווערגעליס**. 1961 — 1.

— א באגעגעניש. יִידיש — א. **ווערגעליס**. 1970 — 4.

טיכאָנאָוו נ. סאמי (פּאָעמע). יִידיש — ל. **רעזניק**. 1969 — 8.

טיטשינא פּ. די לעוויַיע פון א פריַינט. יִידיש — ד. **כײַקינע**. 1971 — 2.

טים טשאנג. די בלום באָנג שונג. יִידיש — א. **זינגער**. 1970 — 4.

טען דאָן או. א קאַרייער. יִידיש — ד. **כײַ־קינע**. 1970 — 4.

טשארענץ ע. וועגן וולאדימיר איליטשן, וועגן א מוזשיק און א פּאָר שטיוול. יִידיש — א. **ווער־געליס**. 1970 — 4.

יעגערפעלט סיקסטען פּאָן. אין וואלד. יִידיש — מ. **גרוביאן**. 1970 — 4.

כאָמענקאָ א. די יִידישקע. יִידיש — מ. **גרו־ביאן**. 1966 — 10.

כוזאנגײַ פּ. פּאָל ראָבסאָן. 1961 — 3.

כוועדאראָוויטש מ. איך טריַיב פּליטן. יִידיש — א. **גאָנטאר**. 1967 — 5.

כיקמעט נ. 21 יאנוואר 1924. יִידיש — י. **שטערנבערג**. 1970 — 4.

לופּאן א. פּאכאָמס ברונעם. יִידיש — מ. **סאק־ציער**. 1966 — 3.

לע אָן סואָן. באגעגעניש. יִידיש — מ. **טייף**. 1966 — 11.

לעאָנידזע ג. די ליד פון ערשטן שניי. יִידיש — ש. **רויטמאן**. 1966 — 9.

לעווין כ. איך און די קומענדיקע מילכאָמע. יִידיש — מ. **גרוביאן**. 1970 — 6.

לערמאָנטאָוו מ. פּאָטערלאנד. — צוויי ריזן (יִידיש — מ. **כאשטשעוואצקי**). — א יִידישע מעלאָדיע (יִידיש — ש. **ראָסין**). 1964 — 5.

מאיאקאָווסקי וו. וולאדימיר איליטש לענין (אויסצוג פון דער פּאָעמע). יִידיש — א. **ווערגע־ליס**. 1969 — 10.

— וולאדימיר איליטש לענין (פראגמענט). יִידיש — עמ. **קאזאקעוויטש**. 1970 — 4.

מאלישקאָ א. ווי א מאזל־שטערן. יִידיש — מ. **טאלאלאיעווסקי**. 1970 — 4.

מאקאל פּ. בינשטאָקן. יִידיש — א. **ווער־געליס**. 1967 — 5.

מארגיִאני ר. ווו איך זאָל ניט זײַן. יִידיש — ש. **טשערניאווסקי**. 1966 — 9.

מארטינאָוו ל. דערמאָנונג (יִידיש — א. **גאָנ־טאר**). — דער כאָלעם פון א פרוי (יִידיש — א. **ווערגעליס**). בלעטער. — דער ריַיכער קאפּצן (יִידיש — י. **שטערנבערג**). — דער עפּל. — באַ דיר איז פרילינג (יִידיש — מ. **גרוביאן**). 1968 — 9.

מארצינקיאוויטשיוס יו. פּרעליודיע (פון דער פּאָעמע „בלוט און אש"). 1970 — 9.

מירצכולאווא א. פרילינג אין מיַין גרוזיע. יִידיש — ש. **טשערניאווסקי**. 1966 — 9.

מײַעראָווא מ. אופּטו. יִידיש — ד. **כײַקינע**. 1970 — 4.

מעזשיראָוו א. דערמאָנונג וועגן דער פּעכאָטע. יִידיש — א. וו. 1965 — 10.

מעזשעלײַטיס ע. מיַין ערד. 1962 — 2.

— מענטש. — דער עפּל. — מיַין מאמע איז די ערד (פריַי איבערגעזעצט — א. **ווערגעליס**). 1968—5.

— פּאָעטן. — מארק שאגאל. 1969 — 12.

נאראָוטשאטאָוו ס. ראסייע. יִידיש — מ. **טייף**. 1965 — 10.

— דאָס וועלפּעלע. יִידיש — א. **ווערגעליס**. 1967 — 4.

— וועגן בלויען בלימל. — „עס פלעגט אמאָל פרעגן די מאמע דעם זון". יִידיש — א. **גאָנטאר**. 1969 — 12.

נאָנעשווילי אי. קומט צו פאָרן קיין גרוזיע. יִידיש — מ. **טאלאלאיעווסקי**. 1966 — 9.

נויף א. צו מיַינע פריַינט — אראבער. יִידיש — פּ. **בינעצקי**. 1963 — 4.

נעמטושקין א. מע שפּאנט שוין די הירשן. יִידיש — א. **הובערמאן**. 1962 — 3.

סאסאָן י. זיי שריַיען אין מיַין שלאָף. יִידיש — פּ. **בינעצקי**. 1963 — 4.

סורקאָוו א. מאריאנע. — דאָס לאנד פון האַרי־באלדי. — די מעטעליצע. יִידיש — מ. **טייף**. 1962 — 6.

סטאווסקאיא אי. אונטער אקאציעס. יִידיש — כ. **מאלטינסקי**. 1968 — 11.

סיוואן א. דער אינפאָרמאציע איז אלץ באַ־וווּסט. יִידיש — א. **גאָנטאר**. 1970 — 8.

סלוצקי ב. א כאָלעם. יִידיש — א. **גאָנטאר**. 1965 — 10.

סמעליאקאָוו יא. מאָנאָלאָג פון א רוס. — ריכארד זאָרגע (יִידיש — א. **ווערגעליס**). — „אויב איך וועל קראנק ווערן". — אנא אכמאטאָווא (יִידיש — מ. **גרוביאן**). — די יעלן באם מאָסקווער קרעמל (יִידיש — א. **ווערגעליס**). 1967 — 1.

סנוניט מ. „ס'איז שטיל די נאכט". יִידיש — א. **גאָנטאר**. 1970 — 8.

סעספּעל מ. דאָס אקער־פעלד פונעם ניַיעם טאָג. יִידיש — א. **ווערגעליס**. 1970 — 3.

פּאָלעטײַעוו נ. „ס'איז זײַן פאָרטרעט נאָך ניט פארענדיקט". יִידיש — א. **גאָנטאר**. 1969 — 12.

פען א. די אַקטיאבער־רעוואָליוציע. — א ליכט פאר דער נעשאָמע (ייִדיש — **י. לערנער**). — עס דראָט יעדע סטעזשקע... (ייִדיש — **פּ. בינעצקי**). **1963 — 4.**

— א באַרויִקט דאָרף. ייִדיש — **מ. גרוביאַן. 1970 — 6.**

פערעץ אי. פון פרידן די טויבן. ייִדיש — **א. זינגער. 1970 — 6.**

פּראָקאָפּיעוו א. דער זיידע. ייִדיש — **א. גאָנטאר און י. שטערנבערג. 1961 — 1.**

פארכאדי ר. (ייִדיש — **א. גאָנטאר**). — דער בושעל. — זאראפשאַן ענדיקט זיך אין די זאמדן. **1970 — 7.**

קאלאנדאדזע א. מע טרינקט פון דעם דאָזיקן קרוג. ייִדיש — **ד. כײַקינע. 1966 — 9.**

קאסעם סאמיאך על. דאָס קינד. ייִדיש— **מ. גרוביאַן. 1970 — 6.**

קאָרזשאווין נ. ווי פירט מען דאָס מענטשן צום טויט... ייִדיש — **א. גאָנטאר. 1967 — 4.**

קוגולטינאָוו ד. טשינגיס. — הינטישע וועלף. — ערשטער שניי. — מײַן אויסוואל. — טראכט וועגן דיר. ייִדיש — **א. ווערגעליס. 1971 — 1.**

קודוס ג. זײַן רוף מיר האָבן דערהערט. ייִדיש — **א. זינגער. 1970 — 4.**

קוליעשאָוו א. א קראנץ. ייִדיש — **כ. מאל־טינסקי. 1970 — 4.**

קימיטוואל א. פון יענער זײַט בערג די גרויע. ייִדיש — **א. הובערמאַן. 1962 — 3.**

ראָמעראָ על. אין פאראגווײַ. ייִדיש — **י. בוכבינדער. 1970 — 4.**

שאָטא רוסטאוועלי. דער העלד אין דער טיגער־פעל (ארײַנפיר). ייִדיש — **ע. פינינבערג. 1966 — 9.**

רוסעצקי א. פולווער. ייִדיש — **א. גאָנ־טאר. 1967 — 5.**

רילסקי מ. א פרימאָרגן אין אונדזער היימלאנד. ייִדיש — **וו. האָפּשטיין. 1961 — 2.**

שאוולי סט. די בריק. — כויוועס. **1964 — 2.**

שולגין מ. א ווערטאָליאָט. ייִדיש — **א. הור־בערמאַן. 1962 — 3.**

שטשיפּאטשאָוו ס. פוסטריט נאָכן טויט. — גרויע האָר. — ייִדיש — **כ. זעלצער. 1961 — 3.**

שעווטשענקאָ ט. צוואָע. ייִדיש — **ד. האָפּ־שטיין. צו NN.** ייִדיש — **ד. און וו. האָפּ־שטיין. 1964 — 2.**

א. פינקעלשטיין

(פאָרזעצונג קומט)

כראָניק

נײַס פון אויסלאנד

א ספארדישער מוזיי אין טאָלעדאָ

די אלטערטימלעכע שול „על טראנסיטא" אין טאָלעדאָ, וואָס ווערט פארעכנט אלס שענסטער מאָנומענט פון דער ייִדישער קונסט, איז לעצטנס פארוואנדלט געוואָרן אין א ספארדישן מוזיי.

די שול, ווי באוווּסט, איז אופ־געבויט אין 1365 דורך שמועל לע־ווי — דעם קאסירער פון פּעדראָ I פון אראגאָן. אין 1492, בײַס דער אינקוויזיציע איבער די שפּאנישע ייִדן, איז זי איבערגעבויט גע־וואָרן אף א קלויסטער פון די בע־נעדיקטן.

ביזן הײַנטיקן טאָג האָט אף די ווענט פון דער געבײַדע זיך פאר־היט א רײַכע קאָלעקציע פון טפּי־לעס־ווערסעטן. אינעם מוזיי איז צונויפגעזאמלט א קאָלעקציע פון מאנוסקריפּטן, כפייצים פון ריטוע־לער קונסט, רײַכע אָרנאמענטן צו באצירונגען, וואָס האָבן אמאָל זיך געפונען אין דער ספארדישער גע־מיינדע.

וועגן דער ייִדישער ליטעראטור אין רומעניע

אין ייִסראָעל איז ארויס א בוך, וואָס גיט אן איבערבליק פון די אויסגאבעס פון דער ייִדישער פּראָ־זע, פּאָעזיע און פּובליציסטיק, וועלכע זײַנען דערשינען אין רו־מעניע, אָנהייבנדיק פון 1855 ביזן 1967.

דער אווטאָר פונעם בוך איז נא־טאן מארק.

טויזנט יאָר ייִדיש לעבן אין פּראָג

די ייִדישע געמיינדע אין פּראָג איז איינע פון די עלטסטע אין איירָאפּע. אלטע דאָקומענטן דער־ציילן, אז אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן שוין מיט טויזנט יאָר צוריק געלעבט ייִדן.

אין פּראָג ווערט איצט געגרייט א זאמלונג מאטעריאלן „טויזנט יאָר", וואָס וועט דערשײַנען אין טשעכיש, דײַטש און ענגליש.

א צווישנפעלקערלעך „יאָר פון בוך"

אף דער לעצטער סעסיע פון דער גענעראלער יונעסקאָ־קאָנפע־רענץ איז דאָס יאָר 1972 געמאָלדן געוואָרן אלס „יאָר פון בוך". אין צוזאמענהאנג מיט דעם באשלוס ווערן פאָרויסגעזען א רײ פּראקְ־טישע מאָסמיטלען אף צו פּראָפּא־גאנדירן און שטיצן דעם ארויסלאָז און די פארשפּרייטונג פון ביכער אין דער וועלט.

עס איז באשטעטיקט געוואָרן א ספּעציעלע עמבלעם פאר דעם צווישנפעלקערלעכן „יאָר פון בוך", דער אווטאָר פון וועלכער עס איז דער בעלגישער גראווירער מישעל אָליף.

שרייבער און ווערק

נאָטיצן אַפּן קאַלענדאַר

מיט 950 יאָר צוריק איז אין מאַלאגע (דאָרעם־שפּאַניע) געבוירן געוואָרן דער באַרימטער מיטלאַלטערלעכער פילאָסאָף און דיכטער שלוימע איבן געבירואָל (ער איז געווען אויך באַוווּסט מיט די נעמען אַוויצעבראָן, אַווענצעבראָל, אַוויצעבראָל).



שאַרבלאַט פון איינער פון די עלטסטע אויסגאַבעס פון „כתר מלכות"

א מענטש אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטער פון דער נאַטור, האָט שלוימע איבן געבירואָל אײַנגעזאַפּט אין זיך אַלע קענטענישן פון דער וויסנשאַפט פון זײַן צײַט און איז אַרויסגעטראָטן אַלס פריידיקער פון די גרויסע עמעסן, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי זיי אַנטשפּרעכן אָדער ווידערשפּרעכן די רעליגיעזע פּאָסטולאַטן. דער גרויסער פאַרדינסט פון איבן געבירואָל איז טאַקע דאָס, וואָס ער האָט דעם פילאָסאָפישן געדאַנק אין א געוויסער מאָס באַפרײַט פון די רעליגיעזע קייטן.

אין דער פילאָסאָפיע איז שלוימע איבן געבירואָל באַזונדערס באַקאַנט מיט זײַן באַרימטן ווערק „מקור חיים" (דער מאָקער פון לעבן).

אין דער דיכטונג איז ניטאָ קיין איין געביט, וועלכן איבן געבירואָל זאָל בעשײַטע ניט האָבן באַרײַכערט. אַלכאַריזי האָט געשריבן וועגן איבן געבירואָל: „רעב שלוימע האַקאָטוין האָט אונדז באַשאָנקען מיט אַזאַ לידער־בוקעט, וועלכן מיר האָבן ניט באַקומען פון קיין איין דיכטער — ניט ביז אים, ניט נאָך אים".

פון איבן געבירואָלס פּאָעטישער יערושע זײַנען צו אונדז דערגאַנגען אַן ערעך 300 לידער. איינע פון זײַנע לעצטע און וויכטיקסטע לידער־זאַמלונגען איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „כתר מלכות" („די קיניגלעכע קרוין"). א טייל פון דעם דיכטערס לידער זײַנען איבערגעזעצט אין ייִדיש.

שלוימע איבן געבירואָל איז געשטאָרבן זייער יונג (לויט איינע יעדיעס — צו 37 יאָר, לויט אַנדערע — צו 49 יאָר).

מיט 80 יאָר צוריק איז אין שטעטל אָשמענע (ווילנער גוב.) געבוירן געוואָרן דער טאַלאַנטפולער ייִדישער פּעדאַגאָג, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאָלקס־בילדונג אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — בעניע קאָפּעליאָוויטש.

די פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט איז געווען דער לעבנס־באַרוף פון ב. קאָפּעליאָוויטש. ער האָט פיל יאָרן דעריקער געאַרבעט אין די ייִדישע שולן. א לענגערע צײַט האָט ער אָנגעפירט מיטן לערנטייל אין דער ברייט באַקאַנטער מינסקער ייִדישער שול פאַר אַרבעטער־יוגנט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער, דערנאָך פאַרוואַלטער פונעם מינסקער יוגנט־הויז (מע קאָן זאָגן — א צווילינג פון דער מאַלאַכאָווקער ייִדישער קינדער־קאָלאָניע הינטער מאָסקווע).

אין 1932 האָט דער קאָמזעט (רעגירונגס־קאָמיטעט פאַר אײַנאָרדענען ייִדן אַף ערד) געשיקט ב. קאָפּעליאָוויטשן אַף פּעדאַגאָגישער אַרבעט קיין ביראָבידזשאַן, ווו ער איז געוואָרן אַן אָרגאַניזאַטאָר פון דער פאָלקס־בילדונג אין דער געגנט.

ב. קאָפּעליאָוויטש איז דער אווטאָר פון א לערנבוך פון רוסיש אין דער ייִדישער שול (פאַרן 2 — 4־טן קלאַסן), דערשינען אין „עמעס"־פאַרלאַג אין 1939, פונעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך (אַרויסגעגעבן דורכן זעלבן פאַרלאַג אין 1941) און פון א ריי אַרטיקלען אין דער פּעדאַגאָגישער פּרעסע.

בעניע קאָפּעליאָוויטש איז געשטאָרבן אין עלטער פון 50 יאָר.

■ ■ ■

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

б) С творительным падежом.

1) Со значением косвенного объекта, в частности — орудия действия. В еврейском — чаще всего — сочетание с предлогом מיט, реже (в зависимости от лексического значения управляющего слова) — и с другим предлогом. Примеры:

писать *мелом* — **שרײַבן** מיט קרײַד; резать *ножом* — **שנײַדן** מיט א מעסער; (он) доволен *работой* — (ער) **איז צופרידן** מיט (פון) דער ארבעט; пользоваться *телефоном* — **באניצן זיך** מיט א טעלעפאָן.

2) Со значением субъекта действия (в страдательном обороте). В еврейском — сочетание с предлогом פון; стилистически лучше — действительный оборот. Примеры:

(план) составлен *главным инженером* — **(דער פלאן) איז צונויפגעשטעלט פונעם הויפט־אינזשעניער**; (он) любим *всеми* — **ער איז געליבט פון אלעמען**.

Лучше:

דעם פלאן האָט צונויפגעשטעלט דער הויפט־אינזשעניער; אלע האָבן אים ליב.

3) В русском языке форма творительного падежа часто употребляется как именная часть составного сказуемого. В еврейском в этой функции используется форма именительного падежа. Примеры:

он был *педагогом* — **ער איז געווען א** פעדאגאָג; она уже стала *старухой* — **זי איז שוין געוואָרן** א זקיינע; они стали *механиками* — **זיי זײַנען געוואָרן** מעכאניקער.

4) В русском языке форма творительного падежа (без предлога) может иногда употребляться в значении наречия образа действия или наречия времени. В первом случае в еврейском употребляется сравнительный оборот с союзом ווי, во втором — наречие. Примеры:

петь *петухом* — **קרייען** ווי א האָן; жить *отшельником* — **(פירן א) לעבן** ווי א פאָרעש; *временами* его одолевает тоска по родным местам — צײַטנווײַז **כאַפּט אים אָן [באהערשט אים] א בענקעניש נאָך די היים־ערטער**; *утром* лил дождь — אינדערפרי **האָט געגאָסן א רעגן**.

в) О согласовании краткого прилагательного в составе сказуемого с подлежащим.

В русском языке закономерно такое согласование в роде и числе. Ср.:

день *долог;* ночь *коротка;* небо *ясно;* ночи *коротки.*

В еврейском такого согласования нет, и краткое прилагательное остается неизменным. Примеры:

דער ברודער (די שוועסטער, דאָס קינד) איז געזונט; **די קינדער זײַנען** געזונט.

Упражнение. Из рассказа „**א זון א דאָקטער**" выпишите: а) сочетания с предлогами, соответствующие русским беспредложным сочетаниям; б) предложения с краткими прилагательными; переведите их на русский язык; в) предложения с существительными в функции именной части сказуемого; переведите их на русский язык.

ВНИМАНИЮ ЧИТАТЕЛЕЙ

Цикл наших бесед «В помощь изучающим идиш» близится к концу. Мы отдаем себе отчет в том, что эти беседы, всего на 68 журнальных страницах, далеко не достаточны для овладения языком идиш — для приобретения твердых навыков устной и письменной еврейской речи, для чтения произведений современных еврейских писателей, тем более — еврейской классики.

Мы всё же думаем, что многие из вас, особенно те, которые понимают разговорную еврейскую речь, при должной напористости, су-

мели добиться заметных успехов. Об этом говорят и письма, полученные нами от читателей.

Мы дали в наших беседах самые необходимые сведения по фонетике, графике, морфологии, частично и синтаксису. Лексику же и фразеологию в беседах подобного рода охватить в достаточной мере невозможно.

Многое теперь зависит от вас самих. Советуем систематически читать еврейскую художественную, а также публицистическую литературу, пусть понемногу, но ежедневно. О непонятном спрашивайте. И помните старую поговорку: «Повторение — мать учения».

Идя навстречу пожеланиям, выраженным в письмах отдельных читателей, мы завершаем наш цикл краткими сведениями о словарном составе еврейского языка.

XXV. **Лексика еврейского языка по ее происхождению**

С этимологической точки зрения лексическая ткань современного литературного еврейского языка довольно пестра; в ее состав входят слова различного происхождения.

Костяк её образуют слова германского, вернее — немецкого[1] происхождения, так как идиш возник на базе различных диалектов и говоров немецкого языка. Однако в обособлении еврейского языка как языка качественно иного, самостоятельного, немалую роль сыграли входящие в состав его лексики, с одной стороны, слова семитического происхождения — из древнееврейского с примесью арамейского, с другой стороны, слова славянского происхождения — из польского, украинского, более поздние — из русского. Помимо того, в идиш, как и в другие языки, вошло большое количество слов интернационального употребления, преимущественно греческого или латинского происхождения. Считанные слова осели в идиш из романских языков. Правда, в произведениях еврейских писателей из Молдавии встречаются иногда молдавские слова, употребительные там в еврейской разговорной речи, а эти слова — обычно романского происхождения, однако они служат писателю лишь стилистическим средством, придавая изображению местную колоритность; в словарный же состав еврейского литературного языка они не входят.

Начиная с конца XIX века, вследствие массовой эмиграции евреев из Восточной Европы — в Америку, частично в Англию и Францию, позднее и в страны других континентов, — идиш вбирает в себя в каждой из этих стран слова господствующего, государственного языка. Такими словами изобилует там еврейская периодическая печать, но они также не становятся органическим элементом лексики еврейского литературного языка.

Таким образом, в словарном составе языка идиш можно в основном различать: 1) слова германского происхождения — их обычно называют германизмами; 2) слова древнееврейского или гебрайского происхождения — так называемые гебраизмы; 3) слова славянского происхождения — так называемые славянизмы; 4) слова различного происхождения, но интернационального употребления — интернационализмы.

---

[1] Немецкий язык — это лишь один из германских языков, к которым относятся и голландский, английский, датский, шведский, норвежский, исландский и некоторые другие языки, а также идиш.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

12—705

אכטונג!

אין 1972 וועט „סאָוועטיש היימלאנד" דרוקן פון נומער צו נומער אויסגעוויילטע ווערק פון אונדזער ליטעראַרישן אויצער.

עס וועלן נאָך מער באַרײַכערט ווערן אזעלכע טראדיציאָנעלע אָפּטיילן, ווי „אָף די שפורן פון געשעענעס", „קאָמענטארן פון רעדאקציע", „ווערק פון אויסלענדישע ייִדישע שרײַבער", „אונדזערע מיטיילונגען", „בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען", „מיר ענטפערן אָף פראגעס פון אונדזערע לייענער", „ליטעראטור־כראָניק" אא.

אבאָנירן זיך אָף אונדזער זשורנאל אפן 1972 יאָר קאָן מען אין אלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאט", אין די פּאָטשט־אָפּטיילונגען און בא די געזעלשאפטלעכע פארשפּרייטער אָף די אונטערנעמונגען און אין די אנשטאלטן.

„סאָוועטיש היימלאנד" דערשײַנט 12 נומערן א יאָר.

אבאָנעמענט־פּרײַז: אָף א יאָר — 6 רובל. אָף 6 כאדאָשים — 3 רובל.

לייענט און פארשפּרייט „סאָוועטיש היימלאנד"!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания одиннадцатый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор И. Гегерман

Подписано к печати 19/X 1971 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 705.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
Главполиграфпрома Комитета по печати
при Совете Министров СССР
г. Москва, пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 11

1 9 7 1

В НОМЕРЕ:

И. Фаликман. Приговор приведен в исполнение (роман. Продолжение).

Рассказы А. Лизена, Х. Меламуда, А. Губницкого.

Стихи А. Гонтаря, Х. Вайнермана, М. Талалаевского, И. Боруховича.

Слово зарубежных публицистов. Против антисоветской вакханалии. Статьи С. Левина (Нью-Йорк), А. Гранта (Париж).

В. Шпитальник. Кому служит сионистская идеология.

Воспоминания. М. Шац-Анин. На моем жизненном пути.

К 150-летию со дня рождения Ф. М. Достоевского. Г. Ременик. Влияние Достоевского на еврейскую литературу.

А. Вергелис. Заметки в блокноте.

Комментарии редакции. Библиография. Разное. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.